יצחק אבן

# פונ׳ם רבינ׳ס הויף

זכרונות און מעשה׳לאך פון גוטע אידען

(רוזין און כאראגורע)

ארויסגעגעבן פונ׳ם
פארפאסער



Digitized by the Internet Archive
in 2009 with funding from
Ontario Council of University Libraries

http://www.archive.org/details/funmrebinshoyfzi01even

# פו'ם רבי'ס הויף

## זכרונות און מעשיות
## געזעהען, געהערט און נאָכדערצעהלט

פון

## יצחק אבן

ארויסגעגעבען פון פארפאסער
יצחק אבן
2142 63טע סטריט, ברוקלין
1922

Copyright 1922
by
Isaac Ewen

LIBRARY
MAY 5 1992
UNIVERSITY OF TORONTO

Published
by
ISAAC EWEN
New York

# חסידות

דער אונפּאַרטייאישער היסטאָריקער וואָס וועט אמאָל בעשרייבען די געשיכטע פון'ם חסידות און איהר השפּעה אויף'ן אידענטהום, וועט ניט קענען אוועקגעהן פון'ם היסטאָרישען אמת, אז ניט די מאָדערנע מענדעלזאָנישע השכלה אויך ניט די טרוקענע למודים אין די מתנגדישע בתי-מדרשות האָבען דערהאלטען דעם טראַדיציאָנעלען גייסט פון דעם אידישקייט און דאצו געגעבען דעם פאָרם און כאראקטער פון איהר איצ-טיגעם אויסזעהן, נאָר גאָר דאָס חסידות, דוקא דאָס אזוי פיעל בעליידיגטע חסידות, האָט דאָס צושטאַנד געבראַכט.

ווען די רעפאָרם-בעוועגונג פון דער איינער זייט קען בעטראַכט ווערען אלס דער אָנהויב פון א לאנגע גסיסה פון דעם טראַדיציאָנעלען אידענטום, זיינען אָבער אויך די טרוקענע בית-המדרש-למודים פון דער צווייטער זייט צו שוואך געוואָרען צו קענען דערהאלטען אין איהר דאָס חיות. זיי האָבען פערלאָרען דעם פריהערדיגען כח און השפּעה צו קענען בעאיינפלוסען דעם המון-עם מיט אכטונג און ליעבע צו דער תורה און אמונה.

דער המון-עם איז ענדליך מיעד געוואָרען פון'ם הונדערטער יעה-ריגען פאסיווען צושטאנד. ניט די משא פון חומרות און נייע שווערע דינים וואָס די רבנים האָבען כסדר פון דור צו דור מחדש געווען, האָבען אויף איהם געדרוקט און איהם טעמפּיג געמאכט זיין גייסט און זיין נשמה, ווי די רעפאָרמער בעהויפּטען. דער מקור פון דער אונצופריעדענ-הייט איז געווען דאָס אויספעהלען פון גייסטיגע זעלבסטשטענדיגקייט, פון אן אידעאל וואָס זאָל איהם פערשאפען דירעקטע רוחניות'דיגע בע-פרידיגונג פון אייגענע מעשים, ניט צו זיין שטענדיג א סמוך על שלחן אחרים.

דער אלטער איינגעוואָרצעלטער מנהג, אז דער ניט-געלערנטער איז מחויב איינצוהאנדלען פאר זיין טאָכטער א מאן א צאצקעלע, א זיי-דענעם יונגעמאנטשיק, וואָס זאָל זיצען יומם ולילה על התורה ועל העבודה, עסען און האָבען קינדער אויף שווער און שוויגער׳ס רעכנונג, און פאר דאָס זיי ערלויבען, נאָך הונדערט און צוואנציג יאָהר, צו זיין אין גן-עדן זיין פיסען-ביינקעלע, דיעזער מנהג האָט פערלאָרען זיין ווערטה און צוציהונגסקראפט ביי דעם אדם מן השוק, דעם ניט-געלערנ-טען מענש, וועלכער האָט שוין דערגרייכט א מצב פון זעלבסטאכטונג און ניט געוואָלט לעבען גייסטיג אויף אן אנדערען׳ס חשבון און זכות.

די תלמידי חכמים, די מיוחסים פון׳ם דור, האָבען הפנים געהאט אביסעל איבערגעצויגען דעם שטריקעל.

לויט דעם מצב פון יענעם דור האָט עס אויסגעזעהען, אז דאָס גאנ-צע אידענטום איז פערקערפערט אין א זשמעניע בית-המדרש-לומדים וואָס האָבען זיך פורש געווען פון די עניני העולם כדי זיך צו ווידמען צום למוד התורה. אז זיי נאָר זיי זיינען דער תכלית הבריאה. דער עיקר און תמצית פון׳ם אידישען פאָלק. די איבריגע אָבער, דער גרויסער המון-עם, איז נאָר א מין קליפה צו דער פרי, א שאל, וועמעס צוועק און תכלית איז אויסשליסליך נאָר אום צו בעשיצען די פרי גופא, ניט מעהר.

דער מענש פון׳ם פאָלק האָט ניט געהאט קיין שום אויסזיכט צו קענען קומען אמאָל צו א שטיקעל מדרגה פון א תלמיד חכם, צו קענען פעררעכענט ווערען אלס איינער פון זיין סביבה, צו זיין ביכולת צו פער-שאפען צו השם יתברך עפיס א דירעקטען נחת-רוח, כאָטש אזוי ווי דער קלענסטער פון די בית-המדרש׳ניקעס.

אָט אין יענער פעריאָדע איז געבוירען געוואָרען דאָס חסידות. די אומשטענדען האָבען בעשאפען א גרויסען פיהרער א „בעל-שם״, וועל-כער האָט געבראכט דעם פאָלק, דעם פראָסטען המון-עם, א טהייערע מתנה, א נייעם סיסטעם פון עבודת הבורא, וואָס איז צוגענגליך צו אלע פאָלקס-שיכטען.

ס׳איז דאָך ממש געוואָרען א מחיה. מען מוז ניט דוקא זיצען אין בית-המדרש און לערנען; מען דאַרף אפילו גאָר ניט קענען לערנען: מען מעג עוסק זיין אין וואָס ס׳איז פאר א מלאכה און ארויסשטאמען פון וואָס ס׳איז פאר א משפחה, פונדעסטוועגען קען מען פאָרט זיין א גרויסער מענש, נאָך אפשר גאָר גרעסער פון אָט דיעזע מיוחס׳דיגע בית-המדרש-לומדים! מען דאַרף זיך נאָר בעהעפטען אין׳ם צדיק, זיך אָנ-שליסען אָן זיינע חסידים, ווארעם דאַווענען, ליעב האָבען א אידען בלב

ונפש, האָבען אמונת צדיקים, פאָהרען אמאָל צו זיי כדי זיך אָפּצולערנען זייערע דרכים און מנהגים. דאָס איז אלעס. ווייבאלד מען טהוט אזוי, קען מען ווערען א גרויסער איד, א איד פון וועמען כביכול שעפּט ממש תענוג. דאָס אלעס זיינען דאָך אזעלכע זאכען וואָס יעדער איינער קען זיי אויספיהרען און די טהיר איז פאר קיינעם ניט צוגעמאכט ווי ביי די מתנגדים.

אָט דאָס איז געווען דער גרויסער סוד פון דער שנעלער פערשפּריי־טונג פון׳ם חסידישען געדאנק. דער גרינדער פון חסידות האָט פערשטא־נען צו געבען דעם דור דאָס וואָס ס׳האָט איהם געפעהלט. מיט זיין סיסטעם, האָט ער געגעבען צו יעדען איינעם, פון קליין ביז גרויס, פון נידריג ביז הויך, מיטעל און געלעגענהייט, ווי זיך מאָראליש צו דער־הויבען און צו ווערען א מענש מיט הויכע, עדעלע אידעאלען און דאצו א מעורב בין הבריות.

דאָס חסידות איז דאן געוואָרען די ליעבלינגס-אידעע פון׳ם גרויסען רוב פון׳ם אידישען פאָלק און איהר השפעה פון ברידערליכקייט, לע־בעדיגקייט, בעוועגליכקייט און ווארימקייט צייגט זיך ארוים בולט אין אלע געגענווערטיגע פאָלקס-בעוועגונגען.

**דער מחבר.**

# פאָרוואַרט

די חסידישע ליטעראטור פערמאָגט א גאנצען אוצר פון פערשיע־דענע ערליי ספרי חסידות. די ספרים ענטהאלטען: ספורי מעשיות, טיש־תורות און דבורים פון צדיקים, דרכים און למודים פון חסידות און נאָך כדומה. אין די לעצטע צעהנדליגע יאָהרען האָבען מאנכע פון די זשעניאלע שריפטשטעלער גענומען פיעל פון די גוט-אידישע מעשה׳לאך אלס טהע־מא׳ס צו זייערע וואונדערשעהנע ערצעהלונגען, כדי דאדורך צו מאכען בולט דעם "מאור שבחסידות".

אָבער אין דעם גאנצען גרויסען אוצר פון די ספרי חסידות, געפינט זיך ניט אפילו איין איינציג ספר וואָס זאָל זיך בעפאסען מיט א חסידות כמות שהיא, דאָס מיינט, א ספר אין וועלכען דער מחבר זאָל האָבען בע־שריבען א נאטירליך חסידות, ווי ס׳שטעהט און געהט, אָהן וועלכע פער־פוצונגען און פאָעטישע אנפארבונגען, כדי דאמיט צו געבען דעם ניט־חסיד, וואָס וויל זיך בעקענען מיט דעם מהות ,דעם טהון און וועזען פון׳ם חסידות, א קלאָרען בעגריף פון אלצדינג וואָס קומט פאָר אין דער סביבה פון׳ם צדיק מיט זיינע חסידים.

עס איז קיין ספק ניט, אז צוזאמען מיט׳ן איצטיגען וועלטס-חורבן איז אויך געקומען א חורבן צו דער אלטער פאָרם פון׳ם חסידות, ווען אפילו דער עצם ענין פון חסידות זאָל ניט לגמרי בטל ווערען, ווי מאנכע דענקען און בעהויפטען, איז עס אָבער פאר יעדען איינעם כמעט קיין ספק ניט, אז די ביז אהעריגע דרכים און מנהגים פון גוטע-אידען לגבי זייערע חסידים, וועלען מוזען געענדערט ווערען און אָננעהמען א פנים חדשות וואָס זאָל זיך צופאסען צו די השגות און בעגריפען פון דיעניגע מקומות וואו אהין דאָס חסידות וועט ערגיץ מגולגל ווערען און צו דעם דור אויף וועלכען ס׳וועט וועלען האָבען איהר השפעה.

און ווען דער קומענדער פאַרשער פון חסידות וועט וועלען וויסען, ווי אזוי די פריהעריגע גוטע־אידען האָבען זיך נוהג געווען ביים דאווענען, ביים "פיהרען זייערע טישען", ביים פראווען די חסידים אָדער כדומה הנהגות פון'ם גאנצען יאָהר, און בכלל ווי אזוי ס'האָט זיך געלעבט צווי־שען חסידים, וועט ער אומזיסט אויסבלעטערן אלע ספרים און פון זיי אלע ניט קענען קלוג ווערען צו האָבען דעם ריכטיגען בעגריף וואָס ס'מיינט א "רבי" מיט "חסידים".

אָט דיזען מאנגעל אין דער ליטעראטור פון חסידות, בעאבזיכטיגט דער שרייבער פון דיזען בוך **"פון'ם רבי'ן'ס הויף"** צו ערזעצען, א חוץ וואָס ער בעמיהט זיך איבערצוגעבען, נאָך מעגליכקייט, די גענויע ביאָגראַפיעס פון דיעניגע צדיקים וועלכע ער בעשרייבט, ווי אויך נאָכ־צודערצעהלען כמעט אלע ספורי מעשיות וואָס די חסידים פון דעם בע־רעפענדען צדיק דערצעהלען זיך אין דער חסידישער שענק אָדער אין דער קלויז ביי א חסידישען "זיץ", גיט ער אויך איבער די אייגענע זכרונות מכח די דרכים, מנהגים, טועכצער און אויפפיהרונגען פון'ם צדיק און פון זיינע חסידים דורך'ן גאנצען יאָהר, וועלכע ער האָט פערזענליך ביינעוואָהנט און זיך צוגעזעהן אין א משך פון צעהנדליגע יאָהרען.

אין דיעזען בוך, דאָס ערשטע פון א רייהע ביכער וועלכע וועלען נאָך ערשיינען אונטער דעמזעלבען נאָמען, ווערט לעת־עתה נאָר בעשרי־בען דער ריזינער און דער סאדאגורער הויף. אין די שפּעטער ערשיי־נענדע ביכער, וועט אויף דעמזעלבען אויספיהרליכען אופן בעשריבען ווע־רען דיא הויפען פון: טשאָרטקאָוו, הוסיאטין, סאנז, בעלז, וויזניץ, אלעסק, ראפּשיץ, (ראזוואדאוו, דזשיקאָוו), רימאנאָוו, דינאוו, זידאטשאוו און קא־מארנא.

יצחק אבן.

# קאפיטעל פערצייכנים:


| | | |
|---|---|---|
| | | זייטע |
| (1 | א חסידישער שמועס | 1 |
| (2 | די נסיעה קיין סאדאגורע | 4 |
| (3 | א יאָהר צייט "זיץ" | 8 |
| (4 | דער סאדאגורער יחוס | 12 |
| (5 | די אצילות'דיגע נשמה | 16 |
| (6 | די גוט־אידישע מלוכה | 19 |
| (7 | די מסירה אויף'ן ריזינער | 23 |
| (8 | אין דער תפיסה | 27 |
| (9 | די בריחה | 31 |
| (10 | דער נייער מקום מנוחה | 35 |
| (11 | אן עק פון די צרות | 39 |
| (12 | א רבי פון רביים | 43 |
| (13 | א פגישה פון צדיקים | 46 |
| (14 | דער שדוך | 51 |
| (15 | דעם ריזינער'ס לעצטע יאָהרען | 56 |
| (16 | דעם ריזינער'ס פטירה | 59 |
| (17 | די דריי עיקרים | 64 |
| (18 | די אהבת חברים | 68 |
| (19 | אויף דער באהן | 72 |
| (20 | די סטאנציע | 76 |
| (21 | דעם רבין'ס קלויז | 80 |
| (22 | דער רבי געהט | 85 |
| (23 | דער שלש־סעודות־זיץ | 90 |
| (24 | די ירושה | 94 |
| (25 | דער בלבול אויף'ן סאדאגורער | 99 |
| (26 | די בעפרייאונג | 103 |
| (27 | די סאדאגורער קלויז אין ירושלים | 108 |
| (28 | עובדות און דבורים | 112 |
| (29 | די קינדער־ערציהונג | 118 |
| (30 | לארענס אליפאנט אין סאדאגורע | 122 |
| (31 | די פריצישע געסט | 126 |

זייטע
32) ר׳ אברהם׳לע מלאך 130
33) ר׳ דוד׳ל טאלנער 137
34) שמועסען פון צדיקים 143
35) דעם צדיקס כח 147
36) דאָס דאווענען 152
37) דעם רבי׳נס "טיש" 157
38) די טיש־זמירות 162
39) דער "לחיים" 166
40) פּערשיעדענעס 174
41) דער שפּאציער 178
42) דאָס פּראווען 182
43) דער כח פון א דבור 187
44) מעמדות 191
45) די "מטבע" 195
46) דרשה־געשענק 201
47) א חתונה 205
48) אנטיקען פון׳ם הויף 210
49) קלויז־אנטיקען 214
50) חסידישע פילאָזאָפיען 218
51) דעם צדיק׳ס מקורבים 222
52) דאָס קאנאריקעל 226
53) א מופת 230
54) מיין יום־טוב אורח 234
55) א פארצייטיגע נסיעה 239
56) דער בעל־תשובה 243
57) הנאהבים והנעימים 248
58) כלל ופרט 253
59) דאָס הסתלקות 258
60) א פערשטערטער שבת 262
61) בעלז און סאדאגורע 266

## ריזין און סאראגורע

קאפיטעל ז.

# א חסידישער שמועס.

**די קוניץ פון ווערבעווען חסידים—לויב אהן ווערטער—א כפרה די היים פאר א "נסיעה"—דאס הימלישע התעוררות פאר'ן אויוועך—דער סוד פון צווייערליי מינים דאווגען—די דבורים האבען עושה-רושם געווען.**

דיא סאדאגורער חסידים בעזיצען גרויס בריות'קייט און אן אייזערנע גבורה צו מאכען חסידים. אזוי באלד וויא א חסיד פון אן אנדערן גוטען-אידען האט זיך נור געלאזט איבערדעדען צו שליסען חבר'שאפט מיט א "סאדאגורט-שיק", צו שמועסען מיט איהם ענינים פון חסידות, קען מען שוין זיכער זיין, אז דער צווייטער חסיד וועט ניט מעהר קענען אויסהאלטען דעם נסיון. ער וועט שוין מוזען, פריהער אדער שפעטער, מאכען א נסיעה קיין סאדאגורע. ס'האט זיך אבער קיינמאל ניט געטראפען, אז דער אנדערער חסיד זאל גובר זיין דעם סאדאגורער איהם צו איבער'דבר'ן ער זאל א פרוף טהאן אמאל צו מאכען א נסיעה צו אן אנדער'ן רבי'ן.

דער כח צו ווערבעווען חסידים, איז ניט בעשטאנען אין דערצעהלען משונה'דיגע מופתים. א סאדאגורער חסיד בעטראכט עס פאר צו קליינליך צו לויבען זיין רבי'ן מיט קונצען-מאכעריי. דיא אנציהונגס-קראפט פון סאדאגורער חסידות האט געשטעקט אין'ם שמועסען הויכע דבורים פון חסידות און אין'ם אופן פון נאכדערצעהלען דעם רבין'ס עובדות און התנהגות; אין נאכמאכען מיט התפעלות דעם רבין'ס וויינענדיגען קרעכץ און זיינע יאמערליכע תנועות. דאס משונה'דיגע לויבען דעם צדיק, איז אם מיינסטען בעשטאנען פון קורצע, אבגע-האקטע, במעט גארניט זאגענדיגע ווערטער, וויא למשל: "דער רבי זאל מאריך ימים זיין, א פייער, ממש אן אש-להבה! דאס בלויזע אנקוקען זיין הייליגע צורה מוז מעורר זיין א הרהור תשובה". אדער אזוי: "א טיש איז געווען דעם שבת, א פחד שבפחדים, מורא'דיג, מען האט פשוט געפיהלט דעם טעם גן-עדן!" דער פרעמדער חסיד וואס האט זיך צוגעהערט צו דיא דאזיגע התפעלות'דיגע דבורים, איז אזוי נתפעל געווארען אז ער האט ממש ניט געוואוסט אויף וואס פאר א וועלט ער איז. אויך דאס שטארקע מבטל זיין, מיט א טאן פון זיכערהייט, דיא איבריגע צדיקים, ערקלערענדיג אז זיי אלע זיינען לגבי דעם סאדאגורער וויא א שאהל פון קנאבעל, און דער משונה'דיגער מאך מיט דער האנד ביים מזכיר זיין דעם "הייליגען צדיק", אין וועלכען ס'האט זיך אויסגעדריקט א ים מיט

גרויסקייט, א פולע וועלט מיט ערהויבענקייט, דאס אלעס האט געווירקט אויפ׳ן צוהערער וויא אן עלעקטרישע קראפט. ער איז ממש היפנאטיזירט געווארען, פערלירענדיג דעם אייגענעם רצון און ווערענדיג בעל־כרחו אחד "מאנשי שלומנו".

און וויסען מוז מען, אז נאכ׳ן ריזינער׳ס הסתלקות, בעזאנדערס אין דער צייט פון דער סאנזער־סאדאגורער מחלוקת, איז לחלוטין גאר ניט געווען קיין גרויסער תענוג און כבוד פאר א גאליציאנער צו ווערען א סאדאגורער חסיד. מען האט זיך פשוט כפשוטו געמוזט מפקיר זיין, פערציכטען אויף דער היים, אויף ווייב און קינדער און זיך, אפטמאל, נאך ממש איינשטעלען דאס לעבען. אזוי פערהאסט פון דער סביבה איז דעמאלט געווען א סאדאגורער חסיד.

אונטער אזעלכע מורא׳דיגע אומשטענדען, איז דער שרייבער פון די דא־זיגע שורות, וועלכער איז פריהער געווען א פערקאכטער חסיד פון׳ם ראזוואדא־ווער צדיק, דעם סאדאגורער׳ס א בעל־פלוגתא, פלוצים געווארען א הייסער, פייערדיגער סאדאגורטשיק מיט אלע מפורשים.

און דער גורם דאצו איז געווען א חסידישער שמועס אין א ווינטער־נאכט 12 א זייגער, פאר׳ן אויווען פון׳ם ראזוואדאווער בית־המדרש.

אין בית־המדרש האט געהערשט א מורא׳דיגע שטילקייט. אלע לערנערס זיינען שוין לאנג געהאט אהיים געגאנגען. דיא ליכט אין דיא הענג־לייכטערס זיינען שוין געווען אויסגעלאשען, נאר אויפ׳ן טיש וואס איז געשטאנען נעבען דעם אויווען האט געברענט א חלב׳ן ליכטעל וועמעס טונקעלע שיין האט וויא ס׳איז בעלייכט דריי פנימ׳ער פון וועלכע מען האט געקענט דערקענען, אז זייערע מוחות זיינען איצט פערטיעפט אין גאר הויכע ענינים, און אז דיא פחדים׳דיגע בעוועגליכע שאטענס אויף דיא שווארצע פער׳חשכ׳טע וואנט, האבען אויף דיא דריי נפשות גאר ניט עושה רושם געווען.

איינער פון דיא דאזיגע דריי ברואים איז געווען אן עלטערער, דארער איד, מיט א פנים פון אן אמת אויסגעוואייקטען חסיד, ר׳ נפתלי "רבי" (דאס איז גע־ווען א צונאמען) פון דזיקאוו, וועלכער איז אייגענטליך געווען א פערברענטער סאדאגורער חסיד, נור כדי ניט צו האבען רדיפות אין דזיקאוו, פון׳ם רבי׳ן וואס האט דארט געוואהנט, טאקע דעם ראזוואדאווער׳ס א ברודער און אויך זיינס א בעל־מחלוקת, האט ער זיך אויך אנגעשלאסען אן דיא ראזוואדאווער חסידים וואס האבען געוואהנט אין דזיקאוו. און אויף צו להכעיס דעם דזיקאווער, האט דער ראזוואדאווער רבי דוקא מקרב געווען אט דעם דאזיגען סאדאגורטשיק, וועלכער איז אגב געווען א זעהר גרויסער תלמיד־חכם.

דאס צווייטע פנים איז געווען פון א בית־המדרש בחור, אברהמ׳לע איט־שעלע־קצב׳ס, א חתן־בחור, וועמען זיין פאטער האט דוקא געוואלט מאכען פאר א תלמיד־חכם, און דאס דריטע איז געווען פון אן אכצעהן־יעהריגען אויסגעדאר־טען יונגענמאנטשיק, א שנה־ראשונה׳ניק, דער שרייבער פון די דאזיגע שורות.

און פון ר׳ נפתלי׳ס מויל שיטען זיך הויכע, פייערדיגע ניט פערשטענדליכע דבורים. און דיא פיער אויגען גלאצען אויף איהם מיט א יראת הרוממות, מיט א מין פערגעטערונג און מיט אן אונפערשטענדליך בענקעניש נאך עפיס גרויסעס, ערהויבענעס, און מיט א געוואלדיגע קנאה צו דעם גרויסען חסיד, וואס האט זוכה

געוועז צו זעהן דעם הייליגען צדיק פּנים אל פּנים און צו הערען מפּיו הקדוש אזעלכע הויכע דבורים.

"נאָך גרעסער פון׳ם רב?" האָב איך א פרעג געטהאָן ר׳ נפתלי׳ן. מיט׳ן וואָרט "רב", האָב איך געמיינט דעם ראַזוואַדאָווער צדיק, וועלכער איז ביי מיר געוועז איינגעבאקען אין׳ם הארץ, אזוי דאָס איך האָב מיר ניט געקענט פאָרשטעל־לען אז עס איז פאַרהאַנען נאָך א גרעסערער צדיק פון איהם.

"קינד, האָט דער אלטער ר׳ נפתלי מיר געענטפערט, עס איז זעהר שווער צו געבען צו פערשטעהן אזעלכע ענינים אזוי לאַנג וויא מען זעהט עס ניט מיט אייגענע אויגען. דער ראַזוואַדאָווער רבי איז גרויס, זעהר גרויס, א בעל מדרגה מעג מען זאָגען, אָבער אנטקעגען הייליגען רבי׳ן—דאָ האָט ער אַן אייגענטימלי־כען חסידישען מאָך געגעבען מיט דער רעכטער האנד — איז ער "כנר לגבי אבוקה", אזוי וויא א ליכט געגען א גרויסען פלאַם. דער סאַדאַגורער רבי שרייט ניט ביים דאַוונען, ער וויינט ניט אויפ׳ן קול וויא דער ראַזוואַדאָווער, מען זעהט איהם איבערהויפּט זעהר זעלטען ביים דאַווענען, ווייל ער דאַווענט תמיד אין א חדר מיוחד. אָבער דעם הייליגען רבין׳ס א הויהלער קרעכץ מאַכט ציטערן אלע עולמות עליונים. דאָס דאַרף מען ניט גלויבען, מען זעהט עס, מען פיהלט עס. ווער עס קוקט זיך נור אריין אין זיין הייליגער צורה מוז חוזר בתשובה זיין. ווער עס הערט נור זיין׳ס א קרעכץ, דעם׳ס נשמה ווערט דורך און דורך צובראָ־כען, און ניט ווילענדיג מוז ער געריינינגט ווערען כקטן שנולד.

האָר און נעגעל האָבען זיך אויפגעשטעלט ביי אונז, ביידע צוהערער.

דאָס חלב׳נע ליכטעל האָט אָנגעהויבען צו צאַנקען און ר׳ נפתלי דערצעהלט און דערצעהלט. זיין פּנים האָט ממש געלייכט פאַר גרויס שמחה צוליעב דאָס דערמאָנען זיך אָן דעם צדיק, זיינע אויגען האָבען געקוקט וויא פער׳חלומ׳ט ערגיץ אין דער ווייטקייט, אודאי קיין סאַדאַגורע. ער האָט נאָכגעמאַכט, אין א צושטאַנד פון דבקות, דעם רבין׳ס קרעכצענדיגע תנועות, וועלכע גיבען באמת א טיעפען ריס ביי דער נשמה. פון אונזערע ביידענס אויגען האָבען זיך אָנגעהויבען צו קייקלען טרעהרען, הייסע טרעהרען, וועלכע זיינען א פּועל־יוצא פון אַן אמת׳ן הרהור־תשובה.

און ר׳ נפתלי האָט פערגלאָצט דיא אויגען, געפּויקט מיט דיא מיטעלסטע דריי פינגער פון זיין רעכטע האנד אויפ׳ן טיש, זינגענדיג שטילערהייד, דאָס בע־ריהמטע ניגונ׳דעל וואָס אלע ריזינער קינדער זינגען ביים "טיש" בעת די דבקות, א ניגונ׳דעל וועלכעס קומט דירעקט פון׳ם הימלישען "היכל־הזמרה", און וועלכעס דער מלאך מט"ט האָט דאָס געגעבען אלס דרשה־געשאַנק צו ר׳ אברהמ׳לע מלאך, דעם ריזינער׳ס זיידע.

ס׳האָט זיך געפיהלט אין אונזער קליינע סביבה א תענוג רוחני וועלכער דער־קוויקט דאָס נפש און מאַכט עפּיס אזוי זיס אויף דער נשמה.

"אָבער איין זאַך קען איך ניט פערשטעהן — האָב איך געפרעגט ר׳ נפתלי׳ן מיט גרויס דרך־ארץ, וויא א תלמיד פרעגט עפּיס א שאלה דעם רבי׳ן. — וויא אזוי קען דער רבי קומען צו א התפעלות וועלכעס זאָל אויך בעאיינפלוסען זיי־נע חסידים, בעת ער דאַווענט שטיל, און זיך כמעט גאָר ניט א ריהר טהוענדיג?"

"קודם מוזט דו פערשטעהן וואָס ס׳הייסט דאַוונען — האָט ר׳ נפתלי

נעענטפערט אין א שטילען טאָן. — ביים דאווגען דארף דער מענש זיך באהעפ־טען אין'ם באשעפער, גאנץ זיך פערגעסען אַן דעם גוף און זיינע בעדירפנישען, זיך אויסטהאָן אינגאנצען פון זיך אליין, א מצב וואס הייסט ביי חסידים "התפשטות הגשמיות". ווען דיא נשמה איז א גאנץ קליינער מחותן מיט'ן גוף, דאס הייסט א מיתה אויף דערוויילע.

"אזוי וויא ס'זיינען פערהאנען צווייערליי מיתות, דאס הייסט צווייערליי וועגען וויא אזוי דיא נשמה צושיידט זיך מיט'ן גוף. איין דרך איז א געוועהנלי־כעס שטארבען, וועלכעס צייגט ארויס סימנים פון א שווערע גסיסה, דורך קרעכ־צען, ציטערען, אפטמאל אויך דורך מישונה'דיגע שרעקליכע קולות, און דער צווייטער דרך איז א שטילע מיתה, וועלכע מען רופט מיתת־נשיקה, ווען דער שטאר־בענדער שלאָפט איין שטיל אָהן דיא מינדעסטע בעוועגונג, אזוי זיינען אויך פערהאנען צווייערליי מינים דאווגען. מאנכע צדיקים רייסען דעמאלט איין וועלטען, און מאנכע, דיא גאָר גרויסע, זיינען זיך מרבק אין'ם באשעפער שטיל און אָהן דיא מינדעסטע בעוועגונג."

מיר האָבען דעם ענין גוט פערשטאנען. אין דערזעלבער נאכט האָבען מיר ביידע בית־המדרש חברים בעשלאָסען צו פערלאָזען אונזער אלטען רבי'ן און פאָהרען קיין סאדאגורע זעהען דעם נייעם הימלישען דרך. מיין חבר האט באלד נאָכדעם חתונה געהאט און ניט מקיים דבור געווען, איך אבער ביז אום ראש־חודש אלול תר"מ בשתיקה עוקר געווען פון מיין היים און נעפאָהרען מיר זוכען א נייעם רבי'ן, דעם אזוי בעריהמטען סאדאגורער צדיק.

## קאפיטעל 2.

# די נסיעה.

**די ערשטע סטאציע — די חורבה'דיגע קלויז — א מאוס פנים אבער א גוט הארץ—דער ערשטער קבלת־פנים—די יאָהרצייט־סעודה—מען טרינקט ניט "בראנפען" נור "לחיים"—אַן אלטע מעשה וועלכע איז שטענדיג ניי—די הכנה צום חסידים־שמועס.**

אויב דו ווילסט האָבען א תענוג און א חסידישע השגה (בעגריף) פון א נסיעה צו אונזער צדיק — האט דעמאלט אין זיין חסידישען שמועס געזאגט צו מיר ר' נפתלי רבי — דאן זאָלסט דו ניט פאָהרען גלייך מיט איין נסיעה קיין סאדאגורע, נור מאכען סטאציעס אין אזעלכע שטעדטלאך, וואו ס'זיינען פער־האנען אונזערע קלויזען מיט אונזערע חסידים.

מיין ערשטע סטאציע אויף מיין נסיעה קיין סאדאגורע איז געווען דאס שטעדטעל באריסלאוו, און מיין ערשטער גאנג איז געווען אין דער סאדאגורער קלויז אריין. עס איז געווען זמן מנחה.

פון דעם אויסזעהן פון דער קלויז ביז איך דוקא ניט זעהר נתפעל געווארען.

דעם אמת געזאגט, האבען דיא קלויז מיט איהרע איינריכטונגען אויף מיר געמאכט א זעהר אומעטינען רושם.

דער בנין פון דער קלויז איז געווען א פשוט׳ע חורבה, וועלכע איז נור גע־שטאנען בדרך נס, אין׳ם זכות פון׳ם דארטיגען אידישען בירגערמייסטער (סיטי מעיאר), וועלכער, אויס סימפאטיע צו דיא סאדאגורער חסידים, האט ער זיא ניט ערקלערט בויפעליג על פי "דינא דמלכותא", לויט וויא דאס געזעץ האט פערלאנגט. דיא בענק, דיא טישען און דיא ספרים־שאפעס, האבען זיך לחלוטין גאר ניט געהאט צו שעהמען אקעגען דעם בנין. אלעס איז געווען צערבראכען, פערנאכלעסיגט און שרעקליך שמוציג. אין אלע ווינקעלאך האט מען געקענט זעהן ליעגען פעקלעך, צעררינסענע מלבושים; בעזאנדערס איז דער ווייבערישער קלויז, וואו ס׳האבען זיך אויך געפונען שטרוי־זעק און שמו־ציגע וועש פון דיא אורחים וועלכע מאכען דיא קלויז פאר זייער סטאנציע, דאר־טען האט אויך דאצו געהערשט א ניט זעהר אנגענעהמער ריח.

איך בין מודה ומתודה, אז ס׳האט מיר דעמאלט שוין באנג געטהאן אויף׳ן גאנצען עסק. מחמת איך האב נאך ניט געהאט פריהער דיא געלעגענהייט מיך נעהענטער צו בעקענען מיט דעם נייסט פון דיא סאדאגורער חסידים, כדי געוואהר צו ווערען, אז אין דער דאזיגער ניט זעהר ריינער קלויז, געפינט זיך אבער דאס אמת׳דיגע אידישע הארץ, ברודערליכע אהבה און מסירות־נפש פאר א חבר א סאדאגורער חסיד.

פון אלע זייטען האט מען מיר אקעגען געטראגען א ברודערליכען, הארציגען "שלום עליכם". דערוויסענדיג זיך, אז איך קום פון דער זאמר־געגענד, וואו א סא־דאגורער חסיד איז א זעלטענהייט און אז איך פאהר איצט דאס ערשטע מאל צו זייער רבי׳ן קיין סאדאגורע, האט יעדער איינער זיך בעמיהט מיך מקרב צו זיין מיט גוטע דבורים און אין איינוועגס טאקע טאפען ביי מיר דעם דופק, אויב עס פעהלט מיר ניט אויס דיא נויטיגע מזומנים אויף הוצאות־הדרך.

עס איז א בעקאנטע זאך צווישען חסידים, אז א חסיד וואס וויל פאהרען קיין סאדאגורע צום רבי׳ן, דארף זיך לחלוטין גאר ניט זארגען פאר רייזע־שפעזען. ער דארף נור האבען אזוי פיעל מזומנים, וועלכע זאלען גענוגען פאר איהם זיך צוצושלאגען ביז א שטאדט וואו ס׳איז פערהאנען א סאדאגורער קלויז, דאן איז ער שוין אויסגעזארגט מיט עסען, מיט סטאנציע און מיט אלע נויטיגע הוצאות הדרך, לכל־הפחות, ביז צו אן אנדערע שטאדט וואו ס׳געפינען זיך "אנשי שלומנו". ביי יעדען סאדאגורער חסיד, וויא ארים ער זאל ניט זיין, איז עס פער־רעכענט פאר׳ן גרעסטען חוב, און אויך פאר א כבוד, צו געבען עסען און סטאנציע צו א דורכרייזענדען חסיד. און זיי זיינען טאקע ממלא דעם דאזיגען חסידישען חוב מיט אן אמת׳ער שמחה. עס איז דא כדאי צו בעמערקען, אז בנוגע שלאפען, פלעג־נען ס׳רוב חסידים פארציהען דיא קלויז איידער א פריוואט־סטאנציע. אין דער קלויז פיהלט זיך דער פרעמדער חסיד מעהר היימיש, עס שלאפט זיך עפעס אויף דיא טישען אדער אויף דיא בענק מיט א בעזאנדערע רחבה.

איך האב מיך זעהר גע׳חידוש׳ט צו זעהן אז אלע הענג־לייכטער זיינען אנגעשטעלט מיט חלב׳נע ליכטלעך. אויך אויף אלע טישען און אויף דיא געזימסען פון׳ם אויווען זיינען געווען אנגעשטעלט ליימענע לייכטערלעך אין וועלכע ס׳האבען

געשטעקט ניט אנגעצונדע ליכטלעך. משער האָב איך מיך געווען, אז היינט ביי־נאכט איז אודאי א גרויסע יאָהרצייט, און אז אט דיא דאָזיגע אלע ליכטלעך וועלען ערשט אָנגעצונדען ווערען פאר מעריב. כ׳האָב אבער ניט אנגעהויבען צו ווי־סען וואס א מין יאָהרצייט עס געפאלט איז י״א אלול. מחמת בנוגע דיא יומי־דהילולא פון דער ריזינער גזע, בין איך דעמאָלט נאָך געווען א גאנץ קליינער ידען.

ווענמעס יאהרצייט איז עפּעס היינט ביינאכט ? האָב איך א פרעג געטהאָן א חסידישען בחור וועלכער איז געשטאנען נעבען דער כפרים־שאפע פערטיעפט אין א חסידיש ספר.

דער יונגער חסיד האט אויף מיר ארויסגעשטעלט א פאָר חידושליכע אויגען, וויא אויף איינעם וואס זאָל פרעגען אין שוהל אים יום־כפּור צו ״כל נדרי״, וואס פאר א מין יום־טוב כ׳איז דעמאָלט.

הא ? איהר ווייסט, הפנים, גאָר ניט אז היינט ביינאכט איז י״א אלול ?

— וועלכער צדיק איז דאָס נפטר געוואָרען אין אָט דעם דאָזיגען י״א אלול ? — האָב איך געוואגט איהם ווייטער צו פרעגען.

איצט האָט ערשט דער יונגער חסיד אנגעהויבען צו פערשטעהן, אז ער האט דאָ צו טהאָן מיט א ״פריטץ״. ער האט מיר דערצעהלט, אז היינט ביינאכט איז די יאָהרצייט פון ר׳ שלום׳ניו, דער עלטסטער זוהן פון׳ם הייליגען ריזינער, און אז ער איז נפטר געווארען ניין חדשים נאָך׳ן פאטער׳ס פטירה, אין לייפּציג, אויף זיין נסיעה אין א ווארימבאד אריין, און אז ער ליעגט טאקע דאָרטען בעגראָבען, לויט דעם פערלאנג פון זיין צואה.

תיכף נאָך מעריב זיינען אויף מיר צוגעקומען דיא ראשי החסידים פון דער קלויז, מיך איינצולאדען צו דער סעודת־הילולא וואס וועט שטאטפינדען היינט ביינאכט אין דער קלויז לכבוד דעם גרויסען נפטר.

באלד האט זיך אָנגעהויבען א פארעכין פון אלע זייטען, דיא בחורים האָבען צוזאמען געררוקט דיא טישען, זיי אויסגעשטעלט אין א לאנגע שורה אין מיטען דער שמאָל־לאנגער קלויז, מיט לאנגע בענק אויףביידע זייטען. דיא טישען זיינען באלד איבערגעדעקט געווארען מיט לאנגע דיקע לייוועגטענע טישטיכער, אויף וועלכע ס׳איז געווען צוגעגרייט אין א סדר א היבש עטליכע פלעשלעך בראָנפען, טעלערס פול מיט צערשניטענעם הערינג, ברויט און דיא איבריגע צרכי אכילה.

אבער דאס גרעסטע קאכעניש איז געווען אין דער ווייבערשער שוהל. דיא חסידישע ווייבער האָבען עס געהאלטען פאר א גרויסע מצוה אבצוקאָכען און אב־צובראָטען דיא מאכלים און זיך טאקע אליין צו פּאָרען לכבוד דער גרויסער הלולא. גרויסע טעפּ מיט זופּ און פלייש, פאנען מיט געבראָטענס און נאָך אנדערע מאכלים, האָבען פון זיך געלאזט הערען א ריח ניחוח וואס האָט זיך פערשפּרייט אזש ביז אין דער מענישער קלויז און צורייצט דעם אפּעטיט פון׳ם עולם. אויף אלע פנים׳ער האָט געהערשט א הימלישער שמחה־שטראהל, בעת יעדער איינער איז געווען מיט עפּעס בעשעפטיגט צוליעב דעם גרויסען יומא דפגרא. אין א ווינקעל, נעבען דער טהיר, זיינען געלעגען צוויי פעסלעך ביער, צו וועלכע יעדער פארבייגע־הער האָט א שמייכעלע געטהאָן מיט א פערבאָרגענעם נחת־רוח.

**אָט זיץ איך שוין אויף ביים טיש. דאס ערשטע מאָל אין מיין לעבען, צווישען דיא אזוי פיעל בעריהמטע און אויך אזוי פיעל פערהאסטע סאדאגורער חסידים.**

אַט טרינקט מען שוין איינער צום אַנדערען, דעם וואַרימען, הערצליכען, ברידער־ליכען, אייגענטימליכען סאַדאַגורער „לחיים”, וועלכען קיין שום אַנדער חסיד קען באַין אופן ניט נאָכמאַכען. איך קוק מיך גוט צו צו זייערע התנהגות און מינעס, כדי איך זאָל ניט פערשעהמט ווערען ווען איך וועל קומען אין דער רייהע, אויסזעהענדיג וויא אַ מין שור הבר.

סאַדאַגורער חסידים טרינקען קיינמאָל ניט קיין בראַנפען נור „לחיים”. דאָס מיינט, אַז דאָס טרינקען איז אַ דבר טפל, נור כדי צו דערקאַפען זיך אביסעל דאָס הארץ און דאָביי מקיים צו זיין וואָס דיא גמרא זאָגט: „אף על פי שהאש יורדת מן השמים מצוה להביא מן ההדיוט”, כאָטשבי דאָס אמת׳ע הארץ־פייער, דאַרף קומען פון אויבען, דורך שמועסען פון צדיקים און ספורים פון זייערע דרכים, אף על פי כן איז אַ מצוה מען זאָל דאָס נפש אביסעל אונטערוואַרימען מיט אַ ביסעלע משקה אויך. אָבער דאָס עיקר טרינקען איז כדי זיך צו ווינשען „לחיים” דורך וועלכען ס׳פעראייניגען זיך אַלע מוחות, אַלע מחשבות און אויך אַלע פּעולות, צו איין גאַנצעס, צו אַ „קומה שלמה”.

און אַזוי איז דער סדר פון אַ סאַדאַגורער לחיים:

קוים האָט מען „אָבגענעפּט” (טועם געווען) אַ קאַפּקעלע משקה פון׳ם כוס, הויבט מען זיך אָן צו קוקען גלייך אין דיא אויגען אריין, וועלכעס איז אַ סימן צו אמת׳ער אהבה. דאַן דערלאַנגט מען זיך דיא הענד מיט אַן אויסטערלישען שמחה־קרעכץ, זאָגענדיג דאָביי:

„לחיים ברידער, לחיים! השם יתברך זאָל העלפען אַז דער הייליגער רבי מיט דיא קינדערלעך זאָלען מאריך ימים ושנים זיין, דער זכות פון׳ם גרויסען נפטר זאָל אויף אונז אַלע מגין זיין. אונזער צדיק זאָל במהרה נתגלה ווערען. מיר זאָלען האָבען אַ חלק אין זיינע הייליגע טישען און ער זאָל זעהן הימליש נחת ביים כלל ישראל, לחיים און טאַקע לחיים! ”

עס פערשטעהט זיך, אַז מיין „לחיים” האָט אַ היבש ביסעל אונטערגעהינקט. אָבער אַלס אַ „פריטץ” (גרינער), האָט מען מיט מיר ניט זעהר שטאַרק מדקדק געווען.

און טאַקע באַלד נאָך׳ן „לחיים” צו׳שמועסט מען זיך טאַקע מכח דעם בעל היאָהרצייט.

ביי חסידים מאַכט גאָר ניט אויס וואָס זיי האָבען שוין דיזעלבע מעשיות געהערט מאה פּעמים ואחד. אַלעס שטעלט אויפ׳ס ניי אויף מויל און אויערען, מען הערט ניט, נור מען שלינגט ממש דיא דבורים גלייך זיי וואָלטען געווען לגמרי גאָר נייע. מיט׳ן דערצעהלען „ספורי צדיקים”, אַליץ איינס, אויב אַלטע אָדער נייע, ציהט מען אַראָב פון אויבען אַ הימלישעס התעוררות, אַ פרייד און אַ ליכטיגקייט אין אַלע הערצער אריין, אַ מין הנאה מזיו השכינה.

און דער ראש המדברים, אַ דאַרער עלטערער איד מיט אַן אויסגעווייקט פּנים, גיסט זיך ווידער אָן אַ ביסעלע בראַנפען אין גלעזעל אריין, ער טרינקט עס אָבער ניט אויס, ער פאָהרט אַרום מיט׳ן מיטעלסטען פינגער פון דער רעכטער האַנד אויף ראַנד פון׳ם כוס׳עלע, דאָס איז אַ מין הכנה צום שיחת־חסידים. אַלע חסידים אַרום דעם לאַנגען טיש פערשטעהען וואָס דאָס מיינט, עס הערט זיך אַ „שאַ”, „שטיל” פון עטליכע מיילער. דער עולם בויגט זיך צו צום טיש, כדי צו

קענען אנקוקען דעם דערצעהלער און זיך גוט צוהערען צו זיינע דבורים. עס ווערט שטיל ממש מאהן צו זייען, דער ראש־המדברים גיט זיך א גלעט מיט דער לינקער האנד איבער דער בארד, בעגלייטעט פון א טיעפען סאדאגורער נשמה קרעכץ און הויבט אן זיין חסידישען שמועס.

## קאפיטעל 3.

# א יאָהרצייט "זיץ".

**אָן זיינע קינדער וועט מען וויסען וואָס גאָט איז—א צדיק וואָס שטארבט כדי מגין צו זיין אויף דייטשע אידען—די סבה וואָס דער סטרע־ליסקער האָט געפיהרט מהלוקת מיט פרעמישליאן—אָן עצה צו האָבען קינדער—ער לאָזט ניט אויסרייסען א מייער׳ל פון׳ם גאָרטען—ער האָט ניט מורא פאר אן עונש און יאָ מורא—דאָס מחלוקת האָט איהם דערהאלטען ביים לעבען.**

ווען דער הייליגער ריזינער ז״ל האט חתונה געמאכט דעם גרויסען צדיק ר׳ שלום יוסף דעם בעל היאהרצייט — האָט דער אלטער חסיד אנגעהויבען דעם חסידישען שמועס מענינא דיומא — האָט ער פאר דער חופה ארויפגעלעגט זיינע הייליגע הענט אויפ׳ן חתן׳ס קאָפּ און געזאָגט דיא דאָזיגע דבורים:

מיין פאטער ז״ל האָט געזאגט: "אָן מיינע קינדער וועט מען דערקענען וואס איך בין". איך זאָג: "אָן מיינע קינדער וועט מען דערקענען וואס גאָט איז". און אזוי איז עס טאקע.

א געמיינזאמער טיעפער קרעכץ רייסט זיך ארויס פון אלע הערצער פון דער טיש־געזעלשאפט, אלס אן הסכמה אויף דיא דאָזיגע הויבע און טיעפע דבורים.

עפּעס א קלייניגקייט פון א צדיק? ער האָט זיך דאָך פשוט מקריב געווען לטובת ישראל. א כפרת הדור. איהר ווייסט דאָך, רבותי אז דער צדיק ר׳ שלום ז״ל איז נסתלק געוואָרען אויף א נסיעה. נו, קען מען אפילו קלערען אז דער צדיק וואָס דער הייליגער פאָטער האָט אויף איהם אמאָל געזאָגט: "לפניו נגלו כל תעלומות", האָט ניט נעוואוסט פריהער אז ס׳איז בא יומו, ער דארף באלד נסתלק ווערען? נאָר גאָר ניט. אז אמת׳ער צדיק לעבט ניט פון זיינעט וועגען און שטארבט ניט פון זיינעט וועגען. אלע זיינע פעולות, הן לטב או לביש, חלילה, זיינען נאָר אלץ צוליעב דעם כלל ישראל.

און כדי מען זאל איהם ניט פון וועג אהיימפיהרען קיין סאדאגורע צו לעגען איהם נעבען הייליגען פאָטער, האָט ר׳ שלום בפרוש אָנגעזאָגט פאר דער פטירה, אז זיין לעצטער רצון איז מען זאל איהם ניט אהיימפיהרען, נור לעגען אויפ׳ן לייפּציגער בית־החיים. ער האָט דאמיט אוודאי געוואָלט מגין זיין אויף דיא אידישע

## פון דעם רבינ׳ס הויף

דייטשען פון יענע מקומות, וועלכע זיינען נעבעך אומשולדיג געכאפט אין דער קליפה, רחמנא ליצלן, כתינוק שנשבה לבין הגוים (וויא א אידיש קינד וואס איז יונגערהייד געפאנגען געווארען צווישען גוים). מיט דעם אבער וואס ער איז דארטען נסתלק געווארען און ליעגט אויך טאקע דארטען אין זייער סביבה, וועט ער זיי מיט זיך מעלה זיין און זיי טהון איבען א גרויסע טובה. אט דאס הייסט אמת׳דיג אהבת ישראל.

א דבקות׳דיג התעוררות פיהלט זיך אין דער גאנצער סביבה. מען פערגעסט אן דעם נעבראטענס און אן דעם ביער, עס ווילט זיך הערען און הערען פון׳ם גרויסקייט פון אונזערע צדיקים.

—און נאך טאקע מבטן אמו איז ער שוין געהייליגט געווארן אלס א קרבן־עולה פאר דיא דייטשע אידען — האט דער בעל ספור־המעשה פארטגעזעצט דעם שמועס. — ביים ריזינער ז״ל איז געווען א מנהג, אז באלד נאכדעם וויא מען האט איהם אנגעזאגט דיא בשורה אז דיא רביצין האט געבוירען א קינד אין א מזל׳דיגער שעה, האט ער געהייסען צו זיך ארייננברענגען דאס קינד ער זאל עס אנקוקען. פערשטעהט איהר מיך, דאס איז געווען כדי דער צדיק זאל זיך איבער־ציינגען אויב ס׳איז ניט חלילה געשעהען א מעות. אויב מען האט איהם טאקע אראבגעיעבען דיזעלבע נשמה, וואס ער האט זיך פריהער אויסגעקליעבען.

אזוי וויא מען האט אויפגעדעקט דאס פנים׳ל פון׳ם ״רך הנולד״ (דאס ניי געבוירענע קינד) ר׳ שלום׳ל, האט איהם דער הייליגער רבי א קוק אן געטהאן און א זאג געגעבען צו דיא מקורבים:

״א שעהן שטיקעל לייפציגער סחורה!״

אזוי וויא אלע גוטע סחורות פלעגען פארצייטענס קומען נאר פון לייפציג, האט מען פערטייטשט דיא כונה פון׳ם צדיק׳ם דבורים, אז ס׳איז א שעהן און א גוט שטיקעל סחורה: א גרויסע נשמה.

נו געה זיי א נביא און וויים, אז מיט אט דיא דאזיגע דבורים האט נאר דער צדיק מרמז געווען, אז דאס געבוירענע קינד וועט שפעטער גאר ליעגען אויף׳ן לייפציגער בית־החיים!

״לחיים, רבותי, לחיים!״ די וועלט איז אויך א וועלט; מען מוז דעם גוף אויך אבגעבען זיין חלק. ״לחיים, זיין זכות זאל אויף אונז מגין זיין.״

דער עולם האט זיך אויפ׳ס ניי אנגענאכען צו קאפאלעך בראנפען, גע־טרונקען א פשוט׳ן לחיים, און אנגעהויבען צו פראווען דיא סעודה כהלכה.

וויסענדיג אז איך בין פון סאנזער געגענד, וואו ס׳האט געהערשט א שטארק מחלוקת מיט סאדאגורע, האט מען דאן מיך אויסגעפרעגט בנוגע דיא שטעלונג וואס מיין פריהערינגער רבי, דער ראזוואדאווער רב, האט גענומען צו אט דעם דאזיגען מחלוקת.

איך האב זיי דערצעהלט, אז כאטש איך האב פון זיין מויל קיינמאל ניט געהערט רעדען שלעכטס, חלילה, אויף דיא ריזינער קינדער, אף על פי כן, בין איך זיכער, אז מיר וועט ער דעם חטא קיינמאל ניט מוחל זיין. איך האב דעריבער בעשלאסען קיינמאל ניט מעהר צוריק צוקומען אין מיין געבורטס־שטעדטיל צו מיין בני־בית.

יעדער איינער האט מיך אנגעהויבען מחזק צו זיין מיט גוטע דבורים. ס׳האט

זיך צוליעב דעם ענטוויקעלט א שמועס מכח מחלוקת צווישען צדיקים. איינער פון דער חבריא האָט דאן דערצעהלט אזא מעשה :

אלע חסידים ווייסען, אז ר׳ אורי סטרעליסקער איז געווען א שטארקער געגנער פון ר׳ מאיר׳ל פרעמישליאנער און אז דיא סטרעליסקער חסידים האבען ניט אמאל געוואלט זעהן דיא צורה פון׳ם פרעמישליאנער, לויט א מפורש׳דיגע פקודה פון זייער רבי׳ן, אז עס איז אסור צו קוקען אין זיין פנים אריין.

און ארויסגעקומען איז דאס מחלוקת צוליעב אן ארענדאר וואס איז זיך געפאהרען מופת׳ן ביי ר׳ מאיר׳לען אז זיין ווייב זאל געהאָלפען ווערען מיט א קינדער־ישועה.

דער דאָזיגער ארענדאר איז דוקא ניט געווען קיין עם־הארץ. ער האָט פערשטאנען דיא קליינע אותיות און פלעגט אויך אָפט פאָהרען צו ר׳ אורי קיין סטרעליסק און אויך דעם צדיק מהנה זיין כדרך הארענדארים.

אזוי וויא ער איז שוין ניט מעהר געווען קיין יונגערמאן און זיין פרוי האט איהם אלץ נאך ניט געבוירען קיין קינד טראץ דעם סטרעליסקער רבינ׳ס אנווינשונגען יאהר־איין יאהר־אויס, האָט ער זיך געלאזט צורעדען פון מאנכע דורכרייזענדע פרעמישליאנער חסידים, צו פרובירען זיין גליק אמאל אין פרעמישליאן, מחמת ר׳ מאיר׳ל איז דער גרעסטער בעל־מופת אין׳ם דור און דארטען זעהט מען זיך צו טאָג טעגליך וואונדער איבער וואונדער.

און דער ארענדאר האט זיי געפאלגט און אוועקגעפאָהרען קיין פרעמישליאן אויף שבת פרשה לך־לך.

דער רבי ר׳ מאיר׳ל פלעגט אליין אויפרופען אים שבת דיא 7 קרואים צו דער תורה און טאקע אויך אליין לייענען אין דער תורה. דעם ארענדאר האָט ער אויפגערופען צו דער תורה דעם ערשטען, במקום כהן, אזוי וויא ער האט אנגענומען דיא עצי־חיים און געוואלט מאכען דיא ברכה איבער דער תורה, האָט איהם ר׳ מאיר׳ל אָבגעהאלטען, זאגענדיג צו איהם :

ווארט א ביסעל, כ׳האב געהערט אז איהר זיינט ניט קיין עם־הארץ וויא דאָס רוב ארענדארעס, וויל איך אייך פערהערען א פסוק רש״י פון דער וואָכעדיגער סדרה.

און ר׳ מאיר׳ל האָט פאר איהם געעפענט דאס חומש׳ל און איהם געהייסען זאגען דעם פשט אין רש״י, וועלכער זאגט אויף דעם פסוק לך—לך אזוי : כאן אי אתה זוכה לבנים (היער אין חוץ לארץ וועסטו אברהם ניט זוכה זיין צו האָבען קינדער סיידען אין ארץ ישראל). דער ארענדאר האָט איהם פערטייטשט דיא רש״י וויא ס׳געהער צו זיין.

ניט אזוי טייטשט מאיר אויס דיא רש״י — האָט זיך ר׳ מאיר׳ל צו איהם אָנגערופען. מאיר טיילט דעם רש״י־פסוק אין צוויי טייל און טייטשט איהם אויס אביסעל דייטשמעריש, און איהר הערט אייך גוט צו :

״כאן אי״, היער ניט, כלומר, זיי ניט אויסגעלאסען און טהו ניט מאוסע מעשים אין צניעות־זאכען, דאן ״אתה זוכה לבנים״, וועסטו זוכה זיין צו האָבען קינדער ; איצט מאכט דיא ברכה.

דער ארענדאר איז זעהר פערשעהמט געווארען.

אזוי וויא ר׳ אורי סטרעליסקער איז געוואר געווארען פון דער דאָזיגער עובדה, האָט ער געזאָגט צו זיינע מקורבים.

מהיום והלאה, האָב איך מעהר מיט איהם (ר׳ מאיר׳לען) ניט קיין שום מגע ומשא, מחמת ער איז א ״הולך רכיל מגלה סוד״, ער זאגט אוים וואס ער ווייסט, און דאָס איז גאר ניט קיין מדה פון א צדיק. ביי משה רבנו שטעהט, אז השם יתברך האָט איהם געליבט ״בכל ביתי נאמן הוא״, ער איז דער פערטרויטער אין מיין גאנץ הימלישעס הויז, ער זעהט און הערט אלעס און זאָגט עס ניט אוים. ווער ס׳זאָגט אבער יאָ אוים, געהערט צו קליפת נגה.

פון דעמאָלט אן, האָבען דיא סטרעליסקער חסידים גע׳רודפ׳ט דעם פרעמישליאנער ממש עד הרמה, וואו זיי האָבען נאר געהאַט א געלעגענהייט.

האָט דער סטרעליסקער געשיקט א שליח מיוחד צום ראפשיצער צדיק ר׳ נפתלי, ער זאָל איהם צוהעלפען אוועקצונעהמען ביים רבי׳ן ר׳ מאיר׳ל אלע הימלישע מדרגות.

איך קען איהם דאצו ניט מיטהעלפען — האָט דער ראפשיצער געענטפערט דעם שליח. — אט ערשט א נאכט פריהער, האָט זיך צו מיר בעוויזען אין חלום ר׳ ארון ליב, ר׳ מאירל׳ס פאָטער, און האָט צו מיר אזוי געזאָגט:

״ראָפשיצער רב, איין גוט מייערל (מאיר׳ל) האָב איך מיר איינגעזעצט אין מיין גאָרטען ווילט איהר עס אויך אויסרייסען ? זאָל אייך גאָט דאפון אָבהיטען״.

צוליעב דעם, איז ר׳ מאיר׳ל ווייטער פערבליבען ביי זיינע מדרגות און מעניש געווען אלע סטרעליסקער חסידים וואס האָבען געוואגט קעגען איהם פוגע בכבוד צו זיין. איינעם מיט א פשוטע מיתה ר״ל, א צווייטען מיט חולי-נופל, א דריטען, מיט א שגעון, דעם פערטען מיט קינדער־אומגליק, לא עלינו. דיא חסידים האָבען אבער דארויף גאר ניט געקוקט. טאמער איז ר׳ מאיר׳ל געקומען אין א שטעדטיל אריין וואו ס׳זיינען פערהאנען געווען סטרעליסקער חסידים, האָבען זיי אבגעזאגט וודוי וויסענדיג אז זיי וועלען זיכער באלד כאפען אן עונש, זיך געשטעלט אויף׳ן וועג וואו ר׳ מאיר׳ל האָט בעדארפט פארביי געהן פון דער מקוה, און אזוי וויא זיי האָבען איהם דערזעהען, האָבען זיי אויסגעשפיעגען דריי מאל און אויסגעשריען א געוויסען פסוק אין דער תורה וואס אידען זאגען ווען זיי דערזעהן א ניט־ריינע זאך.

און דער רוב פון זיי האָט טאקע געהאַט אן עונש.

— האָסט איהם עפּעס דערקוטשעט ווען ער איז געווען ביי אייך אין שטעדטיל — האָט אמאל ר׳ אורי געפרעגט איינעם פון זיינע אלטע חסידים, וועלכער האָט דוקא קיינמאל ניט געוואגט ארויסצורעדען א שלעכט ווארט אויף ר׳ מאיר׳ל פרעמישליאנער, ניט אכטענדיג דעם רבינ׳ס פקודה.

— ניין, איך האָב איהם גאר ניט מצער געווען.

— האָסט מורא געהאַט פאר אן עונש ? האָט איהם דער צדיק געפרעגט.

— וואס ? פאר אן עונש?... יאָ, רבי, כ׳האָב טאקע מורא געהאַט, שטארק מורא. אבער ניט פאר מיין גוף אויך ניט פאר מיין נפש. פאר׳ן רבינ׳ס כבוד בין איך מוכן ומזומן יעדע מינוט און יעדער רגע צו איבערגעבען מיין גוף מיט דער נשמה צוזאמען צו דיא שבעה מדורי גיהנם. נאר....

"נאַר וואס?" האָט דער סטרעליסקער אויסגעשריען. "רעד קלאָרע דבורים!"

"נאַר, רבי, מיין עונש וועט דאך אבער זיין א גורם צו זיין גרויסקייט און דאָס רבי וויל איך ניט און קען עס ניט טהאָן".

— דו ביסט א א חכם — האָט צו איהם דער רבי געזאגט — דו פערשטעהסט אן עסק. הלואי וואלטען אלע אזוי קלוג געווען וויא דו.

און דיא סטרעליסקער חסידים האָבען דאן אויפגעהערט צו פיהרען מחלוקת מיט ר׳ מאיר׳ל פרעמישליאנער.

אבער באותה שנה איז ר׳ אורי נסתלק געווארען.

— הלואי וואלטען זיי מיך ניט אויפגעהערט צו שעלטען וואלט דער צדיק נאך געווען געלעבט — האָט ר׳ מאיר׳ל דאן געזאגט.

און איצט נעה זיי קלוג און וויס פארוואס צדיקים פיהרען צווישען זיך מחלוקת.

## קאפיטעל 4.

# דער סאדאגורער יחוס.

**א יחוס-בריעף ביז דוד המלך—א שידוך צווישען "בית שאול" און "בית-דוד—דער עונש פאר זיין א דוחק את הקץ—דעם בעל שם׳ס ברכה צום רביי׳ן ר׳ בער—די הייליגע אמהות בעגלייטען זי—א מלאך קען ניט זיין א חסידישער רבי.**

איידער איך הויב אָן צו בעשרייבען דיא אייגענע זכרונות, וואס כ׳האָב געזעהען און געהערט אין דיא "הויפען" פון דיא סאדאגורער רביים, איז זעהר וויכטיג, קלאָר צו מאכען דיא לעזער מיט׳ן סדר־היחוס פון דער ריזינער גזע, מיט מאנכע אינטערעסאנטע חסידישע אגדות, מיט די הויפט־שיטה פון׳ם סאַדאגורער חסידות, און ועל כלם מיט דיא אויספיהרליכע פאסירונגען פון׳ם ריזינער און דיא סבות פון זיין אנטלויפען פון רוסלאנד קיין גאליציען, כדי דאדורך צו בעקומען א קלאָרען בעגריעף אין אלע ענינים וואס וועלען שפעטער דערצעהלט ווערען.

קודם כל איז כדאי צו בעמערקען, אז מיט דעם אויסדרוק "סאדאגורער חסידות" איז אויך געמיינט דאָס חסידות פון טשאָרטקאָוו און הוסיאטין, וויא אויך דיא גאנצע גזע, וועלכע, אלס קינדער פון׳ם ריזינער וועלכער האָט דיא לעצטע צעהן יאָהר געוואָהנט אין סאדאגורע, ווערען אלע אָנגערופען סתם דיא "סאדאגורער רביים".

די ריזינער קינדער זיינען פעררעכענט אלס די גרעסטע מיוחסים צווישען אלע גוטע־אידען. ס׳הייסט זאגאר צווישען חסידים, אז זיי, דיא סאדאגורער רביים, האָבען א יחוס־בריעף ביז צו ר׳ יהודה הנשיא, וועלכער האָט זיך גערעכענט אלס אן אבשטאמונג פון דוד המלך. איך האָב אליין געהערט פון כמה חסידים, וואָס האָ־

בען זוכה געווען צו קענען דעם ריזינער צדיק ר׳ ישראלטשי. בעהויפטען אז ער האט געהאט אויף׳ן קאפ דעם בעקאנטען צייכען, פון וועלכען דיא גמרא בעהויפטעט, אז דאס איז א סימן מובהק דאס דער בעטרעפענדער קומט ארויס פון מלכי בית דוד, וואס נור אויף אזא מין קאפ האט זיך געקענט גוט צופאסען דיא קעניגליכע קרוין.

דאנגעגען הייסט דאס ביי דיא טשערנאבלער חסידים, אז זייער רבי שטאמט אב פון שאול המלך, און מכח דיא דאזיגע צוויי יחוסים, דערצעהלט מען זיך אט אזא מעשה:

צווישען דעם טשערנאבלער רבי, ר׳ מאטילע, און דעם ריזינער רבי ר׳ ישראל׳משי, האט געהערשט א שטארק מחלוקת, א פועל יוצא פון׳ם פערצייטיגען מחלוקת צווישען "בית שאול" און "בית דוד".

אזוי וויא דער ריזיניער האט בעדארפט א שדוך טהאן מיט זיין קינד ר׳ בער׳ניו, האבען דיא געהויבענע חסידים זעהר געגארט אז דער ריזינער זאל זיך משדך זיין מיט ר׳ מאטילע טשערנאבלער׳ס מיידעל. מחמת עס איז א דבר ידוע, אז וויבאלד "בית־שאול" זאל זיך משדך זיין מיט "בית־דוד" און פון׳ם זיווג זאל ארויסקומען א דור, וואלט זיכער געבוירען געווארען "משיח" און די גאולה שלמה וואלט געקומען. דאס איז געווען דיא אמת׳ע כונה וואס דוד בן ישי האט אזוי געגארט חתונה צו האבען מיט שאול׳ס טאכטער מיכל. ליידער האט זיין ווייב מיכל פון איהם ניט געבוירען קיין קינדער. זיגט דעמאלט, איז ניט געמאכט געווארען קיין פערזוך צו פערבינדען מיט א שידוך־קשר די דאזיגע צוויי קעניגליכע דינאסטיעס. דעריבער האבען זיך דיא מוח־מענשען פוןביידע "הויפען" געלענט אין דער לענג און אין דער ברייט, דיא ביידע רבי׳שע דינאסטיעס, טשערנאבעל און ריזין, ווידער צוזאמען צו קניפען, אפשר וועט דאך זיין אן עת רצון און דער זווג וועט נושא פרי זיין. ליידער איז דיא מיה געווען אומזיסט. דער שדוך איז ס׳וואהר צושטאנד געקומען, אבער דאס פאר פאלק האט קיין קינדער ניט געהאט. ס׳הייסט אפילו, אז דיא ניפטיגע מחלוקת וואס האט שפעטער אויסגעבראכען צווישען סאנז און סאדאגורע, און דיא אנדערע טרויריגע עראייגניסע, זיינען געקומען אלס אן עונש, ווייל מען האט געוואלט זיין א "דוחק את הקץ", ברענגען דיא גאולה פאר דער צייט.

אבער דאס אלעם זיינען חסידישע אגדות, א היסטארישער אמת וועלכען מען ווייס בלתי ספק איז, אז דיא סאדאגורער רביים זיינען דיא אוהר־אייניקלעך פון דעם גרויסען רבי׳ן ר׳ בער פון מעזעריטש, דער שטעלפערטרעטער פון׳ם הייליגען בעל־שם־טוב, דער גרינדער פון׳ם חסידות.

ר׳ בער איז געווען א גרויסער גאון און א שטארקער מתנגד פון׳ם בעל־שם. כאטש ער האט יאהרען לאנג געליטען פון פיס־רהומאטיזם שרעקליכע יסורים, האט ער זיך בשום אופן ניט געוואלט לאזען איבעררעדען פון זיינע פריינד, ער זאל פרופען געהען צום בעל־שם וועלכער איז גראד געווען אין זיין שטאדט וואו ער האט געוואהנט און דארט געהיילט מיט סגולות און רפואות פערשיעדענע חולאים. ענדליך דורך א סבה, האט ער זיך געזעהן מיט׳ן בעל־שם און צו איהם אזוי צוגעקלעפט געווארען אז ער האט זיך ממש מעהר ניט געקענט פון איהם אבצייסען.

ניט וועלענדיג ציהען פרנסה פון רבנות, האָט ר׳ בער געוואהנט אין א דאָרף נעבען דער שטאָדט טורטשין פון וואנעט ער איז געווען אן איידים, און זיך מפרנס געווען אין גרויס דחקות פון מלומדות. ער איז געווען א מלמד ביים ארענדאר. קיינער האָט איהם ניט רעכט געקענט, ווייל ער האָט זיך בעמיהט אויסצובעהאַלטען פאר מענשען, זיי זאלען ניט וויסען פון זיין גרויסקייט אין תורה און אין חסידות.

עס איז ערשט עטליכע וואָכען זייט ער איז צוריקגעקומען פון מעזיבוש, פון׳ם בעל־שם, פון וועלכען דיא וועלט פלעגט זיך אנדערצעהלען אזוי פיעל הימלישע וואונדער אין וועלכע ער האָט לחלוטין ניט געגלויבט. איצט אבער, האָט ער דאס אליין געזעהען מיט זיינע איינענע אויגען, אמת׳דיגע נפלאות הבורא. ער האָט נעהערט מיט זיינע אייגענע אויערען אזעלכע סודות התורה וואס ס׳איז גאר ניט מענשליך זיי משיג צו זיין, און נאָך ביז היינט פיהלט ער אין זיין הארץ עפּעס א מין משונה׳דיג זיס ווארעמקייט, ממש א גן־עדן תענוג, פון וועלכען ער האָט פריהער ניט נעהאט קיין שום הרגשה און קיין שום בעגריף.

און אין זיינע אויערען קלינגען נאָך דיא פלאים׳דיגע דבורים וואס דער בעל־שם האָט איהם געזאגט ביי דער ברכה ביים געזעגנען: „יהי רצון אז דוא זאלסט האָבען א זוהן, וועלכער זאל זיין כלו קודש, בלויז רוחניות, א מלאך איז א מענשען געשטאלט”.

ער האָט זיך שוין געהאט גאנץ מיאש געווען פון צו האָבען קינדער אליין איז ער א קראנקער א צובראָכענער, דאס ווייב אויך ניט קיין גרויסע בעל־גבורה׳ניצי. בפרט ווען ס׳זיינען שוין אוועק אזוי פיעל יאהר נאָך זייער חתונה און מען הערט ניט און מען זעהט ניט . . .

און איצט ? עפּיס פיהלט ער וויא א דבר ברור, אז דעם בעל־שם׳ס דבורים מוזען מקוים ווערען. ס׳איז ביי איהם מעהר גאָר קיין ספק ניט. אז דער בעל־שם האָט געזאגט מוז עס אזוי זיין.

עס איז א קאלטע ווינטער־נאכט. ר׳ בער זיצט אין דעם חדר׳ל פערטיעפט אין לערנען, ניט וויסענדיג אז זיין ווייב געהט איצט אין דער פראָסטיגער נאכט צו פוס אין שטאדט אריין, כדי מקיים צו זיין, וויא א כשר׳ע אידישע טאָכטער, מצות־טבילה אין דער צייט. ציטערענדיג מיט אלע איברים, קוים לעבענדיג, איז זי אנגעקומען שפּעט ביינאכט אין טורטשין, אבער דער אכזריות׳דיגער נייער בעדער האָט זיא באין אופן ניט געוואלט אריינלאָזען אין מקוה ביז זיא וועט ניט בעצאָהלען דיא טאקסע. זיא האָט אבער ניט אפילו א פּרוטה ביי דער נשמה, אוז דאצו נאָך איז זיא זעהר שעהמעוודיג איהם שטארק צו בעטען, כדי איהם ניט ארויסצוברענגען אויס דער העזה זיא אָבצושרייען מיט צינישע אויסדריקע.

און דיא צדקת געהט ווידער צוריק אהיים אין דאָרף אריין. פון איהרע אויגען קייקלען זיך הייסע טרעהרען, וועלכע ווערען אויף דיא באקען געפרוירען און פאלען אראָב וויא האָגעל־גרויפּען. זיא פיהלט אז איהרע כחות לאזען זיך איהר אויס, אָט, אָט פאלט זיא צוזאמען . . .

פלוצים דערזעהט זיא אָנקומען אקעגען איהר א שליטען אין וועלכען ס׳זיינען געזעסען פיער ווייבער. דער שליטען האָט זיך אָבגעשטעלט, און איינע פון דיא

פרויען, האָט זיא געפרעגט פון וואנעט און וואו אהין זיא געהט אין אזא קאלטע נאכט גאנץ אליין.

דערהערענדיג אז דיא ווייבער רעדען צו איהר פּראָסטע אידיש, האָט זיא בעקו־מען מוטה און אלעס זיי דערצעהלט וואס מיט איהר האָט פּאסירט, און דאביי אָנ־געהויבען שטארק צו וויינען.

ווינט ניט ווייבעל. אָט פאָהרען מיר איצט אין שטאדט אריין, זעצט אייך מיט אונז אויף, און מיר וועלען אייך צו פיהרען וויא אהין איהר בעדארפט, אייך אויסבאָרגען דעם קליינען בעטראג און דאן אייך אָבפיהרען אהיים.

זיי האָבען ר' בער'ס ווייב ארויפגענומען אויף'ן שליטען, זיא גוט ארום גע־היעלט זיא זאָל זיך איינוואַרעמען, דאן מקיים דבור געווען אלצדינג ווי זיי האבען איהר צוגעזאגט.

„מיר טהוען אייך דאמיט גאר ניט קיין בעזאנדערע טובה — האָבען זיי גע־זאָגט צום ווייבעל. — מיר פאָהרען סיי־ווי א נסיעה לשם תענוג, כדי זיך אביסעל דורכצושליטלען, וואס'זשע פאר א חילוק איז פאר אונז וועלכען וועג מיר פאָהרען? אדרבה, ס'איז גאר פאר אונז א טובה. מיזָהר א מענש, מעהר היימישער"

קומענדיג אהיים, האָט דאָס ווייבעל דערצעהלט איהר מאן ר' בער אלעס וואס מיט איהר האָט פּאסירט.

„ווייסטו ווער אָט יענע פיער ווייבער זיינען דאס געווען? האָט צו איהר דאן ר' בער געזאגט. דאס זיינען געווען אונזערע הייליגע מוטערס: שרה, רבקה, רחל ולאה, און געשיקט האָט זיי צו דיר, מיין רבי דער בעל־שם".

אין דעמזעלבען יאָהר איז ביי זיי געבוירען געוואָרען ר' אברהם המלאך, דער זיידע פון'ם ריזינער. דאס איז געווען אים יאָהר תק"א.

אזוי דערצעהלט דיא חסידישע אגדה.

דער רבי ר' בער האָט שפּעטער, נאכדעם וויא דער בעל־שם איז נסתלק גע־וואָרען, איבערנומען דיא גאנצע גייסטיגע ממשלה פון זיין רבי'ן און זיא נאָך אויסגעברייטעט מיט כבוד און גדולה, ער האָט איינגעפיהרט, אז דער רבי זאָל שטענדיג זיצען אין דער היים, ניט וויא זיין רבי פלעגט שטענדיג ארומפאָהרען אין דיא שטעדטלעך וואו ס'זיינען פערהאנען געווען חסידים. ער האָט עס אויך איינגעפיהרט, אז יעדער חסיד דארף געבען דעם רבי'ן א קוויטעל מיט א פּדיון, צו ער האָט צום רבי'ן עפּעס א בקשה אדער ניט. אין זיינע צייטען, האָט זיך דאס חסידות פערשפרייט אויף א האלבע וועלט, דורך דער השפעה פון זיינע פיעל תלמידים. דיא בלוטיגע מלחמה פון דיא מתנגדישע רבנים מיט'ן ווילנער גאון בראש, האָט גאר געהאט א פערקעהרטע ווירקונג: דאס חסידות איז דאדורך נאָך מעהר געשטאַרקט און בעפעסטיגט געוואָרען.

דער רבי ר' בער האָט אבער נאָך בחייו געזעהען אז זיין רוחניות'דיגער זוהן וועט ניט זיין ביכולת פאָרטצוזעצען זיין גוט־אידישע ארבייט. מחמת א צדיק הדור, א רבי פון חסידים, מוז האָבען א שייכות מיט דיא חסידים און דאביי אויך א ידיעה אין ענינים פון דער וועלט, בעת זיין זוהן האָט זיך כל ימי חייו גאנץ פּורש געווען פון ענינים פון עולם הזה, ניט וועלענדיג האָבען קיין שום מגע ומשא מיט וועמען עס איז. דאס האָט דעם רבי'ן ר' בער זעהר געקרענקט.

האָט זיך צו איהם אין יאהר פון זיין פטירה בעוויזען זיין רבי דער בעל־שם און צו איהם אזוי געזאגט :

ניט דיין זוהן וועט זיין מיין און דיין ממלא מקום. ער איז נור דער סלם (דיא לייטער), פון וועלכער ס׳שטעהט : ״והנה מלאכי אלקים עולים ויורדים בו״. האָב איך דיר ניט געזאגט פאר מיין שטארבען, אז באם משיח וועט ניט קומען מוז איך נאך אמאל אראבקומען ? איך וועל טאקע אראָב קומען דורך דיא דאזיגע הייליגע לייטער, אין א קורצע צייט ארום.

געמיינט האָט ער דאמיט זיין נאָמען־טרעגער ר׳ ישראל׳טשי פון ריזין, פון וועמען ס׳הייסט, אז ר׳האָט געהאט נשמת בעל־שם.

## קאפיטעל 5.

# די אצילות׳דיגע נשמה.

**א צוויי טויזענד יעהריגע נשמה—דער תהו-ובהו אין די עולמות עליונים—פאר א הימלישע מתנה לאָזט ער זיך איינבעטען—דעם צדיק׳ס עונש—די אינטערעסאנטע צואה—ווי אזוי מען נארט אוים דעם בעל-דבר—דער מלאך האָט איהם פערגעסען צו געבען א שנעל אין נאָז—א גוף וואָס איז הייליג ווי א ספר-תורה.**

אין דער חסידישער סביבה דערצעהלט מען זיך אזוי :

ס׳איז א דבר ידוע, אז דאָס גאנצע אראָבקומען פון׳ם מלאך׳ס נשמה אויף דעם עולם השפל, איז נור געווען כדי ער זאָל דאן אראָבציהען פון די הימלישע בעהאלטענע היכלות די גרויסע נשמה פון ר׳ ישראל׳טשי ריזינער.

מעהר פון צוויי טויזענד יאָהר איז די דאָזיגע ערדלע נשמה געווען בעהאלטען הינטער דעם כסא־הכבוד פון גאָט־ברוך הוא, געלוסטענריג און נארענדיג אראבצוגעהען אויף דעם דאָזיגען עולם.

ערדלע נשמות האָבען ניט קיין נחת־רוח פון די הימלישע געשענקטע תענוגים ; פאר זיי שמעקט בעסער א מיט יגיע־כפים פערדיענטע עולם־הבא.

אָבער ניט יעדער מענש, אפילו פון די גאָר גרויסע, איז ראוי און בעזיצט דעם נויטיגען כח אראבצוציהען אזא נשמה. דאצו מוז מען האָבען א הייליגען גוף, קריסטאל־ריינע, קיינמאָל ניט געווען בעפלעקטע, איברים, א מוח אָהן די קלענסטע פגימה פון א ניט־פאסענדען געדאנקען, א מין אדם השלם.

און אזא מענש מיט אָט די אלע אויסגערעכענטע מעלות, איז נור געווען דער צדיק, ר׳ אברהמ׳לע מלאך.

אָבער טאקע ווייל ער איז געווען ״כלו קודש״, בלויז רוחניות, האָט ער זיך בשום אופן ניט געקענט אָבגעבען צו עולם־הזה׳דיגע נארישקייטען, צו בהמות׳דיגע נאטירליכקייטען...

איז געוואָרען א מורא׳דיגער רעש אין דעם היכל פון די נשמות. די גאנצע פמליא של מעלה איז, כביכול, געווען ווי פערווירט; ס׳טייטש, די הויכע, עדעלע, געטליכע נשמה, וואָס וועט זיין איהר סוף? ווי לאַנג נאָך וועט זי זיצען און וואַרטען מיט אַן אין־סוף׳דיג בענקעניש צו דער מעשים־וועלט, וואו מען קען דיענען דעם בעשעפער ניט נור מיט זינגען מלאכים־שירה, נאָר מיט ממשות׳דיגע פעולות און גוטע מעשים?

האָט דער מעזעריטשער מגיד, דעם מלאך׳ס פאָטער, דערפיהלט דעם תהו־ובהו׳דיגען צושטאנד אין דיא הימלישע ספירות (ספערען) צוליעב זיין זוהנ׳ס מלאך׳דיג פרישות.

האָט ער זיך ביים זוהן געבעטען רחמים: "די תורה איז ניט געגעבען געוואָרען צו מלאכים. השם יתברך איז "מלא כל הארץ כבודו", אומעטום פול. ס׳איז לחלוטין ניט פערהאנען קיין בהמות׳דיגעס. אומעטום קען מען געפינען דעם זוהר־אין־סוף (דעם אָבגלאַנץ פון דער שכינה)".

"אומעטום קען מען איהם געפינען און אין רוחניות׳דיגע מעשים מוז מען איהם געפינען" — האָט איהם דער מלאך געענטפערט.

— בין איך אויף דיר גוזר בגזרת כבוד אב, דו זאָלסט מעמיד דורות זיין.

דער מלאך האָט גאָר ניט געענטפערט. שפּעטער האָט ער געזאָגט צו זיין חבר ר׳ שניאור זלמן פון לאָדי: "איך קען ניט מבטל זיין דעם ווילען פון מיין רוחניות׳דיגען פאָטער (גאָט־ברוך־הוא), צוליעב דעם ווילען פון מיין גשמיות׳־דיגען פאָטער".

צעהן יאָהר נאָך דער חתונה איז דאָס ווייב געשטאָרבען פאר גרויס צער און צוריקהאלטונג.

צוליעב א וואונק מן השמים און א מתנה וואָס דער מלאך מיכאל האָט איהם צוגעזאָגט אלס דרשה־געשאנק (דעריבער וועט נאָך דערצעהלט ווערען) האָט דער מלאך איינגעוויליגט חתונה צו האָבען און צו ברענגען דורות אויף דער וועלט.

ווייל ער האָט אָבער פריהער ניט געפאָלגט זיין פאָטער, האָט ער געהאַט אַן עונש. די הימעל־עדעלע־נשמה איז ניט מעהר אראָבגעקומען דירעקט פון איהם אליין, נור אינדירעקט פון זיין זוהן, ר׳ שלום שכנא.

און דער מלאך הקדוש, באלד נאכדעם ווי ער האָט ערפילט דאָס הימלישע שליחות, איז ער נסתלק געוואָרען אים אלטער פון קוים 37 יאָהר. בעת זיין קינד ר׳ שלום שכנא איז קוים אלט געווען ניין יאָהר.

פאַר׳ן הסתלקות, האָט דער "מלאך" צוגערופען זיין ניין יעהריג אינגעל צו זיין שטארבע־בעט און איהם איבערגעגעבען א טיעפען עניז, זאָגענדיג צו איהם בהאי לישנא:

"דו זאָלסט וויסען, מיין קינד, אז ס׳איז זעהר שווער אויסצוקומען מיט׳ן בעל־דבר דורכ׳ן אמת. פון אונזער פאָטער האָבען מיר בירושה א מין "עבודה", דורך וועלכע מיר וואָלטען אימשטאנד געווען צו טהון גרויסע טובות פאר׳ן כלל ישראל, און אפשר גאָר אויך מקרב זיין די גאולה. די צרה איז אָבער, וואָס דער ס"ם, דער בעל־דבר, היט אונז די טריט. אזוי ווי מיר ווילען נור עפּיס אָנהויבען צו טהון, פערשטעלט ער אונז אלע וועגען. אָט וועל איך דיר איבער־געבען דעם סוד פון דיזער עבודה, און דו האָב שכל. פערשטעל זיך, ווייז ניט

ארויס דעם אמת. מיט׳ן ״בעל־דבר״, וועלכער איז ״כלו שקר״, מוז מען ניט נעהן דוקא מיט׳ן הוילען אמת״.

און ר׳ שלום האָט פערשטאנען דעם פאָטער׳ס דבורים. ער האָט זיך פערשטעלט, זיך מכלומר׳שט געפיהרט אויף גאָר א נייעם דרך; ניט געפיהרט קיין סיגופים (פלאָגען זיך), ניט קיין מקואות און ניט פערארבייט מעשים ביים דאווענען ווי די פריהעריגע צדיקים, נור דוקא זיך געפיהרט מיט גרויס רחבה, מיט כל׳ערליי פערגניגענס, ממש ווי א פריץ, להבדיל, כדי דער בעל־דבר זאָל זיך טועה זיין און מיינען אז ער, דער צדיק, איז, חלילה וחס, איינער פון זיין חבריא, און זיך לחלוטין צו איהם גאָר ניט טשעפען. אזוי ווי אָבער ער וועט נור פון איהם מסיח־דעת זיין און איהם צורוה לאָזען, וועט דער צדיק דאן זיין ביכולת אויסצופיהרען זיין נייע ״עבודה״ אָהן א שטערונג.

נאָר געה שפּיעל דיך מיט׳ן ״בעל־דבר״, וויבאלד די כנסת־ישראל איז נאָך ניט ווערטה צו האָבען די ישועה. דער ס״ם האָט באלד דערפיהלט אז ר׳ שלום איז עוסק אין יחודים און געוואָלט איהם כאפּען טאקע ביי דער האנד, דאָס הייסט בשעת ״עבודה״, כדי ער זאָל זיך מיט איהם אָברעכנען כדבעי. איז אָבער ר׳ שלום אויך ניט קיין שלים־מזל׳ניק, אוי ווי ער האָט דאָס דער־פיהלט, איז ער תיכף ומיד ארויסגעלאָפען אין מארק אריין, בעצמו געקויפט א הוהן פון א ״נכרית״, און איהר צוגעצעהלט דאָס געלד פשוט פון האנד צו האנד, פון זיין הייליגער יד, צו איהרע טומאה׳דיגע ידים. דער בעל־דבר האָט זיך ווידער געלאָזט אָבנארען און ר׳ שלום איז ניצול געוואָרען. מעהר האָט ער ניט געוואלט מאכען קיין יחודים, שטעלען זיך איז א סכנה. ער האָט די דאָזיגע שווערע עבודה איבערגעלאָזט פאר זיין יונגען יורש, ר׳ ישראל פון ריזין.

שוין אלס פינף־יעהריג קינד, האט אויף איהם זיין פאָטער עדות געזאָגט אז ער בעזיצט הימלישע אייגענשאפטען. ווען זיין מלמד האָט איהם אמאָל פער׳מסר׳ט פאר׳ן פאָטער, אז ער וויל ניט ארייננקוקען אינ׳ם ספר, האָט זיך ר׳ שלום צו איהם אָנגערופען:

״ער קוקט שוין גוט און ווייסט דוקא וואו צו קוקען. הימעל און ערד זיינען מיינע עדות, אז דער מלאך וואָס האָט די ממשלה איבער די ניי־געבוירענע קינדער, האָט פערגעסען איהם צו געבען א שנעל הינטער דער נאָז; ער גע־דענקט נאָך אלצדינג וואָס ער האָט געלערנט אין דער מוטער׳ס לייב בעת דאס הימלישע ליכט האָט איהם געלייכט צו קאָפּענס״.

אָבער ניט נור זיין פאָטער, נאָר אויך דער אלטער אפטער צדיק, דער עלטעסטער און אנגעזעהענסטער פון אלע צדיקים אין דור האָט אויפ׳ן ריזינער, בעת ער איז נאָך געווען א בלוט־יונגערמאן, דאָסזעלבע עדות געזאָגט.

דאָס איז געווען אויף דער גרויסער חתונה אין אסטיליע. אלע צדיקים פונ׳ם דור האָבען זיך דעמאָלט בעטייליגט אויף דיזע אינטערעסאנטע חתונה, צווישען זיי דער אלטער אפּטער און דער גאָר יונגיטשקער ריזינער.

צו יענער צייט — און ביי פיעל רבּיים נאָך היינטיגע צייטען — האָט קיין איינציגער גוטער איד, אפילו ניט קיין רעכטער חסיד, געטראָגען א מלבוש וועלכעס איז געמאכט פון וואָל, איבער א חשש (א קלעהר) פון שעטנז. ניט קוקענדיג אויף דעם דאָזיגען אלטען רבי׳שען מנהג, האָט זיך דער

**יונגער ריזינער** געקליידעט אין א טוכענע קאפאטע, געגייט לויט דער דאמאלס־דיגער נייעסטער מאָדע מיט אלע מפורשים. מאנכע רביים, וועלכע האבען ניט פערשטאנען די כונה פון דעם דאָזיגען נייעם דרך, האבען אין זייער מחשבה, ניט וואגענדיג עס ארויס צו זאָגען, דארויף מתרעם געווען. הפנים אז דער אלטער אפטער צדיק האָט דערפיהלט זייער הקפדה (דאס פאראיבעל האבען). דערזעהענדיג דעם ריזינער פארבייגעהן, האָט ער זיך אנגערופען צו די איבריגע רביים כהאי לישנא:

"אז איך קוק אָן דעם דאָזיגען "מלך ישראל", ווערט מיר ליכטיג אין די אויגען. איך האָב נאָך קיינמאָל ניט געזעהען, אז די גאנצע תורה, מיט תלמוד בבלי און ירושלמי, ספרא, ספרי און תוספתא, זאָלען אלע צוזאמען זיין איינגעוויקעלט אין א טוכענע קאפאָטע. וויא איך זעה דאָס ביי דעם דאָזיגען יונגען מאן. פון די ספרי האר"י (קבלה־ספרים), איז דאָך גאָר קיין שמועס ניט; זיי קען ער דאָך ממש אויסענווייניג, בעסער ווי מיר אשרי".

בעת דער ריזינער האָט זיך דעמאָלט געזעגענט מיט דעם אפטער אהיימצור־פאהרען, האָט איהם דער אלטער צדיק בעגלייט צו פיס א שטיק מהלך. אויפ׳ן וועג, האָט זיך ביים ריזינער נאכגעלאָזט דער גארטעל און זיך נאָכגעשלעפּט אויף דער ערד. האָט זיך דער אלטער אפטער אראָבגעבויגען, אויפגעהויבען דעם גארטעל און איהם מיט זיינע הענט ארומגעוויקעלט ארום ריזינער׳ס קערפער.

האָט דאָס זעהר געארט זיין זוהן ר׳ יצחק מאיר. ער האָט דאן דעם פאָטער געפרעגט:

"היתכן? איז דאָס רעכט, אז אזא אלטער צדיק ווי דו ביזט, זאָל זיך אזוי ערנידריגען צו בעדיענען אזא יונגען מאן?"

"מיין קינד — האָט איהם דער אלטער פאָטער געענטפערט — דו זאָלסט וויסען, אז בעת כ׳האָב ארומגעוויקעלט זיין הייליגען גוף, האָב איך מקיים געווען די מצוה גלילה ביי א ספר־תורה".

אזא מין צדיק איז דאָס געווען דער ריזינער, דער פאָטער פון די סאדאגורער רביים.

## קאפיטעל 6.

# די גוט־אידישע מלוכה.

**די סמיכה אלס א זעקס יעהריג קינד — אן עונש פאר דעם קינדישען גאות — דער פרעכטיגער הויף אין ריזין — פערבאָרגענע סגופים — דער רבי טראָגט ווינטער שטיוועל אָהן פאדעשוועס — דער סאווראנער ביים ריזינער — ער לערנט אין שטאל "מעשה־מרכבה".**

דער ריזינער רבי, ר׳ ישראלטשי, איז געווען דער צענטער פון׳ם סאדאגורער יחוס. זעהר גרויס איז געווען דער זיידע ר׳ בער, דער מגיד פון מעזעריטש, נאָך

אפשר נרעסער איז געווען זיין זוהן דער ״הייליגער מלאך״, אָבער דער אמת׳ער רבי פון חסידים, דער שאפער פון נייעם גוט־אידישען דרך און פון דער אמת׳ער אהבת־חברים, איז ניט געווען קיין אנדערער וויא דער ריזינער צדיק.

ער איז געווען דער איינציגער צדיק וואָס האָט נאָך אלס גאָר יונגעס קינד געהאט סמיכה אלס א ״רבי״, און ניט פון עפעס וועמען ס׳איז, נור טאקע פון׳ם הייליגען בערדיטשעווער צדיק ר׳ לוי יצחק.

בעת דיא מוטער פון ר׳ ישראל׳טשי איז מיט איהם געפאָהרען טהאָן א שדוך קיין בערדיטשעוו, איז ער דעמאָלט אלט געווען זעקס יאָהר און איז שוין געווען א יתום פון׳ם פאָטער.

האָט דער בערדיטשעווער צדיק דעמאָלט א בעפעהל געגעבען צו אלע מלמדים פון דער שטאָדט, זיי זאָלען אקעגען שיקען זייערע תלמידים מקבל פנים צו זיין דעם חתן. עס איז גאָר א סברא צווישען חסידים, אז דער בערדיטשעווער האָט דעמאָלט געזאָגט, אז ווער עס וועט מקבל פנים זיין דעם יונגען חתן, וועט האָבען צו געדענקען פאר כל ימי חייו אז ער האָט געזעהן דאָס פנים פון א מלאך אלקים.

און ערך פון א האלבען מייל זיינען געווען אויסגעשטעלט די חדר־קינדער אויףביידע זייטען פון׳ם וועג, וואו דיא הערליכע קאליעסע וואָס האָט געפיהרט דעם חתן איז דורכגעפאָהרען מיט גרויס פאראד. פערשיעדענע׳ערליי מוזיק האָט געשפיעלט. און אין שטאָדט איז ניט געבליבען קיין אידיש נפש וואָס זאָל ניט געווען אקעגען געהן צום קבלת פנים.

שפעטער מיט יאָהרען, ווען דער ריזינער איז צוליעב א פאלשען בלבול געזעסען אין קרימינאל, האָט ער געזאָגט צו זיינע מקורבים, אז ער פיהלט זיך ניט אין קיין שום חטא, פאר וועלכען ס׳האָט איהם געזאָלט קומען אזא מין עונש. וויבאלד דאָס איז ניט אלס א כפרת־הדור, וואָס אן אידישער ראש מוז אמאָל ליידען, ניט פאר זיינע אייגענע חטאים נור פאר׳ן כלל, קען עס ניט אנדערש זיין נור פאר דעם איין־איינציגען חטא, וואָס ער האָט געזינדיגט אלס קינד, האָבענדיג גאוות בשעת דעם קבלת־פנים אין בערדיטשעוו.

דער בערדיטשעווער האָט דעמאָלט געבענשט דעם חתן מיט ביידע הענד, וועלכעס ווערט בעטראכט פאר א דייטליכע סמיכה, זאָגענדיג דאביי צו דער מוטער: ״רביצין, היט מיר גוט אָב דעם דאָזיגען טהייערען אוצר אויף וועמען דיא שכינה הקדושה זאָגט: ״ישראל אשר בך אתפאר״ (ישראל, מיט דיר טהו איך מיך ריהמען).

באלד נאָך דער חתונה, אלס פיערצעהן יעהריגער יונגער מאן, האָט ער שוין געהאט א גרויסען עולם פון דיא געקליבענסטע וואָהלינער און פאָדאָליער חסידים. עס איז געווען געוויסע מיסטישע שרעק. עס איז געווען נגנוג פאר א בר־דעת איהם נור איינמאָל צו זעהן כדי צו ווערען צו איהם צוגעקלעפט בלב ונפש. ער האָט באלד איינגעשלאָגען א נייעם וועג, גאנץ אנדערש פון דעם וויא דאָס רוב גוטע־אידען, פון׳ם בעל־שם אָן, פלעגען זיך פיהרען. ער האָט זיך אויפגעשטעלט א פראכטפאָלען הויף, ממש וויא א מלך, און זיך אנגעהויבען צו פיהרען מיט כבוד און גדולה וויא אן אמת׳ער פירשט.

פון דעמאָלט אָן איז דער ריזינער הויף בעריהמט געוואָרען ניט נור צווישען חסידים נור אויך צווישען דיא גוי׳שע פריצים. אלע צייטונגען האָבען בעשריבען דאָס שעהנקייט פון דעם רבינ׳ס הויף מיט זיינע פּרעכטיגע איינריכטונגען, א זאך וואָס האָט ארויסגערופען א שרעקליכע קנאה אין דיא הויכע, ניט־אידישע ספערען.

עס וועט אפשר אינטערעסאנט זיין פאר דיא לעזער זיך צו בעקענען מיט דער פּרעכטיגקייט פון׳ם ריזינער הויף לויט ער איז בעשריבען אין דעם בוך "בראַמא פּאקוטא" (דיא טויערן פון תשובה), פון דעם פּוילישען שרייבער בראַניצקי וויא אויך אין דער דייטשער צייטונג "גארטענלויבע", וועלכע דערצעהלען אונז פאָלגענדעס:

"דיא גרעסטע ארכיטעקטען, בילדהויער, מאהלער און רעקאָראַטאָרען, זיינען עקסטרא נעקומען פון פּאריז און איטאליען אין דעם קליינעם שטעדטיל ריזין אין וואָלין, כדי דיעזען וואונדערבארען בוי אויפצובויען און אויסצופּוצען. דער הויף איז ניט נור געווען שעהן אויפגעפּוצט פון אויסוועניג, פאַרן אויג, נור אויך אלצדינג איז געמאכט געווען פון׳ם טהייערסטען און בעסטען מאטעריאל אין דער וועלט. דער פוסבאָרען (פּלאָר) פון׳ם גרויסען שפּייזעזאל, איז געווען אויסגעפלאסטערט מיט זילבערנע רובעל. אלע הענטלעך פון דיא טיהרען־שלעסער זיינען געווען פון בורשטין, וועלכער איז אין רוסלאנד זעהר טהייער. דיא כלים און מעבעל זיינען געווען פערשווענדעריש רייך אויסגעשטאטעט אז מען האָט ממש ניט געוואוסט ווּ צו דיא אויגען אהינצוטהאָן.

ארום און ארום דער הויפּט געביידע איז געווען א ריעזען־גרויסער הויף, אין וועלכען ס׳האָט זיך געפונען א פּרעכטיגער שפּאציער־גאָרטען, וויא אויך גרויסע, הערליכע שטאלונגען פאר דיא טהייערע פערד. דיא פערד האָבען געהאט א גרויסען שם אין דער רוסישער ספּאָרט־וועלט, און דיא פּראכט פון דיא וואונדערשעהנע קאַליעסען האָבען פערארזאכט א געוואלדיגע קנאה פון דיא גרויסע רייכע פּריצים וועלכע האָבען ניט פערגונען דעם אידישען "קרול" (קעניג) אזא לוקסוס.

ארויסגעפאָהרען איז דער ריזינער רבי תמיד אין א קאַליעסע געשפּאנט צו זעקס פערד וויא א קייזער. טאָמער איז ער געפאָהרען פאר א ווייטערע נסיעה, האָבען זיך געצויגען, פאר זיין קאַליעסע און הינטער איהר, גאנצע שורות פון צוויי־שפּאניגע וועגען, אין וועלכע ס׳פלעגען זיצען זיין הויפס־שטאאט, דיא כלי־קודש: דיא נבאים, חזנים, סתם מקורבים, דיא שוחטים, דיענערשאפט, דאָס גאנצע קיכען־פערסאָנאל און נאָך כהנה. ארום זיין איינענע קארעטע האָבען געריטען א מחנה טשערקעסישע רייטער (אוראי פערשטעלטע חסידים), ממש איינגעטונקט אין די גאָלד־מונדירען. ביינאכט פלעגט פאָהרען פאָראויס פאר׳ן רבינ׳ס קאַליעסע, א צוויי־ראָדיגער וואָגען, מיט ברענענדיגע פעסער מיט פעך. עס איז געווען אן אמת׳ער קעניגליכער הויף מיט אלע מפורשים, אפילו מיט א מוזיק־קאפּעלע, וועלכע האָט פאר איהם געשפּיעלט ערב ובוקר.

אלטע חסידים דערצעהלען זיך, אז טראָץ דעם אויסערליכען גלאַנץ און קעניגליכער פּראכט פון דעם ריזינער׳ס פיהרונג אין כל׳ערליי ענינים, בעזאָנ־דערס אין דער מאָדערנער קליידונג, האָט ער זיך פונדעסטוועגען שטארק מסגף

געווען (געפלאגט). זיינע סגופים זיינען אבער אזוי פערשטעלט געווען, אז אחוץ דיא גאניץ נאהענטע מקורבים, האט קיין שום מענש ניט געקענט זיי בעמערקען. ער האט, למשל, געשלונגען גאנצע שטיקלעך פלייש ביים עסען, ניט זיי צוקייעט, כדי פון פלייש קיין הנאה ניט צו האבען. עס וועט זיין גענוג צו ברענגען אט דיזע עובדה פון דיא פיעלע מעשיות וואס ס׳ווערט פון איהם דערצעהלט מכח דיא געהיימע פלאגען.

עס איז געווען אין א שעהנע שבת-נאכט. דיא לבנה האט העל געלייכט, דער שנעע האט געגלאנצט וויא פינקעלדיגע בריליאנטען און דער פראסט האט געברענט וויא א פלאם פייער. דער ריזינער, נאך אלס גאר א יונגער רבי, איז דעמאלט געשטאנען מיט זיין חבריא אין׳ם הויף און מהדש געווען דיא לבנה. דער גאנצער עולם איז שוין לאנג פערטיג געווען מיט דיא ברכות, און דער רבי שטעהט נאך אלץ פערטראכט. דער פראסט ברענט יערען אב דיא אויערן, מען רייבט זיך דיא הענד, מען טופעט מיט דיא פיס, אבער צום צדיק׳ס דבקות נעהמט גאר ניט קיין עק. ענדליך איז דער רבי צו זיך געקומען, געגעבען א וואונק מיט דער האנד, און אונטער א קלאנג פון דער הויפס־מוזיק, מיט דער בעגלייטונג פון א הארמאנישעם זינגען דעם זמר ״טובים מאורות״ פון זיין זינגער־קאפעליע, איז זיך דער רבי פאמעלעך צוריק אריינגעגאנגען אין זיין צימער. עס האט זיך דאן שפעטער ארויסגעוויעזען, אז דיא שעהן פערפוצטע הירש־לעדערנע שטיוועלעך, וועלכע דער ריזינער האט געטראגען ביי קידוש לבנה, האבען לגמרי גאר ניט געהאט קיין זוילען; מיט נאקעטע פאדעשוועס, איז דער יונגער געפוצטער רבי געשטאנען אויף דעם געפרוירענעם שנעע, כדי מיטצומאכען, אויף א שטילען פערבארגענעם אופן דעם סגוף פון ״גלגול שלג״ (זיך קייקלען אין שנעע כדי צו פלאגען דעם גוף, איז געווען א מנהג פון פיעלע גרויסע רביים).

א מזל האט אבער דער ריזינער רבי געהאט, אז אלע צדיקים פון׳ם דור האבען פאר איהם גרויס דרך־ארץ געהאט, בעהויפטענדיג, אז זיין נייער דרך, צו פיהרען זיך מלכות׳דיג, איז זעהר הויך, אזוי, אז ניט איעדער קען דאס משיג זיין. ווען דער סאווראנער רבי ר׳ משה איז אמאל געווען ביים אלטען אפטער צדיק, האט ר׳ משה איהם געפרעגט אויף דער אורזאכע וואס אלע צדיקים בויגען זייערע קעפ פאר׳ן יונגען ריזינער, כאטש ער איז לגמרי גאר ניט קיין גרויסער למדן און בעל־מקובל, לויט וויא מען האט איהם דערצעהלט.

האט צו איהם דער אפטער אזוי געזאגט: ״סאווראנער רבי איך זאג אייך, אז ר׳ ישראל׳טשי ריזינער איז מיחד יחודים יעדע מינוט און יעדע רגע. אין יעדער פעולה פון זיינע האנדלונגען שטעקט א קדושה און אין יעדער שיחת־הולין א ים פון סודות־התורה. טהוט אייך אן א כח און פאהרט איהם קענען, איהר וועט ניט קיין חרטה האבען.

האט זיך דער סאווראנער מטריח געווען און איז געפאהרען קיין ריזין. דער ריזינער האט איהם קאלט אויפגענומען, זיך מיט איהם ווייניג אבגעגעבען און איהם ניט געוויזען קיין שום קורבות. דער סאווראנער רבי האט געהאט גרויס חרטה אויף זיין נסיעה, מחמת ער האט פון רבי׳ן גאר ניט געזעהן און גאר ניט געהערט. וואו׳זשע זיינען ערגיץ דיא סודות התורה מיט דיא הימלישע יחודים פון וועלכע דער אפטער האט איהם דערצעהלט?

פאר׳ן אוועקפאָהרען, האָט איהם דער ריזינער איינגעלאַדען מיטצוגעהן מיט איהם אין שטאַל אריין אָנצוקוקען זיינע קאַליעסען און זיינע פערד.

ניט גערן האָט דער סאווראנער געמוזט אָננעהמען די זאָנדערבארע איינלאדונג. דער ריזינער האָט איהם אריינגעפיהרט אין שטאַל אריין, איהם געוויזען דיא שעהנע קאָליעסען מיט זייערע הערליכע רעדער, און איהם ערקלעהרט דיא גאנצע צוזאמענשטעלונג פון דער קאַליעסע מיט איהרע פיער רעדער. ניט אויסלאָזענדיג אפילו דיא קלענסטע פלעקלעך און שרייפלעך.

"ער האָט דעמאָלט מיט מיר גערעדט אין שטאַל דיא גאנצע "מעשה מרכבה" (א מין טיעף הימלישער קבלה־למוד), האָט דער סאווראנער דערנאָך דערצעהלט זיינע מקורבים, און איז פון דעמאָלט אָן געוואָרען דעם ריזינער׳ס א גרויסער אנהעננער.

אזוי וויא אָבער דיא אומות־העולם פערשטעהען ניט קיין סודות, האָבען זיי דעם גאנצען ענין בעטראכט פאר א פשוט׳ן לוקסוס, וועלכען זיי האָבען א אידען ניט געקענט פערגינען. און ביי דער ערשטער געלעגענהייט, צוליעב א בלבול פון אידישע מוסרים, האָבען זיי גענומען נקמה און גורם געווען דעם צדיק גרויס צער און א ים מיט צרות און ענויים קשים.

## קאַפּיטעל 7.

# די מסירה.

**דער שושן־פורים־זיץ — פארוואָס הייסט חסידי׳שע משקה "תיקון"? — דער צדיק האָט עס פריהער געוואוסט — וואָס ס׳מיינט "צדיק הדור" — די דוניוויצער מוסרים — דער שרעקליכער עונש אין שוויץ־באָד — יוסף מוז געהן קיין מצרים.**

דיא אמת׳דיגע אורזאכע פאר וואס מען האָט דעם ריזינער רבי׳ן געהאלטען אין דער תפיסה מעהר פון צוויי יאהר, איז נאָך ביז היינט דאָקומענטאריש ניט בעוויזען געוואָרען. פון דיא בעריכטען אין דיא פערשידענע צייטונגען פון יענער צייט, קען מען ניט גענוג קלוג ווערען, וויל כמעט אלע יענע בעריכטען זיינען ארומגעפוצט מיט אזוי פיעל שקרים און כזבים, אז ס׳איז ניט מעגליך צו דערגעהן פון זיי א טאַלק. ס׳איז דאפיר גלייכער פאר מיר מיך סומך צו זיין אויף דיא ספורים וואָס כ׳האב געהערט פון אלטע חסידים, וועלכע האבען דאָס דערצעהלט אין א שושן־פורים אין׳ם יאהר תרמ״ב, אין טעבעל׳ס שענק.

שושן־פורים איז דער טאָג וואָס דער ריזינער רבי ר׳ ישראל׳טשי איז ארויס פון דער תפיסה (קערקער) אין קיוב. דיא אלטע חסידים וואָס האָבען נאָך זוכה געווען צו קענען דעם ריזינער צדיק פנים אל פנים, פלעגען אָבהאלטען א ספעציעלען חסידישען זיץ אין דעם חסידישען שענק צוליעב דער גרויסער בעפריי־

אונגס־עראייננים. דער עלטעסטער פון דער חבריא, פלעגט דערצעהלען באריכות די גאנצע מעשה וואס ס׳האט מיט׳ן צדיק פאסירט ביז ער האט געפונען זיין מקום־מנוחה אין סאדאגורע. דאס איז ביי דער גאנצער חבריא בעטראכט געווארען כמעט וויא א חוב פון קריאת־המגלה. עס וועט דארום, דענק איך, וויכטיג זיין צו איבערגעבען דיא ספורים, וועלכע זיינען אויך פערמישט מיט שעהנע דבורים פון׳ם צדיק, אזוי וויא איך האב זיי געהערט נאכדערצעהלען נאך דעם טרינקען פון תיקון לכבוד היום, ניט אויס־לאזענדיג אפילו דיא זייטען־בעמערקונגען פון דיא חסידישע צוהערער:

— איידער כ׳הויב אן צו דערציילען דיא גרויסע וואונדער וואס השם־יתברך האט דעמאלט געטהאן מיט׳ן הייליגען צדיק — האט דער זקן פון דער חבורה אנגעהויבען — לאמיר טרינקען "לחיים", און איך וועל אייך איינוועגס נאכזאגען א טהייערען דבור פון׳ם צדיק, פאר וואס דאס טרינקען משקה ווערט ביי חסידים אנגערופען "תיקון", וועלכעס מיינט פעררריכטען. מחמת מיט דעם טרינקען תיקון, ווערען דיא הערצער דערנעהנט איינס צו דאס אנדערע, מען דערצעהלט זיך דאביי ספורים פון צדיקים דורך וועלכע די אמונה ווערט פער־שטארקט, דאס ברייננט צו אן אמת׳ן הרהור תשובה, השם יתברך איז דארום מוחל דיא עונות און אלע פעהלערס ווערען דאדורך פאררריכט. א רמז דאצו איז דאס ווארט "כוס" (גלעזעל). די דריי אותיות כ׳ ו׳ ס׳, זיינען דיא אנהויב אותיות (ראשי תיבות) פון דיא דריי ווערטער: ויאמר ס׳לחתי כ׳דבריך (גאט זאגט, איך בין דיר מוחל אזוי וויא דו האסט מיך געבעטען).

האט איהם איינער געפרעגט: רבי, אין דער תורה שטעהט דאך בפירוש: ויאמר ה׳, גאט האט געזאגט, וואו זשע איז ערגיץ פאראנען ביים "כוס" גאט׳ס נאמען אויך?

"תיקון" מוזען דאך טרינקען צוויי אידען לכל הפחות, כדי זיי זאלען זיך קענען ווינשען "לחיים", — האט דער הייליגער צדיק געענטפערט — און וויא איהר ווייסט, זיינען דאך צוויי אידען (צוויי יודען) א שם, דער נאמען פון גאט־ברוך־הוא.

איצט לאמיר שמועסען מענינא:

עס איז פחדים, ממש פחדים נוראים, זיך נאר צו דערמאנען וואס דער צדיק הדור האט זיך אנגעליטען אין דעם משך פון דער צוויי יעהריגער תפיסה. און צוליעב ווענען האט ער דאס געליטען אויב ניט צוליעב דעם זינדיגען דור, וויא דיא גמרא זאגט בפרוש: "צדיק נתפס בעון הדור", דער צדיק ווערט גע־נומען אין דער תפיסה אריין נאר צוליעב דיא זינד פון׳ם דור.

און געוואוסט האט דאס דער רבי נאך מיט יאהרען פריהער אז ער איז אויסגעוועהלט אלס צדיק הדור צו זיין אויך דער קרבן פון׳ם דור. דאס איז געווען בעת דער רבי ז"ל האט זיך אמאל צוזאמענגעטראפען אין א שטעדטיל איז א שבת פרשה וישב, מיט ר׳ מאטילע טשערנאבלער. כאטש דיא צוויי צדיקים זיינען ניט געווען שוה־בשוה, פונדעסטוועגען האבען זייביידע דעמאלט איינגעוויליגט צו פיהרען דעם טיש בשותפות, ביידע צוזאמען.

וואס פאר א טיש ס׳איז דעמאלט געווען, זאלט איהר טיך שוין נאר ניט

**פרענען.** דער הייליגער רבי איז כסדר געזעסען פערטראכט, כמעט נאר ניט טועם נעווען אפילו פון די מאכלים, און דער אלטער טשערנאבלער האט פון איהם ביים נאנצען טיש קיין אויג ניט אראבגעלאזט. וואס פרעגט איהר? זיי קענען זיך שוין און פערשטעהען זיך שוין איינס דאס אנדערע.

האט דער טשערנאבלער זיך אנגערופען צו אונזער רבין: ריזינער רבי, זאגט עפעס תורה. האט דער רבי ז״ל אנגעהויבען כהאי לישנא:

״ויוסף הורד מצרימה״ (יוסף איז געבראכט געווארען קיין מצרים). ״יוסף״ מיינט דעם צדיק הדור״, ״מצרים״ מיינט ״קיוב״. דאס איז געווען די גאנצע תורה. דער טשערנאבלער רבי איז שטארק נתפעל געווארען און אויסגערופען אין גרויס אויפרעגונג: ״מיך לאזט צורוה, איך בין שוין צו אלט, מיינע כחות דיענען מיר ניט מעהר דאצו.״

פערשטעהט איהר א מעשה? שוין פריהער מיט 10 יאהר, האט דער רבי מרמז געווען אז דער צדיק הדור וועט זיצען תפוס אין קיוב. מעהר ניט, ער האט געוואלט מיט דעם כבוד מכבד זיין דעם טשערנאבלער צדיק, האט יענער שכל געהאט און איהם ניט געוואלט אננעהמען, מחמת אין אמת׳ן האט דער ענין טאקע געהערט צו אונזער רבי׳ן, ווארום ער, נאר ער איז געווען דער צדיק הדור.

איהר ווילט איך זאל אייך קלאהר מאכען וואס הייסט ״צדיק הדור״? הערט זיך צו:

וויא איהר ווייסט, האט יעדער חסידישער רבי געהאט א בעזונדערען כח אין עפעס א ספעציעלען ענין. ר׳ מאיר׳ל פרעמישליאנער׳ס כח איז בעשטאנען משפיע צו זיין אידען מיט פרנסה; ר׳ שלום בעלזער׳ס כח איז געווען צו היילען געלעהמטע און משונעים; דער קאמארנער צדיק האט זיך אויסגעצייכענט אין דעם ענין פון פקידת־עקרות און דער זידאטשובער אין משפיע זיין עשירות. אבער דאס, רבותי, איז נאך ניט אלעס. אמת, אז כדי צו קומען צו אזא מדרגה מוז מען זיין א זעהר גרויסער צדיק, אויף וועמען דער פסוק זאגט: ״רצון יראיו יעשה״, השם־יתברך טהוט צוליעב דעם צדיק׳ס רצון; אבער דאס הייסט נאך אליץ ניט געהאט אין דער האנד די גאנצע ממשלה פון אלע כחות־הטבע. דאצו איז נאר ראוי דער ״צדיק הדור״, וועלכער קען פערנליכען ווערען, להבדיל, צו אן אבערקאמענדאנט, און אזעלכער געפינט זיך קיינמאל ניט מעהר וויא איין איינצינער אין יעדען דור.

ובכן, אז מען איז דער צדיק הדור מוז מען אויך ליידען פאר׳ן דור.

עס האט זיך פון תמיד אויף געפונען צווישען אונזער פאלק, ס׳זאל ניט אויסגערעדט זיין, שמוציגע ברואים, וועלכע ניט זייענדיג אימשטאנד צו פיהרען א מלחמה מיט׳ן וואקסענדען חסידות מיט עהרליכע כלי־זין, מיט אנשטענדיגע וכוחים, וויסענדיג אין פאראוים, אז דאס חסידות איז צו שטארק זיי זאלען עס קענען מנצח זיין אויף אן עהרליכען אופן, האבען זיי זיך בעדיענט מיט פאסקודנע מיטעל, מיט פשוטע מסירות פאר דער רעגיערונג.

דאס איז געווען אים יאהר תקצ״ז. דאס מזל פוז׳ם ריזינער צדיק האט דעמאלט געשיינט וויא די זון, די גאנצע חסידישע וועלט האט זיך צו איהם

צוגעבויגען און אלע גרעסטע רביים האָבען פאַר איהם געהאַט הכנעה און גרויס דרך ארץ. דאָס האָבען ּ יא מתנגדים ניט געקענט גלייכגילטיג צוקוקען. האָבען זיי אויסגעזוכט צוויי בעקאַנטע מוסרים פון׳ם שטעדטיל דוניוויץ, וועלכע האָבען אריינגעבראַכט א מסירה דירעקט קיין פּעטערבורג, אז דער חסידישער רבי פון ריזין האָט זיך ערקלעהרט אלס א אידישער מלך. זיינע טויזענדער אנהענגער טהיילען איהם צו א קעניגליכען כבוד און בעפאָלגען זיינע גזרות גיכער וויא דיא גזרות המלכות.

עס האָט זיך באלד אנגעהויבען א שטילע אונטערזוכונג אויסצוגעפינען וויפיעל אמת ס׳איז פאַראַנען אין דיעזע מסירה. דיא פּריצים וועלכע האָבען שוין פון א לאַנגע צייט געקוקט מיט קנאה־אויגען אויף דיא מלכות׳דיגע הנהגה פון׳ם צדיק, האָבען צוגעהאָלפען בעשטעטיגען דעם חשד. מען איז דאַן אין א סאַמע שבת, בעת דער צדיק איז געזעסען ביים טיש, איבערפאַלען דעם הויף, געמאַכט א רעוויזיאָן און אלע כתבים אוועקגענומען. דערמאָלט האָט מען געקענט זעהן דעם כח פון׳ם צדיק. ער איז זיך גלייכגילטיג געזעסען ביים טיש, גלייך ניט איהם מיינט מען דאָס, און געפּראַוועט דעם טיש וויא געוועהנליך אָהן א שום ענדערונג.

עס פערשטעהט זיך, אז מען האָט גאַר ניט געקענט אויסגעפינען פון אלע כתבים. חוץ פון איין בריעף וואָס איז געשריבען געווען פון א חסיד צום רבי׳ן, וועלכער האָט זיך אָנגעהויבען מיט אזא מין טיטעל: ״ישתבח שמך לעד מלכנו מורנו ורבנו״ (געריהמט זאָל זיין דיין נאָמען אויף אייביג. אונזער קעניג, אונזער לעהרער און אונזער רבי). דיעזער בריעף האָט גורם געווען דעם רבי׳ן א סך צער, אבער סוף כל סוף, נאָך גרויסער פּראָטעקציע איז עס געלונגען צו בעווייזען דער רעגיערונג, אז דאָס איז נור א מעשה נארישער־חסיד און עס האָט ניט קיין שום ממשות׳דיגע בעדייטונג.

וואָלט דאָך שויז אלצדינג וויעדער גוט געוואָרען. טרעפט זיך אָבער, מעשה בעל־דבר, א שרעקליכע מעשה, וועלכע האָט צוגעגאָסען עהל (אויל) אויף דעם מסירה־פייער און דער שטן האָט איצט געהאַט הצלחה.

איינעם פון דיא צוויי מוסרים, האָט געטראָפען אן אונגליק בעת ער איז געווען פּרייטאָג אין שוויץ־באָד, נאָכדעם וויא ער האָט זיך גוט אויסגעשוויצט, האָט ער גענומען דאָס קענדעל וואַסער וואָס ס׳איז נעבען איהם געשטאַנען און זיך דאָמיט אָבגעגאָסען, מיינענדיג אז ס׳איז קאַלטע וואַסער, בעת ס׳איז גאָר געווען קאָכעדיג וואַסער. ער האָט זיך שרעקליך אָבגעבריהט און דאַן געשטאָרבען פון גרויסע יסורים. עס פערשטעהט זיך, אז דאָס איז געווען אן עונש מן השמים, פאַר דעם צער וואָס ער האָט דורך דער מסירה גורם געווען צום צדיק. דיא רשעי הדור, ימח־שמם, האָבען אָבער דעם ענין גאַנץ אנדערש אויסגעטייטשט. זיי האָבען בעהויפּטעט, אז דאָס קענדעל מיט קאָכעדיג וואַסער איז בכונה אונטער־געררוקט געוואָרען פון א ריזינער חסיד, מיט׳ן רבין׳ס ידיעה, כדי זיך אן איהם נוקם צו זיין. דאַפון האָבען זיי געזוכט צו בעווייזען דער רעגיערונג, אז דער ריזינער רבי ווערט ביי זיינע חסידים בעטראַכט פאַר א מלך. און טאָמער וואָנט

אימיצער איהם פונע בכבוד צו זיין, איז מען איהם דן מיט מיתה וויא א מורד במלכות.

דער גובערנאטאר פון קיוב, גראף באבריקאף, האט לכתחלה דער מסירה ניט געשענקט קיין אויפמערקזאמקייט. האבען אבער דיא בעהאלטענע פינסטערע כחות ניט גערוהט. זיי האבען גענעבען דער אלמנה פון׳ם מסור אויף דער הוצאה קיין פעטערבורג און פאר איהר אויסגע׳פועל׳ט אן אודיענץ ביים צאר ניקאלאי, וועלכער האט דעם ענין ערנסט גענומען און אראבגעשיקט קיין קיוב א ספעציעלע אונטערזוכונגס־קאמיסיע. דא האט זיך שוין דער קיובער גובער־נאטאר דערשראקען און געענדערט זיין פריהערדיגע טאקטיק. ער איז פשוט געווארען אן אכזר, א המן, וואהרשיינליך צוליעב א וואונק פון אויבען. אהן וועלכען ריכטיגען גרונד, אהן א געהעריגע אונטערזוכונג און אהן צו מאכען אפילו א פראטאקאל, איז מען איבערפאלען דעם רבין׳ס הויף און גענומען דעם צדיק תפוס, קודם איז א פריוואט־תפיסה, דאן איהם אוועקגעפיהרט קיין קיוב, מקיים צו זיין דעם פסוק. ״יוסף הורד מצרימה״.

קאפיטעל 8.

# אין דער תפיסה.

**מען מוז פיהלען דעם טעם פון ביטערקייט — יסורים זיינען אמאל וויכטיגער ווי תורה און תפלה — דער ריזינער פאר׳ן קייזער ניקאלאי — רעוואלוציאנערע אויגען — די בעפרייאונג — א פלאן צו פערשיקען דעם צדיק קיין סיביר — מסירות נפש פון א געשטארבענעם חסיד — דער צדיק איז מנצח די מתיבתא דרקיעא.**

בעת מען האט דעם ריזינער צדיק צום ערשטען מאל מודיע געווען, אז ער מוז מיט דיא רעגיערונגס־בעאמטע מיטגעהן אין דער תפיסה אריין, איז ער שטארק איבערראשט געווארען און אנגעהויבען צו וויינען וויא א קליין קינד. באלד האט ער זיך אבער מחזק געווען און אויסגעטייטשט א פסוק אין תהלים אויף אזא מין דרך: ״גם כי אלך בגיא צלמות לא אירא״, אפילו ווען איך דארף געהן אין דעם טהאל פונ׳ם טויט׳ס־שאטען, האב איך גאר ניט קיין מורא; ״רע כי אתה עמדי״, מיך ארט נאר דאס וואס דיא שכינה ליידעט מיט מיר. דאמיט האט דער צדיק געמיינט, אז זייענדיג תפוס, וועט ער ניט זיין מעהר אימשטאנדע מיחד צו זיין דיא יחידים און אויפצובויען הימלישע וועלטען מיט זיינע עובדות און מחשבות, וועלכע וועלען געשטערט ווערען דורך די משרתים פון דער סטרא־אחרא, דיא אויפזעהער פון דער תפיסה.

״אבער וויא קומט דאס עפעס, וואס אונזער צדיק וועלכער פלעגט תמיד

זאגנו, אז דיא קדושה איז בלויז שמחה, זיא ווייסט ניט פון קיין טרויער אפילו אונטער די ערגסטע עולם־הזה׳דיגע אומשטענדען, זאל זיך פלוצים צואוויינען, בעת ס׳האט איהם אליין געטראפען א צרה?״ האט געוואנט א יונגערמאן פון דער חבריא צו פרעגען דעם דערצעהלער מיט רעספעקט וויא א תלמיד פרעגט עפעס א שאלה דעם רבי׳ן.

— כדי דאס צו פערשטעהן, מוז איך אייך דערצעהלען אן עובדה וואס ס׳האט זיך טאקע געטראפען ביים ריזינער גופא, פון וועלכער איהר וועט זעהן בעשיינפערליך, אז יעדע פעולה פונ׳ם צדיק האט אין זיך א בעשטימטע כונה:

נעקומען איז אמאל אן אויסגערופענער חסיד, א גרויסער בעל־יסורים, לא עלינו, צום ריזינער, און איהם געגעבען א קוויטעל ער זאל מתפלל זיין דיא יסורים זאלען זיך פון איהם אבטרעטען. ״מיך ארט לחלוטין ניט דער צער פון דיא יסורים גופא — האט דער חסיד געזאגט צום רבי׳ן — מחמת ווען עס איז אזוי דער רצון פונ׳ם בורא־כל־העולמים, דארף מען זיי, דיא יסורים, ניט נאר מקבל זיין באהבה נאר טאקע בשמחה. עס ארט מיך נאר, וואס צוליעב זיי מוז איך מבטל זיין פון תורה און תפלה; אט דאס, נאר דאס, טהוט מיר שטארק וועה״.

האט איהם דער קלוגער צדיק אזוי געענטפערט:

״מנין אתה יודע, פון וואנעט קענסטו וויסען, פון וועלכען דער בורא כל העולמים איז מעהר מקבל תענוג, צו פון דיין תורה און תפלה אדער נאר דוקא פון דיינע יסורים?״

״איהר פערשטעהט דבורים? אז השם־יתברך שיקט אויף א מענש יסורים, חלילה, וויל ער דאך אז דער מענש זאל פיהלען דיא יסורים, אלא ווען ניט, צו וואס דען האט ער זיי געשיקט? דאס איז אויך דער אמת׳ער פשט פון דעם דין אין שלחן־ערוך מכח עסען ״מרור״ אין פסח. ״בלע מרור לא יצא״. וויא באלד מען האט דעם ״מרור״ ניט צוקייעט כדי צו פיהלען דעם טעם פון ביטערקייט, נאר איהם גלייכגילטיג אראבגעשלונגען מיט אמאל, ניט צוקייעטערהייט, האט דער מענש דאמיט ניט יוצא געווען, מחמת דער רצון פון השם־יתברך איז, אז וויא באלד מען הייסט איינעם טועם זיין דעם טעם פון מרור, זאל ער עס אויך פיהלען אין אלע אברים, אז ס׳איז ביטער; ניט עס אראבשלונגען סבלנות׳דיג. דאס איז געווען דיא סבה פונ׳ם צדיק׳ס וויינען.

דיא ידיעה אז דער וועלט־צדיק זיצט אין תפיסה, האט זיך באלד פערברייטעט ניט נור אין גאנץ רוסלאנד, נאר טאקי אויף דער גאנצער וועלט. דיא איינפלוסרייכע חסידים האבען אנגעווענדעט כל׳ערליי פראטעקציעס, כדי דעם רבי׳ן צו בעפרייען. ס׳האט אבער נאר ניט געהאלפען. ניט מען האט אויסגעארבייט אויף איהם אן אנקלאגע־אקט, ניט מען האט איהם בעפרייט. עס איז זיך גרינג משער צו זיין אז דאס איז געווען א וואונק פון אויבען, פון מקור הטומאה גופא ימח־שמם.

וויא ווייט דער רוסישער צאר גופא איז געווען פעראינטערעסירט אין דעם פראצעס פונ׳ם צדיק, לאזט זיך קלאהר ארויסזעהען פון דער דאזיגער עובדה.

בעת דער צאר איז אמאָל געווען אין קיעוו, האָט ער נעגעבען אן אויפטראג אז מען זאָל איהם פאָרפיהרען דעם "אידישען קעניג". דערזעהענדיג דעם ריזינער צדיק האט זיך דער קייזער אזוי אנגערופען: "ער איז ניט קיין מאוס׳ער מענש אפילו, דיא אוינגען זיינע זעהען אבער אויס וויא פון א רעוואָלוציאָנער!"

עס איז גרינג צו פערשטעהן, אז נאך אזעלכע דבורים פונ׳ם קייזער אליין, האט קיין גוטעס שוין מעהר ניט געקענט ערווארטען דעם צדיק, ווען עס וואלט ניט געשעהן מיט איהם ממש נסים מן השמים.

ניט אומזיסט האט שלמה המלך געזאָגט אז "לב מלך ביד ה׳ אל כל אשר יחפץ יטנו". דורך גרויסע פּראָטעקציע איז עס געלונגען צו בעווענען דעם קיעווער גובערנאטאר ער זאָל דיא אקטען אליין גוט נאכשטודירען. נאכדעם וויא ער האָט אויסגעפונען אז ס׳איז ניט פערהאנען קיין איין איינציגער בעגרינ־דעטער חשד אויפ׳ן צדיק גופא, האָט ער איהם אין א שעת־רצון געהייסען בע־פרייען פון דער תפיסה.

דער רבי ז״ל איז פון דער בעפרייאונגס־בשורה לגמרי גאר ניט נתפעל גע־וואָרען. ער האט דאמאלס גראד געזאָגט דאס הונדערט נייגצעהנטע קאפיטעל פון תהלים, דעם פסוק: "שרים רדפוני חנם". האט ער זיך צו זיינע מקורבים אנגערופען אויסטייטשענדיג דעם פסוק אזוי: "דאס וואס דיא שרים פון דיא אומות־העולם רודפ׳ן מיך, דאס איז אומזיסט, אויס זייערע רדיפות מיט דיא יסורים וואלט איך מיך אויסגעלאכט, נאר "ומדברך", טאמער הייסט דוא, רבונו של עולם, מיט א בעשטימטע כונה זיי זאלען מיך מצער זיין, פאר אט דעם "פחד לבי", שרעקט זיך זעהר מיין הארץ". דאן האט ער א רגע מפסיק געווען און געזאָגט דעם צווייטען פסוק: "שש אנכי על אמרתך", צוריק נעשמועסט, אז ס׳איז באמת אזוי דיין רצון, נעהם איך אלצדינג אן מיט שמחה, אפילו דיא בעפרייאונג.

ביים ארויסנאנג פון דעם קערקער, האט זיך דער רבי צוריקגעקעהרט פאר א ווײַלע אין דער קאזשנע אריין, און דאן ערשט ארויסגעגאנגען, בעמערקענדיג דאביי: "דיא וועלט זאגט, וואו מען איז איינמאל מוז מען זיין נאך אמאל. נו. האב איך איצט שוין יוצא געווען אויף פאר׳ן צווייטען מאל".

איידער ער איז אהיימגעפאהרען קיין ריזין, האבען זיך אין קיעוו פערזאַ־מעלט דיא וויכטיגסטע פערזענליכקייטען פון זיינע חסידים, כדי צו האלטען אן עצה וואס ווייטער צו טהאן. עס איז געווען א מורא, אז דיא רעגירונג זאל זיך ניט דאן ווייעדער ארומזעהן און איהם אויפ׳ס ניי אנהויבען רודף צו זיין. בלבולים זיינען דאך קיין דאגה ניט, זיי זיינען לייכט אויסצוקריגען. עס איז געוואָרען א שפּארעכץ. הללו אומרים, מאנכע פון דיא קלוגע יועצים האבען בעהויפּטעט, אז דער רבי זאל זיך בעזעצען אין קישינעוו, און די אנדערע האבען געזאָגט, אז עס איז א זינד פאר השם־יתברך איבערצולאָזען אין ריזין אזא מלכות׳דיג הויף מיט כל׳ערליי גדולות און געהן קיין בעסאראביען דארט צו גרינדען א נייע, גוט־אידישע רעזידענץ שטאדט. אויף דעם רבינ׳ס עצה, האט א גורל מכריע געווען צו פאהרען קיין קישינעוו. און וויא סהאט זיך באלד ארויסגעוויזען איז דער גורל גערעכט געווען.

וויא ביי פרעה אין מצרים נאכדעם וויא ער האט דיא אידען פון דארט

ארויסגעשיקט, איז אויך איבערגעקעהרט געווארען פלוצים דאס הארץ פונ׳ם גובערנאטאר באבריקאוו און ער האט חרטה געהאט אויף דער בעפרייאונג פונ׳ם צדיק. ער האט איצט אין דער שטיל געוואלט אויס׳פועל׳ן אין פעטערבורג א ספעציעלעם געזעץ פאר׳ן רבי׳ן, אז ער טאר ניט מעהר וואהנען אין דעם אידישען תחום, נאר ערגיץ ווייט אין סיביריען וואו דיא חסידים וועלען ניט אימשטאנדע זיין איהם מעהר אויפצווזוכען.

דיא דאזיגע געהיימע נאכריכט, האט דער רבי ז״ל דערהאלטען, קוים וואס ער האט זיך געהאט בעזעצט אין קישיניעוו, דורך א שליח מיוחד, וואס זיין מחותן ר׳ יעקב יוסף האלפערן פון בערדיטשעוו האט צו איהם געשיקט. דער־הערענדיג דיא דאזיגע טרויעריגע בשורה, און וויסענדיג פאר זיכער, אז דאס געזעץ מכח פערשיקען דעם רבי׳ן קיין סיביר וועט זיכער בעשטעטיגט ווערען אין פעטערבורג, האט דער צדיק בעשלאסען, צו פערלאזען דאס ארץ־הדמים רוס־לאנד אין גאנצען, טאקע לעולם ועד, און זיך בעזעצען אין רומעניען אין דער שטאדט יאסי, וואו ער האט געהאט הונדערטער חסידים.

צווישען אונזערע חסידים ווערט דערצעהלט א זעהר שעהנע מעשה מכח דעם וויא אזוי דער רבי ז״ל האט זיך דערוואוסט פון דער גזרה־סיביר וואס דער צורר יהודי באבריקאו האט אויף איהם געפלאנט בסוד סודות. דערצעהלט האט דאס ניט קיין ווער ס׳איז, נור דער גרויסער רבי ר׳ משה פון קאברין, וועלכער האט זיכער געוואוסט וואס ער דערצעהלט. הערט זיך צו חידושים:

שמועסנדיג אמאל מכח אמונת צדיקים, האט זיך דער קאברינער אנגערופען צו זיינע חסידים כהאי לישנא:

אמונה אין צדיקים קען מען אם מייסטען זעהען בולט ביי דיא חסידים פון ר׳ ישראל׳טשי ריזינער. זיינע חסידים זיינען באמת תמיד מוכן ומזומן צו האבען פאר׳ן רבין אמת׳דיג מסירת־הנפש, ניט נור ביים לעבען, נור אויך נאכ׳ן טויט, און בעוויזען האט דאס דוקא א ליטווישער חסיד, בעקאנט צווישען אלע ריזינער חסידים מיט׳ן נאמען ליב ליטוואק.

בעת דער ריזינער איז ארויס פון דער קיעווער תפיסה, מחמת מען האט ניט געקענט געפינען קיין שום יסוד צו דער אנקלאגע כדי מען זאל איהם נאך לענגער האלטען תפוס, האט דער קיעווער גובערנאטאר, א רשע מרושע, פארגעלעגט א פראיעקט פאר׳ן צאר ניקאלאי, וועלכער האט פיינד געהאט דיא גוטע אידען תכלית שנאה, אז כדי ר׳ ישראל׳טשי זאל ניט אימשטאנדע זיין צו פערבלייבען וויא ביז אהער א אידישער פיהרער, איז דער בעסטער וועג מען זאל איהם פערשיקען קיין סיביר מיט דער בעשרענקונג, אז מעהר פון 10 מענשען וואס זיינען פאר איהם נויטיג אלס א מנין, טארען מיט איהם דארט ניט זיין. עס איז א קבלה ביי חסידים, אז אויך מן השמים האט מען שוין געהאט מסכים געווען צו דער דאזיגער גזרה, און אויסגערופען: ווער עס וועט דעם סוד אויסזאגען צו ר׳ ישראל׳טשי ריזינער, זאל מען איהם בעשטראפען מיט זעכציג פייערדיגע ריטער (שיתין פולסי דנורא).

האט זיך אבער דאפון דערוואוסט דער ריזינער חסיד, א מת וואס איז שוין געהאט געלייטערט געווען מכמה שנים, און האט אויף זיך מקבל געווען צו ווערען בעשטראפט מיט דעם שווערען עונש אבי מציל צו זיין דעם רבין זיינעם פון גלות. מחמת געוואוסט האט ער, אז קוים וועט זיך זיין רבי דערפון

דערוויסעז, וועט ער שוין מיט זיין הימלישעז כח מבטל זיין דיא גזרה כאטש זיא איז שוין כתוב וחתום.

מען ווייס ניט אויב אין א חלום אדער גאר בהקיץ (אויפ׳ס וואהר), נאר אן אמת׳ע עובדא איז עס, אז ר׳ ליב ליטוואק האט דעם רבין מגלה געוועז פון דער הימלישער גזרה. האט צו איהם דער ריזינער אזוי געזאגט:

״קודם כל, קומט דיר א יישר כח פאר דיין אמת׳דיג מסירת־הנפש. איך וועל עס דיר ניט פערגעסען. איצט געה ארויף אין מיין שליחות צו דער ״מתיבתא דרקיעא״ (א מין הימלישער פארלאמענט) און זאג זיי, אז ס׳וועט לחלוטין ניט זיין אזוי וויא זיי ווילען, נאר אזוי וויא איך וויל״.

און ס׳איז טאקע אזוי געוועז וויא דער צדיק האט געוואלט.

## קאפיטעל 9.

# די בריחה.

**פון קעשינעוו קיין יאסי — א קוק פון ר׳ מאיר׳ל פרעמישליאנער — דער רבי זאגט אוים א סוד — א חידוש׳ליכער ״מי שבירך״ — א בן-זכר אלס א שכר פאר א גוטער עובדא—פרעסט אוים ביים רבי׳ן א צוזאג אויף עולם הבא—די לעת-עתה׳דיגע מנוחה.**

דאס איז געוועז נאך ימים טובים תר״ב.

דורך גרויסע פראטעקציאן און שווער געלד, האט דער קישינעווער גובער־נאטאר קאקאווצאוו ארויסגעגעבען פאר דעם רבי׳ן ר׳ ישראלטשי א רייזע־פאס קיין רומעניען, נאכדעם וויא צוויי אנגעזעהענע רוסישע בירגער האבען פאר איהם נעהאפטעט, אז נאך א בעשטימטע צייט וועט ער צוריק קומען קיין רוסלאנד, און ער איז תיכף אוועק קיין יאסי.

אבער אויך דארט האט ער ניט געפונען קיין מנוחה. עס איז נאך ניט נעהאט פאראיבער קיין דריי חדשים אפילו, האט זיך דער רבי דערוואוסט, אז דיא רוסישע רעגיערונג ווייסט פון זיין אויפענטהאלטונגס ארט און האט שוין אויפגעפאדערט אפיציעל דיא רומענישע רעגיערונג, איהם צוריקצושטעלען קיין רוסלאנד.

דיא דאזיגע טרויעריגע בשורה האט מען איהם דערצעהלט אין א מאנטאג פאר נאכט, דיא וואך פון פרשת ״בא״. קיין צייט האט מען ניט געטארט מעהר פערליערען. און נאך אין דערזעלבער נאכט איז ער מיט זיינע געטרייע מקורבים אנטלאפען פון יאסי צו דער עסטרייכישער גרעניץ, וואו א בעריהמ־טער גביר פון דער שטאדט שאטץ (סוטשאווא) אין בוקאווינא, וועלכער איז געוועז א שווארצער (איבערגעפיהרט סחורות דורך דער גנב׳ישער גרעניץ) און געפיהרט גרויסע מסחרים צווישען רומעניען און עסטרייך, איז איהם נעקומען צו הילף, איהם אריבערגעפיהרט אין מיטען דער ווינטער נאכט דיא רומענישע גרעניץ און איהם געבראכט אויפ׳ן עסטרייכישען בארען.

מכח דיעזען גביר וועלכער האט געהייסען נתן שמעון ווערט דערצעהלט פון אלטע חסידים דיא דאזיגע אינטערעסאנטע מעשה.

ער איז געוועזן א גרויסער און רייכער סוחר. צוליעב זיינע מסחרים פון רומעניען קיין עסטרייך, פלעגט ער אבזיצען גאנצע חדשים אין גאלאץ אדער אין יאסי.

עס פערשטעהט זיך, אז א סוחר וואס האט ס׳רוב פון זיינע יאהרען פער־בראכט אין דער פרעמדע, דערצו נאך אין רומעניען, איז ניט געוועזן קיין גרוי־סער ירא־שמים און ניט שטארק זיך אבגעהיט פון אן עברה. פון האבען אמונה אין א צדיק קען אודאי גאר קיין מדובר אפילו ניט זיין.

דאנעגען אבער איז זיין ווייב רחל׳ע שוין געוועזן א גרויסע חסידה. קוים איז איהר מאן נאר וואס געהאט אוועקגעפאהרען קיין מאלדאווע, האט זיא תיכף ומיד געמאכט א נסיעה צום רבי׳ן ר׳ מאיר׳ל קיין פרעמישליאן. זייענדיג אן עקרה, פלעגט זיא כסדר דערקוטשען דעם רבי׳ן ער זאל פאר איהר מתפלל זיין, זיא זאל געהאלפען ווערען מיט א ״זרע של קימא״ (א קינד וואס זאל הא־בען אריכות ימים ושנים).

ר׳ מאירל׳ס תשובה איז כסדר געוועזן, אז ער קען איהר ניט העלפען סיידען זיא וועט מיטברייננען איהר מאן צו איהם קיין פרעמישליאן. אזוי וויא זיא האט דעם דאזינען תנאי ניט געקענט נאכקומען, וויסענדיג אז דער מאן וועט זיא אויסלאכען איבער אזא מין פארשלאג, איז עס א היבש עטליכע יאהר געבליבען ביים אלטען, פערבלייבענדיג אז עקרה וויא ביז אהער.

ויהי היום, אין זומער תר״א, ווען רחל׳ע איז געוועזן ביים רבי׳ן אין פרעמישליאן, האט זיא ר׳ מאיר׳ל געשיקט אריינרופען און צו איהר געזאגט דיעזע ווערטער:

פאהר אהיים, און אזוי וויא דיין מאן וועט קומען צו פאהרען פון גאלאץ, זאלסט דוא דיר מאכען הארץ און איהם זאגען, אז דער רבי ר׳ מאיר׳ל פון פרעמישליאן האט איהם בעפוילען ער זאל תיכף ומיד צו איהם קומען קיין פרעמישליאן. וויבאלד ער וועט זיך פון דיר אויסלאכען און אנהויבען חוזק צו מאכען פון דיינע דבורים, זאלסטו איהם געבען א סימן, אז פאר אכט־טאג דאנערשטאג, אין סאמע ל״ג בעומר, האט ער עובר געוועזן אין זיין האטעל אזא און אזא הארבע עברה. נאך דיעזע דבורים וועט ער שוין זיכער קומען און דוא וועסט האבען דיא ישועה.

וכך הוה. קוים איז נתן שמעון נעקומען אהיימצופאהרען פון גאלאץ, האט איהם זיין ווייב רחל׳ע איבערגעגעבען דעם רבינ׳ס פקודה. תחלת האט ער זיך גוט אויסגעלאכט. דערהערענדיג אבער דעם סימן וואס דער רבי האט איהם געגעבען, איז ער שטעהען געבליבען נבהל ונשתומם, וויסענדיג, אז קיין ילוד־אשה ווייסט ניט פון דעם ענין. ער האט איהר אויף׳ן ארט און שטעלע מבטיח געוועזן, אז ער וועט בקרב פאהרען צום רבי׳ן קיין פרעמישליאן.

אזוי וויא ער האט עס אבער געהאלטען פאר א פחיתות הכבוד ווען זיינע בעקאנטע וועלען זיך דערוויסען פון זיין נסיעה צום רבי׳ן, האט ער זיי דער־צעהלט, אז ער מוז אוועקפאהרען קיין לעמבערג מכח א זעהר וויכטיגען ענין,, און א פוהר האט ער זיך געדונגען נאר ביז לעמבערג, כדי קיינער זאל ניט וויסען

דעם תכלית פון זיין נסיעה. פון לעמבערג קיין פּרעמישליאַן איז איז גאַנצע עטליבע מייל.

אריינקומענדיג צום רבי׳ן, האָט איהם ר׳ מאיר׳ל געגעבען "שלום", פרעגענדיג דאָביי: "פון וואַנעט איז א איד?"

— "איך בין פון שאַטץ נעבען טשערנאָוויץ און הייס נתן שמעון בן רבקה רייזעל".

— צו וואָס־זשע זיינט איהר עפּעס געקומען אַהער?—האָט איהם ר׳ מאיר׳ל ווייטער געפרעגט.

— "איך בין געקומען צום רבי׳ן. מיין בקשה איז, אַז מיין ווייב זאָל געהאָלפען ווערען מיט זרע של קיימא". — האָט נתן שמעון געענטפערט און אַנידערגעלעגט אויפ׳ן טיש א קוויטעל מיט א היבשען פּדיון.

"זאָגט ניט קיין ליגען, מיין ליעבער איד — האָט צו איהם ר׳ מאיר׳ל געזאָגט. — מאיר זעהט אין הימעל אַז איהר זיינט גאָר געפאָהרען קיין לעמבערג ניט קיין פּרעמישליאַן צו מאיר׳ן. מאיר וויל אָבער אַז איהר זאָלט דוקא קומען נאָר צו איהם, מאַכע קיין פּרעמישליאַן גופא. נעהמט אייך צוריק, זייט מוחל, דאָס קוויטעל מיט׳ן פּדיון און פאָהרט צוריק אַהיים. וויבאַלד איהר ווילט קומען צו מאיר׳ן, מוזט איהר דינגען א בעל עגלה, ניט קיין לעמבערג, נאָר בפירוש קיין פּרעמישליאַן און זיך ניט שעהמען צו דערצעהלען אייערע בעקאַנטע אַז איהר זיינט געפאָהרען צו מאיר׳ן קיין פּרעמישליאַן.

נתן שמעון האָט געטהאָן ווי דער רבי האָט איהם געהייסען און געפאָהרען אַהיים קיין שאַטץ.

צוריקגעקומען צו ר׳ מאיר׳לען איז ער אויף שבת פּרשת "עקב". ר׳ מאיר׳ל האָט איהם אויפגענומען מיט כבוד, איהם אויפגערופען צו דער תורה "במקום כהן", און ר׳ מאיר׳ל אליין האָט פאַר איהם פאַרגעלייענט דיא ערשטע פּרשה פון דער וואָכעדיגער סדרה. דעם פּסוק: "ברוך תהיה מכל העמים לא יהיה בך עקר ועקרה" (דוא זאָלסט זיין געבענשט, אַז ס׳זאָל זיך צווישען דיר ניט געפינען קיין קינדערלאָזע פאַר־פאָלק), האָט ער איבערגע׳חזר׳ט צוויי מאָל.

ביים "מי שברך" נאָך דער עליה, קומענדיג צו דיא ווערטער "בעבור שנדר", האָט נתן שמעון געוואָלט מנדר זיין א היבשע סומע געלד. דער רבי, וועלכער האָט אויך אליין געמאַכט דעם "מי שברך", האָט זיך אָבער צו איהם גאָר ניט אומגעקוקט, נור געזאָגט: "בעבור שנדר לעזור לישראל".

נאָכדעם וויא ר׳ מאיר׳ל האָט געענדיגט דעם "מי שברך", האָט ער זיך געווענדעט צו נתן שמעון׳ען און אַנגעהויבען שרייען אויף א הויך קול: "ווייסטו וואָס "ישראל" איז דער טייטש? ישראל מיינט א איד, אַז אמת׳ער איד, "כי שרית עם אלקים ועם אנשים ותוכל". ער האָט מלחמה געהאַלטען מיט דער פּמליא של מטה און מיט דער פּמליא של מעלה און האָט זיי אַלע ביינגעקומען. דעם אידען מוזטו העלפען ווען דיא צייט וועט קומען, אפילו ווען ס׳זאָל זיך האַנדלען אין סכנת נפשות. דעם שכר פאַר דער מצוה וועסטו מקבל זיין אין פאראויס. נאָך דאָס יאָהר, וועט דיין ווייב רחל בת יוטא האָבען למזל א בן זכר".

דיעזעלבע נאַכט וואָס דער ריזינער איז אַנגעקומען צו דער עסטרייכישער

גרעניץ, איז גראד נתן שמעון געווען דארט געשעפטליך. ער האט זיך דער־וואוסט, אז א גרויסער רבי ר׳ ישראל פון ריזין איז איצט אין א גרויסע צרה. מניה וביה האט ער זיך דערמאנט אין ר׳ מאירל׳ס דבורים און זיך מוסר נפש געווען אריבערצוטראגען בגנבה דעם רבי׳ן אויף זיינע פלייצעס, איבערן אייז וועלכעס בערעקט דעם טייך וואס איז די גרעניץ צווישן רומעניען און עסטרייך.

אין מיטען טייך האט זיך פלוצים נתן שמעון אבגעשטעלט. דער רבי האט זיך זעהר דערשראקען און איהם געפרעגט אויף דער סבה פון זיך אבשטעלען אין אזא מקום סכנה.

"רבי, האט זיך נתן שמעון אנגערופען, איך וועל ניט ווייטער געהען ביז איהר וועט מיר ניט מבטיח זיין עולם הבא. איך בין געווען תמיד א גרויסער חוטא און איצט איז דיא צייט מיר צו קויפען עולם הבא אין איין שעה: אבער איהר מוזט מיר דאס הייליג פערשפרעכען, רבי".

דער ריזינער האט איהם דאס מבטיח געווען. נתן שמעון איז דאן געווא־רען א הייסער חסיד פונ׳ם רבי׳ן ר׳ ישראלטשי און טאקע אויך אן אמת׳ער ירא־שמים.

קומענדיג אריבער אויף דעם עסטרייכישען בארען, האט נתן שמעון געדונגען א שליטען און אבגעפיהרט דעם רבי׳ן ביז צום שטעדטעל קימפעלינג.

דעם ענין אז דער גרויסער ריזינער געפינט זיך אין קימפעלינג, האט מען געהאלטען בסוד, האבענדיג מורא פאר מסירות. דורך א שליח מיוחד האט מען דאס צו וויסען געגעבען דעם צדיק ר׳ חיים׳ל פון קאסעוו, דעם ריזינער׳ס א מחותן און דעם צדיק ר׳ שמעלקע פון סאסעוו, וועלכער האט דאמאלס געוואהנט אין קאלעמעא.ביידע צדיקים זיינען דאמאלס געקומען צו פאהרען בשתיקה אויף שבת פרשת "בא" קיין קימפעלינג צום ריזינער. מען האט דאן נאך שבת געהאלטען אן עצה, וואו דער ריזינער זאל זיך קובע מקום זיין. מען האט ניט געקענט קומען צו קיין טאלק, מען האט זיך געשראקען פאר דער אייגענער שיין.

באלד איז אבער געקומען א ישועה פון אן אונערווארטעטער זייט. דער באראן צו וועמען דאס שטעדטעל סאדאגורע געהערט, האט זיך דערוואוסט אויף אן אונבעקאנטען אופן, אז א גרויסער וואונדער־רבי פון רוסלאנד, צו וועמען ס׳פלעגען פאהרען טויזענדער חסידים, איז אריבערגעקומען קיין עסטרייך און זוכט א מקום־מנוחה. אלס א גוטער געשעפטסמאן, האט ער באלד פער־שטאנען, אז וויבאלד דער רבי זאל וואהנען אין סאדאגורע, וועט זיין פראפינאציאן ווערטה זיין צעהן מאל מעהר פון איצטיגען ווערטה און דאס גאנצע ארימע שטעדטעל קען דאדורך ווערען א צענטער פון מסחר און מקום פון שפע און ברכה. ער האט דארום געשיקט א שליח מיוחד צום ריזינער קיין קימפעלינג, בעטענדיג דעם רבי׳ן ער זאל זיך בעזעצען אין סאדאגורא און צוגלייך איהם פערזיכערט, אז ער נעהמט איהם איבער אויף זיין אחריות, האפטענדיג איהם אז קיין האר וועט איהם ניט געקרימט ווערען, מחמת ער איז א גרויסער חשוב איז דער שטאטהאלטעריי פון טשערנאוויץ. מיט דער הסכמה

פונ׳ם קאסאווער צדיק, האָט דער ריזינער אָנגענומען דיא איינלאַדונג און איז באַלד אין א שעה מוצלחת אַנגעקומען קיין סאדאגורע.

## קאַפּיטעל 10.

# דער מקום מנוחה.

**ווידער א מופת פון ר׳ מאיר׳לן—סאדאגורע בעקומט א נייעם נאָמען— דער באראָן גיט איבער דעם רבי׳ן זיין גאנצען הויף—מען געפינט אוים אז דער רבי איז גאָר א געבאָרענער סאדאגורער — אן אלטער גוי דערקענט דעם רבי׳ן אלם א סאדאגורער אינגעל.**

דאָס וואָס דער סאדאגורער באראָן האָט זיך אזוי פעראינטערעסירט אין׳ם ריזיגער רבי׳ן, האָט גורם געווען דער אידישער פּראָפּינאטאָר, וועלכער האָט געהאלטען פון׳ם פּריץ דיא סאדאגורער פּראָפּינאציע, און אויך ביי דיזען ענין שפּיעלט ר׳ מאיר׳ל פּרעמישליאנער א בעדייטענדע ראָלע.

אין סאדאגורע האָט דעמאָלט געלעבט א איד, וועלכער האָט כמה שנים געהאלטען דיא פּראָפּינאציע פון׳ם באראָן. אין דיא פריהעריגע יאהרען האָט ער פון איהר געהאט פרנסה בשופי און אויך געשפּאָרט עטליכע גולדען. שפּעטער אבער האָט זיך דאָס רעדיל א דרעה געטהאָן, דיא שטעדטישע מאַרקטעגע זיינען וועניג בעזוכט געווארען, דיא פרנסות פון דיא שטעדטיל־אידען זיינען געשלאָגען געווארען און אויך דער פּראָפּינאטאָר איז דאדורך פעראָרימט געווארען און געהאלטען ביי באנקראָט.

צו יענער צייט האָט זיך א.מעטום געהערט דיא גרויסע וואונדער פון ר׳ מאיר׳ל פּרעמישליאנער, וועמען דער המון־עם האָט געהאלטען פאר א נביא און א גרויסער פועל ישועות, בפרט אין ענינים פון פרנסה. דאפון האָט אויך געהערט דער סאדאגורער פּראָפּינאטאָר און בעשלאָסען צו פאהרען קיין פּרעמישליאן צום רבי׳ן ר׳ מאיר׳ל ביי איהם צו פועל׳ן שפע ברכה און הצלחה.

אריינקומענדיג צו ר׳ מאירל׳ן אין זיין חדר אריין, האָט זיך דער רבי לכתחלה אויף איהם גארניט אומגעקוקט, ניט אמאל איהם קיין "שלום" געגעבען. דער איד איז נעבעך געשטאנען אין געהאקטע צרות ביי דער מהיר, ניט וויסענדיג פארוואָס דער צדיק האָט עפּעס אויף איהם אזא תרעומות און וויל אפילו ניט קוקען אין זיין פנים אריין. דאס האָט אזוי געדויערט עטליכע מינוט.

"אריה ! " — האָט פלוצים ר׳ מאיר׳ל אויסגעשריען מיט א משונה׳דיג קוויטשיג קול צו זיין גבאי. — "אריה, פארוואס שטעהסטו ווי א גולם און פרעגסט ניט דעם אידען פון וואנעט ער איז ? "

— פון סאדאגורע בין איך — האָט דער דערשראָקענער איד זיך אָנגערופען צום גבאי אויף דער אינדירעקטער שאלה פון׳ם רבי׳ן.

"אריה ! " האָט ר׳ מאיר׳ל אָנגעהויבען נאָך העכער צו קווישען. "זאָג איהם, שוטה איינער, אז מאיר ווייסט בעסער פון איהם. מאיר זאָגט, אז ער איז גאר פון "סאדעטאָוו" נישט פון "סאדאגורע". וואס׳זשע שטעהסטו, גולם ? פאַר־וואס זאָגסטו איהם ניט דאס ? ".

"דער רבי זאָגט אז איהר זיינט פון סאדעטאוו" — האָט דער גבאי אריה נעזאגט צום אידען מיט אן ערנסט, וויסענדיג אז זיין רבינ׳ס הלצות האָבען תמיד א גרויסע בעדייטונג.

דער איד איז געשטאַנען וויא צוטומעלט, ניט וויסענדיג אויף וואס פאר א וועלט ער איז.

"שלום עליכם סאדעטאָווער איד — האָט זיך צו איהם ר׳ מאיר׳ל געווענדעט מיט א פריינדליכער מינע, אויסשטרעקענדיג זיין רעכטע האנד און געבענדיג איהם א ברייטען "שלום עליכם". — נעהמט אייך גוט אין זין אריין וואס מאיר זאָגט אייך. מאיר קריכט אין הימעל, ער זעהט אַלצדינג און ווייסט אלצדינג. מאיר ווייסט אז איהר וואהנט אין סאדעטאוו נישט אין סאדאגורע. ווייסט איהר פארוואָס ? מחמת דער צדיק הדור איז בכח צו מאכען פון א שדה־גרוע (סאדע־גערי), פון א שלעכט און געמיין פעלט, א שדה־טוב (סאדעטאָוו), א גוט, פרוכט־באר און פרנסה׳דיג פעלד. איהר שטעהט, גולם ? אהא, איהר ווייסט אודאי ניט, ווער עס איז דאס דער צדיק הדור ? מאיר ווייסט אבער יאָ, ער וועט עס אייך אויך זאָגען: דער צדיק הדור איז ר׳ ישראל׳טשי פון ריזין. איהר מעגט דאָס זאָגען אייער פּריץ ווען דיא צייט וועט קומען. איהר זאָלט דאָס ניט פערגעסען. איהר הערט ? אויב איהר ווילט האָבען פּרנסה, נעהמט׳זשע אייך דאָס גוט אין זין אריין. איצט פאָהרט מיר לחיים ולשלום פון וואנעט איהר זיינט געקומען.

און ניט פערשטעהענדיג דעם רבינ׳ס דבורים, איז דער איד אהיימגעפאהרען איז צרות און אין לייד, מיט דעמזעלבען וואס ער איז געקומען.

ערשט שפּעטער, אין א צייט ארום, ווען עס איז אומעטום בעקאנט געווארען אז ר׳ ישראלטשי ריזינער איז געקומען קיין גאליציען און זוכט פאר זיך א מקום מנוחה, האָט זיך דער פּראָפּינאטאָר דערמאָנט אן ר׳ מאירל׳ס דבורים און אנגע־הויבען צו פערשטעהען וואס דער וויטזעהענדער רבי האָט דאמיט געמיינט. אלס איינגעהער צום באראָן, האָט דער איד געהאט דיא געלעגענהייט דעם פּריץ צו פערשטעהען צו געבען, אז וויבאלד אזא גרויסער רבי, צו וועמען עס קומען יעהרליך צו פאָהרען טויזענדער חסידים, צווישען וועלכע ס׳געפינען זיך הונדערטער גבירים אדירים, וואלט זיך בעזעצט אין סאדאגורע, וואלט דיא שפע אין׳ם שטעדטיל גרויס געווארען, דיא פּראָפּינאציע וואלט פיעל געשטיענען און דאס "גוט" בכלל וואָלט געהאט א צעהנפאכיגען ווערטה. דעם פּריץ איז דער דאָזיגער פּלאן זעהר געפעלען. ער האָט דעריבער בעשלאָסען איינצולאדען דעם רבי׳ן צו זיך קיין סאדאגורע און איהם איבערצוגעבען אויף דערוויילֹ זיין פּרעכטיגען הויף פאר א וואהנונג. דאס דאָזיגע הויף האָט שפּעטער דער ריזינער אָבגעקויפט פון׳ם באראָן, און זיינע קינדער האָבען איהם אויסגעפּוצט און פיעל פאַך פערשענערט.

זייענדיג שוין אין סאדאגורע, האָבען דיא מקורבים אנגעהויבען צו זוכען עצות וויא אזוי זיכער צושטעלען דעם רבינ׳ס פּאזיציאָן ער זאָל ניט ווידער פער־פּאַלגט ווערען. מחמת מען האָט נוט געוואוסט. אז דיא רוסישע רעגיערונג וועט

ניט רוהען ; זיא וועט בעשטימט אויפפאָדערען דיא עסטרייכישע רעגיערונג אויס־צוליפערען ״ישראל סאלאָמאָוויטש״ (אזוי האָט דער ריזינער רבי פריהער געהייסען, דאפון האָט זיך גענומען דער נאָמען פריעדמאַן, ווייל ״שלום״ איז טייטש ״פריעדען״), אלס רוסישער אונטערטהאַן.



דעם רבין׳ס הויף אין סאדאגורע

צום גליק האָט מען אויסגעפונען אין דיא קאָנסקריפציאָן־ביכער (וואו אלע ניי־געבוירענע קינדער ווערען דארט פון דער רעגיערונג איינגעשריעבען), א נאָמען ישראל דאָנענפעלד, וועלכער איז מיט 40 יאהר צוריק, אלס אינגעל, פלוצים נעלם געווארען און קיינער ווייסט ניט וואו זיין געביין איז אהינגעקומען. דיא יאהרען האָבען אלזא געשטימט. פארוואס זאל מען פון דיזען צופאל ניט מאכען קיין געברויך צו בעהויפטען אז דער ריזינער רבי איז דאס טאקע דער נעלם׳דיגער ״ישראל״ דאָנענפעלד ?

מען האָט תיכף איבערגעבען א געזוך צו דער שטאט־האלטעריי אין טשערנאָוויץ, דערצעהלענדיג איהר א געשיכטע, אז דער פאר 40 יאָהר פערלאָרענער ישראל

דאַנענפעלד, איז איצט צוריק געקומען אהיים אונטער דעם נאָמען ישראל פריד־מאַן. דיא סבה דאפון איז דאס : ישראל׳ס פאטער איז געווען א גרויסער אביון און ניט געווען אימשטאנד מפרנס צו זיין דאס בני בית. פלוצים איז דעמאָלט גע־קומען צו פאָהרען קיין סאדאגורע דאנענפעלד׳ס א קרוב, וועלכער האָט ייזהייסען "שלום", א איד אן עשיר, און זעהענדיג דאָס גרויסע דחקות אין זיין קרוב׳ס הויז, האָט ער דאס קינד ישראל מיט זיך מיטגענומען. דעריבער האָט מעז איהם אין רוסלאנד גערופען סאלאָמאָוויטש, און אין דייטשען עסטרייך רופט ער זיך פריעד־מאַן. און היינט צוריק קומענדיג אין זיין געבורטסשטאדט, בעט ישראל פרידמאַן איהם אנצוערקענען אלס עסטרייכישען בירגער.

דער סאדאגורער באראן, א בעל־פראָטעקציע ביים טשערנאוויצער שטאט־האלטען, איז דעם רבי׳ן דאצו פיעל בעהילפליך געווען, אז זיין בקשה זאָל אויף א גוטען אופן ערלעדיגט ווערען. עס איז אבער גאר ניט אזוי גרינג אנגעקומען. דיא רוסישע רעגיערונג האָט לחלוטין ניט געשוויגען, זיא האָט פערהאנדעלט די־רעקט מיט וויען, מען זאָל דעם אנטלאָפענעם רוסישען בירגער פריעדמאַן צוריק־שטעלען קיין רוסלאנד. דיא שטאטהאלטעריי פון טשערנאָוויץ, האָט דעריבער מורא געהאט ארויסצוגעבען דיא נויטיגע פאפיערען, ביז ס׳וועלען ניט שווערען פיער עדות פון סאדאגורע, צווישען וועלכע ס׳זאָל לכל הפחות זיין איין "גוי", אז זיי וויסען בעשטימט, דאס דער איצטיגער רבי ר׳ ישראל פריעדמאַן איז דאס דער פערלוירענער ישראל דאַנענפעלד.

מילא אידישע דריי עדות האָבען זיך שוין געפונען, וויא עס איז, וועלכע האָבען אין רבי׳ן דערקענט דעם פערלוירענעם דאנענפעלד מיט כל׳ערליי סימנים. אבער וויא בעקומט מען ערגיץ אזא גוי׳שען עדות ?

אבער וויא זאָגט עפעס דוד המלך אין זיין תהלים׳ל : "הנה לא ינום ולא יישן שומר ישראל". וויבאלד מען זוכט און השם־יתברך העלפט צו, געפינט מען, יגעתי ומצאתי.

האָט מען געפונען אן אלטען גוי, וועלכער איז געווען טאקע דעם אלטען דאַנענפעלד׳ס א שכן. דער דאָזיגער גוי האָט בפרוש בעהויפטעט, אז ער געדענקט נאָך זעהר גוט דיא צורה פון דאַנענפעלד׳ס פערשוואונדענעם איינגעל. וועלכעס ער פלעגט דעמאָלט טעגליך זעהען. דערהערענדיג דאס קאָכעניש אין שטאדט צוליעב דעם צוריקגעקומענעם דאנענפעלד אלס "וואונדער־ראבי", האָט ער, דער גוי, זעהר נעגארט איהם צו זעהען, זייענדיג איבערצייגט אז ער וועט איהם זיכער דערקענען.

דיא חסידים האָבען דעם אלטען גוי געבראכט אין׳ם רבינ׳ס הויף, און איהם געהייסען ווארטען א ווײלע. באלד איז דער רבי ארויסגעגאנגען און זיך אנידער־געשטעלט נעבען דער טהיר וואס געהט אין הויף אריין.

קוים האָט דער אלטער גוי דערזעהען דעם רבינ׳ס צורה איז ער שטעהען גע־בליבען כאבן דומם, ער האָט זיך אמאל ניט געקענט בעוועגען פאר גרויס שרעק. פלוצים האָט ער זיך וויא ראזדראָכעט און אויסגעשריען מיט אן אויסטערלישער שטימע : "דאַנענפעלד ! דאַנענפעלד ! איך געה שווערען אז דאס איז ניט קיין אנדערער וויא "פרולקע דאנענפעלד". איך דערקען זיין פנים גלייך עס וואלט היינט געווען ! "

און דער גוי האָט מקיים דבור געווען. ער האָט אין געריכט געשוואוירען צו־

זאמען מיט דיא דריי אידען, אז ער דערקענט דעם רבי׳ן פאר זיכער אהן א שום ספק, אז ער איז דאס פערלוירענע אינגעל. דיא שטאטהאלטעריי האט דאן דיא אקטען גוט בעגלייטעט קיין וויען, און דער רבי האט לעת־עתה געפונען אין סא־דאגורע א גוטע מנוחה.

## קאפיטעל 11.

# אן עק פון די צרות.

**א פערשטערטע שבת־שמחה—דאס בעריהמטע ספר־תורה׳לע—דער בלבול הדעת פונ׳ם צדיק—א קאמישע סצענע אינ׳ם רבי׳נס חדר—די צווייערליי דרכים וואס קומען צו דער זעלבער נקודה—פרא־טעקציע ביים פירסט מעטערניך — די תמימות׳דיגע ישועה.**

דיא מנוחה וואס דער ריזינער האט אין דער תחלה געפונען אין סאדאגורע צוליעב דעם באראנ׳ס פראטעקציע, איז נור געווען א מאמענטאנע. אזוי לאנג וויא דיא וויענער צענטראל רעגיערונג האט איהם נאך ניט אנערקענט אפיציעל פאר אן עסטרייכישען בירגער. ער האט דאריבער ניט געוואלט אריבערנעהמען זיין בני־בית פון קישינעוו, ביז ער וועט ניט וויסען פאר זיכער וואו ער האלט ערגיץ אין דער וועלט.

מיטלערווייל איז געקומען דער זמן החתונה פון זיין טאכטער, וועלכע איז געווען א כלה צום קאסאווער רבינ׳ס זוהן ר׳ מענדעלי, שפעטער דער וויזניצער רבי. ר׳ חיימ׳ל קאסאווער, דער מחותן, האט ניט געוואלט לענגער ווארטען. ער האט בעשלאסען דעם חתן אויפצורופען אין סאדאגורע ביים מחותן דעם ריזינער, און דאן וועלען זיי, דער מחותן מיט׳ן חתן, פאהרען קיין קישינעוו און דארטען מאכען דיא חתונה אהן דעם אבי הכלה.

אויף דעם פארשפיעל זיינען געקומען טויזענדער חסידים צו פאהרען קיין סאדאגורע. עס איז ממש געווען ערד־ציטערניש פון דעם אונגעהויערען טאראראם פון דיא כסדר אנגעקומענע חסידים פון רוס־לאנד און פון גאנץ גאליציען. אלע האבען געוואלט זעהען דעם גרויסען צדיק, וועלכער איז בעריהמט געווען אויף דער וועלט מיט זיין הימליש שעהנע צורה, און אויך בייצואוואהנען דעם חתנ׳ס אויפרופען צו דער תורה.

אבער צו דער גרויסער ענטטוישונג פונ׳ם גאנצען עולם, האבען זיי יענעם שבת דוקא גאר ניט געזעהען און גאר ניט געהערט. דיא פיעל טויזענדער אורחים האבען זיך אלע צוגעשטופט צום איינגאנג פונ׳ם רבינ׳ס הויף, פערשטעלענדיג דעם דורכגאנג צו דער קלויז. דיא צוויי מחותנים־צדיקים זיינען געשטאנען א ווײלע ביי דער טיהר, האפענדיג, אז דער עולם וועט מאכען א "ווארע" און זיי דורכ־לאזען מיט דעם יונגען חתן. דאס געדרענג איז אבער צו שטארק געווען, דיא

נבאים האבנ באין אופן ניט געקענט מאכן וועלכע ארדנונג. דאן האט זיך דער ריזינער אנגערופן צום קאסאווער:

"קומט צוריק מחותן, לאמיר ראווענען אין מיינע דירות מיט א מנין פון אונזערע מקורבים וואס זיינען אינעווייניג. לייענען וועט מען אין מיין תורה'לע וועלכעס איך פיהר תמיד מיט מיר מיט".

דער ריזינער האט געהאט א גאנץ קליין ספר־תורה'לע בירושה, פון וועלכען ס'האט געהייסען אז ר' משה סופר פון פשעווארסק האט עס געשריעבען פינף יאהר רצופים מכוונ'דיג זיין ביי יעדער אות און אנדערען "שם". דאס קליינטשיגע תורה'לע האט ער תמיד מיט זיך מיטגעפיהרט וואו ער איז געפאהרען. ס'האט געקאסט גרויס מיה און פראטעקציע אז מען זאל איהם ערלויבען צו האלטען דאס תורה'לע ביי זיך אין דער תפיסה. חסידים האבן געגעבען א טעם דאצו: מחמת דער ריזינער איז געווען דער אמת'ער מלך־ישראל, און דער דין איז, אז א אידי־שער מלך מוז תמיד מיט זיך מיטפיהרען א ספר תורה, אזוי וויא אין פסוק שטעהט "והיתה עמו וקרא בה כל ימי חייו".

דער ריזינער מיט'ן מחותן האבען דאמאלס געדאווענט מיט א מנין מצומצם. דער עולם האט זיך אבער ניט אבגעטרעטען און געדאווענט אין דרויסען, נעבען דעם הויף.

דיא רוסישע רעגיערונג האט אבער אלץ ניט געשוויגען. עס איז שוין געגאנ־גען אין נצחון. ס'איז גאר א סברא, אז פונ'ם העכסטען מקום אין פעטערבורג האט מען געבעטען דיא וויענער רעגיערונג אויסצוליעפערען דעם רבי'ן. טשערנאוויץ האט שוין איצט גאר קיין דעה ניט געהאט. מען האט בעדארפט האבען גרויס פראטעקציע אין וויען. אים סאמע שבת זיינען צוויי געהויבענע סטרעליסקער חסידים אוועקגעפאהרען קיין וויען צום ראבינער דר. מאנהיימער ער זאל פועל'ן ביים פירסט מעטערניך, ביי וועמען ער איז געווען א גרויסער חשוב. ער זאל איינמאל פאר אלע מאל אנערקענען דאס בירגער רעכט פאר ר' ישראל פריעדמאן.

דיא גאנצע צייט וואס דיא אנגעלעגענהייט וועגען זיין אויסליעפערונג איז פערהאנדעלט געווארען אין וויען, איז דער ריזינער געווען זעהר צורודערט. געגען זיין טבע צו זיין תמיד מלא שמחה. ער האט קיין מענש צו זיך ניט געוואלט צו־לאזען, א חוץ זיינע נאהענטע מקורבים. ער איז ארומגעלאפען אין זיין חדר הין און צוריק אויסרופענדיג: וואו איז ערגיץ מיין פאטער ר' שלום, מיין זיידע דער "מלאך" און מיין עלטער־זיידע ר' בער? וואס שווייגען זיי?"

פון דעם דאזיגען ענין דערצעהלען זיך דיא ריזינער חסידים אזא מין מעשה פון ר' מאיר'ל פרעמישליאנער:

אין סטשערזעץ נעבען לעמבערג האט געוואהנט א איד א פרעמישליאנער חסיד, וועלכער האט יאהרען לאנג ניט געהאט קיין קינדער. פיערצעהן יאהר רצופים איז ער געפאהרען צו ר' מאיר'ל פרעמישליאנער איהם דערקוטשעט ער זאל פאר איהם מתפלל זיין ער זאל געהאלפען ווערען מיט א קינד. דער רבי האט איהם כסדר אבגעווינשען, אבער דיא ברכה איז ניט מקוים געווארען.

דער דאזיגער חסיד האט אויך געהאט א חזקה צו זינגען ביי ר' מאירל'ס טיש מיט א געוויסען סקארבאווע ניגון דעם זמר "יום זה מכובד". יעדען שבת ווען ער איז געווען ביים רבי'ן אין פרעמישליאן.

ויהי היום, און דער סטשערזיצער חסיד האט זיך נעפראוועט מיט א קוויטעל ביים רבי׳ן ר׳ מאיר׳ל, דערקוטשענדיג איהם, דער רבי זאל איהם נעבען א ברכה.

״היינט האסטו גראד געטראפען — האט צו איהם ר׳ מאיר׳ל געזאגט.—דוא וועסט שוין סוף כל סוף האבען א ישועה. אבער דיא ישועה וועט ניט קומען דורך מאיר׳ן, נאר דורך ר׳ ישראלטשי ריזינער וואס וואהנט איצט אין סאדאגורע. הער מיך אויס וואס איך וועל דיר זאגען; דוא מוזט אבער אלצדינג פינקטליך אויספאלגען אזוי וויא איך וועל דיר הייסען טהאן, ניט משנה צו זיין אפילו כקוצו של יוד.

אזוי ריידענדיג, האט ר׳ מאיר׳ל ארויסגענומען א שליסעלע פון זיין הויזען־קעשענע, איז צוגעגאנגען צו א שאפע, זיא אויפגעשלאסען און פון איהר ארויסגע־נומען א קליין חלה׳לע.

אין דער שאפע זיינען תמיד געלעגען זיינע י״ב חלות, וועלכע מען האט פאר איהם יעדען פרייטאג אבגעבאקען לכבוד שבת, וויא דער מנהג איז ביי פיעל גרויסע גוטע־אידען. נאר אנשטאט וואס אנדערע רביים מאכען טאקע א מוציא איבער דיא צוועלף חלות, האט ער, וויא א פראסטער בעל־בית, א מוציא גע־מאכט איבער א קוכען מיט א קוילעטש, און מיט דיא י״ב חלות פלעגט ער מא־כען פערשיעדענע צערעמאניען וועז ער האט געוואלט א אידען נעבען א ישועה, בעזאנדערס, איהם מכבד צו זיין מיט פרנסה.

דאס חלה׳לע האט ער איבערגעגעבען צום סטשערזיצער אידען, זאגענדיג צו איהם כהאי לישנא:

פאהר אריבער קיין סאדאגורע צום ריזינער צדיק, דארט וועסטו האבען א ישועה. דאס חלה׳לע זאלסטו איהם איבערגעבען אלס א סימן אז איך האב דיך צו איהם געשיקט.

״ווארט אויס״, האט ר׳ מאיר׳ל ווייטער געזאגט גלייך ער וואלט זיך עפעס מיישב געווען. ״ווארט אויס, איך וועל דיר געבען צו איהם נאך א סימן. זאג דעם ריזינער, אז כאטש ער געהט אויפ׳ן קייזער־שטראס און איך נאר אויף א זייטען־סטעשקע, קומען מיר זיך דאך סוף כל סוף צוזאמען אויף איינע און דיזעלבע שטעלע און נקודה. אודאי קען מאיר ניט אליין שלעפען אזא שווערע משא, דעם כלל ישראל, ווי דער ריזינער. ער איז אבער א גוטער נאכשטופער.״

דער חסיד האט צוגענומען דיא חלה, אויסגעהערט דעם סימן און זיך גע־וואלט לאזען אוועקגעהן.

״אייל דיך ניט, שוטה! האט אויף איהם ר׳ מאיר׳ל א געשריי געגעבען. קינדער צו האבען קומט ניט אן אזוי גרינג: עס איז ניט קיין ביינעל פאר א גרא־שען אויפצועסען. אט האסטו צום ריזינער נאך א דריטען סימן. אזוי וויא דוא וועסט נאר אריינקומען צום צדיק אין זיין חדר און איהם איבערגעבען דיא צוויי סמנים, זאלסטו, ניט אמאל נעהמענדיג פון איהם א רשות, אנהויבען צו זינגען דעם זמר ״יום זה מכובד״, מיט דעמזעלבען ניגון וואס דוא פלעגסט זינגען ביי מיין טיש. ס׳מעג אפילו זיין אין א מיטוואך; דער צדיק וועט דאפון גרויס הנאה האבען.

קומענדיג קיין סאדאגורע, האט זיך דער סטשערזיצער איד געמעלדעט ביים

רבינ׳ס גבאים, דערצעהלענדיג זיי, אז ער האט צום רבי׳ן א בעזאנדערע פקודה פון ר׳ מאיר׳ל פרעמישליאנער. דאס איז געווען פונקט אין דעמזעלבען טאג וואס דער ריזינער איז געווען שטארק צורודערט מעהר וויא תמיד, צוליעב דעם ספק פונ׳ם אויסגאנג און רעזולטאט פון דער וויענער ענטשיידונג.

"לאזט איהם תיכף אריין אין מיין חדר — האט דער רבי געזאגט צו די גבאים וואס האבען איהם דערצעהלט פון ר׳ מאירל׳ס שליח. — ר׳ מאיר׳ל ווייסט וואס ער טהוט. עס איז אודאי א זעהר וויכטיגע שליחות".

אריינקומענדיג אינ׳ם ריזינער׳ס חדר, קוים וואס ער האט געהאט מקבל שלום געווען, האט דער חסיד דערצעהלט דעם ריזינער דעם תכלית פון זיין נסיעה צום צדיק.

"מיין רבי ר׳ מאיר׳ל פון פרעמישליאן, האט מיך צו אייך געשיקט איהר זאלט מיר געבען א ישועה מיין ווייב זאל פון מיר געבארען א קינד. פאר א סימן, האט ער צו אייך געשיקט א חלה פון זיינע י"ב חלות".

דער ריזינער האט צוגענומען דיא חלה און בידים זיא אריינגעלעגט אין דער שאפע פון זיינע זילבערנע כלים.

"נאך א סימן האט מיר מיין רבי מיטגעגעבען" — האט איהם דער חסיד געזאגט, און איהם דערצעהלט דעם דבור פונ׳ם קייזער־וועג און דעם זייטען־שטעג.

דער צדיק האט אנגעהויבען צו שמייכלען.

איך האב נאך א דריטען סימן — האט דער איד ווייטער געזאגט, און מניה וביה אנגעהויבען צו זינגען אויף א הויך קול דעם זמר "יום זה מכובד" פון אנהויב ביז צום סוף.

דא האט זיך דער צדיק זעהר צולאכט, און געלאכט האט ער טאקע אויף א הויך קול געגען זיין טבע.

"פאהרט אהיים — האט דאן דער ריזינער געזאגט צום אידען — פאהרט לחיים ולשלום; איך האף צו השם יתברך, אז איהר וועט בקרב געהאלפען ווע־רען. אייער ר׳ מאירל׳ן זאלט איהר זאגען, דאס איך זאג, אז ער איז א בעל־שכל, א מנהיג־הדור, א גוטער פיהרער ניט קיין נאכשטופער. ער געהט אויף דעם אויסגעטרעטענעם וועג און פערשטעהט גוט וויא אזוי צו זיין א גוטער־איד".

שפעטער האט מען זיך דערוואוסט, אז אין דעמזעלבען טאג וואס ר׳ מאירל׳ס חסיד האט געזונגען פאר׳ן ריזינער "יום זה מכובד מכל הימים", דיעזער טאג איז דער געעהרטעסטער פון אלע טעג, האט דיא וויענער רעגיערונג בעשטעטיגט דאס בירגער־רעכט פונ׳ם ריזינער. נאר כדי ער זאל שוין בשום אופן ניט קענען מעהר בעלעסטיגט ווערען פון דער רוסישער רעגיערונג, האט פירסט מעטערניך איהם געראטען, דורך דעם וויענער ראבינער׳ס פראטעקציע, דער ריזינער זאל זיך קויפען אן אייגען גוט אויף זיין נאמען. דאן קען דיא רוסישע רעגיערונג ניט מעהר פערלאנגען זיין אויסליעפערונג.

דאמאלס האט דער רבי געקויפט דאס גוט פאטאק־זלאטי, וואו ער האט אויך א קורצע צייט געוואהנט. און אויף שבת פ׳ שופטים תר"ב, איז זיין גאנצע בני־בית אנגעקומען בשלום קיין סאדאגורע.

## קאפיטעל .12

# א רבי פון רביים.

א שמועס פון צדיקים מכח דעם ריזינער—רביים ווערען חסידים—דעם סאנזער'ס נסיעה קיין סאדאגורע—א זעהר הויכער דבור פון סאנזער איבער דעם גרויסקייט פון ריזינער—פארוואס א גרויסער צדיק מעג דאווענען שפעט—א משל מיט א נמשל.

קוים האט זיך דער ריזינער אנזעסיג געמאכט אין סאדאגורע פאר א תמידות, איז געשעהען איינס פון דיא גרעסטע וואונדער אין דער חסידישער וועלט: אלע גאליציאנער רביים, האבען אט דעם דאזיגען אויסלענדישען רבי'ן אנער־קענט אלס דעם גרעסטען צדיק אין דור, און ערקלעהרט בפירוש, אז זיין נייער דרך, וויא פרעמד ער זאל ניט אויסזעהען אין דיא אויגען פון דיא חסידים, איז ער דאך א הויכער, הייליגער, הימלישער דרך. און מאנכע פון דיא דאזינע גרויסע און אלטע רביים, האבען זיך אויך מכניע געווען און געמאכט א נסיעה קיין סאדאגורע, צו זעהען פנים אל פנים דעם גרויסען צדיק.

דער ערשטער פון דיא צדיקים וואס האט געמאכט אזא נסיעה, איז געווען דער בעריהמטער גאון און צדיק ר' שלום פון קאמיענקע, א תלמיד מובהק פון דעם בעלזער רבי'ן ר' שלום און פונ'ם רימאנאווער רבי'ן ר' הירש.

דאס איז געווען אין רימאנאוו, ביי'ם אלטען צדיק, דער רבי ר' הירש. דארט פלעגען זיך יעדעס יאהר, אים י"ט אייר, דיא יאהר־צייט פון'ם רבי'ן ר' מענדעלע, דעם רבי'ן ר' הירש'ס רבי, צוזאמענקומען אלע גרויסע און בעריהמ־טע צדיקים פון גאליציען, טאקע צוליעב דעם בעל־היאהרצייט גופא, אבער ניט ווייניגער אויך כדי זיך אבצולערנען ביים רימאנאווער דעם דרך פון חסידות און עבודות ה'.

א שמועס האט זיך דאמאלס ענטוויקעלט צווישען דעם דזיקאווער צדיק ר' אליעזר'ל, ר' חיימ'ל דעם סאנזער און ר' שלום דעם קאמיענקער מכח דיא צדיקים פונ'ם דור.

"גבורות זעהט מען אין בעלז", האט ר' שלום קאמיענקער, וועלכער איז ערשט ניט לאנג געהאט צוריקגעקומען פון סאדאגורע, בעמערקט צו דער היי־ליגער חבריא. "עבודות ה' זעהט מען דא ביים רימאנאווער, נביאות זאגען הערט מען ביים פרעמישליאנער, אבער דער "מקור", דיא אמת'ע קוואל פון אלע מדרגות איז נאר ר' ישראלטשי ריזינער. ער איז דער צדיק, וועמען דער היי־ליגער "זוהר" פערגלייכט מיט דער בחינה פון "שבת", זאגענדיג "מהאי יומא מתברכין כל שיתא יומין עילאין", פון איהם געהט ארויס דיא הימלישע שפע,

זייענדיג דער מסור פון דער קדושה, פון וועלכע אלע איבעריגע צדיקים האבען א יניקה: זיי אלע ווערען אקעגען איהם אנגערופען דיא "בני הנביאים" (יונגע נביאים).

"מען זעהט דאך אבער ביי איהם לחלוטין גאר ניט אזא עבודות וויא ביים הינען רבי'ן, למשל, אדער א ממשלה איבער דיא כחות הטבע וויא אין בעלז?" האט צו איהם דער סאנזער געזאגט בדרך שאלה.

"גאר הויכע ענינים קען מען ניט זעהן. ניט הערען נור פיהלען — האט זיך דער דזיקאווער צדיק ר' אליעזר'ל אנגערופען. — עס פערשטעהט זיך אז דאצו מוז מען האבען א חוש ההרגשה" (א שטארק געפיהל).

"דער אמת'ער צדיק הדור — האט ר' שלום ווייטער געזאגט — איז דער כלל הכולל, דער הויפט כח פון אלע כחות, ביי איהם קען מען ניט זעהען קיין איינצעלהייטען, קיין ספעציאליזם, מחמת ער איז דער קוואל פון וואנעט אלע כחות קוועלען ארויס און ער שטעהט העכער איבער אלעם. ער איז דער צענטער וואו אלע ליכט־שטראהלען פערזאמלען זיך צו איין פונקט און פון וואנעט זיי שיינען וויעדער צוריק ארויס וויא אז אונענדליכעס ליכט. אויף איהם איז ניטא קיין תמיהות און קיין קשיות. זיין דרך, וויא משונה'דיג ער זאל ניט זיין, איז דער דרך המלך, דער קייזער־שטראס, פון וואנעט עס ציהען זיך ארויס פערשיעדענע זייטען־וועגען. פאר אזא מין צדיק בעטראכט איך ר' ישראל'טשי ריזינער."

באותו מעמד האט דער סאנזער צדיק בעשלאסען צו פאהרען קיין סאדאגורע, און האט אויך שפעטער געהאלטען ווארט.

דיא געטרייע מקורבים פונ'ם סאנזער, האבען אנגעווענדעט אלערליי מיטלען דעם רבי'ן אבצוהאלטען פון אזא ווייטע און געפעהרליכע רייזע. מחמת עס איז געווען אין מיטען ווינטער, דיא פרעסט זיינען געווען שרעקליך און דער סאנזער איז דאמאלס שוין ניט מעהר געווען קיין יונגערמאן. א חוץ דעם האט ער געהאט א קראנקען פוס וועלכער האט ניט געקענט פערטראגען קיין קעלט. עס האט אבער גאר ניט געהאלפען. דער סאנזער האט זיך איינמאל ענטשלאסען צו פאהרען, און דאס האט געמוזט געשעהען, זאל עס אויך זיין אפילו מיט סכנת נפשות.

געפאהרען איז דער סאנזער צדיק אין א בויד פון סאנז ביז סאדאגורע, א מהלך פון קרוב צו הונדערט מייל (הינגע פיער הונדערט). דער פראסט האט געברענט וויא פייער און דיא מקורבים זיינען שיער פערפרוירען געווארען. ער אליין אבער האט, פאר גרויס תשוקה צו זעהען דעם ריזינער, גאר ניט געפיהלט דיא קעלט.

געגרוהט האבען זיי גאר אין דער צייט פונ'ם דאווענען ערב ובוקר און ביינאכט צום שלאפען פיער שעה. און דאס איז תמיד געווען נאר אין א דארף. אין קיין שטאדט האט ער ניט געהייסען זיך אבשטעלען, וויסענדיג אז טויזענ־דער חסידים וועלען איהם וועלען זעהען און זיך ביי איהם פראווען. ער האט צו זיינע מקורבים אזוי געזאגט: "איצט ביז איך א חסיד ניט קיין רבי!"

פון אלע אלטע חסידים האב איך ניט געקענט דערגעהען קיין טאלק וויא אזוי דער סאנזער איז אויפגענומען געווארען אין סאדאגורע און וואס ס'האט

איבערהויפּט פּאסירט יענעם שבת ביים טיש. מחמת נאכרעם וויא דער סאנזער איז, שפּעטער מיט יאהרען, ארויס אין א מחלוקת מיט דיא סאדאגורער רביים, האבען דיא סאדאגורער חסידים ניט אמאל געוואלט דערמאנען אפילו דעם סאנזער׳ס נאמען צום גוטען. אבער דעם איינדרוק וואס דער ריזינער צדיק האט דאמאלס געמאכט אויפ׳ן סאנזער, קען מען זיך משער זיין פון אט דיזע עפּיזאדע:

צוריקפאהרענדיג פון סאדאגורע, האט זיך דער סאנזער רבי צוזאמענגע־טראפען מיט׳ן קראקויער רב ר׳ שמעון סופר, דער זוהן פון׳ם פּרעסבורגער גאון ר׳ משה סופר.

דער קראקויער רב, וועלכער איז ניט געווען קיין חסיד, האט געפרעגט דעם סאנזער רב, פאר וואס אזא גאון וויא ער איז, זאל זיך אזוי ערנידעריגען און פאהרען צום ריזינער רבי׳ן? וואס א שטייגער קען זיך אזא גאון אבלערנען ביים סאדאנורער רבי׳ן?

האט איהם דאמאלס דער סאנזער רב אזוי געענטפערט:
אויף דער ערד זיינען פאראהאנען צוויי־ערליי היילינע ערטער: איינער איז דער בארג „סיני" אויף וועלכען גאט האט געגעבען צו דיא אידען דיא תורה, און דער צווייטער אָרט איז דער בארג „מוריה", אויף וועלכען יצחק אבינו האט אויסגעשטרעקט זיין האלז, צו לאזען זיך מקריב זיין פאר א קרבן צו השם יתברך, און אויף וועלכען שלמה המלך האט שפּעטער געבויט דאס בית־המקדש. איז דאך דיא קשיא, פאר וואס האט מען טאקי באמת ניט בעסער געבויט דאס בית־המקדש אויף דעם בארג סיני וואו מען האט דיא אידען גע־געבען א תורה? מיט וואס איז עפּעס דער הר מוריה חשוב׳ער פון הר סיני?

דער תירוץ איז אבער גאר פּשוט: דער ארט וואו א איד האט אויסגע־שטרעקט זיין האלז וועלענדיג זיך מוסר נפש זיין פון זיין ליעבען נאמען׳ס וועגען, איז ביי השם יתברך פיעל מעהר חשוב פון דעם ארט אויף וועלכען ס׳איז געגעבען געווארען דיא תורה.

„גלויבט מיר באמונה — האט דער סאנזער רב געענדיגט זיינע דבורים צו ר׳ שמעון סופר — אז דער ריזינער רבי ר׳ ישראלטשי האט מסירות נפש פאר השם יתברך יעדער מינוט אין יעדער רגע. אזא צדיק איז דאס אמת׳ע בית־המקדש. אויף איהם האט דער פּסוק געזאגט: „ועשו לי מקדש ושכנתי בתוכם", אז דיא שכינה רוהט אין בית המקדש. איצט קענט איהר שוין פער־שטעהען אז מיין ווייטע נסיעה האט זיך מיר אויסגעצאהלט".

דאס חידוש איז, וואס ניט נאר אנדערע צדיקים האבען אויף איהם געזאגט הויכע דבורים, נאר אויך ער, דער ריזינער אליין, פלעגט אויף זיך זאגען, אין דער געגענוואַרט פון דיא גרעסטע צדיקים, געוואלטיגע ענינים.

דער ריזינער פלעגט ניט האבען א בעשטימטע צייט צום דאווענען וויא דיא אנדערע רביים. על פּי רוב פלעגט ער זעהר שפּעט דאווענען. האט איהם דער עלטעסטער רבי אין דור, דער אפּטער צדיק, געפרעגט פאר וואס ער בעשטימט זיך ניט א זמן תפלה?

האט איהם דער ריזינער אזוי געענטפערט:

יעדער קעניג האט געוויסע אודיענץ־שטונדען אין טאג, ווען יעדער וואס האט עפּעס א בקשה צום מלך קען דאמאלס פארטרעטען און פארלעגען פאר

איהם זיין פערלאנג. נאך דער אוידיענץ־שטונדע, וועט קיינער מעהר ניט צו־געלאָזט צום מלך.

אמאָל איז געקומען א מאן נאך דיא אוידיענץ־שטונדען און געבעטען רשות מען זאָל איהם פאַרלאָזען פאר׳ן קעניג, מחמת ער האט איהם מודיע צו זיין א זעהר וויכטיגען ענין לטובת המדינה.

״פאר וואָס זיינט איהר ניט געקומען אין דיא אוידיענץ־שטונדען צוזאמען מיט דיא איבעריגע?״ — האָבען איהם דיא דיענער געפרעגט.

— ווייל יענע קומען מיט בקשות צום קעניג צוליעב זייער אייגענע טובה, קענען זיי אויפפאסען און אבווארטען דיא בעשטימטע שעה. איך אבער קום צום קעניג וועגען א נויטיגען ענין לטובת דער מדינה און לטובת דעם קעניג גופא, דעריבער איז פאר מיר אונמעגליך צו וויסען פריהער, ווען איך וועל האָבען איהם מודיע צו זיין וויכטיגע ענינים, און אויפצופאסען, אז דאָס זאָל פונקט געשעהען אין דער אוידיענץ־שטונדע?

״אונזער תפלה ביים דאווענען איז ניט צוליעב אונזער אייגענע צרכים (בעדרפניסע), נאר ״לתקן עולם במלכות שדי״, מתקן צו זיין דיא עולמות עליונים, כדי ס׳זאָל דאדורך געגרויסט ווערען דער כבוד פון השם־יתברך. דעריבער קענען מיר ניט דאווענען אין א בעשטימטע שעה, נאר דאמאָלס ווען מיר פיהלען זיך בכח עפעס אויפצוטהון מיט אונזער תפלה לקיום העולם״.

וויא דער אפטער האט דאָס דערהערט, האט ער זיך אנגענומען מיט ביידע הענד ביי זיין גרייז־גרויע באָרד אויסרופענדיג: ״איצט איז מקוים געווארען דער מאמר פון דער גמרא, אז בעקבתא דמשיחא, אין דיא צייטען ווען משיח וועט דארפען קומען, וועט זיין ״נערים פני זקנים ילבינו״, יונגעלייט וועלען פערשעהמען דאָס פנים פון דיא אלטע לייט. איך, דער גרייז־גרויער, שעהם מיך באמת פאר אט דעם דאזיגען יונגענמאן, פאר זיין גרוים צדקות און מורא׳דיגע קדושה; א פחד שבפחדים!״

## קאפיטעל 13.

# די צדיקים׳ס פגישה.

**דאס עניוות פון פארצייטיגע צדיקים—שיקט א מבין צום ריזינער—הויכע דבורים איבער׳ן ריזינער—א צדיק וואָס מאכט נסיעות אום שבת און אום יום טוב—דער אלטער פאָהרט צום יונגען—מען מוז וויסען דעם סוד פון א קוש—א מדרגה פון אברהם אבינו.**

ווען שוין האט דיא רייזע פון דיא צוויי בעקאנטע צדיקים, דעם סאנזער און דעם קאמיענקער, קיין סאדאגורע צום רבי׳ן ר׳ ישראלטשי, שטארק עושה רושם געווען אין דער גאנצער חסידישער וועלט, האט דאגעגען דיא רייזע פונ׳ם רבי׳ן ר׳ הירש פון רימאנאוו קיין סאדאגורע, ממש איבערראשט דיא

גאנצע **רבי׳שע** וועלט, און יעדער פון דיא רביים וואס האבען דאס געהערט זיינען פשוט געבליבען פער׳הושמ׳ט.

וויא איך האב שוין פריהער בעמערקט, איז דער אלטער רבי ר׳ הירש נעוועזן ניט נור דעם סאנזער׳ס און דעם קאמיענקער׳ס רבי, נור אויך דער רבי פון אלע גרויסע צדיקים אין גאליציען; אפילו דער רבי ר׳ אליעזר׳ל פון דזיקאוו, דער גרעסטער מיוחס׳דיגער רבי אין דור און דער רבי ר׳ שמעון פון יעראסלאוו, דער עלטסטער זקן פון אלע רביים, פלעגען פאהרען צום רבי׳ן ר׳ הירש אבצולערנען ביי איהם עבודת הבורא, און זיך ביי איהם געלאזט בענשען. ס׳האט דאריבער געהייסען אין דער גוט־אידישער סביבה, אז דער רבי ר׳ הירש פון רימאנאוו איז דער צדיק הדור, דער ראש פון אלע רביים. צום סוף איז זיך נאר אט דער דאזיגער גרויסער צדיק מיישב אויף זיינע עלטערע יאהרען — ער איז שוין דאמאלס געוועזן קרוב צו שבעים — צו פאהרען צו׳ן א רבי׳ן וואס איז פיעל איגגער פון איהם, און נאך דאצו אזא וויטע, מסוכנ׳דיגע נסיעה. הדא דתימא. פון דאניט איז דאך בפירוש געדרונגען, אז דער אלטער צדיק איז דאמיט אליין מודה אז גאר דער ריזינער, ניט ער, איז דער אמת׳ער מנהיג פונ׳ם דור!

און אזוי ארומעט איז דיא דאזיגע זעלטענע נסיעה צושטאנד גע־קומען.

דער רבי ר׳ הירש האט געהאט פאר א מקורב אן אלטען חסיד, ר׳ הירש׳לע איטשי׳ס האט ער געהייסען. דער דאזיגער מקורב און משמש האט פלוצים בעקומען א ברענענדיגען חשק צו זעהען דיא שעהנע צורה פונ׳ם ריזינער רבי׳ן, וועלכער איז גראד צו יענער צייט אנגעקומען קיין סאדאגורע, אויף וועמען דער אפטער צדיק האט עדות געזאגט, אז ער האט א פנים וויא א מלאך אלקים.

גרינג איז פאר איהם געוועזן צו האבען חשק אבער נאך מעהר וויא שווער דעם רצון אויסצופיהרען, מחמת אוועקצופאהרען פון זיין רבי׳ן, וועמעס מקורב ער איז, צו אן אנדערען צדיק, הייסט א גרויסער פחיתות הכבוד פאר זיין רבי׳ן, ער האט דעריבער מורא געהאט פאר דעם רבינ׳ס הקפדה און געבליעבען א קנאפ יאהר ביים בלויזען חשק.

אז אמת׳ער חסיד, וויבאלד ער זעצט זיך אמאל א געדאנקען אין קאפ אריין צו פאהרען צו א געוויסען צדיק, מוז פריהער אדער שפעטער זיין רצון אויסגעפיהרט ווערען. וויסענדיג אז דער רבי ר׳ הירש איז בטבע א זעהר גוטיטשקער, האט ער אמאל ביי א געלעגענהייט, ווען דער רבי האט גראד גע־שמועסט פון ריזינער און אויך געווען צופעליג גוט אויפגעלעגט, אויסגעשפרא־כען פאר׳ן רבי׳ן זיין הייסען וואונש, צו זעהען דעם ריזינער צדיק, ניט הלילה אלס קבלת־מרות, איהם אנצוערקענען פאר זיין רבי׳ן, נור פשוט אנצוקוקען זיין ליכטיגע צורה, וועלכע איז בעריהמט אויף דער גאנצער וועלט מיט איהר געט־ליכער שעהנהייט.

וויא דערפרעהט איז דער אלטיטשקער געווארען דערהערענדיג פון זיין רבינ׳ס הייליגע מויל, אז ניט נאר ער, דער רבי, האט נאר ניט וואס איינצו־ווענדען געגען אזא נסיעה, נאר דוקא אדרבה, ער האט איהם נאך מעורר

געוועז מיט ווארימע דבורים, ער זאל ניט אבלעגען דיא נסיעה אויף שפעטער נאר טאקע גיך און באלד זיך לאזען אין וועג אריין.

עס איז א גרויסע סברא, אז דער רבי ר׳ הירש האט דורך זיין מקורב געוועלט געוואהר ווערען מכח דעם ריזינער׳ס דרכים און מנהגים וכדומה. ער האט גוט געוואוסט, אז אזא אלטער אויסגעיווייקטער חסיד וויא זיין ר׳ הירש׳לע איטשיס, איז א בר־סמכא און אויך א מומחה אין ענינים פון חסידות. און פון איהם וועט ער זיך קענען דערוויסען פיעל וויכטיגע ענינים וועלכע ער האט געגארט צו וויסען פון א זיכערער קוועלע.

היינטיגע צייטען וואלט קיין שום רבי ניט ערלויבט זיינס א חסיד מובהק צו פאהרען צו אן אנדערען רבי׳ן. מחמת אויך אויפ׳ן חסידישען מארקעט געהט היינט אן א גרויסע קאנקורענץ; ער וואלט מורא געהאט, אז דיא חסידים קענען נאך דאס באטראכטען אלס א הודאה, דאס יענער רבי איז גרעסער פון איהם. און דאס גלוסט זיך זעהר ניט צו צוגעבען, אפילו פאר א גוטען אידען.

דאמאלס אבער, איז אויך אין ענינים פון חסידות געוועזען אן אנדערע וועלט. א ליעבע צום אמת האט בעוועלטיגט דיא רביים אליין; יעדער פון זיי האט געזוכט און געגארט צו זעהען עפעס א נייעם דרך וויא אזוי צו דיענען השם־יתברך, ניט קימערענדיג זיך וואס זיינע חסידים וועלען דענקען אדער זאגען. דאס איז געוועזען דיא סיבה, וואס אזא גרויסער רבי וויא דער דזיקאווער, דעם אלטען ראפשיצער׳ס א זוהן, א דורכגעפלאכטענער מיוחס פון דורי דורות, און אזא אלטער רבי וויא דער יעראסלאווער רבי ר׳ שמעון, וועלכער האט זוכה געוועזען צו קענען און צו האבען סמיכה פון דיא גאר אלטע צדיקים, דעם בעל־שם׳ס תלמידים, וואס אזעלכע צוויי מאורי־הגולה, האבען ניט בעטראכט פאר א פחיתות הכבוד צו פאהרען צום רבי׳ן ר׳ הירש, וועלכער איז לחלוטין גאר קיין מיוחס ניט געוועזען און וועלכער האט זיך ארויפגעארבייט פון א פראסטען שניידער־אינגעל צו דער מדרגה פון א גרויסען צדיק. און דאס איז אויך געוועזען דיא אורזאכע, וואס טאקע דיעזער גרויסער רבי ר׳ הירש האט מסכים געוועזען, אז זיין לייב־מקורב זאל פאהרען צום ריזינער אויסצובאהגען א וועג פאר זיין איינענער נסיעה.

אין יאהר תר״ג, א יאהר נאכדעם וויא דער ריזינער האט זיך בעזעצט אין סאדאגורע, איז דעם רימאנאווער׳ס מקורב ר׳ הירש׳לע געפאהרען קיין סאדאנורע.

ביים קבלת־שלום האט איהם דער ריזינער געפרעגט, וויא זיין סדר פלעגט זיין:

„פון וואנעט זייט איהר?"

— איך בין פון א קליין שטעדטעל אין גאליציען, עס הייסט „רימאנאוו".

„וואס? — האט דער ריזינער אויסגערופען מיט א האלב־הויך קול און דאביי א ציטער געטהון — וואס זאגט איהר עפעס? א מקום וואו דער גרויסער ר׳ הירש וואהנט, רופט איהר אן א קליין שטעדטעל! ווייסט איהר אז אייער רבי איז א פלאם פייער, טאקע אן אש להבה? רימאנאוו איז א גרויסע שטאדט, טאקע גאר א גרויסע! ביי אברהם אבינו שטעהט געשריעבען „ויעש אברהם משתה גדול", ווען מען האט אנטוויינט יצחק׳ן. האט אברהם אבינו

געמאכט א גרויסע סעודה, איז רש״י מפורש, אז נור דאדורך האט דיא הייליגע תורה אנגערופען דיא סעודה א ״גרויסע״, ווייל דיא ״גרעסטע״ לייט פונ׳ם דור האבען זיך ביי איהר בעטהיילינט. אז ארט וואס פערמאגט אזא גרויסען ״איד״ וויא ר׳ הירש איז, איז א זעהר גרויסער מקום. אוי, וואלט איך געוואלט אייער רבי׳ן זעהען און זיך איינקוקען אין זיין אמת׳ע אידישע צורה!״

״איך האב געהערט אז אייער רבי איז א כהן, טאקע אן אמת׳ער כהן— האט דער ריזינער פארטגעזעצט זיינע דבורים. — זאגט מיר, כ׳בעט אייך, דוכנ׳ט ער טאקע אזוי ווי׳א אזא כהן צו שטעהט?״

— אוראי דוכנ׳ט ער יעדען יום־טוב — האט ר׳ הירש׳לע געענטפערט נים פערשטעהענדיג דיא כונה פונ׳ם ריזינער׳ס דבורים.

״איך פרעג אייך נים אויב ער דוכנ׳ט אים יום־טוב — האט זיך דער ריזינער אנגערופען וויא מיט א תרעומות טאן — אייער רבי איז א כהן גרול. פאר איהם וואלט זיך געפאסט צו דוכנ׳ען יעדען טאג״.

״אייער רבי זאל אויך מאכען א היבש ביסעל נסיעות״ — האט צו איהם דער ריזינער ווייטער געזאגט.

— דוקא זעהר זעלטען — האט ר׳ הירש׳לע געענטפערט — ס׳איז שוין א סך יאהרען וואס מיין רבי איז א יושב־בית. ער האט נים ליעב צו מאכען נסיעות. ער פאהרט נאר אמאל אין ווארים־באד אריין צו זוכען א רפואה צו זיינע קראנקע פיס, מחמת ער לייד זעהר פון ריהומאטיס״.

״וואס ווייסט איהר?״ האט צו איהם דער ריזינער געזאגט מיט א שמייכעל, ״וויבאלד איך זאג אייך אז ער מאכט נסיעות, מעגט איהר מיר גלויבען. ער מאכט אפילו זיינע נסיעות אויך אין שבת און אין יום־טוב, און דוקא צו זעהר ווייטע מקומות, אזוי ווייט, וואו קיין שום מלאך און קיין שום שרף קען נים אמאל אהין קומען״.

ר׳ הירש׳לע האט געשטוינט הערענדיג פונ׳ם הייליגען ריזינער׳ס מויל אזעלכע הויכע דבורים איבער זיין רבי׳ן. ער האט דאן געהאלטען שבת אין סאדאגורע און זעהר מקבל תענוג געווען.

קומענדיג אהיים קיין רימאנאוו, האט ער דערצעהלט דעם רבי׳ן ר׳ הירש אלע דבורים פונ׳ם ריזינער מלה במלה.

״אויך איך אליין האב שוין לאנג משתוקק געווען צו זעהען בחיים חייתי (כל זמן איך לעב) דיא הייליגע צורה פונ׳ם ריזינער — האט צו איהם דער רבי געזאגט. — איך האף אי״ה זיך בקרב מיט איהם צו זעהען״.

וכך הוה. אין דעמזעלבען יאהר איז דער רבי ר׳ הירש געפאהרען קיין סאדאגורע, מיטנעהמענדיג מיט זיך א גאנץ מנין. מחמת דיא נסיעה האט בעדארפט דויערען צעהן טעג און ער האט נים געוואלט דאווענען אהן מנין. וואו ער איז דורכגעפאהרען האבען איהם אבגעווארט טויזענדער חסידים. ער האט זיך אבער מיט זיי נים געוואלט אבגעבען, זיי פערשפרעכענדיג, אז ווען ער וועט צוריקפאהרען, וועט ער זיך צייט נעהמען אומעטום אבצושטעלען פאר א ווייל׳ע.

אין דעם סאדאגורער הויף איז א רעש און א געטומעל. הונדערטע חסידים שטעהען אין א געדיכטער ווארע (צוויי שורות מענשען וואס שטעהען פנים אל פנים), פונ׳ם הויפ׳ס טויער ביז צום רבינ׳ס טהיר, ווארטענדיג שעות׳ווייז

אויפ׳ן אָנקומען פונ׳ם רימאַנאָווער צדיק. עס ווילט זיך יעדען זעהען די פגישה פון די צוויי מאורות גדולים. שייך, אז מען וועט ניט עפּיס זעהען חידושים?

ווערענדיג מיעד פונ׳ם לאַנגען וואַרטען, זעהט מען אלע מאָל אַן אַנדערען אַרויסנעהמען פון דער בוזים קעשענע א פלעשעלע מיט א קעלעשיקעל, זייענדיג מכבד די שכנים מיט א קאַפּעלע משקה און ווינשענדיג איינער צום אַנדערען א וואַרימען "לחיים".

"יהי רצון אז מיט דעם צוזאַמענקומען פון די דאָזיגע צוויי מאורות גדולים, זאָל שוין פול ווערען דער פּגם פונ׳ם "מאור הקטן" (די לבנה) און זיין ליכט זאָל ווידער לייכטען אזוי העל וויא דאָס ליכט פון דער זון. אוי, א גאולה שלמה, רבונו של עולם, און טאַקע דורך א ו נ ז ע ר משיח."

דאָס וואָרט "אונזער", מיינט טאַקע דעם ריזינער, אז ער זאָל זוכה זיין צו זיין דער "גואל צדק".

פּלוצים ווערט א געשטופּעריי, יעדער איינער וויל זעהען. א גבאי פונ׳ם ריזינער׳ס הויף געהט פאָראויס דורך דער וואָרע, פאָכענדיג מיט א פאַטשיילע נעגען די פּנים׳ער פון דעם עולם. נאָך איהם געהט פאַמעלעך אַן אַלטער, קליינמשיקער מאַן, אָנגעטאָהן אין הוילע ווייסע קליידער, פון דעם קאָפּ ביז צו די פיס, בעגלייט פון דעם ריזינער׳ס עלטערע קינדער, וועלכע זיינען דעם רימאַנאָווער צדיק אַקעגען געפאָהרען ביז דעם דאָרף זוטשקא.

דער רבי ר׳ ישראל׳טשי בעצמו איז ניט אַקעגען געפאָהרען. ער האָט געהאַט גרויס הכנה פאַר דעם קבלת־שלום. צוויי שעות דורכאיינאַנד, איז ער געוועזען אָבגעשלאָסען אין זיין חדר, רויכענדיג כסדר די לולקע־ציבעק מיט גרויס דבקות.

ער איז אַקעגען געגאַנגען דעם רימאַנאָווער ביז צו דער טהיר פון דער אַלטער קלויז.

ביים קבלת־שלום, האָט דער ריזינער א קוש געגעבען דעם רבי׳ן ר׳ הירש אין שטערען אַריין, דער רימאַנאָווער אָבער האָט איהם ניט צוריקגעקושט.

ביים צוריקגעהען פון רבינ׳ס הויף אויף זיין סטאַנציע, האָט ר׳ ליבוש, דער איידעם פון רבי׳ן ר׳ הירש געפרעגט דעם שווער, פאַר וואָס ער האָט ניט געקושט דעם ריזינער בעת יענער האָט איהם יאָ געקושט.

"מחמת ער ווייסט דעם סוד פון "נשיקה" — האָט איהם דער רבי ר׳ הירש געענטפערט. — מיר האָט מען פון הימעל ניט מגלה געווען דעם סוד און ביי מיינע רביים האָב איך דאָס אויך ניט געלערנט".

"וויא געפעלט אייך עפּעס זיין דרך?" — האָט איהם דער איידעם ר׳ ליבוש ווייטער געפרעגט.

"ער האָט זיך אויסגעוועהלט דעם דרך פון חנוך, דער איצטיגער מלאך מטטרון, מיר אָבער, א דאַנק זיין ליעבען נאָמען, האָבען זיך אויסגעקליבען דעם דרך פון אברהם אבינו".

"אַזאַ צדיק האָט מען ניט געזעהען זייט הונדערטער דורות — האָט דאַמאָלס דער ריזינער געזאָגט צו זיינע מקורבים אויפ׳ן רימאַנאָווער. — ער איז אין א בחינה פון אברהם אבינו. פון וועמען דער מדרש דערצעהלט, אז נאָך דעם וויא ער האָט יאָהרען לאַנג נאָכגעזוכט און נאָכגענישטערט אויסצוגעפינען דעם

אמת׳ען מנהיג פון דער וועלט, האָט זיך השי״ת בכבודו ובעצמו צו איהם בע־ וויזען און געזאָגט: ״אני הוא בעל הבירה!״ איך בין דער וועלטס בעל־הבית!״
געמיינט האָט דער ריזינער מיט דיזען דבורים מרמז צו זיין, אז דער רבי ר׳ הירש איז געקומען צו זיין הויכע מדרגה דורך זיין אייגענע ארבייט, מיט אייגענעם כח, אהן זכות אבות — נאָר מיט דיא הילף פון גאָט ברוך הוא.

## קאַפּיטעל 14.

# דער שרוך.

**דער צדיק איז מקריב קרבנות—צווייערליי דאווענען—״ברוך שאמר״ א סימן פאר פאסטוכער—ער קען ניט דאווענען במנוחה—פער־שיעדענע מינים פון יחוס—מחותן איז מחותן און נדן איז נדן—דער צדיק האָט גאָר קיין טעות ניט געהאט.**

דיא נסיעה פון׳ם רבי׳ן ר׳ הירש צום ריזינער קיין סאַדאגורע, האָט איבער־ראשט דיא גאַנצע חסידישע וועלט. עס איז לחלוטין גאָר ניט מעגליך געווען זיך פארצושטעלען אין דער מחשבה אפילו, אז דער גרויסער רבי ר׳ הירש מיט זיין היים־ברענעדיגע עבודה, זאל קענען איבעראיינשטימען מיט דעם אין גאַליציען נייעם מאָדנעם דרך, וועלכער קאָנצענטרירט זיך נאָר אין פנימיות, הארץ־עבודה, וואָס ערפאָדערט נאָר בלויז אמונה. מחמת פון דרויסען זעהט מען כמעט גאָר ניט, נאָר ״הוד שבתפארת״, אן אויסענווייניגסטען גלאַנץ. און וואָס עס טהוט זיך אינעווייניג מוז מען שוין גלויבען.
אָבער טראָצדעם אַלעם, איז דער אַלטער רימאַנאָווער צדיק אַזוי צופריעדען געווען פון זיין נסיעה קיין סאַדאגורע, אז אויף דער גאַנצער היים־נסיעה האָט ער ניט אויפגעהערט צו ריהמען דאָס גרויסקייט פון׳ם ריזינער און פון זיין דרך.
״דער צדיק איז דער כהן־גדול פון׳ם דור — האָט דער רבי ר׳ הירש גע־זאגט אויפ׳ן וועג צו זיין איידים ר׳ ליבוש — און זיין הארץ איז דער מזבח אויף וועלכען ער איז מקריב קרבנות, קוילענדיג דעם יצר־הרע, און אויך מקטיר קטורת דורך זיינע מעשים־טובים. דאָס האָב איך געזעהן ביי ר׳ ישראלטשי. ביי איהם איז מקוים געוואָרען דער פסוק: ״אש תמיד תוקד על המזבח״. א שטענדיגעס פייער פון א ליעבע צו גאָט־ברוך־הוא, פון מסירת נפש צו זיין ליבען נאָמען, און פון התדבקות (זיך באהעפטען) אינ׳ם אין סוף ברוך הוא, ברענט כסדר אין זיין הארץ אהן אן אויפהער, כאָטש עס זעהט זיך ניט ארויס און דיא עבודה זיינע זעהט אויס קאַלט, שטיל און רוהיג״.
מעהר חדוש איז אבער געווען דער נשיאות־חן וואָס דער רימאַנאָווער רבי האָט געפונען אין דיא אויגען פון׳ם ריזינער. עס איז א באַקאַנטע זאַך, אז דער ריזינער האָט לגמרי ניט געהאַלטען פון דעם דרך־העבודה וואָס דער רבי ר׳ הירש האָט זיך געפיהרט. אן עבודה, וועלכע איז בעשטאַנען אין ארויסווייזען התפעלות

דורך געוואלטיגע קולות און אונגעהויערע תנועות און העויות (בעוועגונגען) ביים דאווענען, פונקט וויא דער גרויסער רבי ר׳ אורי פון סטרעליסק.

אז דער ריזינער האט ניט געזען אזא מין עבודה, האט מען זיך דערוואוסט פון דיזער עובדה:

ווען דער צדיק ר׳ אורי פון סטרעליסק איז נסתלק געווארען, האבען פיעלע פון זיינע געהויבענע חסידים זיך אויסגעקליבען דעם ריזינער פאר זייער רבי׳ן. סטרעליסק מיט ריזין זיינען אבער געווען, בנוגע עבודת־הבורא, כמעט וויא צוויי עקסטרעמען. דיא סטרעליסקער חסידים פלעגען דאווענען מיט אזא מין התלהבות מיט אזעלכע הילכעדיגע קולות וברקים, אז זיי זיינען אזש דורכגעווייקט געווארען פון שוויים; עס האט געגרייכט צו א מדרגה פון כלות הנפש.

צווישען חסידים דערצעהלט מען זיך, אז דיא פאסטוכער אין פעלד אונטער סטרעליסק, האבען געהאט א קלארען סימן ווען אהיים צו טרייבען דיא בהמות, מיטאג צייט, אן דיא קולות וואס דער רבי האט געמאכט ביי "ברוך שאמר". מיט דעם זעלבען רעש און וועלטען־איינרייסעניש האבען אויך געדאווענט אלע סטרעליסקער חסידים.

דאגעגען אבער ביי דיא ריזינער חסידים איז אלעס צוגענאנגען געלאסען, שטיל, בהדרגה, בעל־בתיש אהן "הימעל עפען זיך" — א הארץ־עבודה.

דיא סטרעליסקער חסידים, וועלכע האבען נאך זייער רבין׳ס פטירה בעשלאסען מקבל מרות צו זיין (אנצונעהמען פאר א רבי׳ן) פון׳ם ריזינער, האבען זיך בשום אופן ניט געקענט אבגעוועהנען פון זייער רבין׳ס דרך. זיי פלעגען ביים דאווענען אין דער ריזינער קלויז, פאטשען מיט דיא הענט און טופען מיט דיא פיס, פשוט מרעיש עולמות זיין.

דער ריזינער רבי וועלכער האט אייגענטליך זעהר חשוב געהאלטען דיא סטרעליסקער חסידים, זאגענדיג, אז קיין שום רבי האט נאך ניט ארויסגענעבען אזעלכע געלייטערטע נשמות וויא דער סטרעליסקער, האט אף על פי כן ניט געקענט פערטראגען דאס געוואלדיגע שרייען, דאס משונה׳דיגע ווארפען זיך וויא א שלאנג און טופען מיט דיא פיס מיט כל הכחות. ער האט זיי אלע געלאזט רופען צו זיך אין צימער און זיי געגעבען דיא ברירה: ענטוועדער זיי זאלען אויפגעבען דאס שרייען, געוואלטעווען און העויות־מאכעריי, נאר דאווענען במתינות, מיט געלאסענקייט פונקט וויא זיינע איבריגע חסידים, אדער זיי זאלען איהם פערלאזען און זיך אויפזוכען אן אנדערן רבי׳ן.

און דיא דאזיגע הייסע, ברענעדיגע חסידים, האבען מיט מסירות הנפש זיך ענטשלאסען אויפצוגעבען זייער פריהערדיגען דרך און אנהויבען צו דאווענען רוהיג און שטיל. איך האב אונטערשטראכען דיא ווערטער "מסירות הנפש", מחמת עס איז פאר זיי פיעל שווערער אנגעקומען דאס איינהאלטען זיך ניט צו ארבייטען מיט אלע אברים ביים דאווענען לויט זייער געוואהנהייט, וויא דיא עבודה גופא פון וועלטען־איינרייסען. איינער פון יענע חסידים, ר׳ לייזער טאפאראווער, האט, דורך דער גרויסער גייסטיגער אנשטרענגונג זיך צוריקצוהאלטען מיט כל הכחות פון צו בעווייזען אייסערליכע התפעלות און התעוררות, בעקומען אין מיטען דאווענען א שרעקליכען בלוט־שטורץ, וועלכער האט באלד גורם געווען זיין טויט.

דיזע עובדה ווייזט קלאר, וויא ווייט דער ריזינער צדיק האט ניט געקענט פערטראגען דעם דרך פון דיא גאליציאנער גוטע אידען מיט זייער מין עבודה. ער האט זיך אויך אמאל בפרוש אויסגעשפראכען טאקע איבער דעם דאזיגען ענין לאמר, אזוי צו זאגען:

״אזוי לאנג וויא דער לובלינער האט געלעבט, האט דאס חסידות געפלא־קערט פלאמען פייער. קוים אבער איז ער נסתלק געווארען, האט עס תיכף אבגע־קיהלט, מיר אבער, איך און מיין פעטער ר׳ מאטילע פון טשערנאבעל, פערדעקען דיא ברענענדיגע קוילען פון׳ם חסידות פון אויבען מיט אש. עס דאכט זיך דעריבער אויס, אז ס׳איז דארט אינעווענינ, אין׳ם פנימיות, גאר ניטא מעהר קיין פייער. אין אמת׳ן אבער, ברענט עס דארט מיט א הימלישע היץ און דאס חסידישע חמימות (ווארימקייט) האט א קיום און ס׳ווערט גאר ניט אבגעקיהלט.

פון דעסטוועגען, אחרי כל אלה, האט דער רבי ר׳ הירש, טראץ זיין הייסע, התפעלות׳דיגע עבודה, אזוי אויסגענומען ביים ריזינער, דאס ניט נאר ער האט איהם ניט געקענט אויסלויבען פאר זיין ״קדושה וטהרה״, נאר ער האט זיך זא־גאר ענטשלאסען מיט׳ן רימאנאווער משדך צו זיין, אן ענין וואס קיין שום חסיד וואלט עס זיך קיינמאל ניט געוועזן פארגעשטעלט אפילו אין חלום. מי האמין, ווער וואלט דאס געגלויבט, אז דע״ ריזינער וועלכער האט זעהר געשטעלט אויף זיין גרויסען יחוס, וואס גרייכט ביז צו ר׳ יהודה הנשיא, זאל וועלען האבען פאר א מחותן דעם רבי׳ן ר׳ הירש, וואס איז לגמרי גאר ניט געוועזן קיין מיוחס. ער איז געוועזן א קינד פון פראסטע עלטערען; געארבייט יונגערהייט אלס יתום ביי א שניידער 5 יאהר רצופים, און נאר דורך זיין אייגענער עבודה זיך שפעטער ארויפגעארבייט צו דער מדרגה פון א גרויסען רבי.

דער ריזינער האט דעמאלט געהאט א פיער יעהריג אייניקעל, א קינד פון׳ם שפעטערן בעריהמטען סאדאגורער ר׳ אברהם יעקב ז״ל, וועלכעס האט געהייסען אשר. איז עמיצען פון דיא מקורבים פלוצים איינגעפאלען צו פרעגען דעם רבי׳ן אויב ער וואלט זיך געוואלט משדך זיין מיט׳ן רביי׳ן ר׳ הירש׳ס א דריי יעהריג מיידעלע, א וואונדער שעהנעס קינד, רחל לאה. דער רבי האט מסכים געווען צום שדוך און נאך א מאנאטליכע קארעספאנדענציע, איז בעשלאסען געווארען אז דער רבי ר׳ הירש זאל נאך אמאל קומען קיין סאדאגורע צו שליסען דעם שדוך.

אים זומער פון׳ם יאהר תר״ה, איז דער אלטער רימאנאווער רבי מיט זיין יונגע רביצין מלכה און בת־זקונים רחל לאה געפאהרען קיין סאדאגורע אויף די תנאים.

דער קבלת־פנים פון׳ם רימאנאווער איז געווען מיט גרויס בעגייסטערונג. דאן האט זיך דער ריזינער אנגערופען צום רבי׳ן ר׳ הירש כהאי לישנא:

״הכלל, רימאנאווער רבי, ווילט איהר אייך באמת משדך זיין מיט אונז, נעהמענדיג מיין אייניקעל שלמה׳לע... הא? כ׳האב מיך טועה געווען, כ׳האב געוואלט זאגען אשר׳ל — פאר א חתן צו אייער מיידעלע ״

״אודאי און אודאי וויל איך — האט איהם דער רימאנאווער געענטפערט.— ס׳איז פאר מיר א גרויס כבוד זיך צו פעראייניגען אין אזא מיוחס׳דיגע משפחה וויא אייערע, און פאר דעם דאזיגען צוועק בין איך מיט מיין בני־בית אהער געקומען, כדי צו שרייבען תנאים״.

—אויב איהר ווילט טאקע שרייבען תנאים — האט צו איהם דער ריזינער געזאגט — מוזט איהר דאך אודאי זיין פארבערייטעט מיט׳ן נדן אויך. ווארום איך וועל ניט לאזען איינטונקען א פעדער אפילו, ביז איהר וועט ניט פריהער מסלק זיין דיא זעקס הונדערט רענדלעך נדן וואס איהר האט זיך מתחייב גע־ווען. פערשטעהט איהר, רימאנאווער רבי? מחותנים זיינען מחותנים און געשעפט איז געשעפט!

דער אלטער רימאנאווער איז איבערראשט געווארען הערענדיג ריזע דבורים און זיך אנגערופען:

"הפנים, אז איהר האלט מיך גאר ניט פאר קיין בטוח, ריזינער רבי!"

—"איך וויים גאנץ גוט אז איהר, רימאנאווער רבי, זיינט אן אונגעהויערער בעל־בטחון. איך אבער, האב אין אזעלכע ענינים ניט קיין בטחון. איהר זיינט שוין ב"ה אן אלטער מאן, מאריך ימים זאלט איהר זיין, און דאס קינד איז נאך גאר יונג, איך קען דעריבער ניט שליעסען דעם שדוך ביז עס וועט ניט ליעגען אבגעצעהלט אויף מיין טיש כאטש דיא העלפט פון דעם נדן וואס איהר האט צוגעזאגט.

"אויף דעם האב איך מיך גאר ניט געריכט — האט צו איהם דער רימא־נאווער געזאגט. — איך האב מיך דארום גאר ניט פארגעזעהען מיט געלד".

דער שמועס מכח דיא תנאים איז תיכף אבגעהאקט געווארען. דער רימא־נאווער האט אומר ועושה, אויף ארט און שטעלע, זיך געזעגנעט מיט׳ן ריזינער, געגאנגען דאן מיט זיין חבריא אויף זיין סטאנציע און געהייסען תיכף איינ־שפאנען.

ער איז אוועקגעפאהרען מיט גרויס שברון־ לב.

פאהרענדיג צוריק אהיים, האט דער רימאנאווער געהאט אין קאלאמעא א געוואלדיג־בכבוד׳ע אויפנאהמע. דיא גאנצע שטאדט, מקטן ועד גדול, זיינען איהם אנטקעגען געפאהרען און איהם שטארק מפציר געווען, ער זאל דארט האלטען שבת. טויזענדער חסידים פון דער גאנצער סביבה זיינען געקומען לכבוד דעם רבי׳ן צופאהרען אויף שבת און אין דער שטאדט איז געווען ששון ושמחה.

דער סכום וואס דער רימאנאווער האט דארט איינגענומען פון "פדיונות", האט איבערשטיגען פיעל דעם סכום וואס דער נדן האט בעטראפען.

דיא מקורבים האבען איהם דעריבער צוגערעדט, אז ער זאל תיכף צוריק־פאהרען קיין סאדאגורע און מסלק זיין דעם נדן, וואס השם־יתברך האט איהם מזמין געווען. אין דער תחלה האט ער ניט זעהר קיין חשק געהאט צו פאלגען זיי, זאגענדיג "כיון דאידחי אידחי" (אז ס׳פיהרט זיך ניט דארף מען ניט) אבער נאך פיעל הפצרות פון דער רביצין, האט ער זיך נעלאזט צורעדען און איז צוריק געפאהרען.

אריינקומענדיג צום ריזינער אין חדר, האט דער רבי ר׳ הירש ארויסגענומען א זעקעלע מיט גאלדענע רענדלעך, עס אויסגעשיט אויפ׳ן טיש, זאגענדיג: "דא האט איהר, ריזינער רבי, דעם גאנצען נדן. וויבאלד מען האט אמת׳דיגען בטחון, העלפט השם יתברך".

פאר דיא תנאים, האט דער ריזינער געזאגט צום רימאנאווער: "ווייסט איהר, רימאנאווער רבי, פון אונזער מנהג? ביי אונזער משפחה איז מען זיך נוהג:

**אז פאר דיא תנאים, מוזעןביידע צדדים מחותנים אויסרעכנען זייער יחוס. איך** וועל אלזא אנהויבען:

"דער גרינדער פון אונזער יחוס איז געווען דער זיידע ר' בער, נאך איהם, ר' אברהם דער מלאך און זיין זוהן מיין פאטער. מיין עלטער־פעטער איז געווען ר' נחום און זיין זוהן איז געווען ר' מאטיל (דער טשערנאבלער). איך בין יונגער־הייט געווארען א יתום, אלס זעקס־יעהריג איינגעל בין איך געפאהרען מיט מיין מוטער קיין בערדיטשעוו צו ווערען א חתן פון א גרויסען גביר דעם רמ"א'ס אן אייניקעל. איצט, מחותן, דערצעהלט איהר אייער יחוס".

"מיין פאטער האט געהייסען ר' ליבוש און מיין מוטער שפרינצע — האט דער רימאנאווער אנגעהויבען אויסרעכנען זיין יחוס — ווען איך בין אלט געווען צעהן יאהר זיינען זיי ביידע געשטארבען, איך האב זיי דאדורך אפילו נים רעכט געקענט איך זאל אימשטאנד זיין צו דערצעהלען זיי׳ער שבח (לויב). דאס ווייס איך אבער, אז זיי ביידע זיינען געווען עהרליכע און פרומע מענשען. אלס צעהניעהריגער יתום, האט מיך מיין משפחה איבערגעגעבען צו א שניידער, ביי וועלכען כ'האב פינף יאהר געלערענט דיא מלאכה פון שניידעריי. דיא גאנצע צייט האב איך ביי איהם עהרליך און טריי געארבייט. איך האב מיר מיה געגעבען אז קיין נייע זאך זאל איך ניט קאליע מאכען, און אלטע זאכען זאל איך גוט פעררריכטען און אויסבעסערן".

הערענדיג דיא לעצטע דבורים און פערשטעהענדיג זייער טיעפע כונה, האט דער ריזינער אויסגערופען: "געננוג, מחותן! דער שדוך איז געשלאסען".

באלד נאכדעם וויא דער רימאנאווער איז אהיים געקומען פון דיא תנאים, האט ער ערהאלטען דיא טרויריגע בשורה אז דער חתן איז פלוצלינג געשטארבען. דער רבי ר' הירש האט דאפון געהאט גרוים צער. מיט פיער וואכען שפעטער, האט ער ערהאלטען א בריעף מיט'ן ריזינער'ס כתב יד, אז ער איז מוכן ומזומן צו בענייען דעם שדוך מיט דעם צווייטען אייניקעל שלמה׳ניו, דעם געשטארבענעם חתן'ס א ברודער'ל. דער רימאנאווער האט תיכף מסכים געווען און דער שדוך איז איצט געשלאסען געווארען שטילערהייט אהן קולות און רעש.

ערשט איצט האבען דיא חסידים פערשטאנען דיא בעדייטונג פון'ם ריזי־נער'ס טעות בשעת דיא ערשטע תנאים, צו דערמאנען דעם נאמען "שלמה" אנ־שטאט "אשר". עס איז שוין גאר קיין טעות ניט געווען.

## קאפיטעל 15.

# די לעצטע יאָהרען.

דיא הלבשה פון די סאדאגורער צדיקים. — די מורא פון מאנכע גוטע אידען. — דעם דזיקאוועראָ'ס מי שברך אין ראש-השנה תרי"א. — דער סוד פון שלש-סעודות. — די פירות אָדער דער בוים. — א למוד מכח יראת-שמים. — דער צדיק מוז קענען געהן אויף א שטריק.

עס זעהט אויס, אז דיא לעצטע פּאר יאהר פון'ם ריזינער, נאָך דעם הסתלקות פון'ם רבי'ן ר' הירש, האָט אָנגעהויבען צו בלאזען אַ אנדער ווינטעל אין דער סביבה פון מאנכע רביים בנוגע דעם סאדיגורער'ס דרכים.

מאנכע פון דיעזע רביים פלעגען אזוי טענה'ן: אזוי ווי די נשמה פונ'ם ריזי־נער איז פון אזא הויכען היכל וואָס "לית מחשבא תפיסא ביה" (קיין מענש קען דאָס ניט בעגרייפען), אזוי זיינען אויך זיינע פיהרונגען און דרכים צו הויך, לחלוטין גאָר ניט צוגעפּאסט צו דער השגה און בעגריף פון גאליציאנער אידען, דיעזער הויכער דרך קען נאָך מיט דער צייט גאר שאדען טהון דעם גאליציאנער חסידות.

אין דער אמת'ן געזאָגט, זיינען טאקע דיא מנהגים פונ'ם ריזינער בפרט און דיא רוסישע רביים בכלל, געווען צו פרעמד פאר דיא אויפפאסונג פון גאלי־ציאנער רביים מיט גאליציאנער חסידים. שוין דיא הלבשה אליין פון דיא סאדאגורער קינדער און זייערע פרויען, האָט געקענט ברענגען מאנכע רביים וויא אויך גרויסע חסידים צו א הרהור נאָך דעם הייליגען צדיק.

ווען האָט דאָס פריהער א גאליציאנער חסיד געזעהען א רבי פון טויזענדער חסידים זאָל טראָגען אידיש־מאָדערנע מלבושים, א ווייסען געפּרעסטען קראגען (קאלער) ארומגערינגעלט מיט א שעהן שמאָל זיידען טיכעלע, א ראַ־ שענדיג־פארבענדיגע זיידענע וועסט פערציערט מיט א לאנגע גאָלדענע קייט, וועלכע הןט אז איהר ענד געטראָגען א פרעכטיגען גאָלדענעם זייגער און אין דער זייטען, פונקט א קעגען דיא ברוסט, א גאָלדענעם "רוקער" בעזעצט מיט דיאמאנ־ טען? און היינט זשע די געפּוצטע שטיוועלעך אָן וועלכע מען האָט זיך ממש געקענט אָנשפּיגלען. דאצו פלעגט מען טאקע אויך דערצעהלען, אז ניט נאָר דיא קינדער, נאָר טאקע דער רבי אליין וואשט זיך יעדען טאָג דיא הענט מיט'ן פּנים מיט שמעקעדיגען זייף. וויא איז דאס געהערט געוואָרען אז א רבי פון חסידים זאָל זיך וואשען מיט זייף, פערקעמען שעהן דיא האאר און נאָך דאצו האבען קורצע פּאות, וועלכע גרייכען קוים ביז אין דער מיטען פון דיא אויערן?

מילא דער רבי יאק דער רבי, דאס וואָלט שוין אפשר געווען צו דערליידען. דיא מאָדערנע קליידונג פון דער רביצין און איהרע טעכטער און שנירען און דיא

זיידענע און סאמעטענע מלבושים פון דיא יונגע קינדערלעך, ממש ווי פרינצלעך. דאס האט שטארק אינערליך דערקוטשעט דיא פרומע נשמה פון דיא פער׳דבק׳טע חסידים. אבער וויא ס׳איז שוין פריהער געזאגט, האט מען אויפ׳ן רבי׳ן מיט דיא קינדער ניט געקענט מתרעם זיין, מחמת ס׳האט א יעדער געוואוסט אז דיא ריזינער גזע האט א שיכות־משפחה מיט דיא מלכים פון בית־דוד, ובכן האבען זיי אויך דאס רעכט זיך צו פיהרען וויא ״בני מלכים״.

דיא מורא זייערע איז אבער געווען פאר גאר עפּיס אנדערש. דער חסידישער עולם זאל זיך ניט חלילה אבלערנען פון דיא רבי׳שע קינדער און זיך אנהויבען צו קליידען נאך דער מאדע. דיא יונגע לייטלעך זאלען ניט אנהויבען אונטערשניידען צו ביסלעך דיא לאנגע פאות, אויסטהון שיך־און־זאקען און אנטהון געפּיצטע שטיוועלעך, געפּרעסטע העמדער, וועסטלעך און אפשר נאך לאנגע הויזען אויך.

בעזאנדערס איז זיך געווען צו שרעקען פאר דיא פרויען, מחמת ״נשים דעתן קלות״ און זיי וועלען זיך בשום אופן ניט לאזען פערדרעהען א ספאדיק אז דאס איז אזא מין הויכער דרך נאר פאר רבישע קינדער. ״אז דיא רביצין מיט דיא קינדער מעגען זיך אזוי קליידען, מעגען מיר אודאי און אודאי״.

אט אזעלכע מינים מחשבות האבען געבאהרט ווי אן ענגבער די מוחות פון מאנכע גאליצישע צדיקים און זיי האבען דעריבער ניט געהאט קיין מנוחת־הנפש. פאר גאליציען איז אזא דרך געווען צו הויך.

דער רבי ר׳ אליעזר פון דזיקאוו, דעם אלטען ראפּשיצער צדיק׳ס א זוהן, האט זיך נוהג געווען יעדען ראש־השנה צו מאכען א ״מי שברך״ פאר אלע צדיקים אין דור. לויט וויא ער אליין האט מסדר געווען דיא ארדנונג פון דיא נעמען, האט ר׳ הירש סופר אויפגעשריבען אלע פאר ראש־השנה אויף פארמעט דיא נעמען פון אלע צדיקים מיט דיא נעמען פון זייערע מוטערס. דאן ווען דער רבי ר׳ אליעזר האט עולה לתורה געווען, האט ער לעזענדיג אראב פון דיעזע ליסטע פאר יעדען פון זיי געמאכט א ״מי שברך״.

פיעל יאהרען איז דער נאמען ישראל בן חוה (דאס איז דער נאמען פונ׳ם ריזינער און זיין מוטער) געווען דער ערשטער אויף דער ליסטע, און נאך איהם זיינען ערשט געקומען דיא איבעריגע צדיקי הדור.

אין׳ם יאהר תר״י האט פּלוצים ר׳ אליעזר משנה געווען דעם סדר. ערב ראש־השנה, האט דער דזיקאווער געשיקט רופען דעם סופר ר׳ הירש און איהם געפּרעגט אויב ער האט שוין פארטיג געמאכט דיא רשימה פון דיא צדיקים.

״זיא איז שוין פערטיג״ — האט ר׳ הירש סופר געענטפערט.

— וועמענ׳ס נאמען האסטו צום ערשטען געשטעלט? — האט איהם דער רבי געפּרעגט.

״אזוי ווי תמיד — האט ר׳ הירש געענטפערט. — דעם נאמען פון ר׳ ישראלטשי ריזינער. דער רבי האט דאך מיר תמיד אזוי געהייסען!״

— וואס? דו ווילסט מיר שוין דעות זאגען — האט זיך אויף איהם דער רבי ר׳ אליעזר א בייזער געטהאן. — שרייב צום ערשטען דעם נאמען ״חיים בן מרים״ (דער נאמען פון סאנזער רב), דיא אנהויב אותיות פון דעם ראזיגען נאָ־

מען זיינען דיזעלבע אנהויב פון דיא דריי ווערטער "מכלכל חיים בחסר" (גאט שפייזט דיא לעבעדיגע מיט זיין גנאד).

איבער דער סבה פון דיזער ענדערונג איז פארהאנען חלוקי דעות. מאנכע חסידים בעהויפטען, אז דאס איז געווען ווייל ס׳האט זיך שוין אנגעהויבען צו צייגען אין גאליציען די פאלגען פון דער סאדאגורער מאָדערנער הלבשה. דא־געגען בעהויפטען אבער דיא גרעסערע און מעהר ערפאהרענע חסידים, אז דאס איז גאר געווען פשוט ווייל ר׳ אליעזר׳ל האט געזעהען ברוח הקודש אז באלד נאך ימים טובים וועט דער ריזינער נסתלק ווערען.

צוויי חדשים פאר׳ן הסתלקות, האט ער געזאגט צו זיינע קינדער אז ער וויל פאהרען אויף שבת אין זיין גוט אריין קיין פאטאק זלאטע, וואו ער האט געהאט א פרעכטיגען הויף. פון זיינע קינדער האט ער נאר מיטגענומען זיין דריטען זוהן ר׳ בער׳ניו. דיא איבעריגע קינדער האט ער געהייסען פערבלייבען אין סא־דאגורע. דער בכור ר׳ שלום יוסף זאל פיהרען דעם פרייטאג־צוגאכטס׳דיגען טיש און ר׳ אברהם יעקב, דער צווייטער פון׳ם בכור, זאל פיהרען דעם שבת־פריה׳דיגען טיש. אלע חסידים וואס זיינען געקומען צו פאהרען אויף יענעם שבת, האט ער געהייסען פערבלייבען אין סאדאגורע. נור א פאר געצעהלטע מקורבים, צווישען וועלכע ס׳איז געווען דער צדיק ר׳ משה פון קאברין, וועלכער איז גראד געקומען צו פאהרען אויף יענעם שבת, האט ער ערלויבט זיי זאלען מיטפאהרען קיין פאטאק.

דיא נאהענטע מקורבים, וועלכע האבען דאס גאנצע יאהר כסדר געהערט פון׳ם ריזינער דבורים וואס האבען געהאט א רמז פון זיין באלדיגעם הסתלקות, האבען שוין פערשטאנען דעם סוד פון דער דאזיגער נסיעה: דאס איז געווען א מין הכנה לדרך, א פאָרבערייטונג צו דער באלדיגער פטירה.

דיא ערשטע צוויי סעודות פון שבת, האט דעמאלט דער ריזינער געגעסען ביחידות, גאנץ אליין. ערשט שבת פאר׳ן נאכט, איז דער ריזינער אריינגעגאנגען אין דעם שעהנעם פרוכט־גארטען, זיך דארטען אנידערגעזעצט אין א ביידעל גע־מאכט פון צווייגען און פערציערט מיט כל׳ערליי בלומען, און געהייסען צו זיך אריינרופען דעם קאברינער רבי׳ן ר׳ משה און זיין זוהן ר׳ בער׳ניו. ער האט דאן מיט זיי געשמועסט הויכע ענינים און געזאָגט טיעפע תורות:

"דער סוד פון דער דריטער סעודה — האט ער דעמאלט געזאגט — מיינט דעם צדיק הדור. ווייל פון דיזער סעודה, וועלכע הייסט "רעוא דרעוין", געהט ארויס די השפעה פאר׳ן כלל ישראל אויף דער גאנצער וואָך. דאָס זעלבע איז אויך מיט׳ן צדיק הדור. דאָס איז דער סוד פון "ויוסף הוא המשביר בר", דער צדיק הדור וועלכער ווערט אנגערופען יוסף, איז דער וועלט׳ס־פרנסה־געבער.

"איך מיין", האט ער זיך דאן געווענדעט צום קאברינער — "איך מיין, אז מען מעג יוצא זיין שלש־סעודות מיט פירות. לאָמיר טאקע אָט דאָ אין גארטען עסען עטליכע פירות, טאקע "מפרי הגן הזה", אָט פון דעם דאזיגע, יאָרטען און יוצא זיין שלש־סעודות, איאָ, קאָברינער רבי, ס׳זיינען שעהנע פירות?"

דער קאָברינער צדיק וועלכער האָט פארשטאנען צו וואָס דער ריזינער ציעלט מיט דיזע דבורים איז שטארק פערציטערט געווארען און אין א מורא׳דיגער פערצווייפלונג אויסגערופען:

**"ניין, ניין, הייליגער צדיק! מיר ווילען נאך ניט נחנה זיין פון די פרות.** זיי זיינען טאקע זעהר גוט און זעהר שעהן, אבער דיא וועלט דארף נאך האבען דעם בוים גופא. דער כלל ישראל מוז אייך האבען!"

"וויבאלד דער דור זאל מיך דארפען וועט ער מיך האבען" — איז געווען דעם ריזינער'ס קורצע תשובה.

"זאגט מיר, רבי, וועלכעס איז דער בעסטער וועג משיג צו זיין עבודת ה', ווי אזוי צו דיענען דעם באשעפער?" — האט דער קאברינער דעמאלט געפרעגט דעם ריזינער, האפענדיג צו דערלאנגען פון איהם עפיס א רוחניות'דיגע נאדיעזנע.

"ווייס איך?" — האט צו איהם דער ריזינער געזאגט, זיך פאר א ווייל פערטראכט און דאן אנגעהויבען צו דערצעהלען דאס דאזיגע מעשה'לע:

"א קעניג האט אמאל געהאט צוויי פריינד וועלכע ער האט שטארק ליעב געהאט. אמאל האבען זיי ביידע בעגאנגען א זינד פאר וועלכע ס'איז זיי געקומען א טויט־שטראף. צוליעב דעם קעניג'ס רעכטס־ליעבע, האט ער דיא פריינד ניט געוואלט גאנץ בעגנאדיגען, נאר געהייסען אויף זיי ארויפלעגען אזא מין עונש: מען זאל ציהען א שטריק איבער א טיעפען שטראם און ביידע פריינד זאלען איינער נאך דעם אנדערן איבערגעהן דיא ברייט פון'ם שטראם אויף דעם שטריק, ווער ס'וועט דאס קענען טהון זאל דאן בלייבען לעבען, מחמת ס'איז א סימן פון הימעל אז ער האט ניט פערדיענט דעם טויט.

"איינער פון די ביידע פריינד איז אריבערגעגאנגען בשלום און איז נצול געווארען.

"האט איהם דאן דער צווייטער געפרעגט: זאג מיר, כ'בעט דיך, און לערן מיך, וויא אזוי מען קען געהען אויף א שטריק און ניט ניזק ווערען?

"דאס קען מען ניט לערנען, מען מוז דאס אליין בשעת מעשה תופס זיין — האט איהם דער פריינד געענטפערט — איין זאך אבער וועל איך דיר יא זאגען: מען מוז טראכטען כסדר אהן און אויפהערן צו דערהאלטען דאס גלייכ־געוויכט; טאמער גיט עס א ציה פון איין זייט, זאל מען באותו רגע זיך א בויג געבען אויף דער צווייטער זייט. דאס האב איך געטהון און בין דריבער דורכ־געגאנגען בשלום".

## קאפיטעל 16.

# די פטירה.

**א מעשה מיט א חבד'ניק. — מען טאר ניט פאסטען אז מען קען ניט. — זוכט אן עצה פאר א "זכרון" אויף יענעם עולם. — מען דארף האבען סגופים בשעת דער הנאה. — שטארבט פאר דארשט. — לעצטער דבור. — א רב דארף אויך קלוג זיין.**

דאס יאהר תר"י איז געווען פאר אלע סאדאגורער מקורבים א יאהר פון גרויס קרענקונג און נשמה־צער, מחמת זיי האבען אלע זיך געמערקט אין דעם

ריזינער׳ס דבורים, אז עפּיס נייעס, שרעקליכעס וועט באלד געשעהען. אנגע־הויבען האט עס זיך דורך דיעזער סבה:

צום ריזינער פלעגט יעדעס יאהר קומען צופאהרען אויף גאנץ ימים־נוראים א רוסישער חסיד, א חבד׳ניק, ר׳ אשר האט ער געהייסען. דער דאזיגער חסיד האט געהאט, לא עלינו, א הארץ־קראנקהייט. דער ריזינער ז״ל האט געוואוסט, אז דאס פאסטען אום יום כפור איז פאר ר׳ אשר׳ן א גרויסע סכנה. אזוי וויא ער האט אבער אויך געוואוסט, אז ר׳ אשר וועט ניט עסען אום יום כפור אפילו ווען דיא גרעטע דאקטוירים זאלען איהם דאס הייסען טהאן, פלעגט דער ריזי־נער ז״ל נעהמען אויף זיך דיא דאזיגע מצוה. יעדען יום כפור פאר מוסף, בעת דער צדיק איז אריין געגאנגען אין זיין הדר־מיוחד (פּריוואט צימער) זיך אבי־סעל אבצורוהען און טאקע האבען הכנה צו דער ״עבודה״, האט ער קודם כל געהייסען אריינרופען ר׳ אשר חבד׳ניק אין זיין חדר אריין, אויף איהם גוזר גע־ווען ער זאל עפּיס טועם זיין פון דיא מאכלים וואס דער גבאי האט אריינגע־בראכט, און ר׳ אשר האט געמוזט טועם זיין, כדי זיך צו דער־כאפּען דאס קראנקע הארץ אין דער געגענווארט פון׳ם רבי׳ן. אזוי האט זיך דיא זאך געפיהרט כמה שנים.

אום יום כפור תר״י, האט זיך געמאכט א סבה דאס דער ריזינער האט פער־געסען צו הייסען אריינרופען דעם חבד׳ניק ער זאל עפּיס טועם זיין. חסידים דערצעהלען, אז אין יענעם יאהר איז דער ״דיק לחלוטין זיך גאר ניט געגאנגען אברוהען פאר דער עבודה. ער איז פערבליבען כסדר אין קלויז און ר׳ אשר האט געפאסט.

אין מיטען פון דער עבודה, איז פלוצים געווארען צווישען עולם א שרעק־ליך געוואלד. ר׳ אשר חבד׳ניק איז צוזאמענגעפאלען פאר חלשות־הלב און גע־בליבען טויט אויפ׳ן ארט. דערהערענדיג פון דעם דאזיגען אונגליק, האט דער ריזינער א שטארקען קלאפּ געטהאן מיט דער האנד אויף זיין שטענדער, פער־ווארפען דעם קאפּ ארונטער און פערבליבען אין אזא מצב א לאנגע צייט. זיין שמערץ איז געווען אונגעהייער גרויס, ניט נאר צוליעב דעם וואס ער האט ר׳ אשר׳ן זעהר ליעב געהאט, נאר אויך מחמת ער האט זיך בעשולדיגט דאס ער איז געווען אין א געוויסער מאס א שטיקעל גורם צו ר׳ אשר׳ס שטארבען. פון יענעם יום כפור אן, האט מען געקענט בעמערקען פערענדערונגען אינ׳ם גאנ־צען אויפפיהרען פונ׳ם ריזינער. דיא היימישע האבען כמעט געזעהן בחוש, אז דער צדיק בערייטעט זיך שוין פאר צום הסתלקות, וועלכעס איז טאקע געווען נעקסטעס יאהר.

תיכף אים סכות תר״י, נאך דער פּאסירונג מיט ר׳ אשר׳ן האט מען שוין אנגעהויבען צו הערען פונ׳ם ריזינער דבורים וואס האבען געהאט א רמז אויף זיין באלדיגער פטירה. דיא צווייטע נאכט סכות, נאכ׳ן בענשען, האט דער צדיק געמאכט א שמועס מכח דער ברכה ״הרחמן הוא יזכנו לישב בסכה של לויתן״ (דער בארמהערציגער גאט זאל אונז מאכען זוכה זיין צו זיצען אין דער סוכה פונ׳ם לויתן) זאגענדיג דאביי כהאי לישנא:

״מיר זאגען ״יזכנו״, א לשון רבים, מיר זאלען האבען דיא זכיה, מחמת ביים צדיק האט דער גאנצער עולם הבא זיינער גאר קיין ווערטה ניט, וויבאלד

ער פיהלט דארט צרות ישראל, ניט דוקא צרות הכלל, נאר אפילו צרות הפרט. יעדער חסיד פונ׳ם צדיק איז א טהייל פון אן אבר אינ׳ם צדיק׳ס "קומה שלמה" (קערפערשאפט). טאמער איז א חסיד זיינער שרוי בצער (אין טראבעל) אויף דער וועלט אדער אויף יענער וועלט, האט דארט דער צדיק ניט קיין מנוחה און דיא אלע עולם־הבא׳דיגע תענוגים בעקומען איהם לחלוטין גאר ניט.

"וואס טהוט מען זיך עפּיס אן עצה? האט דער ריזינער דעמאלט אויס־געררופען אין א מצב פון גרויס התעוררות (אויפרעגונג), געוואלד, וואו נעהמט מען ערגיץ א מיטעל ניט צו פערגעסען אויף יענער וועלט דעם צער פון דיא כנסת ישראל אויף דער וועלט? אט האט דער בערדיטשעווער צדיק צוגעזאגט בפרוש פאר זיין הסתלקות, אז ער וועט ניט רוהען במנוחה אין קבר ביז ער וועט ניט אויס׳פועל׳ן ביי השם יתברך א ישועה, אדער גאר דיא גאולה פאר אידען. נו, האט ער אפשר מקיים דבור געווען? ווייסט איהר פארוואס? מען האט איהם דארט פערפיהרט ביז צו אזעלכע הויכע ערטער און צו אזעלכע וואונ־דערבארע אין־סוף׳דיגע היכלות, אז ער האט זיך גאנץ פערגעסען פונ׳ם גאנצען עולם השפל, פונ׳ם גסיסה צער פון דער כנסת ישראל און דעם ביטערען טעם פון גלות השכינה. אוי, ווי געפינט מען ערגיץ א מיטעל פאר דעם דאזיגען כח־השכחה און זיך ניט לאזען פערבלענדען פון דיא הימלישע תענוגים!"

ער איז דאן אריינגעפאלען אין א מורא׳דיג דבקות, זינגענדיג דאס בעקאנ־טע ירושה־ניגון׳דעל צעהנדליגע מאל; עס איז געווען א שרעקליכער פחד און אימה אין דער גאנצער סביבה. ביים ראזדראכען זיך, האט מען איהם געהערט מורמלען דיא ווערטער: "הרחמן הוא יזכנו לישב בסכה של לויתן".

"העלפט אייך ארויס דא וויא איהר וועט קענען און פערלאזט אייך ניט אויף מיר — האט ער נאכ׳ן "טיש" געזאגט צו זיינע קינדער. — ווער ווייסט? אפשר וועט מען אויך מיך דארטען פערנארען און פערבלענדען דיא אויגען? דאס גרעסטע וואונדער וואס דיא הייליגע תורה דערצעהלט פון משה בשעת פטירה, און דער גרעסטער שבח וואס זיא זאגט איהם נאך, איז ניט געווען דיא הימלישע מופתים וואס ער האט בעוויזען, נאר וואס "לא כהתה עינו", זיין אויג איז ניט פערבלענדעט געווארען בשעת פטירה פון דיא גרויסע "אורות" פון דיא עולמות עליונים. ער האט זיך ניט געלאזט פערנארען, פערפיהרען און פערבלענ־דען כדי צו פערגעסען דארט אן דיא אידישע צרות. ער ווייסט אלצדינג און ליי־דעט מיט אונז מיט. אט דאס הייסט אן אמת׳ער "רועה ישראל" (אידישער פיה־רער). וועל איך דארטען אויך קענען זיין ביי אזא מדרגה?!"

דאס שווערסטע און גרעסטע עבודות ה׳, ליעגט ניט אין סגופים און אין פרישות, נאר דוקא אין תענוגים — האט דער ריזינער דעמאלט געזאגט צו זיי־נע קינדער. — דער טייטש פונ׳ם ווארט "התבודדות" (איינזאמקייט) מיינט ניט אז מען זאל זיך אויסשליסען און אבזונדערען פון דער וועלט און פון דיא מענשען. מען דארף קענען האבע "התבודדות" דוקא צווישע טויזענדער מענ־שע און "פרישות" דוקא אין מיטען דער הנאה. סגופים האבען, מיינט ניט דוקא אין דרויסען אין א קאלטער ווינטער־נאכט קוליענדיג זיך נאקעט אין שנעע, נאר דוקא אונטער׳ן ווארימען איבערבעט. דעמאלט דארף מען פיהלען דעם טעם פון חיבוט־הקבר דערמאנענדיג זיך אז זיין "אפס", נישטיגקייט געגען דעם אין־סוף: דעמאלט דארף מען דורכווייקען דיא קישענס מיט טרערען, וויא דוד המלך

האָט געזאָגט אין תהלים : ״ברמעתי ערשי אמסה״ (כ׳צוואווייק מיין בעט מיט טרערען).

כהנה וכהנה זיינען געווען דיא דבורים פון׳ם ריזינער אין זיין לעצטען לעבענסיאָהר, פון וועלכען מען האָט געקענט זעהען בעשיינפערלעך, אז דאָס איז א מין הכנה לדרך (א פאָרבערייטונג אין׳ם וייטען וועג אריין).

דאָס גאנצע יאָהר האָט מען יעדען פריהמאָרגען געטראָפען די קישענס דורכגעווייקט פון טרערען.

און דאָס איז געווען נאָר אויף צרות ישראל.

אום יום כפור פון יאָהר תרי״א, נאָך דער גרויסער עבודה וואָס דער ריזינער האָט פאַרבראַכט ביי די תפלות פון ״כל נדרי״, איז ער פלוצלינג זעהר דורשטיג געוואָרען. ער איז באלד נאָך ״שיר-היחוד״ אריינגעגאנגען אין זיין חדר מיוחד זיך א ביסעל צוגעלעגט אויף דער קנאַפע, האָפענדיג, אז ער וועט א ביסעל איינדרעמלען און דער גרויסער דורשט וועט דאַדורך גלאָשען ווערען. ס׳איז אָבער אונמעגליך געווען איינצושלאָפען, מחמת דער דורשט האָט איהם געברענט ווי פייער. ער האָט געפיהלט, אז ס׳האַלט ממש ביי סכנות נפשות.

דער ריזינער האָט גאנץ גוט געוואוסט דעם דין, אז וואו ס׳האנדעלט זיך אין א לעבענס-געפאהר, מעג מען, לכל הדעות טרינקען אום יום כפור. פונדעסטוועגען האָט ער ניט געוואָלט פסק׳ענען פאר זיך אליין דעם דין, ביז ער וועט ניט האָבען א בפרוש׳ען היתר פון׳ם שטעדטישען רב, ר׳ יהודה׳לע לאנדוי.

ארום צוועלף אזייגער ביינאכט איז דעם ריזינער׳ס גבאי געקומען צום סאדאגורער רב פרעגען א שאלה מכח דעם ריזינער׳ס דורשט.

אָבער וויא זאָגט עפּעס איוב ? ״משיב חכמים אחור ודעתם יסכל״, וויבאלד ס׳איז באשערט אן אומגליק, מאכט השם-יתברך דעם גרעסטען חכם פאר א נאר. אנשטאָט וואָס דער רב האָט בעדאַרפט פארשטעהען, אז מן הסתם ווען דער רבי ר׳ ישראל׳טשי שיקט איהם פרעגען א שאלה איז אודאי שוין ״באו מים עד נפש״ (ס׳געהט איהם שוין אוים דאָס חיות), האָט ער זיך דעם ענין גאנץ גרינג געהאלטען, זאָגענדיג צום גבאי, אז צו טרינקען וואסער קען ער דעם רבין ניט מתיר זיין, נאָר ער קען איהם אן עצה געבען, ער זאָל נעהמען א פולען קרוג מיט וואסער, צולעגען דאָס מויל צום מויל פון קרוג, און אריינאטהעמען דעם הבל (פייכטקייט) פון׳ם וואסער.

״ער איז א שוטה !״ — האָט דער ריזינער געזאָגט בעת ער האָט געהערט פון׳ם גבאי דעם רב׳ס עצה. געטרונקען האָט ער אָבער פאָרט ניט. ער איז דאַן באלד קראנק געוואָרען, און ג׳ חשוון נסתלק געוואָרן.

״עס איז א מותא׳דיגער צער — האָט דער ריזינער געזאָגט צו מאָרגענס, א טאָג נאָך יום-כפור — זיך צו דערוויסען, אז בעת איך האָב אויף מיינע פּלייצעס געקענט טראָגען דעם אחריות פון טויזענדער אידען אזוי פיעל יאָהרען, האָט זיך צווישען מיינע טויזענדער חסידים ניט געפונען איין איינציגער וואָס זאָל געווען זאָגען : ״רבי, טרינקט אויף מיין אחריות, איך נעהם די עבירה אויף מיינע פלייצעס מיט קנין און מיט מנין, כאָטש כ׳וואָלט סיי-ווי ניט געווען געטרונקען אָהן דעם רב׳ס הסכמה.״

אַלטע חסידים דערצעהלען, אז יענעם ערב יום כפור, בעת דער ריזינער איז

אריינגענאנגען פאר כל נדרי אין קלויז אריין דאווענען, האט ער ארויפגעלעגט די האנד אויף דער מזוזה און געזאגט שטילערהייד די דאזיגע ווערטער: "הריני כפרת כל ישראל" (איך ווינש מיר צו זיין א כפרה פאר כל ישראל).

בשעת יציאת נשמה, האט ער אויפגעהויבען זיינע הענד אנטקעגען דעם הימעל, זאגענדיג כהאי לישנא:

"די גמרא דערצעהלט אונז, אז רבנו הקדוש (ר' יהודה הנשיא, דער מחבר פון "משניות") האט פאר זיין פטירה אויפגעהויבען זיינע הענד זאגענדיג צו השם יתברך: "גלוי וידוע לפניך, נאר דו אליין, רבונו של עולם, ווייסט, אז טראץ מיין גרויס עשירות, האב איך פון דיזער וועלט ניט נהנה געווען אפילו אזוי פיעל ווי דער קליינער פינגער". און איך שווער, אז איך האב ניט הנאה געהאט פון דעם עולם אפילו כחוט השערה!"

די כונה פון דיא דאזיגע דבורים איז, אז דיא הנאות זיינע זיינען תמיד געווען בלויז רוחניות, ניט אמאל מיט א תערובות (פערמישונג) פון אן עוקץ גשמיות.

און דער גרויסער ריזינער איז נסתלק געווארען, איבערלאזענדיג זעקס זיהן און פיער טעכטער. די זיהן זיינען געווען: ר' שלום יוסף, וועלכער איז מיט ניין חדשים שפעטער אויך נפטר געווארען אונטערוועגס, און ליעגט אין לייפ־ציג; ר' אברהם יעקב ז"ל, וועלכער איז פערבליבען דער ממלא מקומו פון זיין פאטער אין סאדאגורע א משך פון 33 יאהר און וועלכער וועט זיין דער הויפט צענטער פון מיינע פערזענליכע זכרונות; ר' מנחם נחום, וועלכער איז דאן גע־ווארען רבי אין שטיפינעשטי, רומעניען; ר' בער'ניו, דער פיעל בעקאנטער רבי פון ליאווע, רומעניען; ר' דוד משה, שפעטער דער טשארטקאווער רבי און ר' מרדכי פייבוש, דער בעריהמטער וואונדערפולער צדיק פון הוסיאטין.

די איידעמעס זיינען געווען: דער סאקווערער רבי ר' איציק'ל, דער וויז־ניצער רבי ר' מענדעל האגער, א זוהן פונ'ם צדיק ר' חיים פון קאסאוו; ר' דוד היילפערן, א גרויסער גביר און א מיוחס פון בערדיטשעוו, און ר' יאסעלע מאנזאן, אויך א גביר און א בן־גדולים פון בערדיטשעוו. עס מאכט דעם איינ־דרוק, אז בנוגע איידימס, האט דער ריזינער מאנכמאל גיכער פארגעצויגען עהר־ליכע גבירים פונ'ם "עולם העשיה" איידער רביים, וועמעס הויפט־פערמעגען איז נאר אין "עולם האצילות".

צווישען חסידים דערצעהלט מען זיך אזא מין עפיזאדע:

בעת די ריזינער קינדער זיינען געזעסען שבעה נאכ'ן פאטער, איז דער סאדאגורער שטאדט־רב, ר' יהודה ליבוש לאנדוי, געקומען זיי מנחם אבל זיין. אלע קינדער האבען געשוויגען, ניט גערעדט קיין דבור מיט'ן רב, זיי זיינען געווען אויף איהם אין גרויס תרעומות, ווייל ער איז געווען דער גורם פון דעם טויט פון זייער גרויסען פאטער.

האט זיך ר' בער'ניו אויפגעהויבען פון זיין זיץ אויף א נידריג בענקעלע, איז צוגעגאנגען צו דער ספרים־שאפע, ארויסגענומען ספר יחזקאל, זיך צו־ריקגעזעצט און אנגעהויבען צו לערנען קאפיטעל כ'.

"אן אבל לערנט געוועהנליך ספר איוב" — האט דער רב לאנדוי געוואגט איהם אויפמערקזאם צו מאכען אויף אן ערעלען אופן.

"איך ווייס דאָס, איך ווייס — האָט איהם ר׳ בער׳ניו געענטפערט — אָבער איך פערשטעה איצט דאָ א פסוק, וועלכען איך האָב ביז היינט קיינמאָל ניט רעכט פערשטאנען". דערביי האָט ער געוויעזען מיט׳ן פינגער אויפ׳ן פסוק כ"ה, וואו דער נביא זאָגט צו די אידען אין׳ם נאָמען פון השם־יתברך: "וגם אני נתתי להם חקים לא טובים ומשפטים לא יחיו בהם" (איך האָב זיי, די אידען, געגעבען ניט גוטע געזעצע און אזעלכע דינים ביי וועלכע מען קען ניט אויסקומען מיט זיי אין לעבען). "היתכן? האָב איך מיך תמיד געפרעגט, איז עס מעגליך, אז השם־יתברך אליין זאָל זאָגען אז מיט די דינים פון דער תורה קען מען ניט אויסקומען אין לעבען? היינט אָבער. פערשטעה איך דעם פסוק גאנץ גוט: וויבאלד די דינים פון דער תורה קומען אָן צו ניט קיין קלוגען **רב אין דער האנד אריין, איז אָפטמאָל טאקי שווער מיט זיי אויסצוקומען".**

## קאפיטעל 17.

# די דריי עיקרים.

**די חסידישע שמחה — די קלויז איז דער גן-עדן — א לוסטיגער דייטש איז בעסער ווי א מרה-שחורה׳דיגער חסיד — דאָס טאנצען אונטער דעם רבינ׳ס פענסטער — ער ווערט געהאָלפען אינ׳ם זכות פון אמונה — דער רבי קען לייענען א קוויטעל פון דערווייטענס.**

על שלשה דברים, אויף דריי זאכען, בעשטעהט הויפטזעכליך דאס סאדאגורער חסידות. אויף שמחה, אמונת צדיקים און אהבת חברים.

פאר א מענשען וועלכער קומט ניט אפט אין דער בעריהרונג מיט חסידים, איז להלוטין גאָר ניט מעגליך זיך א בעגריף צו מאכען וויא גרויס דער כח השמחה איז ביי דיא סאדאגורער חסידים. איך מיין דאָ ניט דיא צייט ווען דער חסיד איז ביים רבי׳ן, דאמאלס פיהלט ער דאָך פשוט כפשוטו טעם גן־עדן, און דיא גאנצע צייט וואָס ער האלט זיך אויף אין דעם צדיק׳ס סביבה איז ביי איהם א יום שכולו טוב, נאָר אפילו ווען ער איז אין דערהיים, אין זיין שטעדטיל, בעת דיא טעגליכע צרות פון דאגת פרנסה קענען איינעם איינפאך משוגע מאכען, לאָזט דער סאדאגורער חסיד דאָס עגמת־נפש קיינמאָל ניט צו צום הארצען. ער גריזיט זיך נאָר פון אויסענווייניג, מן השפה ולחוץ, אינעווייניג אבער, בעזיצט ער א זעלטענעם הימלישען כח, זיך צו שטארקען איבער אלע ענויים קשים, דיא פערשידענע טעגליכע צרות, און איז תמיד לוסטיג און פרעהליך אין דער סביבה פון זיינע חברים, דיא סאדאגורער חבריא.

דיא דאזיגע בעריהמטע מדה פון שמחה, האבען זיי צו פערדאנקען דיא למודים פון׳ם ריזינער ז"ל, וועלכער איז געווען א גרויסער פריינד פון שמחה און א געוואלטיגער שונא פון עצבות (טרויריגקייט) און מרה־שחורה. א פער־ווינטער, צוקראָכענער, זויער־פנים׳דיגער חסיד, האָט ניט געטארט קומען אונ־

טער זיינע אויגען. ״ער האָט א יניקה פון דער טומאה״, פלעגט ער זאָגען: ״א איד וואָס וויל זיך אמת׳דיג בעהעפטען אין השם־יתברך, פון וועמען דער פסוק זאָגט ״עוז וחדוה במקומו״, דאָרטען וואו ער איז, איז דאָ שטארקייט און פרייד, א;א איד קען קיינמאָל ניט טרויעריג זיין. אז א איד פערגעסט אָן שמחה, איז א סימן אז ער האָט פערגעסען אין גאָט־ברוך־הוא. כ׳האָב זעהר מורא האָט ער דאָן געזאָגט, אז דיא טשערנאָוויצער דייטשען זאָלען ניט צוליעב זייער שטענדיגע שמחה, נאָך האָבען עולם־הבא אויך. א שעהנע זאך וואָלט דאָס געווען!״

דיא דאָזיגע און נאָך פיעל אזעלכע דבורים, האָבען געוויזען א וועג פאר אלע סאדאגורער חסידים, אז אונטער אלע אומשטענדען, זאָלען זיי זיך בעמיהען משמח צו זיין און אוועקטרייבען יעדען שטן פון צוגלעגטקייט.

דיא גרעסטע קבצנים, וועלכע האָבען פשוט ניט קיין גאנץ שטיקעל בגד אויף זייערע לייבער און ברויט צו דער זעט פאר זיך און זייער בני בית, לאָזען זיך דאָך קיינמאָל ניט בעהערשען פון דער ״סטרא אחרא״, פון דער ״עצבות־קלפה״. טאָמער ווערט פאר זיי זייער היים אביסעל ענג, מחמת זייערע ווייבער זיינען נאָך ניט ביי דער דאָזיגער מדרגה צו קענען לוסטיג זיין הונגעריגערהייט, מאכען זיי תיכף פליטה און לויפען גיך צו זייער מקום מקלט, אין קלויז אריין. דאָרט איז פאר זיי דער אמת׳ער מקום מנוחה, דער גן־עדן התחתון: דאָרט ווערט דער חסיד א בריה חדשה, א גאנץ נייער מענש. דאָרט פערשווינדעט פון איהם דאָס וואָכעדיגע, דאָס גשמיות, און עס רוהט אויף איהם א מין יום־טוב׳דיגע קדושה. צווישען דיא היימישע חבריא צורינט זיך דאָס גאנצע עולם־הזה׳דיגע וויא זייפען־בלאזען און עס פעהלט איהם שוין גאָר ניט, ווארום ער דארף שוין מעהר גאָר ניט. מען זיצט צוזאמען, מען שמועסט פון צדיק און פון זיינע דרכים. דיא אויגען לייכטען, דיא נשמה איז זיך טובל אין א ים פון רוחניות׳דיגע, אין־סופ׳עדיגע תענוגים. דאָס הארץ פלאַטערט פאר בענקעניש צום צדיק, און דיא מעשיות דערצעהלען זיך מיט אזא זיסקייט, מיט אזא מין נעימות׳דיגען ניגון, אז מען קען זעהען בחוש וויא דאָס נפש גיעסט זיך ארויס צוזאמען מיט׳ן ספור המעשה.

ווער שמועסט אז ״כ׳בין ניט ווערטה אנצורופען״ העלפט נאָך אז ס׳איז דאָ אביסעל משקה אין קלויז, ניט חלילה צום אנ׳שכור׳ן, נאָר א קאפקעלע צו דערכאפען זיך דאָס אויסגעטריקענטע הארץ— ווארום צוריקגעשמועסט, דער זינדיגער גוף איז דאָך פאָרט נאָר א חומר און פערלאנגט זיינס. אמת, מען האָט איהם שוין צוגעוואָהנט אז ער זאָל אויך קענען הנאה האָבען פון רוחניות׳דיגע ענינים גלייך מיט דער נשמה, אָבער זעטיגען זיך מיט בלויז רוחניות קען ער זיך דאָך ניט. ער וויל כאָטש אויפ׳ן שפיץ מעסער עולם־הזה־חיונה, ניט חלילה קיין מותרות, נאָר קוים, קוים להחיות את נפשו—ובכן, וויבאלד ס׳איז דאָ אזא בראנפען־פראזדניקעל. דעמאָלס פעהלט שוין דעם אָרימען חסיד לחלוטין גאָר ניט; ער איז דער גליקליכסטער אויף דער וועלט. און זיין שמחה איז ניט קיין פאבריצירטע, קיין געמאכטע, קיין געצוואונגענע, נאָר טאקע אן אמת׳ע הארץ שמחה. דאמאלס שוועבט ער ארום אין די עולמות עליונים און ציהט זיין תענוג און זיין חיות פון דעם היכל־השמחה גופא. וואָס׳זשע פאר א ווערטה קען דאמאלס

ביי איהם האבען דיזע גראבע, חומר׳דיגע וועלט מיט איהרע פוסטע, נארישע, בהמות׳דיגע תענוגים ? !

איצט קען מען זיך שוין פארשטעלען דיא שמחה וואס אט דער סאדאגורער חסיד פיהלט בעת ער איז ביים רבי׳ן, טאקע ביי דעם "מקור השמחה" גופא ! ער פערגעסט לגמרי אין עסען און אין טרינקען, שטעהט שעות־ווייז ווארטענדיג מקבל־פנים זיין דעם רבי׳ן, מיט א הארץ פול מיט פלאטערניש ; מיט א פייער־דיגע השתוקקות און הימלישען חשק צאפעלט ער צו דערזעהען דעם צדיק. שוין פון דערווייטענס, קוים דערזעהט ער דיא שפודען פון׳ם רבין׳ס הייליגע צורה, געהט ער ממש ארויס אוים דיא כלים און פיהלט דעם זיסען טעם פון "גהנה מזיו השכינה" (קוויקענדיג זיך פון דעם לויטערן גלאנץ פון דער שכינה).

עס איז אינטערעסאנט געווען צו זעהען דאס הימלישע התעוררות צווישען דיא חסידים אין א שבת אדער א יום־טוב, בעת זיי האבען געטאנצט גאנצע שעות פאר׳ן רבין׳ס פענסטער, אלס אז ארויספאדערונג, דער צדיק זאל זיך בעווייזען נעבען דעם פענסטער. קוים איז ערשיענען דיא הייליגע צורה פון׳ם רבי׳ן מיט א שמייכעל אויף דיא ליפען—מחמת לאכען זעהט מען איהם קיינ־מאל ניט — האט עס דאן אלע חסידים ממש אונטערגעטראגען. ס׳האט זיך אויפ׳ס ניי אנגעהויבען א מין ווירוואר׳ענדיג טאנצעריי, שפרינגעריי און זינ־געריי, א מין משונה ווילדע שמחה, וועלכע קיין מענש אויף דער וועלט קען דאס ניט טועם זיין א חוץ דער אמת׳ער סאדאגורער חסיד.

דיא מדה פון אמונת צדיקים, האט ביי דיא סאדאגורער חסידים דער־גרייכט דיא העכסטע מדרגה. א גרויסער רוב פון זיי, בעזאנדערס דיא רוסישע חסידים, האבען געגלויבט באמונה שלמה אז דער רבי איז פיעל גרעסער פון א מלאך און איז א מושל ניט נאר איבער דער טבע, נאר אויך איבער אלע עולמות עליונים. דער אמת׳ער סאדאגורער חסיד לערנט פירושים אין׳ם רבין׳ס קלענסטען דבור, אין א תנועה, א וואונק, א מאך מיט דער האנד אדער א קלאפ מיט׳ן טאבאק־פושקעלע און איז מאמין אין דעם פירוש וויא אין אן אורים ותומים. דיזע איבערנאטירליכע אמונה, ברענגט זיי באמת א היבש מאל אויך איבערנאטירליכע ישועות.

ר׳ יעקב יאשי קארעצער, א בעקאנטער גבירישער סאדאגורער חסיד, איז געווען אין דער יוגענד א דארפס־מלמד. ער איז געווען א שטארקער מאמין אן דעם ריזינער, און איז איינמאל צו איהם געפאהרען נאך קיין ריזין. וויא אלע סאדאגורער חסידים, האט ער אויך דאמאלס ניט דערקוטשעט דעם רבי׳ן איבער ענינים פון עולם הזה. דאס איז דער גרויסער כח פון דיא סאדאגורער חסידים. כאטש זיי ווייסען פאר זיכער, אז דער רבי קען זיי משפיע זיין פרנסה און כל־טוב מיט איין איינציגען דבור, ווילען זיי ניט דעם רבי׳ן מטריח זיין, זיך אראבצולאזען צו אזעלכע קלייניגקייטען פון זיינע הימלישע מוחות און הויכע מדרגות. "עס איז א בעליידיגונג, פאר׳ן צדיק, זאגען זיי, צו פאהרען צו איהם מכח פרנסה און איהם צו בעטראכטען, למבדיל באלף אלפי הבדלות, פאר א מעלקעדיגע קוה".

נאכדעם וויא דער ריזינער איז אוועק פון רוסלאנד און זיך בעזעצט אין

סאראגורע, האט זיך ר׳ יעקב יאשי געזאמעלט דאס מלמדות־געלד פון צוויי זמנים, כדי צו זיין ביכולת צו מאכען א נסיעה קיין סאראגורע. דיא הוצאה האט איהם געזאלט קאסטען דיא העלפט פון זיינע אלע מזומנים.

דערזעהענדיג דעם ריזינער׳ס צורה צום צווייטען מאל אין זיין לעבען, איז ער אזוי נתפעל געווארען פון גרויס שמחה, אז ער האט ארויסגענומען דיא גאנצע מזומנים וואס ער האט נאך געהאט אין קעשענע און זיי געגעבען דעם צדיק פאר א פדיון־נפש. ער האט זיך אפילו ניט איבערגעלאזט אויף דער הוצאה אהיים.

״וואס איז דיין בעשעפטיגונג, יונגערמאן?״—האט דער רבי איהם גע־פרעגט, פערשטעהענדיג אז דער ״פדיון״ איז אביסעל צו גרויס לויט דעם יונגען מאן׳ס אויסזעהן.

— א דארפס־מלמד בין איך — איז געווען דיא תשובה.

״עס פאסט גאר ניט פאר דיר צו זיין א מלמד״ — האט זיך דער ריזינער צו איהם אנגערופען — ״לויט דיין נדבת הלב (גוטהערציגקייט), וואלט דיר אנגעשטאנען צו זיין א גרויסער, טאקע א זעהר גרויסער עשיר!״

ר׳ יעקב יאשי דער גלויביגער, האט געשלאגען מינצען פון דיא דאזיגע פשוט׳ע דבורים. ער האט זיך א שבועה געטהאן, אז ווען ער זאל אפילו ממש אויסגעהען פאר הונגער, וועט ער בשום אופן ניט מעהר קנעלען. אויס מלמד!

מיט אן אויסערארדענטליכע ענערגיע, אלס א פועל יוצא פון זיין גרויסע אמונה אין דעם צדיק׳ס דבורים, האט זיך ר׳ יעקב יאשי גענומען צום מסחר. ער האט באלד מצליח געווען. זיין עשירות איז געוואקסען פון טאג צו טאג און ער איז דאן געווארן א מיליאנער. דאס סאראגורער חסידות פלעגט איהם דאן, און שפעטער אויף זיינע רייכע יורשים, קאסטען יעהרליך א פערמעגען.

אזוי גרויס איז ביי דיא סאראגורער חסידים דער כח פון אמונה.

צוליעב אט דיזע גרויסע אמונה אין׳ם צדיק, איז ביי דיא סאראגורער חסידים געווען א מנהג צו געבען דעם רבי׳ן א קוויטעל מיט א פדיון אפילו פון מיילען ווייט. וויבאלד ס׳האט זיך געטראפען ביי א חסיד אין הויז עפעס א צרה וואס האט ערפארדערט א באלדיגע ישועה און ס׳איז ניט קיין צייט געווען צו שרייבען צום רבי׳ן אדער צו איהם צו פאהרען, איהם צו בעטען ער זאל מתפלל זיין פאר א ישועה, האט זיך דער חסיד אזוי נוהג געווען: ער האט אבגעשריבען, אדער זיך געלאזט פון עמיצען אבשרייבען, א ״קוויטעל״ אין וועלכען ס׳איז געווען איינגעשריבען דיא בקשה געהאלפען צו ווערען פון דער צרה. דאס קוויי־טעל האט מען אבער ניט אוועקגעשיקט צום רבי׳ן תיכף, נאר מען האט דאצו ביינגעלעגט א פדיון, עס דאן צוזאמענגעלעגט מיט׳ן פדיון און בעהאלטען אין דיא ספרים־שאפע און דערביי געזאגט: ״יהי רצון מלפני אבינו שבשמים, אז דאס זאל אזוי גוט זיין גלייך איך וואלט דאס קוויטעל מיט׳ן פדיון איבערגעגע־בען דעם הייליגען רבי׳ן אין דער האנד אריין״.

דער חסיד האט דאן געהאט דיא אמת׳ע אמונה, אז דער רבי ווייסט וואס ס׳האט ביי איהם פאסירט; ער לייענט פון דער ווייטענס דאס קוויטעל און איז פאר איהם מתפלל.

בעת איך בין געווען דאן אין רעזאווניץ, בעסאראביען, וויא איך וועל שפעטער אויספיהרליך בעשרייבען צוליעב וויכטיגע חסידישע זכרונות, האט ר׳ איצי פוכמאן, א בעקאנטער סאדאגורער חסיד, מיך כמה פעמים מכבד געווען מיט שרייבען אזא מין קוויטעל, וועלכעס איז דאן ליעגען געבליבען אין א ספר פאר א נעוויסע צייט, ״עס איז לחלוטין גאר קיין חילוק ניט—האט ער צו מיר בעמערקט, דערזעהענדיג אין מיין פנים א חדוש׳ליכע מינע — אויב דאס קוויטעל ווערט איבערגעגעבען אין׳ם רבין׳ס האנד אדער עס איז אוועקגע-לעגט געווארען פאר דעם דאזיגען צוועק; דער רבי לייענט עס דאך סיי־ווי־ סיי מיט זיינע אפענע, ווייטזעהענדע אויגען״.

מיט אזא דורכדרינגענדע אמונה, האבען זיך ספעציעל אויסגעצייכענט דיא רוסישע חסידים.

## קאפיטעל 18.

# די אהבת חבירים

**ער איז מפקיר דעם זוהן צוליעב דעם רבינ׳ס ברית הגוף — עס איז געגוג וויבאלד מען בעטרעט דעם רבינ׳ס שוועל — דאס ברידערליכע פער-העלטניסע צווישען די חסידים — מען פערזעצט משכנות פון א נצרך׳ס וועגען — דאס פריינדליכע צוזאמען זיצען ביי א סעודת-מרעים.**

מכח דעם אוננאטירליכען אמונת צדיקים וואס איז שכיח ביי די סאדא־גורער חסידים וועל איך נאך האבען א געלעגענהייט צו שילדערען מיט פאקטען בעת איך וועל דערצעהלען מיינע אייגענע זכרונות פונ׳ם סאדאגורער הויף. איצט וויל איך מיך בעגנוגען מיט דערצעהלען נאך איין־איינציגען אינצידענט.

ביי דעם בעריהמטען גביר ארנשטיין, ר׳ נפתלי ראדאמישלער׳ס פאטער, א פערברענטער ריזינער חסיד, איז קראנק געווארען א זוהן (אפשר טאקע ר׳ נפתלי) אויף א סכנה׳דיגע קראנקהייט. דער אלטער ארנשטיין, וועלכער האט דעם זוהן שטערבליך ליעב געהאט, איז שיעור געריהרט געווארען פון זינען פאר גרויס צער. ער האט גענוצט די בעסטע דאקטוירים, אבער געוואוסט האט ער, אז ברענגען די ישועה קען נאר דער ריזינער רבי.

אנשטאט ער זאל שיקען א קוויטעל מיט א פדיון דורך דער פאסט צום רבי׳ן, אדער אוועקלעגען דאס קוויטעל מיט׳ן פדיון אין א ספר אריין, ווי מאנ־כע חסידים האבען זיך נוהג געווען, האט ער געהייסען איינשפאנען די פערד און קאלעסע, איבערגעלאזט דעם ליעבען קראנקען זוהן אונטער דער אויפ־זיכט פון דאקטוירים, און אוועקגעפאהרען קיין ריזין, מיט א הארץ פול מיט בטחון, אז זייענדיג אליין ביים צדיק פנים אל פנים, וועט ער ניכער

פועל׳ן אז דער רבי זאָל מעורר רחמים זיין אויף זיין קינד, ווי ער זאָל דאָס טהאָן דורך א געשיקט קוויטעל דורך דער פּאָסט.

קומענדיג קיין ריזין איז ער גלייך פערפאָהרען אין דעם רבינ׳ס פּרעכטיגען הויף אריין, כדי ניט צו פערזאַמען אפילו א מינוט. געוואוסט האָט ער גאַנץ גוט, אז איהם, דעם גביר אַרנשטיין, וועמען דער רבי קאָסט שווערע טויזענדער א יאָהר, וועט מען זיכער תיכף ומיד צולאָזען צום רבי׳ן, באָטש עס איז ניט דאַמאָלס די צייט פון פּראָווען חסידים.

קומענדיג אינ׳ם רבינ׳ס הויף אריין, האָט איהם דער גבאי געזאָגט, אז שוין עטליכע טעג דאָס דער רבי איז ניט אין גאַנצען בקו הבריאה, האָט איהם דער לייב־דאָקטאָר געהייסען רוהען און איהם ניט אויפרעגען מיט וועלכע ס׳איז בקשות פון צרות ישראל. מען לאָזט דאַריבער קיינעם ניט צו צום צדיק. נאָר אזוי ווי איצט האַנדעלט זיך דאָך אין עניין פון א סכנה, בעזאָנדערס ביי אזא היימי־שען מקורב, א ידיד נאָמן פונ׳ם צדיק, איז ער מוכן ומזומן דאָס מודיע צו זיין דעם רבי׳ן. מעגליך אז דער רבי וועט איהם הייסען צו זיך צולאָזען, אָבער אפילו באם לאו, וועט ער, לכל הפחות, הייסען זיך פאַרלייענען דאָס קוויטעל און ווינ־שען א ישועה.

חלילה, חלילה! האָט דער אלטער אַרנשטיין אויסגערופען צום גבאי — אסור זאָל אייך זיין איהר זאָלט אפילו מזכיר זיין מיין זוהן איצט פאַר׳ן צדיק. איך דאַרף עס לגמרי ניט. איך בין בטוח, אז מיט מיין נסיעה אהער און אי־בערטרעטענדיג דעם הייליגען צדיק׳ס שוועל, האָב איך שון געהאַט די ישועה.

„פונ׳ם רבי׳ן, זאָל לעבען, האָב איך אמאָל בפירוש געהערט — האָט אַרנשטיין ווייטער געזאָגט צו די מענשען וואָס האָבען זיך פערזאַמעלט נעבען איהם — אז א צדיק וואָס האָט ניט בכח צו ברענגען א ישועה אין דער צרה, תיכף בעת דער חסיד האָט נאָר בדעה צו איהם צו פאָהרען מכח א הילף, אזא צדיק האָט ניט קיין שום רעכט זיך צו רופען א רבי פון חסידים. איז באַשערט פאַר מיין זוהן די ישועה, ווייסט עס דער צדיק שוין סיי־ווי, פון דער צייט וואָס איך בין נאָר ארויסגעפאָהרען פון מיין היים. אלא ניט, איז ניט כדאי אז צו־ליעב מיין צער זאָל מען דעם הייליגען צדיק מבלבל זיין בעת ער איז אליין ניט מיט אלעמען, און טאַקע אין דעם זכות אליין וועט מיין זוהן האָבען די רפואה שלמה.״

און איבערגעבענדיג דעם גבאי א פּדיון פונ׳ם רבינ׳ס וועגען און א מטבע פאַר איהם אליין, איז ער תיכף צוריק אהיים געפאָהרען.

די מדה פון אהבת חברים, שטעהט ביי די סאַדאַגורער חסידים אין די ערשטע שורה פון הלכות חסידות. פּונקט ווי ביי די קאָצקער חסידים, הערט מען אויך צווישען די סאַדאַגורער במעט קיינמאָל ניט דעם אויסדרוק „איהר״, בעת א אינגערער שמועסט צו אן עלטערען חסיד, וואָס מען רופט „איהרצען״. דער חלוק איז נאָר, וואָס די קאָצקער יונגע חסידים האָבען גע׳דו׳צט זייערע אלטע צוליעב א געוויסען גראַד פון שטאָלצקייט און אראָבקוקען פון אויבען אויף די אלטע חסידים פון די פריהעריגע רביים, אלס א פּועל יוצא פון דעם נייעם חסידישען דרך וואָס דער קאָצקער האָט מחדש געווען, בעת אָבער ביי די סאַ־דאַגורער איז דער אויסדרוק „דו״ צום עלטעסטען חסיד געווען נאָר אן אויס־

דרוק פון אמת׳ער ליעבשאפט און ברידערליכקייט, ווי מען שמועסט צו א ברו־דער אדער צו א פאטער. טאמער וואלט א אינגערער חסיד געמוזט אין זיין האַ־בען ביים געמיינשאפטליכען חסידישען "זיץ" אבצוהיטען די דינים פון עטי־קעטע און "איהר׳צען" דעם אלטען חסיד, וואלט דאן דער "זיץ" פערלוירען דעם חן און די אינערליכע אהבה, דאס היימליכקייט און דאס חמימות, ס׳וואלט זיך געפיהלט אן אונבעקוועמליכקייט און אן אייז־קאלטע בעציהונג אין דער סביבה, ממש מעשה מתנגדים.

עס איז זעהר אינטערעסאנט צו זיין גראד אין א סאדאגורער קלויז, בעת א צוגערייזטער "אחד מאנשי שלומנו", קומט זיך אריין ברחבה אין קלויז אריין און נאך איהם א גאסען־אינגעל, וועלכער טראגט איהם נאך דאס פעקיל מיט זיינע זיבען זאכען. דער קבלת־פנים פון אלע אנוועזענדע חסידים, מגדול ועד קטן, איז א זעהר הארציגער, פיעל מעהר פון ברידערליך. אלע פנים׳ער שיינען פאר שמחה לכבוד דעם אורח, וועלכער איז, אגב, נאר געקומען כדי צו מאכען א פאר גולדען.

ווי ארים דער אורח זאל ניט זיין, מוז ער קודם כל געבען "תיקון", דאס הייסט, אז ער דארף זיין דער מתחיל, דאן װארפט מען זיך שוין צוזאמען, מען טרינקט לחיים, מען צוואווארימט זיך אביסעל און מען איז זיך עוסק אין ענינים פון חסידות. ביים שמועסען ווייזט זיך באלד ארויס, אז דאס ווארט "פרעמדער" געפינט זיך לגמרי גאר ניט אין דעם ווערטערבוך פון סאדאגורער חסידים. דער אורח פיהלט זיך תיכף אזוי היימיש ווי ביי זיך אין דערהיים. ער ווערט איינ־געלאדען מיט כבוד פון יעדען איינעם פאר עסען, טרינקען און שלאפען, הײנט ביי דעם, מארגען ביי יענעם, כדי יעדער זאל קענען האבען דאס פערגניגען איהם צו האבען ביי זיין טיש.

טאמער פערבלייבט דאן דער פרעמדער חסיד איבער א שבת, טרעפט זיך אפטמאל אז מען ווארפט גורל ווער ס׳זאל זיין דער גליקליכער, זוכה צו זיין צו האבען דעם חסיד פאר א שבת־אורח. מחמת לכבוד דעם אורח, קומען דאן די חסידים צוגעהן צום טיש און מען טרינקט דארט און מען הוליעט, פרייטאג צו נאכט און שבת בייטאג, אויף וואס די וועלט שטעהט.

די סאדאגורער חסידים וועלען קיינמאל ניט ערלויבען זייער׳ס א חסיד, ווי ארים ער זאל ניט זיין, ער זאל זיך מבזה זיין און געהן אליין בעטען נדבות, זאל גאט שומר ומציל זיין. דאס וואלט געווען א פחיתות הכבוד ניט נאר פאר זיין אייגענע פערזאן נאר טאקע פאר׳ן גאנצען סאדאגורער חסידות ווי אויך פאר׳ן צדיק גופא. און אזוי זיינען זיי זיך נוהג:

קודם כל טאפען זיי דעם דופק פונ׳ם אורח אין וואס פאר א מין "תמיכה" ער בענויטינט זיך. וויבאלד עס האנדעלט זיך נאר אין א געוועהנליכע תמיכה, ווי אויף דער ווייטערער נסיעה צום צדיק, אדער טאקע אהיימצושיקען צום בני־בית עטליכע גולדען, דאן מאכט מען ניט קיין גרויסע אנשטרענגונגען. די בעלי יכולת פון קלויז גיבען לויט זיי פערשטעהען, און די קלויז־בחורים לעגען אוים א געוויסען סכום, וועלכען זיי פערשאפען זיך פארלויפיג דורך פערזעצען וועל־כען טלית אדער עטליכע פאר תפילין. דאס געלד ווערט תיכף איבערגעגעבען צום אורח, און שפעטער מיט עטליכע טעג, אדער וואכען, לאזען זיך ארוים

עטליכע פארלעך בחורים איבער דער שטאדט אבצומאכען די אויסגעלעגטע סומע און אויסצולייזען די משכנות. עס טרעפט זיך אבער ניט זעלטען, אז צוליעב א גרויסע שפע פון ארימע חסידים, ליגען די משכנות פערזעצט א לאנגע צייט, ווארטענדיג ביז "פורים", דאמאלס מוז שוין קומען זייער גאולה.

טאמער איז דער אורח אבער א נצרך אין א ספּעציעל גרעסערע נדבה, ווי למשל חתונה צו מאכען א טאכטער וכדומה, אדער ווער שמועסט אז ער האט נאך מיטגעבראכט א מכתב־פקודה פונ׳ם רבי׳ן איהם צו שטיצען, דאמאלס איז שוין גאר אן אנדער זאך. יעדער איינער פון דער חברה, ווי ארים ער אליין זאל ניט זיין, סטארעט זיך צו שטייער צו געבען איבער׳ן כח. די קלויז־בחורים טראַגען באלד אוועק די לעצטע משכנות זייערע, און די "פּני" פון קלויז, פערזעצען דעם ווינטערדיגען פּעלץ אדער אנדערע ווערטהפולע זאכען, כדי מהנה צו זיין דעם אורח ברחבה און דאצו ממלא צו זיין דעם רצון פונ׳ם צדיק.

מען לאזט אבער דעם אורח קיינמאל ניט פיהלען אז ער נעהמט א **נדבה**. זיי טהוען עס מיט אזא פריינדשאפט און מיט אזא ווארימקייט, פונקט ווי מען טהוט עפּעס א הייליגען חוב. דער מקבל פיהלט זיך דאביי אזוי פריי און מונטער, פונקט ווי א קינד נעהמט עפּעס א מתנה ביי זיינע עלטערען.

מעהר ווי אינטערעסאנט איז אבער געווען, ווען עס איז געקומען צופאהרען איינער פון די חסידים־גענעראלען ווי, למשל, ר׳ וועלוועלע גריידינגער, ר׳ איטציי טויסטער, ר׳ שואל בילקאמינער אדער אפילו ר׳ יוסף קלמן דראַהאַביטשער, דעמאלט איז די קלויז ממש געגאנגען אויף רעדער. יעדערער האט זיך געריבען די הענט פאר שמחה, ווויסענדיג אז אט די אלע טעג וואס דער חסיד־גענעראל פערבלייבט אין שטעדטעל, וועט זיין א יום־טוב, מען וועט זיך אנהערען מיט מעשיות און דבורים פון די הייליגע צדיקים וועלכע וועלען זיין מחיה נפשות.

די גאנצע צייט וואס די דאזיגע ראשי החסידים האבען זיך אויפגעהאלטען אין דער שטאדט, פלעגט מען על פי רוב פראווען די סעודות אין דער קלויז יעדע נאכט מיט אזא פּאמפּ ווי מען מאכט א חתונה. מען האט אין א פראסטען מיטוואך געזונגען און אויך געכאפּט א רקידה׳לע לכבוד דעם גרויסען גאסט, וועלכער האט מיט זיינע תנועות, דבורים און בעוועגונגען זיי דערמאנט אן דעם צדיק מיט זיינע הייליגע קינדער.

זיצען זיך די גאנצע חברה ביים טיש און ר׳ וועלוועלע בראש און מען האט הכנה צו דער סעודה דורך נעהמען צו קאפּקעלאך משקה. גיסט זיך קודם אן ר׳ וועלוועלע אביסעל בראנפען מעהר ווי די העלפט פונ׳ם גלעזעל. הויבט עס אויף ביז צום אויג, קוקט אן די משקה מיט א מין ערנסטקייט, מאכענדיג אביסעל שהיות, הפנים, כדי צו אונטערדריקען די תאוה וועלכע פערלאנגט גלאט א פשוט טרינקען לשם הנאת הגוף, און קומען צו דער מדרגה פון טרינקען לשם "תיקון", ווענען הנאת הנשמה, צוליעב דעם "לחיים", וועלכער פעראייניגט די **נשמות** און פערברידערט די נפשות.

פלוצים גיט ר׳ וועלוועלע א טיפען לאנגגעצויגענעם קרעכץ, א מין אימיטאציאן פונ׳ם בעוואוסטען אייגענטימליכען זיפץ, וועלכען קיין אנדערער אלס די קינדער פון דער ריזינער גזע קען איהם ניט פּינקטליך נאכמאכען. און די

גאנצע חבריא ענטפערט איהם יעדערער מיט א שטילען זיפץ, א רמז אויף א הרהור־תשובה. דאן ערשט מאכט ער א ברכה, איז טועם אביסעל און הויבט אן צו דערלאנגען יעדען איינעם א "לחיים", קוקענדיג זיך גלייך אין די אויגען אריין, א סגולה צו ברענגען ביידע נשמות, וואס שטאמען אייגענטליך פון איין שורש, אין קאנטאקט.

די דאזיגע סעודות ווערען ביי די חסידים בעטראכט אלס א בחינה פון "זעיר אנפין" (מיניאטור בילד) פונם רבינ׳ס טיש.

און טאמער דארף דער דאזיגער ראש החסידים האבען א פאר גולדען פון זיינעטוועגען (מחמת אפטמאל קומען זיי צופאהרען צוליעב הויפ׳ס אינטערעסען, ווי ס׳וועט שפעטער ביי א געלעגענהייט דערצעהלט ווערען), דאן פערזוצען די ארימע די קישעלעך, די בעלי־בתים די פעלצלעך, און מען גיט איהם די עטליכע גולדען מיט אזא שמחה און לעבהאפטיגקייט גלייך זיי וואלטען געברענגט בכורים אין בית־המקדש אריין, טאקע מיט אמת׳ער אהבה.

דיעזע מדה קען מען נאר זעהן ביי סאדאגורער חסידים.

## קאפיטעל 19.

# אויף דער באהן.

**ס׳ווילט זיך טהון א טובה — דער הילוק פון "פרושים" ביז "יושבים" — די ענטוויקלונג פון דער יושבים־חברה — א פגישה אויף דער באהן — מחשבות זרות — א סימן צו דערקענען א סאדאגורער חסיד —משונה׳דיגע הלבשה איז א שמירה פאר אן עבירה — א שמועסעל "כלאחר יד" פון א חסיד.**

נאכדעם וויא דיא סאדאגורער חסידים אין בארישלאוו האבען זיך פון מיר דערוואוסט, אז איך דארף ניט, אדער איך וויל ניט, נעהמען ביי זיי אויף רייזע שפעזען קיין כאדאגורע, האבען זיי מיר געטהון אן אנדערע טובה, מיר איינצוברענגען דיא העלפט פון דער הוצאות הדרך. פערשאפענדיג מיר דאס רעכט פון א האלבע קארטע, דאס הייסט, אז איך זאל נאר בעדארפען צאהלען אויף דער באהן פאר מיין נסיעה ביז סאדאגורע דיא העלפט פרייז. דאס דאזיגע רעכט האט גאר געהאט אן אנדערער חסיד, נאר ער האט עס מיר צוגעלאזט, כדי מיר איינשפארען עטליכע גולדען, וועלכע וועלען מיר, לויט ער האט צו מיר בעמערקט, אין סאדאגורע זעהר צונוץ קומען; מחמת ער זעהט, אז איך בין א גרויסער שלימזל׳ניק צו זיין א "יושב".

דיא "יושבים" ביי א רבי׳ן, זיינען אין א געוויסער מאס אן עהנליכקייט צו דיא "פרושים" פון דער וואלאזינער אדער מירער ישיבות. דער חילוק איז נאר וואס אנשטאט דיא לעצטע טהון דאס לשם התמדה אין דער תורה, אויסצוואוואקסען רבנים, טהון דאס דיא חסידישע "פרושים" אדער "יושבים" גאר לחלוטין ניט לשם וועלכען עולם־הזה׳דיגען תכלית, זיי פאלט אפילו

ניט איין אין דער מחשבה זיך ביים רבי׳ן ארויפצוארבייטען צו ווערען אליין אמאל א גוטער־איד, נור בלתי לה׳ לבדו. זיי טהון דאָס נאר אויס אהבה צום צדיק, כדי צו זיין שטענדיג אין זיין סביבה, פון וועלכער זיי פיה־לען א תענוג מעין העולם הבא.

ווען כמעט ביי אלע גרויסע גוטע אידען האָט מען תמיד געטראָפען זיך "וואלגערן" אין דיא קלויזען בטלנים אדער וויא מען האט זיי שפּעטער א נאָמען געגעבען "יושבים", קענען זיי אבער פּעררעכענט ווערען א בעזאנדערער שפּע־ציאליטעט אין סאדאגורע און אויך אין בעלז, אין סאדאגורע האט דער דאזיגער פּראָדוקט געהאט א נאטירליכע ענטוויקלונג. נאכדעם וויא ס׳האט אויסגעבראכען דאס בלוטיגע מחלוקת צווישען סאנז און סאדאגורע, האבען דיא איינצעלנע סאַ־דאגורער חסידים וואס האבען געוואהנט אין דיא שטעדטלעך וואו סאנז האט גע־האָט דיא ממשלה, געוואוסט, אז קוים פּאָהרט ווער אוועק צום רבי׳ן קיין סאדאַ־גורע, קען ער שוין, ווער ווייסט ווילאנג, ניט אהיימקומען אין זיין שטעדטיל אריין צו זיינע עלטערן, אדער צו זיין ווייב און קינדער, ווייל מען וואלט איהם פּשוט כפשוטו געוועז פערשטיינערט. אזוי וויא אבער דער רבי איז ביי דעם אמת׳ן חסיד טייערער וויא אלע עולם־הזה זאכען, אויך מעהר פון ווייב און קינדער, האָט דער חסיד מיט אלעם כפּרה געשלאָגען און זיך געפּאהרען צום רבי׳ן. מאנכע זיינען געווארען שפּעטער מלמדים אין בוקאווינע, כדי צו זיין ביכולת צו פאהרען צום רבי׳ן אהן א מניעה אויף יעדען יום־טוב און יומא דפּגרא׳ס. שפּעטער האבען זיי דיא ווייבער צו זיך בעצויגען, אדער זיי אבגע׳גט, וויבאלד זיי האבען ניט מסכים געוועז צו פערלאָזען זייער געבורטס־שטעדטעל. אנדערע אבער, וועלכע האבען ניט געקענט אָדער געוואלט ווערען מלמדים, זיינען פערבליבען אין רבינ׳ס הויף, ימים ושנים, מאנכע האָבען טאקע עוסק געווען אין חסידות און אין ענינים פון יראת־שמים, אבער אויך כסדר גע׳בטל׳נט אין קלויז, געטרונקען תיקון און געשמועסט חסידות.

תחלת האבען דיא "יושבים" געלעבט אויפ׳ן חשבון פון דיא נגידים וואס פלעגען קומען צום רבי׳ן, יעדער בעזונדער. שפּעטער אבער, ווען זייער צאָהל האָט זיך פערגרעסערט, האָט דער רבי אנגעהויבען זיי צו בעזארגען מיט "מחיה", יעדען טאג מיט ברויט און זופּ וכדומה, און דיא חברה יושבים אליין האבען זיך ארגאניזירט אין א חברה, וועמעס ראש ס׳איז געווען א געוויסער חסיד, א בטלן אָבער גאָר ניט קיין נאר, ר׳ ליבוש׳ל פון איסטריק.

פון דאמאלס אָן איז איינגעפיהרט געוואָרען, אז יעדער חסיד וואָס איז גע־קומען צו פאהרען קיין סאדאגורע, האט געמוזט אדער נעהמען, אדער געבען תיקון, אויסצוהאלטען דיא חברה יושבים מיט דיא איבריגע נויטיגע הצטרכות. דאס געלד איז שוין איצט געגאנגען אין איין קאסע אריין, פון וועלכער ר׳ ליבוש׳ל איז געווען דער קאסירער, און בעזארגט דיא יושבים מיט "תיקון" ערב ובוקר און נאָך אנדערע נויטיגע ענינים.

ס׳זיינען נאָך פערהאנען געווען "יושבים", וועלכע האבען יאָ געקענט און געמעגט אהיימקומען, נאָר זיי האָבען זיך ניט צופריעדענגעשטעלט מיט איינעם אדער צוויי שבת׳דיגע טישען, זיי האָבען געוואלט זעהן דעם צדיק פיעל מאל און ביי פערשידענע אנגעלעגענהייטען. אזוי וויא אבער ס׳לאזט זיך ניט יערעס־

מאל מאכען א פרישע נסיעה, זיינען זיי אבגעזעסען ביים רבי׳ן א משך פון 7—8 חדשים, זאגען מיר פון ימים־טובים, ביז נאך פסח אדער נאך שבועות. צווישען דיא דאזיגע יושבים, פלעגען זיך שוין געפינען אזעלכע וואס האבען געלעבט אויף זייער אייגענעם חשבון און אויך נאך עפעס אבגעשפארט פאר אנדערע, וואס זיינען ניט געווען ביכולת זיך אליין אויסצוהאלטען.

ובכן, בין איך געפאתרען קיין סאדאגורע אדעתא דהכי צו ווערען דארטען א יושב, מחמת פון צוריק אהיימקומען צו מיין בני־בית האט ניט געקענט זיין קיין מדובר, וויא כ׳האב שוין ערוועהנט פריהער אין ערשטען קאפיטעל. מיין וואהלטהעטער, וואס האט מיר אבגעטרעטען זיין האלבע באהן קארטע, מיט וועמעס נאמען איך האב מיך בעדארפט בענוצען פאר׳ן קאנדוקטאר, איז אלזא זעהר נערעכט געווען, אז דיא פאר גולדען וועלען מיר שפעטער צו נוצען קומען.

אט פאהר איך שוין אויף דער באהן. מיין קאפ איז פול מיט שרעקליכע רעיונות. וועט זיך מיר אויסצאהלען דיא נסיעה ? וועט דער געווינס מיינער אין חסידות באמת ווערטה זיין דיא גרויסע קרבנות וואס איך האב דאפיר געבראכט? וועט מיר דער נייער רבי, מיט זיינע נייע דרכים און מנהגים, צושטעהען צום הארצען און פון דארטען גאנץ פערטילינען אלעס וואס איך האב אין מיר אריינגעזאפט פון מיין קינדהייט אן, פון דיא דרכים, מנהגים, נוסח־נגינה פונ׳ם דאווינען און תענוגים רוחניים פון דיא טישען פון מיין רבי׳ן דעם ראזאוואדאווער צדיק?

"פון וואנעט ביזסטו, בחור׳ל, און וואו אהין פאהרסטו ? " — האט מיך פלוצים א פרעג געטהון מיט ברייטקייט א אידעל אנגעטהון אין א "שיפקע" (א מין האלב־מאדערנער אידישער מלבוש) און טראגענדיג אויף׳ן קאפ א סאמעטענעם קאפעלוש. "דו פאהרסט אודאי אין א ישיבה אריין. הא?"

איך האב מיך אפילו נעפונען שטארק בעליידיגט פון דעם טיטעל "בחור׳ל", נאכדעם וויא איך בין שוין געווען דרייצעהן חדשים רצופים א בעווייבטער, אבער כדי צו מאכען אויף מיין לאנגער נסיעה עפעס א בעקאנטשאפט, האב איך איהם געענטפערט :

"איך פאהר ניט אין קיין ישיבה אריין, איך פאהר גאר צו א רבי׳ן אויף ימים טובים."

"צו׳ן א רבי׳ן ? אודאי צו אונזער׳ס א צדיק ! שלום עליכם, יונגערמאן. וואו אהין איז דיא נסיעה ? " — האט צו מיר געזאגט דאס אידעל כמעט בנשימה אחת מיט א פריינדליך פנים.

"אודאי צו אייער׳ס א צדיק, וואו דען ? — האב איך איהם געענטפערט, דערקענענדיג אין זיין הילוך אז ער איז בלי ספק א חסיד פון דיא ריזינער קינדער.

א סאדאגורער חסיד איז דאמאלס געווען זעהר גרינג צו דערקענען, צוליעב זיין האלב־מאדערנע הלבשה. א בעלזער, א סאנזער אדער א ראזוואדאווער חסיד, האט געטראגען א בעקעשע אויס "קיטאי" אדער "גארן" (אזא מין פאדים וואס איז ניט קיין "וואל") מיט דיא קעשענים פון הינטען, אויף דעם קאפ א ספאדיק און אויף די פיס שיך מיט ווייסע זאקען, וועלכע זיינען הינטער דיא קניעס געווען ארומגעבונדען מיט בענדלעך פון דיא הויזען, וועלכע האבען ניט בעדארפט גרייכען ווייטער ווי אן עוקץ איבער דער קניע. אויבען ביים העמד האט ניט געטארט

זיין קיין קנעפּלעך צו צוקנעפּלען נאר בענדלעך צו צובינדען; דיא נרויסע חסידים האבען דוקא ניט מדקדק געווען צו צובינדען דיא בענדלעך און נעגאנגען כ׳יט'ן הארץ אָפען. דיא ארבעל פון דעם העמד האָבען ניט נעטארט זיין שמאל צום סוף און צום צוקנעפּלען, נאר זעהר ברייט, מחמת זיי פלעגען זיך דאמיט בעדיענען אים זומער, צו זייען דאס וואסער פון דיא קליינע ווערימלעך (א פרומער איד האָט ניט געטרונקען קיין וואסער וואס איז ניט "געזיגען"). אויסשפּרייטענדיג דעם ארבעל איבער דעם חלק פון דער קוואָרט מיט וואסער וואס זיי האבען צוגע־נומען צום מויל צו טרינקען, כדי דאס וואסער זאל ניט זיין מיט שמוץ.

אזא מין הלבשה איז נעווען ביי דיא פריהער דערמאנטע רביים דער הויפּט עיקר פון חסידות, פון וועלכען מען טאר ניט משנה זיין אפילו כקוצו של יו״ד, בעהויפּטענדיג, אז א איד וואס טראגט אט דיא דאזיגע שפּעציעלע אידישע מלבושים, מוז בעל כרחו פערבלייבען אין זיין חסידישער סביבה און קען ניט באין אופן פערבלאנדזשעט ווערען אין אזא מקום וואו דער יצר הרע האט שליטה איהם מכשיל צו זיין מיט וועלכע עס איז עברה.

עס איז קיין ספק ניט, אז אין דער דאזינער בעהויפּטונג, שטעקט כמעט א גאנצער אמת.

דיא סאדאגורער רביים (דאס הייסט אלע ריזינער קינדער), האבען אבער אין דעם ענין א גאנץ אנדערע שיטה. ביי זיי איז דער עיקר דאס הארץ, דאס פּנימיות, דאס אינעווייניגסטע. א חסיד דארף האבען א הארץ פול אנגעשטאפּט מיט חסידות, מיט אהבה צום בורא העולמים און צום צדיק, ס'זאל זיך דארט ניט נעפינען אפילו אן עוקץ פלאץ פאר ענינים פון עברות. אויך א חסיד, בעהויפּטען זיי, דארף זיין נעקליידעט ריין און אידיש־מאדערנע, ניט אויסצוזעהן משונה'דיג ווילד דורך זיין הלבשה און ווילד־משונה'דיגע תנועות. דעריבער טראגען זיך דיא סאדאגורער חסידים שוין אין א שיפּקע, מיט דיא קעשינעס פון פּארינט און א שפּאלט פון הינטען, מיט קנעפּלעך ביי דיא העמדער פון אויבען און ביי דיא ארבעל, טראגען א סאמעטענעם קאפּאלוש אויפ'ן קאפּ, פון וועלכען דאס קאפּעל שטארט ניט דוקא אפיר, אויף די פיס שטיוולעטען מיט הויזען־פיס אריבער זיי, אדער שטיוועל מיט דיא הויזען־פיס אינעווענינ.

דאס איז נעווען דיא סבה וואס כ'האב אין דעם אידען תיכף ומיד דערקענט, אז ער איז "אחד משלנו".

"צו אונזער'ס א צדיק פאָהרסטו?" האט דער איד איבער'חזר'ט דיא ווער־טער אביסעל תמיה'דיג. דאביי האט ער מיך נעמוסטערט פון אויבען ביז אראב: מחמת חוץ דעם ספּאָדיק וואס האט געפעהלט אויף מיין קאפּ, האב איך געטראגען דיא הלבשה לויט דיא חוקים פון בעלז און פון סאנז — אודאי נאך א פּריץ, ערשט דאס ערשטע מאָל פאהרסטו איצט. איאָ? וואוהין איז דיא נסיעה? קיין סאדאגורע, קיין טשארטקאָוו אָדער נאָר קיין הוסיאטאן?"

— "קיין סאדאגורע!"

"אזוי? פאהרען מיר דאָך צוזאמען! ווייסטו כאטש וואו איינצושטעהן אין סטאנציע. איך שטעה ביי נחום פּאָלאק. און דו וואס דענקסטו צו טהאָן?"

— דיא באריסלאווער חסידים האבען מיר אנגעוויזען א סטאנציע ביי

יאָסיל בארשטשיוואר—האָב איך מיך צו איהם אַנגערופען.—איז דאָרט עפּיס א גוטע סטאנציע?

"המ... אז מען דענקט צו זיין א "יושב" מוז מען דאך זוכען דיא ביליגסטע סטאנציע — האָט זיך דער איר אנגערופען. "אודאי ניט קיין גביר׳יש קינה, הא?"

מיר איז אביסעל מוטנע געווארען אויפ׳ן הארץ. איך האב פערשטאנען פון זיינע דבורים אז אויף מיין סטאנציע ביי יאָסיל בארשטשיוואר וועל איך אודאי ניט לעקען קיין האניג. אבער וויסענדיג אז מיין קאסע ערלויבט מיר ניט צו מא־כען איבריגע הוצאות, האב איך געשוויגען.

"אודאי קאסט ביי נחום פּאָלאק טייערער און ניט איעדער קען זיך דאס פערגינען. אָבער אין תוך גענומען איז׳ס שטותים. א גוטע סטאנציע אָדער א שלעכטע; דער עיקר איז דער תענוג רוחני וואס מען איז מקבל פונ׳ם צדיק גופא און פון זיין הייליגע סביבה, דיא איבריגע זאכען זיינען הבל־הבלים. מען האט פון זיי איבער־גענוג אין דער היים. וואויל דיר, יונגערמאן, וואס גאט האט דיך איינגעגעבען אינ׳ם שכל זיך מדבק צו זיין אין אונזער׳ס א צדיק. דו וועסט ערשט וויסען פון גוטס צו זאָגען. נאָר ניט געזאָרגט. שמחה, ברודער, שמחה איז דער עיקר פונ׳ם חסידות, דאן קומט ערשט דיא אמונה. מען מוז גלויבען אין צדיק בלב ונפש, אז אלע זיינע תנועות זיינען קודש־קדשים."

זיינע אויגען האבען געשיינט ביים רעדען דיעזע דבורים. ער האט, הפּנים, געפיהלט אז ער בלאזט אין מיר אריין א נייע חיות און א הימליש התחזקות.

מיר האבען דאן עוסק געווען אין ענינים פון חסידות ביז דער צוג איז אנ־געקומען קיין "זוטשקא", פון וואנים מען האט געמוזט צופאהרען מיט א פוהר ביז סאראגורע.

## קאפּיטעל 20.

## דיא סטאנציע.

**דער ערשטער אריינפאָהר קיין סאדאגורע — די פיער-ערליי אכסניות — פאר "שבת" מוז מען צאָהלען און פאר "עסען" בעזונדער — דריטהאלבען פּארשוין אין איין בעט הייסט נאָך א שטיקעל הרחבה.— די כניאָקישע סטאנציע — אן אומגערעכטע דוך-פריינדין — ביים ציעל.**

זוטשקא, איז איין שטאציאָן פאר טשערנאוויץ. היינט, געהט פון דאָר־טען א פליגעל־באהן צו דער בעסאראבישער גרענעץ, נאָוואָסיעליץ, וועלכע געהט דורך די שטעדטלאך סאדאגורע און באָיאן, וואו ס׳זיינען פאראנען באהן שטאציאָנען. דעמאָלט אָבער, אין יאָהר 1880, האָט נאָך די דאָזיגע באהן ניט עקזיסטירט. די פּארשוינען וואָס זיינען געפאהרען קיין סאראגורע זיינען אָב־

נעשטינגען אין זוטשקא און פון דאַרטען צוגעפאָהרען פער אקס ביז סאדאגורע, א מרחק פון קרוב צו א מייל.

פלעגען שוין ביי דער באהן־שטאציאָן אין זוטשקא אָבוואַרטען א מאסע פון סאדאגורער בעלי־עגלות, בעזאָנדערס פאר די ימים טובים ווען די געסט (חסידים) זיינען געווען אין די טויזענדער, צו ברענגען די אורחים אין שטאָדט אריין. די נגידים, וואָס זיינען בכח געווען צו בעצאָהלען א האלבען גולדען פאַר דער נסיעה, זיינען געפאָהרען אין פיאקערס, מעשה פּריצים, און די בטלנים און אָרימע חסידים, וועלכע האָבען געמוזט לעבען מיט חשבון, האָבען זיך גע־שלעפּט אין שטאָדט אריין מיט וועגעלאך געשפּאנט צו איין אויסגעדארט פערד. מעשה מענדעלע מוכר ספרים, פאר 15 קרייצער.

דער איד, וועלכער האָט געזאָלט איינשטעהען ביי נחום פּאָליאק, האָט זיך אויפגעזעצט אויף א פיאקער און איך, מיט מיינע געצעהלטע עטליכע גול־דען, האָב אויף איהם געקוקט מיט א ביסעל קנאה, ניט אכטענדיג זיין פריהעריגע ערקלערונג אז אלצדינג אויף דער וועלט איז הבל־הבלים, און זיך אויפגעזעצט צווישען צוואנציג חסידים, מיינע חברים אין נגידות׳שאפט, אויף אן אָבגע־רומפּלטע טאראדייקע. און מיט א האַרץ פול מיט בענקעניש, ניט וויסענדיג אליין נאָך וואָס, און מיט פאנטאסטישע רעיונות, בין איך אריינגעפאָהרען אין דער וועלט־בעריהמטער שטאָדט סאדאגורע.

מען האָט מיר אנגעוויזען מיין סטאנציע ביי יאָסעל באַרשטשיווער.

די אכסניות (גאסטהייזער) אין סאדאגורע קענען איינגעטהיילט ווערען אין פיער קלאסען :

די ערשטע קלאס. דאס הייסט די בעסטע און טהייערסטע אכסניה, איז געווען ביי טעבעל׳ן, א איד א בעל צורה און א גרויסער חשוב אין הויף. ביי איהם זיינען איינגעשטאנען נאר די יחידי סגולה פון די נגידים. ער האָט גע־האט א שענק אויך. אין וועלכער מען פלעגט אָפט טרעפען זיצען ביי א גלע־זעל משקה ניט נאר די פשוטע חסידים, נאר טאקע די קארפּען־קעפּ, די גע־נעראלען, די בעלי מוחות און געהויבענע אידען. דאַרטען האָט מען געקענט זעהען די "רברביא דמן חבריא" טרינקען משקה און עוסק זיין אין "דברים העומדים ברומו של עולם", גרויסע און הויכע ענינים פון חסידות, ווי ר׳ מאיר ליבוש טארקער (דער טאַרקער רב), ר׳ הירש ליב ביליג, די רעכטע האנד פון׳ם רבי׳ן, ר׳ יחזקאלי נאוואסיעליצער (דער רב פון דאַרט), ר׳ איטצי טויסטער, ר׳ וועלוועלי גריידינגער און נאָך אזעלכע גדולים.

איינצושטעהן ביי ר׳ טעבעל׳ן האָט בעדארפט קאָסטען אן אוצר. ער־שטענס, איז די סטאנציע אליין בעצם געווען טייער. א נאכט שלאָפען א גול־דען אדער צוויי. די צוויי שבת־סעודות האָבען געקאָסט, א טאקסע, צוויי גולדען. ביים בעצאָהלען איז אָבער געוואָרען פון די צוויי פיער, מחמת פאר פיש, פאר וויין, פאר בראנפען מיט פּערכייסען און א טיילמאָל אויך פאר׳ן קוגעל, האָט מען געמוזט עקסטרא בעצאָהלען, ווייל די דאָזיגע מאכלים און משקאות זיינען ביי טעבעל׳ן ניט געווען אריינגערעכענט אין׳ם "שבת". צוויי־טענס, האָבען שוין די חסידים געצאָפּט משקה און תקון אָהן אן אויפהער. "ווי־באלד דו שטעהסט איין ביי טעבעל׳ן ביזט דוא דאָך אודאי אן עשיר, ובכן, זיי

זשע ניט קיין דבר־אחר!" און אז די חסידים האָבען זיך אָן איינעם אָנגע־משעפּעט האָט ער שוין אפילו ווען ער וואָלט געוואָלט, אויך ניט מעהר גע־קענט זיין קיין דבר־אחר. אויך די הוצאות איז׳ם הויף בנוגע וויין־שטעלען, דעם קוויטעל־שרייבער און דיא נבאים־הוצאות, האָבען שוין געמוזט קאָסטען מעהר ווי געוועהנליך. אלץ אויף דער קאנטא: "דו שטעהסט דאָך ביי טעבעל׳ן!"

די צווייטע קלאַס יאכסניה איז געווען ביי א געוויסען ר׳ אלקנה ווי אויך ביי נחום פּאַליאַק, דער אויבער־שמש אין דער בעריהמטער, שעהנער סאדאגורער קלויז. ער איז געווען אן אינטערעסאנטע פיגור, א גאנצער מאכער אין הויף. דאָס הייסט, אז ער אליין בעצמו איז ניט געווען דער מאכער גופא, נאָר זיין ווייב פעסיע יאיז אייגענטליך געווען די מאכערקע. זי איז געווען די איינקויפערין פאר׳ן הויף און די פערזאָרגערין מיט צדקות פון די רביצין פאר די אָרימע ווייב־לעך אין שטאדט. און אין איהר זכות, האָט איהר מאן נחום אויך שוין געהייסען א שטיקעל קנאקער, כאָטש ער בעצמו איז לגמרי גאָר ניט געווען יא גרויסער חסיד, דורך וועלכער סבה מען האָט איהם גערופען (אלס א צונאָמען) פּאַליאַק, וועלכער איז געמיינט וויא "פּאָלסקי בראט".

די אכסניות ביי אלקנה׳ן און נחום פּאַליאַק זיינען ניט געווען אזוי פיין ווי ביי טעבעל׳ן אָבער פערהעלטניסמעסיג ריין און צום דערליידען. מחמת יע־דער איינער האָט געהאַט, ווען שוין ניט קיין עקסטרא צימער, לכל הפחות אָן עקסטרא בעט צום שלאָפען. וועלכעס האָט ניט מעהר געקאָסט ווי פופציג קרייצער א נאכט. דאָרט האָט מען זיך געקענט צוזאמענטרעפען מיט די חסידישע פערמעגליכע בעלי־בתים. אויך פון זייערע סטאנציעס האָט מען שוין געקענט זאָגען מיט א ביסעל גאוות: "איך שטעה מיר איין ביי אלקנה׳ן!" "איך שטעה איין ביי נחום פּאַליאַק!" וועלכעס האָט געמיינט: איך בין ברוך־השם א בעל הבית, א סוחר, און קען מיר שפּענדען מעהר א גולדען ביים הייליגען צדיק.

די דריטע קלאַס אכסניות זיינען געווען על פּי רוב די געלעגענהייטס אכסניות. דאמיט מיין איך, א בעל־בית וויא אויך א בעל־מלאכה וויבאלד ער האָט נאָר געהאַט א בעקוועמע דירה, האָט ער פאר א יום־טוב אָדער אין אַן אנדערען יומא־דפגרא, ווי, למשל, אויף א חתונה אין הויף ווען טויזענדער חסידים זיינען זיך צוזאמען געקומען, געמאכט אויס זיין דירה אן אכסניה. דאָרט האָט נאָר געקאָסט 20 קרייצער א לינת־לילה (נאכטלעגער), אָבער דיא בעקוועמליכקייטען ביים שלאפען זיינען ניט געווען איבריג גוט. אין א בעט פלעגען שלאפען צוויי מענשען בייזאמען און ביי א גרויס נעדרענג האָט זיך דער בעל־בית ערלויבט צו צוגעבען א צולאג, צו לייגען צו פיסענס א יונגען בחור, א צוקינפטיגען חסיד. אין א באנקבעטעל אָבער, האָט מען קיינמאָל ניט געלעגט נאָר א גרויסען מענש מיט א איינגעל.

מיין סטאנציע, צו וועלכער איך בין נאָך אָנגעוויזען געוואָרען פון באָ־ריסלאָוו אויס, יוסעל באָרישטשאָווער׳ס אכסניא, האָט בעלאנגט צו דער פערטער קלאָס. דער פּרייז פאר שלאָפען א נאכט האָט ניט מעהר געקאָסט ווי צעהן קרייצער. בייטאָג האָט מען געקענט שלאָפען אומזיסט, וויבאלד מען האָט נאָר פלאץ געהאט וואו דעם קאָפּ אנידערצולעגען. דאס שלאָפען אפילו ביי־

נאכט האט ניט דוקא געמוזט זיין אין א בעט אדער אויף א שטרוי־זאק אויף א טיש, נאר וואו ס׳האט זיך געלאזט אפילו אויף דער פאדלאגע גופא, צומאל אויך איינער אויפ׳ן אנדערען ממש. דארטען זיינען ימים נוראים איינגעשטאנען אלע כנאקעס, און אין דער פריה איז דארט געווען וואס צו הערען און וואס צו זעהען . . .

פון די אלע צוואנציג חסידים וואס זיינען געזעסען אויף דעמזעלבען וואגען מיט מיר, בין איך געווען דער איינציגער צו נעהמען אכסניה ביי יאסיל בארשטשאווער, ניט ווימענדיג וואס פאר א מין הקדש דאס איז . . .

מיט מיין פעקיל אין דער האנד, אין וועלכען ס׳זיינען געלעגען מיינע שבת־בגדים, טלית און תפלין, א סדור, א שערי־ציון׳דעל, א חק־לישראל, א מחזור לימים נוראים און עטליכע מוסר ספרים׳לעך וועלכע זיינען געווען איינגעוויקעלט אין די ווייסע וועש, בין איך אין א שעהנעם אלול־מארגען אריינגעקומען אין דער חסידישער סטאנציע. שוין ביים עפענען די טהיר פון דעם גאסט־הויז איז מיר געווארען פינסטער אין די אויגען. א משונה׳דיגער ריח וועלכען איך קען ביז היינט ניט פערגעסען, איז מיר פערגאנגען אין דער נאז. אין די קליינע צימערלעך זיינען געלעגען אויסגעלעגט אויף שטרוי־זעק, וועלכע זיינען געווען אויסגעשפרייט אויף צוויי צוזאמענגעשטעלטע לאנגע בענק, אויף די טישען און אונטער די טישען, צורות פון מענשען, יונגע און אלטע, אלע כראפענדיג פון א זיסען שלאף. ארום און ארום זיינען געלעגען צו־ווארפען אבגעריסענע און אבגערומעלטע בגדים, אזוי אז איך האב לגמרי ניט געזעהן אפילו א שטיקעל פלאץ וואו מיין פעקיל אנידערצולייגען.

ענדליך האט ר׳ יאסעל דער בעל אכסניה, נאכדעם ווי ער האט מיר אריינגעשטעקט א ברייטען פריינדליכען "שלום־עליכם", מיר אנגעוויזען א מקום־מנוחה פאר מיינע קלייניגקייטען און ווי א רוה א מלמד, האט עס מיך באלד ארויסגעטראגען אין דרויסען אויף דער גאס ארוים, איינצואטהעמען א ביסעל פרישע לופט און צו איבערקלערען וואס איך זאל עפעס ווייטער טהאן. דאס הארץ האט אין מיר געצאפעלט ווי א פיש. אט בין איך מיר שוין אויך א סאדאגורער חסיד און אקארשט באלד, וועל איך זוכה זיין צו זעהן אזוינס וואס מיינע אלע חברים האבען עס קיינמאל ניט געזעהן און וועלען עס אודאי אויך קיינמאל ניט זוכה זיין צו זעהן.

"וואו וואהנט דא ערגיץ דער רבי ?" — האב איך א פרעג געטהאן א אידענע, וועלכע איז פאר מיר פאריבער געגאנגען טראגענדיג אין דער האנד א טעפעל מילך.

די אידענע האט מיך אנגעקוקט מיט א משונה׳דיגען קוק, כלומר, ווי איינער וואס זאגט: אט איז א פריש־געבאקען יונג־מאנטשיקעל, וועלכער ווייס נאך ניט אמאל וואו א טהיר עפענט זיך. און מיט א פערבארגענעם שמייכעל האט זי מיר א וויז געטהאן מיט׳ן פינגער זאגענדיג: "אט דארט האסטו דאך דעם רבינ׳ס הויף כמעט אונטער דער נאז דיינער !"

וויסענדיג אז די סאדאגורער חסידים "איהרצען" זיך ניט איינער דעם אנדערען, פאר א סימן פון ברידערליכקייט, איז מיר אויך רעכט געווען ווען א גאנץ פרעמד ווייבעל, וועלכע האט מיך קיינמאל ניט געזעהן, איז מיט מיר פלוצים א דוץ־פריינד געווארען. איבריגענס בין איך סיי־ווי געווען א נע־

שטראַפּטער צוליעב מיין אינגלישעס אויסזעהן און כאַטש שוין א בעווייבטער פון איבער א יאָהר, האָב איך ניט די זכיה געהאַט צו פערזוכען דעם טעם פון הערען דאָס וואָרט "איהר". איך בין דעריבער מיט דער תשובה צופרידען געוועזען און מיך געלאָזט געהען אין דער ריכטונג וואו מיין דוץ־פריינדין האָט מיר אנגעוויזען מיט׳ן פינגער.

אין אמת׳ן האָב איך דעם דאָזיגען גרויסען, פּרעכטיגען הויף תיכף געזעהן ביי מיין אָנקומען און האָב איהם בעוואונדערט נאָך זיצענדיג אויף דעם וועגעלע וואָס האָט אונז אריינגעפיהרט אין שטאָדט אריין. עס האָט מיר אָבער אבסאָלוט אפילו ניט אמאָל געחלומ׳ט, אַז אין דעם דאָזיגען מאָדערנעם פּריציש׳ן הויף קען וואוינען א גוטער־איד פון חסידים. געמיינט האָב איך אַז דאָ וואוינט אודאי דער גראַף אָדער דער באַראָן צו וועמען דאָס גוט געהערט.

מיט אַן אימפּעט און גרויס הארץ־קלאַפּעניש, האָב איך מיך געלאָזט צוגעהן צום שעהנעם הויף מיט א געוויסען שטאָלץ, אַז דיזער פּרעכטיגער הויף, זיינע שעהנע בנינים און דער טייערער שפּאַציער־גאָרטען געהערט צו **אונזער** רבי׳ן, און אלס איינער פון דעם רבינ׳ס חסידים וועל איך אודאי האָבען דאָס רעכט מיך ארומצודרעהען אין דעם גרויסען חצר פון אָט דעם דאָזיגען פירסטליכען הויף פראַנק און פריי . . .

ס׳האָט זיך שוין באַלד אפשר אויסגעצאָהלט די נסיעה.

## קאַפּיטעל 21.

# דעם רבינ׳ס קלויז

**דאָס ערשטע בעגעגנים — א קלויז וואָס זעהט אויס וויא א פירסטליכער פּאַלאַץ — דאָס בית המקדש און דער כהן גדול — א מטבע וואָס איז ווערטה עטליכע טויזענד רובעל — דיא ברכה ווערט תיכף מקוים — א געפעהרליכער בוי־פּלאַן.**

אָט שטעה איך מיר אין דער מיטען פון דעם גרויסען פאָרהויף אינ׳ם רבינ׳ס הויף, בעטראַכטענדיג מיט אַן איבערראַשענדען ערשטוינען דיא וואונדערבארע בנינים, וועלכע זיינען געבויעט אין דער פאָרמע פון א געדרוקטען ח, און דיא גרויסע הויכע פענסטער פון וועלכע ס׳האָבען זיך ארויסגעזעהן שנעעווייסע געשטיקטע פאָרהאַנגען. מיינע מהשבות פערטיעפען זיך דאַן אין דעם גרויסען הימלישען כח פון דעם בעל־בית פון דעם דאָזיגען פּרעכטיגען הויף, אין דעם כח־המושך פון׳ם צדיק צו צוציהען צו זיך מענשען מארבע כנפות הארץ, וויא מיט א מאַגנעט. דאָס הארץ פּלאַטערט, עס ווילט זיך שוין זעהר זעהן אָט דעם דאָזיגען גרויסען איש־האלקים...

א קלאַפּ אין דער פּלייצע האָט מיך אויפגעוועקט פון מיינע פערמישטע

פאנטאזיען. איך האב מיך אומגעררעהט צו זעהן ווער אט דאס איז דער דאזיגער גוט־ברודערליכער קלאפּער.

און א קליינטשיק אבגערומעלט, טל־ומטר׳דיג חסיד׳ל, שטעקט מיר אין דער האנד אריין א ברייטען ״שלום־עליכם״, מיט א לוסטיג, לאכענ־דיג פּנים, זאגענדיג צו מיר: ״אנו, וואס קוקסטו אזוי, שוטה איי־



דעם רבינ׳ס קלויז אין סאדאגורע

נער? אודאי א פריטץ, דאס ערשטע מאלביים רבין, הא? וואס זשע שווייגסטו, גולם? פון וואנעט ביזטו? שוין געדאווענט? איך האב שוין געדאווענט. גיב אהער אויף תקון!״ אט דאס אלעס האט ער געזאגט בנשימה אחת, איידער איך האב נאך רעכט געהאט דיא געלעגענהייט איהם עפּעס צו ענטפערען אויף זיינע שאלות.

וויסענדיג נאך פון פריהער, אז יעדער חסיד וואס קומט צופאהרען צום רבי׳ן מוז געבען תקון, האב איך איהם דערלאנגט א זעקסערל, דערצעהלט איהם

פון וואנעט איך בין און אז איך בין זעהר משתוקק צו זעהן דעם רבי׳ן און פון איהם מקבל שלום צו זיין.

„נאך זייגער עלף געהט דער רבי־זאל־לעבען דאווגען אין קלויז אריין״ — האט מיר דאס אויסגעווייקטע חסיד׳ל געענטפערט (שפעטער האב איך מיך דער־וואוסט, אז זיין נאמען איז נח׳ל לינסקער, און אז ער איז א בעקאנטע פיגור צווישען דיא יושבים) — „דאן שטעלען זיך אלע ניי־אנגעקומענע אורחים אויס אין א שורה, פון ביידע זייטען, און זיינען מקבל שלום. דו האסט נאך געגוג צייט, דו קענסט דערווייל אריינגעהן אין דער נייער קלויז איבער דעם שטראס.״

אין דער ריכטונג, וואו ער האט מיר אנגעוויזען מיט דער האנד, האב איך געזעהן שטעהן אויף דער צווייטער זייט פונ׳ם קייזער־שטראס, וועלכער פיהרט פון סאדאגורע ביז נאוואסעליץ, בעסאראביען, א פרעכטיגע, וואונדערפולע געביידע, פון רויטע ציגעל, געבויעט אין א גאטישען סטיל. דיא געביידע איז געטען זעהר הויך און אונגעהויער ברייט. פון ביידע ווינקלען פון דער פראנט זייטען געווען צוויי הויכע קייל׳עכדיגע טהורמען מיט שעהנע פארביגע פענסטער־לעך און פראכטפולע פערפוצונגען. דיא זעלטענע שעהנהייט פון דער געביידע גופא, דיא מארמארנע טרעפ ביים איינגאנג און דיא שטאלענע שטאכעטען ארום איהר, האבען איהר גיכער געגעבען דאס אויסזעהן פון א פירסטליכען פא־לאץ וויא פון א חסידישע קלויז.

איך האב לכתחלה געמיינט אז דאס חסיד׳ל מאכט זיך מיט מיר א שפאס ווייל איך בין א פריטץ (גרינער), און האב ניט געוואגט אריבערצוגעהן דעם שטראס און אריינטרעטען אין דעם דאזיגען פאלאץ. איך האב זיך לחלוטין גאר ניט געקענט צוגעוועהנען צום געדאנקען, אז א רבי׳שע קלויז קען האבען אזא מין אויסזעהן, און אז כניאקעס זאלען דארט האבען א פרייען צוטריט וויא צו א רשות הרבים. זעהענדיג אבער באלד, וויא בטל׳נישדיגע חסידים געהען דאר־טען אריין און ארויס, האב איך מיר געמאכט מוטה און בין אויך אריינגעגאנגען אין דער נייער קלויז אריין.

אינעווייניג איז דיא קלויז נאך שעהנער געווען פון אויסענוועניג. דאס גרויס־קייט איז געווען אונגעהייער. עס האבען אין איהר געקענט אריין בעקוועם אז ערך פון דריי טויזענד מענשען. פונדעסטוועגען האט זיך ניט געפונען קיין איין־איינציגער זייל אפילו, וועלכער זאל אונטערשפארען דעם באלטען. דיא שעהנע מאלערייען פון דיא ווענט וויא אויך פונ׳ם באלטען און דיא הערליכע האלצשני־צערייען און פערפוצונגען, האבען פשוט פערנומען דיא אויגען. אין דער מיטען פונ׳ם באלטען האט געהאנגען עפעס א גרויסע איבערגעדעקטע מאסע. דאס איז געווען א וואונדערפולער ענגעל־לייכטער פון בראנז, וועלכער האט געקאסט אי־בער צוויי טויזענד גולדען. אלע איבריגע ענגעל־לייכטער זיינען געווען פון טייער בעשניטענע גלאז, דיא בענק זיינען געווען פאליטורט און האבען געגלאנצט פון ריינליכקייט.

שפעטער האב איך מיך דערוואוסט, אז נחום פאליאק, דער אויבער־שמש פון דער קלויז, לאזט ניט צו אז דיא חסידים זאלען דיא קלויז מאכען וואכעדיג. אפילו תיקון טרינקען מוזען דיא חסידים געהן אין פאליש (פארהויז) אריין. פון שלאפען דארטען קען אפילו קיין מדובר ניט זיין; זיא האט אין א געוויסער מאס דיא קדושה פון א שוהל.

דערצעהלט האט מען מיר דארט באלד, אז אין דער זייט פון מערבית־דרומית פון דער קלויז (זיד־וועסט־זייט), געפינט זיך דאס חדר־מיוחד וואו דער רבי, זאל מאריך ימים זיין, דאוועגט דארט גאנץ אליין, אז דארט אין דעם דאזיגען חדר, געפינען זיך וועלטס־אנטיקען וואס עין לא ראתה און אז דיא ווענט זיינען פערציערט מיט גאלד, טאקע מיט זהב טהור, נאר דעריבער אן אנדערט־מאל.

האב איך דעמאלט אנגעהויבען צו קומען צו דער איבערצייגונג אז ס'איז אמת וואס ר' נפתלי רבי פון דזיקאוו האט מיר געזאגט, אז דעם רבינ׳ס קלויז איז אין דערזעלבער בחינה וויא דאס בית־המקדש, און דער צדיק וואס טהוט דארט דיא הימלישע עבודה ביים דאווגען, איז דער כהן־גדול.

האב איך מיר געטראכט: ווען דאס בית־המקדש איז אזוי נאבעל און פרעכטיג, מוז אודאי דער כהן־גדול, דער צדיק, אויסזעהן וויא א מלאך אלקים. איך האב שוין דעריבער ממש געצעהלט דיא מינוטען זיך צו דערווארטען צו זעהן דעם רבי'ן געהן צום דאווגען.

מכח דעם בנין פון דער דאזיגער קלויז דערצעהלען זיך דיא חסידים נפלאות:

בעת ר' ישראל'טשי ריזינער האט נאך געוואהנט אין זיין וואונדערבארען הויף אין ריזין, פלעגען דיא גבאים צו איהם צולאזען בלויז דיא יחידי־סגולה, בעקאנטע חסידים און גבירים. דיא אונבעקאנטע און דיא ארימע חסידים, האבען זיך געמוזט בעגנוגען בלויז מיט זעהן דעם רבינ׳ס צורה פרייטאג פארנאכט, ביים קבלת־שלום. דיא בקשה־קוויטלעך האט ביי זיי דער גבאי צוגענומען און זיי דאן פארגעלעגט פאר'ן רבי'ן.

איז אמאל געקומען קיין ריזין צופאהרען, אדער צוגעהן, א דארפס־מלמד, וועלכער האט פערשוועגדעט זיין גאנצען שכר־למוד אויף הוצאות־הדרך צו קע־נען מקבל־פנים זיין און זעהן דעם הייליגען צדיק'ס צורה. זייענדיג ארים און אונבעקאנט, האט איהם דער גבאי ניט געוואלט צולאזען צום רבי'ן, נאר איהם געהייסעןווארטען ביז פרייטאג צום אלגעמיינעם קבלת־שלום.

דאס ארימע מלמד'ל, וועלכער האט זעהר געגארט צו זעהן דעם צדיק'ס צורה און ניט געהאט קיין געדולד צו ווארטען פון מאנטאג, דעם טאג וואס ער איז אנגעקומען קיין ריזין, ביז פרייטאג פארנאכט, דיא צייט פון קבלת־שלום, האט זיך מיישב געווען און אנידערגעזעצט אויף דיא טרעפ וואס פיהרען פונ׳ם הויף צו רבינ׳ס חדרים. אזוי איז ער דארט געזעסען טאג און נאכט אהן עסען און אהן טרינקען. ערקלערענדיג, אז ער איז מוכן ומזומן צו שטארבען פאר הונ־גער און דורשט אויף דיא טרעפ פונ׳ם רבינ׳ס הויז, וויבאלד מען וועט איהם ניט צולאזען צום צדיק. ער האט בשום אופן ניט געוואלט טועם זיין דאס מינ־דעסטע. טאמער האט מען איהם פון דארט אוועקגעטריבען, איז ער תיכף ומיד ווידער צוריקגעקומען.

דיא גבאים האבען דאס געמעלדעט צום רבי'ן און דער צדיק האט בעפוי־לען מען זאל איהם תיכף צולאזען.

א גאנצען זמן האב איך געקנעלט אין א דארף — האט דער יונגערמאן דערצעהלט דעם ריזינער נאכ'ן געוועהנליכען קבלת־שלום — כדי איך זאל פער־דיענען אויף הוצאות צום הייליגען צדיק. פון מיין גאנצען פערדיענסט איז מיר ניט מעהר פערבליבען וויא איין־איינציגער זילבער־רובעל. נעהמט, הייליגער רבי,

פון מיר דיזוען ארימען פדיון און פערשעהמט מיך ניט. השם־יתברך האט אויך אנגענומען אין בית־המקדש דעם ארימאנ׳ס קרבן־מנחה אוים אביסעלע מעהל, פונקט וויא דעם עשיר׳ס קרבן־בהמה.

דער רבי האט דעם זילבער־רובעל צוגענומען, איהם געהאלטען אביסעל אין דער האנד און געמורמעלט עפעס א שטילע תפלה, דאן האט ער דעם רובעל צו־ריקגעגעבען צום יונגענמאן זאגענדיג צו איהם:

"דא האסטו א "מטבע" וועלכע וועט דיר ברענגען ברכה און הצלחה!"

צו אזא קלארע הבטחה פונ׳ם ריזינער, האט נאך קיין שום חסיד ניט זוכה געווען, עס איז דאריבער גאר ניט קיין חידוש, וואס דיא גבירים, וועלכע הא־בען זיך דעמאלט גראד געפונען אין ריזין און זיך דערוואוסט פון דיא דאזיגע דבורים פונ׳ם צדיק, האבען אלעס אנגעווענדעט צו קענען ארויסבעקומען דיא "ברכה והצלחה׳דיגע מטבע" פון דעם ארימען חסיד׳ס הענט. מען האט געמאכט א ליציטאציע ווער ס׳וועט פאר איהר געבען מעהר. א גביר פון דער ראדאמיש־לער ארנשטיין־פאמיליע האט ענדליך זיא אבגעקויפט פאר עטליכע טויזענד רובעל.

דיא "מטבע" האט אלזא געברענגט דעם ארימען חסיד, טאקע "אומר ועושה", ברכה און הצלחה.

ער איז דאן אריינגעגאנגען צום רבי׳ן, איהם געגעבען א גרויסען פדיון, דערצעהלענדיג איהם פון זיין ישועה.

דיין פדיון וועט פערנוצט ווערען פאר א דבר שבקדושה — האט צו איהם דער רבי געזאגט. — ער איז דיא ערשטע נדבה פאר א בנין פון א שעהנער קלויז.

דער ריזינער האט אבער דיא קלויז ניט געבויעט, כאטש דער פלאן איה־רער איז שוין געווען פערטיג.

לויט אלטע חסידים דערצעהלען זיך, איז דאס געווען די סבה וואס דער ריזינער האט געצעגערט און ניט אנגעהויבען צו בויען דיא קלויז.

בעת דער בעריהמטער צדיק ר׳ משה פון סעווראן איז געווען ביים ריזי־נער, און דער צדיק האט איהם אריינגעפיהרט אין שטאל אריין און דארט איהם געוויזען "מעשה־מרכבה", וויא ס׳איז שוין פריהער דערצעהלט געווארען, איז ער, דער סעווראנער, געווארען א גרויסער אנהענגער פונ׳ם ריזינער און א גרוי־סער חשוב ביי איהם.

פאר׳ן אוועקפאהרען, האט צו איהם דער ריזינער געזאגט:

"סעווראנער רבי, איך וויל אייך איצט ווייזען עפעס אן אנטיקעל."

ער האט איהם דאן געוויזען דעם פלאן פון דער נייער קלויז.

איז דער סעווראנער געווארען בלאס וויא דיא וואנט און אויסגערופען:

"האט רחמנות, רבי, און בויעט ניט דיא דאזיגע קלויז!"

דער ריזינער האט איהם צוליעב געטהאן.

פאר דער פטירה, האט דער סעווראנער אליין ערקלערט דעם טעם פון יע־נער זעלטענער בקשה:

ער האט דערזעהן אין פלאן, אז דער ריזינער האט דאביי מכוין געווען די־זעלבע כונות וואס משה רבנו האט מכוין געווען ביים בויען דאס משכן. ער האט דאריבער מורא געהאט, אז ס׳זאל ניט זיין, חלילה, ביים חנוכת־הבית פון דער

קלויז, דערזועלבער קדוש־השם וואס ס׳איז געווען ביים משכן, וואס אהרן הכהן׳ס צוויי עלטעסטע זיהן זיינען פלוצים געשטארבען.

ערשט נאך פיעל יאהרען, האט דעם ריזינער׳ס ממלא מקומו אין סאדא־גורע, אויסגעפיהרט דעם פאטער׳ס רצון אויפצובויען א קלויז מיט דער שעהנ־קייט פון א בית־המקדש. דער צדיק ר׳ אברהם יעקב ז״ל האט געהאפט, אז מיט׳ן פאטער׳ס כח וויא אויך מיט זיין אייגענעם כח, וועט ער מגין זיין אויף זיינע קינדער זיי זאלען ניט פאלען אלס קרבנות.

דער זכות פון דיא צוויי גרויסע צדיקים האט אבער נאר געקענט מגין זיין אויף א געוויסער צייט. אין א משך פון צוויי יאהר, תרמ״ב און תרמ״ג, זיינען זיינע צוויי טייערסטע קינדער, זיין בכור ר׳ שלמה׳ניו און זיין איידעם ר׳ נחום בער׳ניו נסתלק געווארען. באלד נאך עטליכע חדשים איז אויך דער אלטער צדיק אליין נפטר געווארען, אזוי וויא עס וועט דא דערצעהלט ווערען אויספיהרליך אין דיא שפעטערע קאפיטלען.

## קאפיטעל 22

# דער רבי געהט

**דיא חסידישע ״ווארע״ — דער רבי איז א ״פושט צורה ולובש צורה״ — מקיים דיא מצוה פון ״תרומת הדשן״ — מען מוז האבען א הרהור תשובה — פערגעסען זיך טובל צו זיין — דעם צדיק׳ס אויסזעהן — דיא הערליכקייטען פון׳ם דאווען-שטיבעל — דאס בית-המקדש׳ל.**

פון דעם קליינעם טהירעל פון׳ם רבינ׳ס הויף, אויף מזרח זייט פון דער אלטער קלויז, איבער׳ן שטראס ביז צום איינגאנג פון דער נייער קלויז, האט זיך נעבילדעט א ״ווארע״. דאס הייסט, צוויי שורות מענשען האבען זיך אויס־געשטעלט פון ביידע זייטען, פנים צו פנים, איבערלאזענדיג אין דער מיטען נענוג פלאץ, אז דער רבי זאל קענען בעקוועהם דורכגעהן.

די דאזיגע ביידע שורות, זיינען געווען פון צוויי דיקע לעבענדיגע ווענט, געבויעט פון הונדערטער פארשוינען, וועלכע האבען אויסגעזעהן, צוליעב דעם ענגשאפט און געדרענג, ווי א בעוועגליכע מויער. גליקליך זיינען געווען די יעניגע וואס האבען זוכה געווען צו שטעהען אין דער פראנט נאהענט וואו דער רבי דארף פאריבער געהן. אבער אויך די הינטערשטע צווייטע שורה איז ניט נעווען וואס צובעדויערען, מחמת זיי האבען געקענט גאנץ גוט דורכקוקען צווי־שען די אקסלען פון די שטעהענדיגע אין דער ערשטער שורה און זעהן די גאנצע צורה פון׳ם צדיק פנים אל פנים. די דריטע און די שפעטערע שורות הינטער־איהר, האבען שוין געמוזט זיך שטעלען אויף די שפיץ־פינגער און זיך אויס־שטרעקען מיט כל הכחות, כדי צו כאפען כאטש א בליק פאר א רגע אויפ׳ן צדיק׳ס צורה. אדער באריי בלויז אויפן קאפעלוש זיינעם.

מיין תיקון וואס כ׳האב גענעבען פריהער צו נח׳ל לינסקער, איז מיר איצט

**בייגעשטאנען איך זאל האבען די זכיה צו שטעהען נעבען איהם אין דער ער־שטער שורה.**

מעהר ווי א שעה זיינען אלע חסידים, וגם אני הקטן צווישען זיי, געשטא־נען געדולדיג אין די שורות כדי צו זעהן דעם הייליגען צדיק געהן דאווענען. פיעל פון אט די דאזיגע נייגעריגע, זיינען געווען וואס נאר ערשט אנגעקומענע חסידים אויף די ימים נוראים, וועלכע האבען געגארט צו זעה, דעם צדיק, נאך אן אבוועזענהייט פון 6 חדשים אדער אפשר גאר פון א גאנץ יאהר, און פון איהם מקבל שלום זיין. אבער א גרויסער רוב פון די שטעהענדיגע חסידים זיינען גע־ווען אלטע "יושבים", וואס ווערען ניט מיד טאג־טעגליך צו שטעהן גאנצע שטונ־דען אוןווארטען צו זעהן די צורה פון׳ם רבי׳ן.

די חסידים בעלי־מוח בעהויפטען, אז וויפיעל מאל זיי זאלען ניט זעהן דעם רבי׳ן דערזעהען זיי תמיד אין זיין הייליגע צורה עפעס א נייע פארם. מחמת דער צדיק איז א "פושט צורה ולובש צורה", יעדעס מאל האט ער אן אנדער פנים און אן אנדערעס אויסזעהן, דאריבער זיינען זיי משתוקק צו זעהן דעם צדיק און צו קוקען אין זיין ליכטיג פנים וויפיעל מאל ס׳לאזט זיך; ס׳איז פאר זיי גאר ניט פארהאנען קיין גענוג.

בעת מיר זיינען אזוי געשטאנען אויסגעשטעלט אין צוויי "ווארעס", איינע נעגען די אנדערע, האב איך פלוצים דערזעהן א מארנע זאך: אן אלטער איד, אן אויסגעווייקטער כניאק, איז כסדר געגאנגען, אדער ריכטיגער געזאגט, געקרא־כען אויף אלע פיער, צווישען די צוויי ווארעס און מיט א פאטשיילע אין דער האנד, האט ער אבגעווישט דעם שטויב פון די שטיינער אויף וועלכע דער רבי דארף טרעטען מיט זיינע הייליגע פיס, פון זיינע חדרים ביז אין דער קלויז אריין.

אויף מיין פראגע, האט מיר מיין שכן ערקלערט, אז דער דאזיגער חסיד הייסט הירשל בראדער, און שוין זייט 30 יאהר איז דאס זיין מצוה ווען ער קומט צום רבי׳ן — און געווען איז ער דארט כמעט דאס גאנצע יאהר אלס א "יושב" — אבצו־ווישען דעם שטויב פון די שטיינער, אויף וועלכע דער רבי דארף טרע־טען, טאג טעגליך איידער דער רבי געהט דאווענען אין קלויז אריין. ניט איין חסיד האט איהם מורא׳דיג מקנא געווען איבער דער דאזיגער גרויסער זכיה. ס׳איז אבער געווען זיין חזקה און קיין אנדערער האט ניט געוואגט איהם מסיג גבול צו זיין, אפילו דאמאלס ווען ער איז גראד ניט געווען ביים רבי׳ן אין סאדאגורע.

און געטהאן האט ער דיעזע עבודה, מיט אזא תמימות און מיט אזא פנים פון פרומקייט, פונקט ווי א כהן וואלט געטהאן די עבודה אין בית המקדש אויף׳ן מזבח ביים "תרומת־הדשן".

שטעה איך מיר אין דער ערשטער שורה אנהאלטענדיג מיך אין נח׳לען מען זאל מיך פון דארט ניט אוועקשטופען חלילה, און קוק מיט א קלאפענדיג הארץ צום פריהער ערוועהנטען קליינטשיקען טהירעלע, וועלכעס איז עקסטרא געמאכט געווארען פאר א דורכגאנג פאר׳ן צדיק, און קיין אנדערער מענש בענוצט זיך ניט דערמיט און צו וועלכען ס׳זיינען איצט געריכטעט הונדערטער פארען אויגען.

"נעהם דיך צוזאמען, יונגערמאן" — האט מיר נח׳ל איינגערוימט אין אויער, לערנענדיג מיך א פרק אין הלכות חסידות. אויף חסידיש לשון הייסט **עס:** "האב א הרהור תשובה!"

**איך האב מיך צוזאמען גענומען און מיך פערטראכט אינ׳ם יום המיתה.**

"ביזטו שוין געווען אין מקוה ? — האט ער מיך ווייטער א פרעג געטהאן;
— אהן מקוה טאר מען דאך ניט אנריהרען דעם צדיק'ס הייליגע ידים. ווייסטו
דען דאס ניט ? דו ביזט דאך ניט קיין דארפס־ארענדאר !"

ווען א פלוצליכער דונער פון'ם הימעל וואלט מיך געווען געטראפען וואלט
איך ניט געווען אזוי איפגעציטערט געווארען ווי פון די דאזיגע עטליכע דבורים.
ס'האט מיך א שוידער געגעבען ביז אין דער טיפעניש פון מיין יונגע נשמה. איך
בין טאקע ביי מיר אליין אין מיינע אויגען שטארק אראפגעפאלען. סטייטש,
וואס איז מיט מיר עפּיס אזוינס געשעהן ? ווי אזוי האט דאס געקענט מעגליך
זיין אז איך זאל אין אזא בעוואוסטען ענין, דער א' ב' פון'ם חסידות, גאנץ
פערגעסען ? און טאקע אין אמת'ן ווי אזוי וואגט מען עפּיס ארייננצושטעקען א
מגושם'דיגע, ניט גע'טובל'טע האנד אינ'ם רבינ'ס הייליגע ידים ? ס'איז דאך
א חרפּה אפילו א פּנים פאר איהם ארויסצואווייזען אין אזא וואכעדיגען מצב !

איך האב שוין בדעה געהאט מיך ארויסצודרעהען פון דער "ווארע" און
ווארטען אויף מארגען. באותו רגע, האב איך מיך טאקע דערמאנט, אז כאטש
איך בין געווען פון מיין קינדהייט אן א יוצא ונכנס, גאר א היימישער, ביי מיין
פריהערדיגען רבי'ן דעם ראזוואדאווער צדיק, האב איך דאך, זייט איך בין צו
מיין שכל געקומען, קיין איינציגעס מאל מיך ניט געוויזען פאר זיינע אויגען אין
א טאג, וואס איך בין, על פּי סבה, ניט געווען אין מקוה. מכל־שכן נאך דא,
ביים צדיק הדור, וועלכער פארשט אוים, מיט איין קוק מיט'ן אויג, וואס ס'טוט
זיך אין די טיפענ'ישען פון די חדרי־הדרים פון דער נשמה, מוז מען זיך דאך
אודאי און אודאי פריהער מקדש ומטהר זיין איידער מען האט מען מיט איהם די
קלענסטע נגיעה !

נח'ל מיט זיינע קליינע שארפע אויגעלעך, האט פערשטאנען מיין גרויסע
פערלעגענהייט און, הפּנים, באמערקט אז איך וויל מיך ארויסדרעהען. / ' האט
מיר געראטען איך זאל בלייבען שטעהן כדי צו זעהן דעם רבי'ן. מקבל שלום זיין
אבער זאל איך ערשט מארגען נאך מקוה.

פלוצים האט זיך דערהערט א פיעלפאכיגער "שא !" א סימן אז דער רבי
נעהט. מיט א פערצוינגענעם אטהעם האבען אלע אויגען געקוקט צו איין נקודה...

דאס בעקאנטע טהירעל האט זיך געעפענט. פאראויס איז ארויסגעקומען
פנחס גבאי, א הויכער ברייט־פּלייציגער איד. געגאנגען איז ער ריקווערטס,
מיט'ן פּנים געריכטעט צו זיין נאכפאלגער, ביידע הענט זיינע זיינען געווען אויס־
געשטרעקט צו ביידע זייטען פון דער "ווארע", כדי צו בעשיצען פון א געדרענג
זיין גרויסען נאכגעהער, דאס איז געווען דער אלטער צדיק ר' אברהם יעקב ז"ל.

אויב זיין צורה איז גלייך געווען צום אויסזעהן פון א מלאך, ווי ר' נפתלי
רבי פון דזיקאוו האט מיר געהאט פארגעשטעלט, קען איך לחלוטין ניט וויסען,
מחמת איך האב נאך קיינמאל אין מיין לעבען ניט געזעהן א מלאך פאר די אוי־
גען. מודה זיין מוז מען אבער, אז זיין צורה איז ניט געווען ווי פון א געוועהנלי־
כען בשר־ודם, עפּיס האט פון איהר ארויסגעשיינט העכערעס, איבערמענשליכעס
און ווען איהר ווילט, רופט עס "געטליכעס". א מורא'דיגער ציטער האט דורכ־
געדרונגען אלע מיינע איברים און געגרייכט ביז אין דער טיעפסטער טיפעניש
פון מיין נשמה.

"פאראוואס ?" כ'לעבען, איך ווייס אליין ניט פאראוואס. אפשר צוליעב דער

השפעה פון דער פחדים׳דיגער סביבה, און אפשר גאר איז דאס טאקע א פועל יוצא פון׳ם צדיק׳ס כח.

א צערבראכענע בריאה, וועמעס האלטונג איז גלייך און אויסגעשטרעקט. א בלייך, מארמאר בלאס פנים, עדעל געשניטען, אהן א טפה דם, אבער בעדעקט מיט א זעלטען קדושה׳דיגען חן. טונקעל־גרויע אויגען, האלב פערדעקט מיט די אויבערשטע ברעמען, וועלכע האבען, אנקוקענדיג א מענשען, איהם דורכגע־באהרט ביז אין די טיפעניש פון זיין הארץ, קוקען איצט ווי גלאט אין דער וועלט אריין, קיהל און אהן וועלכען בעשטימטען אויסדרוק. א לאנגע זילבערוויים, דאַ־פעל־שפיציגע בארד פון וועלכע מען קען כמעט צעהלען יעדער האאר, און ווייסע, קורצע איינגעקרייזעלטע פאות וועמעס עקען זיינען אריינגעדרעהט אין אויער אריין, קיינע שפורען פון שמייכעל קען מען בעמערקען אויף די שמאלע בלוטלאזע ליפען. דאס גאנצע וועזען זיינס האט אויסגעזעהן ווי אן אויטאמאטישע פיגור. אויטאמאטיש האט ער אויסגעשטרעקט האלבוועגס די האנד, בעריהרענדיג קוים מיט די שפיץ פינגער די פיעל הענט וואס האבען זיך צו איהם אויסגעשטרעקט כדי פון איהם מקבל־שלום צו זיין, ניט בעמערקענדיג צו עמיצען פון׳ם גאנצען עולם אפילו א דבור קל.

ער איז געווען גאנץ פער׳מוח׳ט, ווי אויסגעטהאן פון אלע ענינים פון דיע־זער וועלט.

דער כהן־גדול געהט איצט טהאן די עבודה.

די קליידונג זיינע איז געווען געשמאקפול, ווי איך האב שוין פריהער בע־שריבען דעם הילוך פון אלע ריזינער קינדער, אמת׳דיג אידיש־אריסטאקראטיש.

די פנים׳ער פון אלע חסידים האבען אויפגעלייכט דערזעהענדיג דעם רבי׳ן. נאכדעם ווי דער רבי איז זיך אריינגעגאנגען אין זיין יחוד־חדר, וועלכעס איז פאר איהם בעשטימט געווען אין דער נייער קלויז, איז דער גאנצער עולם אריין אין דער קלויז צו דאווענען מיט׳ן רבינ׳ס מנין אהן שום הכנות.

דער סאדאגורער רבי איז געווען דאגעגען אז זיינע חסידים זאלען האבען צופיעל הכנות צום דאווענען. דער סדר פון די גרויסע חסידים פון אלע רביים, בעזאנדערס פון די חבד׳ניקעס, איז געווען, צו כאפען מוחות פאר׳ן דאווענען גאנצע שעות׳ן. די גליצישע חסידים, פלעגען דאס טהון דורך פיעל רויכערן. די רוסישע, דורך ארומלויפען אין קלויז אהין און צוריק פער׳מוח׳ט, מיט׳ן קאשקעט פערשארצט ארויף, און געצויגען מוחות. דער סאדאגורער רבי האט דאס ביי זיינע חסידים מבטל געווען. "קריכט ניט צו הויך — פלעגט ער צו זיי זאגען — וועט איהר קיינמאל ניט שרעקליך אראבפאלען."

די הכנה צום דאווענען ביי די סאדאגורער חסידים, בעשטעהט דעריבער אויסשליסליך אין דעם מקבל פנים זיין דעם רבינ׳ס צורה, א זאך, וועלכע איז אין זיי משפיע א הימליש התעוררות צו עבודת הבורא מיט הארץ און התלהבות.

"מקבל שלום" געווען האב איך ערשט דעם צווייטען טאג נאך מקוה.

ביי דער דאזיגער געלעגענהייט וועט, מיין איך, אינטערעסאנט זיין פאר פיעלע זיך צו דערוויסען וואס פאר אן אויסזעהן ס׳האט דעם רבינ׳ס דאווען־חדר׳ל :

**איז דער רעכטער זייט פון דער פרעכטיגער קלויז, מצד מערב, געפינט זיך**

דעם רבינ׳ס ראוועז־חדר, וועלכעס איז בעריהמט אויף דער וועלט מיט זיין הער־ליכע אויסשטאטונג.

ביז אין די העלפט זיינען די פיער וועגט פון׳ם חדר באדעקט מיט טאוולען פון מאסיווען נוס־האלץ, אין וועלכע ס׳זיינען אויסגעשניצט וואונדערשענע קרענצען און פערשידענערליי בלעטער פון אלערליי מינים. דאס גאנצע האלץ־מאטעריאל פון׳ם חדר, ווי אויך די פערקליידונג פון די טירען און די פענסטער, איז אויסשליסליך פון נוס־בוים־מאטעריאל.

די וועגט זיינען באדעקט מיט אמת גאלדענע טאפעטען, וועלכע האבען גע־קאסט א הון־רב. פון דעם הערליכען באלקען הענגט אראב א קריסטאל־לייכטער. די פארקעט דילען זיינען באדעקט מיט א שווערען גרויסען עכט־פערזישען טע־פיך, אויף וועלכען ס׳שטעהען וויים־לאקירטע שטוהלען, מיט א וואונדערפולע בלומען פערצירונג, אויסגעבעט מיט רויטען סאמעט, ארום אן עלעגאנטען בראנז־טיש מיט א מארמאר־פלאטע.

אין מזרח־זייט איז איינגעפאסט אין דער וואנד אן ארון־קודש׳ל, געשניצט פון עצי־זית (אליוו האלץ) פון ארץ־ישראל, בעדעקט מיט טהייערע שטיינער אין גאלדענער איינפאסונג, וואס פערבלענדט ממש די אויגען פון גלאנץ און שעהנקייט.

נעבען ארון־קודש שטעהט א קליינער געשניצטער "עמוד", אויך "עץ־זית", אויף וועלכען ס׳ליעגט אן אנטיטשנער "סדור", א כתב־יד, א ירושה פון דורי־דורות, געשריבען אויף פארמעט און איינגעבונדען אין געשניצטע דעקלעך פון אליוו־האלץ.

רעכטס פון דעם עמוד, אין ווינקעל, שטעהט דאס בעריהמטע בית־המקדש׳ל, א קונסטפאלע ארבייט, וועלכעס דער רבי האט בעקומען א מתנה פון זיינע ארץ־ישראל חסידים.

דאס גאנצע בית־המקדש׳ל איז געשניצט געווארען פון הויל עצי־זית פון ארץ־ישראל און שטעלט פאר, אין א קליינע פארמאט, דאס בית־המקדש וועלכעס שלמה המלך האט אויסגעבויט, מיט אלע זיינע איינריכטונגען און כלי־שרת. אן אנטיטשנע שטיקעל ארבייט, וועלכעס איז בעוואונדערט געווארען פון פיעלע וועלט־קינסטלער. ווען סיר לאורענס אליפענט האט בעזוכט דעם סאדאגורער רבי׳ן, צוליעב א ציוניסטישען פלאן, פון וועלכען איך וועל דערצעהלען אין א שפעטערעס קאפיטעל, האט ער זיך געאייסערט, אז דאס בית־המקדש׳ל איז די וואונדערפולסטע זאך וואס ער האט געזעהן אין זיין לעבען.

## קאפיטעל 23

# א חסידישער שלש־סעודות

דאָס התעודרות ביים זמר ״בני היכלא״ — פיהלען זיך העכער פון מלאכים — דער ספור־המעשה ביים שלש־סעודות. — ווער ס׳געניעסט דעם העכערען עוֹלם־הזה. — מען קען גאָר ניט וויסען ווער ס׳איז א בן עולם־הבא. — גאָט האָט ניט ליעב קיין ״וצדקתך.״

אין דער אלטער קלויז וועלכע איז א חלק פון דעם בנין אין וועלכען ס׳געפינען זיך דעם רבינ׳ס דירות, זיצט דיא חברה יושבים און פראוועט שלש־סעודות. ביי דער דאָזיגער רעוא־דרעוין סעודה, האָבען די חסידים ניט קיין זכיה צו זיין ביים רבינ׳ס טיש אָדער אפילו ביים רבינ׳ס קינדער. דיא נגידישע און בעל־בתישע אורחים זיינען מקיים דיא מצוה פון דער דריטער סעודה יעדער ביי זיך אויף דער סטאנציע. דיא יושבים, אָבער, דיא פשוט׳ע חניאקים, זיי ווילען ניט וויסען פון סטאנציעס. זיי קענען נאָר דעמאָלט פיהלען דאָס אמת׳ע התעוררות ווען זיי זיינען אין רבינ׳ס הויף מיט׳ן הייליגען צדיק האָטש אונטער איין דאך.

שוין האָט איעדער אויפגעגעסען זיין כזית און דאָס פיטצעלע פיש וואָס דער ראש החברה ליבוש׳ל איסטריקער האָט איהם דערלאנגט מיט דיא שפּיץ פינגער דירעקט אין האנד אריין; שוין האָט איעדער אויסגעטרונקען דאָס קאפּעלע בראנפען וואָס ס׳איז געפאלען אויף זיין חלק, און די גאנצע טיש חברה האָט מיט א מאָל פון זיך אראָפּגעוואָרפען די גאנצע גשמיות און געוואָרען הויל רוחניות. דער גאנצער עולם צושאָקעלט זיך, אלס אן הכנה צום זמר פון ״בני היכלא״ און דאָס התעוררות פון רעוא דרעוין הויבט זיך אָן צוביסלעך, און לאנג־זאם צופלאקערט עס זיך צו א מדרגה פון אש־קודש.

אין קלויז אין פינסטער, מען זעהט ניט איינער זיין שכן אפילו. אלעס איז פערפרומט, פער׳דבק׳עט, בעת ר׳ ליבוש׳ל הויבט אָן צו זינגען ״בני היכלא״, מיט יהושע׳קע סאקווערערס אן התעוררות׳דיגען ניגון, א ניגון, וועלכער איז א מישונג פון טרויעריגקייט מיט שמחה צוזאמען, א בחינה, וועלכע הייסט ביי חסידים ״עצבות דקדושה״.

דער גאנצער טיש־עולם זינגט מיט; די סמוטנע, וויינענדיגע, זיך רחמים בעטענדע קולות שווימען ארום ווי צאפּעלדיגע נשמות אינ׳ם חלל פון דער קלויז, דרינגען אריין טיעף, טיעף אין דער נשמה, הייצען אונטער דיא הערצער און רייסען מיט זיך ארויס התלהבות׳דיגע זיפצען געמישט מיט טענער פון גסיסה קרעכצען; אוי הייליגער פאָטער בעל הרחמים ! ״דכסיפין למחזיה זיו דזעיר אנפין״ (עס פערגלוסט זיי, דיא מלאכים, צו זעהען דאָס פנים פון דער

שכינה), בעת פון דער צווייטער זייט רופט אויס א קול מיט א טאָן פון שטאָלץ ״יהון הכא בהאי תכא״ (לאָזען זיי קומען דאָ אהער צו דעם טיש), קוויקענדיג זיך מיט דעם בעוואוסטזיין, אז ביים רבינ׳ס טיש איז מען זוכה צו זעהען און משיג צו זיין אזוינס וואָס מלאכים און שרפים קענען ניט זוכה זיין דאצו.

און אין דער גאנצער סביבה פיהלט זיך עפּיס א מין מאָדנע פּערגעניגענדיג בענקעניש נאָך גרויסעס, הויכעס, הייליגעס, זיך מדבק צו זיין בלב ונפש, מיט׳ן תוך תוכה פון דער נשמה אין דעם צדיק, דורך וועמעס פּערמיטלונג און כח זיי וועלען זוכה זיין ״למחזיה זיו דזעיר אנפּין״.

אָט האָט זיך דער זמר געענדיגט. אין דער קלויז ווערט שטיל ממש מאַה; צו זייען. ר׳ ליבוש׳ל דארף איצט אָנהויבען צו דערצעהלען דיא שלש־סעודות מעשה. ביי סאדאגורער חסידים טאָר מען ניט פּראווען קיין שלש־סעודות אהן א דבור אָדער א מעשה פון בעל־שם.

און נאָך א לאנג אויסגעצויגענעם טיעפען אייגענטימליכען סאדאגורער קרעכץ, הויבט ר׳ ליבוש׳ל אָן דיא דבורים:

א מחיה, וואָס פאר א תענוג עס איז צו זיין א איד! זיי, די בעל־תאוה׳ניקעס מיינען אז זיי ווייסען פון עולם הזה׳דיגע תענוגים. א טפּשות, הבל הבלים. מ׳שטיינס געזאָגט וואָס מען קען שוין אין גאנצען פיהלען א טעם אין א תענוג וואָס אָט געהט איבער די רגע, ואיננו, אויס תענוג. א מכה פיהלען זיי אונזערס אן עונג שבת. זאָלען זיי קומען אהער און זעהן ביי אונזער צדיק׳ס א טיש וואָס הייסט א תענוג רוחני. וואָס מעהר מען איז טועם דעם תענוג אלץ מעהר פּער־גרעסערט זיך דיא תשוקה און דער חשק צו מעהר הנאה און מעהר תענוג. מחמת דאָס פּערגעניגען קומט פון דער קדושה, א חלק פון אין סוף. דעריבער איז דאָס השתוקקות צום תענוג און די הימלישע הנאה גופא אויך א בחינה פון ״אין סוף״.

ניט נאָר ווייסען ניט דיא בעלי עברה׳ניקעס, דיא שוטים, וויא גוט עס איז צו זיין א איד. נאָר זיי ווייסען אויך ניט וויא גרינג עס איז צו זיין א איד. וואָ־רים וואָס וויל דען השם יתברך פון׳ם מענשען? נאָר אן ערנסטע מחשבה, א גוטען רצון, אהן דריידלעך און אהן אויפטהועכצער, און אלעס מיט שמחה.

פונ׳ם הייליגען בעל־שם דערצעהלט מען, אז ווען ער האָט נאָך געהאלטען ביי דער עבודה אויסצוגעפינען דעם אמת׳ן דרך וויא צו דיענען גאָט ברוך הוא, פלעגט ער כסדר זיין פול מיט עצבות (טרויעריגקייט): טאָמער האָט ער ניט מקיים געווען מצות סוכה כהלכתה, טאָמער האָט ער זיך חלילה פערזינדיגט ניט אָבהיטענדיג דעם שבת וויא ס׳קעהר צו זיין. א קליינינגקייט פון חומרות וואָס מיר האָבען? און ווער קען זיי אלע אָבהיטען כדת וכדין אהן א פּגימה?

האָט ער אמאָל געבעטען זיין רבי׳ן, דעם נביא אחיה פון שילה, ער זאָל איהם ווייזען דעם אָרט אין גן־עדן פון דיא מענשען וואָס זיינען געווען אם בעס־טען זהיר אין שמירת שבת.

האָט איהם דער נביא געפיהרט פון היכל צו היכל ביז אזוינע הויכע מקומות וואָס מלאכים און שרפים האָבען דאָרטען ניט קיין צוטריט. און געזעהן האָט ער דאָרט וואָס קיין שום אויג האָט ניט זוכה געווען צו זעהן.

אויבען־אָן, האָט ער געזעהן שטעהן צוויי שטוהלען אויס גינגאָלד איינגע־פאסט מיט לייכטענדיגע חשמל־בריליאנטען.

פאר ווען זיינען דיא דאָזיגע צוויי שטוהלען? האָט דער בעל־שם גע־פרעגט דעם רבי׳ן אחיה השילוני.

פאר דיר, וויבאלד דוא וועסט האָבען שכל, און פאר איינעם וועמען דוא דארפסט אויסגעפינען — האָט איהם דער רבי געענטפערט.

און כדי עפּיס אויסצוגעפינען, האָט דער בעל־שם געהאט א זעהר לייכט מיטעל. ער האָט געמאכט א נסיעה דורכ׳ן שם פון "קפיצות־הדרך", און דאן זיינען שוין דיא פערד אליין געפאָהרען דאָרטען אהין וואו ער האָט בעדאַרפט.

דעם זעלבען שבת־צו־נאכט נאָך הבדלה, האָט דער בעל־שם א בעפעהל גע־געבען זיין בעל־עגלה אלעקסי איינצושפאַנען און צו פאָהרען.

ארויספאָהרענדיג פון מעזיבוש, האָט אלעקסי אוועקגעקעהרט דאָס פּנים פון דיא פערד, געלאָזט דיא פערד אליין פאָהרען אויף גאָט׳ס בעראָטה. דיא פערד זיינען געפלויגען איבער טייכען און ימים, טאל און בערג, פעלדער און וועל־דער, ביז זיי זיינען אָנגעקומען אין א גרויסע שטאָדט פון בלויז גוים און האָבען זיך אָבגעשטעלט ביי א קליינע הייזקע אונטער דיא שטאָדט.

ארויסגעקומען פון דער הייזקע איז א דייטש, גאָר ניט קיין פּנים פון א איד, און דער בעל־שם האָט איהם געפרעגט אויף גוי׳ש לשון, אויב ער קען ביי איהם איינשטעהן עטליכע טעג.

מהיכא תיתא — האָט איהם דער דייטש געענטפערט.

געזעהן האָט דער בעל־שם אז דער חברה־מאַן איז א פּשוט׳ער גוי, וואשט זיך ניט, דאווענט ניט, עסט טרפות און נאָך אזעלכע ניט אידישע זאכען, אָבער וויבאלד די פערד האָבען זיך דאָ אָבגעשטעלט מוז מען ווארטען און זיך גוט צוקוקען.

און דער בעל־שם האָט דאָרטען ביים דייטש געהאלטען שבת. געגעסען האָט ער נאָר טרוקען ברויט וואָס ער האָט זיך פון דער היים מיטגענומען.

אום שבת האָבען זיך ביים דייטש פערזאמעלט א חברה גוים. מען האָט כסדר געטרונקען, געגעסען, געגרויכערט און געטאנצט כמנהג הגוים.

איז דער בעל־שם געוואָרען מלא צער. וואָס? זאָל דיעזער כל־בוניק זיין זיינס א שכן אין גן־עדן?

"וואָס איז מיט אייך היינט עפּיס געוועזן דיא שמחה?" האָט דער בעל־שם געפרעגט דעם דייטש שבת־צו־נאכט, ווען ער האָט זיך מיט איהם געזעגענט אָבצופאָהרען.

"אלס קליין קינד האָט מען מיך פון מיין אידישע היים אהער גענומען. פון אידישקייט ווייס איך לחלוטין גאָר ניט. איך געדענק נאָר וואָס מיין פאָטער פלעגט מיך לערנען, אז ס׳איז א מצוה צו זיין לוסטיג אין שבת. דעריבער בין איך מיך נוהג יעדען שבת צו מאכען א סעודה פאר מיינע שכנים און מיך מיט זיי צוזאמען משמח צו זיין" — האָט איהם דער דייטש געענטפערט.

האָט דער בעל־שם פערשטאנען אז ער האָט דאָ פאר זיך א מענש מיט אן אמת׳דיג אידיש הארץ, א הויכע נשמה, האָט ער זיא געוואָלט אויפהויבען און צוריקברענגען צו איהר שורש, דורך ערקלעהרען איהם אידישקייט און דיא דינים פון שמירת שבת. האָט מען פון איהם, פון הימעל, צוגענומען דעם כח הדבור.

מחמת, וויא איהר ווייסט, זייגען ביים צדיק הדור אזוי אויסגעארבייט

זיינע אברים אז דיא אויערען הערען ניט וואס זיי דארפען ניט הערען, דיא אוי־גען זעהן ניט וואס זיי דארפען ניט זעהן און דאס מויל רעדט ניט וואס עס דארף ניט רעדען.

האט דער בעל־שם פערשטאנען, אז אין הימעל איז מען פון זיין משונה׳־דיגען אופן פון שמירת שבת, ווייל ער טהוט דאס מיט הארץ, מיט תמימות און מיט שמחה, מעהר צופריעדען וויא מען זאל אויף איהם ארויפלעגען חובות פון דינים וועלכע ער וועט אין יענער סביבה ניט קענען אבהיטען און פון איהם דאדורך אוועקרויבען דיא שמחה פון שבת וואס ער האט לויט זיין השגה.

אט דא, רבותי, ליעגט דער גרויסער כח פון חסידות; שכל מוז מען האבען, וויא אזוי, און אויף וואס פאר א דרך צו דיענען דעם בורא עולם. און דאס לערנען אונז אונזערע צדיקים.

ווען די פושעי ישראל זאלען דאס וויסען! אבער דאמאלס וואלטען זיי דאך ניט געווען קיין פושעי ישראל.

„ווייזט מיר דעם פלאץ פון די מחללי שבת" — האט זיך שפעטער דער בעל־שם געבעטען ביי זיין רבי׳ן.

און געפיהרט האט איהם דאן דער רבי דורך וויסטע מדבריות און הרי חשך ביז צום גיהנם התחתון. דורכשפאציערענדיג מיט איהם אלע שבעה מדורי גיהנם, האט דער בעל־שם דערזעהן אין דער זיעבענטער אבטיילונג, צוויי שווע־פעל־ברענענדיגע שטוהלען שטעהן אויבען־אן.

„פאר וועמען זיינען דיא דאזיגע מורא׳דיגע ברענענדיגע שטוהלען?" — האט דער בעל־שם געפרעגט דעם רבי׳ן.

— פאר דעם בעל־שם אויב ער וועט ניט שכל האבען און פאר זיינס א חבר.

און וויעדער האט דער בעל־שם געמאכט א קפיצות־הדרך נסיעה אויסצוגע־פינען זיין שותף אין גיהנם. דאס מאהל זיינען דיא פערד פערפאהרען אין א שטאדט פון בלויז כשר׳ע אידען, וואו דאס אידישקייט האט ממש געזונגען אין דיא גאסען, און אפגעשטעלט האבען זיי זיך ביי א הויז פון וועלכען ס׳האט ארויסגעקלונגען א זיס קול פון תורה־לערנען.

דאס איז דאס הויז פון׳ם רב, אן אבגעהיטענער איד מיט אלע פיטצע־ניונקאלעך.

דער רב האט זיך אויף דעם אורח אפילו ניט אומגעקוקט, כדי ניט מפסיק צו זיין חלילה פון לערנען.

אבער דער בעל־שם האט ניט געמאכט קיין שאלות און איז אינ׳ם רב׳ס הויז פערבליעבען איבער שבת.

א מרה־שחורה האט געהערשט אים שבת אינ׳ם רב׳ס הויז. דער אבגעהי־טענער צדיק האט מורא געהאט א ריהר צו געבען מיט דער האנד טאמער וועט ער חלילה אנריהרען א דבר מוקצה; א טרעט צו טהון מיט׳ן פוס, טאמער וועט ער חלילה צוטרעטען א קליין ניט זעהבארעס שרץ. ער איז געזעסען אויף איין ארט פול מיט זארג פאר א חשש עברה און געהאט דאדורך פערשטער־טע שבתים.

האט איהם דער בעל־שם געוואלט צו פערשטעהן געבען אז „לא נתנה תורה למלאכי השרת" (דיא תורה האט מען ניט געגעבען פאר מלאכים), און

אז מען טאָר ניט זיין קיין אויבער־חכם, נור זיין לוסטיג און פריילין, ווי דער נביא האָט געזאָגט: "וקראת לשבת עונג" (שבת דאַרף מען זיך צוטיילען פער־נעניגען.)

האָט זיך דער כת־הדבור פון איהם אָפּגעטאָהן.

הפנים, איבער דעם טעם פון דער גמרא: כשם שמצוה לומר דבר הנשמע כך מצוה שלא לומר דבר שלא נשמע (פונקט ווי ס׳איז א מצוה צו זאָגען אימי־צען עפּיס, וויבאַלד דו ווייסט ער וועט דיך פאָלגען, אזוי איז וויעדער אן עברה צו זאָגען איהם ווען דוא ווייסט ער וועט דיך ניט פאָלגען).

דאָ שטעקט דיא קונץ, רבותי, מען דאַרף וויסען וואו מען איז אין דער וועלט. און אחרי כל אלה קען מען לגמרי גאָר ניט וויסען, וואָס ס׳איז חשוב אין כביכול׳ס אויגען. דאָס פערשטעהט נור דער אמת׳ער צדיק. דעריבער טאָר מען נאָך זיינע דרכים, וויא פרעמד זיי זאָלען ניט אויסזעהן פאר אונזערע מגושם־דיגע, קורצזיכטיגע אויגען, גאָר ניט מהרהר זיין, מחמת זיי אלע זיינען קודש־קדשים. סוד ה׳ ליראיו.

גיט אהער דעם כוס־של־ברכה!

## קאַפּיטעל 24

# דיא ירושה

**די רוחניות׳דיגע ירושה. — א סכסוך איבער א פּאָר תפילין. — א מעשה פלא. — אויב ס׳איז בעשערט קומט עס אהיים. — א בשותפות׳דיג גוט-אידישקייט. — די גרופירונג פון די חסידים. — סאדאגורע פערבלייבט דער הויפּט צענטער פון די חסידים.**

איך דענק, אז ס׳איז כדאי זיך איצט אביסעל אָבצושטעלען, כדי צו בעשרייבען קודם כל דיא אינטערעסאַנטעסטע פּאסירונגען פונ׳ם אלטען סאדא־גורער ז"ל, דער צענטער פון מיינע איצטיגע שילדערונגען, לויט כ׳האָב דעמאָלט געהערט נאָכדערצעהלען פון אלטע חסידים, פון וועלכע מען קען, ביז א געוויסער מאָס, ארויסזעהען און משיג זיין דיא רוחניות׳דיגע צורה פונ׳ם וועלט־צדיק.

דער מנהג איז ביי אלע צדיקי הדור, אז פאר זייער הסתלקות זיינען זיי מסמיך איינעם פון דיא קינדער פאר א ממלא מקומם (שטעלפערטרעטער). דער סדר פון דער סמיכה איז אזוי:

דער צדיק רופט צו דעם זוהן פון וועלכען ער דענקט אז ער פערשטעהט, אז ער איז ראוי און פאסענד איהם צו פערטרעטען, צו זיין קראנקען־בעט, איז איהם מגלה וויכטיגע און טיעפע ענינים, וועלכע ער, דער חולה, אליין האָט ערשט משיג געווען אין די לעצטע שטונדען פון זיין לעבען, דאן בענשט ער איהם און הייסט איהם זיך זעצען אויף זיין שטוהל תיכף ומיד, אין דער נעגענ־ווארט פון די נאָהענטע מקורבים און די ראשי החסידים. געוועהנליך איז דער זוהן מסרב, ער האלט זיך צוריק פון תיכף איהם צו פאָלגען, ניט וועלענדיג פוגם

זיין אינ׳ס כבוד פונ׳ם פאטער. ערשט נאכדעם ווי דער צדיק איז אויף איהם גוזר בגזרת "כבוד אב" צו פאלגען, זעצט זיך דער זוהן אויף דער שטוהל, און די מקורבים ווי אויך די הויפט־חסידים גיבען איהם תיכף "קוויטלעך" מיט "פדיונות" אין דער געגענווארט פונ׳ם שטארבענדען צדיק.

דער ריזינער רבי האט אבער פאר זיין פטירה קיין איינציגען פון זיינע זעקס זיהן ניט מסמיך געווען, אדער, ווי די חסידים בעהויפטען, ער האט זיי אלע צוזאמען מסמיך געווען, מחמת ער האט זיי אלע צוגערופען צום בעט און זיי איינגעטהיילט די דאזיגע רוחניות׳דיגע ירושה:

צום בכור, ר׳ שלום יוסף, זיין צורה; צו ר׳ אברהם יעקב, זיין מוח; צו ר׳ בער׳ניו, זיין שפלות; צו ר׳ נחום, זיין חכמה; צו ר׳ דוד משה, זיין יראה; און צום אינגסטען, ר׳ מרדכי פייבעל, זיין "מושכל ראשון", וועלכעס מיינט, אז זיין ערשטער געדאנקט אין יעדער אנגעלעגענהייט איז א קלארער "רוח הקודש".

תיכף נאכ׳ן ריזינער׳ס הסתלקות זיינען אלע זעקס זיהן מיט מאנכע איי־דעמס אוועקגעפאהרען צו וואהנען אין זייער הערליך גוט פאטאק־זלאטי. א חוץ דעם עלטסטען איידעמס, ר׳ מענדעלי דער זוהן פון ר׳ חיים׳ל קאסא־ווער, וועלכער האט פון פריהער נאך געגעסען קעסט ביי זיין פאטער אין קאסאוו און באלד נאכ׳ן שווער׳ס פטירה געווארען וויזניצער רב, א חוץ איהם, זיינע די גאנצע הויזפאמיליע פונ׳ם ריזינער געווען די ערשטע צייט צוזאמען אין זייער גוט, וואו זיי האבען זיך באלד צוטהיילט מיט דער ירושה און אויך בעטראכט פלענער פאר דער נאהענטער צוקונפט.

ביים צוטיילען פון דער ירושה איז ענטשטאנען א סכסוך צווישען דיא יורשים, ניט איבער גאלדענע און זילבערנע כלים אדער אנדערע זעלטענע אנ־טיקען וואס האבען זיך געפונען אין סאדאגורער הויף, נאר גאר איבער א פאר תפילין.

די דאזיגע תפילין האט דער ריזינער בעקומען בירושה פון זיין פאטער ר׳ שלום שכנא ז״ל, וועלכער האט זיי ווידער גע׳ירש׳ענט פון זיין פאטער ר׳ אברהם׳לע מלאך. עס הייסט, אז די תפילין האבען געהערט צום בעל־שם און זיי זיינען געשריבען געווארען פון זיינ׳ס א תלמיד מובהק בקדושה וטהרה.

אן ענין פלא האבען אין זיך געהאט די דאזיגע פאר תפילין, וואס דאס כתב פון די פרשיות האט זיך געהאלטען תמיד ריין, די אותיות האבען אזוי געגלאנצט גלייך ווי זיי וואלטען אט ערשט פאר א מינוט ארויסגעגאנגען פונ׳ם סופר׳ס פעדער.

די דאזיגע תפילין זיינען ביים ריזינער ז״ל, חשוב׳ער געווען ווי דאס טייערסטע אוצר. ווען ס׳איז צו איהם געקומען עפעס א חשוב׳ער אורח, פלעגט ער זיך תמיד בעריהמען מיט דיעזע אנטיטשנע תפילין. בעת דער טריסקער מגיד האט זיך אמאל געזעהן מיט׳ן ריזינער, האט דער מגיד איהם געבעטען ער זאל איהם ווייזען די אזוי בעריהמטע תפילין. דער ריזינער האט זיי איהם געוויזען און דאביי דערצעהלט דיעזע מעשה:

"בעת מען האט מיך גענומען תפוס, האב איך מורא געהאט מיטצונעה־מען מיט מיר די דאזיגע טייערע תפלין, זיי זאלען ניט חלילה ערגעץ פערלא־רען ווערען. איך האב זיי דעריבער בעהאלטען ביי מיר אין דערהיים אויף א

פערבאָרגען אָרט, און אין דער תפיסה אריין האָב איך מיטגענומען אנדערע תפילין.

פארוואָס איך האָב דוקא אזוי מורא געהאט פאַר דיא תפילין, בעת איך האָב גאָר ניט מורא געהאט מיט מיר מיטצונעהמען דאָס בעריהמטע ירושה־ספר־תורה׳לע? דאָס איז אַן ענין פון "ליבא לפומיה לא גליא" (מען טאָר עס ניט ארויסריידען).

קוים בין איך נאָר וואָס געהאט ארויס פון דער תפיסה, איז מיין ערשטע עובדה געווען ארויסצונעהמען דיא טייערע תפילין און זיי צו עפענען, כדי מיך צו איבערציינגען אויב די פרשיות זיינען דאָרט ווי ס׳געהער צו זיין. ווי אי־בערראשט בין איך געוואָרען דערזעהענדיג, אז דיא אותיות זיינען אינגאנצען אי־בערגעדעקט מיט שימעל.

מיין הארץ האָט מיר אזש אָנגעהויבען צו ברעכען פאַר גרויס צער, פאַר־וואָס דיזעלבע תפילין וועלכע האָבען זיך ביי מיינע אבות געהאלטען אזוי ריין אָהן א פגימה, אז זיי האָבען קיינמאָל ניט בעדארפט וואָס ס׳איז פאַר א תקון, זאָלען פּלוצים ביי מיר בעקומען א שנוי דורך אן אנדערע האנד און פון אנדערע טינט.

מיט טרערען אין דיא אויגען האָב איך בעפוילען מיין משרת ער זאָל געהן רופען מיין סופר.

אזוי וויא דער סופר איז אָנגעקומ׳ען און זיי גענומען אין דער האנד צו בע־טראכטען, האָבען מיר ביידע פּלוצים דערזעהן, אז דיא פרשיות זיינען ריין און שעהן און דארפען לחלוטין גאָר ניט קיין שום תיקון. איך האָב מיך משער גע־ווען, אז מיין פריהערדיגער חלישות־הדעת איז נאָר געווען אלס אן עונש ווייל כ׳האָב זיי פערלאָזט אזא לאנגע צייט."

ס׳פערשטעהט זיך, אז אלע קינדער האָבען געהאט גרויס חשק צו בעקומען דיא דאָזיגע תפילין אין זייער חלק ירושה. זיי האָבען זיך דעריבער אין דער תחלה געאייניגט, אז יעדער פון זיי זאָל אריינלעגען א צעטעלע אין א פערשלאָ־סענעם קאָנווערט, אויפ׳ן צעטעלע זאָל זיין אויפגעשריבען וויפיעל דער יורש איז מסכים אָנצואווערען פון זיין חלק ירושה, כדי צו ערהאלטען דיא דאָזיגע תפילין, און וועלכער בעטראג ס׳וועט זיין דער גרעסטער, אַט יענער יורש וועט זוכה זיין אין דיא תפילין.

נאָכדעם וויא מען האָט שוין געהאט איבערגעגעבען אלע קאָנווערטס אין דער האנד פון עלטסטען ברודער, ר׳ שלום יוסף ז״ל, האָבען זיך דיא ברידער מיישב געווען, אז ס׳איז גלייכער מען זאָל פּשוט וואַרפען גורל וועלכער יורש ס׳זאָל זוכה זיין דיא תפילין. מען האָט אזוי געטהאָן, און דער טשאָרטקאָווער רבי, ר׳ דוד משה, איז געווען דער זוכה בגורל.

פאַר א טשיקאווע זאך האָט מען דערנאָך געעפענט דיא קאָנווערטס כדי צו זעהן וויפיעל דיא תפילין האָבען א ווערטה ביי יעדען איינעם פון זיי. מען האָט דאן אויסגעפונען אז אינ׳ם טשאָרטקאָווער׳ס צעטעלע איז געווען געשרי־בען אז ער איז מוותר אויף זיין גאנצ׳ חלק ירושה צוליעב דיעזע תפילין.

"וואָס חדוש׳ט איהר אייך אזוי? — האָט זיך דער טשאָרטקאָווער אָנגע־רופען צו זיינע ברידער בעת ער האָט בעמערקט, אז זיי זיינען איהם מקנא אי־בער דעם גוטען צופאַל. — עס איז לגמרי גאָר ניט קיין צופאַל וואָס איך האָב

זוכה בגורל געווען, מחמת דיא תפילין געהערען מיר לויט דעם הייליגען טאַ־טענ׳ס רצון.

"עטליכע חדשים איידער כ׳האב אנגעהויבען צו לעגען תפילין, האט מיך דער טאטע ז״ל אריינגערופען צו זיך אין חדר און צו מיר אזוי געזאָגט:

"דוד משה׳ניו, איי האָב איך פון דיינעטוועגען א פּאָר טייערע תפילין! אן אמת׳ער אוצר יקר!" דיעזע דבורים האט ער צו מיר איבערגע׳חזר׳ט עטליכע מאָל.

"דאן האָט ער געשיקט רופען דעם סופר און איהם געהייסען שרייבען פון מיינעטוועגען א פּאָר תפילין.

"האָב איך דעם גאנצען ענין ניט געקענט משיג זיין. וואָס הייסט דאס? תפילין געשריבען פון א פּשוט׳ען סופר, א סופר פון א גאַנ׳ץ יאהר וויא אנדערע פרומע סופרים, זאָל דער טאטע אָנרופען "אן אמת׳ער אוצר יקר"?

"ערשט מיט יאָהרען שפּעטער בין איך געפאַלען אויף דער סברה, אז דער טאטע ז״ל האט מכוין געווען מיט זיינע דבורים אויף זיינע טייערע תפילין, וועלכע זיינען באמת אן אוצר יקר און וועלכע וועלען אמאָל געהערען צו מיר."

לויט דעם דין פון דער תורה האט דער בכור ר׳ שלום יוסף געזאָלט נעה־מען צוויי חלקים, וויא אויך דיא וויכטיגסטע אנטיקען וואס זיינען פערבליבען פון פּאַטער אלס זיין ממלא מקומו. פיהלענדיג אבער אז ער איז קראַנק און וועט ניט מאריך ימים זיין, האָט ער דאס מוחל געווען פאַר יענעם ברודער וואס וועט האָבען דאן דיא זכיה צו זיצען אויף דעם פּאַטער׳ס שטוהל אין סאדאגורע.

זייענדיג אין פּאַטאָק־זלאָטי, האָבען דיא קינדער געפיהרט דאָס רבי׳שאַפט בשותפות. דיא סאדאגורער חסידים האָבען דעריבער געהאט פינף רביים אנשטאט איינעם. ווארום דער אינגסטער, זעכצעהן יעהריגער זוהן, ר׳ מרדכי פייבל, שפּע־טער דער בעריהמטער הוסיאטינער רבי, האט זיך צייט דעם פּאַטער׳ס הסתלקות מתבודד געווען אין א בעזונדער חדר ניט צולאָזענדיג צו זיך אפילו א נפש. ביי דיא שבת׳דיגע טישען, פלעגען אלע קינדער זיצען אַרום א קיילעכדיגען טיש, כדי עס זאָל ניט זיין אן "אויבען־אן". "תורה" ביים טיש האט דעמאלט נאך קיינער פון זיי ניט געזאָגט.

באלד נאָך פּסח תרי״א, איז דער עלטסטער ברודער, ר׳ שלום יוסף, שטארק קראנק געווארען און דיא טשערנאָוויצער דאָקטוירים האָבען איהם געהייסען אוועקפאָהרען פאר א קור קיין נויהיים אין דייטשלאנד. אזוי וויא ער איז נאָר וואָס אוועקגעפאָהרען, איז דיא הארמאָניע צווישען דיא ברידער־צדיקים גע־שטערט געוואָרען. דיא געמיינשאפטליכע "טישען" האָבען אויפגעהערט, יעדער איינער פון דיא ברידער, א חוץ דער שפּעטערער הוסיאטינער, האט אנגעהויבען צו פיהרען א בעזונדערען שבת־טיש, ביי וועלכען ס׳האָבען זיך בעטייליגט נאר דיא יעניגע חסידים, וועלכע האָבען ביי זיך אָבגעמאכט צו האלטען אָט דעם דאָ־זיגען ברודער פאַר זייער רבי מובהק. דאמאָלס האָט מען שוין געקענט זעהן און וויסען אויף וואָס פאר אן אופן דיא ריזיגער חסידים וועלען זיך איינטיילען און גרופּירען.

ביים טיש פון ר׳ אברהם יעקב, האָבען זיך בעטייליגט על פי רוב דיא רר־סיש־נגיד׳ישע חסידים, צווישען זיי דיא בעקאנטע גבירים פון קארעץ און פון ראדאָמישלע. ביי ר׳ בער׳ניוס טיש האָט מען געקענט זעהן חסידים וועלכע האָ־

בעןֹ געהאט א ברייטערען קוק אויפ׳ן חסידות בכלל. ביי ר׳ נחום׳ס טיש זיינען געווען ס׳מיינסט בוקאָווינער, בעסאַראַביער און רומענישע חסידים, ביי ר׳ דוד משה׳ן האָבען זיך צונויפגעקליבען פיעל פון דיא גאַליציאַנער חסידים, ס׳מיינסט דיא פרומע בטלנים, וועלכע זיינען נאָך געבליבען בירושה פונ׳ם סטרעליסקער און פון דעם אלטען רימאַנאָווער, זכרונם לברכה.

ביי זייערע בעזונדערע טישען, פלעגען שוין אלע פיער ברידער זאָגען טיש־תורה און זיך נוהג זיין כמעט מיט דיזעלבע הנהגות וויא דער פאָטער, זכרונו לברכה.

פאר ראש־השנה תרי״ב, זיינען דיא ראשי הקהל פון סאדאגורע געקומען צופאָהרען קיין פּאָטאָק און געבעטען דעם עלטסטען פון דיא ברידער, ר׳ אברהם יעקב, צו פאָהרען קיין סאדאגורע אויף ימים טובים און איבערנעהמען דיא רוחניות׳דיגע מלוכה פונ׳ם פאָטער.

דאָס איז געווען ווייל דער בכור, ר׳ שלום יוסף, איז אים י״א אלול נסתלק געוואָרען אויפ׳ן וועג און דער רבי, ר׳ אברהם יעקב, איז דעריבער, אלס דער גרעסטער פון דיא ברידער, דער ממלא מקומו פונ׳ם פאָטער.

ר׳ אברהם יעקב ז״ל האָט זייער רצון ממלא געווען.

יענעם ראש־השנה איז אין סאדאגורע געווען ממש ערד־ציטערניש פון דיא טויזענדער חסידים וואָס זיינען געקומען אלס צייכען פון אונטערוואַרפען זיך אונטער דער הנהגה פונ׳ם נייעם רבי׳ן וועלכער איז דעמאָלט אלט געווען עטליכע און דרייסיג יאָהר. דאָרט האָט מען דאמאָלס געקענט זעהן די גרעסטע מוח־מענשען און חסידים־פיהרער, וועלכע האָבען נאָך בימי הריזינער געשפּיעלט א גרויסע ראָלע, ווערענדיג בעטראַכט אלס דיא הויפּט־געגעראַלען פונ׳ם צדיק. אלע האָבען זיך אין יענע ימים טובים איבערציינגט, אז סאדאגורע וועט ניט נאָר ווייטער פערבלייבען דער הייליגער צענטער פון זייער סביבה, נאָר אז דער יונגער רבי וועט נאָך פערגרעסערען און אויסברייטען דיא חסידישע השפּעה אין אלע מקומות וואו דער נאָמען פונ׳ם ריזינער איז טייער געווען.

דער סוף איז טאקע אזוי געווען. אָבער אין דער תחלה פון זיין גוט־אידישע מלוכה, איז געקומען דער שטן און פערמישט די וועלט, צוליעב א פאלשען בלבול וואָס דיא רשעים פונ׳ם דור האָבען געמאַכט אויפ׳ן יונגען צדיק, וויא ס׳וועט דערצעהלט ווערען אינ׳ם נעקסטען קאַפּיטעל.

## קאפיטעל 25

# דער בלבול

**צרות** צוליעב א ברכה צו א געלד־פעלשער. — א מורה־הוראה פערוויקעלט אין פערברעכען. — די רעוויזיאָן אין רבינ׳ס הויף. — דער צדיק מיט זיינע צוועלף מקורבים פערהאפטעט אין **תפיסה.** — **צרות** פון א פּאָליאק א רשע. — די טומאה מוז וועיכען פאר דער קדושה. — די פּאָלגען פון דער **תפיסה.**

באלד אין דיא ערשטע עטליכע יאָהר וואס דער צדיק ר׳ אברהם יעקב האט איבערגענומען דיא חסידישע ממשלה, האט ער גענומען דעם גאנצען חסידישען עולם מיט שטורם. דיא צאָהל פון זיינע אנהענגער זיינען געוואקסען פון טאָג צו טאָג. עס איז גאָר א סברא, אז בנוגע כבוד און גדולה, האט ער נאָך איבערגעטראָפען זיין גרויסען פאָטער, דעם ריזינער, אויך אלע צדיקי הדור האָבען צו איהם ס׳וואהר נעקוקט מיט קנאה־אויגען, אבער מיט גרויס דרך ארץ.

פּלוצים אבער איז דער נייער וועלט־רבי פערוויקעלט געוואָרען אין א שרעקליכען בלבול.

אים זומער תרט״ז (1856) האט מען אין רוסלאנד געכאפּט א איד מיט׳ן נאָמען חייקעל מאכענדיג פאלשע רובעל. ביי א הויז־דורכזוכונג, האט מען ביי איהם געפונען א בריעף פון ר׳ אלטער כארפּין, א מורה־הוראה אין דער שטאָדט באר, אין וועלכען ס׳זיינען געווען געשריבען דיא דאָזיגע ווערטער:

„האב גאָר ניט קיין מורא. איך האָב דיך מזכיר געווען ביים רבי׳ן, זאָל מאריך ימים זיין. ער האט דיר געוואונשען בפיו הקדוש (מיט זיין הייליג מויל) „ברכה והצלחה בכל אשר תפנה״ (גליק און מזל וואו דו וועסט דיך קעהרען און ווענדען).״

אויך אין דעם הויז פונ׳ם מורה־הוראה האט מען געפונען עטליכע בריעף פונ׳ם נבאי פונ׳ם סאדאגורער צדיק, אין וועלכע ס׳איז געווען געשריבען, אז דיא קוויטלעך זיינען פון איהם, דעם גבאי, איבערגעגעבען געוואָרען צום צדיק, וועלכער האט געוואונשען צו חייקעל בן שרה־חאשע הצלחה אין זיינע מסחרים. צוגלייך האט אויך דער גבאי בעשטעטיגט דיא קבלה פון פיעל פדיונות.

ביי יעדען בר־דעת, חסיד אדער ניט־חסיד, וויבאלד ער איז נאָר אונפּארטייאיש, וועט אמאָל קיין ספק ניט זיין אויף א רגע אפילו, אז דער רבי האט ביים געבען זיין ברכה ניט געהאט דיא קלענסטע אהנונג, אז דער בקשה־זוכער איז א געלד־פעלשער, א פערברעכער, אדער וואס נאָך שרעקליכער, אז דער צדיק

האט גענומען דיא פדיונות אלס א חלק צום פערברעכערישען מסחר. ניט נאר צוליעב דעם וואס דיא חסידישע רביים זיינען תמיד דיא ערשטע וואס האלטען אז "דינא דמלכותא דינא" (א געזעץ פון דער רעגיערונג איז גלייך צו א געזעץ פון דער תורה), נאר צוליעב א פשוט׳ע שכל־זאך. א רבי וועלכער האט כבוד און גדולה פון א האלבער וועלט, און וועלכער קען האבען פון זיינע רייכע חסידים א הון רב פאר איין דבור אדער פאר איין שמייכעל, וועט דאך שוין אוים פשוט׳ע געשעפטס־אינטערעסען ווען ער זאל אפילו זיין אן אוהב בצע, ניט שטעלען אלצ־דינג אין קאן צוליעב וואס ס׳איז פאר א סומע געלד.

דיא רוסישע רעגיערונג האט אבער פון אזא לאגישער טענה ניט געוואלט וויסען. מעגליך אז ס׳האט דארונטער געשטעקט א האנד פון מוסרים, שונאים פון חסידים, און אפשר גאר האט דער געלד־פעלשער, חייקעל אליין, פערוויר־קעלט דעם רבי׳ן אין דעם ענין, האפענדיג אז אזוי ארומעט, צוליעב דעם רבינ׳ס גרויסער פראטעקציאן, וועט עס איהם גיכער געלינגען זיך ארויסצודרעהען פון דער רעגיערונג׳ס הענט און בעפרייעט צו ווערען. זאל זיין פון וואס פאר א סבה ס׳וויל, א פאקט איז עס, אז דיא רוסישע רעגיערונג האט בעטראכט דעם צדיק פאר א שותף צום טרפה׳נעם מסחר און אויפגעפאדערט דיא עסטרייכישע רע־גיערונג צו פערהאפטען דעם צדיק מיט אלע זיינע נאהענטע מקורבים.

באלד נאך פסח האט דיא רעגיערונג פון טשערנאוויץ געמאכט אן איבער־פאל אויפ׳ן רבינ׳ס הויף, פערנומען אלצדינג וואס מען האט געפונען פאר נויטיג עס צוצונעהמען, און גענומען תפוס דעם רבי׳ן מיט אלע זיינע מקורבים, און זיי איינגעשפארט אין דער תפיסה אין טשערנאוויץ.

דאס זעצען דעם צדיק אין דער תפיסה האט געמאכט א רעש אויף דער גאנצער וועלט. דיא ביטערע שונאים פון דיא חסידים, האבען דארורך געפונען א געלעגענהייט צו פערשפרייטען דורך דיא צייטונגען שקרים און כזבים וועלכע זיינען ניט געשטויגען און ניט געפלויגען, כדי צו פערשווארצען דעם כבוד פון חסידישע רביים אין דיא אויגען פון דער וועלט.

אזוי, למשל, האט א שרייבער אהן אן אונטערשריפט מודיע געווען צו דער אידיש־דייטשער "אלגעמיינע צייטונג" דאס נייעס אויף אזא מאדנע ליגנערישען אופן:

"א גרויסען שקאנדאל האט ערנעגט דער פאקט, וואס דער רבי פון חסידים אין סאדאגורע איז פערהאפטעט געווארען ווייל ער האט געפעלשט רוסישע שטאאטס נאטען. מען האט ביים רבי׳ן אין קעלער געפונען דיא געלד־פרעס (דיא מאשין מיט וועלכער מען מאכט דיא רובעל). מען האט תיכף איינגעזעצט דעם רבי׳ן צוזאמען מיט אכט מקורבים זיינע וואס האבען זיך בעטייליגט אין דעם דאזיגען עסק. אויך האט מען איינגעזעצט דיא יונגע אלמנה פונ׳ם רבינ׳ס פא־טער. זיין גרויס גוט קאלאמעא (?) האט דערווייל דיא רעגיערונג איבערנומען. ביי דער פערהאפטונג, הייסט עס, זיינען צוויי חסידים דערשאסען געווארען". (1856 זייטע 381).

אזא נארישען אומגעלומפערטען שקר, האבען אויך דיא אנשטענדיגע נענ־נער פון דיא חסידים ניט געקענט פערטראגען. אין א צוווייטער קארעספאנדענץ פון א טשערנאוויצער שרייבער, פון וועלכען מען קען ארויסלעזען אז ער איז אויך ניט קיין גרויסער פריינד פון רביים מיט חסידים, שרייבט זיך שפעטער אזוי:

״מיר, וואס וואהנען טאקע דא וואו דער רבי זיצט אין תפיסה, האבען קיינמאל ניט געהערט אז מען האט געזאלט האבען געפונען ביים רבי׳ן אין קע־לער א פרעס פון פאלשע רובעל. אויף האט מען דעם אלטען רבינ׳ס אלמנה ניט פערהאפטעט. נאר דעם רבי׳ן מיט צוועלף פון זיינע מענשען האט מען גענומען אין דער תפיסה. דאס גוט פאטאק־זלאטי האט דיא רעגיערונג דערווייל פערנו־מען פאר א משכון, וויא אויך דעם רבינ׳ס גאנצע מזומן פערמעגען, דארונטער פופצעהן טויזענד גולדען וואס געהערען צום ארץ־ישראל־כולל, איבער וועלכען דער רבי איז דער נשיא, און אלע ווערטה־זאכען פון זיין הויף. דיא דאזינע איוב׳ס־פאסט (שלעכטע בשורה), האט געמאכט א טיפען און שטארקען איינ־דרוק ביי אלע ארטאדאקסישע קרייזען אין גאליציען.״

דער שרייבער בעהויפטעט ווייטער (אין א ניט פריינדליכען טאן צו רביים און חסידים), אז דיא גאנצע מעשה איז א פשוט׳ער בלבול, מחמת דער רבי אליין האט לגמרי נאר ניט צו טהאן מיט געלד־אנגעלעגענהייטען און פערשטעהט לחלוטין גאר ניט, צוליעב בטלנות, צו פיהרען אדער זיך צו בעטייליגען אין אזא מין עסק.

פופצעהן חדשים רצופים איז דער צדיק געזעסען אין דער טשערנאוויצער תפיסה. דער צער פונ׳ם צדיק איז, לויט דער בעהויפטונג פון דיא חסידים, ניט געווען דאס עצם זיצען אין דער תפיסה, מחמת וואס איז דען דיא גאנצע עולם־הזה־וועלט ביים צדיק אין דיא אויגען, אויב ניט א לאנגע תפיסה? זיינע יסורי־הנפש זיינען נאר בעשטאנען אין דעם, וואס דארט אין דער תפיסה האט ער געהאט גרויסע הינדערונגען צו דיענען השם־יתברך וויא ער איז געוועהנט גע־ווען פון תמיד אויף.

איינגעשפארט האט מען דעם רבי׳ן ז״ל צוזאמען אין איין חדר מיט, להבדיל, א פאליאק, א שונא ישראל. דורך גרויס פראטעקציע האבען די חסידים גע׳פועל׳ט מען זאל אריינשטעלען אין דעם חדר׳ל א סאפע, אויף וועלכער דער רבי זאל זיך קענען אביסעל צולעגען אבצורוהען. האט אבער דער פאליאק, דער רשע, ימח שמו זאל ער ווערען, אויסגענעהט א ״שתי וערב״ אויף דער סאפע, צו להכעיס דעם הייליגען צדיק.

דער רבי ז״ל האט זיך דאריבער ניט אנידערגעזעצט דיא גאנצע טעג אויף דער קנאפע. ער איז כסדר געשטאנען אויף דיא פיס אין א ווינקעל פערטראכט אין זיינע ענינים.

איז גראדע נעבען דער תפיסה געווען א קירכע, און דאס קלינגען פון דיא קירכען־גלאקען האבען דעם צדיק שטארק מבלבל געווען אין זיין הימלישער עבודה. האט ער כסדר זיך פערשטאפט דיא אויערען מיט דיא שפיץ־פינגער און זיך פערטיעפט אין זיין עבודת ד׳. אזוי פלעגט ער שטעהן גאנצע טעג, ניט אמאל זיך צו נעבען אפילו א ריהר.

ויהי היום, א מאנטאג איז עס געווען, דער רבי האט געהאלטען ביים דאוו־נען און דער פאליאק האט אויף צו־להכעיס געזונגען פוילישע ליעדער, אזוי הויך אויפ׳ן קול, אז דער צדיק איז שטארק צומישט געווארען. ביים זאגען דעם פסוק אין לאנגען ״והוא רחום״: ״הבט משמים וראה כי היינו לעג וקלס בגוים״, וואס מיינט: ״קוק אראפ, גאט, פונ׳ם הימעל און זעה זיך צו, וויא מיר זיינען געווארען צו שאנד און שפאט צווישען דיא גוים״, האט זיך דער רבי שטארק

צוואוויינס. באלד דארויף האט ער זיך אבער מחזק געווען און ווייטער געזאגט מיט גרויס התלהבות: "ובכל זאת שמך לא שכחנו, נא אל תשכחנו" (פונדעסט־וועגן האבען מיר ניט פערגעסען דיין נאמען, מיר בעטען דיך דאריבער, פער־געס דו אויך ניט אן אונז). דעם דאזיגען פסוק האט דער רבי איבערגע׳חזר׳ט מעהרערע מאל.

פלוצלינג איז געפאלען אויפ׳ן פאליאק א טויט־שרעק. ער האט אנגעהויבען צו ציטערען מיט אלע אברים וויא אין א שווער קדחת, געמאכט משונה׳דיגע קולות און געקלאפט אין דער טהיר שרייענדיג: "נעהמט מיך ארויס פון דאנען. דער "ראבין" טויטעט מיך!"

באלד זיינען געקומען צולויפען דער וועכטער מיט א בעאמטען. זיי האבען געזעהן דעם רבי׳ן שטעהן אין א ווינקעלע, מיט׳ן פנים צו דער וואנד, איינגע־וויקעלט אין טלית און תפילין, ניט זיך אמאל צו בעוועגען, בעת דער פאליאק רייסט זיך אזש אויף דיא גלייכע וועגט פאר שרעק, האלטענדיג אין איין שרייען און געוואלטעווען מען זאל איהם בעפרייען פון דעם "ראבינ׳ס" הענט.

ערשט דעמאלט האט מען דעם רשע ארויסגענומען פונ׳ם רבינ׳ס חדר. דער רבי איז דאן געבליבען אליין און פריי אויפגעאטהעמט.

נאך א קורצער צייט האט מען אויסגע׳פועל׳ט ביי דיא בעאמטע מאנכע הנחות. מען האט ערלויבט דעם גבאי צו זיצען מיט׳ן רבי׳ן צוזאמען אין איין חדר, אויך האט מען מאנכע מאל צוגעלאזט צו איהם בעזוכער. יום טוב און טייל־מאל אויך שבת, האט ער ביי זיך געהאט א מנין און דער צדיק האט דאן בעקו־מען "התרוממות הנפש" (אויפגעלעבטקייט).

פונ׳ם לאנגען שטעהן טעג און נעכט אויף דיא פיס, האט דער רבי זייט דעמאלט בעקומען שוואכע פיס פון וועלכע ער האט געהאט צו ליידען כל ימי חייו. ער האט דאן אויך בעקומען אן אויערען קראנקהייט. פון דעם שטענדיגען האלטען אין זיי דיא שפיץ פינגער, האבען זיך איהם געמאכט קנאטען אונטער דיא אויערען, וועלכע האבען איהם תמיד פערשאפט שמערצען. און דאס אלץ האט ער געהאט צו ליידען צוליעב אן אויסגעטראכטען בלבול פון דיא רשעי הדור.

## קאפיטעל 26

# די בעפרייאונג

**א גרויסער גאסט אין דער תפיסה. — טיעפע דבורים צווישען צוויי צדיקים. — צדיקים זוכען א ישועה ביי פראָסטע שוהל־אידען. — א חסיד ווערט א קרבן־כפרה פאר׳ן רבי׳ן. — געהט צום טויט ווי צום טאנץ. — ״לחיים״ בשעת יציאת נשמה. — דער נייער נוסח ביים ״תיקון.״**

אין דעם משך פון דיא פופצעהן חדשים וואס דער סאדאגורער רבי איז געזעסען אין תפיסה, האט ער איבערגע׳חזר׳ט פיעל מאָל דיא פיער חלקים ״שלחן ערוך״, אזוי, אז ער האט זיי דאן געקענט ממש בעל־פה, און דאביי אויך עוסק געווען כסדר אין זיין הימלישע מח־עבודה.

דורך פּראָטעקציע איז אויך געלונגען דעם גרויסען רבין ר׳ אהרן קארלינער אריינצוקומען אין דער תפיסה, וואו זיין איידים, דער סאדאגורער רבי, איז געזעסען, און מיט איהם צו פערברענגען עטליכע שטונדען אין טיעפע גרויסע שמועסען.

פון יענער צוזאמענקונפט פון דיא צוויי גרויסע וועלט־צדיקים, דער שווער מיט׳ן איידים, וויסען דיא סאדאגורער חסידים צו דערצעהלען אָט דיא דאזיגע אינטערעסאנטע הויכע דבורים :

״וויא פיהלט איהר אייך (א גרויסער רבי ווערט גע׳איהר׳צט אפילו פון זיינע אייגענע עלטערען), סאדאגורער רבי, עפעס דא אין דער תפיסה?״ האט איהם דער קארלינער געפרעגט.

״מה לי הכא מה לי התם״? וואס איז עפעס פאר א חלוק דאָ אדער דארט? — האט איהם דער איידים געענטפערט. — השם יתברך איז ״מלא כל הארץ כבודו״, מען געפינט איהם אומעטום, אזוי גוט אין גיהנום וויא אין גן־עדן. ווען יוסף הצדיק איז געזעסען אין דער תפיסה אין מצרים, וועלכעס ווערט אנגערופען ״ערות הארץ״, דאס נידריגסטע, דאס טנופת־מקום פון דער וועלט, דערצעהלט דאך פון איהם דיא תורה: ״ויהי ה׳ את יוסף״, אויך דארט איז כביכול מיט איהם געווען. מען דארף נאר האבען שכל און וויסען וויא אזוי צו זוכען איהם. געפינען, געפינט מען איהם שוין אומעטום״.

״נו, און ביי וועלכער מדרגה האלט איהר איצט?״ — האט איהם דער קארלינער ווייטער געפרעגט.

"איך האלט נאך אלץ ביי שויתי, ביי ה׳ נאך אלץ ניט, ס׳דארף נאך קאס־טען נענוג עבודה" — איז געווען דעם סאדאגורער׳ס תשובה.

און דאס איז דיא כונה פון זייערע דבורים:

דער צדיק הדור דארף זיך אזוי ווייט און אזוי הויך אויסארבייטען, אז ער זאל תמיד אהן אן אויפהער זיין בעהעפט אן השם־יתברך, אזוי וויא דוד המלך האט געזאגט: "שויתי ה׳ לנגדי תמיד". ווען דער צדיק איז שוין ביי אט דער דאזיגער מדרגה, הערט ער דאמאלס די גאנצע נארישע וועלט ווי דעם נעכ־טיגען טאג. אלע עולם הזה׳דיגע יסורים מאכען אויף זיין נפש ניט מעהר אפילו דעם קלענסטען איינדרוק און שפיעלען אין זיין לעבען קיין שום ראלע ניט. זיין גרויסער תענוג פון זיין בעהעפט אן דער שכינה, מאכט איהם פערגעסען אלע וועלטליכע קלייניגקייטען און פאראיבערגעהענדע שמערצען. דיא שאלה פונ׳ם קארלינער צדיק איז געווען, זיך צו דערוויסען, אויב זיין איידים, דער סאדא־גורער רבי, האלט שוין ביי אזא הויכער מדרגה, מבטל צו זיין דיא אלע יסורים וואס ער האט זיך אויסצושטעהן אין דער תפיסה, ניט אכטענדיג און ניט פיה־לענדיג זיי מעהר, צוליעב דאס בעהעפט זיין אין דער שכינה.

דיא תשובה פונ׳ם סאדאגורער האט געמיינט, אז ער האלט ערשט ביי "שויתי", כלומר, ער האט שוין אויסגעפונען דעם דרך עבודה וויא אזוי צוצו־קומען צו דער דאזיגער הויכער מדרגה, אבער צו דער מדרגה גופא, וועלכע הייסט ה׳, איז ער נאך לעת עתה ניט צוגעקומען.

"דא אין דער תפיסה איז א גינסטיגער ארט זיך אויסצוטהאן פון אלערליי גשמיות" — האט דער קארלינער ווייטער בעמערקט. — "מען האט אמת׳דיג התבודדות, מען איז אבגעזונדערט פון דער גאנצער וועלט און מען זעהט לחלוטין גאר ניט קיין שלעכטעס פאר דיא אויגען."

"איך זאג — האט דאראויף דער סאדאגורער געענטפערט — אז כדי צו קענען זיך אמת׳דיג אויסטהאן פון אלערליי גשמיות׳דיגע ענינים, איז נויטיג מען זאל דוקא יא זיין ארומגערינגעלט פון תאוות און האבען דיא אמת׳ע בחירה (וואהל). ערשט דאמאלס קען מען ביי זיך זיין פיעל זיכערער אז מען וועט ניט מעהר קאליע ווערען, פון דעם יעניגען וואס האט זיך אויסגעארבייט גרויס אין אזא ארט וואס מען זעהט ניט פאר זיך דיא וועלט און איהרע רייצענדע פערפיהרע־רישע געלוסטיגקייטען".

"איבריגענס — האט דער סאדאגורער ווייטער געזאגט צו זיין שווער — וואס, מיינט איהר, איז שוין גאר וויבאלד מען איז שוין טאקע אמת׳דיג ריין פון אלע שלעכטע נייגונגען פונ׳ם יצר הרע און פון דיא בהמה׳דיגע תאוות? דאמאלס איז מען ערשט קוים ביי דער מדרגה פון די חסידים פון די אומות העולם, פון וועלכע דיא גמרא זאגט, אז זיי האבען א חלק לעולם הבא. און ווען מען איז שוין גאר מקיים דיא גאנצע תורה פון "בראשית" ביז "לעיני כל ישראל" (פון דער תחלה ביז צום סוף) מיינט איהר אפשר אז דאס הייסט שוין א הויכע מדרגה? לא מניה ולא מקצתיה. דאמאלס איז מען ערשט קוים א פשוט׳ער איד, אלס נאך ניט קיין "צדיק". וואס דאס ווארט "צדיק" בעדייטעט, דאס איז א צו הויכער ענין "מה שאין הפה יכול לדבר", וואס מען קען עס גאר ניט אויסריידען און צו פערשטעהן געבען, און דיא דאזיגע מדרגה קען מען זיכער ניט משיג זיין זייענדיג ווייט פון א "מקוה־ישראל" (אידישע פערזאמלונג).

פופצעהן חרשים האט דער צדיק געשמאכטעט אין דער תפיסה. אין משך פון דער דאזיגער צייט האט מען פון פערשיעדענע זייטען אנגעווענדעט כל־ערליי פּראָטעקציעס צו בעפרייען דעם רבי׳ן. דער גרויסער וועלט־פילאנטראָפּ, ר׳ משה מאָנטעפיאָרע, איז צוליעב דעם עקסטרא געפאהרען מיט זיין פרוי יהודית קיין וויען א טובה צו טהאן דעם צדיק וועלכער ליידעט וועגען א פאלשען בלבול. הפנים אז זיין פּראָטעקציע האט טאקע פיעל געהאָלפען. דיא רעגיערונג האט נוט נאכשטודירט אלע אקטען און אויסגעפונען אז דיא גאנצע קלאגע איז גע־גרינדעט אויף בלויז השערות (מיינונגען). און אין מיטוואך, כ״ג תמוז, תרי״ז, איז דער צדיק צוזאמען מיט אלע זיינע מענשען גענצליך בעפרייט געוואָרען.

ער האט אבער ניט רעכט צייט געהאט אבצודאנקען צו ר׳ משה מאָנ־טיפיאָרע פאר דער טרחה זיינער און פאר דער גרויסער טובה וואס ער האט איהם געטהאן, ביז זעקס חרשים שפּעטער, מחמת אזוי וויא ער איז נאר אַרויס פון דער תפיסה צובראכען פון דיא פיעל יסורי הגוף והנפש, איז ער באלד שווער קראנק געוואָרען אויף א לונגען־ענטצינדונג. ער איז שוין געווען אין אזא סכנה׳דיגער מדרגה, אז אלע גרעסטע וויענער און טשערנאוויצער פּראָפעסאָרען האבען איהם שוין געהאט גענצליך מיאש געווען.

פון אט דער דאזיגער קראנקהייט, דערצעהלען זיך דיא סאדאגורער חסידים א זעהר וואונדערבארע אינטערעסאנטע מעשה:

אלע פינף ברידער האבען זיך דעמאָלט פערזאמעלט קיין סאדאגורע. זיי האבען זיך נאך געוואָלט זעהן און נעזעגענען מיט זייער עלטסטען ברודער פאר זיין הסתלקות.

דיא הונדערטע חסידים וואס זיינען דעמאָלט געווען ביים רבי׳ן אין סאדא־גורע, וויא גרויס זייער מרה־שחורה איז ניט געווען, האבען אלע ניט פערלאָ־רען דעם בטחון, אז דיא פינף ברידער, דיא גרעסטע צדיקים אין דור, וועלכען סוף כל סוף זיין אימשטאנד ארויסצורייסען, דורך זייערע תפלות, דעם הייליגען קרבן פונ׳ם בעל־דבר׳ס הענד. בפרט נאך, ווען זיי אליין, טאקע דיא חסידים גופא, האבען דאצו אויך מיטגעהאָלפען. מען האט געזאגט תהלים, געטרונקען ״תיקון״ און געוואונשען א הארצעדיגען ״לחיים״ און א ״רפואה שלמה״, זייער ליעבען רבי׳ן, דעם הייליגען צדיק.

״אלע טויערען זיינען פערשלאָסען — האט אויסגערופען דער טשארטקאָ־ווער רבי (דעמאָלט האט ער נאך געוואוהנט אין פּאָטאַק־זלאָטי), אריינקומענדיג אין קלויז בעת דיא חבריא האט געטרונקען ״לחיים״. — מיר קענען גאר ניט מעהר טהאן, מען האט ביי אונז אוועקגענומען אלע מדרגות. פּרואווט נאך אויס איין מיטעל: לאזט צוזאמענרופען אין קלויז אריין דעם שטאָדטישען עולם, פּראָסטע אידען. לאזען זיי זאגען תהלים; זאָלען זיי אנקלאפּען אין די שערי שמים. א קאַפּיטעל תהלים וואס ווערט געזאגט מיט הארץ פון א פּראָסטען אי־דען, קען אמאָל האבען א פיעל גרעסערע ווירקונג וויא דיא תפלה פונ׳ם גרעס־טען צדיק״.

עס האט ניט געדויערט קיין שעה, און דיא קלויז איז געווען פול געפּאַקט מיט חסידים און פּראָסטאַקעס צוזאמען; אלעס האט געזאגט תהלים. און גע־זאגט האט מען דאס קאפּיטעל ״אשרי תמימי דרך״, אין וועלכען עס געפינט זיך דאס גאנצע אלף־בית. מען האט עס אבער ניט געזאגט כסדר, נור לויט דעה

רייהע פון דיא אותיות פונ׳ם חולה׳ס נאמען: "אברהם יעקב בן שרה". דיא געשרייען און דיא געוויינען זיינען געגאנגען עד לב השמים. ווען דיא הימלען זאלען אפילו געווען געמאכט פון אייזען, און די מחיצה וואס כביכול האט זיך געמאכט פאר זיין כסא־כבוד וואלט געווען פון קופער, וואלטען אויך דיא ביטערע בכיות און דיא שרעקליכע יללות בעדארפט זיין בכח זיי דורכצובר־כען.

ווען דיא תהלים־זאגערס האבען געהאלטען ביים אות י׳, זאגענדיג דעם פסוק: "יבואונו רחמיך ואחיה כי תורתך שעשועי", איז פלוצים דער שטע־פענעשטער צדיק, ר׳ נחום׳טשי, אריינגעלאפען אין קלויז, ארויפגעשפרונגען אויפ׳ן בעלעמער און אויסגעשריען אז דיא קלויז האט אזש געציטערט:

"חסידים, דיא צרה איז נאהענט! אונזער קרוין פאלט באלד אראב פון אונזער קאפ. ווער פון אייך וואלט געווען וויליג צו זיין א קרבן־כפרה (אן אויס־לייזער)? ווער פון אייך וואלט געווען מוכן ומזומן אויף זיך צו נעהמען דעם גזר־דין פון מיין טהייערען ברודער און פון אייער הייליגען רבי׳ן, זיך מקריב זיין פאר א קרבן אלס א "פדיון נפש" פאר׳ן גרויסען צדיק? איצט, חברה, האט איהר א שעת־הכשר (געלעגענהייט) זיך קונה צו זיין עולם־הבא."

א שרעק איז דורכגעגאנגען אלע חסידים׳ס הערצער, דערהערענדיג דיזע דבורים. ביי יעדען איינעם האבען זיך געביטען דיא פארבען אין פנים. מען האט נעקענט בעשיינפערליך ארויסזעהן דיא אינעוועניגסטע מלחמת־הנפש (זעעלען־קאמפף) פון "זיין אדער ניט־זיין".

א טויט שטילקייט האט געהערשט אין קלויז עטליכע סעקונדען. פלוצים האט זיך א בעקאנטער חסיד, ר׳ מרדכי מישעל פון לינסק, אויפגעשטעלט אויף א באנק און מיט א פעסטער ענטשלאסענהייט, מיט שטראהלענדע אויגען פאר גרויס שמחה, אויסגעשריען: "רבי, איך בין אויף מיר מקבל דעם גזר־דין פון הצדיק רבי אברהם יעקב בן שרה; איך בין מוכן ומזומן פון מיין גאנצען הארצען צו זיין א קרבן־כפרה פאר איהם. אתם עדי!"

ס׳איז אבער באלד געווארען אין קלויז א געדרודער צוליעב א גרויסען וכוח. מחמת תוך־כדי־דבור, האבען אויך אנדערע חסידים געמעלדעט זייער בערייט־וויליגקייט צו מאכען דיזען מסחר. יעדער איינער פון זיי האט איצט געוואלט זיין דעם הייליגען צדיק׳ס כפרה.

"מרדכי מישעל האט זוכה געווען!" האט זיך דער שטעפענעשטער צדיק אנגערופען און האט תיכף פערלאזען דיא קלויז.

מרדכי מישעל איז תיכף געגאנגען אויף זיין סטאנציע, געשריבען א בריעף מיט א צואה צו זיין ווייב און קינדער קיין לינסק און געמאכט אלע נויטיגע הכנות צו א זיכערען טויט.

תיכף אין דערזעלבער נאכט איז מרדכי מישעל שווער קראנק געווארען, בעת דער צדיק האט געשוויצט און ס׳האט אנגעהויבען איהם בעסער צו ווער־רען. דער קראנקער האט זיך כסדר נאכגעפרעגט איבער׳ן רבינ׳ס בעפינדען, און הערענדיג אז עס געהט איהם, ברוך־השם, בעסער, האט זיין בלייך פנים אויפ־געלויכטען פאר שמחה.

ער האט תיכף געהייסען שיקען נאך דיא "חברה קדישא", זיי אנגעזאגט וויא זיי זאלען זיך מיט איהם נוהג זיין בשעת יציאת־נשמה. זעהענדיג אז עס

ווערט איהם זעהר שלעכט, האט ער געהייסען דיא חברה חסידים שיקען נאך אביסעל משקה. ער האט אויך מיטגעטרונקען, געוואונשען אלע א הארציגען "לחיים", מיט דעם זאנדערבארען נוסח: "דער הייליגער רבי זאל האבען א רפואה שלמה און איך א "מנוחה נכונה תחת כנפי השכינה."

מיט א לוסטיגען "זייט׳ס מיר אלע געזונד און זייט מיך מזכיר פאר׳ן הייליגען צדיק", האט דער טרייער חסיד געלאזט זיין כשר׳ע נשמה.

דער רבי איז דאן גאנץ געזונד געווארען.

אויף דער חתונה פון דעם רבינ׳ס א זוהן, ר׳ שלמה׳ניו, וועלכע האט שטאטגעפונען באלד נאכדעם וויא דער צדיק איז געזונד געווארען, איז דיא שמחה פון דיא חסידים געוועזען איבער נאטירליך. מען האט געהאלטען אין איין זינגען און טאנצען דיא גאנצע שבעת ימי המשתה. דעם זיבעטען טאג פון דער שמחה, בשעת דער עולם האט שטארק געהוליעט אין הויף און דער רבי האט זיך צוגעקוקט דורכ׳ן פענסטער, איז צוגעגאנגען אן אלטער חסיד פון לינסק צום פענסטער און געבעטען דעם רבי׳ן א "מטבע" אויף משקה פאר א תיקון צו דער נשמה פון מרדכי מישעל.

"איהר האט אייך אן איהם קוים דערמאנט — האט דער צדיק געענטפערט מיט א שמייכעל. — איך אבער האב אן איהם ניט פערגעסען אפילו איין איינציגע רגע. מען איז אויף יענעם עולם געלאפען איהם אנקוקען פאר א וואונדער. ער בענוציגט זיך לחלוטין ניט אין אייער תקון. מיין פאטער און דער זיידע, דער "מלאך", זיינען זיינע צוויי גוטע רוקענהאלטערס. וואס אנבעלאנגט א מטבע, מהיכא תיתא!"

דער רבי האט איהם דערלאנגט א האלבען רובעל, וועלכער איז דאן פערקויפט געווארען צווישען דיא חסידים פאר א היבשע סומע. פאר דעם געלד האט מען דאן געטרונקען און געמאכט שמחה וששון.

פון יענעם טאג אן, האבען דיא חסידים ביים דערמאנען מרדכי מישעל׳ס נאמען ביי א גלעזעלע משקה, אויפגעהערט צו ווינשען, וויא זייער סדר איז געווען פריהער, אז "זיין נשמה זאל דאַרטען האבען אן עליה און מיר דא א ישועה", נאר איהם דערמאנט מיט א נוסח פון א צדיק: "זיין זכות זאל אויף אונז מגין זיין."

## קאפיטעל 27

# די קלויז אין ירושלים

**אן אייגענהענדיג שרייבען צו ר׳ משה מאָנטעפיאָרע און זיין פרוי יהודית. — דער ווארקער רבי ביים ריזינער. — ער האָפט אויף א מופת און ערהאלט א תשובה בדרך הטבע. — די הערליכע קלויז "תפארת ישראל" פון ירושלים. — דעם עסטרייכישען קייזער׳ס נדבה. — ער ווארט אויף דער הסכמה פונ׳ם "שר של עשו". — אן איבערבליי־בעניש פון סאנז־סאדאגורער מחלוקת.**

אז דיא פראטעקציאן פון ר׳ משה מאנטעפיארע האט פיעל מיט־געהאלפען צו דער בעפרייאונג פונ׳ם סאדאגורער רבי׳ן קען מען ארויסזעהן בולט פון אן אייגענהענדינגען דאנק־בריעף וואס דער רבי ז״ל האט געשריבען אים ווינטער תרי״ח, נאכדעם וויא ער איז געזונד געווארען פון זיין שווערער קראנקהייט, צו ר׳ משה מאנטעפיארען און זיין פרוי יהודית.

ווי אינטערעסאנט דער בריעף זאל ניט זיין פאר די סאדאגורער חסידים, וועלכע האבען איהם וואהרשיינליך נאך ניט געזעהן, קען איך מיר דאך ניט ער־לויבען איהם דא צו איבערגעבען, מחמת ער איז געשריבען אין אן אלט העברעאי־שען סטייל און פיעל לעזער וועלען איהם ניט פערשטעהען. איך וועל מיך דערי־בער בעגנינגען צו געבען דעם אנהויב און דעם סוף "בכתבו וכלשונו" אין העב־רעאיש און א קורצען אויסצוג פון זיין אינהאלט אין אידיש, ווי ווייט עס קען ניצליך זיין צו אונזערע זכרונות:

בע״ה יום ג׳ לסדר וארא, כ״ו טבת תרח״י פה סאדאגורא.

חדות ימים ושנות עולמים לכבוד מעלת ידיד נפשי, השר היקר הנכבד לבית ישראל, גבר חכם בעוז, טוב ומטיב לשלומי אמוני ישראל, המפורסים בשם טוב ותהלות, רודף צדקה וחסד, כש״ת מו״ה סיר משה מאנטעפיארה נ״י ועל ידי בעלה מנשים באוהל תבורך שרת יהודית הנכבדת המפורסמת תחי׳. ה׳ עליהם יחיו, אורך ימים בימינם, בימינו תושע יהודה אמן.

נאך אן הקדמה אין וועלכער דער צדיק שילדערט דאס גרויסקייט פון מאנ־טעפיארע, דערצעהלענדיג איהם, אז ער איז זעהר חשוב געווען אין דיא אויגען פונ׳ם פאָטער, דער ריזינער ז״ל, וועלכער פלעגט תמיד איהם לויבען און דערצע־לען זיין שבח און גרויסקייט און וועלכער האט איהם געבענשט מיט א ברכה וועל־כע איז "לעילא מכל ברכתא", און טאקע צוליעב דעם גרויסען שם טוב זיינעם, האבען זיינע חסידים פון חוץ לארץ און פון ארץ ישראל געוואגט זיך צו ווענדען צו איהם צו זיין א מליץ יושר פאר׳ן צדיק, ענטשולדיגט ער זיך וואס צוליעב א שווערער קראנקהייט האט ער ביז איצט ניט געקענט שרייבען א פערזענליכען דאנק־בריעף, איצט אבער דאנקט ער הערצליך איהם און זיין גוטע פרוי פאר

זייער גרויסער טרחה צו פאהרען אזש קיין וויען פון זיין טובה וועגעו, און גים איהם דאן א רבי׳שע ברכה : יזכו לרב טוב הצפון, נעימות בימינם נצח, ותחזינה עיניהם בגבול בנימין בצלצח, בחדות ישועות יעקב, משה ידבר והאלקים יעננו, הכהן העומד לאורים ותומים יעמוד יבנה בית־מועדו, כהן ילבש מדו, להקריב תמיד במועדו, כחפץ נפשו היקרה ונפש ידידו המעתיר בעד אריכות ימיו ונות ביתו היקרה ומצפה להרמת קרן ישראל, וציון במשפט תפדה ושביה בצדקה, השתא בעגלא ובזמן קריב אמן.

מכח דעם פערהעלטנים פון׳ם ריזינער צו ר׳ משה מאנטעפיארע, דערצעהלען חסידים דיזע היסטארישע עובדא.

ווען מען האט אין רוסלאנד אונטער צאר ניקאליי דעם ערשט׳ן אנגעהויבען אוועקצורייבען קליינע קינדער פון זייערע עלטערן און זיי מגדל זיין בדרך הגוים, האט דער צדיק ר׳ יצחק פון ווארקע, דער תלמיד פון׳ם פרשיסכער צדיק ר׳ שמחה בונם, א גרויסער רבי פון פיעלע הונדערטער חסידים, בעשלאסען צו פאהרען קיין סאדאגורע צום ריזינער, פאר איהם צו שילדערען די ביטערע לאגע פון דיא רוסישע אידען, מיט דער האפנונג, אז דער גרויסער ריזינער, מיט וועמען דיא גאנ־צע חסידישע וועלט האט דעמאלט גערעכנט, וועט אודאי בעווייזען עפעס א הימלישען מופת און דיא גזרה וועט בטל ווערען.

אבער דער ריזינער האט איהם, דעם ווארקער, גאר געגעבען א בדרך הטבע׳דיגע עצה. ער האט איהם געראטען, ער זאל אויסזוכען אין קראקוי אן אדם חשוב, איהם שיקען קיין לאנדאן צו ר׳ משה מאנטעפיארע, איהם צו בעטען אין זיין, ר׳ ישראלטשיס, נאמען און אין נאמען פון אלע רוסישע צדיקים, ער זאל זיך אננעהמען דיא רוסישע אידענס קריוודע, זיך משתדל צו זיין ביי דער ענגלישער רעגיערונג זיא זאל געברויכען איהר איינפלוס ביים צאר ניקאליי ער זאל מבטל זיין דיא ביטערע גזרה.

אויף זיין היימרייזע פון סאדאגורע, האט דער ווארקער רבי זיך אבגעשטעלט אין קראקוי און דארט אויסגעקליבען א חשוב׳ען אידען ר׳ ישראל בירקענפעלד (וועלכער איז שפעטער, אים יאהר 1849, בעת דער אונגארישער רעוואלוציע, געהרג׳עט געווארען), איהם אוועקגעשיקט קיין לאנדאן צו מאנטעפיארען. דורך זיין פערמיטלונג, איז עס באמת געלונגען צו ציהען מאנטעפיארעס אויפמערקזאמ־קייט צו דיא צרות פון דיא רוסישע אידען. מיט דער הילף פון זיינע פריינד דיזרא־עלי און לארד פאלמערסטאן, איז איהם געלונגען דורכצופיהרען, אז דיא ענגלישע רעגיערונג זאל איהם פערטרויען מיט א שפעציעל שליחות צו דיא אידען פון פע־טערסבורג.

זיין מיסיאן האט לײדער ניט געטראגען קיין פרוכט, צוליעב דער פערביסענער שנאה פון דער רוסישער רעגיערונג צו דיא אידען. אבער דער דורכפאל פון זיין שליחות האט דאן געהאט א געוויסע ווירקונג ביים קרים־קריעג.

נאך אין ריזינער׳ס צייטען האבען דיא סאדאגורער חסידים אנגעהויבען צו גרינדען פאר זייער סביבה בעזונדערע קלויזען, בעטראכטענדיג זיך העכער פון די חסידים פון אנדערע רביים. דיא דאזיגע עובדא האט אנגענומען א געוואלדיגע אויסברייטונג און פעסטע פארמען אין דיא צייטען פון דעם צדיק ר׳ אברהם יעקב ז״ל. קוים איז אין א שטעדטעל געווען א מנין סאדאגורער חסידים, האבען זיי זיך תיכף געדונגען א ״קלייזעל״ כדי צו זיין אין דער סביבה פון איינענע, ״אנשי

שלומנו״. אט דאס איז געווען איינס פון דיא פאקטארען וואס האבען שפעטער מיט יאהרען גורם געווען דאס שרעקליך בלוטיגע מחלוקת פון סאנז און סאדאגורע, וועלכעס וועט אן אנדערס מאל אויספיהרליך בעשריבען ווערען.

דער סאדאגורער רבי ר׳ אברהם יעקב ז״ל, האט אויך גע׳ירש׳נט פון זיין פאטער דעם ריזינער דאס נשיאות פון כולל וואהלין אין ארץ ישראל. אלע סאדאגור־רער חסידים האבען געהערט צו דעם דאזיגען כולל דורך וועלכען דיא השפעה פון סאדאגורע איז אויך זעהר גרויס געווארען אין ארץ ישראל. אין אלע הייליגע שטעדט וואו ס׳האט זיך געפונען א וויכטיגער אידישער ישוב, האט זיך אויך גע־פונען א סאדאגורער קלויז, וואו דיא סאדאגורער חסידים האבען געדאווענט און געווען דיא בעלי־בתים און טאן־געבער.

דער ארץ־ישראל נשיא פונ׳ם כולל, איז געווען א בעקאנטער אנגעזעהענער, זעהר חשוב׳ער מענש ר׳ ניסן ב״ק, דער זוהן פון׳ם דרוקער ר׳ ישראל ב״ק פון ירושלים. ר׳ ניסן ב״ק איז געווען א געבוירענער אין ארץ־ישראל, א גרויסער חכם, א גוטער דברן אין דער לאנד־שפראך און אונגעהויער אנגעזעהען ביי דיא אידען פון ירושלים אזוי, אז זיי האבען א נאמען געגעבען דיא גאס, וועלכע איז אויסגעוועניג פון׳ם ״שער שכם״, אויף זיין נאמען ״שכנות ניסן ב״ק״ (ניסן־ב״ק־גאס), דיא ראשים פון ירושלים האבען קיינמאל ניט געטהאן קיין וויכטיגע שטעדטישע זאך, ביז זיי האבען זיך ניט פריהער בעראטען מיט דעם פייערדיגען סאדאגורער חסיד און נשיא פון׳ם סאדאגורער (וואהלינער) כולל, ר׳ ניסן ב״ק.

ר׳ ניסן ב״ק האט פעראנלאסט דעם סאדאגורער רבי׳ן צו בויען א קלויז אין ירושלים פאר די פיעלע סאדאגורער חסידים, וועלכע איז איינע פון די שעהנס־טע בנינים אין ירושלים. דיא קלויז הייסט ״תפארת ישראל״, צום אנדענקען פון׳ם ריזינער רבי ר׳ ישראל׳טשי. דאס פאלק אין ירושלים רופט זיא אבער ״ניסן בק׳ס שוהל״, ווייל ער איז געווען דער גאנצער עסקן פון׳ם בויען און דער הויפט־פער־וואלטער בנוגע דיא הכנסות און הוצאות.

דיא דאזיגע פראכטפאלע סאדאגורער קלויז שטעהט אין דיא קאראימער גאס, און זעהט אויס וויא א פירסטליכע געביידע. דיא געביידע איז קוואדראט (סקוועער) 25 איילען לאנג און 25 ברייט, בעת דיא הויך איז 45 איילען. דער באלקען איז געוועלבט קיילעכיג און האלט זיך נאר אויף דיא פיער ווענט, ניט האבענדיג קיין שום שטיצונגס־זייל אין דער מיטען. אין יעדער וואנד זיינען פערהאנען צוויי שורות פענסטער, איין שורה אונטער דער אנדערער, וועמעס שויבען זיינען פון פערשיעדענע ערליי הערליכע פארבען. אין׳ם באלקען זיינען פערהאנען 12 פענס־טער מיט פארביגע שויבען און ער איז וואונדער שעהן אויסגעמאלט.

פון ביידע זייטען פון׳ם ארון קודש און אין דער מיטען פון זיין פראנט־זייט, הענגען פרעכטיגע קריסטאל הענג־לייכטער, וועלכע זיינען אן אנטיטשנע זאך און האבען געקאסט א פערמעגען. דורך דיא פענסטער פון מזרח־זייט, זעהט זיך גוט ארויס דיא הערליכקייט פון׳ם פלאץ וואו דאס בית־המקדש איז אמאל געשטאנען. איבען נעבען דעם רונדען באלקען איז פערהאנען ארום און ארום א גאניק, מיט שטאלענע שטאכעטען, פון אינעווייניג און פון אויסעוועניג. אויף דעם אויסענווע־ניגסטען גאניק, מאכט מען יעדען ל״ג בעומר אן הדלקה (בעלייכטונג) לכבוד דער יאהר־צייט פון ר׳ שמעון בן יוחאי. אויף דעם אינעווייניגסטען גאניק, פון מזרח־

זיים, דאוועגט מען יערען יום טוב דיא תפלה פון מוסף, ווייל פון דארטען זעהט מען גוט ארויס דאס ארט פון׳ם בית המקדש.

אנגעהויבען צו בויען דיא דאזיגע שעהנע קלויז האט מען נאך אין יאהר תרכ״ד. דיא הוצאות פון׳ם בנין האט געשיקט דער סאדאגורער רבי. אזוי וויא דיא געביידע האט דאן אריינגעטריבען אין זעהר גרויסע הוצאות, האט מען איינגע־שטעלט דאס בויען ביז א געוויסע צייט. דיא שעהנע ניט־געענדיגטע געביידע איז אזוי געשטאנען עטליכע יאהר. אים זומער פון תר״ל, ווען דער עסטרייכישער קייזער פראנץ יאזעף האט בעזוכט ירושלים, איז ער פארביינגעפאהרען פאר דער דאזי־גער שעהנער ניט פערפערטיגטער קלויז.

וואס פאר א בנין איז דאס עפעס? — האט דער קייזער געפרעגט דיא הער־שאפטען פון ירושלים וואס האבען איהם בעגלייטעט.

דאס איז א אידישע שוהל וועלכע האט ניט געקענט פערפערטיגט ווערען צו־ליעב מאנגעל אין מזומנים.

״א שאד, א שאד, ס׳איז א זעהר היבשע געביידע ! ״ האט דער קייזער בע־מערקט און דאן בעאויפטראגט זיין אדיוטאנט צו געבען אין זיין נאמען א נדבה פון 1000 גולדען צו דער פערפערטיגונג פון דער שוהל.

דעם קייזער׳ס דבורים האבען דאן עושה רושם געווען. דער סאדאגורער רבי האט באלד געשיקט א שפעציעלען שליח קיין ירושלים מיט דיא נויטיגע מזומנים, צו ענדיגען תיכף ומיד דעם בנין און ניט אהיימצוקומען ביז אלצדינג וועט זיין פיקס־און־פערטיג.

לויט דיא חסידים בעהויפטען, איז דאס אונטערברעכען פון׳ם בוי געווען צו־ליעב א בעשטימטע כונה. דער צדיק האט געוואלט אז דער ״שר של עשו״ זאל גע־בען זיין הסכמה צום בנין...

אים שבת נחמו תרל״ב האט מען געפייערט דעם ״חנכת הבית״ מיט גרויס פאראד און מיט נגינות פון דעם גרויסען חזן ר׳ בצלאל ארעסער און זיין בעריהמ־טען כאהר.

אונטער דער שוהל ״תפארת ישראל״ געפינט זיך אויך א הערליכע מקוה, פיין איינגעריכטעט, וועלכע ווערט אויך געווארימט טעגליך, כדי די חסידים זא־לען זיין ביכולת צו געהען אלע טאג אין מקוה אריין. אויך די סאנזער חסידים, די מורא׳דיגע געגנער פון סאדאגורע, וועלכע היטען זיך אויס צו בעזוכען די שוהל ״תפארת ישראל״, בעטראכטענדיג זי ווי א רעפארם־טעמפעל, מוזען אנקומען צו די סאדאגורטשיקעס זיך צו בענוצען מיט זייער גוט איינגעריכטעטער מקוה, ניט האבענדיג דאביי קיין שום שטערונג מצד די סאדאגורער חסידים.

א בעקאנטער סאנזער חסיד, ר׳ נפתלי פאקושער (אונגארן), האט זיך אמאל בפרוש בעריהמט פאר מיינ׳ס א בעקאנטען, אז ער האט, א דאנק זיין ליבען נא־מען, נאך קיינמאל אין זיין לעבען ניט בעזוכט די שוהל ״תפארת ישראל״, כאטש ער איז געצוואונגען צו געהען טעגליך אין דער מקוה וואס איז אונטער דער שוהל. ער וויל אפילו ניט אריינגעהען אין פאליש אריין, כדי זיך צו וואשען די הענד נאך דער מקוה. ער געהט בעסער אהיים אומגעוואשען.

דאס איז נאך אן איבערבלייבעכץ פונ׳ם געפעהרליכען סאנז־סאדאגורער מחלוקת.

## קאפיטעל 28

# עובדות און דבורים

**"לחיים" דארף מען טרינקען נאָר איבער כשר׳ה משקה. — פארוואָס פארצייטיגע רביים האָבען זיך מתבודד געווען אין די וועלדער און היינטיגע ניט. — א שוחט מוז זיין א מכנים אורח, אויב ניט, איז זיין שחיטה נבלה. — א ברכה צו ראשי הקהל. — אן אמת׳ער דין־תורה מוז צופריעדען שטעלעןביידע פארטייען. — דער בלבול־הדעת פאר קבלת-שבת. — דער צדיק זעצט א בית־דין מציל צו זיין א נשמה.**

דער סאדאגורער רבי ז"ל האָט זיך ניט באגניגען געלאזט מיט הימלישע עובדות אליין, צו טהון תפלה פאר דעם כלל ישראל אדער פאר א פרט, נאר ער האָט זיך אויך געמישט בפועל אין דער־וועלטליכע ענינים, זיך אנצונעהמען אידי־שע קריוודעס און זיי העלפען מיט זיין גאנצען איינפלוס.

זיינען אמאל גיקומען צו איהם עטליכע שענקערס פון׳ם שטעדטיל סטריזי־ניץ און האָבען זיך פאר איהם בעקלאָגט אויף דעם נייעם פראָפינאטאר, א וויזני־צער חסיד, וועלכער רייסט פון זיי דיא הויט, מחמת זיי זיינען געצוואונגען לויט דעם געזעץ צו קויפען דעם בראנפען נאר ביי איהם, און ער האָט אויף זיי גאר ניט קיין רחמנות, ער נעהמט ביי זיי ארויס דאס דם־התמצית פאר דעם בראנפין וואס ער פערקויפט זיי.

"נו ? — האָט זיי דער רבי געפרעגט — און דיא אידען פון סטריזיניץ טרינ־קען זיין בראנפען ? וויא אזוי עפּיס קענען זיי טרינקען "לחיים" ביי א משקה וואָס אין איהר איז אויסגעמישט אידיש בלוט און אידישע טרערהען ?

אט דיזער איינער דבור פון׳ם צדיק האָט גורם געווען, אז אלע אידען פון סטריזיניץ, טשודין און כביבות, האָבען אויפגעהערט צו טרינקען משקה.

דער פראָפינאטאר האָט אנגעהויבען שטארק צו־דערפיהלען דעם עונש פון׳ם סאדאגורער רבי. ער איז געקומען צום רבי׳ן און איהם געפרעגט א "מה נשתנה" קשיא:

"פארוואס מישט זיך עפּיס דער רבי זאל לעבען אין פראָפינאציע־אנגעלעגע־היטען, בעת דער ערשטער רבי, דער בעל־שם, האָט לגמרי גאר געוויינט דיא שטאדט, ניט האבענדיג מיט דיא מענשען קיין שום פארקעהר נאר ס׳רוב פון

זיינע יאהרען האט ער אבגעלעבט פאראיינזאמט אין דיא דערפער און אין דיא וועלדער ?

האט דער רבי א שמייכעל געגעבען און איהם אזוי געענטפערט :

"אין יענע יאהרען האבען דיא רויבער און די גזלנים זיך אויפגעהאלטען אין דיא וועלדער, האט דער צדיק זיך געמוזט דארט געפינען כדי צו באשיצען פון זייערע הענט דיא ארימע אידלעך. היינט אבער, וואהנען דיא גזלנים אין דיא שטעדט און שפיעלען אפטמאל נאך די ראלע פון חסידים און שעהנע אידען, מוז דער רבי אויך וואהנען אין שטאדט, כדי זיך צו שטעלען אין וועג פון זייערע רויבערישע דרכים, "להציל עשוק מיד עושקו" (צו רעטען דעם אונטערדריקטען פון דעם בעדריקער׳ס האנד)".

זיינען ווידער צו איהם אמאל געקומען דיא חסידים פון קאלאמעא און איהם דערצעהלט אז דער שוחט פ. איז א גרויסער קמצן, ער גיט קיינמאל ניט קיין אורח א לינת לילה אדער א סעודה אין דער וואכען אדער אים שבת.

"און דיא קאלאמעאר אידען עסען פון זיין שחיטה ?" — האט זיי דער רבי געפרעגט מיט א לשון פון תמיה.

עס פערשטעהט זיך אז די סאדאגורער חסידים פון קאלאמעא האבען תיכף ומיד אויפגעהערט צו עסען פון יענעם שוחט׳ס שחיטה.

איז דער שוחט געקומען צו לויפען קיין סאדאגורע צום רבי׳ן און געפרעגט מיט א טאן פון חוצפה דיא דאזיגע שאלה :

"וויא שטעהט דאס ערגיץ, רבי, אז א שוחט איז מחויב מעהר וויא אן אנדערער איד צו זיין א מכניס אורח, וויבאלד ניט, טארען אידען ניט עסען פון זיין שחיטה ?".

"הערט מיך אויס, וועט איהר זעהען אז מען דארף ניט עסען פון אייער שחיטה — האט צו איהם דער צדיק געזאגט. — דיא גמרא זאגט : "מאן דנולד במאדים יהא גבר אשיד דמא". ווער עס איז געבוירען געווארען אין דעם מזל פון׳ם שטערען "מאדים", וועט זיין א בלוט־פערגיסער. האט ער א זכיה, ווערט ער א שוחט און פערגיסט בלוט בדרך מצוה. האט ער אבער ניט קיין זכיה, ווערט ער א פראסטער מערדער.

"איז דאך דיא פראגע וואס איז דער חילוק ? סוף כל סוף פערגיסט דאך דער שוחט אויך בלוט פון א לעבעדיג נפש ?

"דער תירוץ איז אבער, דאס דער שוחט טהוט דאס ניט אויס אכזריות, אומדערבארמקייט, נאר מחמת השם־יתברך האט איהם דאס געהייסען טהאן : אבער וויא אזוי קענען מיר דאס וויסען ? אפשר טהוט דאס דער שוחט אויך נאר אוים אכזריות, אוים שלעכטהארציגקייט און אויף אזא אופן איז דאך זיין שחיטה נבלה ?

"איז אט דאס דער סימן: איז א שוחט א בעל־רחמנות, יא מזג טוב און האט ליעב צו טהאן גוטס מיט מענשען, איז דאס א סימן מובהק, אז זיין שחיטה איז ניט צוליעב אכזריות נאר לשם־שמים. טאמער איז אבער דער שוחט יאן אכזר, א קמצן און אונ׳ברחמנות׳דיג, איז דאס ווידער א סימן אז ער איז אן אמת׳ער "מאדים", יא מענש וואס האט נחת פון בלוט פערגיסען און זיין שחיטה איז נבלת. דארויף איז פאראנען א רמז אין דער תורה: "ולא נתן "ארום" נתון את ישראל

עבור בגבולו״, וויבאלד א שוחט וואס קומט פון מזל ״מאדים״ וויל ניט ארייגלאזען אז אורח אין זיין גבול אריין, דאן ״ויט ישראל מעליו״, דארפען אידען זיך דער־וויטערען פון איהם ניט צו עסען פון זיין שחיטה״.

באלד נאכדעם וויא דער רבי ר׳ אברהם יעקב ז״ל איז געקומען פון פאטאק קיין סאדאגורע צו זיצען אויף זיין פאטער׳ס שטוהל, איז אין סאדאגורע געווען א וואהל פאר ראשי הקהל. און דיא ניי געוועהלטע ראשים זיינען געקומען צום נייעם רבי׳ן ער זאל זיי געבען א ברכה אלס דיא נייע מנהיגים פון דער אידישער קהלה. האט צו זיי דער רבי אזוי געזאגט:

״ווייסט איהר פארוואס די פאלקס־פיהרער ווערען אנגערופען ״נשיאים״? ווייל דאס ווארט ״נשיאים״ האט צווייערליי טייטשען, נשיאים איז טייטש ״דער־הויבענע״ און נשיאים איז אויך טייטש וואלקענס. זיינען די ראשי־הקהלה גוטע פיהרער, בעלי דחמנות, געטרייע פאסטובער, דאן ווערען זיי דערהויבען צו א הויכער בכבוד׳ער מדרגה און זייער נאמען בלייבט לזכר עולם. זיינען זיי אבער שלעכטע מנהיגים, זעלבסטזיכטיג און אייגעננוציג, דאן פערשווינדען זיי באלד ווי א וואלקען, וואס קיינער ווייסט ניט וויא זיי זיינען ערגיץ אהינגעקומען.

איצט האט איהר דיא ברכה אין אייערע אייגענע הענד״.

דער סאדאגורער רבי פלעגט ליעב האבען צו דערצעהלען אין דער סביבה פון זיינע מקורבים קליינע מעשה׳לעך פון רבי׳ן ר׳ הירש, פון וועלכע, וויא ער פלעגט זיך אויסדריקען, ס׳האט ארויסגעשיינט דאס תמימות, דיא קדושה און יראת הרוממות.

די דאזיגע עובדא האט דער רבי אמאל דערצעהלט זיינע קינדער:

דער טארנאווער רב ר׳ ישראל ראפאפארט, איז געווען אן איידעם ביי א גביר אין רימאנאוו, ביי וועלכען ער האט געגעסען קעסט. זייענדיג אבער א גאון מיט כמיכה פון אלע גאונים פון׳ם דור, פלעגט ער אין רימאנאוו זיצען צווישען די דיינים ביי א דין תורה.

אמאל איז פאר׳ן בית דין געקומען אן אלמנה צום דין־תורה און לויט דעם פסק פון׳ם בית־דין האט זי פערלארען דעם משפט.

איז די אשה געקומען צום רבי׳ן ר׳ הירש און האט פאר איהם ביטער גע־וויינט איבער דעם פסק בית דין פון וועלכען זיא וועט ליידען א גרויסען שאדען. דער רבי האט איהר אויסגערעדט און מבטיח געווען אז השם־יתברך וועט איהר דערזעצען דעם שאדען כפל כפלים. אבער דיא אשה האט זיך באין אופן ניט געקענט צוריקהאלטען פון וויינען. מען האט געזעהען בחוש אז איהר הארץ איז שרעקליך געבראכען פון׳ם פסק דין.

האט דער רבי ר׳ הירש געשיקט זיין מקורב ר׳ שמואל יעטרא צום בית־דין, בעטענדיג די דיינים זיי זאלען מוחל זיין און צו איהם קומען.

איז דער ענין געווען פאר דיא דיינים א גרויס חדוש. מחמת דער רבי ר׳ הירש איז ניט געווען קיין למדן, וואס׳זשע קען ער דארפען האבען דיא דיינים וויב..לד ער איז ניט ביכולת זיך מיט זיי מפלפל צו זיין אין דין.

ר׳ ישראל ראפאפארט איז דוקא ניט געווען קיין גרויסער חסיד, פונדעסטווע־גען איז ער געווען דער ערשטער צו געהען צום רבי׳ן צו הערען וואס דער רבי האט זיי עפיס צו זאגען.

״איהר האט אייך טועה געווען אין דעם פסק דין צו דער אשה — האט

צו זיי דער צדיק געזאגט. — זעצט אייך, זייט מוחל, אנידער, אט טאקע דא ביי מיר אין חדר, הייסט אייך אריינברייגגען דעם שלחן ערוך, און קלערט נאכאמאל נאך דעם דין״.

איבערשמועסענדיג דעם עניז צווישען זיך נאך אמאל, האבען דיא דיינים באמת דערזעהען אז זיי האבען פריהער געמאכט א טעות און דיא אלמנה איז גאר גערעכט געווען.

זיי האבען דאן געענדערט דעם פסק דין לטובת דער אלמנה, וועלכע האט אזש געטאנצט פאר שמחה.

דיא דיינים האבען דאס בעטראכט פאר א רוח־הקודש מצד דעם רבי׳ן, מחמת זיי האבען אין איהם געהאט גרוים אמונה, אז ער האט אפענע אויגען צו זעהען אזוינס וואס קיין אנדערער קען ניט זעהען. דער יונגער גאון ראפאפארט האט אבער ניט געהאט אזא שטארקע אמונה. ער האט דאריבער געפרעגט דעם צדיק גופא, ער זאל איהם ערקלערען פון וואנעט ער האט געוואוסט, אז דאס בית־דין האט געמאכט א טעות אין פסק דין.

״עס שטעהט אין תהלים — האט איהם דער צדיק געענטפערט : ״תורת ה׳ תמימה משיבת נפש״, ״פקודי ה׳ ישרים משמחי לב״ (גאט׳ס תורה און גאט׳ס דינים דערפרעהען דאס הארץ און דערקוויקען דיא נשמה). וויבאלד אייער פסק וואלט געווען דער אמת׳ער דין תורה, וואלט ניט מעגליך געווען, אז דיא אשה זאל צוליעב איהם האבען אזא צובראכען הארץ, אזא פערביטערטע נשמה און אזוי יעמערליך וויינען. הא למדתי. פון דאנעט האב איך מיר געדרונגען, אז ס׳איז ניט אנדערש נאר איהר האט אודאי געמוזט האבען א טעות״.

״א שעהנער, אמת׳ער תירוץ — האט דאן דער רבי באמערקט צו דיא קינדער — אבער ס׳איז דאך געווען א רוח הקודש, טאקע א קלארער רוח הקודש״.

״א צדיק מוז קענען א טובה טהון זיינע חסידים אויך ווען זיי זיינען שוין אויפ׳ן עולם האמת — האט אמאל אין ג׳ חשון, דעם ריזינער׳ס יאהרצייט, דער סאדאגורער רבי געזאגט צו זיינע חסידים. — דער רבי ר׳ משה ליב פון סאסאוו, האט צוגעזאגט זיינע חסידים, אז נאך זיין הסתלקות, וועט ער בשום אופן ניט וועלען געהען אין גן־עדן אריין. אפילו ער וועט דאצו זוכה זיין, וויבאלד מען וועט איהם ניט מיטגעבען אלע זיינע חסידים, פון וועלכע ער האט בחייו וואס ס׳איז א הנאה געהאט. ער האט אויך אודאי מקיים דבור געווען. מיין פאטער ז״ל, האט אבער ניט געוואלט לאזען זיינע חסידים נפטרים ווארטען ביז נאך זיין פטירה. ער האט זיי א טובה געטאהן טאקע נאך בחייו, זייענדיג פאר זיי א מליץ יושר.״

דארויף האט ער דערצעהלט די דאזיגע מעשה פלא :

״ווען מיין פאטער, ר׳ ישראל׳טשי ז״ל, האט זיך אמאל געהאט אויפגעהאלטען אין סקאלע, איז ער אמאל אין א פרייטאג נאכמיטאג צוריקגעקומען פון דער מקוה זעהר צורודערט. ער האט זיך כסדר ארומגעדרעהט אין זיין חדר אויף און אב, אין אן אויפגערעגטען צושטאנד. רייבענענדיג די לולקע און לאזענדיג פונ׳ם מויל גאנצע וואלקענס מיט רויך, א סימן פון גרויס בלבול־הדעת.

״פלוצים האט ער א רוף געטהאן זיין גבאי שמואל׳יק, איהם דערלאנגט די לולקע־ציבעק זאגענדיג : ״געה גיך צום רב, בעט איהם ער זאל מוחל זיין און

תיכף אהערקומען, ווײל איך קען ניט גנעהען צו קבלת־שבת ביז ער וועט ניט פריהער זיין ביי מיר.״

״פאר דעם גבאי שמואל׳יק איז אפילו דער דאזיגער גאנצער ענין געווען א דבר־פלא. גראד עפּיס איין א פרייטאג פאר נאכט פאר קבלת־שבת זיך אזוי צו בענויטיגען אין דעם שטאדט־רב! אבער וואס טהוט ניט א מקורב וויבאלד דער רבי הייסט?!

״און דער שטאדט־רב ר׳ שלמה, א בעוואוסטער גדול הדור האט זיך אנגעטהאן די ראזשעוואולקע און אומר ועושה געקומען צו געהען צום ריזינער.

״דער רבי האט איהם געהייסען זיצען און אנגעהויבען איהם צו דערצעהלען א מעשה:

״עס איז געווען א איד א חסיד, טאקע אן אמת׳ער חסיד מיט׳ן פולען מויל און דאצו אויך א גרויסער עושר. זיין עשירות האט איהם אבער קיינמאל ניט פערפיהרט עובר צו זיין אפילו אויף דעם קלענסטען איסור. אזא איד איז דאס געווען.

דער דאזיגער אמת׳ער חסיד, האט אמאל איבערגענומען ביי דער רעגיערונג א געשעפטס־אונטערנעהמונג, פון וועלכער ס׳איז געשטאנען צו פערדיענען א הון רב. אזוי ווי ער האט אבער ניט געהאט גענוג אייגענעס בארעס געלד צו געבען דער רעגיערונג די פערלאנגטע קויציאן (סעקיוריטי), האט ער זיך מורה־היתר געווען (ערלויבט), זיך אויסצובארגען פון זיין קאסע דאס געלד וואס איז ביי איהם, אלס שטאדט בטוח, געווען איינגעלעגט פון אלמנות און יתומים, עס צו געבען אלס קויציאן, וויסענדיג אז דאס געלד איז דאך זיכער, ווייל דער מסחר איז א קוואל פון א גרויס עשירות.״

איהר זיצט אויף שפּילקעס, סקאלער רב, איהר איילט אייך אודאי צו געהן אין שוהל, וואו דער עולםווארט שוין אויף אייך. האט געדולד נאך עטליכע מינוט, איך דארף אויך געהען דאוונען: ס׳האנדעלט זיך אבער דא אין א זעהר וויכטיגען ענין, א דין־תורה.

און מיין פאטער דערצעהלט ווייטער:

״דער שר ביי וועמען דער פערטראג האט געזאלט אונטערגעשריבען ווערען, איז געווען א גרויסער שונא־ישראל. וויסענדיג אז דער אונטערנעהמער איז א פרומער איד, האט ער בכיון (אומישנע) בעשטימט דעם טאג צום אונטערשרייבען דעם פערטראג פונקט אויף שבת.

״דערזעהענדיג דעם בריעף פון דעם פריץ, איז דעם חסידישען סוחר פינסטער געווארען אין די אויגען. אין איילעניש האט ער ביים אבשליסען דאס געשעפט און געבען די קויציאן, גאנץ פערגעסען זיך אויסצורעדען, אז דער פערטראג זאל ניט געשריבען ווערען אום שבת. איצט מאכט מען איהם אויפמערקזאם, אז באם ער וועט ניט קומען אין דעם בעשטימטען טאג, איז דער מקח בטל און די איינגעלעגטע קויציאן איז פארפאלען.

דער חסיד האט אנגעווענדעט כל׳ערליי מיטעל מדחה צו זיין דאס אונטערשרייבען אויף אן אנדערען טאג, עס איז אבער ניט געגאנגען: ס׳איז ניטא קיין שום אויסוועג. וואס איז צו טהון? זאל ער דעם פערטראג ניט אונטערשרייבען, וועט דאך די גאנצע קויציאן פערפאלען ווערען. ס׳נעהט איהם שוין ניט אין זיין

איינען געלד. א שׁעהנע ריינע כפּרה, ר׳ נתן ור׳ לקח, אבער צוזאמען מיט זיין געלד וועט דאך אויך פערלוירען געהען די הארעוואניע פון ארימע אלמנות און די פראצע פון בידנע יתומים. יא אונטערשרייבען? זאל גאט איהם ניט שטראפען פאר׳ן בלויזען הרהור־עברה. אזוי פיעל יאהרען זיך אבגעהיטען פון א נדנוד עברה און פיעל מאל אויסגעהאלטען שווערע נסיונות, און היינט פלוצים ווערען א מחלל שבת, און צוליעב וואס? צוליעב געלד, וועלכעס מען קען זיך ניט מיטנעהמען אויף יענעם עולם ארויף!

״שוין האט דער חסיד געהאט ביי זיך פעסט אבגעמאכט צו שלאגען אלעס אין די שאנצען אריין און אהיימצופאהרען, פערלאזענדיג זיך אויף גאט׳ס בערטאטה.

״פלוצים האט זיך איהם געדאכט, אז ער איז אהיימגעקומען און געטראפען די גאנצע שטאדט אין א שרעקליך קאבעניש. אין זיין פאנטאזיע האט ער געזעהען ווי די ארימע אלמנות בעפאלען איהם אויף דער גאס פון אלע זייטען אויסשרייענדיג מיט א ביטערע יללה: ״גזלן, רויבער, גיב אונז אב אונזער שווער פערהארעוועטע פראצע!״ זיינע אויערען האבען שוין געהערט דאס געוויין פון די הונגעריגע, אבגעריסענע און אונפערזארגטע יתומים, בעטענדיג איהם רחמים אויף זיי רחמנות צו האבען און זיי אבגעבען די ארימע פאר גולדען זייער פאטער׳ס בידנע מאיאנטעק.

״דאס מאל האט דאס רחמנות גובר געווען. ער האט ניט מעהר געקענט עומד בנסיון זיין. ער האט מחלל שבת געווען!

״איצט פרעג איך אייך, סקאלער רב, פּסק׳ענט מיר דעם דין אויב דאס קען בעטראכט ווערען פאר אן ״אונס״, און מיר האבען דאך א קימא־לן, אז ״אונס רחמנא פטריה״ (פאר א געצוואונגענע עברה קומט ניט קיין שטראף), און דער חסיד דארף ניט בעשטראפט ווערען פאר חלול־שבת, אדער ווייל ס׳האט זיך דאך נאר געהאנדעלט אין דיני ממונות ניט אין דיני נפשות (א געלד שאדען אבער ניט א לעבענס־געפאהר), הייסט דאס ניט קיין ״אונס״ און עס קומט איהם דאפיר אן עונש.״

נאך א היבשען דין־ודברים, האט ר׳ שלמה דער רב גע׳פסק׳ענט, אז דאס הייסט יא אן ״אונס״, מחמת ער האט דאס ניט געטהאן צוליעב זיין אייגענעם נוצען, נאר צוליעב די אלמנות און יתומים, דאריבער איז ער פּטור פון אן עונש.

דאס פנים פון׳ם טאטען ז״ל האט אויפגעלייכט פאר גרויס שמחה. ״איהר זיינט דאס דער דיין פון וועמען די גמרא זאגט אז ״כל דיין הדן דין אמת לאמתו נעשה שותף להקדוש־ברוך־הוא״ (א ריכטער וואס משפט א דין מיט׳ן אמת׳דיגען אמת. דאס הייסט ניט לויט די טויטע בוכשטאבען, נאר זיך בענוצענדיג מיט׳ן שכל הישר און אורטהיילענדיג לויט די אומשטענדען, ווערט ער אנגערופען גאט׳ס שותף). דאס בית־דין של מעלה האט מסכים געווען צו אייער פסק־דין.

שפּעטער האט מען זיך דערוואוסט, מאקע פון מיין פאטער גופא, אז דער מחלל־שבת איז טאקע געווען זיינס א חסיד, וועלכער איז שוין געווען אויפ׳ן עולם האמת. זייענדיג אין דער מקוה, האט ער דערפיהלט, אז די נשמה איז אין א גרויסע פערלעגענהייט און קען נור האבען א תיקון דורך א פסק פון א רב א גדול.

און דער פאטער מיינער ז״ל, האט איהר פערשאפט דעם תיקון.
״עס איז א זעהר שווערע הלכה צו זיין אן א מ ת ׳ ע ר גוטער איד״ — האט דער סאראגורער ז״ל געענדיגט זיין דאמאלסדיגען שמועס.

## קאפיטעל 29

# די ערציהונג

**דער הויפס-לעהרער ווייכסעלבוים. — די קינדער־משרתים׳ס הכנסה. — קליינע רביים׳לעך. — די געגעראלסקע מונדירען. — מלמדים און לעהרער. — געכשר׳ט דעם מלבי״ם. — צרות פאר פרומע דרשות. — פון באלעמער אין קרימינאל אריין. — דער רבי און ר׳ משה מאנטעפיארע. — די בפרושדיגע סמיכה.**

אין ר׳ יאסעל בארשטשיווער׳ס כניאקישער סטאנציע האב איך ניט זוכה גע־ וועז צו שלאפען אפילו איין איינציגע נאכט. דאס האב איך געהאט צו פער־ דאנקען דעם הויפ׳ס לעהרער, ר׳ מאניט ווייכסעלבוים אויס רודניק, וועלכער איז געוועז, נאך פון דערהיים אויס, מיינס א גוטער בעקאנטער, מחמת אויך ער איז פריהער געוועז א הייסער חסיד פונ׳ם ראזוואדאווער צדיק, ר׳ משה הור־ וויץ ז״ל.

צוליעב עקאנאמישע סבות איז ר׳ מאנים אוועקגעפאהרען קיין סאראגורע און געווארען א לעהרער ביי דיא קינדער (גרויסע בחורים) פון דעם רבינ׳ס מקורבים. זייענדיג א גרויסער חכם, אן אמת׳ער ספרא רבא אין לשון קודש, א מענש מיט גוטע מאנירען, א בעריהמטער בעל תנ״ך, לויט דעם פירוש פונ׳ם מלבי״ם, א גוטער שרייבער אין פויליש און אין דייטש און דאצו אויך א חסיד און דוקא ניט קיין בניאק, האט ער באלד מוצא חן געוועז אין דעם רבינ׳ס הויף, געווארען דער לעהרער פון די יונגערע און דער ליעבלינג פון די עלטערע קינדער פונ׳ם רבין, און דאן אויך געווארען טאקע לפני ולפנים ״פערזאנא גראטא״, וועלכעס הייסט אויף חסידיש לשון אן ״עייל בלא בר״, ווערענדיג דעם רבינ׳ס דאלמעטש אין וויכטיגע אנגעלעגענהייטען.

אט דיעזער פריינד האט מיך אויסגעלעזט פון מיין אכסניה־גלות אריינ־ נעהמענדיג מיך אלס אן אורח צום שלאפען אין זיין פריוואט לערן־חדר.

ביי דיעזער געלעגענהייט איז זיך כדאי אביסעל אבצושטעלען כדי צו בע־ שרייבען מאנכע ענינים וועגען דער קינדער ערציהונג אינ׳ם סאראגורער הויף.

דיא קינדער פונ׳ם סאראגורער הויף זיינען ערצויגען געווארען ממש וויא בני מלכים. אזוי וויא דאס קינד איז נאר וואס אלט געווארען דריי יאהר, האט מען עס ארויסגענומען פון דעם רשות פון דיא גאווערנאנטקעס (ערציהערינס) און איבערגעגעבען אינ׳ם רשות פון צוויי מענער־משרתים, וועלכע האבען בע־ דארפט אבהיטען דאס קינד בייטאג און ביינאכט, וויא אויך אין דער האנד פון

א מלמד, וועמעס אויפגאבע ס׳איז געווען צו לערנען דאס קינד עברי, דערצעהלען רבישע מעשיות, כדי עס צו בעאיינפלוסען מיט גרויס יראת שמים און צוגלייך עס אויך אבצוריכטען איך להתנהג, וויא אזוי ס׳זאל זיך פערהאלטען אין דער סביבה פון חסידים און פרעמדע מענשען. ס׳זאל כמעט גאר ניט ריידען, און ענטפערען נאר געצעהלטע ווערטער.

דיא משרתים מיט׳ן מלמד פלעגען אפטמאל אויסנוצען דעם קינד׳ס חכמה און חשיבות ביי דיא חסידים צוליעב זייערע אייגענע צוועקען, זיך צו מאכען דאפון א וואזשנע הכנסה.

בעת דער רבי האט געפראוועט זיינע חסידים, פלעגט דער משרת אריינפיהרען דאס קליינע רבי׳שע קינד אינ׳ם חדר וואו דער גרויסער עולם האט געווארט ביז זיי וועלען קענען צוקומען צום רבי׳ן, און דאס קינד האט יעדען נגיד׳ישען אורח געגעבען א רבי׳שען "שלום עליכם", דערלאנגענדיג איהם דיא שפיץ פינגערלעך. דער אורח האט שוין געוואוסט אז פאר דעם דאזיגען כבוד דארף ער דעם קינד געבען "שלום-עליכם-געלד" און קריגען פון איהם א ברכה.

טאמער איז אבער דער אורח געווען א "פריטץ", דאס הייסט, א פרישגעבאקענער חסיד, וועלכער האט ניט געוואוסט פון דיא הויפס-מנהגים, האט איהם דאס קינד בפירוש אויפמערקזאם געמאכט אויף זיין חוב, פרעגענדיג: "נו? וואו איז ערגיץ מיין שלום-עליכם געלד?"

דיא חסידים פלעגען נעבען מיט פערגניגען און שמחה א קלענערע אדער א גרעסערע מטבע, פאר וועלכער דאס קינד האט זיי דאן געגעבען דיא דאזיגע ברכה:

"השם יתברך זאל אייך העלפען, אז איהר מיט אייער גאנץ בני-בית זאלט זיין געזונד און שטארק, האבען ברכה און הצלחה, און וואס דער זיידע׳ניו האט אייך געוואונשען און וועט ווינשען זאל מקוים ווערען."

דיא שלום-עליכם-געלדער זיינען דאן פערטהיילט געווארען צווישען דעם מלמד און דיא משרתים לויט א פריהערדיג איינפערשטענדניס, און אלע דריי שותפים האבען דאפון געמאכט א היבשע מטבע.

דיא הלבשה פון דיא קליינע קינדער ביז צו בר־מצוה איז געווען אמת׳דיג מעשה פרינצען. על פי רוב פלעגען זיי טראגען גענעראלסקע מונדירען וועלכע זיינען פערציערט געווען מיט אמת׳ע גאלדענע פראנזען און דאצו אנגעגורט אין א שווערט מיט א גאלדען הענטעל וועלכע האט געהאנגען אויף א גאלד-געשטיקטע גירטעל. א חוץ דעם פלעגען זיי טראגען פערשידענערליי אנדערע מאדנע פרינצליבע טראכטען.

קוים אבער זיינען זיי געווארען בעלי־מצוה, האבען זיי משנה געווען דיא בגדים, אנקליידענדיג שעהנע, מאדערנע זיידענע רבי׳שע מלבושים.

ווען דיא קינדערלעך זיינען אביסעל אונטערגעוואקסען, פלעגט מען פאר זיי האלטען א מלמד און עקסטרא אויך א לעהרער. דעם מלמד׳ס עובדה איז געווען צו לערנען מיט זיי חומש און רש״י, אור החיים, גמרא. זיי צוצואווייזען דיא התנהגות פון צדיקים אויף טריט און שריט דורך לערנען מיט זיי דיא ספרי החסידות און נאכצודערצעהלען מעשיות און דבורים פון "גוטע אידען" ובדומה אלערליי ענינים וואס האבען א שייכות מיט גוט-אידישקייט. דאנגעגען איז גע־

ווען דעם לעהרערס עובדה צו לערנען דיא קינדער תנ״ך מיט׳ן מלבי״ם, שריי־בען לשון קודש און אידיש און אביסעל לעזען און שרייבען דייטש.

עס איז א בעקאנטע זאך אז חסידים פון אנדערע רביים האלטען ניט זעהר שטארק פונ׳ם מלבי״ם. מאנכע פון זיי זיינען גאר מחמיר ניט צו האלטען זיינע פירושים אין שטוב אפילו. אמת, ער איז ביי זיי נאך ניט אזוי טרפה וויא דער ״באור״ פון מענדעלזאהן, אבער יעדענפאלס ניט אזוי כשר וויא דער ״מצודות״. עס קען דאריבער גערעכענט ווערען פאר א גרויסען פארשריט, וואס דער אלטער רבי ז״ל האט געהאלטען אין זיין ספרים שאפע תנ״ך מיט׳ן מלבי״ם און האט אויך מתיר געווען דעם תנ״ך־לעהרער פון זיינע קינדער מיט זיי צו לערנען תנ״ך מיט׳ן פירוש מלבי״ם. עס פערשטעהט זיך, אז די סאדאגורער חסידים האבען באלד דעם רבי׳ן נאכגעטהאן און דער מלבי״ם איז נעקויפט געווארען אין אלע סאדאגורער קלויזען אריין.

דיא מעשה דאפון, ווען און וויא אזוי דער סאדאגורער רבי האט מכשיר געווען דעם מלבי״ם, איז אזוי געווען:

אים יאהר תר״כ האט דער מלבי״ם פערלאזט זיין רבנות־שטעלע אין דייטשלאנד און אנגענומען א כסא־הרבנות אין בוקארעסט. דורך זיין שטרענג־קייט אין רעליגיעזע ענינים און ניט נושא פנים זיין צו דיא רייכע בעל־עברה׳־ניקעס, האט ער זיך דארט פערפיינדעט ביי דער קהלה און געהאט אויסצושטעהן מחלוקת און גרויסע צרות. דאס האט געדויערט אזוי פינף יאהר רצופים.

ביי א געלעגענהייט האבען אמאל דיא סאדאגורער חסידים פון בוקארעסט דערצעהלט דעם רבי׳ן ז״ל פון דיא רדיפות און ענויים קשים וואס דער קעמפ־נער מגיד (דער מלבי״ם) ליידעט זיך אז פון די אידישע רשעים. דער רבי האט זיי אויסגעפרעגט איבער זיינע דרכים, דאן האט ער זיך פאר א ווייל׳ע פער־טראכט און בעמערקט אז ס׳איז א גרויסע מצוה איהם מחזק צו זיין.

פון דאמאלס אן, האבען איהם די סאדאגורער חסידים געשטיצט און איהם בעאיינפלוסט מיט פרישען מוטה און קוראזש.

דיא געגנער פונ׳ם מלבי״ם, וועלכע האבען געהאט א גרויסען איינפלוס ביי דער רעגיערונג, האבען בעשלאסען איינמאל פאר אלע מאל פון איהם פטור צו ווערען אויף יעדען פאל און דורך וואס פאר א מיטעל ס׳וועט זיך נאר לאזען. דער גרויסער כעס אויף איהם איז געווען ווייל ער האט דיא גראביאנסקע אויס־געלאסענע נגידים ניט פערשוינט ביי זיינע דרשות און פון זיי אראבגעריסען זייערע צבוע׳דיגע מאסקעס. זיי האבען דאריבער אנגעגעבען א מסירה אויפ׳ן מלבי״ם, אז אין זיינע דרשות העצט ער אויף דאס פאלק געגען דער רעגיערונג, און אין א שבת אין מיטען דער הדרשה, זיינען איהם דיא זשאנדארען איבערפאלען, פון איהם אראבגעריסען דעם טלית און איהם נעשלעפט מיט בזיון אין קערקער אריין.

דיא מיה און דיא פראטעקציע פון דיא סאדאגורער חסידים איהם צו בע־פרייען האט ניט געהאלפען. האבען זיי תיכף מודיע געווען צום רבי׳ן דורך א שליח מיוחד.

חסידים דערצעהלען, אז בעת דער שליח איז אריינגעקומען אין רבינ׳ס חדר, איז פאר׳ן צדיק געלעגען א תהלים׳ל און ער האט גראד געענדיגט א קאַ־פיטעל מיט דעם דאזיגען פסוק: ״וכל קרני רשעים אגדע, תרוממנה קרנות

צדיק״. האָבען זיך דיא מקורבים דאָפון געדרונגען, אז דער רבי האַלט דעם מלבי״ם פאַר א צדיק, וועלכער וועט בקרב צוריקקומען צו זיין כבוד און גדולה, בעת זיינע פערפאָלגער וועלען האָבען א שוואַרצע מפּלה.

און אז מען האַלט שוין אין דערצעהלען, דערצעהלען זיי טאַקע ווייטער אזא מין עובדה:

אין דערזעלבער צייט ווען דער רבי האָט געזאָגט אין תהלים דעם פריהער דערמאָהנטען פּסוק, איז איינער פון דיא ראשי בריוני אין בוקארעסט, וועלכער האָט גורם געווען דיא תפיסה פון ר׳ מאיר ליבוש מלבי״ם, געפאָהרען צוזאַמען אין א קאַרעטע מיט א הויכען בעאַמטען. פּלוצים האָט דער מסור א געשריי געטהאָן: ״געוואַלד, וואָס ווילט איהר פון מיר האָבען!״ און איז תוך כדי דבור שלאַגמעסיג געשטאָרבען.

אָבער דאָס זיינען נאָר פאָלקס־אגדות. א פאַקט איז אָבער, אז דער רבי ז״ל האָט געשריבען א פערזענליכען בריעף צו ר׳ משה מאָנטיפיאָרע, בעטענדיג איהם, ער זאָל אויסנוצען זיין איינפלוס ביי דער רומענישער רעגיערונג צו רעטען דעם וועלטס־גאון פון דער תפיסה.

מאָנטעפיאָרע האָט זיך ריכטיג פאַר׳ן מלבי״ם משתדל געווען ביי דער רומענישער רעגיערונג און דער גאון איז אַרויס פריי, בתנאי אז ער זאָל תיכף ומיד פערלאָזען רומעניען.

דער מלבי״ם האָט דעמאָלט, אויף זיין רייזע, אָבגעשטאַטעט א וויזיט אין סאַדאַגורע, כדי צו בעדאַנקען דעם רבי׳ן פאַר דיא טובות, וואָס ער האָט איהם געטהאָן דורך דער גאַנצער צייט וואָס ער איז געווען אין בוקארעסט און, ועל כלם, פאַר דער בעפרייאונג.

דער רבי האָט דעמאָלט דעם מלבי״ם צוגעטהיילט גרויס כבוד. ער האָט איהם געהייסען זעצען נעבען זיך, בעפוילען דיא מקורבים זיי זאָלען זיך אָבטרעטען און דאָן פנים אל פּנים מיט איהם עוסק געווען אין, ביז היינט, א ניט בעוואוסטען ענין, מעהר פון א שעה. אזא עובדה איז אין סאַדאַגורע געווען פיעל וועניגער פון א זעלטענהייט.

דער רבי ז״ל האָט דעם מלבי״ם דאָן בעגלייט ביז צו דער טהיר. שפּעטער האָט ער בעמערקט צו דיא מקורבים זאָגענדיג כהאי לישנא:

״ער איז גאָר א וואוילער איד, טאַקע אן עהרליכער איד!״

אזעלכע דבורים פונ׳ם רבינ׳ס פּה קדוש, האָבען אַלע חסידים בעטראַכט פאַר א בפירוש׳דיגע סמיכה. פון דעמאָלט אָן, איז דער מלבי״ם בעטראַכט געוואָרען ביי דיא חסידים פאַר אן ״אחד משלנו״.

## קאפּיטעל 30

# סיר לאָרענס אָליפאנט

**א קריסטליכער ציוניסט און אוהב ישראל. — דער בעזוך אין סאדאגורע. — די פערשיעדענע שמועות מכח זיין קומען. — רבי און אנטנינוס. — דער לאנגער סוד קומט דאָך ארויס. — דעם רבינ׳ס תשובה. — אָליפאנט׳ס בעריכט מכח דעם בעזוך. — מאכט א שווייג פון עיקר.**

אין מיין לעצטען קאפּיטעל האָב איך געשריבען, אז דער געבילדעטער הויפּס־לעהרער, ווייכסעלבוים, איז אין הויף בענוצט געוואָרען, זעהר אָפּט, אלס א דאָלמעטשער. דיעזע דבורים, דענק איך, פאָדערען א דייטליכען פּירוש:

דער סאדאגורער רבי, ר׳ אברהם יעקב ז״ל, פלעגט האָבען גרויס כבוד ניט נאָר פון אידען נאָר אויך פון פּראָמינענטע קריסטען. עס איז שוין גאָר ניט געוועזן פון דיא זעלטענהייטען צו זעהן אין סאדאגורע וועלטס־גרעסען: פירסטען, גראפען, בעריהמטע זשורנאליסטען און אנדערע פערזענליכקייטען, וועלכע זיינען, על פי רוב, געקומען אייגענס קיין סאדאגורע כדי קענען צו לערנען דעם "וואונדער־ראבי", וויא זיי פלעגען איהם רופען, און מיט איהם צו ריידען עטליכע דבורים. עס זיינען אויך מעהרערע מאָל געשריבען געוואָרען פעליעטאָנען אין דיא גרעסטע וועלטס־צייטונגען וויא, למשל: "דיא נייע פרייע פּרעסע" אין וויען, "בערלינער טאגעבלאט", "פראנקפורטער צייטונג" און נאָך פיעל אנדערע, איבער דער גרויסקייט פונ׳ם סאדאגורער רבי און דיא אנטיקען פון זיין פּרעכטיג הויף.

עס פערשטעהט זיך, אז צו אַט דיא דאָזיגע בעזוכען האָט מען געמוזט האָבען א היימישען פערלעסליכען דאָלמעטשער, מחמת דער רבי אליין האָט דאָך ניט געקענט ריידען קיין דייטש. אַט צו דעם דאָזיגען אמט איז דאָס אויסגעקליבען געוואָרען מיין יוגענד־פריינד, מר. ווייכסעלבוים.

אן אינטערעסאַנטען בעזוך האָב איך אליין בייגעוואָהנט אין סאדאגורע אין יאָהר תרמ״א, דעמאָלט ווען סיר לאָרענס אָליפאנט, דער לאָנדאָנער פּאָליטיקער און בעקאנטער אוהב ישראל האָט פלוצים אנגעמעלדעט זיין בעזוך אין סאדאגורע. דיא פּאַרבערייטונגען, וועלכע זיינען דעמאָלט געמאכט געוואָרען אינ׳ם סאדאגורער הויף לכבוד זיין קבלת־פּנים, זיינען אונבעשרייבליך. עס האָט אָבגעקאָסט ממש א הון רב. אלעס, דיא צימער, דיא מעבעל און דער גאנצער הויף, זיינען וויא ניי אויפגעפרישט געוואָרען. דאָס קאָכעניש צווישען גאנצען

הויפּס־פּערזאָנאַל איז געווען אין לשער. דער גאַנצער הויף איז נעגאַנגען אויף רעדער.

סיר לאָרענס אָליפאַנט איז געווען א רייכער אַנגעזעהענער פּאָליטיקער אין לאָנדאָן, וועלכער האָט אויך געהאַט א געוואַלדיגען איינפלוס אויף דער ענגלי־שער רעגיערונג. דורך פּאָליטישע סבות און אויך פון אן אויסשליסליך פּאָלי־טישען שטאַנדפּונקט, האָט ער זיך פלוצים אַנגעהויבען צו בעפאַסען מיט דעם געדאַנקען פון "ישוב ארץ ישראל".

די פערהעלטניסע אין דער טערקיי זיינען דאַמאָלס געווען זעהר קאָמפּלי־צירט. מען האָט געהאַלטען אין גלויבען אז פריהער אָדער שפּעטער, וועט מען זיך צוטהיילען מיט דעם אייראָפּעאישען טערקיי. אָליפאַנט האָט זיך דאַריבער בעמיהט צו בעוויוזען דיא ענגלישע רעגיערונג, וועלכע האָט תמיד געהאַט א גרויס אינטערעסע אין דער טערקיי, אז וויבאַלד ס'זאָל קומען צו א פערטיילונג, וואָלט עס געווען דער בעסטער און ראַטזאַמסטער וועג, כדי אויסצומיידען קנאה צווישען דיא רעגיערונגען, אז דיא אידען זאָלען איבערנעהמען ארץ ישראל, דאָס לאַנד פון זייערע פעטער, און דאָרט צוריק מאַכען זייער היים מיט א אידישער אויטאָנאָמיע.

צו דעם דאָזיגען צוועק האָט ער זיך אַנגעהויבען צו בעשטרעבען טאַקע תיכף צו פערמעהרען און פערגרעסערען דעם אידישען ישוב אין ארץ ישראל. ער האָט דעריבער געפּלאַנט אָבצוקויפען פאַר דיא אידען דאָס גאַנצע לאַנד פּאַ־לעסטינא. אויסגעשטאַטעט מיט בריעף פון דער ענגלישער רעגיערונג איז אָלי־פאַנט קודם כל אָבגעפאָהרען קיין קאָנסטאַנטינאָפּאָל צו פועל'ן ביי דער דאָר־טיגער רעגיערונג פאַר דיא אידען געוויסע קאָנצעסיאָנען בנוגע דעם קויף פון איינענטום אין ארץ ישראל.

דיא טערקישע רעגיערונג האָט אָבער, אויס מיסטרויען, פערווייגערט איהם צו געבען דיא געוואונשטע קאָנצעסיאָנען. אָליפאַנט איז דאַן געווען דאַגעגען פון צו גרינדען אידישע קאָלאָניעס אין ארץ ישראל אויף "תולה ארץ על בלימה", ביז דיא ריכטיגע צייט און דיא ריכטיגע געלעגענהייט וועט קומען. ער איז אָבער געווען דאַפיר, אז דיא אידען זאָלען זיך פּאַרבערייטען פאַר דעם דאָזיגען געדאַנקען און אויך גרינדען א פאָנד צו דיעזען צוועק.

דורך זיין ענערגישעם אויפטרעטען לטובת ישראל און צוליב זיין פערשוועג־דען פיעל געלד צו דיעזען צוועק, האָבען פיעל אידען איהם חושד געווען, אז ער אַרבייט דאָס אַלעם פאַר דער ענגלישער מיסיאָן. אָליפאַנט האָט זיך דאַדורך געצוואונגען געפונען פּעראַנלאַסט צו פערעפענטליכען א בריעף אינ'ם "דזשואיש קראָניקעל", דעם 5טען נאָוועמבער 1880, אין וועלכען ער שרייבט פאָלגענדע שורות:

פיעל מענשען מיינען אז איך בין גאָר א איד. דעריבער מאַך איך דאָ עפענט־ליך בעקאַנט, אז איך בין ניט קיין איד. פונדעסטוועגען בין איך אָבער אויך ניט קיין מיטגליעד צו קיין איינציגע רעליגיעזע קריכטליכע סעקטע, און איך גלויב איבערהויפּט ניט אין דעם וואָס זיי גלויבען. אָבער זינט איך בין געקומען צום שכל, האָב איך תמיד געגאַרט צו זעהן ארץ ישראל בעוואָהנט פון דיא קינ־דער פון דעם יעניגען פאָלק וועלכעס האָט א היסטאָרישעס רעכט דאָס לאַנד צו־ריקצונעהמען אין זייער בעזיץ און צו בעאַרבייטען איהר באָדען, און דאָס זיי־נען דיא קינדער ישראל.

״לעצטעס יאהר (1879), האב איך דורכגערייזט גאנץ ארץ ישראל, כדי אויסצוגעפינען א גוטען פלאץ פאר דיא אידען. אבער מיין האפנונג איז לײדער איצט ניט ערפילט געווארען; זיא וועט אבער ענדליך, פריהער אדער שפעטער, אין אונזערע צייטען ערפילט ווערען.

״איך פיהל א ביטערען שמערץ זעהענדיג פיעל פון דעם אידישען פאלק ווערען אין מאנכע לענדער געפלאגט און אונטערדריקט אהן א פארוואס. ווער זעהט דען ניט בעשיינפערליך, אז אט באלד, טאקע נאך אין אונזערע צייטען, וועלען פארקומען פערשיעדענע ענדערונגען, דורך דיא אריענטאלישע (מזרח) פאליטיק, אויך אין ארץ ישראל? און אייראפא וועט זיך דאן דארפען גוט אי־בערלעגען ווער ס׳זיינען ראווי צו זיין דיא איינוואהנער פון ארץ ישראל. איך, פון מיין זייט, האב דיא אנגעלעגענהייט שוין גוט בעטראכט פון אלע זייטען און בין געקומען צו דער איבערצייגונג, אז נאר דאס פאלק ישראל פאסט זיך גוט און געהעריג צו צום הייליגען לאנד.״

אליפאנט האט דאן אויך בעאיינפלוסט זיין פרוי מיט אהבת ישראל. שפע־טער, ווען ער האט זיך בעזעצט אין ארץ ישראל, אין דער שטאדט חיפה, נעבען בארג כרמל, האט זיין פרוי, וועלכע איז געוועזן א בעריהמטע פיאנא־שפיעלע־רין, קיינמאל ניט געשפיעלט פיאנא. אויף דער שאלה פון איהר מאנ׳ס סעקרע־טער נפתלי הערץ אימבער, דער משורר פון ״התקוה״, איבער דער סבה פארוואס מען הערט זי קיינמאל ניט שפיעלען, האט זי איהם אזוי געענטפערט:

״וויא אזוי קען איך זינגען ליעדער און שפיעלען געזאנגען, בעת איך זעה פאר מיר דאס הייליגע לאנד פערוויסטעט און איהרע קינדער פערזאונגליקט?!״

אליפאנט איז אין זיינע לעצטע יאהרען לגמרי צוריקגעטראטען פון דער קריסטליכער רעליגיאן, אנהויבענדיג צו גלויבען אין תורת משה און אז דיא אי־דען וועלען נאך אמאל זיין א בעזונדער פאלק אין זייער אייגען לאנד.

בעת ער האט דערהאלטען א בריעף פון יוסף ראבינאוויץ פון קישינעוו, דער פלאנער אדער גרינדער פון א נייער רעליגיאן, וועלכע זאל זיין צוזאמענגע־שטעלט פון קריסטליכע און אידישע דאגמען (עיקרים), בעטענדיג איהם, אלי־פאנטען, ער זאל איהם מיטהעלפען אין דיעזען ענין, האט אליפאנט דעמאלט געזאגט צו אימבער׳ן: ״ענטפער איהם ניט אמאל. דער מאן איז ניט ווערטה מען זאל פון זיינעטוועגען קאליע מאכען פאפיער און טינט.״

איך האב געפונען פאר נויטיג דיא לעזער בעקאנט צו מאכען מיט דעם כאראקטער פון סיר לארענס אליפאנט, כדי זיי זאלען, מעהר וועניגער, פערשטעהן פארוואס ס׳האט זיך דאמאלס אין סאדאגורע אזוי געקאכט ביי זיין קבלת־פנים, און פארוואס דיעזער קבלת־פנים האט דאמאלס געגעבען אן אנלאס צו פערשיע־דענע אויסטייטשונגען און זאנדערבארע פירושים.

איבער דער סבה פון דעם דאזיגען זאנדערבארען בעזוך, האבען דאמאלס צירקולירט צווישען דיא חסידים פערשיעדענארטיגע שמועות. מאנכע האבען בעהויפטעט, אז דער ״גרויסער פריץ״ האט מיטגעבראכט זעהר וויכטיגע פאלי־טישע סודות, בנוגע דעם אידישען פאלק, וועלכע מען טאר פאר קיינעם ניט מגלה זיין, מען דארף דאס אפילו ניט שרייבען אויף פאפיער. ער איז דעריבער געקומען דאס צו איבערגעבען פה אל פה צום צדיק הדור, ווען ער בעטראכט אלס דער פיהרער און פערטרעטער פונ׳ם גאנצען אידענטום.

אנדערע ווידער האבען ערקלערט צו וויסען, אז דער ״אדון הגדול״ וויל זיך גאר מנייר זיין. צו דיזען צוועק איז ער געקומען האבען א זכות מיט׳ן רבי׳ן, זאל לעבען, און אזוי באלד וויא דער רבי וועט איהם איבערצייגען פון דעם מאַ־ראלישען ווערטה פון תורת משה און פון דער אידישער רעליגיאן, דאן שענקט ער אוועק דעם רבי׳ן א האלב פון זיין גרויס פערמעגען. דער רבי זאל דאמיט מענען טהאן וואס ער וועט וועלען, און ער, אליפאנט בכבודו ובעצמו, וועט זיך תיכף איבערטראגען מיט זאק און פאק צו אונז אידען, ווערענדיג א איד מיט׳ן פולען מויל און א סאדאגורער חסיד דאצו. ביי דיזער כתה איז שוין אפילו ענטשטאנען א הייסע דעבאטע, וואס אייגענטליך דער רבי וועט טהאן מיט אזא גרויס פערמעגען.

א טהייל חסידים זיינען גאר אזוי וויוט פערקראכען צו דרשנ׳ען סמוכין. דער רבי, וועלכער קומט ארויס פון זרע מלכי בית דוד, האט אודאי דיא נשמה פון ר׳ יהודה הנשיא (רבי), אויף דוד המלך׳ס אן אייניקעל, און דער גוי׳שער שר אליפאנט, איז ווידער בלתי ספק א גלגול פונ׳ם רוימישען קייזער אנטנינוס. דעריבער קומט דער איצטיגער אנטנינוס, וויא אין יענע גוטע אלטע צייטען, בעזוכען רבי׳ן.

אליפאנט איז ריכטיג געקומען. ער האט געפונען אין הויף אן אונגעהייערע ווארימע אויפנאהמע פונ׳ם אלטען צדיק מיט זיינע קינדער. ער האט זיך ניט לאנג פערזאמט אין סאדאגורע. תיכף נאכ׳ן בעזוך איז ער אוועקגעפאהרען. וואס דער מדובר איז דעמאלט געווען מיט׳ן רבי׳ן איז פערבליבען א סוד. דער דאל־מעטשער ווייכסעלבוים און ר׳ נחום בער׳ניו ז״ל, דיא איינציגע צוויי פארשוי־נען וואס האבען בייגעוואהנט דעם וויזיט, האבען פון דעם ענין קיינמאל ניט גערעדט קיין ווארט.

ערשט מיט דרייסיג יאהר שפעטער, טאקע היער אין ניו יארק, האט מיר ווייכסעלבוים מגלה געווען האלב בסוד און האלב ברמז ראשי פרקים, פון וועלכע כ׳האב מיר געקענט דרינגען, אז אליפאנט גלויבענדיג אז דער סאדאגורער רבי איז דער ראש פון דער גאנצער ״כנסת ישראל״, האט דעם סאדאגורער געוואלט ארייננציהען אין דער פאליטיק פון גרינדען א גרויסען פאנד (קרן-קימת), כדי מען זאל איהם קענען אויסנוצען אין דער ריכטיגער צייט אבצוקויפען ארץ ישראל פונ׳ם טערק׳ס הענט.

דארויף זאל איהם דער צדיק האבען געענטפערט אזא תשובה.

ערשטענס טאר ער ניט, לויט דעם אידישען געזעץ, ארבייטען געגען דיא אינטערעסען פון דער טערקישער רעגיערונג, מחמת ער אליין איז א טערקישער אונטערטהאן (בירגער) נאך פון זיין פאטער׳ס צייטען (דיא גאנצע סאדאגורער משפחה האבען זיך ערקלערט פאר טערקישע בירגער, כדי פטור צו זיין פון מי־ליטער דיענסט; זיי האבען געוואהנט אין עסטרייך נאר אויף א טערקישען פאס ווי פיעלע אנדערע טערקישע אידען וואס וואהנען אין וויען אדער אין פעסט). צווייטענס, דארפען אידען האפען אוןווארטען אויף א גאולה בדרך נס, ניט על פי דרך הטבע.

איבער דעם דאזיגען בעזוך האט אליפאנט שפעטער נאכ׳ן סאדאגורער׳ס פטירה (1883) געשריבען א קליינעם בעריכט אין מאקסמיליאנס א מאגאזין, וועלכער לייענט זיך אזוי:

"בעת איך בין געווען אין וויען, בין איך בעקאנט געווארען מיט מענשען וואס מען מעג זיי גלויבען. זיי האבען מיר אזוי פיעל אנדערצעהלט פון דעם סאדאגורער רבי׳ן, אז איך האב אזש בעקומען א שטארקען חשק איהם קענען צו לערנען. ווייל איך האב מיר אזוי געטראכט: זאל זיין וויא ס׳וויל. א מענש וואס איז אימשטאנד דורך זיין גייסט צו בעהערשען טויזענדער מענשען, קען ניט זיין קיין געוועהנליכעס אלטאגס וועזען (א פשוט׳ע בריאה).

אזוי וויא איך בין צו יענער צייט גראד געווען ניט ווייט פון סאדאגורע, האב איך געלאזט דעם רבי מעלדען, אז איך מיט מיין פרוי ווילען איהם בעזוכען. תיכף האט דער רבי מיר געשיקט זיין הערליכע קאלעסע. ביי אונזער אנקומען, איז דאס גאנצע אידישע פאלק פון סאדאגורע געשטאנען אויף ביידע זייטען פונ׳ם שטראס, אנצוקוקען דעם קריסט וואס קומט צו זייער רבי׳ן.

פאר דעם רבינ׳ס הויז, האבען אונז בעגריסט דיא זיהן און דיא איידימס פונ׳ם רבי, וועלכע זיינען אלע געווען געקליידעט אין פוילישער טראכט. אינ׳ם הויף האבען דיא טעכטער פונ׳ם רבי איבערגענומען מיין פרוי אין זייער רשות אריין. מיך האבען דיא "הערען" אריינגעפיהרט אין א צימער, וועלכעס איז געווען אויסגעפוצט מיט זילבערנע, גאלדענע און אנדערע טהייערע קאסטבארקייטען, וויא א פירסטליכער הויף. דארטען האב איך מיך צוזאמענגעטראפען מיט׳ן רבי׳ן, וועלכער איז אריינגעקומען בעגלייטעט פון צוויי משרתים. מלכות׳דיגער רעספעקט האט ארויסגעשטראהלט פון זיין פנים. אין א זעהר פערשטענדיגער וועיזע האט ער צו מיר גערעדט איבער דער לאגע פון דיא רוסישע אידען. כאטש זיין "טהאן און לאסען" (בענעהמען) איז מיר ניט גאנץ קלאר געווען, האב איך מיך אבער אט דאס איבערצייגט, אז ער איז אימשטאנד צו לייטען און קאמאנדירען זיין סביבה מיט איין־איינציגען וואונק."

מכח זיין אונטערערדונג און דעם הויפט־צוועק פון זיין נסיעה צום רבי׳ן, דערמאנט ניט אליפאנט אפילו א דבור.

## קאפיטעל 31

# די פריצ׳ישע געסט

**דער ערשטער מופת צו א קריסטליכער פריצה — צו טהאן אידען טובות איז דער בעסטער "פדיון" — דער רבי א "בורר" צווישען קריסטען און אידען — א גראף פערלירט א גרויסען פראצעס און פאהרט אהיים צופריעדען — ווי אזוי גוי׳שע שרייבער האבען בעשריבען א סאדאגורער חתונה.**

דיא קריסטליכע געסט וואס פלעגען אפט קומען קיין סאדאגורע צום רבי׳ן, זיינען געווען פערשיעדען־ארטיגע. מאנכע פריצים זיינען געקומען צופאהרען פשוט וויא, להבדיל, חסידים צו זוכען א ישועה אין אן עת צרה, בעזאנדערס דיא יעניגע פריצים וועלכע האבען נעהאט נעבען זיך פערטרויטע "מאשקעס", פון

זועלכע זיי פלעגן זיך אפט אנהערען מיט מופתים וואס דער רבי האט בעוויזען דורך אן עצה פון עטליכע געצעהלטע דבורים. זיי פלעגן אזוי בע־איינפלוסט ווערען, אז קוים זיינען זיי געקומען אין עפיס א פערפלאנטערטער פערלעגענהייט אדער אין א פאמיליען־צרה, זיינען זיי געפאהרען צום רבי׳ן זיך שואל בעצה צו זיין. דער רבי פלעגט זיי תמיד צו זיך צולאזען און זיי געבען אן עצה אדער אויך ווינשען א ישועה. פדיונות און געלד־מתנות האט אבער דער רבי ביי זיי קיינמאל ניט געוואלט צונעהמען.

נאר אין דיא תחלה, ווען ר׳ אברהם יעקב ז״ל איז נאר וואס געווארען רבי אין סאדאגורע אויף דעם פאטער׳ס ארט, איז געקומען צו איהם צופאהרען דיא פריצה פון לעשנאוויצע מיט איהר׳ס א איד, דער גאנצער כל־ולך אין איהר הויף, א סאדאגורער חסיד, מיט א בקשה דער רבי זאל מתפלל זיין אז איהר טאכטער וועלכע איז מסוכן קראנק זאל האבען א רפואה.

דער רבי ז״ל האט איבערהויפט פאר זיך ניט צוגעלאזט קיין פרויען מיט בקשות. דאס קוויטעל האט געמוזט פאר׳ן רבי׳ן פארגעלעגט ווערען פון׳ם גבאי, בעת דיא פרוי איז געשטאנען אין אן אנדער חדר, נעבען דער טיר פון׳ם רבין׳ס פראווע־צימער. האט דער רבי געוואלט עפיס איבערפרעגען דיא אשה, איז עס אלץ געגאנגען דורכ׳ן גבאי, וועלכער האט געדיענט בשעת מעשה אלס א דאל־מעטש.

דער רבי האט לכתחלה גאר ניט קיין חשק געהאט זיך אבצוגעבען מיט א בקשה פון א פרוי פון אן אנדערע נאציאן, זיא פארצולאזען פאר זיך אפילו דורכ׳ן גבאי׳ס פערמיטלונג. אבער נאכדעם וויא דער חסיד זיינער, דער פריצה׳ס הויפס־איד, האט איהם געבעטען רחמים ער זאל איהר ניט אבזאגען מחמת עס קאן שאדען ניט נאר איהם אליין נאר פיעל אידען וואס ציהען זייער מחיה פון איהר הויף, און נאכדעם וויא דער גבאי האט דערקלערט אז ס׳קען דאפון ארויסקומען א גרויסער קדוש־השם וויבאלד דיא קראנקע וועט האבען א רפואה, האט דער רבי מסכים געווען צו לייענען דאס קוויטעל, בעת דיא פריצה איז גע־שטאנען אין דעם איינגאנג פון דער טיר פון׳ם צדיק׳ס חדר.

דעם הונדערטער־פדיון האט ער געהייסען דעם גבאי איהר צוריקגעבען, נאר זיא זאל געבען אנשטאט א פדיון דיא הבטחה צו טהון טובות מיט דיא אידען פון איהר געגענד.

״וואס זאגט דער דאקטאר צום מצב פון חולה?״ — האט זי דער רבי געלאזט פרעגען דורכ׳ן גבאי.

— דער דאקטאר האט געזאגט, אז זי איז אין א גרויסע סכנה. ס׳איז ניטא מעהר קיין רפואה — איז געווען דיא תשובה.

״זאג איהר, אז דער דאקטאר איז א שוטה — האט זיך דער רבי אנגערופען צ׳ם גבאי. — ער האט נאר א רעכט צו זאגען אז ער ווייסט ניט קיין מיטעל צו דער קראנקהייט. השם־יתברך בעשאפט גאר דיא רפואה פאר דער מכה. מען דארף נאר האבען א זכות אין הימעל. דאן איז צו יעדער קראנקהייט, וויא גע־פעהרליך זי זאל ניט זיין, פערהאנען א רפואה״.

דער צדיק האט איהר דאן איבערגעגעבען דורך׳ן גבאי זיין ברכה. דיא פריצה איז אהיימגעפאהרען צופריעדען, און איהר טאכטער האט באמת געהאט א

רפואה. דיעזער ענין האט גורם געווען אז פיעל אננעזעהענע קריסטען זאלען קו־מען מיט זייערע בקשות צו זוכען הילף ביים צדיק.

בעזאנדערס פון רוסיש־פוילען פלעגען זעהר אפט קומען צו פאהרען רייכע פירסטליכע אדער גרעפליכע גוטס־בעזיצער, צום רבי׳ן, בעת זיי האבען געהאט עפּיס א דין־ודברים און א סכסוך מיט זייערע פעכטערס (פּאסעסארס) אדער מיט זייערע אידישע וואלד־סוחרים, וועלכע זיינען געווען סאדאגורער חסידים, כדי זיך צו פערלאזען אויף׳ן רבינ׳ס פסק. דאס צוטרויען פון דיא פריצים צום רבינ׳ס דבורים איז געווען איבערנאטירליך. זיי זיינען אויך תמיד אהיימגעפאהרען צופרידען. וויא אזוי דער פסק־דין האט ניט געזאלט אויספאלען, לזכות אדער לחובה, האבען זיי אבער תמיד נעהאט דיא איבערצייגונג, אז דער פסק איז געווען ארויסגעגעבען מיט אן אונשולדיגער, אמת׳ער כונה, אהן וועלכע ס׳איז פארטיי־ליכקייט.

און דער רבי ז״ל האט טאקע ניט נושא־פּנים געווען צו קיין שום צד. ער האט זיך גענומען צייט און מיה דעם ענין גוט חוקר ודורש צו זיין פון כל ערליי צדדים. דאריבער האט עס מאנכעס מאל פאסירט, דאס ביי פערוויקעלטע סכסוכים האבען דיא פריצים געמוזט אבזיצען אין סאדאגורע עטליכע וואכען. מחמת דער רבי האט געקענט דאצו פערווענדען נאר א געוויסע צייט אין טאג, און דאס אויך ניט יעדען טאג, נאר בעשטימטע טעג אין דער וואך.

אינטערעסאנט איז געווען — לויט וויא דער דאלמעטש מר. ווייכסעלבוים האט מיר פערזיכערט, — וואס דער רבי האט תמיד מדקדק געווען, ניט אויסצו־הערען פון איין צד דבורים וועלכע דער צווייטער פערשטעהט ניט, אפילו ניט מאותו ענין, דאס מיינט, אפילו ווען דיא דבורים האבען ניט געהאט קיין שום שיכות מיט דעם פראצעס. אזוי האט זיך געטראפען כמה פעמים, אז בשעת ביידע צדדים, דער פריץ מיט׳ן איד, זיינען געווען ביי איהם אין הדר, האט דער חסיד ביי דיעזער געלעגענהייט דערצעהלט דעם רבי׳ן גאר אן אנדער ענין וועל־כעס האט ניט געהאט קיין שום בעציהונג צו דעם דאזיגען סכסוך, פלעגט זיך דער רבי פלוצים אנרופען צו ר׳ מאניס ווייכסעלבוים: ״דערצעהלט דעם אדון אלצדינג וואס ער האט מיר דערצעהלט, מרישא לסיפא״. דאס האט ער געטהאן כדי דער פריץ זאל ניט חושד זיין, אז דער חסיד בעמיהט זיך איצט צו בעאיינ־פלוסען דעם רבי׳ן טאקע אין דיעזען עסק און שמועסט דאס אויף אזא אופן דער פריץ זאל עס ניט פערשטעהען.

ווייכסעלבוים האט מיר אויך דערצעהלט דיעזע עובדה: דער גראף טשער־ניצקי האט אמאל געהאט א סכסוך מיט זיינע אידישע וואלד־סוחרים אויף א בעטראג פון פופציג טויזענד רובעל. אזוי וויא דיא סוחרים זיינען אלע געווען סאדאגורער חסידים, האט דער גראף איינגעוויליגט צו פאהרען צום רבי׳ן קיין סאדאגורע און זיך פערלאזען אויף זיין פסק. דער פריץ איז דארט אבגעזעסען א לאנגע צייט און ענדליך האט דער רבי ארויסגעזאגט דעם פסק לחובת הפריץ, אז דער גראף איז אומגערעכט. עס פערשטעהט זיך, אז דער רבי האט ניט גע־זאגט דעם פסק גלאט אזוי אין דער וועלט אריין אהן א שום טעם, נאר ער האט איהם בעגרינדעט על פּי היושר. בעת דער פריץ איז אוועקגעגאנגען פון׳ם רבי׳ן אהיימצופאהרען, האט איהם ווייכסעלבוים בעגלייט ביז אין זיין סטאנציע. דארט

האָט דער גראף ארויסגענומען א פינף־און־צוואנציגער רובעל און דערלאנגענדיג איהם פאר זיין טרחה אלס דאלמעטש, האָט ער אזוי געזאָגט:

"ערשט איצט זעה איך ארויס בחוש אז אייער רבי איז באמת א געטליכער מאן. אהערגעקומען בין איך מיט דער אינערליכער איבערצייגונג אז איך בין אין דעם פולסטען רעכט און דיא אידען ווילען מיך בעשווינדלען. איצט דאגעגען בין איך איבערצייגט, אז דיא אידען, מיינע סוחרים, זיינען אין גאנצען גערעכט און אויך טאקע אנשטענדיגע מענשען. דאס האָט מיך דייטליך איבערצייגט אייער רבי מיט זיין דעפינירען און נאכזוכען דעם אמת אין דיעזען פערוויקעלטען ענין".

דער גראף האָט דאמאָלס אויך געוואָלט געבען דעם רבי׳ן א שעהנע מתנה, וועלכע דער רבי האָט אָבער צוריקגעוויזען, מיט דער ערקלערונג, אז ער איז ניט קיין רב און נעהמט פאר זיינע פסקים איבערהויפט ניט קיין שכר.

און ער האָט טאקע קיינמאָל ניט גענומען דאפיר קיין שום שכר אפילו פון׳ם געדרעכטען צד. דאמיט האָט דער רבי טאקע מקדש השם געווען.

דער פעליטאָניסט פון דער פראנקפורטער צייטונג, ווען ער האָט אויף זיין רייזע אין עסטרייך אבגעשטאטעט א בעזוך דעם סאדאגורער רבי׳ן, פון וועלכען ער האָט דאן געשריבען א פעליטאָן אין דער ערוועהנטער צייטונג איבער דעם סאדאגורער הויף בכלל און איבער דעם רבין׳ס פערזענליכקייט בפרט, האָט זיך בנוגע דעם רבי׳ן אזוי אויסגעדריקט:

"אלס קריסט קען איך ניט, און בין איבערהויפט ניט קאָמפּעטענט, צו אורטיילען איבער דעם רבי׳ס פערזענליכקייט אלס וואונדער־ראבי און הייליגער. אלס מענש אָבער, האָט ער אויף מיר געמאכט אן איינדרוק אלס פיעל מעהר פון א פשוט׳ען מענש. איך קען מיר אליין דאריבער ניט אָבגעבען קיין רעכנונג. דער ערשטער איינדרוק האָט אויף מיר געווירקט בעצויבערענדיג און איך שטעה נאך ביז איצט אונטער דעמזעלבען איינדרוק".

ס׳רוב זשורנאליסטען און שרייבער פון גרויסע וועלט־צייטונגען, האָבען זיך אָבער מעהר אָבגעגעבען מיט אויסערע ענינים, מיט די טראכט (הלבשה) פון די צדיקים און זייערע פרויען און מיט די הויפ׳ס־אנטיקען ווי מיט דעם צדיק׳ס פערזענליכקייט גופא.

אזוי, למשל, וועט אינטערעסאנט זיין צו לעזען ווי אזוי א גוי׳שער שרייבער האָט בעשריבען דאָס אויסזעהען פון דעם בעריהמטען צדיק ר׳ נחום בער׳ניו, דעם סאדאגורער׳ס איידעם און דיא אויסערע הערליכקייט פון זיין חתונה:

"ער איז א יונגערמאן פון עטליכע צוואנציג יאָהר (1876), און ווערט שוין געעהרט פון פיעל חסידים אלס א רבי. אין זיין פיזיגנאמיע, געשטאלט, האלטונג און קליידונג איז ער עהנליך צום רבי׳ן, זיין שווער און אָנקעל. אויך זיין בליק איז האלב פערשלייערט און קיהל, זיין הויט פון א דורכזיכטיגע ווייסקייט, זיינע באקען, וועלכע ס׳רינגעלט ארום א קעסטען־ברוינע שפּיציגע באָרד, זיינען צאַרט און עטוואס פארביג. אן אריסטאקראטישעס אויסזעהען.

"אין טשערנאָוויץ האָט מען מיר דערצעהלט וואונדער־זאכען פון דער פּראכט און שעהנהייט מיט וועלכע זיין חתונה איז געפייערט געוואָרען. טויזענדער חסידים פון דיא ווייטעסטע מקומות זיינען געקומען צו פאָהרען קיין סאַדאגורע כדי זיך צו צוזעהען צו דער חתונה־פּאראדע. פאר אומגלויבליכע הויכע

פרייזען האָט מען געדונגען א פּלאַץ ביי דיא פענסטער אין יענע גאַסען וואו דיא חתן־כלה פאַראַדע האָט געזאָלט דורכפאָהרען. דיא כלה איז געפאָהרען פאַר־אויס אין א רייך פערגאָלדעטער חופּה־ארטיגע קאַלעסע, וועלכע איז געווען אויס־געשלאָגען מיט הימעל־בלויען אטלאס. אין אן עהנליכען פאַראַדע־וואָגען איז דאַן נאָכגעפאָהרען דער חתן, וועלכער — דער וואָגען — איז ווידער געווען אויס־געשלאָגען מיט רויטען סאמעט.

"צו דער כלה׳ס קאַלעסא זיינען געשפּאַנט געווען פיער שנעע־ווייסע פערד, בעת צום חתן׳ס קאַלעסע זיינען געשפּאַנט געווען פיער קויל־שווארצע פערד. פופציג משרתים פון׳ם הויף, אלע אָנגעקליידעט אין גאָלד פערציערטע טשער־קעסען קאָסטיומען, רייטענדיג אויף טהייערע פערד, האָבען ארומגערינגעלט דיע־זעביידע פאַראַדע־וועגען, נאָך וועלכע ס׳האָט זיך געצויגען א לאַנגע שורה מיט קאַלעסען.

דיא צאָהל פון חסידים וואָס האָבען זיך בעטייליגט אויף דער דאָזיגער חתונה איז געווען, לויט א גרינגדליכער אָבשאַצונג, איבער פופציג טויזענד".

עהנליכע און נאָך פיעל מעהר פארביגע שילדערונגען איבער דיא הויפּס־אַנטיקען און דיא הויפּס־עטיקעטען, זיינען אָפּט בעשריבען געוואָרען אין פער־שיעדענע צייטונגען און מאַגאַזינען. כמעט אלע קריסטליכע שרייבער האָבען גע־רעדט איבער דער סאַדאַגורער דינאַסטי מיט א שטיק יראת הכבוד, מיט דעם גרעסטען רעספּעקט.

## קאַפּיטעל 32

# ר׳ אברהמ׳לע מלאך

דער הלולא־זיץ. — די ניט־מענשליכע קדושה. — א בעל־כרחו׳דיגע חתונה. — דער אבי־הכלה בלייבט אין דערהיים. — דברים שבינו לבינה. — דער צדיק גלויבט ניט אין חלומות. — דער עונש שרפה. — דער פאַמיליען פירוד. — דאָס דור איז ניט ראוי געווען צום צדיק און צו דער גאולה. — גוטע אידען ווילען ניט זייערע אלמנות זאָלען חתונה האָבען. — א שלש־סעודות׳דיגען חלום. — דעם נפטר׳ס הבטחות ווערען מקוים.

י״ב תשרי, דיא יאָהרצייט פון ר׳ אברהמ׳לע מלאך, איז דיא חסידישע חברה געזעסען אין טעבעל׳ס שענק אָבהאַלטענדיג דעם גרויסען צדיק׳ס הלולא ביי א נלעזעל משקה.

איצט שטעהען שוין די גלעזעלעך מאַנכע האַלב און מאַנכע אין גאַנצען אויסגעליידיגט. זיי ווערען איצט ניט אָנגעפילט אויפ׳ס ניי, מחמת ס׳איז אַן ערנסטער מאָמענט. ר׳ איטשי טויסטער געהט איצט אויסנוצען זיין חזקה, דער־צעהלען ענינים פונ׳ם בר־הלולא, דעם "מלאך".

אלע פנים׳ער ווייזען אַז ערנסטע מינע און א געוואלדיגע נייגירדע צו דעם ספור המעשה, וועלכע יעדער סאדאגורער חסיד ווייסט זיא און האָט זיא געהערט שוין פיעל מאָל. ס׳מאכט ניט אויס. דיא מעשיות האָבען תמיד דיזעלבע הימלישע צוציהונגס קראפט, וויא אויף יעדעס מאָל א ניי פנים.

און ר׳ איטצי גיט זיך מיט די צוויי פינגער פון דער רעכטער האנד א וויש איבער דיא וואנצעס, און פון דאָרט מאכען דיא פינגער אַן הקפה איבערן מויל, ארומנעהמענדיג און אראבגלעטענדיג דאַן, מיט דער הילף פון דיא איבעריגע פינגער, די לאנגע צוויי־שפיציגע באָרד, א פערמאך פאר א ווײלע די אויגען, אלס אַן הכנה און א ישוב הדעת, און הויבט דאַן אָן:

״א פחד פון א צדיק איז׳ס געווען, ממש א מלאך אלקים. צעהן יאָהר רצופים האָט ער געוואָהנט מיט׳ן ערשטען ווייב ניט האָבענדיג מיט איהר קיין שום מגע־ומשא, זייענדיג אזוי ווייט פון מענשליכע ענינים וויא הימעל פון דער ערד. א קליינינקייט? א נשמה וואס איז אראבגעצויגען געוואָרען פון היכל הנשמות גופא!

ס׳איז עפּעס משיג צו זיין מיט א מענשליכען מוח? אַן אלמן פון קוים פינף און צוואנציג יאָהר און האָט ניט קיין רמז פון א מחשבה אפילו מעהר חתונה צו האָבען. דאס הייסט אמת׳דיגע הייליגע אויסגעארבייטעטע אברים!

האָט אָבער דער הייליגער פּאָטער דער רבי ר׳ בער ז״ל געוואוסט ״עד היכן הדברים מגיעים״ און אויף איהם גוזר געווען בגזרת כבוד־אב אז ער מוז חתונה האָבען.

און נעשיקט האָט ער צוויי שליחים, אָהן דעם זוהנ׳ס ידיעה אפילו, קיין קרעמעניץ צום גרויסען מגיד ר׳ פייבוש, דער ״משנת חכמים״, ביי איהם צו פּועל׳ן ער זאָל געבען זיין צוועלף יעהריגע טאָכטער גיטעלע פאר א ווייב צום הייליגען מלאך.

ער האָט זיי אָנגעזאָגט אז זיי זאָלען טאקע תיכף מיטברענגען די כלה, כדי באלד צו מאכען דיא חתונה.

אויף א גביר׳שען אופן אין א פרעכטיגע קאלעסע, זיינען דיא צוויי משולחים אָבגעפאָהרען קיין קרעמעניץ, מיטנעהמענדיג מיט זיך טהייערע כלה־מתנות וויא אויך שעהנע חתונה־מלבושים פאר דער כלה און דיא אָרימע מחותנים, כדי ס׳זאָל ניט זיין קיין שום מניעה.

זיי זיינען אין א שעה מוצלחת אָנגעקומען קיין קרעמעניץ און גלייך פער־פאָהרען צום מגיד׳ס הויז.

געטראָפען האָבען זיי אין הויז נאָר דיא מגיד׳עכע אליין. מחמת ר׳ פייבוש פלעגט זיצען יומם ולילה אין בית־המדרש על התורה ועל העבודה, זיך גאָר ניט מישענדיג אין עולם־הזה אנגעלעגענהייטען.

וויא דיא מגיד׳עכע האָט זיך דערוואוסט פון דיא משולחים דעם מבוקש זייערן, האָט זיא זיך אין דער תחלה זעהר צולאכט.

״א קינד פון צוועלף יאָהר חתונה מאכען און נאך דאצו מיט עפּעס אַן אלמן?״

אַן אשה בלייבט אַן אשה. דער ״מלאך הקדוש״ איז ביי איהר געווען עפּעס

אן "אלמן". זיא האט נאך זיך גאר דארונטער געהאלטען, אנשטאט זיך אנצור־כאפען מיט הענט און פיס.

אבער מניה וביה האט זיא זיך וויא מיישב געוועזן און זיך אנגערופען:

"כ׳וועל באלד שיקען אהיימרופען מיין "מגיד" און הערען וואס ער זאגט עפעס דאצו".

איהר פערשטעהט דאך, אז דאס איז נאר געוועזן דער גרויסער כח פונ׳ם מעזעריטשער צדיק.

דער מגיד ר׳ פייבוש האט זיך אין דעם ענין אנגעכאפט מיט ביידע הענט. א קלייניגקייט? דעם גרויסען ר׳ בער פאר א מחותן און דעם היילינגען מלאך פאר אן איידעם!

א מאן איז טאקע א מאן.

געפאהרען אויף דער חתונה איז אבער נאר די כלה און איהר מוטער: ר׳ פייבוש אליין איז געבליבען אין דערהיים. ער האט ניט געוואלט מבטל זיין פון זיין תורה און תפלה.

ס׳האט מן הסתם ניט געטויגט אז דיא צוויי צדיקים זאלען זיך צוזא־מענקומען. ווער קען פערשטעהן זייערע ענינים?

מיט גרויס כבוד און גדולה איז דאן אבגעהאלטען געווארען דיא חתונה ביי וועלכער ס׳האבען זיך בעטהייליגט אלע תלמידים פונ׳ם רבין ר׳ בער. ס׳איז שוין געוועזן דארט וואס צו זעהען און וואס צו הערען.

די מחותנת׳טע איז אהיים געפאהרען א גליקליכע מיט א הארץ פול מיט שמחה איבער דעם הימלישען מזל פון איהר טאכטער.

דאס יונגע ווייבעל אבער האט, הפנים, ניט געקענט משיג זיין דאס גרויסקייט פון איהר הייליגען מאן און זיך געפיהלט שטארק געקרענקט איבער דעם צדיק׳ס הימלישע פרישות.

הוא אשר דברתי. אט דאס האב איך דאך שוין פריהער געזאגט: אן אשה פערבלייבט אן אשה, מעג זיא זיין אפילו דעם תנא־קמא׳ס טאכטער. ביי איהר שפיעלט דיא גרעסטע ראלע דיא "עניני אישות"...

אבער פארט א צדקת. זיא האט דעם הייליגען מאן ניט מצער געוועזן...

דער רבי ר׳ בער האט געפיהלט איהר פערבארגענעם צער און זיא שטארק מקרב געוועזן, מעהר נאך וויא אן אייגען קינד.

פאר דער פטירה, האט דער רבי ר׳ בער צוגערופען צום בעט דיא שנור, גיטעלע, וועלכע האט ביטער געוויינט פיהלענדיג אז איצט בלייבט זיא איבער גאנץ עלענד, און איהר צוגעזאגט, אז ווען זיא וועט זיך בענויטיגען אין זיינ׳ס אן עצה, וועט ער זיא ניט פערלאזען.

זיבען יאהר נאך איהר חתונה איז דער רבי ר׳ בער נסתלק געווארען אין אניפאליע, וואו ער האט געוואהנט דאס לעצטע יאהר. דארטען איז אויך ר׳ אברהמ׳לע געבליבען וואהנען נאכ׳ן פאטער׳ס פטירה.

דער מלאך האט באין אופן ניט געוואלט זיך זעצען אויף זיין פאטער׳ס שטוהל. א מנהיג הדור מוז פערשטעהען מענשליכע ענינים כדי צו האבען א בעגריף אין דיא מענשליכע בקשות פון זיינע חסידים.

ר׳ אברהמ׳לע מלאך׳ס נשמה איז צו הויך געוועזן פאר אזעלכע ענינים.

האָט גיטעלע נעמוזט אַנהויבען אליין צו טראַכטען פאַר פּרנסה. זיא האָט זיך נעעפענט א קרעמעל און דאפון געצויגען מחיה.

נעהאט האָט זיא דאמאַלס צוויי קינדער.

דער תכלית פונ׳ם מלאך׳ס אראָבקומען אויף דעם עולם איז דאמיט שוין נעהאט דערפילט געוואָרען.

נאָכ׳ן מעזערעריטשער׳ס פּטירה, האָט דער מלאך בעשלאָסען זיך גאַנץ פּורש צו זיין פון מענשליכע ענינים. ער האָט בעפוילען דעם גבאי ארויסצו־נעהמען זיין בעט פונ׳ם ווייב׳ס שלאָפצימער און עס אריינשטעלען אין זיין ספרים־חדר.

ס׳הייסט צווישען אַלטע חסידים, אז דאָס איז געווען די סבה צו דיעזער עובדה:

זיצענדיג פרייטאָג צו נאַכטס ביים טיש, בעת ער האָט צוגענומען דעם ערשטען לעפעל יויך צום מויל, האָט ער פּלוצים א שרעקליכען ציטער נעטאָהן, אויסגעגאָסען דיא יויך פונ׳ם לעפעל אויסרופענדיג אין גרויס אויפרעגונג:

״סגולות נאַר! ״ויתאוו תאוה״. נעלוסטען צו האָבען א תאוה, רחמנא לצלן, טהון דאצו מיטעל, אוי, ווי נידריג, ווי בהמות׳דיג איז דאָס!״

זי האָט עפּעס אריינגעטהאָן אין די יויך א מין סגולה צו עניני אהבה...

שפּעטער מיט עטליכע יאָהר, אין א שבת נאָכמיטאָג, איז גיטעלע אריינ־געגאַנגען צו איהר מאַן אין זיין ספרים חדר אומגעמאָלדען.

דער הייליגער מלאך האָט אויפגעציטערט און נעפרעגט: וואָס ווילסטו?

— נעכטען ביינאַכט איז צו מיר דיין הייליגער פּאָטער געקומען צום חלום און געהייסען דיר זאָגען דיא דאָזיגע דבורים:

״דוא זאָלסט מהיום והלאה וואָהנען אין מיין חדר, אָדער לכל הפּחות, זאָלסטו דאָרטען אריינשטעלען אלע דיינע ספרים. וויא באַלד דוא וועסט ניט פאָלגען וועסטו חרטה האָבען״.

דער מלאך, מוזט איהר וויסען, האָט נעהאט א גרויסע ביבליאָטהעק פון אַלטע טהייערע, ניט־במציאות׳דיגע ספרים, וועלכע האָבען געקאָסט אלפים ורבבות.

״וויא באַלד מיין הייליגער פּאָטער וויל מיר עפּעס זאָגען — האָט איהר דער מלאך געענטפערט — טאָ קען ער דאָך צו מיר אליין קומען, ניט שיקען א פּקודה דורך א שליח״.

דער צדיק האָט מן הסתם געוואוסט וואָס ער טהוט. דער עונש פאַר ניט פאָלגען איז אָבער באַלד נעקומען. דיזעלבע וואָך האָט אויסגעבראָכען א פייער אינ׳ם ספרים־חדר, און אלע ספרים זיינען פערברענט געוואָרען.

באַלד נאָך דער ספרים־שרפה איז דער מלאך אוועק קיין כוואסטאָוו און דאָרט געוואָרען א שטאָדט־מגיד, מיט א נעהאַלט, ער זאָל קענען האָבען פּרנסה פאַר זיין בני־בית. מחמת ער האָט ניט געוואָלט נעהמען פּדיונות.

דאָס איז געווען אים זומער תקל״ז.

פאַר ראש־השנה, האָט ער געשיקט א שליח־מיוחד קיין אניפּאָליע צו ברענגען זיין בני־בית צו איהם אויף דיא ימים נוראים.

**ער האָט געוואָלט מקיים זיין "וכפר בעדו ובער ביתו".**

האָט אָבער דיא רביצין בשום אופן ניט געוואָלט פאָהרען, ניט זיך צוהער־רענדיג צו דיא צוויי גרויסע צדיקים דער רבי ר׳ זושא און ר׳ יהודה ליב הכהן, וועלכע האָבען זיא געבעטען צוליעב צו טהאָן דעם רצון פונ׳ם מלאך.

זיא האָט בעהויפּטעט, אז דער רבי ר׳ בער האָט איהר געווארענט אין חלום זיא זאָל ניט פאָהרען.

און זי איז טאקע ניט געפאָהרען. און דאמיט גורם געווען דאָס פריהע הסתלקות פונ׳ם צדיק.

מן הסתם האָט אזוי בעדארפט זיין מן השמים, דאָס דור איז צו איהם ניט ראוי געווען.

דעמזעלבען יום־כפור בשעת נעילה, איז דער הייליגער צדיק פער׳חלש׳ט געוואָרען און באלד איז פון איהם, לא עלינו, אוועקגענומען געוואָרען דער כח־הדבור.

מען האָט ניט געוואָלט מן השמים אז ער זאָל אין דיא לעצטע רגעים מגלה זיין וואָס פאר א נשמה ער האָט געהאט.

צוויי טעג נאָך יום כפור איז דער מלאך נסתלק געוואָרען.

און א מורא׳דיגער רעש איז געוואָרען אין אלע שבעה רקיעים (7 הימלען). און א פּחדים׳דיגע קאָכעניש האָט מען געקענט זעהן אין די היכלות פון דער פמליא של מעלה. אלע צדיקים פון דער מתיבתא דרקיעא (הימלישע ישיבה), האָבען א ציטער געטאָהן, מפסיק געווען פון זייערע למודים און זיך אָנגעקוקט בעגעגנזייטיג מיט גרויס ערשטוינען.

א כרוז איז ארויס פון אונטער׳ן כסא כבוד: פנו מקום! אלע שרי מעלה און נשמות קדושות זאָלען געהן מקבל פנים זיין דיא נשמה פון ר׳ אברהם המלאך.

שרפים׳דיגע מלאכים זיינען דאָרטען פערהאנען לאלפים ולרבבות. בשר־ודם׳דיגע מלאכים אָבער — זעהר ווייניג, כמעט גאָר ניט במציאות.

און דערהערט האָט דעם דאָזיגען כרוז אויף דער גרויסער צדיק ר׳ נחום פון טשערנאָבעל, בעת ער האָט עוסק געווען אין דער מצוה פון מאַכען א סוכה.

ער האָט זיך קריעה געריסען נאָך זיין יונגען רבי׳ן און חבר, ארומגעלאָפען אין חצר, וויא, חלילה, א חסר־דעת אויסשרייענדיג:

"אומזיסט מיין אזוי שווערע טעגליכע עבודה. אונזער קרוין איז אראָב־גענומען געוואָרען פון אונזער קאָפּ. צוויי יאָהר! צוויי יאָהר האָט נאָך גע־פעהלט".

ר׳ נחום האָט טעגליך מתפלל געווען א בעזונדערע תפלה פאר דעם לעבען פונ׳ם מלאך, ער זאָל כאָטש דערלעבען צו ווערען א בן־ארבעים.

ער וואָלט דאן משיג געווען אלע "ארבעים שערי בינה" און געבראכט די גאולה השלמה פאר׳ן כלל ישראל. אָבער בעוונותינו הרבים איז געווען "נצחו אראלים את המצוקים", דיא פערבאָרגענע הימלישע כחות האָבען נובר געווען.

לאָמיר נעהמען צו ביסעלעך משקה.

* * *

**גאָכדעם ווי די חבריא האָבען זיך אביסעל בעגעצט די ליפּען און דערכאַפּט**

דאס הארץ, האט ר׳ איטצי טויסטער אנגעהויבן ווייטער פארטצוזעצן זיין ספור המעשה:

עס איז א בעקאנטע זאך ביי חסידים, אז די גרויסע גוטע אידען זיינען פאר׳ן הסתלקות געווען שטארק פעראינטערעסירט צו פועל׳ן ביי זייערע ווייבער, וועלכע זיינען געווען אין בעגריף צו ווערען אלמנות, ניט מעהר חתונה צו האבען נאך זייער פטירה. אזוי, למשל, האט זיך דער לובלינער געבעטען רחמים ביי זיין יונגע רביצין, א האלבע שעה פאר זיין הסתלקות, זי זאל איהם צוליעב טהאן און פערבלייבען אן אייביגע אלמנה. ער האט איהר דאפיר צוגעזאגט עולם הבא. דאס ווייב אבער האט איהם ניט געוואלט צוזאגען, און האט שפעטער יא חתונה געהאט און אויך געבראכט קינדער אויף דער וועלט.

עס איז אבער צו זעהר ווייניג מענשען בעקאנט, אז אויך דער גרויסער צדיק ר׳ אברהם׳לע מלאך, וועלכער איז געווען אן אויסנאהם פון אלע אנדערע צדיקים מיט זיין התנהגות מיט זיינע צוויי ווייבער אין דברים שבצנעה, צניעות־ענינים, אפילו ער, וואס האט כמה שנים ניט געהאט מיט זיין ווייב קיין שום מגע ומשא, האט אויך, לויט ווי אלטע חסידים דערצעהלען, זעהר געגארט, אז זיין פיער־און־צוואנציג יעהריגע אלמנה זאל ניט מעהר חתונה האבען.

נאכדעם ווי דער ״מלאך״ איז נסתלק געווארען, איז זיין ווייב גיטעלע גע־קומען צו פאהרען פון אניפאליע, וואו זי האט געוואהנט מיט די קליינע יתומים, קיין כוואסטאוו. וואו דער מלאך האט געוואהנט דאס לעצטע יאהר אהן דעם בני־בית, איבערצונעהמען די ירושה פון איהר מאן. די חסידים פון כוואסטאוו האבען זי אויפגענומען מיט גרוים כבוד. זיי האבען זי ניט געוואלט אוועקלאזען פאר שבת. אים שבת, האבען די חסידים ביי איהר אין דער אכסניה געפיהרט א ״טיש״ ווי ביי א רבי׳ן. אלע גרעסטע חסידים האבען זיך בעטהייליגט ביי איהר טיש כדי זי צו טרייסטען.

בעזאנדערס איז דער שליש־סעודות־טיש אבגעהאלטען געווארען פייערליך מיט זמירות, שירות ותשבחות און פיעל דברי תורה, גלייך דער צדיק וואלט דארט געווען. די יונגע אלמנה איז געזעסען אויף א סאפע צוזאמען מיט דער בעלת־אכסניא (הויז ווירטהין) זעהר בעטריעבט.

די חסידים האבען געזונגען און די רביצין די אלמנה האט איינגעדרימעלט. און גע׳חלומ׳ט האט זיך איהר, אז זי זיצט אין א הערליכען פאלאץ, ממש א היכל מלכים, ניט וויסענדיג וואו זי איז ערגעץ אין דער וועלט. פלוצים האט זיך געעפענט א טהיר און איהר מאן דער מלאך איז אריינגעקומען. ער איז גע־גאנגען פאראוים מיט א פנים וואס האט געשיינט ווי די זון. און הינטער איהם זיינען נאכגעגאנגען א מאסע פון הדרת פנים׳דיגע זקנים. ר׳ אברהם׳לע מלאך האט זיי אלע געהייסען זיך זעצען און צו זיי אזוי געזאגט:

״פאר אייך, איהר הימלישעם בית־דין, בעט איך א מחילה גמורה פון מיין ווייב גיטעלע, צו וועלכע איך האב, שלא בכונה, גורם געווען פיעל צער דורך מיין ניט־מענשליכעם אויפפיהרען בנוגע בדברים שביני לבינה, צוליעב מיין גוזים פרישות.״

״איך בין דיר מוחל, מיין הייליגער מאן, במחילה גמורה ובלב שלם״ — האט איהם די רביצין געענטפערט אין חלום.

**און דער צדיק ר׳ אברהם׳לע האט צו זיין ווייטער געזאגט:**
"עס איז אמאל קיין חשש ספק ניט אפילו, אז על פי התורה, **על פי יושר** און על פי מענשליכקייט, וואלט ניט געווען מעהר ווי רעכט, אז מיין אלמנה ניטעלע זאל חתונה האבען מיט א אנדערען מאן, בפרט נאך בעת זי איז נאך כמעט א קינד, קוים פיער־און־צוואנציג יאהר אלט. איך האב דאריבער ניט קיין שום רעכט און זכות זי פון דעם צוריקצוהאלטען. פונדעסטוועגען, ערקלער איך דא פאר אייך הימלישעס בית־דין, אז וויבאלד זי וועט מסכים זיין צו פערבלייבען מיין אלמנה און ניט מעהר חתונה צו האבען, בין איך איהר מבטיח, אז כ׳וועל פאר איהר זארגען ס׳זאל איהר גוט זיין בזה ובבא, אויף דער און אויף יענער וועלט, אז די קינדער וועלען טהאן גוטע שידוכים און שפעטער פערשיינען די גאנצע וועלט".

ביי די דאזיגע ווערטער האט זי זיך אויפגעכאפט. די חסידים האבען דא־מאלס גראד פייערליך געזונגען דעם זאץ: "ויזכו לראות בנים ובני בנים עוסקים בתורה ובמצות, על ישראל שלום", האט זי דאפון גע׳דרשנ׳ט סמיכות הפרשיות, אז איהר קינד שלום וועט זיין א ראש "על ישראל".

זינט דעם דאזיגען חלום איז די אלמנה בערוהיגט געווארען. זי האט מעהר ניט ארויסגעוויזען קיין צייכען פון איבערגעטריבענעם טרויער. ביי זיך אין הארצען האט זי פעסט בעשלאסען, צו טהאן איהר פערשטארבענעם מאנ׳ס רצון, ניט מעהר חתונה צו האבען.

קוים ווי די אלמנה איז נאר וואס אהיימגעקומען קיין אניפאליע, האט זי זיך גענומען מיט מעהר קוראזש און מיט מעהר ענערגיע צו איהר מסחר אין דעם געוועלב. זי האט פון דאמאלס אן געהאט ברכה און הצלחה און מפרנס געווען דאס בני־בית בכבוד.

באלד נאכדעם איז צו איהר געקומען צו פאהרען דער גרויסער צדיק ר׳ נחום פון טשערנאבעל, א הארץ־פריינד פונ׳ם פערשטארבענעם מלאך, און זי געבעטען זי זאל צו איהם איבערגעבען דעם קליינעם יתום שלום שכנא. ער זאל איהם ערציהען ביי זיך אין הויז, כדי אויס איהם צו מאכען א לייט אזוי ווי עס שטעהט אן דעם הייליגען מלאך׳ס א קינד. ער האט איהר אויך מגלה געווען, אז ער האט בדעה צו נעהמען דאס קינד פאר א חתן צו זיינס אן אייניקעל חוה.

די אלמנה האט דאצו מסכים געווען. שפעטער מיט עטליכע יאהר האט טאקע ר׳ שלום שכנא חתונה געהאט מיט׳ן טשערנאבלער׳ס אייניקעל, און דאן געווארען א גרויסער רבי וועלכער האט באמת פערשיינט די חסידישע וועלט.

מיט יאהרען שפעטער איז ר׳ נחום טשערנאבלער געווארען אן אלמן. אזוי ווי ער האט נאך בדעה געהאט חתונה צו האבען, און זיין מחותנת׳טע גיטעלע איז נאך אלץ געווען אן אלמנה, פאלגענדיג דעם מאנ׳ס רצון, לויט איהר חלום ביים שלש־סעודות, האט דער צדיק ר׳ נחום געדיינקט, אז זיין חבר דער "מלאך" וועט ניט האבען קיין תרעומות וויבאלד ער, ר׳ נחום, זיינס א הארץ פריינד, וועט מיט איהר חתונה האבען.

**האט ר׳ נחום דעם ענין איבערגעשמועסט מיט זיין טאכטער׳ס איידעם ר׳ שלום שכנא. ר׳ שלום האט זיך צו דעם דאזיגען פארשלאג צוגעכאפט מיט ביידע הענד, מחמת ער האט געוואלט האבען זיין געליעבטע מוטער נעבען זיך און**

דאצו וועט זי נאָך זיין דאס ווייב פון אזא גרויסען צדיק, וועלכער שטעהט כמעט אין דער זעלבער מדרגה פון קדושה וטהרה ווי זיין הייליגער פאָטער.

ער האָט אויך מסכים געווען נאָכצוקומען זיין עלטער־שווער׳ס בקשה, אז ער, ר׳ שלום אליין, זאָל אריבערפאַהרען קיין אניפאָליע און אנשלאָגען דער מו־טער דעם דאָזיגען שדוך.

איז אָבער ווידער געקומען א חלום און צושטערט דעם גאַנצען עסק.

זייענדיג שוין אויף דער נסיעה האָט זיך איהם גע׳חלום׳ט, אז ער האָט גע־זעהן פאר זיך שטעהן א וואונדער שעהנעם פאַלאַץ. ער איז געווען נייגעריג צו זעהן וואָס ס׳טהוט זיך אינעווייניג אין דער דאָזיגער שעהנער געביידע און גע־וואָלט אריינגעהן. צוקומענדיג צום אריינגאַנג, האָט ער דערזעהן זיין פאָטער שטעהן מיט אויסגעשטרעקטע הענד, גלייך ווי ער וואָלט פערווערען דעם אריינ־גאַנג פאר פרעמדע, אויסרופענדיג:

״ווער איז דאָס דער יעניגער וואָס האָט די העזה זיך צו לאָזען אריינגעהן אין מיין פאַלאַץ?״

ר׳ שלום האָט זיך דארויף אויפגעכאַפּט פון שלאָף און זיך דערפון גערדונ־גען, אז דער פּאָטער איז ניט צופריעדען פון דעם שדוך.

ער איז צוריק אהיים געפאַהרען צום שווער, איהם דערצעהלט דעם חלום און דער שדוך איז ניט מעהר געשלאָסען געוואָרען.

און גיטעלע איז טאקע פערבליבען אן אלמנה כל ימי חייה, מקיים צו זיין דעם מאנ׳ס רצון.

די בקשה פון דעם נפטר׳דיגען מלאך בחלום, האָט מעהר ווירקונג געהאט ווי די בקשה פונ׳ם שטערבענדען לובלינער בהקיץ.

## קאַפּיטעל 33

# ר׳ דוד׳ל טאַלנער

**פארוואָס דער טאַלנער איז געקומען קיין גאַליציען — א וואונדערבארע כסא-מלוכה פון א צדיק — דעם טאַלנער׳ס פּערזענליכקייט — דאָס גלות פון די טשערנאָבלער קינדער — די שלעכטע גזרה בערויבט איהם זיין בן יחיד — דעם טאַלנער׳ס כבוד אין גאַליציען — ס׳איז גרינגער צו טהאָן א טובה אויף דער וועלט ווי אויף יענער וועלט.**

איינע פון דיא וויכטיגסטע פּאַסירונגען פונ׳ם אלטען סאדאגורער׳ס צייטען, איז געווען דאָס גרויסע עראייגניס צו האָבען צו גאַסט אויף שבת דעם גרויסען און בעריהמטען רבי׳ן ר׳ דוד׳ל טאַלנער ז״ל.

ריזין מיט טשערנאָבעל, דאָס הייסט ר׳ ישראל׳טשי מיט ר׳ מאָטילע, האָ־בען די לעצטע יאָהרען ניט געלעבט גאַנץ בשלום. חסידים וויסען אויך פיעל צו דערצעהלען פון מאַנכען פּחיתות הכבוד וואָס ר׳ דוד׳ל האָט געהאט אויסצושטעהן

באלד נאך זיין פאטער׳ס פטירה מצד די ריזינער חסידים, וועלכע האבען מורא געהאט אז זיין גדולה זאל ניט וואקסען אויפ׳ן חשבון פון זייער רבינ׳ס כבוד.

אזוי, למשל, דערצעהלען די טאלנער חסידים, מכח דעם פירוד פונ׳ם ריזינער און ר׳ דוד׳לען, דיעזע עפיזאדע:

ר׳ דוד׳ל טאלנער, האט זיך נאך זיין פאטער׳ס פטירה (תקצ״ז) בעזעצט אין וואסילקאוו. ער האט אין דער ערשטער צייט ממש געליטען דחקות; מחמת דער גרויסער רוב פונ׳ם פאטער׳ס חסידים האבען זיך, נאך ר׳ מאטיל׳ע׳ס הסתלקות, צוגעבוינגען צום עלטעסטען זוהן ר׳ אהרן, און א קליינער טהייל צו זיינע איבעריגע ברידער, און ער, ר׳ דוד׳ל האט לכתחלה כמעט גאר קיין פאה־רעכץ ניט געהאט.

אמאל איז דורכגעפאהרען א ריזינער חסיד, א רייכער בעל הבית פון סאק־ווערע, דורך וואסילקאוו. כאטש ער האט געוואוסט אז ר׳ ישראל׳טשי ריזינער איז ניט גאנץ שוה־בשוה מיט ר׳ דוד׳לען, אדער ריכטיגער געזאגט, מיט אלע ר׳ מאטיל׳ע׳ס קינדער, פונדעסטוועגען האט איהם דאס חסידישע הארץ ניט דער־לאזט דורכצופאהרען וואסילקאוו און ניט צו זעהן דעם טשערנאבלער צדיק׳ס קינד, וועמען ער האט געקענט נאך פון לאנג, בעת ער פלעגט אמאל פאהרען קיין טשערנאבעל. ער איז ארייננעגאנגען צו ר׳ דוד׳לען און איהם אויך מהנה געווען מיט א שעהנע מטבע.

זייט דאמאלס האט דער גביר פון סאקווערע ליעב בעקומען דעם טאלנער אהבת נפש און איז פערריבענט געווארען פאר ר׳ דוד׳לס א הארץ־פריינד. עס פערשטעהט זיך אז מיט חסידות האט דאס גאר ניט געהאט וואס צו טהאן, און דער גביר איז פערבליבען אויך ווייטער אן אמת׳ער, טרייער ריזינער חסיד.

טרעפט זיך אמאל, אז ר׳ דוד׳ל איז געווען אין א זעהר גרויסער געלד פער־לעגענהייט. די בעלי חובות האבען איהם אנגעהויבען שטארק צו צודריקען פאר אלטע חובות און ניט געוואלט איהם מעהר געבען קרעדיט אויף נייע חובות.

האט ר׳ דוד׳ל ביי זיך אבגעמאכט, ארייננצופאהרען אויף א שבת קיין סאקווערע. כאטש ער האט גוט געוואוסט אז דער רוב שטעדטישער עולם זיינען ריזינער חסידים וואס וועלען ניט וועלען האבען מיט קיין אנדערען רבי׳ן קיין שום מגע ומשא, און אפשר איהם נאך גאר רודף זיין עד חרמה, האט ער פונ־דעסטוועגען געהאפט, אז זיין פריינד, דער אנגעזעהענסטער גביר אינ׳ם שטעד־טעל, וועט אויף איהם מגין זיין און איהם נאך ווי ס׳איז צוהעלפען צו האבען שפע אין שטעדטעל פונ׳ם פראסטען עולם.

פרייטאג פארמיטאג איז ר׳ דוד׳ל אנגעקומען קיין סאקווערע און גלייך דערפאהרען צו זיין פריינד, וועלכער האט איהם צוגענומען אויף סטאנציע מיט גרויס כבוד.

אבער איידער ס׳איז נאך געווארען שבת, איז געווארען א שרעקליכער רעש אין שטעדטעל. אין אלע ווינקעלעך האט זיך געקאכט. ס׳טייטש, ר׳ דוד׳ל איז געקומען אין ריזינער׳ס תחום אריין איהם משיג גבול צו זיין! מען טאר עס ניט דערלאזען.

די ריזינער חסידים האבען ארומגערינגעלט דאס הויז וואו ר׳ דוד׳ל האט געהאט אכסניה און געפאדערט שטרענג פונ׳ם בעל־הבית מיט ביטערקייט, אז

ר' דוד'ל זאָל אומר ועושה פערלאָזען די שטאָדט. דער רעש איז אזוי שטאַרק געווען, אז ר' דוד'ל האָט געמוזט פערשפּרעכען ניט צו פיהרען זיך גוט־אידיש דעם גאַנצען שבת, און דאַצו נאָך תיכף מוצאי שבת זאָל ער צוזאַמען מיט'ן בעל אכסניא אוועקפאָהרען קיין ריזין מפיים צו זיין דעם צדיק פאַר דעם חלול הכבוד וואָס ר' דוד'ל האָט איהם געוואָלט גורם זיין. ער האָט אויך מקיים דבור געווען.

"אפשר האָב איך נאָך ניט בעדאַרפט זיין קיין רבי — האָט ר' דוד'ל דאַן בעמערקט צו זיינע מקורבים — אז מען ווערט א גוטער־איד אין דער ריכטיגער צייט, מאַכט דאָס וואָרט "רבי" ר'אש ב'ני י'שראל (א ראש איבער די אידען), וויל מען אָבער ווערען א רבי פאַר דער צייט, מאַכט דאָסזעלבע וואָרט "רבי" ר'ע ב'עיני י' (שלעכט אין גאָט'ס אויגען)".

ער איז אָבער באַלד נאָכדעם גרויס געוואָרען אלס אַן אמת'ער ראש בני ישראל.

עס פערשטעהט זיך דאָפון, אז די ניט־פריינדשאַפט איז אויך איבערגעגאַנגען צום ריזינער'ס קינדער. בעזאָנדערס נאָכדעם ווי שיינדעלי דעם לעאָווער'ס ווייב, די שוועסטער פונ'ם טאַלנער, האָט זיך אין דער אונאנגענעהמער אַפּערע וואָס האָט פּאַסירט מיט איהר מאַן דעם לעאָווער רבי'ן, ניט בענומען ווי ס'קעהר צו זיין און דאָמיט גורם געווען צו א יש אומרים, אז זי א גרויסער חיב געווען אין דעם גאַנצען טאַראַראַם וועלכער וואָלט געווען געקענט אויסגעמידען ווערען ביי אַן אַנדער מאָדע בעהאַנדלונג.

דעריבער איז דאָס צווישען די חסידים פּאַרדרעכענט געוואָרען פאַר איינס פון דיא וויכטיגסטע פּאַסירונגען, דאָס וואָס ר' דוד'ל טאַלנער איז געקומען פאַר א בעזוך צום סאַדאַגורער און נאָך דאַצו אויף א שבת.

און געקומען איז ער ניט צו פאָהרען פון טאַלנע אויס, נאָר גאָר פון בראָד, א שטאָדט אין גאַליציען וואו ר' דוד'ל האָט געוואָהנט אַנדערטהאַלבען יאָהר.

דיא סבה פאַר וואָס דער גרויסער טאַלנער האָט פּלוצים פערלאָזט זיין פּראַכטפאָלען הויף און זיין טהייער היים און אויסגעוואַנדערט קיין גאַליציען כדי זיך דאָרט אויסצואוועהלען א נייעם מקום מנוחה, איז ביז היינט נאָך ניט קלאָהר געוואָרען פאַר פיעל חסידים. צווישען דיא טאַלנער חסידים אליין, ווערט דער ענין בעטראַכט אלס א מין "סוד" פון וועלכען מען טאָר איבערהויפּט לגמרי נאָר ניט רעדען.

מר. זלמן קאַטלער, רעדאַקציאָנס מיטגליעד פון'ם "אידישען טאַגעבלאַט", א געוועזענער טאַלנער חסיד אלס "בחור", האָט מיר א מאָל דערצעהלט, אז אין דער טאַלנער קלויז פלעגט ער זיך אָנהערען פון דיא חסידים דערצעהלען "פלאי פלאים" פון דער צייט וואָס דער הייליגער טאַלנער איז געווען אין בראָד.

איינמאָל, האָט ער אויס נייגעריגקייט א פרעג געטאָהן איינעם פון דיא חסידים א שאלה:

"זאָגט מיר, כ'בעט אייך, וואָס האָט איינענטליך דער רבי נעהאַט צו טאָהן אין בראָד?"

"שטיל, שיינעץ איינער! האָט איהם דער חסיד אָבגעשריען. דאָס איז א זעהר הויכער ענין, בחינת "לבא לפומא לא גליא". מען טאָר דאַריבער גאָר ניט שמועסען דאָפון אפילו."

אין גאליציען האָבען דאמאָלס קורסירט פערשיעדענע שמועות איבער דער סבה פון׳ם טאלנער׳ס קומען קיין בראָד. געהייסען האָט עס אזוי:

"דיא טאלנער חסידים האָט זיך פערגלוסט מכבד צו זיין זייער גרויסען רבי׳ן מיט אן אינטערעסאנטע מתנה. מה עשו? וואָס האָבען זיי אויסגעקלעהרט? האָבען זיי געלאָזט מאכען א פראכטפאָלע שטוהל אין דער פאָרם פון א קע־ניגליכען טראָהן, אויס כסף טהור, ריין זילבער. אויף דעם רוקען פון דער שטוהל פון אויבען, האָט זיך געפונען א מין גאָלדען קרוינדעל, א רמז צו כתר־מלוכה, און אויף דעם קרוינדעל זיינען געווען איינגראווירט דיא ווערטער "דוד מלך ישראל חי וקים".

האָבען זיך אָבער באלד געפונען מוסרים וועלכע האָבען דאפון מודיע גע־ווען דער בעהערדע, אז דער טאלנער רבי איז א מורד־במלכות. מען איז בע־פאלען דעם הויף, קאָנפיסצירט דיא שטוהל און געוואָלט דעם רבי׳ן נעהמען אין תפיסה. אָבער איידער וואָס, איידער ווען, האָט דער טאלנער געמאכט פלטה קיין גאליציען."

דיא דאָזיגע מעשה איז בכלל אמת, אָבער זיא איז ניט געווען דיא סבה צוליעב וועלכע דער טאלנער האָט דעמאָלט פערלאָזט רוסלאנד, מחמת דער פאל מיט דער שטוהל איז געווען מיט אן ערך פון צוואנציג יאָהר פריהער איידער דער טאלנער איז אוועק קיין גאליציען. דיא דאָזיגע קעניגליכע שטוהל האָט דע־מאָלט דעם טאלנער אָפּגעקאָסט א הון רב, ביז ער האָט זיך גאנץ און אומבע־שטראָפט ארויסגעדרעהט פון דעם עסק. דאָס קרוינדעל האָט מען דאן פערניכ־טעט און דיא שטוהל האָט מען איהם צוריקגעגעבען.

עס איז אָבער אין דער אמת׳ן געווען א גאנץ אנדערע סבה וואָס האָט דע־מאָלט פעראנלאסט דעם טאלנער זיך צו בעזעצען אין גאליציען. עס איז אין דעם גאנצען ענין לחלוטין גאָר ניט פערהאנען קיין גרויסע סודות.

זייט דער מעשה מיט דער שטוהל, האָט דיא רוסישע רעגיערונג כסדר גע־קוקט מיט פערדעכטיגע אויגען אויף אלע צדיקים פון דער טשערנאָבלער גזע, זוכענדיג מיטעל צו בעשרענקען זייער פרייהייט, פערקלענערען זייער גרויסקייט און פערמינדערען זייער גרויסען איינפלוס.

א דאנק דעם העפטיגען מחלוקת צווישען טאלנע און רוזיסטשאוו, וועלכע האָט פעראורזאכט פיעל קלאגען און פראָצעסען פון ביידערליי חסידים, האָט דיא רוסישע רעגיערונג געפונען דיא ריכטיגע געלעגענהייט ארויסצוגעבען א גזרה אויף אלע צדיקים פון דער טשערנאָבלער גזע, דאָס יעדער פון זיי מוז זיין א לעבענס־לענגליכער "תפוס" אין דער שטאָדט וואו ער וואָהנט. קיינער פון זיי טאָר ניט פערלאָזען דיא שטאָדט ארויסצופאָהרען אין אן אנדערע שטאָדט אריין אָהן אן עקסטרא ערלויבניס פון׳ם מיניסטער פאר אינערליכע אנגעלעגענהייטען. דיא דאָזיגע גזרה האָט פיעל מאָל גורם געווען פאר דיא טשערנאָבעלער רביים גרויסע אונאנגענעהמליכקייטען.

ר׳ דוד׳ל טאלנער איז געווען איינער פון דיא אכט זיהן, אלע גרויסע גוטע אידען, וואס ר׳ מאָטילע טשערנאבלער האָט איבערגעלאָזט. ס׳האָט ניט לאנג גע־דויערט נאָך זיין פאָטער׳ס פטירה און ר׳ דוד׳ל האָט גענומען די חסידישע וועלט מיט שטורם. די גרעסטע גבירים פון רוסלאנד האָבען זיך אין איהם באהעפט

און איהם ממש בעשיט מיט געלד. דאס שטעדטיל טאלנע, גרויס וויא א גענייז, וועלכעס האט געהערט צום גראף שובאלאוו, האט דאן געהאט די זכיה צו ווערען דעם צדיק׳ס רעזידענץ. באלד איז דארט אויפגעשטעלט געווארען א פרעכטיגער הויף, וועלכער האט בעשיינט דאס גאנצע שטעדטעל מיט זיין גלאנץ און הערליכקייט, אן אמת׳ער היכל מלכים, א קעניגליכער פאלאסט פול מיט כל טוב.

ווען שוין אלע ברידער האבען דורך דיא פריהער דערמאנטע גזרה געפיהלט דעם טעם פון גלות מיט אלע איהרע פירושים, האט אבער דער טאלנער פערזוכט טאקע באמת דעם ביטערען טעם פון דיזער גזרה. מחמת צוליעב איהר האט ער פערלארען זיין איינציג אויג אין קאפ דעם בן יחיד ר׳ מאטילע, וועלכער האט געזאלט זיין דער ממלא מקומו פון׳ם פאטער.

פערקיהלענדיג זיך א מאל אין דער מקוה, האט ר׳ מאטילע בעקומען א שוואכע ברוסט מיט בעדייטענדע צייכענס פון א לונגענפעהלער. דיא דאקטוי־רים וועלכע האבען פערשטאנען אז דער יונגער צדיק איז אין א סכנה, האבען איהם בעפוילען אוועקצופאהרען אין דער געגענד פון קרים־לאנד, וואו ס׳איז פערהאנען א מילדעס קלימא. האט אבער דיא רוסישע רעגיערונג אין קיינעם פאל ניט געוואלט איהם געבען דיא פערלאנגטע בעוויליגונג צו פערלאזען זיין וואהנונגס־שטעדטעל און צו זוכען א רפואה אין אן אנדערער געגענד. ס׳האט ניט געהאלפען קיין געלד און קיין שום פראטעקציע. שפעטער אבער ווען מען האט דערזעהן אז די סכנה איז שוין צו נאהענט, האט מען נעפאסט א בעשלוס איהם אוועקצונעהמען פון דער היים אהן דעם רשות פון דער רעגיערונג, זייענ־דיג נעפאסט אויף אלערליי שטראפען, אפילו סיביר בכלל. ס׳איז אבער ליידער שוין געווען צו שפעט. דעם טאלנער׳ס בן יחיד איז אים ה׳ תשרי (תרל״ז) נפטר געווארען אויפ׳ן וועג.

דיעזער שרעקליכער גרויסער אונגליק, האט געמאכט פיהלען דעם גרויסען פירסטליכען רבי׳ן ר׳ דוד׳ל דאס גאנצע גלות־מרירות פון דעם צאר און זיינע ״יוצר משרתים״. דאס האט אין איהם איינגעפרעגט א געוואלדיגע שנאה צו דער רוסישער רעגיערונג און איהרע פינסטערע גזרות. ער האט נאר געזוכט א געלעגענהייט וויא אזוי איהרע פטור צו ווערען כאטש ער איז שוין דעמאלט נע־ווען אן אלטער מאן.

און דיא געלעגענהייט האט זיך איהם אויך באלד געטראפען.

זיין איידעם, ר׳ נחום׳טשע, דעם טריסקער מגיד׳ס זוהן, האט בעדארפט חתונה מאכען א קינד מיט ר׳ איטשי׳ניו פון באהוש, רומעניען. דיא חתונה האט טאקע בעדארפט זיין אין באהוש, תחלת ווינטער תרל״ט. האט דער זיידע, ר׳ דוד׳ל בעשלאסען צו פאהרען אויף דער חתונה קיין באהוש, ניט קוקענדיג אויף דער מעגליכקייט אז דיא רוסישע רעגיערונג זאל איהם דאן ניט אריינלאזען צו־ריק אין לאנד. און אפשר איז דאס טאקע לכתחלה נעווען זיין כונה און זיין וואונש.

אריבערקומענדיג דיא גאליצישע גרעניץ, קיין בראד, איז ר׳ דוד׳ל נבהל ומשתומם געווארען צו זעהען דעם אומגעהויערען כבוד וואס דיא גאליצישע אי־דען האבען איהם צוגעטהיילט. צעהנדליגע טויזענדער אידען האבען איהם עמפ־

פאנגען אויף דעם עסטרייכישען באַדען מיט שטורמדיגע הורא־געשרייען און מיט א קעניגליכען כבוד ניט ווערענדיג געשטערט אָדער בעלעסטיגט פון א זשאנדאר אָדער א פּאָליציימאַן. ערשט דאָ האָט דער טאלנער אָנגעהויבען דאָס ערשטע מאָל פריי אויפצואטהעמען פיהלענדיג דעם אמת׳ן פרייען אויר. און אין זיין טיעפער נשמה האָט אָנגעהויבען אויפצושווימען א געדאנק: ״וואָלט ניט אפשר גלייך געווען מיך צו באזעצען אָט טאקע דאָ אין פרייען גאליציען, געפּי־נענדיג א מנוחה אויף מיינע עלטערע יאָהרען און שפּייען א קלעק אויף רוס־לאנד ? !״

הפּנים, אז דיעזע מחשבה, צו פערבלייבען אין גאליציען, איז ביי איהם באלד געוואָרען א בעשלוס. מחמת עטליכע וואָכען נאָך דער חתונה, האָט זיך ר׳ דוד׳ל קובע מקום געווען אין בראָד און האָט דאָרטען ממש אָבגענומען דיא וועלט.

איידער ער האָט זיך בעזעצט אין בראָד, האָט ער זיך אויפגעהאַלטען אין לעמבערג זיבען וואָכען רצופים. זיין גאנץ בני בית איז איינגעשטאנען אין א חסידיש האָטעל ביי מאיר קאַץ, בעת דער רבי אליין מיט זיינע גבאים, האָט נאָר געוואָהנט אין אן אנדער דירה, ביי זיינס א חסיד, ר׳ שמעון ראפּפּורט, און ר׳ שמואל מארגאשים׳עס הויז.

ווארום וויסען מוזט איהר, אז אויך אין טאלנע האָט דער רבי ניט געוואָהנט אינ׳ם זעלבען הויז מיט דער רביצין, זייט דעם וויא זיין זוהן ר׳ מאָטילע איז גע־באָרען געוואָרען, דאָס הייסט זייט דעם יאָהר תר״ה. דיא רביצין מיט דיא קינ־דער האָבען זייט יענעם יאָהר געוואָהנט אין א גאנץ אנדער הויז. דער רבי מיט דער רביצין האָבען קיינמאָל מעהר ניט גענעכטיגט אפילו אונטער איין דאך. דאָס ווייסען אלע טאלנער חסידים און זיי שטאָלצירען דאריבער מיט זייער רבי׳ן, וועלכער איז אן ערך פון זיעבען־און־דרייסיג יאָהר רצופים געווען גאנץ אויסגעטאָהן פון עולם־הזה׳דיגע, חומריות׳דיגע ענינים.

דיא הוצאה פון׳ם טאלנער אין לעמבערג איז געווען אין לשער. עטליכע הונדערט בורחים פון רוסלאנד, גערופען דיא ״איינאונצוואנציגער״, האָבען כסדר דיא גאנצע צייט געלעבט אויף זיין חשבון. דיא הכנסה זיינע איז אָבער געווען פיעל גרעסער פון דער הוצאה. עס פערשטעהט זיך, אז פון דיא גאליצישע אידענס פּדיונות וואָלט ער ניט אימשטאנדע געווען צו פיהרען אזא הויז. דאָס אלעס איז נאָר געווען צו פערדאנקען דיא רוסישע גבירים וועלכע האָבען ביי איהם געטאָנט און גענאכט און ניט געלאָזט איהם פיהלען דעם טעם פון מאנגעל.

דער האָטעליער, קאַץ, האָט מיר דערצעהלט, אז אין דעם משך פון דיא זיעבען וואָכען וואָס דעם רבינ׳ס בני בית איז ביי איהם איינגעשטאנען, האָט ער אָפּגעשפּאָרט ריינע פיער טויזענד גולדען. פאר דאָס האָט ער זיך נוהג געווען צו פּראווען ביים רבי׳ן איינמאָל אין דער וואָך און איהם אויך מכבד געווען מיט א שעהנעם פּדיון. איידער דער רבי איז אוועקגעפאָהרען, האָט ער זיך ווידער ביי איהם געפּראַוועט און געבעטען, אז דער רבי זאָל איהם ניט פערגעסען און איהם אויך א טובה טאָהן אויף יענעם עולם, לאחר מאה ועשרים שנה.

דער קלוגער טאלנ׳ער האָט א שמייכעל געטאָהן און זיך אָנגערופען:

״אויף דער וועלט, וואו כ׳בין געווען בכח, האָב איך אייך דאך שוין א טובה

נעטאָהן; אויף יענער וועלט, וויבאלד כ׳וועל נאָר קענען וועל איך אייך אודאי אויך טאָהן א טובה.״

אָט דער ראָזינער גרויסער רבי האָט זיך דאן ענטשלאָסען צו מאכען א נסיעה פון בראָד קיין סאדאגורע, צום אלטען רבי׳ן ז״ל. דאריבער איז דאָס ביי אלע חסידים בעטראכט געוואָרען פאר א זעלטענעם וועלטס־עראייגניס.

## קאפיטעל 34

# צדיקים׳ס שמועסען

**דער קבלת פנים. — דער חלוק פון גאליציאנער און רוסישע חסידים. — וואָס א סאדאגורער חסיד זעהט ביי אן אנדערן רבי׳ן אויפ׳ן שטע־רען. — חסידים וואָס האָבען נאָר איין גאָט און איין רבי׳ן. — א חלוק פון צדיקים ביז גוטע-אידען. — פארצייטענס און היינט.**

אין סאדאגורער הויף האָט זיך געקאָכט וויא אין א קעסעל און געפּאָרעט האָט מען זיך וויא אויף א חתונה. חסידים האָבען זיך געריבען דיא הענד פאר שמחה. סטייטש, דער טאלנער רבי וועט זיין זייער רבינ׳ס גאסט אויף שבת! עפּעס א קליינער כבוד?

און געוואוסט האָט מען, אז ס׳וועט זיין עפּעס צו זעהן און צו הערען. א קלייניגקייט? צו זעהן אזעלכע צוויי גרויסע וועלטס־צדיקים זיצען ביי איין טיש! אמת, זיי האָבען שוין געזעהן צוויי און אויך דריי צדיקים בייזאמען, מאקע די דריי גרויסע ברידער, דעם ריזינער׳ס קינדער, אָבער דאָס זיינען דאָך געווען בלויז אייגענע...

ס׳האָט זיך אָנגעהויבען א פּלפּול צווישען די חסידים, ווי אזוי דער סאדא־גורער רבי וועט זיך נוהג זיין מיט זיין גרויסען גאסט? ווי אזוי ער וועט איהם מקבל פּנים זיין? און, ועל כלם, ווי אזוי וועט דער ״טיש״ געפיהרט ווערען?

און דער בכבוד׳יגער גאסט איז איז א שעה מוצלחת אָנגעקומען. אלע גרע־סערע קינדער פונ׳ם רבי׳ן ז״ל, די זיהן און די איידעמס, זיינען אקעגען געפאָה־רען ר׳ דוד׳לען ביז צום טשערנאָוויצער באהנהויף. טויזענדער חסידים, וועלכע זיינען אייגענס געקומען קיין סאדאגורע אויף דעם דאָזיגען שבת, האָבען ניט געהאט קיין געדולד צו וואַרטען ביז דער גאסט וועט אָנקומען קיין סאדאגורע, נאָר זיי זיינען איהם אקעגען געפאָהרען ביז טשערנאָוויץ. הונדערטער אָרימע חסידים האָבען ״עולי־רגל״ געווען ביז צום באהנהויף, א מעשה פון עטליכע מייל. דיא טשערנאָוויצער באהן־בעאמטע האָבען בעהויפּטעט, אז קיינמאָל איז לעבען האָבען זיי נאָך ניט געזעהן אזא גרויסען עולם צוזאמען.

דאָס אָנקומען קיין סאדאגורע איז געווען מיט גרויס פּאראד. דער רבי, ר׳ אברהם יעקב ז״ל, איז דעם טאלנער אקעגען געגאנגען ביז אין הויף אריין. דער קבלת־פּנים איז געווען הערצליך. דיא ביידע צדיקים זיינען דאן געבליבען א

צייט לאנג אין רבינ׳ס חדר צוזאמען. געשמועסט איז דאמאלס געווארען הויכע דבורים פון וועלכע דיא צוהערער, דיא נאהענטע מקורבים, האבען געהאט א קליינע השגה.

און ר׳ דוד׳ל טאלנער האט זיך באלד ביים סאדאגורער רבי׳ן געפיהלט היימיש. ער האט באלד צוריקבעקומען זיין בעקאנטען הומאר און אבגעענטפערט דעם סאדאגורער׳ס פראגען מיט א וויץ.

״וויא געפעלט אייך עפעס גאליציען?״ האט איהם דער סאדאגורער רבי נעפרעגט ביי יענער צוזאמענקונפט.

״סדנא דארעא חד הוא״ (די גאנצע וועלט האט דאס זעלבע פנים) — האט איהם דער טאלנער געענטפערט. — עס איז נאר א קליינער חילוק. ביי אונז אין רוסלאנד איז מען זיך נוהג צו געבען דעם רבי׳ן אויף דער דאזיגער זייט פון דער האנד (דאביי האט ער געצייגט דעם סאדאגורער דיא רעכטע האנד־פלעכע, דיא זייט מיט וועלכער מען נעהמט צו געלד), און ביי אייך אין גאליציען איז מען געוועהנט צו געבען דעם רבי׳ן אויף דער אנדערער זייט פון דער האנד (דאביי האט ער וויעדער געוויזען דיא זייט האנד אויף וועלכער מען גיט גע־וועהנליך א קוש, ווי דער מנהג איז ביי גאליציאנער חסידים). אבער סיי דא, סיי דארט, מיינען זיי דאס ערנסט און גיבען עס מיט׳ן גאנצען הארץ.״

געמיינט האט ער דאמיט, אז דיא רוסישע חסידים גיבען דעם רבי׳ן געלד, בעת דיא גאליציאנער חסידים זיינען יוצא מיט א קוש געבען אין דער האנד.

דער סאדאגורער ז״ל האט דאביי א שמייכעל געטהאן.

״דערצעהלט אונז עפעס פון אייער נסיעה וואס איהר האט געזעהן און גע־הערט״ — האט צו איהם דאן דער סאדאגורער געזאגט.

״איין זאך קען איך אייך זאגען סאדאגורער רבי — האט צו איהם דער טאלנער דעמאלט געזאגט. — עס איז אייך באמת מקנא צו זיין מיט דער טריי־הייט און גרויסע אמונה פון אייערע חסידים. אט הערט וואס ס׳האט מיט מיר אויפ׳ן וועג פאסירט מיט אייערם א חסיד״.

און דער טאלנער האט אנגעהויבען דערצעהלען:

״אויף מיין נסיעה אהער צוזאמען מיט מיין חבריא, האבען מיר אויפ׳ן וועג געמאכט א סטאנציע, כדי זיך אביסעל אויסצורוהען. ניט וועלענדיג נעכטיגען איז א שטאדט, וואו מען קען ניט האבען קיין מנוחה צוליעב דיא פיעל חסידים און טויזענדער שלום־עליכם׳ס, זיינען מיר ביינאכט אונגעריכט אויסגעשטיגען אין קאלאמעא און געדונגען א וואגען צוצופאהרען אין א דארף אריין צו אן ארענ־דאר פון וועלכען מיר האבען געהערט אז ער איז א סאדאגורער חסיד און א גרויסער מכניס אורח.

איינער פון מיינע מענשען האט פאראויס געריטען אויף א פערד צו וויסען צו טהאן דעם ארענדאר, אז דער טאלנער רבי פאהרט און וויל ביי איהם נעכ־טיגען.

״מהיכא תיתא — האט איהם דער ארענדאר געענטפערט גאנץ קאלטבלו־טיג. — אויב דער טאלנער וויל דא נעכטיגען וועט ער ביי מיר געפינען אפענע טהירען ווי אלע אורחים וואס קומען אהער״.

דער שליח איז געבליבען אויסער זיך פון אזא תשובה. סטייטש, ער פער־גלייכט זיין רבי׳ן מיט אלע אנדערע אורחים.

אבער ס׳איז פערפאלען, מען מוז שוין דא איבערנעכטיגען.

אנקומענדיג אין דער קרעטשמע, האב איך געטראפען א וואונדערפול רייז חדר פון מיינעטוועגען בעזונדער. דער בעל־הבית האט מיר געגעבען ״שלום״ ווי צו א געוועהנליכען אורח און איז באלד פערשוואונדען געווארען, ניט געבענדיג מיר דיא געלעגענהייט אפילו מיט איהם צו ריידען א דבור.

א נאכטמאל איז געוועזן צוגעגרייט פאר מיר און פאר מיינע מקורבים, אן אמת׳ע סעודה יפה, מעדני מלכים פון מילכיגע מאכלים.

דער בעל־הבית האט אויסגעבעטעט פאר אלע אורחים, לויט עס איז איהם מעגליך געוועזן, בכבוד גדול. אבער וועגען מיין פערזאן האט ער מיט זיי ניט גע־רעדט אפילו א דבור. ער האט זיך בכלל אין מיר אלס גוטער־איד לחלוטין גאר ניט אינטערעסירט.

פאר מיר און פאר מיין חבריא איז דאס פערהאלטען פון אט דעם דאזי־גען חסיד געוועזן א חידה סתומה (א ניט לעזבארעס רעטזעל).

אין דער פריה נאכ׳ן דאווגען, האבען מיר ווידער געהאט אן אנשטענדיג אנבייסען צו אונזער אלעמענס צופריעדענהייט.

פאר׳ן אוועקפאהרען, האב איך צו איהם אריינגעשיקט דעם גבאי ער זאל מיר ברענגען דעם רעכנונג פאר דעם עסען און פאר סטאנציע.

״איך שיק ניט קיין רעכנונגען צו אידישע אורחים און נעהם ביי זיי אי־בערהויפט ניט קיין געלד פאר אכסניה״ — האט דער ארענדאר געענטפערט מיין גבאי.

בין איך שוין נייגיעריג געווארען זיך מיט דעם אידען בעסער צו בעקענען און איהם געלאזט בעטען דורך מיין גבאי ער זאל צו מיר אין חדר אריינקומען.

ער איז אריינגעקומען גלייכגילטיג.

״פארוואס ווילט איהר ביי מיר ניט נעהמען קיין געלד?״ האב איך איהם געפרעגט.

״ווייל איך נעהם ביי אידישע אורחים קיינמאל ניט קיין געלד״ — האט ער מיר געענטפערט.

— אינטערעסירט אייך גאר ניט צו וויסען ווער איך בין און וואס איך בין?

״איך אינטערעסיר מיך מיט מיינע אורחים גאר ניט, נאר אויף אזוי פיעל זיי צו מאכען היימיש און בעקוועם נאך מעגליכקייט. מעהר געהען זיי מיך גאר ניט אן״ — האט דער ארענדאר ווייטער געזאגט.

— אבער מיט מיר און מיט מיינס גלייכען?

״וואס זיינט איהר עפעס אנדערש וויא דיא אנדערע אורחים?״ — האט ער געפרעגט מיט א פאבריצירט תמימות.

״וויא הייסט? — האב איך שוין צו איהם געזאגט בדרך הלצה — איך בין דאך א רבי, און קען אראבלייענען פון אייער שטערען אלע אייערע מעשים״.

— איך בין ניט קיין רבי און קען אויך דיזעלבע קונץ — האט מיר דער איד געענטפערט תוך כדי דבור.

ער האט מיך געמאכט נייגיעריג. איך האב מיר ארויפגערוקט מיין סאמע־טענעם קאפעלוש און צו איהם געזאגט:

״אנו, לייענט פון מיין שטערן וואס איהר זעהט״.

— איך זעה אויפ׳ן רבינ׳ס שטערן אז דער רבי קען גאר ניט זעהן אויף מיין שטערן — האט ער זיך געענטפערט גאנץ בפשיטות, רופענדיג מיך צום ערשטען מאל מיט׳ן טיטול ״רבי״.

מיינע חבריא זיינען אויפגעקאכט געווארען פון דער דאזיגער תשובה, נאר אויף מיינס א וואונק האבען זיי זיך בערוהיגט.

מיך האט דער איד אבער שטארק פעראינטערעסירט.

״אזוי שמועסט א גאליציאנער איד מיט א רבי פון טויזענדער חסידים?״ — האב איך איהם געפרעגט.

״איך בין א סאדאגורער חסיד — האט ער מיר געענטפערט מיט א ווארים חסידישען טאן. — מיר סאדאגורער חסידים, האבען נאר איין גאט און איין רבי׳ן. דיא איבריגע רביים, ווער זיי זאלען ניט זיין, זיינען ביי אונז פער־רעכענט נאר פאר פשוט׳ע אידען, ניט מעהר״.

״איהר מעגט אייך בעריהמען, סאדאגורער רבי מיט אייערע חסידים״—האט דער טאלנער נאכאמאל איבער׳חזר׳ט דיא פריהעריגע דבורים.

בעת איינעם פון זייע׳ע שמועסען, האט דעמאלט דער סאדאגורער גע־פרעגט ר׳ דוד׳לן אזא שאלה:

״טאלנער רבי, איהר זיינט ראך א וועלט־חכם, קענט איהר מיר אפשר זאגען דעם טעם, פארוואס האט מען דיא פערצייטיגע רביים גערופען סתם ״צדיקים״, בעת דיא היינטיגע רביים רופט מען ״גוטע אידען?״

דער טאלנער רבי, וועלכער האט ליעב געהאט צו זאגען חכמה׳לאך, האט א שמייכעל געטאהן.

״איך מיין — האט ער זיך נאך א וויילע אנגערופען — אז דער טעם איז פשוט כפשוטו. דיא פערצייטיגע צדיקים זיינען ניט געווען קיין **גוטע** אידען, זיי האבען דעם רבונו של עולם ניט געוואלט גערעכט מאכען און איהם ניט נע־וואלט נאכגעבען וואו ס׳האט נוגע געווען דעם כלל ישראל. קוים האבען זיי דערפיהלט עפיס א הימלישען גזר־דין איבער׳ן כלל אדער אפילו איבער א פרט, האבען זיי תיכף מרעיש עולם געווען דעם גזר־דין בטל צו מאכען, זיך ניט גע־וואלט אבטרעטען ביז זיי האבען זייערס אויסגעפיהרט. זיי זיינען דעריבער געווען אין דער מדרגה פון ״צדיקים״, פון וועלכע דיא גמרא זאגט: ״הקדוש ברוך הוא גוזר וצדיק מבטל״, גאט ברוך הוא מעג זיך מאכען א גזרה, קומט אבער צו געהן דער צדיק און מאכט זיא בטל.

אזוי האבען זיך געפיהרט דיא פארצייטיגע צדיקים.

היינטיגע צדיקים אבער, זיינען **גוטע** אידען. זיי ווילען **גוט** לעבען און זיך ניט צוקריגען מיט זיין ליעבען נאמען. וויבאלד זיי דערפיהלען עפיס א גזר־דין, טראכטען זיי זיך: ״אויב דו, רבונו של עולם, פארשטעהסט אז ס׳דארף אזוי זיין, מהיכא־תיתא, צו וואס זיך עפיס איינשפארען געגען דיין הימלישען ווילען?״

זיי זיינען דעריבער **גוטע** אידען, כלומר, עס ארט זיי גאר ניט.״

און דער סאדאגורער צדיק האט ווידער א שמייכעל געגעבען.

## קאפיטעל 35

# דעם צדיק׳ס כח

דער טאלנער פיהרט דעם טיש אָהן "תורה"—דבורים ביים שלש-סעודות — רמזים אויף שפּעטערע פּאסירונגען — די פּטירה פונ׳ם טאלנער׳ס בן-יחיד — דער כח-המעצור פון א צדיק — שלאָפט אין דערהיים און איז ביי א לויה אין דער פרעמד — מה שאירע לטאלנע אירע לסאַדאגורע.

מכח יענעם בעריהמטען שבת ווען דער טאלנער צדיק איז געווען צו גאסט ביים אלטען סאדאגורער, דערצעהלען זיך דיא אלטע חסידים אָט דיא דאָזיגע עובדה:

דער סאדאגורער האָט דאמאָלס איבערגעגעבען זיין חשוב׳ן גאסט די פיה־רונג פונ׳ם "טיש". אויף גוט־אידיש לשון הייסט עס, אז דער גאסט דארף זיך ניט אונטערוואַרפען די מנהגים פונ׳ם גאסטגעבער ביים פיהרען דעם "טיש" מיט דיא חסידים, נאָר זיין פריי צו פיהרען זיך פונקט וויא ער איז זיך נוהג ביי זיך אין דערהיים. דאָס איז דער גרעסטער כבוד וואָס איין רבי קען צוטהיילען דעם צווייטען רבי׳ן.

ביים טיש, האָט דער סאדאגורער מכבד געווען דעם טאלנער מיט זאָגען "תורה". דער טאלנער האָט אָבער דעם כבוד צוריקגעוויזען מיט דער תשובה: ""מיר זעמיר איצט ניט דאביי".

ערשט ביי שלש־סעודות, בעת ס׳זיינען נאָר געווען ביים טיש דיא ביידע צדיקים, דיא קינדער און דיא נאָהענטע מקורבים, האָט דער טאלנער געזאָגט עט־ליכע דבורים:

. . . . און דאָס איז דער ענין פון "וזרח השמש ובא השמש"; דער צדיק דארף איבערלאָזען א ממלא מקומו. ווען חלילה ניט, הייסט עס "שקעה חמה שלא בעונתה", דער היפוך פונ׳ם סדר העולם. דאָס איז דער סוד פון "לקוי המאורות", פון וועלכען דיא גמרא זאָגט אז ס׳איז א פּועל יוצא פון א "תלמיד חכם שנספד שלא כהלכה". דאָס הייסט בחיי אָביו. דאריבער שטעהט גע־שריבען ביי דוד המלך "ויקרבו ימי דוד למות"", נאָר דיא טעג זיינען ביי איהם אָבגעשטאָרבען, אָבער ניט ער אליין, מחמת ער האָט איבערגעלאָזט זיין אמת׳ן ממלא מקומו. ער האָט דארום געקענט זאָגען מיט שמחה: "הנני הולך בדרך כל הארץ", וויא דער סדר העולם איז: האָב קודם לבנו...

מורא'דיג איז געווען דעם סאדאגורער'ס דבקות בשעת דיעזע תורה־דבורים. דיא מקורבים האבען גוט פערשטאנען אז דיא דאזיגע תורה איז ניט עפעס אזוי פשוט געזאגט אין דער וועלט אריין...

"דיא וועלט זאגט אז ער איז א קלוגער — האט דאמאלס שבת־נאכטס דער סאדאגורער געזאגט צו זיינע קינדער, — און איך זאג אז ער איז פון יענע חכמים וואס דיא גמרא זאגט: "חכם עדיף מנביא" (א חכם איז בעסער פון א נביא). ווייסט איהר פארוואס? ווייל א נביא זאגט וואס ער ווייסט: און א חכם ווייסט וואס ער זאגט. א נביא זאגט נאר פון יענעמס וועגען, און א חכם זאגט פאר יענעם און פאר זיך. די דאזיגע מדרגה פון חכם איז בחינת אדם. אויף אזא חכם האבען אונזערע חכמים געזאגט: איזה חכם? הלומד מכל אדם".

וויא ס'האט זיך דאן מיט דריי־פיער יאהר שפעטער ארויסגעוויזען, האט דער סאדאגורער אויך געהאט דעם זעלבען קלאפ וויא דער טאלנער צו פערלי־רען ביים לעבען זיין ממלא מקומו. דעם טאלנער'ס "תורה" האט זיך דעריבער אויך צוגעפאסט צום סאדאגורער אויך...

דעמזעלבען שבת־צו־נאכטס, האט דער סאדאגורער געשיקט צו זיך ארייג־רופען דעם טאלנער'ס מקורב ר' ליב יאשעס, און איהם געבעטען ער זאל איהם דערצעהלען בפרטות פון דער פטירה פון ר' מאטעלי, דעם טאלנער'ס בן יחיד. האט איהם דאמאלס ר' ליב'טשע אזוי דערצעהלט:

שוין א מעשה פון עטליכע יאהר, וויא דיא דאקטוירים האבען בעהויפ־טעט אז ר' מאטעלי האט א שוואכע ברוסט און ער מוז אוועקפאהרען אין א ווארימע געגענד אין דער קרים. דיא רוסישע רעגיערונג האט אבער בשום אופן ניט געוואלט געבען דיא ערלויבנים דאצו, און ר' מאטעלי איז פערבליבען אין דערהיים.

און דער ביטערער גזר־דין איז באלד געקומען.

דאס איז געווען פאר צוויי יאהר, תרל"ז. ראש השנה איז געפאלען דא־מאלס אין דיענסטאג און מיטוואך. ר' מאטעלי האט שוין מעהר ניט געקענט אריינקומען צום דאווענען. דער עולם האט געפיהלט, אז אן אונגליק שטעהט פאר צום נייעם יאהר. דאס געוויין ביים דאווענען איז געווען מורא'דיג.

פאר דיא תקיעות איז מיין רבי אריינגעגאנגען מבקר חולה זיין דעם בן יחיד און געהייסען דעם בעל־תוקע דארט בלאזען דיא תקיעות.

"ווי זיינען עפיס צוגעגאנגען די תקיעות בכלל?" — האט איהם דער סא־דאגורער געפרעגט.

— דאס איז דאך טאקע די מעשה פון וואנעט דער עולם האט פערשטאנען אז דיא צרה איז נאהענט. דאכט זיך יערזעלבער שופר, דערזעל־בער בעל־תוקע און דיעזעלבע כונות, צום סוף ביי ר' מאטעלין אין חדר זיינען דיא תקיעות געגאנגען וויא א מזמור, ממש א מחיה'ניש. און דארטען אין בית־המדרש ביים עולם איז געווען אין קול. דער בעל־תוקע האט בשום אופן ניט גע־קענט ארויסברענגען א פשוט'ע תקיעה און כאטש צוריים זיך.

"און אייער רבי?" האט איהם דער סאדאגורער ווייטער געפרעגט.

"קיין צייכען אפילו פון צורודערטקייט — האט ר' ליב'טשע געענטפערט. — הכל כנהוג, גלייך ס'וואלט גאר ניט געשעהן."

הפנים, אז ר׳ מאָטעלי אליין האָט שוין גוט געוואוסט אז ס׳האלט מיט איהם שמאָל — האָט דער טאלנער גבאי ווייטער דערצעהלט. — מחמת מאָנטאג, ערב ראש השנה, איז געבאָרען געוואָרען א זוהן צו מיין איידעם נחום. זייענדיג א בן בית ביי ר׳ מאָטעלי, איז מיין איידעם צו איהם אריינגעגאנגען צו וואונשען מזל טוב. ר׳ מאָטעלי האָט א שמייכעל געטהאָן, געדריקט מיין איידעם ברידער־לעך דיא האנד און זיך אָנגערופען:

"דעם בעסטען מזל־טוב דארף איך נאָר דיר ביעטען".

וויא דער רבי וועט ווייטער הערען, האָט מען טאקע דאָס דאָזיגע קינד א נאָמען געגעבען נאָך ר׳ מאָטעלי.

מוצאי ראש־השנה, דערזעהענדיג אז ס׳ווערט צוזעהענדיג ערגער, האָט מען! בעשלאָסען מיט איהם אוועקצופאָהרען אין דיא קרים־געגענד אָהן דער בעווילי־גונג פון דער רעגיערונג.

אין טאלנע גופא איז ניטאָ קיין באָהן־סטאציאָן, נאָר אין באָפּאליץ, א שטעדטעל וואָס ליגט 90 ווערסט פון טאלנע. מען האָט דעריבער געמוזט אהין צופאָהרען מיט א וואָגען. מיין רבי האָט זיך מיט ר׳ מאָטעלי געזעגענט גאנץ קאלט און גלייכגילטיג. איהם אפילו ניט בעגלייט ביז אין הויף ארויין, נאָר ביז צו דער טהיר. צוריק קומענדיג אין זיין חדר, האָט ער געזאָגט מיט א שרעקליך אויפרעגונג דאָס קאפּיטעל פ"ח אין תהלים. דאָס ערשטע און איינציגע מאָל וואָס איך האָב געזעהן מיין רבי׳ן אזוי יאָמערליך וויינען.

מיטגעפאָהרען זיינען נאָר זיין ווייב יוכבד׳ל, זיין גבאי און דיא נויטיגע משרתים. דיא נסיעה ביז באפּאליץ האָט געדויערט א גאנצען מעת־לעת. זיי האָ־בען דאָרטען געמוזט האלטען שבת.

מען האָט תיכף טעלעגראפירט צו מיין רבי׳ן, אז דעם חולה געהט עס ער־גער. דאָס טעלעגראפען־אמט, איז אָבער ניט אין טאלנע נאָר אין זווינא־גראָדקע, פון וואנעט דער טעלעגראם מוז איבערגעשיקט ווערען דורך א שליח. ער איז ערשט אָנגעקומען קיין טאלנע בעת דער רבי מיינער האָט געהאלטען אין מיטען פראווען פונ׳ם שבת׳דיגען טיש.

"שבת היא מלזעוק", האָט זיך מיין רבי אָנגערופען און ווייטער געפיהרט דעם טיש בהרחבה וויא געוועהנליך.

אין מיטען דער סעודה פון שלש־סעודות, האָט מען מיין רבי׳ן מודיע גע־ווען פון א טעלעגראם. אז דעם חולה איז בעדייטענד בעסער געוואָרען. וויא איבערראשט אָבער זיינען מיר אלע געוואָרען, זעהענדיג פלוצים דעם רבי׳ן אונטערברעכען דעם טיש. ער האָט געהייסען זיך געבען מים אחרונים און האָט אין איילעניש געבענשט. דאָן איז ער אריינגעגאנגען אין זיין חדר, גע־מאכט הבדלה און געהייסען אונז אלע אָבטרעטען.

ארום עלף א זייגער ביינאכט, איז אָנגעקומען א דעפּעשע, אז דער חולה דארף גרויס רחמים. דיא רביצין מיט דיא מקורבים זיינען אריינגעלאָפען אין רבי׳ס חדר מיט א גרויס געוויין. זיי האָבען אָבער געטראָפען ליגען דעם רבי׳ן אויף דער קנאפּע שלאָפענדיג. מיין רבי פלעגט האָבען א זעהר ווייכען שלאָף, דער מינדעסטער ריהר אינ׳ם חדר האָט איהם אויפגעוועקט. דאָס מאָל

**אבער איז ער אזוי הארט געשלאָפען אז ער האָט לחלוטין גאָר ניט געהערט דיא געוויינען און געשרייען פון זיין בני־בית.**

מיר האָבען אָנגעווענדעט כל׳ערליי מיטעל איהם אויפצואוועקען. אין דער תחלה האָבען מיר אלע געטופּעט מיט דיא פיס. דאן האָבען מיר אָנגעהויבען קלאפען מיט טאצען. שפּעטער האָבען מיר ארויסגעשיקט איינעם ער זאָל קלאַפען אין פענסטער פון רבינ׳ס, חדר אָהן רחמנות. אבער אלצדינג איז געווען אומזיסט. דער רבי האָט זיך קיין ריהר אפילו ניט געגעבען. מיר האָבען זיך אָנגעהויבען זעהר צו שרעקען. האָב איך געוואגט אויפצוהויבען דעם רבינ׳ס קאָפּ, דער צווייטער מקורב האָט ארונטערגענומען דיא פיס צו דער ערד, אָבער אומזיסט, דער רבי איז אזוי געשלאָפען זיצענדיגערהייט.

פונקט איינס א זייגער, האָט זיך מיין רבי פון זיך אליין אויפגעכאפּט פון׳ם שלאָף.

”וואָס שווייגסטו, פארוואָס ביסטו דו ניט מרעיש עולמות? — האָט די רביצין ביטער געקלאָגט. — אונזער איינציגעס אויג אין קאָפּ איז אין אזא סכנה און דוא שלאָפסט גאָר!”

”התחת אלקים אנכי?” — האָט איהר דער רבי גאנץ געלאסען געענטפערט —מען דארף דאנקען און לויבען זיין ליעבען נאָמען פאר׳ן שלעכטען פונקט וויא פאר׳ן גוטען.

האָבען מיר תיכף פערשטאנען אז ס׳איז שוין נאָך אלעם.

שפּעטער האָבען מיר זיך דערוואוסט, אז זייגער עלף ביינאכט האָט ר׳ מאָטעלי געלאָזט זיין כשר׳ע נשמה און אז זייגער איינס איז ער שוין נעהאט גע־קומען צו קבר ישראל.

יוכבד׳ל וויא אויך ר׳ מאָטעלי׳ס גבאי האָבען דאן דערצעהלט, אז בשעת גסיסה האָט ער פלוצים אויפגעמאכט די אויגען און א זאָג געטהאָן: ”פאר וואָס צינדט מען ניט אָן די ליכט? זעהט איהר דען ניט וואָס פאר א גאסט מיר האָבען דאָ? דער טאטע איז דאָך געקומען!”

אין טאלנע האָט מען נאָך פון דעם גרויסען אונגליק ניט געוואוסט. מען האָט זיך ס׳וואהר משער געווען, אָבער משער זיין, הייסט ניט וויסען.

כדי קלאָהר צו מאכען דיא לאגע, האָט מען אוועקגעשיקט א הויפ׳ס־מענש, שלום שכנא, צום טעלעגראפענאמט קיין זווינא־גראָדקע, ער זאָל אָנפרעגען טע־לעגראפיש וואָס ס׳הערט זיך עפּיס מיט ר׳ מאָטעלי. ער האָט אָבער קיין תשובה בעקומען אויף אלע זיינע טעלעגראמעם. ער האָט שוין פערשטאנען דיא סבה דאפון, און כדי ניט צו ברענגען דעם רבי׳ן דיא שלעכטע בשורה, איז שלום שכנא פערבליבען אין זווינא־גראדקע עטליכע טעג.

דיא שטאדט טאלנע איז געווען דעריבער גאנץ צוטומעלט.

מאנטאג פריה, ווען ס׳האָט בעדארפט זיין דער ברית ביי מיין אייִדעם, זיינען מיר אריינגעגאנגען צום רבי׳ן פרעגען מכח א נאמען, וויא דער מנהג איז ביי דיא טאלנער מקורבים.

”וואס איילט איהר אייך? — האָט צו אונז דער רבי געזאגט — א נאמען

אין א זעהר וויכטיגער ענין. עס שאדט גאר ניט ווען דער ברית וועט זיין אביסעל שפּעטער.״

פּונקט אין צוויי שעה ארום, איז יוכבד׳ל, דעם רבינ׳ס שנור, געקומען אנגע־פאהרען אין הויף אריין. דער טויזענד־קעפּיגער עולם וואס איז געווען פערזאמעלט אין הויף, האט ארויסגעלאזט א שרעקליך געוויין דערזעהענדיג יוכבד׳לען אליין צוריקקומען. אלע האבען פערשטאנען דאס גרויסע אומגליק.

אין׳ם אומגליקליכען מאמענט, האב איך גאנץ פערגעסען אין׳ם ברית. כהרף עין בין איך אריינגעלאפען אין רבינ׳ס חדר, כדי צו זיין נעבען איהם אין דער קריטישער רגע.

״וואס איז דיא גרויסע יללה? האט מיך דער רבי געפרעגט מיט א גאנץ גלייכגילטיגען טאן — איז שוין אפשר שלום שכנא צוריקגעקומען ?״

״יוכבד׳ל איז צוריקגעקומען !״—האב איך געענטפערט דעם רבי׳ן, קוקענדיג וואס פאר א מינע ער וועט מאכען.

״אט האט שוין דיין איידעם א נאמען — האט צו מיר דער רבי געזאגט אויסטהוענדיג דאביי דיא שיך — געה גיך אהיים, ס׳איז דאך שוין שפּעט. לאז מען מאכען דעם ברית״.

״איהר קענט שוין געהן — האט דאן דער סאדאגורער געזאגט צו ליב׳טשע יאשעס. — איך ווייס שוין אלצדינג וואס כ׳האב געוואלט וויסען. עס קומט אייך א יישר כח. איך בין מקנא אייער רבי׳ן מיט זיין כח־המעצור. חכמה איז איבער אלעם״.

ביים געזעגנען זיך מיט׳ן טאלנער, האט איהם דער סאדאגורער געגעבען א מתנה זיין גאלדען טאבאק־פּושקעלע, וואס ער האט געהאט בירושה פון׳ם ריזינער.

פאַרוואס דער סאדאגורער רבי האט זיך דערמאָלט אזוי פעראינטערעסירט אין דעם ענין פון ר׳ מאטיל׳עס פּטירה, איז בשעת מעשה געבליבען א רעטזעל. שפּע־טער מיט דריי יאהר, ווען ס׳האט דעם סאדאגורער געטראָפען נאָך א גרעסער אומ־גליק. דורך דעם אבשטארבען פון זיין עלטערן זוהן און טייערן איידעם, האט מען ערשט אָנגעהויבען צו לערנען רמזים און פּשטים אין די פאר־דריי־יעהריגע דבורים.

דער סאדאגורער רבי האט דאן ביי זיין אונגליק ארויסגעוויזען נאָך א פיעל גרעסערען כח. מען האט דאָמאָלס געזעהן בחוש דעם בטול וואס דער צדיק איז מבטל אלע ענינים פון עולם הזה, ווי נאהענט צום הארצען זיי זאלען איהם ניט זיין.

## קאפיטעל 36

# דאָס דאווענען

די מיטעל דורך וועלכע דער חסיד ווערט פעראייניגט מיט זיין רבי׳ן — פערשיעדענע מנהגים ביים דאווענען — מען טאָר ניט זעהן דעם צדיק׳ס צורה בשעת דאווענען — די בעריהמטע בעלי-תפלה — פערבאָרגענע כחות ארבייטען — די הויפט-קעסט א סגולה צו דער נשמה.

דער גרעסטער כח־המושך (אָנציהונגס קראפט) וואָס ציהט צו דעם חסיד צו זיין רבי׳ן, איז על פי רוב דעם רבינ׳ס "טיש". ביי אלע חסידים פון אלע רביים, ווערט דער טיש בעטראכט פאר א "מזבח" און דער צדיק פאר׳ן כהן, וועלכער איז מיט זיין כונות׳דיג עסען מקריב קרבנות, פערשאפענדיג א ריח־ניחוח פאר זיין ליעבען גאָמען. ביים טיש, הייסט עס, ווערען דיא נשמות פון דיא חסידים געלייטערט, פונקט וויא דיא נשמה פונ׳ם חוטא פלעגט אין בית המקדש געלייטערט ווערען דורך ברענגען א קרבן, און מען מוז בעקומען א הרהור תשובה.

ביים "טיש" ווערט אויך געשאפען דיא גייסטיגע פערבינדונג און נשמה־פעראייניגונג צווישען דעם צדיק און זיינע חסידים. דאָרט דערפיהלען דיא חסידים דאָס פערוואנדשאפט מיט׳ן שורש, דעם צדיק, שמעלצען זיך צוזאמען און ווערען א "קומה שלמה", א גאנצע רוחניות׳דיגע קערפערשאפט, א מין גייס־טיגער גוף, פון וועלכען דער רבי איז דער מוח און דיא חסידים זיינען דיא אברים, יעדער איינער לויט זיין מדרגה.

אָבער דאָס התעוררות און ממש ארויסגעהן פון דיא כלים, וואָס מען האָט זיך געקענט צוזעהן ביי א סאדאגורער טיש, האָט מען ניט געזעהן ביי קיין שום רבי׳ן אויף דער וועלט אין אזא מין מדרגה.

איך האָב פריהער אונטערגעשטראָכען דיא ווערטער "על פי רוב", מחמת אין אמת׳ן זיינען געווען נאָך אנדערע ענינים וואָס האָבען פערשאפט א גייס־טיגע פערבינדונג צווישען דעם צדיק און זיינע חסידים, שאפענדיג א התדבקות און א גרויסען קרבת־נשמה. דאָס זיינען געווען דאָס פראווען און דאָס דאווענען.

ס׳רוב רביים, ניט פון דער סאדאגורער גזע, האָבען ניט נאָר געדאווענט צוזאמען מיט זייערע חסידים צווישען דעם עולם, נאָר טאקע זעהר אָפטמאָל געווען אליין דיא בעלי־תפלה פאר׳ן עמוד. דיא חסידים האָבען דעריבער גע־האט ביים דאווענען א דירעקטע השפעה (איינפלוס) פון זייערע רביים. מיט

זייערע בכיות, העויות און אויך התעוררות׳דיגע זינגעריי, האָבען זיי אריינגע־בראכט דיא חסידים זייערע אין א מורא׳דיג התלהבות, אז זיי פלעגען ממש ברע־נען וועלטען. זיי האָבען געהאט דיא געלעגענהייט צו פיהלען בחוש דעם גרוי־סען כח פונ׳ם צדיק׳ס עבודה, און זעטיגען זייערע אויגען פון זיין ליכטיגער צורה, בעת ער איז עוסק אין "יחוד קודשא בריך הוא ושכינתיה", צו וועבען און אויך דאן צוזאמענקניפען דיא פעדים, וועלכע זאָלען פעראייניגען דאָס פאָלק ישראל מיט זייער פאָטער אין הימעל.

אין סאדאגורע דאגעגען איז דאָס דאָזיגע דאווגען־התעוררות ניט געקומען דירעקט פונ׳ם צדיק, וועלכען דיא חסידים האָבען לגמרי גאָר ניט געזעהן ביים דאווגען, נאָר דורך דיא וואונדערבארע בעלי־תפלה וועלכע זיינען בעריהמט געווען אין דער גאנצער חסידישער וועלט. דעריבער האָבען דיא חסידים גע־שטעלט דיא מדרגה פונ׳ם "טיש" פיעל העכער פון דער מדרגה פונ׳ם דאווגען, בגוגע צו קומען צום ריכטיגען התעוררות און זיך "אָנקעהרען" מיט׳ן צדיק, כאָטש דאָס דאווגען און דיא עבודה האָבען געשפיעלט א געוואלדיגע ראָלע.

געדאווענט האָט דער רבי ז״ל תמיד אין א בעזונדער חדר, וועלכעס איז געווען אויף דער זיד־וועסט זייט פון דער קלויז. גאנץ אליין, קיין איינציגער מענש, אויך דער נאָהענטסטער מקורב, האָט זיך ניט געטאָרט געפינען אין דעם דאָזיגען התבודדות שטיבעל בשעת דעם רבינ׳ס תפלה. ביים גאנצען דאווגען האָט מען ניט געקענט בעמערקען וועלכען ס׳איז צייכען זיך צו דרינגען דאפון, אויב דער רבי דאווענט מיט׳ן צבור צוזאמען אָדער ניט. עס איז ניט געווען קיין שום מיטעל וויא אזוי א חסיד זאָל קענען כאפען א בליק צום רבינ׳ס עבודה אין יענעם חדר אריין. אָבער אפילו ווען ער וואָלט געפונען דיא מיטעל, וואָלט ער זיך אויך ניט געווען דאמיט בענוצט. דיא אמונה אין דעם צדיק איז אזוי גרויס, אז ס׳ווילט זיך לגמרי ניט קוקען וואו מען הייסט ניט.

דער בעל־תפלה האָט אָבער געהאט אָן אָנזאָג צו וואַרטען מיט דער הויי־כער שמונה־עשרה, ניט אנהויבען צו זאָגען זיא. ביז ס׳וועט ניט קומען דער בעוואוסטער צייכען אז דער צדיק איז שוין פארטיג מיט דער שמונה־עשרה. געוועהנליך האָט דאָס וואַרטען געדויערט זעהר לאנג. פון דער צייט וואָס דער חזן האָט געענדיגט זיין שטילע שמונה־עשרה ביז ער האָט ערהאלטען דעם צייכען אָנצוהויבען דיא הויכע, האָט דער פרומסטער חסיד געהאט גענוג צייט אָבצודאווגען פון "אדון עולם" ביז נאָך דער "שמונה עשרה".

בעת דער רבי איז אויסגעגאנגען פון דער שמונה־עשרה זיינער, האָט ער א ריהר געטהאָן מיט דער קליאמקע פון דער טהיר, וועלכע האָט געפיהרט אין דער קלויז אריין. נעבען יענער טיהר, איז תמיד געשטאַנען, אָדער געזעסען, דעם רבינ׳ס מקורב אכטונג צו געבען אויב דער רבי גיט שוין דעם צייכען. קוים האָט דער גבאי בעמערקט דאָס לייכטע בעוועגען פון דער קליאמקע, האָט ער נעגעבען א צייכען מיט דער האנד, וועלכער איז דאן ווייטער איבערגעגעבען גע־וואָרען דורך פיעל אויפגעהויבענע הענד ביז צום בעל־תפלה, און דער חזן האָט דאן אָנגעהויבען דיא תפלה.

וויבאלד מען האָט דעם רבי׳ן אויפגערופען צו דער תורה, האָט ער אויפ־געמאכט דיא טהיר און געוואַרט א רגע. דער מקורב וואָס פלעגט דאָרט תמיד

שטעהן איז דאן געגאנגען פאראויס, מיט׳ן רוקען געווענדעט צום בעלעמער און מיט׳ן פנים צום רבי׳ן, מאכען ריקווערטס מיט ביידע הענד, וויא א שווימער, א "ווארע" פאר׳ן רבי׳ן. שריט ביי שריט איז איהם דער צדיק נאכגעגאנגען ביז צום בעלעמער, איינגעהיעלט אינ׳ם גרויסען טלית וועלכער איז איצט געווען אראבגעלאזט איבער׳ן קאפ ביז צום גארטעל, און האלטענדיג מיט ביידע הענד דיא עטרה פונ׳ם טלית אביסעל אוועק פונ׳ם גוף, אזוי, אז ער זאל זיין ביכולת צו זעהן אויף דער ערד דעם וועג נאכצופאלגען דעם גבאי. וויא גרויס דער עולם האט ניט געזאלט זיין, האט זיך אלעס צו־יקגעשטופט און צוזאמענגעדריקט, מאכענדיג צוויי פעסטע שורות צווישען וועלכע דער רבי זאל קענען פריי און ברחבה דורכגעהן ביז צום בעלעמער. דעם רבינ׳ס צורה האט אבער קיין בן אדם ניט געקענט זעהן בשעת דאווענען, מחמת דעם צדיק׳ס עבודה ביים דאווענען איז גלייך צום כהנ׳ס עבודה ביים דוכנ׳ען, מען טאר אויף איהם דאמאלס ניט קוקען.

דאסזעלבע איז אויך געווען בעת דער רבי איז צוריקגעגאנגען פון דער קריאה אין זיין חדר אריין.

דער ראש־השנה׳דיגער בעל קורא וויא אויך דער בעל תוקע, איז געווען ר׳ יעקל׳ע מרגליות פון בערדיטשעוו, דעם קדושת לוי׳ס אן אייניקעל. מיט זיינע זיסע מאדנע טענער ביי דעם לייענען איז ער געווען א חד בדרא, יעדע תנועה זיינע איז זיך צוגאנגען אין יעדען אבר. פיעל סאראגורער חסידים פלע־ ווען איהם נאכמאכען דיא קריאה, בעזאנדערס האט זיך דאס געמיהט צו טהאן זיין איינענער זוהן ישראל מרגליות, דער הויפט־מקורב פונ׳ם ניט לאנג פער־ שטארבענעם באיאנער רבי, אבער קיינער פון זיי איז ניט אימשטאנד צו מאכען דעם בע׳טעמ׳טען קנייטש און פערמאגען ניט זיין מתיקות׳דיגען טאן.

כאטש מען האט אין סאדאגורע ניט געזעהן דעם רבי׳ן בשעת דאווענען, פונדעסטוועגען האט דאס דאווענען אין דעם רבינ׳ס קלויז געהאט א בעזונדערע, מורא׳דיגע התעוררות. ניט ווילענדיג האט יעדער איינער געמוזט נתפעל ווע־ רען פון דיא וויינענדיגע תנועות און קרעכצענדיגע ניגונים וועלכע האבען ממש געריסען שטיקער פון דער נשמה. מען איז בעל כרחו אריינגעפאלען אין א מין נערוועז־בעוועגונג און זעעלען ערשיטערונג ניט וויסענדיג דיא אמת׳דיגע סבה דאפון.

דער שטענדיגער בעל תפלה ביים אלטען צדיק ז"ל איז געווען ר׳ יהושע סאקווערער. זיין דאווענען איז געווען מלא טעם, זיינע ניגונים וועלכע ער האט אליין פערפאסט, זיינען ניט געווען קונציג מיט דרעהדלעך, נאר איינפאך גלאטיג, גיסענדיג זיסע ווייכע תנועות וויא א בוימעל, וועלכע פלעגען יעדען צו־ הערער ציפען ביים הארצען. ביים דאווענען פלעגט מען פון זיין נוסח נגינה פשוט עלעקטריזירט ווערען. פון די מיילער פונ׳ם רבינ׳ס זיהן און איידעמעס, וועלכע זיינען אלע געשטאנען ביי דער מזרח־וואנד מיט דיא טליתים א־אפגע־ לאזט איבער זייערע פנימ׳ער, האט זיך אלע מאל ארויסגעריסען א לאנגער, טיעפער קרעכץ וועלכער האט הארמאניש צונעקלינגען צו דיא הארץ־רייסענדע תנועות פונ׳ם חזן.

ביי דיזער געלעגענהייט איז אויך כדאי צו דערמאנען דעם ראש־השנה׳דיגען בעל־שחרית ר׳ יוסף ישראל, וועלכער איז אויך געווען דעם בערדיטשעווער

צדיק׳ס אַן אייניקעל. ווער עס האָט איהם נאָר איינמאָל אין לעבען געהערט זאָ־נגען זיין מאָדנעם, אָריגינעלען "שיר המעלות ממעמקים" און "לאל עורך דין", קען איהם קיינמאָל אין לעבען ניט פערגעסען. וויא פון א שטורם איז פון איהם דער גאַנצער עולם היגנעריסען געוואָרען. ס׳איז געווען אמת׳דיג: הימעל עפען זיך!

עס פערשטעהט זיך, אַז דאָס גרויסע הימלישע התעוררות און השתפכות הנפש האָבען די חסידים צוגעשריבען ניט אויף דער קאָנטע פון די גוטע זיסע בעלי תפלה, נאָר צו דער השפעה פון׳ם צדיק, וועמעס כח ווירקט אין דער שטיל דורך פערבאָרגענע עלעקטרישע שטראַהלען, וועלכע שיינען אריין אין׳ם טיפען הארץ און מאכען דאָרט אָן די מורא׳דיגע מהפכה. אָבער אחרי כל אלה, האָבען אלע מודה געווען פה אחד, אַז גרעסער איז דער כח השפעה פון׳ם צדיק וואָס ווערט געשאפען ביי זיין "טיש", וואו מען זעהט זיין עבודה טאקע פנים אל פנים.

נאָר איידער מיר געהען בעשרייבען דעם רבין׳ס טיש מיט אלע זיינע פרטים, וויל איך פריהער שילדערן די מענאַזש וואָס דיא חסידים פאסען אויס יעדען שבת און יום טוב פון׳ם רבינ׳ס הויף פאַר זייער איינענער מחיה.

אין א מין גרויסען מאגאזין פון׳ם רבינ׳ס הויף איז געשטאַנען יעדען ערב שבת און ערב יום טוב דער גבאי יצחק דוד לייזעראָוויטש, ביי א ברייט פענסטער, ארום וועלכען ס׳זיינען געשטאַנען הונדערטער חסידים, אויסטיילענדיג זיי מע־נאַש (עסען) פאַר שבת אדער פאַר יום־טוב. פאַר דיא פיער טעג ראש השנה, האָב איך דעמאָלט אויסגעפאסט פון יצחק דוד׳ס האַנד, נאָך א מסירות־נפש׳דיג שטופען און נאָך דעם ווי כ׳האָב אריינגעכאַפּט א היבש עטליכע גוטע שטורכעס פון מיינע שכנים׳ס עלענבויגענס, פיער בולקעס, א פלעשעלע בראַנפען און צוויי שטיקלעך לעקעך.

אָבער ניט נאָר דיא יושבים פלעגען זיך בעדיענען מיט דער דאָזיגער פּריווע־ליגע, צוליעב זייער ארימקייט און ניט זייענדיג אימשטאַנד צו עסען אין אַן אכסניה אויף אייגענעם חשבון, נאָר אויך טאקע פיעל בעלי־בתישע מענשען וואָס האָבען אויף דער סטאַנציע סיי וויא געצאָהלט פאַר אלע פיער סעודות פון ראש־השנה צו דרייסיג אדער פערציג קרייצער פאַר א סעודה, האָבען אָבער דאָך ניט געוואָלט פערציכטען אויף דעם דאָזיגען הויפס־מענאַש און גלייך מיט דיא ארימע יושבים זיך געטראָגען אהיים אויף דער סטאַנציע מיט׳ן פעקעל בולקעס און שאר ירקות.

קידוש האָבען אָט דיא דאָזיגע חסידים געמאכט נאָר איבער׳ן רבינ׳ס בראַנפען און דיא "מוציא" ביי יעדער סעודה האָבען זיי תמיד אָנגעהויבען נאָר פון׳ם רבינ׳ס בולקעס.

מחמת כדי צו קענען האָבען פון׳ם רבי׳ן א יניקה רוחנית, דיא נשמה זאָל זיין בכח צוצונעהמען דיא שפע פון קדושה וואָס דער רבי איז אויף איהר משפיע, דאַרף מען אויך אָב׳חורש׳ן דעם גוף, איהם אויך מהנה צו זיין מיט׳ן רבינ׳ס סעודה. א זאַך וועלכע גיט אויך כח ס׳זאָל אויף׳ן מענש קענען חל זיין דיא ברכה עליונה. אָט האָט שאול, דער ערשטער אידישער קעניג, ניט געקענט נע־

זאלבט ווערען אלס קעניג פון דעם צדיק הדור שמואל הנביא, **ביז ער האָט ניט** פריהער טועם געווען א פּארציע פון דעם נביא׳ס סעודה.

דעריבער זיינען פערהאנען געווען פיל רביים וועלכע האָבען שטארק מקפּיד געווען, אז דער גאנצער עולם פון שבת אדער יום טוב (דיא ״אורחים״ ווערען. ביי רביים גערופען ״עולם״), ארים אָדער רייך, זאָל ניט עסען אויף דער סטאנ־ציע נאָר ביים רבינ׳ס טיש. אפילו דיא גרעסטע גבירים, וואס האָבען ביי זיך אין דער היים געפלעגט עסען געבראטענע טויבען אפילו, האָבען אים שבת אדער יום טוב, זייענדיג ביים רבי׳ן, געמוזט עסען, ביי פיעל רביים, מיט א שותף אויס איין שיסעלע די בעבעלעך מיט די וואסער־יויך, אין וועלכער ס׳האָבען אויך ארומגעשווימען עטליכע לאקשען. על פי רוב האָט זיי דאס בעסער געשמעקט ווי זייערע מאכלים אין דערהיים, ווייסענדיג וויא גרויס דער ענין איז צו עסען דיא סעודה פון׳ם רבינ׳ס הויף און נאָך דאצו מיט׳ן רבי׳ן בייזאמען.

ביי דיא סאדאגורער רביים איז שוין דער ענין ניט אזוי שטרענג געווען. א חוץ די יושבים וואָס פלעגען עסען אין שאלאש ווען דער רבי האָט ניט געפיהרט קיין טיש, אָדער ביים רבינ׳ס טיש געבאַפּט שטעהענדיגערהייט א פּארציע וואו ס׳האָט זיך געלאָזט, און א חוץ דיא אנשים מצוינים, דיא גרויסע מיוחסים, רבנים און גבירים וואָס זיינען געזעסען ביים רבינ׳ס טיש. האָבען אלע חסידים נעגעסען אויף זייערע סטאנציעס און דאן געקומען צום טיש.

אָבער כדי צו האָבען אַ הנאה פון דיא הויפּס מאכלים, פלעגען דיא אמת׳ע חסידים זיך נוהג זיין, יוצא צו זיין מיט עסען די בולקעס און טועם זיין פון דעם לעקעך און בראנפען וואָס יצחק דוד האָט אויסגעטיילט צו יעדען איינעם וואָס האָט נאָר געוואלט נעהמען.

נאָכדעם ווי די חסידים האָבען קידוש געמאכט, זיך געוואשען און עפּיס טועם געווען לכבוד שבת אדער לכבוד יום טוב, זיינען זיי גיך געלאָפען צום רבינ׳ס טיש, וויבאלד דער רבי האָט נאָר דעמאלט איבערהויפּט געפיהרט א טיש, כדי צו כאפּען א גוטען פּלאַץ פון וועלכען מען קען גוט זעהען דעם צדיק׳ס עובדות ביים טיש.

## קאפיטעל 37

# דעם רבינ׳ס טיש

דעם רבינ׳ס שאלאש — א דין פון כל דאלים גבר — פנחס גבאי ווארפט שטריימלעך — אן עונש פאר געבען א חסיד א פאטש — דער רבי היפנאָטיזירט דעם גרויסען עולם — דאָס גרויסע התעוררות צוליעב דעם שטילען נגונ׳דעל — פאר וואָס דער צדיק עסט קוגעל מיט דער הוילער האנד — דער תנאי מיט׳ן גוף — פאר וואָס מען זאָגט פריי־טאָג צו נאכטס "צאתכם לשלום".

דער סאדאגורער רבי ז"ל פלעגט פיהרען אים שבת אָדער אים יום־טוב נאָר איין "טיש" מיט דיא חסידים. ווינטער שבתים פלעגט דער טיש גע־פיהרט ווערען נאָר אים פרייטאָג־צו־נאכט און אין דיא זומער שבתים — שבת ביימאָג. אים ראש־השנה פלעגט לגמרי גאר ניט געפיהרט ווערען א טיש מיט די חסידים צוזאמען.

איז דער עולם געווען קליין איז דער טיש געפיהרט געוואָרען אין דער אל־טער קלויז. טאָמער איז אָבער געווען א גרויסער עולם וויא אין א יום טוב אָדער א חתונה־סעודה, איז דער טיש געפיהרט געוואָרען אין גרויסען סאלאש. דער סאלאש איז געווען א גרויסע געביידע, אין וועלכער ס׳זיינען פון אלע זייטען גע־מאכט געווען בענק, איינע העכער פון דער אנדערער, וויא אין א שוויץ־באָד, להבדיל, אויף וועלכע דיא חסידים פלעגען שטעהן און זיך צוקוקען צום רבינ׳ס עובדות ביים טיש.

דער דאך פונ׳ם סאלאש איז געמאכט געווען אויף רעדער, מען זאָל איהם קענען אוועקשיבען אויף דעם הילצערנעם געשטעל וואָס איז אייגענס דאצו גע־מאכט געוואָרען, כדי דער סאלאש זאָל קענען דאן דיענען פאר א סוכה.

דאָס גרויסקייט פונ׳ם רבינ׳ס טיש האָט זיך ס׳מיינסט געלאָזט זעהן און פיהלען בעת דער טיש איז געפיהרט געוואָרען אין שאלאש, אין דער בחינה פון "ברב עם הדרת מלך."

נאך מיט עטליכע שעה פריהער, איידער דער רבי האָט נאך אפילו במחשבה געהאט אריינצוגעהן צום טיש, איז שוין דער שאלאש געווען פול. אלע בענק זיינען שוין געווען "בעשטאנען" פון דיא הונדערטער אָדער טויזענדער חסידים, וועלכע האָבען אויף זיי "קונה שביתה" געווען. קעפ אויף קעפ, ממש, זיינען זיי געשטאנען, אָדער געהאנגען אויף דיא באלקענס צוגעבונדען מיט׳ן גארטעל, פיער פינף שעה אויף א פלאץ וואו זיי האָבען זיך אויסגעקליבען כל זמן ס׳איז נאך געווען צייט צו קלויבען.

ביי דיא רביים געהט אָבער ניט אן דער דין פון חזקה, נאָר פון "כל דאלים גבר", ווער ס׳איז שטארקער און האָט געזונטערע עלענבויגענס דער האָט דאָס רעכט, און נענען זיין זעלבסטהערשאפט אויף דער שאלאש־באנק איז "לית דין ולית דין". האָט געמעגט א חסיד אָבשטעהן אפילו א האלבען מעת־לעת כדי צו

זיין א מוהזק אויף זיין פּלאץ, ווען ס׳איז אָבער אויסגעוואקסען וויא פון דער ערד אן אנדערער, וועלכער האָט געמאכט אן איבערקעהרעניש כדי זיך פעסטצושטעלען מיט זיין ״כח־גברא״ אויף יענעמ׳ס פּלאץ, איז געווען וויא דיא גמרא דריקט זיך ערגיץ אויס: ״מה שעשוי עשוי ואין לו עליו אלא תרעומות״, וועלכעס מיינט: אָבגעטהאָן איז פערפאלען, און גע[illegible] איהם צום ״ונתנה תוקף״.

דעריבער פלעגט זיין א מנהג צווישען דיא חסידים פון יעדער שטאָדט בעזונדער, צו כאפּען זיך פלעצער בייזאמען, איינער נעבען דעם אנדערען, דאַן זיך צונויפגעבונדען, יעדער פון זיי צו זיין חבר׳ס גארטעל, אזוי אז דיא גאנצע שורה אויף דער באנק איז געווען איין קערפּערשאפט, איינער איז בעפעסטיגט געוואָרען פונ׳ם צווייטען. דאָס האָט אפילו פיעל געהאָלפען צו פערשטארקען דיא פּאָזיציאָן פונ׳ם יחיד. אָבער אָפטמאָל האָט זיך געטראָפען אז מען האָט איינעם אראָפּגעשלעפּט און דיא גאנצע שורה איז מיטגעפאלען. און איידער זיי האָבען נאָך צייט געהאט זיך אומצוקוקען וואָס ס׳איז געשעהן, איז שוין דיא באנק געווען אָנגעפילט פון אנדערע, ממש מעשה נסים.

אָבער דיא אלע מלחמות מיט געדרוישען זיינען נאָר פאָרגעקומען איידער דער רבי איז אריינגעקומען. טאָמער האָט מען נאָר געגעבען א צייכען אז דער רבי געהט, איז געוואָרען פלוצים פון זיך אליין שא, שטיל, מאָהן צו זעען.

איידער דער רבי איז אריינגעקומען האָט פנחס גבאי אויסגעזעצט דיא אורחים ביי דיא לאנגע טישען, איינער צוגעשלאָסען צום צווייטען, אזוי אז זיי האָבען אויסגעזעהן וויא איין איינציגער גאנץ לאנגער טיש, ארום וועלכען ס׳האָבען געקענט זיצען ניט מעהר וויא העכסטענס הונדערט חסידים. אין דער פראָנט פון אָט דעם דאָזיגען טיש, איז געשטאנען א גרויסער פיער־עקיגער טיש, ביי וועלכען ס׳זיינען געזעסען אויבען־אָן דער רבי און ארום איהם זיינע קינדער און אייניקלעך. על פי רוב זיינען געזעסען ביים טיש, א חוץ מאנכע געצעהלטע מיוחסים אָדער גבירים, נאָר אלטע חסידים מיט גרויע בערד, וועלכע זיינען ראוי געווען, לויט פנחס גבאי׳ס מבינות, צו זיצען ביים רבינ׳ס טיש.

דיא דאָזיגע אָרדנונג פלעגט ער מאכען ארומגעהענדיג אין דיא זאָקען אויפ׳ן טיש, בעת ער האָט אויסגעלעגט דאָס עס־געצייג פאר׳ן רבינ׳ס טיש און פאר דעם חסידים־טיש. אזוי וויא ס׳האָבען זיך אָבער געשטופּט פיעל הונדערטער אידען, יעדער איינער וועלענדיג האָבען דיא זכיה צו זיצען ביים רבינ׳ס טיש, פלעגט פנחס גבאי האָבען געגוג צרות ביז ער האָט געמאכט אָרדנונג און דיא בעלי זכיה אויסגעזעצט. ער האָט געפּאָכט מיט דער פאטשיילע, כדי פון זיך אוועקצוטרייבען דיא צודרינגליכע, און וויבאלד ער האָט אָנגעטראָפען אן עזות פנים פון וועלכען ער האָט ניט געקענט פטור ווערען, האָט ער פון איהם אראָפּגעכאפּט דאָס שטריימעל פונ׳ם קאָפּ, צוזאמען מיט דער יארמעלקע, און זיי אוועקגעוואָרפען העט ווייט צווישען עולם. דער בלויז־קעפּיגער האָט גיך גענומט מאכען פלטה פונ׳ם טיש, בעדעקענדיג זיך דעם קאָפּ מיטביידע הענט, אויפצוזוכען דאָס שטריימעל. מעהר האָט ער זיך שוין ניט צוגע׳טופּט צום טיש אלס אן אונגעבעטענער אורח.

דאָס דאָזיגע שירות, אויסצוזעצען דיא אורחים ביים טיש, האָט מיט יאָהרען פריהער, איידער איך בין געקומען קיין סאראגורע, געהאט דעם רבינ׳ס איי־

נענטליכער געהיים־ראטה, ר׳ משה דוד, א מענש א בעל־מח און א שטיק בעל־מדרגה, וועמען דער רבי האט זעהר ליעב געהאט און ניט געטהאן קיין איין וויכטיגע זאך ביז ער האט זיך ניט פריהער בעראטהען מיט ר׳ משה דוד׳ן. אבער מפני מעשה שהיה, האט ניט נאר דער רבי פון איהם אוועקגענומען דאס דאזיגע בכבוד׳ע שירות, נאר איהם אויך הארט בעשטראפט מיט א זעהר שווערען עונש.

דיא מעשה דערפון איז אזוי געווען:

זייענדיג מסדר דיא אורחים ביים טיש, האט ער אמאל אנגעוויזען א אידען א פלאץ וועלכען יענער האט ניט אנגענומען, נאר זיך געזעצט נעהענטער אביסעל צום רבינ׳ס מקום. ער האט דאס ניט געטהאן וועגען רדיפת הכבוד, א זאך וועלכע איז געווען זעהר זעלטען צו טרעפען צווישען דיא סאדאגורער חסידים, נאר פשוט, כדי צו קענען בעסער זעהן דעם צדיק און זיינע מנהגים ביים טיש. עס האט ניט געהאלפען משה דוד׳ס בקשות, ס׳האט ניט גע׳פועל׳ט דאס פאכען מיט דער פאטשיילע און שלאגען מיט איהר מכלומרש׳ט אין פנים אריין, אהן וועלכע נוצען איז אויך געווען דאס אוועקווארפען דאס שטריימעל ערגיץ אין דערמיטען פון שאלאש אריין, דער איד זיצענדיג איצט אין בלויזען קאפ האט זיך ניט געוואלט א ריהר טהאן פונם פלאץ און שנייד זיינע אברים, און דא האט דער רבי באלד בעדארפט אריינקומען. איז ר׳ משה דוד ארויס אויס הויא כלים, אריינגעפאלען אין כעס און דעם חסיד מכבד געווען מיט א הילכעדינגען פאטש.

איצט ערשט האט דער חסיד אבגעטראטען פונ׳ם פלאץ מיט דער בעמערקונג: איהר זיינט ניט ראוי צו זיין דעם רבינ׳ס משמש, ווייל ״המרים יד נקרא רשע״.

דאס גערודער האט זיך נאך ניט געהאט געשטעלט און דער רבי איז אריינגעקומען צום טיש. ער האט זיך באלד דערוואוסט וואס ס׳איז געשעהן. ער איז ביי יענעם טיש געווען שטארק צורודערט.

נאכ׳ן טיש האט ער אריינגערופען ר׳ משה דוד׳ן און צו איהם אזוי געזאגט:

״דיא ערשטע מדה פון א אידען איז צו האבען ״אהבת ישראל״. וואלסטו אין דיר געהאט דיא דאזיגע מדה, וואלסטו אט יענעם חסיד נאך פיעל ליעבער געקריגען פאר האבען מסירת נפש און אויסשטעהן בזיונות אבי צו זיצען נעהענטער אביסעל נעבען זיין רבי׳ן. דאס אריינפאלען אין כעס ״עד כדי הכאה״, ביז צו שלאגען א אידען, ווייזט, אז דו דארפסט נאך פיעל, זעהר פיעל ארבייטען, מזכך צו זיין דיינע מדות. טא האסטו א שטראף פאר שלאגען א אידען: מהיום והלאה טארסטו קיינמאל ניט מעהר זיין ביי מיינס א טיש, ניט אין דעם זעלבען חדר און ניט אפילו אין יענער סביבה, א חוץ פורים און שמחת תורה״.

עס איז זיך שווער פארצושטעלען וואס פאר א שווערער עונש דאס איז געווען פאר אזא מענש וויא ר׳ משה דוד איז געווען.

קוים איז דער רבי אריינגעקומען און זיך געזעצט ביים טיש, ארומגערינגעלט פון זיינע עלטערע און אינגערע קינדער און אייניקלעך, איז דער טויזענדקעפיגער עולם געווארען וויא היפנאטיזירט, אלע אויגען האבען מעכאניש גע־

קוקט צו איין נקודה און אלע מחות זיינען געווען בעשעפטיגט מיט איין און דערזעלבער מחשבה: דער צדיק און זיין עבודת הקודש ביים טיש.

ווי א סטאטוע זיצט דער אלטער צדיק גלייך געשטרעקט ביים טיש. אויף ביידע זייטען, ביי זיין רעכטער און לינקער האנד, שטעהן זיינע צוויי מקורבים. נאכדעם וויא ער האט זיך געוואשען דיא הענט פון א זילבערנער קוואַרט מיט צוויי אויערען אין א זילבערנעם בעקען אריין און אנגעהויבען דיא "מוציא", צושניידט איין גבאי דיא מוציא אויף גאנץ קליינע פיצעלעך.

און דער רבי פאלט באלד אריין אין דבקות. דיא אויגען קוקען וויא פערשטאַרט, דיא הענט ווערען נערוועז, דיא פינגער הויבען אן צו קלאפּען אויפ׳ן טיש. אלע אויערען ווערען אויפגעשטעלט, יעדער חסיד אין שאלאש נעהמט זיך צוזאמען, שטרענגט זיך אן צו פערשטאַרקען זיין כח־השמיעה. דער רבי נעהמט איצט זינגען דאס בעוואוסטע ניגונ׳דל...

און דער גאנצער עולם ווערט וויא פערצויבערט. דאס שטילע, קוים הערבארע ברומען פון דעם הימלישען ניגונ׳דל, קריכט אריין אין דיא טיעפע חדרי חדרים פון יעדענ׳ס הארץ און איז זיי מעורר צו א מדרגה פון טהאן "תשובה מאהבה". עס קאסט יעדען איינעם שווערע כחות צו דערשטיקען אין זיך דעם חרטה־זיפץ וואס וויל זיך אזוי גערן ארויסרייסען פונ׳ם הארץ, כדי צו געפינען דאדורך א פערלייכטערונג אויפ׳ן נפש. אבער דיא מורא מבלבל צו זיין דעם הייליגען צדיק ביי דער העכסטער מדרגה פון זיין טיש־עבודה, ביי א מדרגה פון עלית־נשמה, האלט זיי צוריק פון צו געבען אפילו דעם קלענסטען שארך. עס הערשט דעמאלט אזא שטילקייט, אז יעדערער הערט דאס קלאפּען פון זיין שכנ׳ס הארץ. דאס געדויערט אזוי אן ערך פון פיער ביז פינף מינוטען.

און נעזעסען איז דער צדיק ביים עסען גלייך געשטרעקט, ניט געבענדיג אמאל זיך א ריהר, א חוץ מיט דער האנד וועלכע האט צוגעפיהרט דאס מאכל ביז צום מויל. פון דער זופּ האט ער אים שבת קיינמאל ניט מעהר געגעסען וויא פינף לעפעל. ער פלעגט אבער דיא זופּ אזוי פערזאלצען אז נאך איהם האט זיא קיינער ניט געקענט מעהר עסען. פונ׳ם פלייש האט ער נאר וואס טועם געווען און תיכף א וואונק געגעבען דעם גבאי ער זאל עס פערטהיילען אלס שיריים.

דאס גאנצע עסצייג פונ׳ם רבי׳ן איז געווען פון ריין גאלד. אלע מאכלים פלעגט ער עסען מיט א גאפּעל, א חוץ דעם קוגעל פון שבת וואס ער פלעגט תמיד עסען מיט דער הוילער האנד, פונקט וויא זיין פאטער, דער ריזינער, פלעגט זיך נוהג זיין.

פון חסידים האב איך געהערט דערצעהלען, אז דער אפטער צדיק האט אמאל נעפרעגט דעם ריזינער אויב עס איז אמת אז ער עסט קוגעל מיט דער הוילער האנד.

"און מיט וואס עסט איהר דעם קוגעל?" האט איהם דער ריזינער צוריק געפרעגט.

"איך בין מיך נוהג אלע אנדערע מאכלים צו עסען מיט דער הוילער האנד — האט איהם דער אפטער געענטפערט — בעת דעם שבת׳דיגען קוגעל עס איך מיט א גאפּעל צוליעב דעם דאזיגען טעם:

"דער קוגעל איז א מאכל־שבת. דאס איז א רמז אויף דער השפעה פון שבת,

וועלכע קומט דירעקט פון כביכול׳ס האנה, ווי דער זוהר הקדוש זאגט: ״מהאי יומא מתברכין מניה כל שיתא יומין עילאין״. ובכן, וויא אזוי קען עפּעס וואגען א בשר־ודם צו נעהמען ביי כביכול דירעקט פון זיין האנד?״

״און איך זאג — האָט איהם דער ריזינער געענטפערט — וויבאלד מען האט שוין יא א זכיה איינמאל אין דער וואך אז כביכול זאל משפיע זיין מיט זיין הייליגער האנה, טאָ פאר וואָס זאָל מען ניט נעהמען טאקע דירעקט פון איהם נאָר דורך א ממוצע?״

נאָכ׳ן טיש, בעת די חסידים זיינען געזעסען אין שענק איבערשמועסענדיג די עובדות פונ׳ם רבינ׳ס טיש און דעם צדיק׳ס הנהגות, האָט זיך ענטוויקעלט א שמועס מכח די ווינציגע אכילה פון די צדיקים פון דער ריזינער נוע. דארויף האָט אייגער פון דער חבריא דערצעהלט די דאָזיגע עפּיזאָדע:

דער ריזינער רבי איז געווען א זעהר קליינער אכלן, ער האָט כמעט גאָר ניט געגעסען, נאָר טועם געווען פון די מאכלים וואָס מען האָט פאר איהם אני־דערנגעשטעלט, כדי להחיות את נפשו, אָבער ניט מעהר.

בעת ער איז דאָס ערשטע מאָל געזעסען צוזאמען ביי א טיש מיט זיין מחותן, ר׳ חיים קאסאָווער, דעם וויזניצער׳ס פאָטער, האָט דער קאסאָווער צדיק אין דער תחלה געגעסען פון די מאכלים לרוב, ווי א מענש דאַרף עסען. ער האָט אָבער באלד בעמערקט, אז זיין מחותן, דער ריזינער, עסט כמעט גאָר ניט פון די מאכלים.

״פארוואָס עסט איהר עפּעס לגמרי גאָרניט?״ — האָט דער קאסאָווער צדיק געפרעגט דעם ריזינער בשעת סעודה.

״איידער מיר זיינען געבוירען געוואָרען — האָט איהם דער ריזינער גע־ענטפערט — האָבען מיר זיך אויסגענומען מיט אונזער גוף א תנאי מפורש, אז אַנדערש קענען מיר (די נשמה) מיט איהם ניט שליסען קיין מחותנ׳שאפט, סיי־דען ער וועט מסכים זיין זיך צו בעגנוגען מיט דער קלענסטער פּאָרציע פון אלע לעבענס־בעדירפניסען. מיט א מעוט דמעוט. ער איז דארויף איינגעגאנגען און ער היט אָב דעם אויסגענומענעם תנאי (בעדינג)״.

האָט דער קאסאָווער צדיק אוועקגעלעגט דעם לעפעל אויס דער האנד און אויפגעהערט צו עסען.

״פארוואָס עסט איהר עפּעס ניט, מחותן? — האָט איהם דער ריזינער גע־פרעגט —האָט זיך אפשר אייער גוף אויך עפּעס מתחייב געווען צו אייך בשעת לידה?״

״דאָס ניט״ — האָט צו איהם דער קאסאָווער געזאָגט — ״מיר זיינען זיך דוקא נוהג צו עסען וויפיעל דער גוף בעדאַרף האָבען. אָבער איצט איז מיר פער־ענטפערט געוואָרען אן ענין וועלכען כ׳האָב קיינמאָל ניט פערשטאנען: פריי־טאָג צו־נאכטס, ווען דער איד קומט אהיים פון שוהל אין דער בעגלייטונג פון די צוויי שבת־מלאכים, איז ער זיי מקבל פנים מיט א פיינעם ״שלום עליכם, מלאכי השרת״, מיט זמירות ושירים, אָבער באלד, דער בכבוד׳דיגער קבלת־פנים האָט זיך נאָך ניט רעכט געענדיגט, זאָגט ער צו די הימלישע געסט, אָדער ער זיננט צו זיי, א ״צאתכם לשלום״, א ״געהט אייך געזונטערהייד״. פארוואָס שיקט ער זיי עפּעס אזוי גיך אוועק און לאָזט זיי ניט זיצען ביז נאָכ׳ן עסען?

דער טעם דערפון איז, ווייל א מענש קען ניט עסען, וויבאלד ס׳זיצען נעבען איהם מלאכים וועלכע עסען גארניט״.

## קאפיטעל 38

## דיא טיש־זמירות

**יהושע׳קע סאקווערערס באזשנע נגונים — וואס די טענער פלעגען פון זיך ארויסריידען — די פיהלונג פון חסידים בשעת זמירות — דאס דבקות פונ׳ם צדיק — די פארעם פון די פיער תנועות — מען קען ווערען אויף־איד אבער ניט אויס־חסיד — א פאקט פון ״בדידי הוה עובדא״.**

דיא טיש־זמירות ביי דיא סאדאגורער צדיקים האבען אין זיך געהאט א הימלישע גבורה צו ציהען התעוררות־טרעהרען פון אלע צוהערער, אויך פון אזעלכע וואס זיינען נאר על־פי סבה אדער צוליעב פריוואט־אנגעלעגענהייטען געקומען קיין סאדאגורע. חסידים האבען, פערשטעהט זיך, צוגעשריבען דעם דאזיגען געוואלדיגען כח צו דעם רבינ׳ס השפעה, וועלכע האט שוין פון פריהער נאך געהאט געשאפען א מין הרהור־תשובה שטימונג. דאס מעג זיך טאקע זיין אמת. אבער אהן גוטע ווערקציינגע איז שווער, און אויך ניט מעגליך, אפילו פאר׳ן גרעסטען וועלטס־קינסטלער, צו בעווייזען זיינע קינסטלערישע ארבייט. דיא נגינה־ווערצייגע פון סאדאגורע, זיינען געווען דיא וואונדערבארסטע פון אלערליי מינים פון נגינה אין דיא הויפען פון דיא אנדערע גוטע־אידען, און דיא זינגערס ביים טיש זיינען געווען דיא יחידי סגולה פון דיא לירישע וועלטס־מנגנים, וועלכע זיינען בכח געווען, דורך זייער מתיקות׳דיג זינגען, צו ציהען טרעהרען אפילו פון א שטיין.

און געזונגען האט מען ביים טיש אין א שבת נאר צוויי, און אין א יום טוב טהיילמאל דריי זמירות. די צוויי זמירות פון שבת זיינען געווען, ביי א פרייטאג צו־נאכטס׳דיגען טיש, איינע אין מיטען דער סעודה, דאמאלס האט יהושע׳קע סאקווערער געזונגען דעם לעצטען האלבען זמר פון ״כל־מקדש״, אנהויבענדיג פונ׳ם חרוז ״יום קדוש הוא״. און נאכ׳ן בענשען וויעדער פלעגט יאסעל באלינגראדער, אדער אן אנדער זינגער, זינגען דריי מאל ״ישמחו במלכותך״.

יהושע׳קעס א ניגון פון ״יום קדוש הוא״ איז געווען, וויא חסידים רופען, א ״באזשנע״ ניגון, וועלכער האט פון זיך ארויסגעגעבען טענער פון א מאדנע מין קרעכצעניש און פון א הימליש בענקעניש. דיא דאזיגע לירישע טענער האבען פון יעדען איינעם, יא חסיד אדער ניט חסיד, אויסגעריסען א שטיק הארץ און ארויסגעצויגען דעם מארך פון דיא ביינער. דער ניגון האט אין זיך פערקערפערט דעם גאנצען אידישען וועהטאג, דעם גרויסען צער פון דיא כנסת ישראל און דיא ענויים קשים פון גלות השכינה. ניט ווילענדיג האט מען גע־

מוזט, זיך צוהערענדיג, לאָזען טרעהרען, ניט קאלטע, ציבעלע יזרעהרען, נאָר טאקע הייסע, גליהענדיגע, וועלכע האָבען געברענט וויא פייער ניט אויף דיא באקען, נאָר אין דער טיעפסטער טיעפעניש פון דער נשמה. דאפון האָט זיך דאָרט ענטוויקעלט א מין ניט אויסשפרעכבארעס פלאַטערניש, א מין זיסער עונג רוחני, אן התעוררות הנפש און אן אין־סופ׳דיג הי׳תוקקות (אונענד־ליכעס געלוסטען) צו עפּים הויכעס, ערהאבענעס, הימלישעס, צו אזעלכעס וואָס מען ווייסט אליין ניט ווי עס אָנצורופען, און מען קען עס באין אופן ניט בולט מאכען וואָס אייגענטליך מען וויל.

ס׳דערוועקט זיך דאמאָלס אינ׳ם מענשען דער "חלק אלקי", דער ניצוץ פונ׳ם הימלישען געטליכקייט.

און אזוי איז געוועזען דער סדר הנגינה ביים טיש:

אויפ׳ רבינ׳ס א וואונק, האָט זיך יהושע׳קע סאקוועדער ארויפגעשטעלט אויף א באנק ניט ווייט פונ׳ם רבי׳ן, און ארום איהם זיינע אונטערהעלפערס. קוים האָט ער אָנגעהויבען צו זינגען דעם זמר, האָט דער גאנצער עולם פער־מאכט דיא אויגען, אָנגעשטרענגט דיא גייסטיגע כחות, גלייך זיי ווילען מיטהעלפען צו דער ענטוויקלונג פון דער התעוררות־עלעקטריציטעט, און גע־האָרכט מיט א געוואלדיגען ערנסט און א טיעפע שטילקייט. כל זמן יהוש׳קע האָט געזונגען דיא תנועה צופאסענדיג איהר צו דיא ווערטער פונ׳ם זמר, וועלכע ער פלעגט איבער׳חזר׳ן אזוי פיעל מאָל ביז דיא תנועה האָט זיך גע־קענט אבשליסען צוזאמען מיט׳ן זאץ פונ׳ם זמר, האָט קיין מענש, אפילו דיא משוררים זיינע, זיך ניט געדארפט אדיינמישען אפילו מיט א ברום אָדער א קרעכץ. דאָס נפש פונ׳ם הארכענדיגען עולם הויבט זיך דאמאָלס אָן אויפצו־הויבען העכער און העכער פון דעם דאזיגען עולם השפל. דער וואָכעדיגער, אַלטעגליכער צער פערשווינדעט וויא א שאָטען, און א נערייצטע געלוסטונג צום עולם הרוחני שפּרעכט זיך אויס אין דעם שטיל דערשטיקטען קרעכץ וואָס רייסט זיך ארויס, דאָ און דאָרט, ניט ווילענדיג, פון דער טיעפער פער־ווייטאָגטער נשמה, "אוי, רבונו של עולם!"

בשעת זינגען איז דער רבי געזעסען שטארק פער׳דבק׳עט, זיך אונטער־שפּארענדיג מיט דער רעכטער האנד, וועמעס עלענבויגען האָט זיך אָנגע־לעהנט אויפ׳ן טיש, דעם שטערען. דער גוף האָט זיך דאמאָלס קיין ריהר ניט געטאָהן. דיא אויגען זיינען על פּי רוב געוועזען וויא פערגלעזערט, קוקענדיג משונה׳דיג וויא אין אן אנדערע וועלט אריין. ביי א הארצברעכענדע נגינה־תנועה, פלעגט ער אמאָל צו בעטאָנען מיט א לאנגען, אויסגעצויגענעם, טיע־פען קרעכץ "א—ו—י!"

ערשט נאָכדעם וויא דער זינגער האָט געענדיגט דיא תנועה מיט דעם זאץ פונ׳ם זמר, הויבען אָן דיא משוררים, וויא אויך מאנכע פונ׳ם עולם וויא באלד זיי קענען שוין דעם ניגון, צו איבער׳חזר׳ן מיט התלהבות דיא גאנצע תנועה, פון אָנהויב ביז צום סוף. אזוי געהט עס פסוק ביי פסוק.

ביים הויכען און דעם פערטען פאָל (תנועה) פונ׳ם ניגון, צוגיעסט זיך אין דער גאנצער סביבה א מורא׳דיג השתפכות הנפש, א פחדים־וויינענדיגעס

קרעכצען פון וועלכען ס'פיהלט זיך בחוש דער גאנצער סוד פון אמת'ער נגינה.

מחמת דער סאדאגורער "באזשנע" ניגון, פלעגט זיין צוזאמענגעשטעלט פון פיער לאנגע פאלען (תנועות). דיא ערשטע דריי "פאלען" זיינען געווען רעגעלמעסיגע, ניט זעהר מרעיש־עולם'דיגע, פון וועלכע דיא דריטע תנועה איז געווען א מין "בניחותא", זיא האט צוגעפיהרט צו א נגינה'שע סטאציע, וואו דאס נפש האט געפונען א קאפטאלע מנוחה פון דער אויפרעגונג און זעעלען־טלטולים ביי דיא ערשטע צוויי תנועות, זיך דאביי פארצובריטען צום רעכ־טען קנאק, צו דער פיערטע, הויכע תנועה, וועלכע איז דער הויפט־פונקט פונ'ם ניגון און אין וועלכער ס'קאנצענטרירט זיך דער גאנצער כשרון פונ'ם מחבר און דער גאנצער כח פונ'ם ניגון. ביי דעם דאזיגען "פאל", ווערט דער זינגער אליין וויא אויף זיינע צוהערער מיטגעריסען פון מתיקות און א גע־היימעס בענקעניש נאך עפעס ניט בעשטימטעס. ביי דער דאזיגער הויכער תנועה קומען זיי צו דער העכסטער נשמה־ערשיטערונג, צו א מדרגה פון כלות הנפש, פיהלענדיג דאביי אזא מין תענוג רוחני, וועלכען מען קען ניט ער־קלעהרען און פערשטעהן ביז מען האט עס ניט אליין מיטגעמאכט און מיט־געפיהלט.

אזוי וויא אבער דער ניגון האט שוין דערגרייכט דיא העכסטע מדרגה און ס'איז שוין "באו מים עד נפש", פיהרט דער ניגון צוריק צו דער געלא־סענער דריטע תנועה, וועלכע ברענגט צוריק די פריהעריגע מנוחת הנפש. דאס הייסט, אז דאס נפש וואס האט פריהער ארומגעשוועבט אין הויכע גייסטיגע וועלטען, קומט איצט צוריק אין איהר רוה אריין.

דער סאדאגורער ניגון ווערט דעריבער צוכאפט אויף דער גאנצער חסידישער וועלט וויא א לעקעכיל. אפילו יענע רביים וואס זיינען געווען "להשמיד" אויף סאדאגורע, האבען דאך נעגעבען א הכשר אויף זייערע בע'טעמ'טע ניגונים און שטארק געגארט זיי צו הערען זינגען.

דער כח פון דער סאדאגורער נגינה איז אזוי שטארק, אז ווער ס'האט זיא אמאל אין זיין לעבען געהערט פון דער ריכטיגער קוועלע, קען זיא מעהר קיינ־מאל ניט פערגעסען. זיא לאזט אויף איהם איבער א פעולה אויף כל ימי חייו. דערצעהלען זיך דיא חסידים אזא עובדה:

א איד, א סאדאגורער חסיד, האט געהאט א זוהן וועלכער איז געווארען נאך זיין חתונה, דורך אומשטענדען, א יוצא לתרבות רעה. ער האט אויפ־געהערט צו פאהרען צום רבי'ן, אויפגעהערט צו פיהרען א כשר הויז און אויך געווען א מחלל שבת בפרהסיא. דער פאטער האט דאפון געהאט שטארק צער, ניט געוואלט מעהר האבען מיט'ן זוהן א דין ודברים אפילו. נעהיי ער איז גע־שטארבען.

"וואס איז עפיס געשעהען מיט אייער זוהן?" — האט איהם דער סאדאגורער אמאל געפרעגט ביים פראווען.

"איך וויל פון איהם מעהר ניט וויסען — האט איהם דער חסיד געענט־פערט. — ער האט לגמרי אוועקגעטרעטען, רחמנא ליצלן, פונ'ם לעבעדיגען גאט".

"א חסיד וואס איז אמאל געוועז ביי מיין טיש קען ניט אוועקטרעטען פון לעבעדיגען גאט, חס וחלילה — האט איהם דער צדיק געענטפערט. — טאָ־מער האט ער געזינדיגט, מעגט איהר זיכער זיין ער וועט ניט שטארבען אהן תשובה. פאהרט אהיים און ווערט צוריק מיט איהם גוט".

אריינקומענדיג אומגערעכט אין זיין זוהנ׳ס חדר, האט ער איהם געהערט זינגען א התעוררות׳דיג סאדאגורער ניגונ׳דיל, פון תנועות וואס בעטען זיך ׳וויא נסיסה־תחנונים. דערזעהענדיג פלוצים פאר זיך דעם ברוגז׳דיגען פאָ־טער, האט ער אונטערבראָכען דאס זינגען אבער פערגעסען, פאר איבערראָ־שונג, אבצואווישען דיא טרעהרען פון זיינע באקען, וועלכע זיינען געוועזן א פועל יוצא פונ׳ם טרויעריגען ניגון.

"וואס פאר א מחותן ביזט דוא עפּיס איצט מיט א חסידישען ניגון?" האט איהם דער פאטער געפרעגט — "דוא האסט דאך איצט זעהר א קנאפּ שייכות מיט אידישקייט".

"עס איז אונטער אומשטענדען מעגליך צו ווערען אויס־איד אבער אין קיינעם פאל איז עס מעגליך צו ווערען אויס־חסיד — האט איהם דער זוהן געענטפערט אין א גאנץ ערנסטען טאן. — אידישקייט איז אין א געוויסער מאס א "דבר התלוי במוח", א שטיק שכל־זאך. קען אבער דער שכל אונטער געוויסע אומשטענדען בעווייזען דעם היפוך דאפון, און לערנען א פשט פונקט פערקעהרט פון דעם וואס וואלט בעדארפט צו זיין. חסידות אבער איז א "דבר התלוי בלב", געפיהל־זאך, מעשה הארץ. דעם געפיהל און דעם הארץ קען מען ניט בעפעהלען אדער בעווייזען מיט סברות און דרעהרלעך. עס פיהלט זיך אזוי, עס ווילט זיך אזוי, און גענוג טוה עפּיס".

ער איז אויך באלד געווארען א בעל־תשובה און צוריק געפאהרען אלס חסיד צום סאדאגורער רבי.

"דאס האט נאך דער בעל־שם אויסגע׳פועל׳ט ביי זיין ליעבען נאמען— האט דאן דער סאדאגורער געזאגט — אז ביי אונזערע חסידים זאל מקוים ווע־רען דער פסוק: "כי לא ידח ממנו כל נדח", ער מוז סוף כל סוף קומען צו אן אמת׳ן הרהור תשובה".

אָט האט איהר אן ענין פון ברידי הוה עובדא:

זייענדיג אין בארישלאוו בעשעפטיגט כמה יאהרען אלס א דירעקטאר פון דיא נאפט־קוואלען, האב איך ווייניג וואס געהאט צו טהון מיט חסידות. דיא גרויסע געשעפטען האבען מיך אריינגעפיהרט אין א גאנץ אנדערע ספערע, וועלכע איז ווייט פון ענינים פון חסידות כרחוק מזרח ממערב.

האט זיך אמאל געטראפען אז צוליעב געשעפטס אנגעלעגענהייטען האב איך געמוזט האלטען שבת אין דראהאביטש. דארט איז דאמאלס געוועזן א רבי פון דער סאדאגורער גזע ר׳ חיים שפירא, מיט וועלכען איך בין גוט בעקאנט געוועזן נאך מקדמת דנא. בעת כ׳בין נאך געוועזן א סאדאגורער חסיד, און וועל־כער האט מיך שפעטער זעהר גורס געוועזן און ביי מאנכע צוזאמענטרעפונגען מיך כמה פעמים איינגעלאדען ביי איהם צו האלטען אמאל א שבת.

איך האב דאריבער בעשלאסען צו זיין איצט זיין שבת־אורח, ניט מחמת

כ׳האָב געוואָלט ביי איהם זוכען דאָס וואָס חסידים זוכען ביים רבי׳ן, נאָר פשוט אויס פיאַטעט צו מיינע זכרונות נעורים (יוגענד עראינערונגען).

ביים טיש בין איך אין דער תחלה גאָר ניט נתפעל געוואָרען. דאָס האָט מיר געדיענט אלס איבערצייגונג, אַז איך בין שוין באמת ניט מעהר דאָס וואָס איך בין אמאָל געווען — אויס חסיד!

דיא דאָזיגע איבערצייגונג האָט אָבער ניט לאַנג געדויערט.

קוים האָט זיין בעל תפלה ר׳ לייזער אָנגעהויבען צו זינגען מיט זיין בע־טעמ׳ט הייזעריג קול דעם זמר "כל מקדש" מיט א מתיקות׳דיגען סאדאגורער ניגון, בין איך אוינגענבליקליך געוואָרען א גאַנץ אנדערער מענש. איך בין אונגעהויער נתפעל געוואָרען און אריינגעפאַלען אין א מין דבקות־צושטאַנד. דער לאַנג אָבגעשטאָרבענער חסידישער פונק, איז אויפגעשטאַנען תחית־המתים און האָט זיך צופלאַקערט צו אַן אש־להבה. פון מיינע אויגען האָבען ניט ווילענדיג אָנגעהויבען צו רינען שטראָמען טרעהרען און דאביי איז דער תענוג אַזוי גרויס געווען אין מיין טיעפען נפש, אַז כ׳האָב מיך בעמיהט איינ־צופרעגען דעם דאָזיגען מאָמענט אין מיינע געדאַנקען לזכר עולם, מאַכענדיג מיט מיר א חשבון הנפש, וואָס פאַר א גרויס פערגעניגען עס איז אין אַזא סביבה, אַז ס׳מעג פאַר איהר זיין דיא כפרה אלע אנדערע מגושם׳דיגע תענוגים, און מניה וביה פעסט בעשלאָסען כ׳זאָל דאָס שפּעטער ניט פער־געסען, נאָר דאפון נאָך פיעל מאָל צו געניסען.

צופעליג האָב איך א קליינעם זכרון. כ׳האָב עס באַלד אין דעם געשעפטס־רעש ווידער פערגעסען.

אָבער ביי וואָס־ס׳איז א געלעגענהייט פון חסידישע נגינה פלאַקערט דער פונק ווידער אויף.

דאָס איז דער דער גרויסער כח פון א סאדאגורער ניגון.

## קאַפּיטעל 39

# דער "לחיים"

**דער סדר האכילה — דער טעם פון שטעלען וויין ביים צדיק׳ס טיש — פארוואָס די טיש-עבודה איז גרעסער פון דער תפלה-עבודה. — דער נאָהענטער און דער ווייטער "לחיים" — טהוט א טובה צו א מת דורך וויין-שטעלען — דער רבי א שופט ביים בית-דין של מעלה — דבקות צום צווייטען מאָל.—א מעשה פונ׳ם "כוס של ברכה"—דער "חסל" פונ׳ם טיש.**

דער סדר האכילה ביים סאדאגורער׳ס טיש איז אַזוי געווען. צום ערשטען האָט מען ארויפגעשטעלט די מאכלים פאר׳ן רבי׳ן און פאר זיינע קינדער, דאַן האָט מען אין דער גיך ארויפגעשטעלט די מאכלים פאר די אורחים ביים טיש, פאר יעדען איינעם אין א בעזונדער שיסעלע, ניט ווי ביי אנדערע רביים וואו צוויי אורחים

עסען פון איין טעלער אדער שיסעלע. איך האב פריהער בעטאנט די ווערטער "אין דער גיך", מחמת דער רבי ז"ל האט קיינמאל ניט אנגהויבען טועם צו זיין פון זיין מאכל וואס איז געשטאנען פאר איהם, ביז ער האט ניט געזעהען, אז פאר אלע אורחים וואס זיצען ביים טיש, שטעהען שוין אויפ׳ן טיש זייערע מאכלים. כדי דעם רבינ׳ס מאכלים זאלען ניט דערווייל קאלט ווערען, האט מען אויסגעטהיילט פאר דיא אורחים אין גרויס איילעניש.

פאר דיא שטעהענדיגע חסידים האט מען געגעבען דיא שיסעלעך מיט עסען אין דיא הענט אריין אהן א סדר, ווער ס׳האט בעקומען א פארציע האט נעגעסען. מחמת צוקומען צו זיי האט מען ניט געקענט, און יעדע פארציע האט געמוזט דורכגעהען דורך צעהנדליגע הענט.

ביי יעדען "טיש" האבען דיא חסידים געשטעלט וויין. דער וויין איז געווען אין קליינע באטעלקאלעך, וועלכע האבען געקאסט א האלבען גולדען און דער פערדיענסט האט געהערט צו מאנכע מקורבים. דער טעם און צוועק פונ׳ם שטעלען דעם וויין ביים "טיש" איז געווען, ראשית, אזוי באלד ווי דער טיש פונ׳ם צדיק ווערט פעררעכענט פאר א "מזבח", מוז מען דאך אויך מקריב זיין "נסכים", צו גיעסען וויין אויפ׳ן מזבח. דאס איז אויך געווען דער טעם וואס דער רבי פלעגט שטארק פערזאלצען דיא מאכלים, כדי מקיים צו זיין דעם פסוק "על כל קרבנך תקריב מלח."

דער צווייטער טעם איז געווען, כדי דיא חסידים זאלען קענען קומען אין בעריהרונג מיט׳ן צדיק דורכ׳ן טרינקען צו איהם "לחיים". וועלכעס איז געווען איינס פון דיא וויכטיגע עזבדות ביים רבינ׳ס טיש.

דער דריטער טעם איז געווען, כדי צו דערמאנען דעם צדיק, בעת ער איז עוסק אין דער טיש־עבודה און איז ביכולת מעורר צו זיין רחמים אויף אידען, דיא נעמען פון דיא חסידים, און אויף זיי משפיע זיין טובות. דעריבער האט יעדער חסיד, אפילו דער ארימסטער, געשטעלט כאטש איינמאל וויין אין א יום־טוב, בעת דיא גבירים פלעגען שטעלען ביי יעדען טיש, ניט נאר איין פלעשעל נאר עטליכע מיט אמאל.

האט זיך אמאל געמאכט אין א ווינטער־שבת, אז ס׳איז ניט געווען אזעלכע אורחים וועלכע זאלען זיין איבשטאנדע צו ספענדען געלד אויף וויין, פלעגט דער גבאי, דער שר־המשקים, שטעלען וויין אינ׳ם נאמען פון אזעלכע חסידישע גבירים וואס זיינען דאמאלס להלוטין גאר ניט געווען אין סאדאגורע ביים רבי׳ן, כדי ס׳זאל ביים טיש זיין וויין בהרחבה, און שפעטער מיט א צייט, ווען דיא דאזיגע גבירישע הסידים זיינען געקומען צו פאהרען צום רבי׳ן, האבען זיי מיט א דאנק און פערגניגען בעצאהלט פאר דעם געשטעלטען וויין, זייענדיג פול מיט שמחה וואס זייערע נעמען זיינען דערמאנט געווארען ביים צדיק׳ס "מיש".

ווארים, וויא כ׳האב שוין פריהער בעמערקט, שטעהט אין דיא אויגען פון דיא חסידים דעם צדיק׳ס טיש־עבודה פיעל העכער פונ׳ם צדיק׳ס תורה און תפלה עבודה, בנוגע דער מעגליכקייט משפיע צו זיין ישועות אויף אידען, און דאס איז צוליעב דעם דאזיגען טעם:

וויא כיטרע דער וועלטס־צדיק זאל ניט זיין זיך אויסצוהיטען בשעת זיין תורה און תפלה פונ׳ם בעל־דבר, דעם שטן, איז יענער אבער אויך נענוג

כימרע אויסצוזוכען מיטעל, וועלכע זאָלען צושטערען אָדער, לכל הפּחות, מאַכען אַ פּגימה אין זיין עבודה, דורך אַ מחשבה זרה פון אַ שמץ כבוד אָדער גדלות. וויא אַ שומר שטעהט ער, דער בעל־דבר, אויף דער וואַך, בעת דער צדיק איז עוסק אין געטליכע ענינים, איהם צו הינדערען, אָדער כאָטש שוואַך צו מאַכען, זיין כח־השפעה, דורך פערשיעדענע שפּעקולאַציעס און דריי־דערלעך. קוים אָבער זעצט זיך דער צדיק ביים טיש עסען, אַן ענין וואָס איז בלויז אַ גוף־זאַך, וואָס יעדעם לעבעדיגע נפש, אויך אַ בהמה און אַ חיה, מוז עס טהון, לאַכט דאַמאָלס דער בעל־דבר אין דיא פויסטען אריין, טראַכטענ־דיג: "אַ בשר־ודם וויא אַלע נבראים אָט דער דאָזיגער צדיק! אויך ער איז עוסק אין פּראָסטע בהמה׳שע ענינים". ער טרעט זיך דעריבער איצט פון איהם אָפּ, מיינענדיג אַז ס׳איז איצט איבעריג צו היטען איהם דיא טריט. אָט דיא דאָזיגע געלעגענהייט ווייסט דער צדיק אויסצונוצען און טהוט זיך אָפּ זיינע הימלישע פּעולות אָהן אַ שום הינדערנים און אָהן וועלכען ס׳איז קטרוג.

דעריבער שטעהט דיא טיש־עבודה אזוי הויך ביי דיא חסידים.

אזוי וויא מען האָט געענדיגט דאָס וויין־שטעלען, גיט דער רבי אַ וואונק מיט דער האנד און דיא קינדער דערלאַנגען פון דיא פלעשלעך וואָס שטעהען אויסגעשטעלט פאַר׳ן רבי׳ן אין דיא הונדערטער, צו דיא אורחים וואָס זיצען אויףביידע זייטען פונ׳ם טיש, צו יעדע צוויי פאַרשוינען איין פלעשעל. דאַן דערמאָנט דער רבי מאַנכע פון דיא שטעלערס און דער גבאי גיט זיי צו פלעש־לעך וויין. אָפט מאָל הייסט דער רבי געבען אַזאַ אורח וואָס האָט דאַמאָלס גאָר ניט נעשטעלט, וועלענדיג איהם, הפּנים, דאמיט טהאָן עפּיס אַ הימלישע טובה. דערנאָך טהיילט מען צו דיא אורחים וואָס שטעהען אויף דיא בענק פלעשלעך וויין, איין פלעשעל צו דריי אָדער צו פיער פאַרשוינען. אזוי לאַנג וויא דער טיש־פּאַראַט קען ליעפערן. אויפ׳ן טיש לאָזט מען ניט איבער מעהר וויא צוויי באָטעלקעלעך וויין פאַר "כוס של ברכה" ביים בענשען.

איצט הויבט זיך אָן דער פּרק "לחיים" וועלכער דויערט מעהר וויא אַ שעה. דאָס איז דיא איינציגע התקרבות וואָס דיא חסידים האָבען ביי דיא רי־זינער קינדער. צו קומען אין בעריהרונג מיט׳ן רבי׳ן אין אַ שבת אָדער אין אַ יום טוב, דאָס זוכה זיין אָנצוריהרען מיט זיין האנד דעם רבינ׳ס הייליגע פינגער. מחמת מעהר וויא דיא שפּיץ פינגער דערלאַנגט דער רבי ניט צו קיין שום חסיד, מעג ער זיין וועך ער איז.

דאָס טרינקען "לחיים" צום רבי׳ן, איז פערבונדען אָפטמאָל מיט סכנת־נפשות, בעזאָנדערס בשעת דיא יום־טוב׳דיגע "טישען", בעת עטליכע טויזענד חסידים רינגלען ארום דעם רבינ׳ס טיש. דיא טיש חסידים וועלכע זיצען ניט ווייט פונ׳ם רבי׳ן, זיי געהט עס נאָך גוט. זיי בויגען זיך אריבער דעם טיש צו דער ריכטונג וואו דער רבי זיצט און בעריהרען דירעקט דעם צדיק׳ס פינגער ביים "לחיים". דעמזעלבען פאַרצוג האָבען אויך דיעניגע חסידים וואָס שטעהען נאָהענט פונ׳ם רבינ׳ס זיץ אָדער הינטער דער שטוהל.

דיא אנדערע חסידים אָבער וואָס זיצען ווייט אַוועק ביים טיש, פּאַסט זיי דאָך ניט אפילו צו נעהען פונ׳ם טיש צו צוגעהן ביז צום רבי׳ן טרינקען

"לחיים", אגב איז עס אויך אונמעגליך, מחמת דעם מורא׳דיגען געדרענג פון דיא הונדערטער חסידים וואס שטעהען הינטער זיי ארום דעם טיש, בעדינגען זיי זיך מיט טרינקען צום רבי׳ן דעם "לחיים" פון דערווייטענס.

און אזוי איז דער סדר פונ׳ם ווייטען "לחיים".

דער חסיד האלט דאס גלעזעל ווין אין דער לינקער האנד, און דיא רעכטע האנד איז אויסגעשטרעקט אין דער ריכטונג וואו דער רבי זיצט, אזוי לאנג, ביז דער רבי הויבט אויף דיא אויגען און שטרעקט אויס דיא האנד צו דער ריכטונג וואו ער זיצט. דאן ווערט דאס פעררעכענט פונקט אזוי גוט גלייך ער וואלט בעריהרט דעם רבינ׳ס האנד בידים ממש. דאסזעלבע טהון אויך א סך חסידים וואס שטעהען ארום אויף דיא הויכע בענק, פון וואנעט זיי האבען א גוטען אויסזיכט צום רבינ׳ס טיש. אויך זיי טרינקען דעם **ווייטען** "לחיים", אוים מורא ניט צו פערלירען זייער פלאץ שוין פאר׳ן גאנצען טיש, מחמת פון נאכאמאל צוריק קומען צו זייער פריהעריגען ארט, קען אפילו קיין רעדע ניט אמאל זיין.

דאגעגען אבער זיינען פאראן הונדערטער חסידים, וועלכע ווילען זיך באין אופן ניט בעגניגען לאזען מיט א **ווייטען** "לחיים". זיי שלאגען אלצדינג אין דיא שאנצען אריין, און דיא דירעקטע בעריהרונג פונ׳ם הייליגען צדיק׳ס פינגער, ווילען זיי ניט אבגעבען פאר "כל הון דעלמא". זיי פערלאזען גערען זייערע פ־לעצער, שטעלען זיך ממש איין דאס לעבען כדי זיך צו צושטופען ביז צום רבינ׳ס שטוהל, צו טרינקען צו איהם אן אמת׳ען און רעכטען "לחיים" וויא ס׳געהער צו זיין. על פי רוב זיינען דאס ערשטקלאסיגע **כניאקישע** חסידים.

ווי כ׳האב שוין פריהער געזאגט, איז דעם צדיק׳ס טיש דער בעסטער מיטעל פאר בריינגען ישועות אויף אידען. חסידים גלויבען זאגאר, דאס דער צדיק קען דאמאלס טאן א טובה, ניט נאר צו די לעבעדיגע, נאר אויך צו די נפטרים אפילו. בעזאנדערס זיינען דאס ביכולת געוועזען צו טהאן דער ריזינער און זיינע קינדער, פון וועלכע, די חסידים בעהויפטען, אז זיי זיינען פון די ריכטער ביים בית־דין של מעלה.

די סאדאגורער חסידים האבען ניט ליעב צו דערצעהלען מופתים פון זייער רבי׳ן. ביי זיי איז דאס ענין פון מופתים־ווייזען אזוי קליין אז ס׳איז גאר א בושה צו לויבען דעם רבי׳ן מיט אזעלכע קלייניגקייטען. זיי בעדיענען זיך תמיד מיט דעם ווערטעל: "אותות ומופתים באדמת בני חם", דאס הייסט, אז חם׳עוואטע, קליין־מוח׳דיגע רביים, בעדיענען זיך מיט ווייזען מופתים. פונדעסטוועגען דערצעהלט מען צווישען זיך דאך נפלאות, אבער ניט פון ווייזען קליינליכע מופתים, נאר פלאים׳דיגע ענינים אויף א הויכען שטייגער.

דערצעהלען זיך די חסידים אט דיעזע אינטערעסאנטע מעשה פונ׳ם ריזינער ז"ל, בנוגע דעם כח פון שטעלען ווין ביים טיש:

ניט ווייט פון ריזין האט געוואהנט א גרויסער גביר, וועלכער איז געוועזן דעם ריזינער׳ס א גרויסער אנהעננער און פאר איהם געספענדעט א היבשע סומע ווען ער פלעגט נאר צו איהם קומען קיין ריזין.

דער דאָזיגער גביר האָט דאַן געקויפט ביי א פּריץ א גוט, וואו מעהרערע אידען פלעגען האָבען פּרנסות פון קרעטשמעס, מיהלען, מילכינגס און נאָך אַנ־דערע געשעפטען ביי וועלכע די פּוילישע פּריצים האָבען תמיד פאַרגעצווינגען דעם איד, צוליעב זיין טרייהייט און איבערגעבענהייט.

קוים אָבער האָט דער אידישער פּריץ איבערגענומען דאָס געקויפטע גוט, האָט ער באַלד משלח געווען אלע אידלעך און זיי בערויבט פון זייערע פּרנסות.

מיטלערווייל איז דער ריזינער אוועק קיין סאַדאגורע. די אומגליקליכע, מחוסרי־פּרנסה׳דיגע אידלעך, וועלכע האָבען געוואוסט, אז זייער פּרנסה בערוי־בער איז א גרויסער אנהענגער פונ׳ם ריזינער, זיינען געקומען צו פאָהרען קיין סאַדאגורע, זיך צו בעקלאָגען פאַר׳ן צדיק אויף זיין אכזריות׳דיגען חסיד.

דער ריזינער איז נבהל ונשתומם געוואָרען צוהערענדיג זיך איבער די אכזריות׳דיגע מעשים פון זיינס א מענש. ער האָט די אידלעך מיטגעגעבען א בריעף צום גביר, דעם נייעם פּריץ, אז ער זאָל תיכף ומיד קומען צו איהם קיין סאַדאגורע.

דאָסמאָל האָט דער גביר ניט געפאָלגט דעם רבינ׳ס פּקודה און איז ניט גע־קומען.

דער רבי האָט זיך ניט געפוילט און דורך די אידלעך נאָך אמאָל אויפגעפאָ־דערט דעם פּריץ, שוין אין א שטרענגערען טאָן, אז ער זאָל תיכף קומען צו איהם, ובאם לאו, וועט ער חרטה האָבען.

״איך מיש מיך ניט אין זיינע געשעפטען — האָט זיי דער גביר געענטפערט מיט חוצפּה — טאָ, זאָל ער זיך אויך ניט מישען אין מיינע געשעפטען. איך טהו נאָר דאָס וואָס איך פערשטעה אז עס איז פאַר מיר ראַטזאַם און גוט צו טהאָן״.

״נו, נו!...״ — האָט דער צדיק בעמערקט ווען ער האָט זיך דערוואוסט פון דיעזער פרעכער תשובה. מעהר האָט דער רבי ניט גערעדט א דבור אפילו פון דער דאָזיגער אנגעלעגענהייט.

נאָך א גאַנץ קורצע צייט איז דער גביר געוואָרען א יורד צוזעהענדיג. ער איז בדיל הדל געוואָרען שלא כדרך הטבע. דאָס גוט האָט מען פערקויפט אויף א ליציטאַציע און ער איז געוואָרען א פּשוט׳ער קבצן.

ער האָט זיך אָבער געשעהמט צו קומען קיין סאַדאגורע מפייס צו זיין דעם בעליידיגטען צדיק.

פאַר גרויסע צרות איז ער אויך קראַנק געוואָרען. אזוי ווי די דאָקטוירים האָבען בעהויפּטעט, אז ער איז אין א סכנה, כאָטש ער קען נאָך ארומגעהן, האָט ער זיך ענטשלאָסען צו פאָהרען קיין סאַדאגורע.

אָנקומענדיג קיין סאַדאגורע, איז ער גלייך פערפאָהרען צום רבינ׳ס הויף. וואַרטענדיג אין פאָרהויז ביז מען וועט איהם אפשר צולאָזען צום רבי׳ן האָט דער ריזינער פּלוצים א מאַך אויף געגעבען די טהיר, א קוק געגעבען אויף דעם פּנים פון דעם געוועזענעם גביר און זיך אָנגערופען צום גבאי:

״זאָל ער גיך און געשווינד אהיימפאָהרען!״

קוים וואָס ער איז נאָר וואָס געהאַט אהיים געקומען, איז איהם זעהר שלעכט געוואָרען און איז באַלד דאַרויף געשטאָרבען.

ביים ריזינער צדיק איז דאָס שטעלען פון ווייַן ביים טיש פערך־עכענט געווען פאַר אַ זעהר גרויסען ענין. די חסידים האָבען געהאַט אמונה, אַז דורכ׳ן ווייַן־שטעלען בעקומען זיי אַ נאָהנט התקרבות מיט׳ן צדיק, וועלכער איז דאַריבער בכח צו ברייַנגען פאַר זיי אַ ישועה סיי צום גוף און סיי צום נפש.

ס׳האָט זיך אַפּטמאָל געטראָפען, אַז דער צדיק האָט ביים "טיש" געהייסען דעם גבאי שטעלען ווייַן פאַר אַ חסיד וואָס איז דאַמאָלס גאָר ניט געווען אין ריזין. די חסידים האָבען דאַפון פערשטאַנען, אַז דער צדיק האָט דערפיהלט אַ גזר־דין הענגען איבער׳ן חסיד און וויל איהם מיט׳ן כח פון ווייַן־שטעלען מבטל זייַן.

איינמאָל אים אַ שבת ביים טיש, איז דער ריזינער געזעסען זעהר פערד־רבק׳עט, כמעט גאָר ניט טועם געווען פון די מאכלים. די חסידים האָבען פער־שטאַנען אַז דאָס איז ניט אַזוי פּשוט, אַז דער "טיש" וועט הייַנט ברענגען עפּעס חידוש׳ליך נייַעס.

פּלוצים האָט דער רבי אַ וואונק געגעבען צום גבאי. דער גבאי האָט זיך צו־געבויגען צום רבי׳ן און צו זייַן גרויס ערשטוינען האָט ער געהערט ווי דער רבי הייסט איהם שטעלען ווייַן פאַר דעם פערשטאָרבענעם אָבגעקומענעם גביר.

אפשר ווייסט דער רבי נאָך ניט אַז ער איז שוין אַ נפטר — האָט זיך דער גבאי געטראַכט און געשטאַנען פערצווייפעלט ניט וויסענדיג איך להתנהג.

" נו, פאַרוואָס שטעלסטו ניט דעם ווייַן ווי כ׳האָב דיך געהייסען?" — האָט איהם דער רבי נאָכאַמאָל איבערגעפרעגט.

"ער איז שוין אַ נפטר" — האָט דער גבאי בעמערקט מיט אַ שטיל קול.

די גאַנצע חבריא חסידים האָבען אויפגעשטעלט מויל און אויערען, זייענ־דיג נייַגיעריג צו הערען דעם רבינ׳ס תשובה.

"וואָס מיינט איהר אַז איך ווייס דאָס ניט?" — האָט זיך דער רבי אָנגע־רופען מיט אַ טאָן פון שטילע התלהבות צום גבאי און צו די חסידים. — הערט אויס וואָס איך וועל אייך דערצעהלען:

"אין הימעל ביים בית־דין של־מעלה זייַנען פאַראַן דריי־ערלייַ בתי־דינים (געריכטען). איין בית־דין איז צוזאַמענגעשטעלט פון בלויז מלאכים; דאָס צווייַ־טע פון בלויז אַזעלכע צדיקים וואָס זייַנען שוין אויף יענעם עולם, און דאָס דריטע פון נאָר אַזעלכע צדיקים וואָס לעבען נאָך אויף דעם עולם.

אַזוי ווי אַ מענש שטאַרבט, פיהרט מען איהם דן צו זייַן קודם כל פאַר דעם מלאכים־געריכט. געוועהנליך בעקומט ער דאָרט אַ זעהר שווערע שטראָף. מחמת מלאכים־ריכטער פערשטעהען לחלוטין גאָר ניט ווי אַזוי מען קען עפּעס עובר זייַן אויף דעם רצון הבורא און בעגעהן אַ זינד, ווייל זיי האָבען דאָך ניט קיין יצר־הרע און פערשטעהען בכלל ניט ווי אַזוי מען קען פערפיהרט ווע־רען צו טהאָן אַן עברה.

האָט אָבער דער אָנגעקלאָגטער אביסעל שכל און אַ שטיקעל זכיה עס זאָל זייַן דבריו נשמעים, פערלאַנגט ער מען זאָל איהם שטעלען פאַר אַן אַנדער בית־דין. דאַן ווערט ער גע׳משפּט ביים בית־דין וואָס איז צוזאַמענגעשטעלט פון פערשטאָרבענע צדיקים.

די דאָזיגע ריכטער, וועלכע האָבען אַמאָל אַליין מיטגעמאַכט אויף דער

וועלט די שווערע מלחמה מיט׳ן יצר־הרע, זיינען שוין אביסעל מקיל און האנד־לען שוין ניט אזוי שטרענג, אבער אלץ נאך ניט גאנץ מילד, מחמת זיי זיינען דאך סוף כל סוף בלויזע נשמות, בעפרייט פון אלע מענשליכע בעדירפנישען און שוין פיעל פערגעסען פון ערדישע פלאגען און בהמות׳דיגע תאוות.

האט אבער דער בר־מנן מעהר שכל און ראצו נאך א סיעתא דשמיא, פער־לאנגט ער מען זאל איהם משפט׳ן פאר דעם בית־דין וואס איז צוזאמענגעשטעלט פון אזעלכע צדיקים וועלכע לעבען נאך און שפירען נאך די היץ פונ׳ם יצר־הרע פייער. זיי, די דאזיגע לעבעדיגע שופטים, פעראורטהיילען דעם מת מיט א גאר גרינגע שטראף. שטעל פון זיין נשמה וועגען א באטעלקע ווייז!״

דעמאלט האבען אלע חסידים פערשטאנען, אז דער גבירישער נפטר האט זוכה געווען גע׳משפט צו ווערען פון א צדיקים־בית־דין, און אז דער ריזינער צדיק איז א־ינער, אדער אפשר גאר דער ראש, פון דעם דאזיגען הימלישען בית־דין.

נאכדעם ווי דער רבי איז פארטיג מיט די מאכלים, זאגט ער די טיש־תורה. צווישען דעם ריזינערס קינדער איז געווען דער סאדאגורער דער איינציגער וועלכער האט ביי יעדען טיש געזאגט ״תורה״, פון וועלכע ס׳איז זעהר ווייניג דאן נעדרוקט געווארען, אבער דיא ראשי־החסידים האבען זיי געהאט אויפגעשריבען יעדער פאר זיך, לויט זיין זכרון און השגה.

פאר׳ן בענשען, איז דער רבי וויעדער אריינגעפאלען אין זיין דבקות, זינגענדיג צום צווייטען מאל דאס פריהער דערמאנטע ניגונ׳דל. דאן האט ער אליין, אדער איינער פון דיא קינדער, געבענשט, און דיא גבאים האבען, בעת דער רבי איז נאך געזעסען ביים טיש, אריינגעגאסען דאס שיריים פונ׳ם רבינ׳ס כוס של ברכה אין דיא צוויי איבערגעבליבענע באטעלקאלעך ווייז, עטליכע טראפען אין יעדען פלעשעל, דאן האבען זיי דאפון מכבד געווען צו קאפקעלעך צו אלע מיוחסים ביים טיש און ארום דעם טיש. פונ׳ם רבינ׳ס כוס נופא, האבען נאר געטרונקען דעם רבינ׳ס קינדער און דיא גאר גרויסע בעלי־זכיה וואס דער רבי אליין האט זיי דאמיט מכבד געווען, א זאך וואס ס׳איז פעררעכענט געווארען אלס א זעלטענהייט שבזעלטענהייטען.

מכח דעם ״כוס של ברכה״, האב איך אמאל צוגעזעהן אן אינטערעסאנטע עובדא:

קיין סאדאגורע פלעגען קומען כמעט אלע וועלטס־חזנים, כדי דארט צו בעווייזען זייערע גבורות און הלכות נגינה. ביי א יעדען פון זיי איז דאן געווען א כבוד צו דערצעהלען, אז ער האט געהאט דיא זכיה צו ״א־ינען אין רבינ׳ס קלויז אדער צו זינגען ביים רבינ׳ס טיש. צווישען דיא חזנים וועל־כע איך האב געזעהן און געהערט אין סאדאגורע, זיינען געווען: נפתלי באלטער, ניסיע בעלזער, ירוחם הקטן און ברוך שור. אט פון דיא דאזיגע לעצטע צוויי חזנים וויל איך דא דערצעהלען א קליינע עפיזאדע.

ס׳איז געווען אין שבועות תרמ״ב, וועלכער איז געפאלען אין מיטוואך און דאנערשטאג. ביידע חזנים, ירוחם הקטן און ברוך שור, זיינען דאמאלס געקומען צו פאהרען אויף שבועות קיין סאדאגורע. ברוך שור האט מיט געהאט זיינע אלע משוררים, בעת ירוחם הקטן איז געקומען גאנץ אליין אהן א משורר. אזוי

וויא ברוך שור האָט געזעהען אז ירוחם הקטן איז אויך דאָ אויף יום טוב, האָט ער גענומען רשות ביים רבי׳ן ז״ל און איז אריינגעפאָהרען קיין משערנאָוויץ אויף שבועות. דאָרט צו דאַווענען אין שוהל, כדי זיך דאפון אויסצושלאָגען די גרויסע הוצאות.

ירוחם הקטן איז פערבליבען ביים רבי׳ן און גדאַווענט ביידע טעג יום־טוב פאר׳ן עמוד אַהן משוררים.

אויף שבת נאָך שבועות, איז ברוך שור ווידער אריינגעקומען קיין סאַדאַ־גורע און גדאַווענט אין דער קלויז מוסף מיט זיינע משוררים. אויס קנאה, איז ירוחם הקטן ביים מוסף ארויסגעגאַנגען אין פּאָליש אריין, כדי זיך ניט צו צו־הערען צו ברוך שור׳ס פאָלשע נגינה.

הפּנים, אז דער רבי האָט יאָ מקבל תענוג געווען פון ברוך שור׳ס דאַווענען, מחמת ביים ״טיש״ האָט ער מכבד געווען ברוך שור צו זינגען מיט זיינע משוררים ״אב הרחמים״, בעת ירוחם הקטן האָט ניט געהאַט און ניט געקענט האָבען אזא כבוד, ווארים זינגען ביי א טיש, קען מען דאָך אודאי ניט אַהן משוררים.

נאָכ׳ן בענשען, האָט דער רבי ז״ל מכבד געווען מיט דיא שיריים פון ״כוס של ברכה״ צו ירוחם הקטן, אן ענין וואָס איז אין סאַדאַגורע בעטראַכט געוואָרען פאר׳ן גרעסטען כבוד.

״איך טרינק ניט קיין משקה״ — האָט ירוחם הקטן געזאָגט צום רבי׳ן האַלטענדיג דעם כוס אין דער האַנד.

א שרעקליכע שטילע אויפרעגונג האָט געהערשט צווישען גאַנצען עולם. ס׳טייטש, אזא חוצפּה! מעיז פּנים צו זיין און זיך אָפּצוזאָגען פון א כבוד וואָס דער צדיק אליין, בכבודו ובעצמו, איז איהם מכבד!

דער רבי גופא האָט אָבער ניט בעוויזען קיין שום צייכען פון אויפרעגונג, נאָר שטיל און געלאַסען איהם איבערגעפּרעגט: ״נו, און וואָס טהוט איהר מיט ארבע כוסות?״

״איך טרינק ראַזינקע וויין״ — האָט ירוחם געענטפערט שטאַמלענדיג. ער האָט זיך געכאַפּט, אז ער האָט געמאַכט א גרויסען נאַרישען פעהלער. ער האָט דאַן טועם געווען פונ׳ם כוס של ברכה.

ביי דיא חסידים האָט אָבער ירוחם הקטן פון דאַמאָלס אָן פערלאָרען דעם חן. זיי האָבען איהם ביז זיין טויט ניט געוואָלט מוחל זיין דעם דאָזיגען גרויסען חטא, פון מסרב זיין, ניט צו וועלען טרינקען דיא שיריים פון כוס של ברכה.

מיט א הילעכדינעם געזאַנג האָבען דיא חסידים דאַן בעגלייט דעם רבי׳ן פונ׳ם שאָלאש ביז אין זיינע דירות אריין, און דאַן געגאַנגען אין שענק אריין טרינקען משקה און זיך משמח זיין לכבוד יום־טוב.

# 40

## פערשיעדענעס

**דער פחדים׳דיגער "עננו" און די מורא׳דיגע "נענועים". — דאָס געדרענג ביי כפּרות שלאָגען. — ס׳איז גענוג וויבאלד מען איז נאָר אונטער איין דאך. — דער צדיק פאָהרט מקבל פנים זיין דעם קייזער. — מען גיט א נאָמען נאָך א לעבעדיגען פאָטער אויס נקמה.**

ווי איך האב שוין בעמערקט אין א פריהערדיג קאפּיטעל, דאווענט דער סאדאגורער רבי ביחידות אין זיין שטיבעל ניט צווישען עולם. ס׳זיינען דאָך פאַראנען זמנים אין׳ם משך פון די ימים נוראים, וואָס דער צדיק פלעגט אריינקומען ביי געוויסע תפלות אין קלויז אריין, זיך שטעלענדיג צווישען עולם ביי דער מזרח־וואנד. די צייטען זיינען געוועזען אום סכות ביי הלל צו די נענועים, און אין מאנכע סליחות־נעכט ביי דער תפלה פון "עננו", וועלכע ער, ז"ל, פלעגט זיא זאָגען פאר׳ן עולם, אלס א בעל־תפלה, אין א גאר שטילען מתיקות׳דיגען טאָן, וועלכער האָט זיך דאך געהערט אין דער גאנצער גרויסער קלויז.

די דאָזיגע עננו־תפלה, וועלכע ווערט ביי די חסידים פעררעכענט פאר איינע פון די גרעסטע עבודת־הקודש, איז אזוי מעורר דאמאלס די הערצער פון׳ם גאנצען עולם, אז יעדער איינער פיהלט דאביי א הימליש מתיקות וועלכעס גרעניצט זיך כמעט מיט א בחינה פון כלות־הנפש, דאס אין א מין טעם וואס כדי איהם צו פיהלען מוז מען איהם אליין פערזוכען.

די נענועים מיט׳ן לולב בשעת דעם סכות׳דיגען הלל, איז געווען אין סאדאגורע איינע פון די חשוב׳סטע עבודות, שוין צוליעב דעם אליין. וואָס דיא דאָזיגע עבודה איז געטהאָן געוואָרען, בגלוי, צו וועלכער ס׳האָבען זיך אלע חסידים געקענט צוקוקען, פונקט ווי ביי דער טיש־עבודה.

אלע חסידים וואס קומען אהיימצופאָהרען פון סאדאגורע, פון א ימים־נוראים נסיעה, האָבען תמיד צו דערצעהלען נפלאות פון דעם פחדים׳דיגען "עננו" און פון דיא מורא׳דיגע "נענועים", און די צוהערער ווערען קיינמאל ניט מיעד אויסהערענדיג און אויספרעגענדיג אלע איינצעלהייטען, בעזאָנדערס פון דיא "נענועים", וואס פאר א פאזיציאן דער רבי האָט פערנומען האלטענדיג דעם לולב און ווי לאנג דיא נענועים האָבען בכלל געדויערט.

זעהען זעהט מען דאמאלס נאר דעם רבי׳ן שטעהען מיט׳ן פנים געווענדעט צו דער מזרח וואנט, דער טלית אראבגעלאזט ביז צום גארטעל, און פון׳ם טלית

שטארען ארויס צוויי הענט גאנץ אויסגעשטרעקט — מערקט אייך דאס גוט, גאנץ אויסגעשטרעקט אין דער פראנט פון׳ם קערפער, ניט איינגעבויגען אפילו אן עוקץ ביים עלענבויגען.

קוקענדיג אויף דיא הענט גופא זעהט מען ניט אמאל דיא מינדעסטע בעוועגונג. דער גאנצער איינגעהילטער קערפער, מיט די הענט בכלל, זעהט אויס ווי א מארמאר־סטאטוע, בעת דער לולב ציטערט ביים שפיץ און לאזט פון זיך הערען א שטיל רוישען ווי פון א יונג ביימעל אין א פריהלינג ווינטעל. אין אזא אונבעוועגליכע פאזיציאן מיט אויסגעשטרעקטע הענט, שטעהט דער צדיק אזוי מעהר ווי א שעה. א הויז וואו דער דין פערלאנגט אומצואווענדען דיא האנדבעוועגונגען אויף אן אנדערע זייט פון די זעקס זייטען.

אנו, רבותי, זאל עמיצער פון אייך פרואווען צו האלטען דיא הענט צוזאמען אויסגעשטרעקט אין א גלייכער פאזיציאן עטליכע מינוטען. דאן וועט איהר פערשטעהען פארוואס דיא חסידים בעוואונדערן אזוי די דאזיגע עבודה וועלכע דויערט תמיד פון צוויי ביז דריי שעה, איבריגענס, איז קיין פעדער ניט אימשטאנד דאס ריכטיג צו שילדערן. מען מוז עס זיך אליין צו קוקען ׳אום צו קענען געהעריג ניט משא־פנים׳דיג אורטיילען איבער דעם געוואלטיגען אומנאטירליכען כח העבודה.

בשעת דיא נענועים הערשט אין דער קלויז א מורא׳דיג שטילקייט. עס הערט זיך נאר דאס טרעסלען פון׳ם רבינ׳ס לולב און אפטמאל א שטילער לאנגער און טיעפער קרעכץ, וועלכער איז בעקאנט צוליעב זיין אייגענטימליכקייט אלס "דער סאראגורער קרעכץ", וואס רייסט זיך ארויס פון דער טיפעניש פון׳ם צדיק׳ס הארץ און קריכט דאן אריין אין אלע טיעפסטע ווינקעלעך פון די חסידים׳ס נשמה. אלע טויזענדער אויגען זיינען דאמאלס געריכטעט צו איין־איינציגער נקודה און אלע מחשבות זיינען קאנצענטרירט צו איין צענטרום צום צדיק׳ס היילינע עבודה.

* * *

ערב יום כפור, זייגער דריי פארטאג. דער גאנצער הויף געהט אויף רעדער, עס רוישט זיך ווי אין א בינשטאק. מענשען לויפען, שטופען זיך, שטורכען מיט דיא עלענבויגענס כדי צו צוקומען צום איינגאנג פון דער אלטער קלויז, אבער אומזיסט, דיא טירען זיינען שוין צוגעשלאסען, און דער גרויסער עולם בעלאגערט די אפענע פענסטער דורך וועלכע דיא גבאים ציהען ארויף ביי דיא הענד מאנכע אנשים חשובים. בעלי פראטעקציע. אין דער לופטען פליהען א מאסע קאפעלושען מיט סאמעטענע יארמעלקעס, וואס דיא גבאים האבען אוועקגעשליידערט פון די קעפ פון אזעלכע חברה־לייט וואס ווילען זיך ארייננכאפען אין קלויז אריין ביד חזקה.

דער רבי זאל מאריך ימים זיין געהט איצט שלאגען כפרות.

און געזעהען האב איך ווי איינער א בעקאנטער חסיד ארבייט מיט די עלענבויגענס מיט כל הכחות, אט איז ער שוין נעבען דעם פענסטער, רוקט אריין דעם גבאי א מתנת־יד, און באלד איז ער ארויפגעצויגען געווארען און פערשווינדען.

איך האָב איהם שטארק מקנא געווען. אט וועט ער האָבען די זכיה זיך צו צוקוקען צו דעם רבינ׳ס עובדא בשעת דעם סדר־כפרות.

מיינע פינאנצען האָבען מיר ניט ערלויבט צו מאכען אַזעלכע הוצאות.

לכל הפחות וועל איך כאָטש האָבען א בעקאנטען פון וועלכען כ׳וועל מיך דאן קענען דערוויסען ווי אזוי דער צדיק איז זיך נוהג בשעת דיזער עבודה.

"ווי אזוי איז זיך דער רבי נוהג בשעת כפרה־שלאָגען ?" — האָב איך איהם דאן בייטאג געפרעגט.

ער האָט אויף מיר ארויסגעשטעלט צוויי אויגען.

"פריטיז ! בטלן ! — האָט ער דאן אויסגערופען— ווען לאזט מען דען אריין אין רבינ׳ס חדר בעת ער איז עוסק אין סדר כפרות ? ".

— וואס דען האָט זיך ווידער דער גאנצער עולם אזוי מסוכנ׳דיג געשטופט אין קלויז אריין, און צו וואס האָסט דו דאפיר געגעבען דעם גבאי א מתנת־יד ?

"שוטה ! איז׳ס ניט ווערטה אפשר צוויי גולדען צו זיין אונטער איין דאך מיט רבי׳ן בעת ער איז מקיים "וכפר בעדו ובעד ביתו ?"

"אבער אריינגעלאָזען צו ווערען אין׳ם רבינ׳ס חדר, בשעת זיין עבודת אין סדר כפרות, דאצו האָט קיין שום בן אדם פון׳ם גאנצען עולם ניט דיא זכיה".

דאס קנאה־פייערל איז דאן אין מיין הארץ אויסגעלאשען געוואָרען.

* * *

מוצאי יום כפור. אין אלע ווינקעלאך פון דער גרויסער קלויז שטעהען קופ־קעלעך חסידים און דעבאטירען מיט גרוים אייפער, "ווי אזוי וועט זיין די צו־זאמענקונפט ? " "וואס וועט ער רעדען מיט׳ן רבי׳ן ? " "האָט ער שוין גע־הערט פון׳ם גרויסקייט פון אונזער צדיק ? " "א שאלה אביסעל, ווער ווייסט דאס ניט ווער דער רבי זאל לעבען איז, בפרט נאך ער וואס ווייסט אלצדינג ? "

דיא דאָזיגע דעבאטע האָט זיך בעצויגען ניט אויף קיין אנדערען וויא אויף׳ן קייזער פראנץ יאזעף, וועלכער איז אים יום־כפור 1880 געקומען צו פאָהר־רען קיין טשערנאוויץ פאר א דרייטעגיגען אויפענטהאלט, און דער רבי האָט נעזאָלט צו פאָרגענס, א טאָג נאך יום כפור, אריינפאהרען קיין טשערנאָוויץ מקבל פנים צו זיין דעם קייזער.

אין טשערנאָוויץ, אן דער זייט פון איינע פון דיא שעהנסטע גאסען וואו דער קייזער האָט געזאָלט דורכפאהרען, האָט מען אויפגעשטעלט א וואונדערשעה־נעםביידעל, געפלאָכטען פון גרינע צווייגען און פערפוצט און אויסגעציערט מיט פרעכטיגע פרישע בלומען. דאס ביידעל איז עקסטרא געמאכט געוואָרען, מיט דער בעווילליגונג פון׳ם שטאטהאלטער, פאר דעם אלטען סאדאגורער צדיק ז"ל, מקבל פנים צו זיין דעם עסטרייכישען קייזער.

יעדער האָט ערוואָרטעט, אז דער קייזער וועט זיך אודאי אבשטעלען און ריידען מיט׳ן צדיק עטליכע דבורים.

בעת דער קייזער איז פארבייגעפאהרען, האָט ער אויסגעדרעהט זיין פנים צו דער זייט וואו דער אלטער צדיק איז געשטאנען אין דער פרעכטיגער סכה

אין׳ם קאפעל ארומגערינגעלט פון זיינע קינדער. באותו רגע, האָט דער רבי ארויפגעטהאן אויף׳ן קאפ זיין סאָבעל־קאלפאק און געמאכט דיא ״ברכה״.

״דאָס איז דער וואו:דער־ראבי פון סאדאגורע״ — האָט דער טשערנאוויצער שטאטהאלטער, וועלכער איז געפאהרען צוזאמען מיט׳ן קייזער, בעמערקט צום קייזער אלס אינפארמאציאָן.

״א ווירקליך וואונדערשעהנע היטע״ (ביידעל) — האָט דער קייזער בע־מערקט און געהייסען וויטער פאהרען ניט אבצושטעלען זיך. בעת מיט׳ן רב ר׳ בנימין וויים האט ער ביים קבלת פנים איינגע׳טענה׳ט עטליכע מינוטען.

דער רבי זאָל דאמאָלס געוועזן האָבען א גרויסען חלישות־הדעת.

די חברה חסידים האָבען דאס אויסגעטייטשט, אז דער קייזער האָט תרעומות אויף׳ן רבי׳ן פארוואס ער מיט זיין גאנצע פאמיליע זיינען פערשריבען פאר טער־קישע אונטערטהאנען.

* * *

די ימים טובים זיינען פאריבער. דער פרעמדער עולם, א חוץ די שטענדיגע ״יושבים״, זיינען זיך צופאהרען אהיים. איך אבער האָב ניט געהאט מעהר קיין אויסזיכט צו מעגען אהיימקומען. לויט א בריעף ה:צס כ׳האָב ערהאלטען, האָט מיין שווער מיך פערלייקענט פאר זיין אייִדעם, בעטראכט די טאכטער זיינע פאר אן אלמנה. און אויך דיא איברינגע חסידישע שטאדטליט פערדאמען מיך פאר ווערען א סאדאגורער חסיד.

מוזענדיג זיך מיאש זיין פון דער היים און ניט קענענדיג ווערען א כניאקישער ״יושב״ און א פראָפעסיאָנעלער בטלן, האָב איך אנגענומען א קנעלעכץ אין׳ם דארף הארעטשע נעבען סאדאגורע, כדי איך זאָל זיין ביכולת צו פאהרען קיין סאַ־דאגורע צום רבי׳ן אויף פיעלע שבתים און אויף יעדען יומא דפגרא. און אין מיר איינצוזאפען דאָס גאנצע תמימות פונ׳ם סאדאגורער חסידות.

ווי גרויס די שנאה איז געוועזן איז מיין געבורטס־שטעדטיל ראזוואדאוו צו דיא סאדאגורער חסידים, קען בעווייזען דיזע עובדא :

דעמזעלבען ווינטער האָט מיין פרוי געבארען אונזער ערשטען זוהן. ניט האָבענדיג דיא מעגליכקייט אהיימצוקומען צום ברית, אוים מוו״א פאר א נקמה, איז מיין שווער, יהושע זינגער, געוועזן מיין פערטרעטער און האָט ביים ברית זיך אליין מכבד געווען מיט דער ברכה. ביי ״ויקרא שמו בישראל״ האָט ער דעם קינד א נאמען געגעבען ״יצחק״, נאך מיר. עס איז געווארען א רעש אין בית־המדרש, ס׳טייטש, א נאָמען נאך א לעבעדיגען טאטען, מען האָט וואו ס׳איז דעם קינד משנה־שם געווען צום נאָמען ״יעקב״.

א מאָדרנע נקמה.

אבער דאָס פערבלייבען אין דער שכונה פונ׳ם חסידישען מקור, האָט מיר געגעבען דיא געלעגענהייט זיך צו בעטייליגען אין אלע חסידישע ״זיצען״ פון די יומא דפגרא׳ס און זיך צו צוהערען צו די חסידישע שמועסען און גוט־אידישע ספורים פון דער ערשטער קוועלע, וועלכע איך וועל ביי יעדער געלעגענ־הייט איבערגעבען צו די לעזער אין דערזעלבער פאָרם ווי כ׳האָב זיי איבערגענומען.

## 41

# דער שפּאַציער

**הרטה אויפ׳ן סאַדאַגורער חסידות. — א חסידישער שמועס אין רבין׳ס מקוה. — די סודות פון פאַהרען שפּאַצירען. — די יושבים זיינען מקנא דעם רבין׳ס פערד. — דעם רבין׳ס דבורים ביים פראַווען. — דער פירוש פון א חסיד ווערט מקוים.**

דאָס איז געווען אין א זומער־פרייטאָג נאָכמיטאָג.

איך בין מיר געלעגען אין א גערטעל, וועלכעס איז געווען אָנגעשלאָסען צו דער קרעטשמע אין דאָרף הארעטשע, אונטער א בוים און געטראַכט :

״וואָס האָב איך עפּעס געטהאָן ? פערלאָזט א היים, א פּרנסה הויז, א יונג ווייבעל, גוטע ברידער, זיך פער׳ברוגז׳ט מיט דעם יוגענד רבי׳ן, און איצט בין איך שוין ניין חדשים נע ונד, א דאָרפ׳ס מלמד׳ל. אהיימקומען טאָר מען ניט מעהר, אהער נעהמען דאָס ווייב מיט׳ן קינד איז ניטאָ צו וואָס. און דאָס אַלצ־דינג איז געשעהן צוליעב סאַדאַגורער חסידות. איז דאָס טאַקע באמת כדאי גע־ווען צו ברענגען אזעלכע קרבנות ? !

הייסע טרעהרען האָבען זיך מיר געקייקעלט פון מיינע אויגען. ס׳האָט זיך מיר פערבענקט אהיים.

דיא אָרענדאַרקע, משה הירש עלענבערג׳ס ווייב און דיא מוטער פון מיינע תלמידים, א כשר׳ע אידענע וועלכע האָט מיך בעהאַנדעלט וויא א קינד, איז גראַד געגאַנגען אין שטאַל אריין א בליק געבען צו דיא בהמות. פאַרביי־געהענדיג פאַר מיר און בעמערקענדיג מיין פערוויינט פּנים, האָט זיא א מין ברחמנות׳דיגען שמייכעל געטהאָן, וויא איינ׳ער רעדט : ס׳עפּיס א חידוש ? א בלוט און מילך יונגערמאַנטשיק, קוים אנגעהויבען צו געניסען פון׳ם לעבען און פּלוצים איז ער אוועקגעריסען געוואָרען פון א זיסינקער היים, צו ליעגען דא אין האַרעטשע עלענד און פערלאָזען אונטער א בוים, זעטענדיג זיין בענקעניש מיט פּוסטע פאַנטאַזיען...

״איך גיזה אויף שבת קיין סאַדאַגורע״ — האָב איך מיט אַן אימפּעט גע־זאָגט צו דער אָרענדאַרקע אריינקומענדיג אין קרעטשמע.

דיא גוטע פרוי האָט גאָר ניט געענטפערט. באַלד האָט זיא מיר דערלאַנגט א קליין פּעקעלע, אין וועלכען ס׳איז געווען איינגעפּאַקט : צוויי חלות, א שטי־

קעלע פיש, א האלב עוף, און איינגעזייערטע אוגערקע און א קליינטשיק פלעשעלע אקאוויט, זאגענדיג צו מיר: פאהר געזונטערהייד צום הייליגען צדיק און פועל אלדעס־גוטס.

פון הארעטשע קיין סאראגורע איז פשוט א שפאציער. מען דארף זיך נאר לאזען איבערשיפען דעם "פרוט", וועלכער האט פארביי געשטראמט נאהענט נעבען דער קרעטשמע. פון יענער זייט "פרוט" האט זיך געשלענגעלט א שמאלער פוס־שטעג צווישען לאנקעס, וועלכער האט נאך אן ערך פון צוואנציג מינוטען צוגעפיהרט צום קייזער־שטראס וועלכער געהט פון מיהאלאי, אדער באיאן, קיין סאראגורע. געהענדיג א האלבע שעה אויפ׳ן קייזער־וועג, האט זיך דאן שוין ארויסגעזעהן ר׳ יאסעלע מאנזאן׳ס הויז, וועלכעס איז געשטאנען בייס איינגאנג פון דער שטאדט סאראגורע.

דערזעהענדיג דאס דאזיגע הויז אין וועלכען ס׳האט געוואהנט דעם הייליגען ריזינער׳ס טאכטער, איז מיין אומעט פערשוואונדען און מיין גייסט ווידער אויפגעמונטערט געווארען.

קומענדיג נאהענט צום רבינ׳ס הויף, האב איך גראד געטראפען משה בונם׳ען געהן אין רבינ׳ס מקוה אריין.

משה בונם איז געווען דער אמת׳ער טיפ פון א פערצייטיגען חסיד. א איד וואס האט אמת׳דיג מורא פאר אן עברה. א איד גאר ניט קיין נאר, קיין מינע אפילו פון א כניאק און דאך א חסיד מיט׳ן פולען מויל. געווען איז ער דוקא א נגידיש קינד, א זיידענער יונגערמאן, א גרויסער תלמיד חכם און א ספרא רבא. אזוי וויא ער איז יונגערהייד געווארען, לא עלינו, אן אלמן, האט ער זיך באלד פערנומען מיט זיינע זיבען זאכען קיין סאראגורע, געווארען דארט א "יושב" און עוסק געווען אין עניני חסידות. שפעטער איז ער נתעלה געווארען צו ווערען הויפס־מלמד ביים רבינ׳ס אייניקעל ר׳ חיים׳ניו שפירא, דער היינטיגער דראהאביטשער רבי. ער איז דאן געווארען זיין מקורב ביז ער, ר׳ משה בונם, איז געשטארבען.

"קום מיט מיר אין מקוה אריין — האט משה בונם צו מיר געזאגט נאכדעם וויא ער האט מיר נעגעבען א פריינדליכען "שלום עליכם" — דורך מיין פראטעקציע וועט מען אויך דיך אריינלאזען אין רבינ׳ס מקוה."

זיך טובל צו זיין אין רבינ׳ס מקוה, איז געווען פאררעכענט ביי יעדען חסיד פאר אן אונגעהויערע זכיה. איך האב מיך אן זיין אנטראג אנגעכאפט מיט הענד און פיס און מיט׳ן פעקעל אין דער האנד געגאנגען אין מקוה אריין.

מיט משה בונס׳ען בין איך נאך פון פריהער גוט בעקאנט געווען. ער איז געווען מיינס א לאנדסמאן פון א שטעדטיל וואס איז אין שכנות פון מיין געבורטס־שטאדט ראזוואדאוו.

שמועסענדיג אין מקוה איבער מיין לאגע, האב איך מיך פאר איהם מתנצל געווען וואס כ׳מוז זיין כסדר נע ונד אין דער פרעמד און קען ניט מעהר אהיימקומען צו ווייב און קינד, וועלכעס איך האב נאך לחלוטין גאר ניט געזעהן.

"אוי ! האט משה בונם א טיפען קרעכץ געטהאן. דוא ביזט נאך אלץ צו ווייט פון דער קדושה, עס פעהלט דיר דאס אמת׳ע התדבקות (צוקלעפען זיך) צום צדיק. א חסיד וואס פיהלט דעם צדיק און האט א חלק אין צדיק אלס זיין שורש נשמה, אזא חסיד פיהלט שטענדיג א מין בענקעניש רק צו זיין אין דער סביבה פונ׳ם צדיק און אנצוקוקען זיין הייליגע צורה. ווער מיר היים? וואס מיר היים? ווער מיר ווייב און קינד, וואס מיר ווייב און קינד? דער רבי, ער איז דער כולל און דער תמצית פון אלצדינג: מיט׳ן השתוקקות צום צדיק פערגעהען אלע נארישע תשוקות און אלע פוסטע תאוות. קום הייפיגער צום רבי׳ן. פערטיעף דיך מעהר אריין אין חסידות, בעטייליג דיך אפט ביי דיא חסידישע "זיצען", און סוף הטעם לבוא. דוא וועסט דאן קומען צום אמת׳ן זיסען טעם פון אונזער חסידות".

איך האב געשוויגען, איך בין שטארק מסופק געווען אויב מיין נשמה איז איבערהויפט מסוגל צו קומען צום טעם. מחמת דיא אלע מיטעל זיינע האב איך דאך שוין אויסגעפרואווט.

"איבריגענס — האט משה בונם ווייטער געזאגט זעהענדיג אז כ׳בין נאך לעת־עתה זעהר ווייט פון אזא מדרגה — דערצעהל עס דעם רבי׳ן און הער וואס ער וועט דיר זאגען. אן דעם רבינ׳ס דבורים וועל איך שוין פערשטעהען וואס דו האסט צו טהאן. ווען ווילסט דו דיך פראוועןביים רבי׳ן ? "

"שבת־צו־נאכט׳ס" — האב איך איהם געענטפערט.

— פאלג מיך און ווארט ביז זונטאג. ס׳איז כדאי צו זעהען ווי דער רבי וועט פאהרען שפאצירען דעם זונטאג מיט ר׳ נחום בער׳ניו. איך וויל דיר אויך מגלה זיין א סוד, אז די געניטע חסידים פראווען זיך תמיד נאך דעם רבינ׳ס א שפאציער. א זמן פון אן עת רצון.

* * *

דער סאדאגורער רבי ז"ל פלעגט אפט פאהרען שפאצירען קיין זוטשקא א דארף נעבען טשערנאוויץ וואו ס׳האט זיך געפונען א שעהן ראמאנטיש וועלדיל, אין וועלכען זיין פאטער, דער ריזינער ז"ל, פלעגט אפט, ביים שפאציער, מיחד זיין זיינע יחודים.

צום שפאציער פלעגט דער רבי מיטנעהמען איינעם פון דיא קינדער אדער פון דיא אייניקלעך. זיין מקורב ר׳ משה דוד איז תמיד מיטגעפאהרען. ביי דעם רבינ׳ס קינדער איז דער שפאציער מיט רבי׳ן פעררעכענט געווען פאר׳ן גרעסטען פערגניגען, מחמת אויף׳ן וועג פלעגט מען פון איהם תמיד הערען הויכע דבורים און דערצעהלען וואונדערבארע מעשיות פון פערשיעדענע צדיקים.

אנגעטריבען דיא פערד האט תמיד ר׳ שלום בעל־עגלה, וועלכער האט אנגעהאלטען דעם פאסטען נאר אויסשליעסליך אלס דעם רבינ׳ס לייב־בעל־עגלה אבער ניט אלס שטאל דיענער. ביי אלע חסידים איז ר׳ שלום זעהר געאכטעט געווען, יעדער איינער האט זיך געהאלטען פאר א זכיה ווען ר׳ שלום האט זיך מיט איהם אריינגעלאזט אין א שמועס צו דערצעהלען מאנכע ענינים מכח

דעם רבינ׳ס שפּאַציער. ניט איינער האָט זיך געווינשען אז ער זאָל נאָך אַמאָל האָבען דיא זכיה, כאָטש איינמאָל אים לעבען, צו פערטרעטען דיא שטעלע פון ר׳ שלום בעל־עגלה.

חסידים בעהויפּטען, אז דיא אָפטע נסיעות פון׳ם צדיק אין וועלדעל אריין איז געוועזן נאר כדי מתקן צו זיין דיא נשמות נדחות, וואס בלאָנזען ארום אויף׳ן עולם התוהו, מחמת דער בעל־שם הקדוש פלעגט זיך אויך אזוי נוהג זיין. דעריבער פלעגען דיא חסידים תמיד, ביי א גלעזעלע משקה, אויספרעגען שלום בעל־עגלה איבער יעדער תנועה און דיא מינדעסטע בעוועגונג וואס דער רבי פלעגט מאכען בעת דעם שפּאַציער.

דיא מות־חסידים פלעגען ווידער בעהויפּטען, אז דיא נסיעה אין דעם התבודדות־וועלדעל איז געווען, כדי זיך אָבצושיידען פון דער מענשען־סביבה, זיך מתבודד צו זיין אין א מקום וואו דער אויר איז מסוגל צו קומען אין א בחינה פון "מוחין דגדלות", זיך אויפצוהויבען פיעל העכער איבער דיא וועלטליכע כפּערען, און דאדורך זיין ביכולת אראָבצוציהען פון׳ם "היכל הברכה" א שפע (איבערפלוס) פון ישועות אויף אידען.

דעריבער האָט מיך משה בונם געראטען צו פּראָווען זיך ביים רבי׳ן זונטאָג נאָך׳ן שפּאַציער.

* * *

נעבען דעם רבינ׳ס טהיר שטעהט אים זונטאג נאכמיטאג א הערליכע קאלע־סא צוגעשפּאַנט צו צוויי טייערע הייסבלוטיגע פערד גרייט צום שפּאַציער. זיי קאָפּען אונגעדולדיג אויף די פלאסטער־שטיינער און שאָקלען נערוועז מיט די גאוה׳שע קעפּ, וועלכע זיינען פערציערט מיט פערד׳ישע מלבושי־כבוד. זיי קענען לחלוטין גאר ניט איינרוהען, ס׳ווילט זיך זיי שוין פאהרען. א מערכה, וואס דער אויסגעפּוצטער ר׳ שלום, אין זיין נייעם סאמעטענעם קאַפּעלוש, אין זיין שווארץ, מאדערנע שיפּקאלע, מיט זיינע פערקעמטע קורצע פּאה׳קעלעך, וועלכער איז געזעסען אויף דער קאָזלע מוכן ומזומן, האלט זיי פעסט ביי דיא לייצען און הייסט זיי האָבען געדולד.

"ווייסען אט דיא דאזיגע פערד וואס פאר א גרויסע זכיה זיי האָבען צו טהאָן אזא עובדא, מיט וועלכע טויזענדער חסידים זיינען זיי מקנא?" דאס איז געווען דער שמועס פון צוויי בניאקלעך וואס זיינען געשטאנען אין מיין שכנות צווישען דיא צעהנדליגע יושבים וואס שטעהען און ווארטען צו זעהען דעם רבי׳ן מיט׳ן חשוב׳ן איידעם זיינעם פאהרען שפּאַציערען. און דערווייל זיינען זיי, די יושבים, עוסק אין "מעשה מרכבה", בעטראַכטען מיט חשק׳דיגע אויגען די סוסים און דיא קאלעסע און קלערען אריין פערשיעדענע חקירות מכח דיא סודות־ענינים וואס שטעקט אין זיי.

דיא שמועסערס מכח דער ידיעה פון דיא פערד זיינען נאָך ניט געהאט געקומען צו קיין טאָלק, בעת ס׳האָט זיך בעוויזען אין דער טהיר דעם רבינ׳ס צורה און נאָך איהם דער חנ׳עוודיגער ר׳ נחום בער׳ניו און דער מקורב ר׳ משה דוד. וועלכע האבען בעשטיגען דיא קאלעסע און באלד נעלם געווארען.

איך מוז מודה זיין דעם אמת, אז ס׳זיינען מיר דעמאלט דורכגעפלוינען אפיקורסישע מחשבות, אויב ס׳איז באמת כדאי געווען מבטל צו זיין דאס זונטאג׳דיגע לערנען מיט מיינע תלמידים, כדי זיך צו צוזעהען דאס פאהרען שפאציערען, ווי משה בונם האט מיר געזאגט. אבער דער עיקר איז דאך אבער צו פראווען זיך נאך׳ן שפאציער. מען מוז ווארטען.

כ׳האב מיר אויף דער נאכט ביים פראווען געמאכט מוטה און דערצעהלט דעם צדיק מיינע צרות, אז כ׳קען ניט אהיימפאהרען אוים מורא פאר רדיפות און דעריבער מוז איך זיין א דארפס־מלמד שוין קרוב צו א יאהר, בעת אין דערהיים האב איך אן איינגענעם פרנסה־הויז.

„דוא ווערסט קענען אהיימפאהרען, אבער דיא וועלט דארף דאך מלמדים אויך האבען" — האט צו מיר דער רבי געזאגט און בשעת מעשה אויפגעהויבען זיינע גרויע אויגען, מיך געמוסטערט פון אויבען ביז אראפ מיט א קוים מערק־בארען שמייכעל, פון וועלכען איך האב מיך משער געווען דיא כונה: „ניט כדאי געווען דער גאנצער טא־רא־ראם. איך וואלט מיך אהן דיר אויך געקענט בעגעהן". איך בין ארוים פון׳ם פראווען שטארק צורודערט. עפים האט זיך מיר נעדאכט אז דער צדיק האט מיך דורכגעקוקט און פערשטאנען אז מיין אמונת צדיקים הינקט אביסעל אונטער. א פאראדאָקסישע מחשבה.

„דו ווערסט בקרב אהיימפאהרען — האט מיר משה בונם דאן ערקלעהרט דעם רבינ׳ס דבורים — אבער פאר איין זאך האב איך מורא, אז מיט דיין פרנסה הויז וועט זיך אויסלאזען א בוידעם און דו ווערסט מוזען ווערען א מלמד. דער רבי זאל לעבען רעדט ניט קיין איבריגען דבור."

ביידע זאכען זיינען מיט א יאהר שפעטער מקוים געווארען, אבער דעריבער אן אנדערם מאל.

## 42

# דאָס פראווען

**דער הרהור תשובה פאר׳ן פראווען. — א „קוויטעל" מוז מען קענען לייענען פון דער ליידיגער זייט. — מען מוז זיך אמאָל אראָבלאָזען פון די מדרגות. — די ערשטע בקשה איז פאר׳ן נפש. — מען מוז שוויצען. — דער רבי נעהמט ניט צו די פדיונות.**

דער ענין פון „פראווען", דאס הייסט, נעהמען ביי די חסידים א „קוויטעל" אין וועלכען ס׳זיינען פערשריבען זייערע בקשות און זיי געבען א ברכה, האט נעפאדערט אין סאדאגורע הכנות פון ביידע זייטען, דאס מיינט, אזוי גוט פון די חסידים׳ס צד ווי אויך פונ׳ם רבי׳ן גופא.

**אז אמת׳ער חסיד איז קיינמאָל ניט צוגעגאנגען זיך פראווען ביים רבי׳ן,**

וויבאלד ער איז ניט פריהער געוועז אין מקוה און דאביי געהאט אן אמת׳ע הרהור תשובה. דער אמת׳ער חסיד איז איבערצייגט געווען אין אלע פאזערן פון זיין נשמה, אז בעת דער צדיק לייענט דאס קוויטעל איז אלצדינג, וואס דער מענש האט געטהאן מיום הולדו, זייט ער איז געבארען געווארען ביז צו אותו רגע, הכל גלוי וידוע לפניו, ווייס דער צדיק פון אלעמען.

מען זאגט נאך צווישען חסידים פון א גרויסען רבינ׳ס וועגען, אז אזא רבי וואס איז ניט אימשטאנד צו לייענען דאס קוויטעל פון דער אונבעשריבענער זייט, טאר איבערהויפט ניט נעהמען קיין קוויטעל ביי א חסיד און דער "פדיון" איז פשוט גזל. דאמיט איז געמיינט, אז בעת דער רבי זיצט ביים פראווען זיינע חסידים, מוז ער זיין אין א בחינה פון "יושב וגלוי עינים", אין דער מדרגה פון א קלארען בעל רוח הקודש, אזוי אז ער זאל פונ׳ם נאמען אליין, אדער גאר אפילו פון דער צווייטער לעדיגער זייט פונ׳ם קוויטעל, קענען אראבלייענען אלצדינג וואס דער קוויטעלגעבער פערלאנגט פון איהם מתפלל צו זיין פאר איהם און טאקע אין איינוועגס איהם אליין דורכקוקען דורך און דורך.

אז מען לייענט דעם נאמען אינ׳ם קוויטעל — האט אמאל דער אלטער סאדאגורער ז״ל געזאגט צו זיינע מקורבים — מוז מען תיכף דערקענען וואס פאר א מין נפש דער מענש פונ׳ם קוויטעל איז, באטש מען האט נאך אפילו זיין פנים ניט אנגעקוקט. און ווידער פערקעהרט, אנקוקענדיג א מענש דארף מען וויסען זיין נאמען ווי ער הייסט. וויבאלד מען ווייס דאס ניט, קען מען ניט אמאל דעם א׳ ב׳ פון א גוטען אידען. הא בהא תליא, דער מענש מיט זיין נאמען זיינען שנים שהם אחד, מען מוז פון איין חלק דערקענען דעם צווייטען. דאס איז דער סוד פון דעם וואס גאט ברוך הוא האט פארגעפיהרט פאר אדם הראשון אלערליי בעשעפענישען און איהם געהייסען אויסגעפינען, לויט זייער מהות, מיט וואס פאר נעמען זיי דארפען גערופען ווערען.

אזוי ווי דער זיידע ר׳ בער ז״ל — האט דאן דער סאדאגורער זיי דערצעהלט — האט אנגעהויבען מפורסם צו ווערען אויף דער וועלט, האבען פיעל פונ׳ם בעל־שם׳ס תלמידים זעהר משתוקק געווען איהם צו זעהן. צווישען וועלכע ס׳האט זיך געפונען דער גרויסער צדיק ר׳ מענדעלי פרעמישליאנער.

ארויספאהרענדיג פון זיין היים צום זיידען ז״ל, האט ער אנגעזאגט זיין משמש זהיר וזהיר, אז א גאנצען וועג, ביז ער וועט צוריק אהיים קומען, זאל ער איהם ניט רופען "רבי", ווי דער סדר איז, אויך ניט ביים נאמען ר׳ מענדל, נאר גאר מיט א פרעמדען נאמען "ר׳ ברוך", בכדי קיין בן אדם זאל ניט וויסען ווער ער איז און פון וואנען ער קומט.

אריינקומענדיג צום זיידען ר׳ בער מיט׳ן משמש צוזאמען, האט דער זיידע אויסגעשטרעקט די האנד, איהם געגעבען א פריינדליכען "שלום" מיט די ווערטער: "שלום עליכם ר׳ מענדלי פרעמישליאנער!"

"דער דאזיגער איד הייסט גאר ר׳ ברוך" — האט זיך ר׳ מענדלי׳ס משמש אנגערופען צום זיידען.

"גם ברוך יהיה!" — האט איהם דער זיידע ר׳ בער געענטפערט. — "די וועלט רופט מיך "דער גרויסער מגיד", אין וואס וואלט אלזא בעשטאנען מיין

גרויסקייט ווען איך זאל ניט מרגיש זיין די מחשבה (דערפיהלען דעם בלויזען גערדאנק), ווען ר' מענדלי האט נאר געקלערט צו מיר צו פאהרען?"

ביי די רביים פון דער סאדאגורער גזע, האט מען באמת געקענט בעמערקען אן אונגעהייערע הכנה איידער זיי האבען זיך געזעצט פראווען דעם עולם. מיט דער דאזיגער הכנה, ערקלערען די חסידים, האט דער צדיק געשאפען אן "אתערותא דלתתא", א מין פונ'ם מענשען געשאפענער געטליכער כח, וועלכער איז מעורר און שאפט אן "אתערותא דלעילא", אן עת רצון אינ'ם הימעל פאר אידישע תפלות. זיי האבען זיך ניט נוהג געווען ווי מאנכע אנדערע גאליצישע רביים, צו וועלכע מען האט געקענט צוקומען זיי צו דערלאנגען א קוויטעל מיט א פדיון צו יעדער צייט אין טאג, ווען ס'זיינען נאר אנוועזענד געווען עטליכע מענשען צום פראווען און וויבאלד מען האט נאר דעם גבאי מכבד געווען מיט א שעהנעם מתנת־יד. אין סאדאגורע האט דאס פראווען שטאטגעפונען נאר אין בעשטימטע שטונדען אין טאג. אין דער פריה בעפאר דער רבי איז אריינגעגאנגען אין קלויז אריין דאוונען, און אויף דער נאכט ארום צעהן אזייגער. די אנשים מצוינים האט מען אריינגעלאזט צום רבי'ן אין זיין "סאליע" צום פראווען, בעת דער איבריגער עולם האט געמוזט ווארטען אין פראוו־צימער ביז דער רבי איז דארטען אריינגעקומען צום פראווען. אבער אויך אין דעם דאזיגען חדר האט מען נאר אריינגעלאזט א געוויסע מענגע פארשוינען. די איבריגע האבען געמוזט ווארטען אין פארהויז אדער אין דער אלטער קלויז, זאגאר אינ'ם הויף, ביז ס'איז ווידער געווארען פלאץ אריינצולאזען אן אנדער סכום פון חסידים. אט דא איז שוין דער "באקשיש" געווען א גרויסער מליץ יושר צו געפינען חן ביי די גבאים ניט צו לאזען צו־לאנג ווארטען.

ס'האט זיך אבער אפטמאל געטראפען, אז דער צדיק איז ניט אריינגעקומען אפילו צו דער בעשטימטער צייט, און א טהייל מאל טאקע לגמרי גארניט, צום פראווען. דארין זאל תמיד געווען זיין דער גורם די הכנה וועלכע האט בענעגענט גרויסע שוועריגקייטען צוליעב אונבעקאנטע סבות.

א חוץ דעם איינפאכען טעם פון דער דאזיגער גרויסער הכנה, כדי דער צדיק זאל מיט זיין עבודת הקודש און תפיסת המוחין מעורר זיין אן עת רצון, א צייט אין וועלכער ער זאל בכח זיין צו פועל'ן ישועות פאר אידען, האט אויך די דאזיגע הכנה, לויט דער מיינונג פון מאנכע חסידים בעלי־מוח, גאר געהאט א פאראדאקסישען פערקעהרטען טעם, ניט כדי דער צדיק זאל יא זיין בכח דורכצוקוקען דאס פנימיות פון זיינע חסידים, נאר אדרבה, כדי ער זאל דאס גאר ניט זעהן.

דער צדיק וועלכער האט דאמאלס ביים פראווען בעדארפט קומען אין בעריהרונג מיט פערשיעדענע ברואים, צווישען וועלכע ס'האבען זיך אויך געפונען מאנכע מגושם'דיגע, אנשים בעלי חומר, קליינע און נידעריגע נפשות, כדי צו קענען זיי מקבל פנים זיין און פונדעסטוועגען ניט אראבפאלען פלוצלינג פון די מדרגות אלס א פועל יוצא פון זיין ווייטער ראיה אין די טיעפעניש פון די פערשמירטע, פערדארבענע נפשות, האט זיך דער צדיק געמוזט בענוצען מיט א מין מדרגה וועלכע הייסט "בחינת הצמצום", דאס הייסט, ער האט זיך מצמצם געווען, צוזאמענגעקארטשעט און איינגעשרומפען זיינע הימ־

לישע כחות, זיך אראבגעלאזט שטופענווייז פונ'ם עולם האצילות, פונ'ם עולם המחשבה צום עולם הנשמי, עולם השפל, און דאפון, פון די ערדישע און בהמה'שע ענינים גאר ניט מעהר נתפעל ווערען. דאס דאזיגע צוזאמענגנעהמען זיך און מגשם צו זיין זיין רוחניות'דיגען איך, זיין ערדעלען עצם אלקי, האט, כביכול, אן עהנ־ליכקייט מיט דעם "צמצום" וועלכער איז געווען בשעת בריאת העולם. דאס איז א זעהר טיעפער ענין און עס פאדערט דאצו א שווערע זוונגעהייערע עבודה.

ווי די מעשה זאל ניט זיין, ליעגט דארין א טיעפער גערו אנק. יעדער ערד־לער מענש מוז זיך אראבלאזען פון זיינע מדרגות, אננעהמען אן אנדערע גייס־טיגע פארמע, ווען ס'קומט איהם אוים צו קומען אין בעריהרונג און האבען א מגע ומשא מיט א גראבען יונג. עס איז ניט קיין לייכטע ארבייט צו מאכען זיך אליין מגושם'ער ווי מען איז.

דער נוסח פון א "קוויטעל" צום רבי'ן וועט אפשר פאר מאנכע מענשען זיין אינטערעסאנט אין א געוויסער מאס. נאך דער אויפשריפט פון אויבען די ווערטער "ברוך השם" און דעם נאמען פון דער שטאדט, האט זיך אין דער צווייטער שורה אנגעהויבען דעם חסיד'ס נאמען מיט זיין מוטער'ס נאמען, ווי למשל "צבי הירש בן לאה". דער ענין פארוואס מען דערמאנט נאר דער מוטער'ס ניט דעם פאטער'ס נאמען, איז געגרינדעט אויף א מאמר אין זוהר הקדוש שמות דף י"ז ע"א : "אין מזכירין לעולם שם אביו של אדם רק שם אמו מפני חשדא" (מען זאל קיינמאל ניט דערמאנען דעם פאטער'ס נאמען נאר דער מוטער'ס נא־מען, וועלכע איז זיכער אהן א ספק זיין מוטער). נאכ'ן נאמען זיינען תמיד געשריבען געווען די ווערטער "לישועה בגוף ונפש". איך דערמאן דאס מיט א כונה, ווייל אין קוויטלעך וועלכע חסידים פלעגען געבען צו אנדערע רביים אין גאליציען, בעזאנדערס ביי די רביים פון דער ראפשיצער גזע, איז קיין מנהג ניט געווען צו שרייבען אין אנהויב פונ'ם קוויטעל די ווערטער "ברוך השם" און אויך ניט צו פערלאנגען פונ'ם רבי'ן, אלס די ערשטע פון אלע בקשות, א ישועה אויפ'ן "נפש". די דאזיגע אינ'ם פלוג אונבעדייטענדע דבורים, ווייזען בעשיינפערליך דעם גייסט פונ'ם כאדאגורער חסידות. קודם כל בעט דער חסיד א ישועה פאר'ן נפש, דאן ערשט רעכענט ער אוים די איבריגע זיינע בקשות. נאכ'ן מאנ'ס נא־מען מיט זיינע בקשות, איז איינגעשריבען געווארען דעם ווייב'ס נאמען, אויך מיט דער מוטער'ס נאמען, מיט איהרע פערזענליכע בקשות. דאן די נעמען פון אלע קינדער מיט א בעמערקונג פאר יעדען איינגעל "לבריאת הגוף ולהתמדה בלמוד" (צו זיין געזונד און האבען חשק צום לערנען). די גרויסע חסידים פלעג־גען קיינמאל ניט איינשרייבען אין קוויטעל עולם־הזה בקשות, נאר די בקשה "לעבוד את ה' מתוך רחבה" (צו קענען דיענען השם יתברך פון רחבה), דאס הייסט זיי ווילען מאקע יא עולם הזה אבער נאר אלס א מיטעל צו עבודת ה'.

דער גערדענג ארום דעם רבי'ן ביים פראווען פלעגט זיין אונגאטירליך. פון יעדען פנים האט זיך געגאסען שוויים ווי טייכען וואסער. הפנים אז אין דעם דאזיגען שוויצען האט געשטעקט עפעס א כונה, און אפשר איז'ס מאקע געווען א סגולה צו א ישועה. מחמת קוים האט דער רבי בעמערקט א חסיד ווען ס'האט נעלונגען דורך א צופאל אריינגעשטויסען צו ווערען אין דער ערשטער שורה אהן מיה און מאטערניש און אהן שוויים, פלעגט דער רבי ז"ל צו איהם

בעמערקען: "געה, דו האסט נאך ניט געשוויצט!" כהרף עין איז דער דאזיגער חסיד פערדרענגט געווארען פון דער גרויסער מאסע ביז אין דער לעצטער שורה און דאן האט ער ערשט אנגעהויבען אויפ'ס נייע צו שטופען זיך מיט כח מיט ביידע עלענבויגענס, ביז ער האט זיך געבארען אין שוויים.

אויך פאר איינעם וואס איז ניט קיין חסיד וואלט עס אינטערעסאנט גע־ווען צו ווערען א חסיד באדיי פאר איין איינציגע שעה, זיך צו פראווען ביים רבי'ן, כדי בייצוואוואהנען און זיך צוצוזעהן דעם ענין פון פראווען. ער וואלט זיכער בעוואונדערט דעם זשעניאלען אויפפאסונגס קראפט, די וואונדערבארע שלאגפערטיגקייט, דאס גרויסע געניטקייט און ערפאהרענהייט אין יעדער אנגע־לעגענהייט. אין די זעהר קורצע פראגען וועלכע ער פלעגט איבערפרעגען אדער אין זיינע קורץ אויסגעדריקטע עצות אין געצעהלטע דבורים, האט געשטעקט א ים מיט חכמה און פראקטישקייט. ער האט ניט גערולדעט קיין איבערפרעגען נאך אמאל. "איך האב שוין געזאגט", פלעגט ער געוועהנליך ענטפערען, ווען עמיצער האט איהם געוואלט דעם ענין נאך אמאל קלאר מאכען און איבערפרע־גען, א מין "טאמער וואלט אזוי גלייך געווען". דער מקורב האט באלד אזא פאר־שוין מיט דער האנד אוועקגעשטופט און צוגעלאזט אן אנדערען.

דעם פדיון האט מען קיינמאל ניט געגעבען דעם רבי'ן צוזאמען מיט'ן קוויטעל, ווי דער מנהג איז ביי אלע אנדערע רביים. דער סאדאגורער רבי האט אי־בערהויפט ניט געזעהן און ניט געוואוסט אויב דער חסיד גיט איהם א פדיון אדער ניט. אויף דער צווייטער זייט פונ'ם פראווע־טישעל איז געזעסען דעם רבינ'ס מקורב ר' משה דוד, ער האט צוגענומען די פדיונות. אין דעם גרויסען געדרענג איז בשום אופן ניט מעגליך געווען אויפצופאסען, ווער עס לעגט אני־דער דעם פדיון און ווי גרויס ער איז. דער דאזיגער מנהג איז געווען איינגע־פיהרט כדי "שלא לבייש את מי שאין לו", אז דער יעניגער וואס איז ניט בכח צו געבען קיין פדיון, זאל זיך ניט געפינען פערשעהמט פאר'ן רבי'ן ווייל ער גיט איהם גאר ניט. דער רבי האט סיי־ווי אלע קוויטלעך צוגענומען אהן געלד.

פונדעסטוועגען האט יעדער חסיד, ווי ארים ער זאל ניט געווען זיין, נענגע־בען דעם רבי'ן א "פדיון". עס איז כמעט ווי א כלל ביי חסידים, אז למען דעם צדיק'ס ברכה זאל קענען חל זיין, מוז דער צדיק האבען עפעס וואס ס'איז א חומריות'דיגע הנאה פונ'ם חסיד. זיי, די חסידים, בעווייזען דאס פון דער תורה, אז יצחק אבינו האט ניט געקענט געבען זיין זוהן די ברכה ביז ער וועט ניט פריהער פונ'ם זוהן האבען א הנאה גופנית, כדי די ברכה זאל קענען שורה זיין מיט אלע פרטים און דקדוקים. דאס איז אויך די סבה וואס דער נביא שמואל האט גענומען ביי זיינע בעזוכער פדיונות און דאן דאך געקענט זאגען "ולא לקחתי מאיש מאומה" (כ'האב פון קיינעם גאר ניט גענומען). מחמת דאס נעה־מען איז נאר געווען "לשם נתינה", כדי זיין ברכה זאל קענען חל זיין. דער פדיון איז דעריבער בעטראכט געווארען ביי חסידים אלס דיזעלבע מדרגה פון ברענגען בכורים צום כהן גדול קיין ירושלים און קיינער האט זיך דאפון ניט מוגע געווען.

## 43

# דער כח פון א דבור

דער שטענדיגער נוסח פונ׳ם צדיק׳ס ברכה. — א זאַנדערבארע שאלה פון א יונגען בעל־אמונה. — אמונה איז בעסער פון עשירות. — ער ווארט פופצעהן יאָהר אויפ׳ן מקוים ווערען פון רבינ׳ס דבורים. — ער האָט זיך דערוואַרט.

דער סאדאגורער רבי האָט על פי רוב ניט געזאָגט דעם חסיד, אויף דער בקשה פון זיין קוויטעל, מעהר פון דיא דאָזיגע ווערטער: ״השם יתברך זאָל דיר העלפען״, אויסער וואו ס׳האָט זיך געפאָדערט א בעזונדערע עצה, וואו ער האָט שוין געמוזט זאָגען עטליכע פאָזיטיווע דבורים, דאמאָלס האָט דער חסיד געוואוסט, אז איצט אָדער שפּעטער, די ישועה מוז אמאָל קומען אין דער פאָרם וויא דער רבי האָט זיך אויסגעדריקט, און תמיד, אונטער אלע אומשטענדען, געזוכט מיט א פעסטער אמונה, אויסצופיהרען דאָס וואָס דער רבי האָט איהם געראטהען. דיא גרויסע אמונה האָט איהם, דעם חסיד, אָפּט־מאָל געהאָלפען און געברענגט א ישועה פון שלא כדרך הטבע.

דער כח פון אמונה אינ׳ם רבינ׳ס א דבור איז געווען טיעף איינגעוואָרצעלט ניט נאָר אינ׳ם חסיד׳ס הארץ אליין נאָר אויך אין דעם הארץ פון זיין ווייב און קינדער, וועלכע האָבען ממש דעם רבי׳ן פערגעטערט און אין הארמאָניע מיט׳ן פאמיליען־פאָטער אויסגעהאלטען מיט אויסדויער דאָס עלענד און דחקות, ערוואַרטענדיג דיא ישועה וועלכע דארף קומען צוליעב דעם רבינ׳ס עטליכע דבורים.

אלס א מוסטער פון אמת׳ער אמונה פון א חסיד און פון זיין גאנץ בני בית, און דיא אוננאטירליכע גוטע פאָלגען פון דיעזער גרויסער אמונה, וויל איך דאָ בעשרייבען אן אינטערעסאנטע עובדא, פאר וועלכע איך בין ערב פאר איהר אמת פון אָנהויב ביז צום סוף.

נאָכדעם וויא כ׳האָב אָבגעקנעלט א גאנץ קיילעכדיג יאָהר אין דאָרף האָרעטשע, נעבען טשערנאָוויץ, כדי צו זיין אין דעם שכנות פון סאדאגורע, און נאָך אליז מורא געהאט אהיימצופאָהרען, מען זאָל מיך ניט לעגען דאָרט אין חרם אריין, האָט מיין פריהער ערוועהנטער פריינד, דער הויפּס־לעהרער ר׳ מאָנוס ווייכסעלבוים, מיר אויסגעזוכט א קנעלעכץ ביי א פייערדיגען חסיד ר׳ איצי פיכמאן פון רזשאווניץ נעבען כאָטין אין בעסאראביען. דאָרטען האָב איך דאָס געהאט דיא ריכטיגע געלעגענהייט צו צוזעהן דעם גרויסען כח און

אמונת צדיקים פון סאראגורער חסידים און דאס רעזולטאט פון אזא אמונה.

געלערנט האב איך דארט מיט צוויי תלמידים: בנימין, א בחור פון צוויי און צוואנציג יאהר און מאיר, א צוואנציג יעהריגער בחור, בעת איך אליין בין אין גאנצען אלט געוועזן קוים ניינצעהן יאהר, כאטש איך בין שוין געוועזן זייט צוויי יאהר א בעווייבטער. אונזערע לערנשטונדען זיינען געוועזן פארטאג, פון דריי נאך חצות ביז זיעבען א זייגער, מחמת בייטאג זיינען דיא דאזיגע בחורים געוועזן בעשעפטיגט אין דעם פאטער׳ס וואלד־געשעפט.

געלערנט האבען מיר דיא גאנצע וואך חושן משפט, א חוץ פרייטאג פארטאג ווען מיר האבען געלערנט דעם "אור החיים" פון דער וואכעדיגער סדרה, מחמת ביי דיא סאדאגורער חסידים איז דאס לערנען דעם "אור החיים" איינס פון דיא וויכטיגע עיקרים פון חסידות.

איך האב געזאגט: "געלערנט האבען מיר", בעת אין דער אמת׳ען האבען מיר נישט געלערנט. מיר האבען מעהר געשמועסט וויא געלערנט. און געשמועסט האבען מיר ניט ווייל איך, דער מלמד זייערער, האב געוואלט, נאר ווייל זיי, דיא תלמידים, האבען אזוי געוואלט און איך האב געמוזט מסכים זיין. מחמת בעת איך בין נאך געוועזן דאמאלס אהן א התימת זקן, זיינען זיי שוין געוועזן בעבערדעלטע יונגעלייט און מיר האט דעריבער געפעהלט דאס שטארקייט אקעגען זיי מעיז פנים צו זיין.

אבער למען האמת מוז איך מודה זיין, אז זיי האבען מיט מיר נישט געשמועסט חלילה קיין דברים בטלים. נאר דוקא זעהר הויכע ענינים בנוגע דעם דרך פון חסידות און אמונת הצדיקים. דיא דאזיגע תלמידים זיינען דא־מאלס אין ענינים פון חסידות פיעל העכער געשטאנען פון זייער מלמד.

האט דאמאלס, למשל, דער אינגערער תלמיד מאיר, א שטיק תלמיד חכם, מיך געפרעגט מיט א טאן פון "ילמדנו רבנו", מיינענדיג אז איך בין אין "חסידות" א יודע הכל, אט דיא דאזיגע הארבע שאלה, איך זאל זיא איהם פותר זיין:

"עס איז דאך א דבר ידוע, אז "צדיק גוזר והקדוש ברוך הוא מקיים", וואס פאר א דבור דער צדיק זאל ניט ארויסזאגען מוז ער מקוים ווערען. כהיום וואלט איך געוואלט וויסען, אויב דער רבי איז בכח משנה צו זיין דיא טבע ער זאל קענען גוזר זיין, למשל, אז אוים דעם דאזיגען טיש זאל ווערען א לעבעדיגע חיה?"

אויף אזא אומגעלומפערטע פראגע מכח אמונת צדיקים בין איך לחלוטין ניט געוועזן פארבערייט. זיא מבטל זיין כלאחר יד האב איך אויך ניט גע־טארט, מחמת סאי־וויא זיינען דארטען דיא "קארדונער" (עסטרייכער) פער־רעכענט פאר ניט מאמינים. צו מיין גליק איז גראד דאמאלס דער פאטער דורכגעגאנגען דאס צימער וואו מיר האבען געלערנט. האב איך מיר געמאכט הארץ און זיך אנגערופען מיט א מוסר׳דיג קול: "אנו, לאמיר ליעבער לערנען, מיר פטור׳ן דאך אב דיא גאנצע עטליכע שעה מיט בלויז דבורים!"

בייטאג, האט ר׳ איצי פיכמאן מיך אריינגערופען צו זיך אין חדר און צו מיר אזוי געזאגט:

"איציק׳ל, איך הער מיך גאנץ גוט אונטער יעדען טאג, אז איהר זיינט

מעהר עוסק אין שמועסען וויא אין לערנען. אָבער דאָס ארט מיך לגמרי גאָר ניט. אדרבה, זיי מעגען וועניגער אביסעל לערנען און אנשטאָט דעם, שמועסט מיט זיי פיעל חסידות און פערשטארקט אין זיי דעם כח אמונה אין צדיקים. זעהט זיי זאָלען ווערען גרויסע חסידים און שטארקע מאמינים״.

ער האָט אין מיר געטראָפען דיא ריכטיגע אדרעסע.

אָבער טאקע דיא דאָזיגע איבערטריבענע, אוננאטירליכע בליגדע אמונה אינ׳ס צדיק, האָט איהם, ר׳ איצי׳ן, געבראכט אויף א וואונדערבארען, כמעט ניט גלויבליכען אופן, א ישועה פון ברכה והצלחה.

דער ישוב רעזשאווניץ, איז א קליין גוט, וועלכעס איז כמה שנים גע־האלטען געוואָרען אין פּאכט פון מעהרערע אידען בשותפות. דער גאנצער רזשאווניצער ״פני״, צווישען זיי אויך ר׳ איצי פיכמאן.

דיא דאָזיגע חברה פּאסעסאָרען, אלע פּייערדיגע סאדאגורער חסידים, האָבען געצויגען זייער אָרימע חיונה אויסשליסליך נאָר פון דער דאָזיגער פּאכ־טונג. זיי האָבען אלע געלעבט בדחקות. אם ערגסטען איז אָבער אָפּ געווען ר׳ איצי פיכמאן, מחמת ער האָט נעהאט מעהר קינדער וויא זיינע שותפים און איז דאצו אויך געווען א מענש מיט א גוט הארץ און אן אָפענע האנד.

האָט זיך ר׳ איצי אמאָל שטארק מתנצל געווען פאר׳ן רבי׳ן איבער זיין ביטערען מעמד.

און אלס א פּלאים׳דינער אויסנאהם, האָט איהם דער צדיק דאמאָלס ניט געבנע׳פּטר׳ט מיט דיא געוועהנליכע אויסדריקע: ״השם יתברך זאָל זיך אויף דיר מרחם זיין און שיקען א ישועה״. נאָר צו איהם געזאָגט דיא דאָזיגע געצעהל־טע דבורים:

״פאר דיר וואָלט געווען דער איינציגער תכלית, דוא זאָלסט דיך קענען צו־שלאָגען צו א שטיקעל וואלד״.

דאכט זיך גאָר פּשוט׳ע דבורים, אָבער ר׳ איצי האָט זיי אָנגענומען פאר א בארע מטבע. ער האָט שוין געהאט דיא ישועה אין דער קעשענע פון א וואלד־מסחר. וויא אזוי ער וועט קענען צוקומען צו אזא מסחר? אזא שאלה ענ־בערט בכלל גאָר ניט אן אמת׳ען חסיד׳ס מוח, וויא באלד ער האָט געהערט אזעלכע בפירוש׳דיגע דבורים ארויסגעהן פונ׳ם רבינ׳ס מויל.

ס׳וועט שוין קומען, אויב ניט היינט וועט עס זיין מאָרגען.

און דער דאָזיגער מאָרגען האָט זיך פּאוואָליע אזוי דערצויגען גאנצע פופצעהן יאָהר.

מיטלערווייל איז ר׳ איצי געוואָרען א בעל מטופל פון צעהן קינדער, בלי עין הרע, געוואָרען א גרעסערער בעל־דארפער און צוגלייך אויך א גרעסע־רער קבצן, ניט אויסגערעדט זאָל עס זיין. דאָס אָרימקייט אין זיין הויז איז אזוי גרויס געווען, אז צוויי יאָהר בעפאָר איך בין צו איהם געקומען, האָט ער פערזעצט זיינע זילבערנע לייכטער, דאס לעצטע וואָס ער האָט נאָך געהאט, כדי צו בעצאָהלען דעם מלמד פון זיינע קינדער שכר למוד ער זאָל קענען אהיים פּאָהרען אויף יום טוב. ביי איהם אין הויז האָט מען בשתיקה ממש צוגעהונגערט.

באלד נאָך יענעם פּסח, האָט זיך ר׳ איצי דערוואוסט, אז א פּריצע פונ׳ם

כאטינער אויעזר האט אויסגעשריבען א ליציטאציע אויף איהר׳ס א זעהר גרויס וואלד.

״לאנע!״ — האט זיך ר׳ איצי פלוצים אנגערופען צו זיין וואוילקענעוודיגע פרוי, וועלכע איז בעקאנט געווען אין דער גאנצער סביבה מיט איהר הסידות און שטארקע ידיעה אין דיא קליינע אותיות. בעזאנדערס בעריהמט דורך איהר עלוי׳שקייט אין דיא ״קביעות המועדים״ — ״לאנע, ווייסטו וואס כ׳וועל דיר זאגען? כ׳האב בדעה צו געהען אויף דער וואלד־ליציטאציע״.

״וואס זאגסטו עפעס, איצי? — האט זיין ווייב לאנע אויסגערופען מיט גריוס ערשטוינען, ארויסגלאצענדיג אויף איהם צוויי פראגענדע אויגען, כלומר, ביזטו חלילה געפאלען פונ׳ם שכל? — וואס רעדסטו עפעס, קינד לעב? וויא אזוי וועסטו עפעס מיט א ליידיגע קעשענע געהען אויף א ליציטאציע פון אזא גרויס וואלד? דוא האסט דאך אפילו ניט אין מזומן אויף הוצאות הדרך!״

״לאנע! — האט ווידער אמאל ר׳ איצי אויסגערופען, טייטלענדיג צו איהר מיט׳ן פינגער פון דער רעכטער האנד אויף דער פלאכער זייט פון דער לינקער האנד. — לאנע מיין טהייערע, אט פון דעם פינטעלע אמונה ווילסטו מיך אוועקשטויסען? ווייסטו דען ניט וואס דער הייליגער רבי זאל לעבען האט מיר געזאגט מיט פופצעהן יאהר צוריק, אז מיין איינציגער תכלית וואלט געווען איך זאל מיך קענען צושלאגען צו א שטיקעל וואלד? פאס גוט אויף די דבורים ״מיין איינציגער תכלית״. אזוי וויא איצט איז שוין באו מים עד נפש, איז שוין דיא העכסטע צייט דעם רבינ׳ס דבורים זאלען מקוים ווערען. איך געה אויף דער ליציטאציע, ניט מיט ליידיגע קעשענעס, וויא דוא האסט דיך אויסגעדריקט, נאר מיט א קעשענע פול מיט דעם צדיק׳ס הבטחה.

לאנע האט ניט מעהר געפרואווט איהם אוועקצוריהרען פון זיין פינטעלע אמונה, און ר׳ איצי פיכמאן האט זיך געלאזט געהען צו פיס, מיט איין־איינציגען רובעל אין קעשענע אויף דער וואלד ליציטאציע.

אין דער שטאדט באטין האט דאמאלס געוואהנט א גביר, א גרויסער וואלד סוחר, ר׳ מענדיל רייז. ער איז געווען דער איינציגער צו מאכען אלע וואלד־געשעפטען פון דער גאנצער געגענד און קיינער האט איהם ניט געקענט קאנקורירען. קוים האט ער זיך דערוואוסט אז ס׳איז פאראנען ביי דיזר פריי־העד דערמאנטער פריצה א פעטער ביין אבצולעקען, האט ער אבגע׳שוחד׳ט דיא קלענערע וואלד־סוחרים, אזוי וויא זיין שטייגער פלעגט זיין, אז זיי זאלען ניט קומען אויף דער ליציטאציע, כדי ער זאל פערבלייבען דער איינציגער קויפער און עס איבערנעהמען מיט דיא בעסטע בעדינגונגען.

און ר׳ איצי איז זיך נעגאנגען צו פוס, מיט א לעערע קעשענע אבער מיט א הארץ פול מיט אמונה און בטחון. ער האט געזעהען ר׳ מענדיל רייז פאריבערפאהרען אין זיין שעהנע קאלעסע, אבער וואס איז דאס זיין באבענ׳ס דאגה? ״אמונה איז שטארקער און האט א גרעסערען ווערטה פון געלד״, האט ער ביי זיך געטראכט.

ר׳ מענדל, וועלכער האט איהם גאנץ גוט געקענט, האט זיך ניט אמאל אויף איהם אומגעקוקט, נאר אין א גאלאפ ווייטער געפאהרען.

פלוצלונג, טראַך!... א ראָד האָט זיך צובראָכען אין ר׳ מענדל׳ס קארעטע. ער איז פון איהר ארויסגעפאלען און צובראָכען א פוס.

מען האָט איהם באלד געמוזט צוריקפיהרען אויף א געדונגענער וואָגען אין שטאָדט אריין, און דער אָרימער ר׳ איצי איז געווען דער איינציגער ליציטאנט ביי דער פריצה.

וויא אזוי דאָס איז געשעהן איז ניט וויכטיג. א פאקט איז עס אָבער, אז ר׳ איצי האָט ביי דער פריצה נושא חן געווען. זיא האָט איהם נאָכגעגעבען דיא הויפט־בעדינגונג אז דיא קווארטאל־צאָהלונגען זאָלען שטאטפינדען ערשט צו ענדע פונ׳ם קווארטאל. זיא האָט געשיקט נאָך איהר נאָטאר, ער זאָל שרייבען דעם פערטראג אויף איהרע הוצאות.

ר׳ איצי איז דאן אהיים געפאָהרען מיט׳ן פערטראג אין קעשענע אין דער פריצה׳ס קאלעסע. ער האָט דאן געהאקט דעם וואלד צוועלף יאָהר רצופים פון וועלכען ער מיט דיא קינדער האָבען געמאכט א שעהנע מטבע.

ווען איך בין צו איהם געקומען, האָט ער שוין געהאט געהאַלטען דאָס וואלד איבער א יאהר.

יא, ס׳איז אפשר א צופיעל חדוש׳ליכע געשיכטע, זיא איז אָבער אמת ויציב.

## 44

# מעמדות

**די הויפט־הכנסה פונ׳ם רבינ׳ס הויף. — די שמחה בעת מען גיט דאָס מעמדות. — עס איז א טובה פאר׳ן גוף און פאר דער נשמה. — דער צדיק איז בחינת ״שבת״. — דאָס מעמדות האָט איהם געראטעוועט פון שאול תחתית.**

דיא הויפט הכנסה פונ׳ם סאדאגורער הויף איז בעשטאַנען פון ״מעמדות״, אדער הויף־שטייער. יעדער איינער וואס רעכענט זיך נאר פאר א סאדאגורער חסיד, האָט בעדארפט צאָהלען א געוויסען שטייער פאר דער אויסהאלטונג פון׳ם רבינ׳ס הויף. דאצו איז בעשטימט געווען א געוויסער שטייער־איינגעהמער, אדער ווי די חסידים רופען איהם א ״גובה״, וועלכער פאהרט ארום פון שטאָדט צו שטאָדט און פון ארט צו ארט, וואו ס׳זיינען נאר פאראנען סאדאגורער חסידים. צוזמען צונעהמען דאס ״מעמדות״. געוועהנליך בעזוכט אזא ״גובה״ יעדעס שטעדטעל פיער מאל אין יאהר. עס פערשטעהט זיך, אז דאצו מוז מען האבען מעהרערע ״גובים״, פון וועלכע יעדער איינער האָט זיך שוין זיין בעשטימטע געגענד.

דער דאזיגער שטייער וועלכער הויבט זיך אן ביי צוויי רובעל, אדער גולדען, א יאהר, איז בעטראכט ביי דיא חסידים וויא דיא קדושה פון ״מחצית השקל״,

וואס דיא אידען פלעגען מיטשטייערען יעהרליך צו דער הוצאה פון׳ם בית־המקדש און דאן שפּעטער, נאך׳ן חורבן, דאמיט אויסגעהאלטען דיא הוצאות הבית פון די אידישע נשיאים. דער ארימסטער חסיד, פלעגט א משכון פארזעצען און דאס געלד אקעגען געטראָגען דעם גובה מיט גרויס שמחה. אפילו אזעלכע חסידים וועלכע האָבען געהאט א יעהרליכע צדקה־יניקה פון׳ם הויף, האָבען פונדעסטוועגען גע־דארפט צאָהלען א יעהרליך מעמדות, אהן וועלכע מען קען ניט גערעכענט ווע־רען צווישען דיא שטאבילע סאדאגורער חסידים.

דער "גובה" האט געהאט א רשימה פון אלע חסידים וואס האָבען איינ־געצאהלט דאס מעמדות־געלד. ווען ער איז צוריקגעקומען קיין סאדאגורע, האט ער איבערגעגעבען דיא דאָזיגע רשימה, אין וועלכער יעדער חסיד פון דיא נותנים איז פערשריבען געווען מיט זיין מוטערס נאמען, צום רבי׳ן, וועלכער האט זי דורכגעקוקט און זיי אלע צוזאמען געגעבען א ברכה. יעדעס שטעדטיל האט דאן בעקומען פון׳ם רבי׳ן א "מטבע" אין׳ם ווערטה פון א האלבען אָדער א גאנצען רובל, אלס א קבלה פון׳ם מעמדות און א מתנה פון׳ם צדיק. דיא דאָזיגע "מטבע" פלעגט תמיד דער גובה מיטברענגען בעת ער איז געקומען דאס צווייטע מאָל אין שטעדטעל אריין פאר מעמדות. דיא מטבע איז דאן פערקויפט געווארען ביי א ליציטאציע צווישען דיא חסידים. דער פּרייז האָט אפטמאָל געשטיגען ביז פערציג אָדער פופציג רובעל און טאקע פאר דעם דאזיגען געלד, האט מען דאן געמאכט א הוליאנקע דיא עטליכע טעג וואס דער גובה האט זיך דארטען אויפ־געהאלטען און ס׳האט זיך געטהאָן אויף טיש און אויף בענק פאר גרויס שמחה.

דיא דאָזיגע גובים זיינען געוועהנליך געווען פון דיא חסידישע יחידי סגולה, מוח־מענשען, וואס זיינען געווען בקי אין אלע חסידישע ענינים און גרויסע מומחים אין ספורי מעשיות פון צדיקים. די גאנצע צייט וואָס אזא גובה איז געזעסען אין א שטעדטיל, איז אין דער סאדאגורער קלויז געווען א יום־טוב. אלעס האט פערלאָזט דיא מסחר־ענינים, פערגעסען דיא עולם־הזה עסקים, כדי זיך משמח צו זיין מיט׳ן גובה און הערען פון זיין מויל הויכע דבורים פון׳ם הייליגען צדיק און פון זיינע קינדער.

מכח דעם ענין פון מעמדות דערצעהלען דיא סאדאגורער חסידים אזא מעשה:

דעם ריזינער׳ס א גובה איז אמאָל צוריק געקומען פון זיין מעמדות־נסיעה און איבערגעגעבען דעם רבי׳ן דיא רשימה (ליסטע) פון דיא מעמדות־געבער. ביים לעזען די נעמען פון דער רשימה האט דער ריזינער בעמערקט, אז עס פעהלט אויס א נאמען פון א חסיד וואס פלעגט צאהלען א יעהרליך מעמדות דיא סומע פון פינף פּוילישע גולדען, אן ערך פון 75 קאָפּיקעס (ביים ריזינער האט מען גערעכענט צאהלען מעמדות וועניגער וויא פון צוויי רובעל א יאהר).

"פארוואס האט עפּיס דיעזער חסיד ניט געצאָהלט דאס יאהר קיין מעמדות־געלד?" — האט דער ריזינער געפרעגט דעם גובה, וועלכער איז געווען א רב אין א קליין שטעדטיל.

ער וואהנט דאס יאהר אין א דארף — האט דער גובה געענטפערט. — דיא הוצאה צו איהם עקסטרא ארויסצופאהרען, וואלט בעדארפט קאסטען מעהר

ווי א רובעל. די הוצאה וואלט דאך דעריבער גרעסער געווען פון דער הכנסה.

"רבי איתקרי והכים לא איתקרי" (א רב ביסטו טאקע, אבער ניט קיין גרוי־סער חכם). — האט דער ריזינער אויסגערופען, און אן ערנסטען טאן. — וואס? איהר ווילט ניט מאכען א הוצאה בין א רובעל פאר א מעמדות פון פינף גולדען? איך זאג אייך, אז מיין רצון איז, איהר זאלט מאכען אפילו פינף רובעל הוצאה אויף א מעמדות פון א חצי רובעל. מיר זעמיר ניט חלילה קיין מקבלים, מיר זעמיר נותנים.

אין דיא דאזיגע לעצטע דבורים זאל ליגען א זעהר טיפע כונה מכח דעם ענין פון מעמדות.

ביי א געלעגענהייט האט אמאל ר׳ נחום בער׳ניו, דער איידעם פון׳ם סאדא־גורער רבי׳ן און אן אייניקעל פון׳ם ריזינער, דעם ענין אביסעל ערקלערט :

געהאנדעלט האט זיך דאמאלס אויך פון א פעהלענדער פערזאן אויף דער מעמדות־ליסטע. מחמת דאס מעמדות פון׳ם סאדאגורער און דיא רשימה, פלעגט ער איבערנעהמען ביים גובה. אויף דער פראגע פון ר׳ נחום בער׳ניו, האט דער גובה ערקלערט, אז דער חסיד גופא איז שוין געשטארבען און זיין זוהן איז אן ארימאן וואס איז ניט בכח צו צאהלען מעמדות־געלד.

דארויף זאל ר׳ נחום בער׳ניו האבען בעמערקט מיט א שאלה: אבער אויף שבת האט ער יאקאש? זאל ער אבשפארען פיער קאפיקעס א וואך פון דער שבת־הוצאה און געבען מעמדות. דער הייליגער "זוהר" זאגט, אז דער צדיק הדור אין אין דער זעלבער בחינה ווי דער "שבת". בעת אבער מיט די הוצאות וואס ער גיט אויס אויף שבת, מאכט ער שבת נאר פאר זיך און זיין לעבעדיגע בני־בית, מאכט ער דאנענען מיט זיין מעמדות־געלד אויך א שבת פאר זיין געשטאר־בענעם פאטער.

דאפון דרינגען זיך דיא חסידים, אז דאס מעמדות טהוט ניט א טובה נאר דעם לעבעדיגען חסיד, נאר עס שיצט איהם אויך נאך זיין שטארבען אויף יענעם עולם פון אלדאס בייז. אלס א ראיה דאצו ווערט דערצעהלט, אז נאכדעם וויא דער פערשטארבענעם חסיד׳ס זוהן, הערענדיג דיא פריהער דערמאנטע דבורים פון׳ם רבינ׳ס איידעם, האט דאן איינגעצאהלט זיין מעמדות, איז צו איהם געקומען זיין פאטער אין חלום אנגעטהאן אין בגדי שבת און האט צו איהם געזאגט : "תנוח דעתך כמו שהנחת את דעתי", השם יתברך זאל דיך אזוי צופריעדען שטעלען מיט א נחת־רוח, וויא דו האסט מיך מחיה געווען.

ביי דער שמחה וואס דיא שטעדטלאך מאכען לכבוד דע׳ם גובה, ווערט על פי רוב געשמועסט מענינא דיומא, דאס הייסט, טאקע פון דעם ענין פון מעמדות גופא, וויא גרויס דאס איז און וואס פאר א טובות דאס ברענגט פאר דיא חסידים בזה ובבא, אויף דער וועלט און אויף יענער וועלט.

ביי אזא מין זיץ, האב איך אמאל נעהערט דעם יושב דערצעהלען א מענינא־דיומא מעשה פון ר׳ פינחס׳ל קאריצער, פון וועלכע ס׳איז בולט, אז דאס מין מעמדות־געלד איז ניט א נייע איינפיהרונג פון דיא ריזינער גזע, נאר דאס האט נאך עקסיסטירט אין דיא פריהעריגע דורות ביי דיא אלטע צדיקים.

דער גרויסער צדיק ר׳ פינחס׳ל קאריצער, א תלמיד מובהק פון׳ם בעל־שם ז״ל, האט געצויגענע זיין מחיה פון׳ם "מעמדות־געלד" וואס אלע זיינע חסידים האָ־בען איהם געגעבען יעהרליך. ער אליין פלעגט מאכען דיא רשימה פון׳ם מעמדות. בעשטימען דעם בעטראג וואס יעדער חסיד זאל איהם געבען, און עס איבערגעגע־בען צו צוויי פון זיינע גרעסטע תלמידים, ר׳ וואלף בעהער און ר׳ יוסף ראשקא־ווער, וועלכע פלעגען ארומפאהרען אלס "גובים" צוזאמענצונעהמען דאס מעמדות־געלד פון׳ם רבינ׳ס וועגען.

האט זיך אמאל געטראפען, אז בעת דער רבי האט דורכגעקוקט דיא אלטע רשימה, כדי צו מאכען אין איהר מאנכע אויסבעסערונגען, האט ער אויסגע־שטרייכט דעם נאמען פון א גביר וואס פלעגט איהם געבען א היבשע מטבע און אנשטאט זיין נאמען האט ער אריינגעשטעלט זיין זוהנס נאמען אבער ניט מעהר מיט אזא גרויסען סכום (בעטראג) וויא דער פאטער פלעגט געבען.

דער ענין איז ביי זיי געווען א דבר פלא. זיי האבען זיך אבער משער געווען אז אין יענעם גביר׳ס הויז איז פארגעקומען עפים נייעס, דער צדיק ווייסט מן הסתם וואס ער טהוט.

וכך הוה, קומענדיג אין דער שטאדט אריין וואו דער גביר האט געוואהנט, האבען זיי זיך תיכף דערוואוסט, אז דער גביר איז שוין געשטארבען און זיין זוהן דער יורש, פיהרט זיך שוין ניט מיט אלעמען וויא זיין פאטער אין חסידישע ענינים. דער צדיק האט דעריבער ניט געוואלט אויף איהם מכביד־עול זיין, צו ברענגען איהם צו א נסיון, דעריבער האט ער פערקלענערט דאס מעמדות.

שפעטער מיט צוויי יאהר, האט דער צדיק אויסגעשטראכען פון דער ליסטע אויך דעם זיה׳נ׳ס נאמען. האבען דיא תלמידים געמיינט, אז דער זוהן איז אויך שוין א נפטר. אבער קומענדיג אין יענעם שטעדטיל אריין, האבען זיי זיך דערוואוסט, אז לעבען לעבט ער נאך, און דוקא גאר א גוט לעבען, אבער ער איז געווארען, לא עלינו, א יוצא לתרבות רעה, אן אפיקורס, א רשע־מרושע׳ניק, אזוי אז דער צדיק האט איהם ניט מעהר בעטראכט פאר קיין לעבעדיגען (רשעים בחייהם קרואים מתים) און מיט איהם ניט געוואלט מעהר האבען קיין שום מגע־ומשא.

האט אבער דער פאטער אין קבר ניט געקענט געפינען קיין מנוחה. כל זמן זיין זוהן האט נאך געגעבען דאס מעמדות, כאטש ער האט זיך ניט געפיהרט בדרך הישר, האט ער נאך אלץ געהאט אן אחוזה (אנהאלטעניש) אין דער קדושה, אז ענין וועלכעס האט איהם דארטען, אויף׳ן עולם האמת, אויך א שטיק טובה גע־טהאן, איצט אבער נאכדעם ווי דער צדיק האט איהם גאנץ געשטראכען, איז שוין דיא גאנצע פערבינדונג מיט דער קדושה איבערגעריסען געווארען, און ער האט אויך דארטען דאפון צו ליידען.

און דעם זוהן האט זיך גע׳חלומ׳ט אז דער פאטער איז צו איהם געקומען און איהם געצוואונגען מיט איהם מיט־צוגעהן צו א הימלישען דין־תורה.

און געפיהרט האט ער איהם מיט געוואלד, ממש ביים קארק, ביז אין

א היכל פון'ם בית־דין של־מעלה. אן ווממעס שפיץ ס'איז געזעסען טאקע דער רבי ר' פינחס'ל.

און דער הימלישער סעקרעטער האט אויפגעמישט דעם ספר הזכרונות און פארגעלעזען אלע זיינע מעשים תעתועים. דאן האט דער באטער גע'טענה'ט, אז דער זוהן האט ניט קיין רעכט געהאט מיט זיין עהרליך און שווער פערהאריוועטעס געלד צו בעגעהען אזוי פיעל עברות. ער פערלאנגט דאריבער דאס דער זוהן זאל מיט איהם שוין פערבלייבען לעולם ועד.

האט דער חלומ'דיגער זוהן פערשטאנען וואס דאס מיינט און זיך געבעטען רחמים ביים יושב־ראש, מען זאל איהם לאזען לעבען און ער איז מבטיח מיט א שבועה אז ער וועט צוריק ווערען גוט און פרום.

"ער האט מיר צוויי יאהר רצופים געגעבען מעמדות. פון זיין געלד האב איך אן הנאה געהאט — האט זיך דער יושב־ראש פון'ם בית־דין, ר' פינחס'ל אנגע־רופען — קען איך איהם יעצט ניט פערלאזען אין אן עת צרה. לאזט איהם ווייטער לעבען, איך בין ערב פאר איהם אז ער וועט מקיים דבור זיין."

דארויף האט זיך דער חלומ'דיגער זוהן אויפגעכאפט פון'ם שלאף.

באותו יום, האט גראד ר' פינחס'ל מסדר געווען דיא רשימה און דעם זוהן צוריק אריינגעשטעלט מיט דעמזעלבען בעטראג וואס דער פאטער פלעגט געבען.

קומענדיג אהין, האבען זיך דיא "גובים" דערוואוסט, אז דער זוהן האט חוזר בתשובה געווען, ווערענדיג צוריק א חסיד גמור.

אט דאס איז דער כח פון'ם מעמדות.

## 45

# די מטבע

**א "מטבע" אלס א שמירה. — די גוטע אייגענשאפטען פון אזא מטבע. — א שמירה אין קבר. — דאס זאנדערבארע פערשווינדען פון מטבעות. — א מטבע פאר א כלל. — ער גיט אוועק זיין גאנץ פערמעגען פאר א זילבערנעם רובעל. — א הימלישע מטבע. — א מציאה נאך 25 יאהר.**

דער קאדאגורער רבי ז"ל פלעגט אויף'ן פערלאנג פון זיינע חסידים געבען מטבעות נאך'ן פראווען. דאס הייסט, אז וויבאלד א חסיד האט פון איהם געבע־טען א "מטבע" (און ווער האט דאס ניט געבעטען ?), האט ער במעט קיינמאל ניט אבגעזאגט.

על פי רוב, האט דער חסיד וועלכער האט געבעטען א מטבע, דערלאנגט דעם רבי'ן א זילבערנע מטבע. דער רבי האט זיא צוגענומען, געהאלטען א סעקונ־דע אין זיין האנד, ניט זאגענדיג דאביי קיין שום דבור אפילו. און זיא דאן צוריק־

געגעבען איז׳ם חסיד׳ס האנד אריין, ביי וועלכען זיא איז געווען טייער וויא אן אוצר. אזא ״מטבע״ האט געהייסען א ״שמירה״. צו דאדורך ווייל איהר בעזיצער פלעגט זי׳ אבהיטען וויא אן אויג אין קאפ זי זאל איהם ניט פערלוירען געהען, אדער מחמת ער האט געגלויבט אז דיא מטבע היט איהם אב פון אלעם בייזען, איז אלעם איינס. צו גרויסע מיוחסים האט דער רבי געגעבען זיין אייגענע מטבע פאר א שמירה. אין דין אריין, איז אבער גאר קיין חילוק ניט געווען. אבי דער רבי האט דיא מטבע געהאלטען אין דער האנד און זיא געגעבען אלס א שמירה.

אזא מטבע האט ניט געהאט קיין ווערטה פאר עמיצען אנדערש א חוץ פאר דער פערזאן צו וועלכען זיא איז געגעבען געווארען. פונדעסטוועגען האט דער בעזיצער פון אזא מטבע געקענט זיך לייהען אויף איהר ביי אן אנדערן חסיד א פיעל גרעסערן בעטראג פון וויפיעל זיא איז באמת ווערטה געווען, וויסענדיג אז יענער וועט זיא באין אופן ניט פערפאלען לאזען, ער וועט אלעם מעגליכע אנווענדען זי צוריק אויסצולייזען.

כמעט יעדער סאדאגורער חסיד האט געהאט פיעל אזעלכע מטבעות, וואס ער האט בעקומען ביי יעדער נסיעה. דיא דאזיגע ״שמירות״ זיינען ביים חסיד געווען קודש קדשים. טאמער איז ער קראנק געווארען, איז דיא ערשטע עובדא זיינע געווען צו לעגען דיא מטבעות אונטער׳ן קישען, צוליעב צוויי טעמים: ערשטענס, צוליעב דער אמונה אז דיא שמירה־מטבע איז מסוגל צו א רפואה שלמה. צווייטענס, טאמער איז טאקע נגזר געווארען מן השמים אז ער זאל, חלילה, אוועקגעהן פון דער וועלט, זאלען דיא מטבעות זיין אנגעגרייט אונטער דער האנד מען זאל זיי איהם מיטגעבען אין קבר אריין אלס א שמירה פאר׳ן מלאך דומה און אנדערע פגעים רעים. דעם דאזיגען פערלאנג האט דער חסיד לחלוטין נאר ניט בעדארפט אנזאגען אין דער צואה. מחמת ס׳איז שוין אן אנגענומענער מנהג ביי אלע סאדאגורער חסידים, אז מען גיט מיט דעם בר־מנן אלע זיינע ״מטבעות״ אין קבר אריין.

אזא בייטעלע פול מיט קליינע מטבעות האב איך מיר אויך אנגעזאמעלט דורך דער צייט וואס איך בין געפאהרען קיין סאדאגורע און זיי האבען אויך, וויא חסידים האבען מיר פערזיכערט, געטהאן זייערע פעולה און מיר געבראכט א ישועה.

דאס איז געווען אים זומער תרמ״ג, איך בין דאמאלס געווען אין באריסלאוו, א מלמד ביי א גביר ליב קאפעל. אגב, קען מען זעהן, אז ס׳איז באלד אין מיר מקוים געווארען דעם רבינ׳ס דבורים. לויט משה בונם האט מיר זיי מפורש געווען. און געווען בין איך דארט אהן מיין בני־בית. דער שמערץ פון׳ם רבינ׳ס פטירה, כאטש איך בין לגמרי גאר ניט געווען פון די גאר הייסע חסידים, האט מיך איבערוועלטיגט מורא׳דיג, און איך בין קראנק געווארען אויף א טיפוס־קראנקהייט. מיין קראנקען־וועכטער איז געווען מיין אייגענער פאטער, וועלכער איז דאמאלס אויך געווען אין באריסלאוו אליין אהן דעם בני־בית. אזוי וויא מיין פאטער איז גאר געווען א סאנזער חסיד, וואו מען ווייסט לחלוטין גאר ניט דעם דין פון ״מטבעות״, האב איך איהם געהייסען לעגען מיין ליינווענטענע בייטעלע מיט מטבעות אונטער

דעם קישען און איהם אנגעזאגט אז באם חלילה וחס, דיא שעה זאָל ניט זיין, איך וועל שטארבען, זאָל ער מיר דיזע "שמירות" מיטגעבען אין קבר אריין.

וויא מען קען פערשטעהען בין איך דאמאלס גראד ניט געשטארבען. אבער א פלא איז געשעהען. דיא מטבעות זיינען פון אונטערן קישען פערשוואונדען געווארען, וויא א שטיין אין וואסער אריין. ביז דעם הייגטיגען טאג איז מיר דער ענין א רעטזעל. ווער האָט זיך דאָס געלאקעמעט צו צו׳לקח׳נען דאָס בייטעלע מיט אלטע קליינע מטבעות ? !

אלטע חסידים האָבען מיר דאמאלס געזאגט, אז דיא שמירה־מטבעות האָבען שוין אזא טבע. קוים האָבען זיי אבגעטהאָן זייער שליחות און געבראכט א ישועה, ווערען זיי פלוצים פערשווינדען.

כמעט יעדער חסיד ווייסט צו דערצעהלען מאנכע פלאים פון פאסירונגען מיט מטבעות. האט מיר אמאל ר׳ איטצי שוחט פון באריסלאוו, א הייסער סאדאגורער חסיד, דערצעהלט אזא מין מעשה :

זיינס א בעקאנטער, א חסיד, איז אמאל זעהר שווער קראנק געווארען. דיא דאָקטוירים האָבען איהם שוין געהאט גאנץ מיאש געווען. אונטערן קישען איז געלעגען א סכום מטבעות איינגענעהט אין א בייטעלע. אין מיטען דער נאכט, ווען דיא סכנה איז שוין אזוי גרויס געווען, אז מ׳האָט געמיינט דאָס אט, אט לעשט ער אוים, איז דער חולה אנדרימעלט געווארען. און גע׳חלום׳ט האָט זיך איהם, ער איז אין סאדאגורע און פראזוועט זיך ביים רבי׳ן. האט איהם דער צדיק נעפרעגט אויב ער האָט ביי זיך אלע מטבעות און זיך זיי געהייסען ווייזען. האט ער ארויסגענומען דאס זעקעל מטבעות און עס דערלאנגט דעם רבי׳ן.

דער רבי האָט עס דאן אויפגעפענט, אויסגעשיט דיא מטבעות אויף׳ן טיש, פון זיי אויסגעקליבען איין מטבע. דאָס איז געווען גראד יענע מטבע וואס דער צדיק האט איהם געגעבען בעת ער איז געווען דאָס גאנץ ערשטע מאָל אין סאדאגורע. דאן האָט ער צו איהם געזאגט : "דיא דאזיגע מטבע מוזט דוא מיר צוריקגעבען. ביים געבען א מטבע, קען מען אמאל בעווייזען גבורות, ביים צוריקנעהמען דיא מטבע — טאקע נפלאות".

ביי דיא דאזיגע ווערטער האָט זיך דער חולה אויפגעכאפט, ער האָט דערפיהלט אז ער איז געווארען א פרישער מענש. האָט ער געבעטען דיא קינדער מען זאָל אפיר נעהמען דאָס בייטעלע פון אונטערן קישען, עס אויפפעפענען און איהם ווייזען דיא מטבעות. וויא ערשטוינט איז ער געווארען, דערזעהענדיג אז פונקט יענע מטבע וואס ער האָט געהאט בעקומען פון׳ם רבי׳ן ביי זיין ערשטע נסיעה, איז ניט מעהר פאראנען צווישען דיא מטבעות. פאררדאס איז ער טאקע באלד געזונד געווארען.

שפעטער מיט א צייט, בעת ער איז געווען ביים רבין אין סאדאגורע און איהם דערצעהלט דעם חלום און וואס ס׳האט דאן פאסירט, האָט דער צדיק א קליינעם, קוים מערקבארען שמייכעל געגעבען, זאגענדיג : "מילא, וואס א חלום איז אלץ אימשטאנד". מעהר האָט ער קיין דבור ניט געזאגט.

און איך בין איבערצייגט מיט מיין גאנצער נשמה — האט ר׳ איטשי שוחט געזאגט, בעת ער האָט געענדיגט דעם דאזיגען ספור המעשה — אז דיא דאזיגע

מטבע וועלכע איז איהם געגעבען געווארען מיט פיעל יאהרען פריהער, איז פון לכתחלה אן געגעבען געווארען נאר פאר דעם דאזיגען צוועק. קוים האט דיא מטבע דערפילט איהר שליחות, האט זיא זיך דער רבי צוריקגענומען.

וויא ס׳זאל ניט זיין די מעשה מיט׳ן חלום פון ר׳ איטצי שוחט׳ס בעקאנטען, איז אמאל קיין ספק ניט, אז דער גרויסער כח פון אמונה וואס דער אמת׳ער חסיד האט אין דעם רבינ׳ס מטבע, וועלכע ליעגט איהם צוקאפענס אונטערן קישען, אז דער דאזיגער כח העלפט פיעל, זעהר פיעל, צו בעזיגען דיא שווערע קראנקהייט. אט א פנים ביי א דאקטאר, אפילו ביים בעסטען, העלפט דען ניט פיעל מעהר דעם חולה׳ס פארטרויען צום דאקטאר וויא זיינע מעדיצינען ?

א בעזאנדערס וואונדערליכע מעשה וועגען א פערשוואונדענע מטבע, האב איך אמאל געהערט דערצעהלען פון אלטע חסידים ביי א הילולא־זיין פונ׳ם וויזשניצער רבין ר׳ מענדעלי, וועלכער איז געוועזן אן איידעם פונ׳ם ריזינער רבי׳ן ר׳ ישראלטשי ז״ל. א מעשה, וועלכע איז ווערטה כ׳זאל זי דא נאכדערצעהלען.

מרים׳ניו, די טאכטער פונ׳ם ריזינער און דאס ווייב פון ר׳ מענדעלי וויזניצער, האט זיך זעהר געשראקען איידער זי האט געדארפט בריינגען אויף דער וועלט איהר ערשטעס קינד, דער שפעטערער רבי ר׳ ברוך׳ל וויזניצער.

איז זי אריינגעגאנגען צום פאטער, דעם ריזינער, און איהם געבעטען, ער זאל איהר געבען א מטבע פאר א שמירה פון אלעם שלעכטען, גאט זאל שומר ומציל זיין.

האט איהר דער ריזינער דאמאלס געגעבען א מטבע, וועלכע זי האט איינגענעהט אין א זייד׳ען בייטעלע און עס אויפגעהאנגען אויפ׳ן האלז פאר א שמירה.

נאכדעם ווי דער ריזינער איז נסתלק געווארען, האט זי צופעליג א טאפ געטהאן דאס בייטעלע אויפ׳ן האלז און דערפיהלט אז ס׳איז גאר ליידיג, ס׳איז אינעווייניג גאר ניטא.

האט זי דערפון געהאט גרויס עגמת־נפש. אבער אזוי ווי ס׳איז צווישען חסידים א בעקאנטע אמונה, אז די מטבעות וואס דער צדיק גיט פאר א שמירה פערשווינדען צוליעב פערבארגענע אורזאכען, האט זי זיך געטראכט: ״אויב כ׳בין ניט ווערטה צו טראגען די מטבע וואס מיין הייליגער פאטער האט מיר נעגעבען, טא לאמיך כאטש ווייטער טראגען דאס בייטעלע אין וועלכען זיין שמירה, די מטבע, איז אמאל געלעגען״. זי האט 25 יאהר דורכאנאנד געטראגען, אויפגעהאנגען אויפ׳ן האלז, דאס לעערע בייטעלע, א זאך וואס יעדער איינער, דער מאן, דער וויזניצער רבי און אלע קינדער זייערע, האבען עס געוואוסט.

א יאהר איידער זי איז געשטארבען איז זי שווער קראנק געווארען און די דאקטוירים האבען בעהויפטעט אז זי מוז האבען אן אפעראציע. מען איז מיט איהר אוועקגעפאהרען קיין וויען צו די גרויסע פראפעסארען, מען זאל איהר דארטען מאכען די אפעראציאן. זי האט זיך אבער אויסגערעדט, אז דאס בייטעלע זאל מען ניט אראפנעהמען פון איהר קערפער בשעת אפעראציע.

בשעת מען האט אנגעהויבען איהר איינצוגעבען דאס שלאף־געטראנק (נארקאזע), האט זי אין אן אויפגערעגטען צושטאנד אנגעכאפט דאס ביי איהר אזוי הייליגע בייטעלע, אויסשרייענדיג: ״אי, טאטעניו, הייליגער, וואו ביזטו?״ און

בשעת מעשה האט זי, צו איהר גרויס ערשטוינונג, דערפיהלט אז די מטבע געפינט זיך ווידער אינעווייניג אין בייטעלע.

זי האט אבער ניט לאנג געלעבט נאך יענער אפעראציע. נאכדעם וויא זי איז געשטארבען, האט דער וויזניצער רבי ר׳ מענדעלי געעפענט דאס בייטעלע, דערפון ארויסגענומען די אין איהר געפונענע מטבע און זי געוויזען זיינע קינדער, זאגענדיג: ״זעהט, אט דאס איז א מטבע מן השמים (א הימלישע מטבע)״.

חסידים וועלכע האבען געהאט פיעל מטבעות, פלעגען לאזען פון זיי גיסען א קידוש־בעכער אדער א חנוכה־לעמפעל. עס פערשטעהט זיך, אז זיי האבען אבער תמיד זיך איבערגעלאזט עטליכע מטבעות, זיי מיטצוגעבען אין קבר אריין.

דיא דאזיגע שמירות אדער מטבעות, האבען אויך געקענט געגעבען ווערען שלא בפניו, אונטער דיא אויגען. א פאטער האט געקענט נעהמען א מטבע פאר זיינעם א קינד און א מאן פאר זיין פרוי. אויך האט איין חסיד געקענט בעטען ביים רבי׳ן א מטבע פאר אן אנדערען חסיד וועלכער איז גאר פערבליבען אין דערהיים און האט נאר מיטגעגעבען א קוויטעל צום צדיק מיט א פדיון.

עס איז אבער פאראנען געווען אן אנדער מין ״מטבע״, אין וועלכער ס׳האט געזאלט האבען געשטעקט א סגולה צו ברייגנען א ישועה, ניט נאר צו א בעשטימטע פערזאן, נאר פאר יעדען וואס בעזיצט זי. אזא ״מטבע״ איז געגעבען געווארען פון׳ם רבי׳ן, ביי א וויכטיגער געלעגענהייט, ניט צו א יחיד, נאר צו א רבים, צו א כלל. אזא מטבע איז געוועהנליך פערקויפט געווארען צווישען דיא חסידים פון יענעם כלל, פער ליציטאציע. דאס געלד איז געגאנגען אויף א סעודת מרעים און אויף משקה. וויפיעל א קויפער האט ניט געזאלט בעצאהלען פאר אזא מטבע, האט ער אלץ געקויפט און איינגעהאנדעלט א מציאה, אן אמת׳ע כשר׳ע מציאה. ווארים וויא לאזט זיך דען אבשאצען דער ווערט פון אזא חשוב׳ע און טייערע זאך אין וועלכער ס׳איז דבוק און קלעפט דעם רבינ׳ס ברכה ?

וויא גרויס ס׳איז דיא אמונה פון חסידים צום רבינ׳ס א מטבע, קען בעווייזען דיא דאזיגע עפיזאדע.

דאס איז געווען אים זומער תרמ״ב, בעת איך בין געווען אין רזשאווניץ, בעסאראביען, ביי ר׳ איטצי פיכמאן. יענעם זומער, איז דער רבי ר׳ אברהם יעקב׳ניו פון סאדאגורע געפעהרליך קראנק געווארען, אזוי אז דיא דאקטוירים האבען איהם שוין געהאט מיאש געווען. האט אבער השם־יתברך זיך מרחם געווען אויף זיינע טויזענדער חסידים און איהם געשיקט, למעלה מדרך הטבע, א רפואה מן השמים.

נאכדעם וויא דער צדיק איז ווידער גאנץ געזונד געווארען, האט מען איז אלע שטעדט וואו ס׳האבען זיך נאר געפונען סאדאגורער חסידים, געפראוועט ״סעודות־הודאה״ בתפים ובמחולות, מען האט געגעסען און געטרונקען, געזונגען און געטאנצט, און זיך משמח געווען וויא ווייט דאס צייג האט געהאלטען.

כדי צו מאכען דיא רזשאווניצער חסידים אן איבערראשונג, האב איך, מיט דער ידיעה פון מיינס א פריינד, א פייערינגער חסיד, ר׳ חיים שלמה האט ער געהייסען, אנגעשריבען א מליצה׳דיגען בריעף צום רבי׳ן. מיט דעם לסדר ״למען

יאריך ימים על ממלכתו הוא ובניו בקרב כל ישראל" (א פסוק פון יענער וואכע־דיגער סדרה), אז היות אזוי וויא מיר, דיא חסידים פון רזשאוויניץ, מאכען אויף א סעודת־הוראה, בעטען מיר, מיט גרויס הכנעה און רעספּעקט, אז דער הייליגער רבי זאל אזוי גוט זיין און אונז ארייגשיקען א מטבע לכבוד דעם גרויסען טאג פון אונזער גרויסער שמחה. דער בריעף איז געשיקט געווארען מיט א שליח מיוחד, איבער דער גנב׳ישער גרעניץ. מיר האבען איהם דאפיר געגעבען שליחות־געלד דריי רובעל.

און וויא גרויס איז דאן געווען אונזער שמחה, בעת איך האב ערהאלטען א תשובה פונ׳ם רבינ׳ס לייב־מקורב, ר׳ הירש ליב ביליג, מיט א מטבע — א גאנ־צען זילבערנעם רובעל. באלד איז דער גאנצער ישוב פול געווען מיט דער אי־בערראשענדער בשורה און עס האט זיך געקאכט און געטומעלט אויף קעסעל און אויף כלים. דיא מטבע איז דאן פערקויפט געווארען צו א חסיד, ר׳ אליה האט ער געהייסען. פאר 25 רובעל. פאר וועלכען מען האט געקויפט משקה און געבא־ליעוועט דריי טעג רצופים. יענע שמחה וועל איך אין מיין לעבען ניט פערגעסען.

ביי יענער סעודה, האט מיר אן אלטער מלמד, ר׳ אברהם לעמבערגער, דער־צעהלט מכח א מטבע דיזע מעשה:

"פאר עטליכע יאהר האט אונז דער רבי זאל לעבען אויף געשיקט א מטבע, מען האט זיא אנגעהויבען ליציטירען און ס׳האט שוין געהאלטען ביי 25 רובעל. פלוצים האט זיך אויפגעשטעלט אשר באדנער, אן ארימער בעל־מלאכה, וועלכער איז אויך געזעסען צווישען דער חבריא, און געזאגט צום עולם בזה הלשון:

רבותי, איהר האט שוין ביי פערשיעדענע געלעגענהייטען געהאט דיא זכיה אבצוקויפען דעם רבינ׳ס מטבעות, בעת איך, אן ארימער באדנער, קען מיך קיינ־מאל ניט צושלאגען צו קויפען דעם רבינ׳ס א מטבע מחמת איך האב ניט דיא נעניגענדע מזומנים דאצו. אבער מיין הארץ ברענט פאר חשק וויא א פייער. עס ווילט זיך מיר דוקא קויפען אט די דאזיגע מטבע "ואין כסף לאדון זה", כ׳האב אפילו ניט א מזומנ׳דיגען רובעל ביי דער נשמה. ובכן, בין איך געפאלען אויף א המצאה. וויא איהר ווייסט, האב איך מיין אייגענם א מעלקענדיגע קוה, וועלכע האט מיך געקאסט 30 רובעל. דיא דאזיגע קוה, וועלכע איז מיין גאנץ ביסעל ארימקייט, גיב איך אייך פאר דער דאזיגער מטבע. האט אויף מיר רחמנות און לאזט מיר איצט צו דעם מקח.

דיא גאנצע חברה האט מסכים געווען, און מיט אן אויסגעשריי פון "זכה לו", איז אשר באדנער געווארען אין א שעה מוצלחת דער אייגענטימער פון דער מטבע.

באלד האט מען געשיקט א דעפּוטאציע צו ברענגען דיא קוה ביז אינ׳ם הויף פון דער קלויז, וואו ס׳האט געזאלט ווערען אבגעהאלטען דיא שמחה. מיט גרויס פאראד איז דיא קוה געפיהרט געווארען, אין בעגלייטונג פון אלע אידישע ווייסע־חברה׳ניקעס פונ׳ם שטעדטיל, ביז פאר דיא קלויז. דא האט זיך אנגעהויבען א פרישע ליציטאציע אויף דער קוה גופא. זיא איז פערקויפט געווארען פאר דעם פרייז פון 27 רובעל, פאר וועלכע געלד ס׳איז דאן געווען א ששון ושמחה ביז אום זיבעטען הימעל."

אזא מין שטארקע אמונה קען מען געפינען נור אויסשליסליך ביי די סאדאגורער חסידים.

## 46

# דרשה־געשאנק

א שטענדיגע ״זכר לחתונה״. — דער צדיק קויפט אָב זיין אייגענע ״מטבע״. — דער פרטות׳דיגער ״איך״ און דער כללות׳דיגער ״איך״. — דער כח פון צדיק ווי א ״פריזמא״. — דעם צדיק׳ס עשירות געהערט צום כלל. — די פאלשע חתונה. — ששון ושמחה אין די קלויזען.

יעדער חסיד פון סאדאגורע האט תמיד ערהאלטען פונ׳ם רבי׳ן דרשה־געשאנק, ווען ער האט חתונה געמאכט א זוהן אדער א טאכטער. א געוועהנליכער חסיד, ניט קיין מפורסם, פלעגט בעקומען פונ׳ם רבי׳ן א זילבערנעם רובעל. א מיוחס אדער א גביר דאגעגען — א גאלדען רענדעל. דאס דאזיגע דרשה־געשאנק איז, פערשטעהט זיך, ניט אבגעשאצט געווארען לויט דעם געלד־ווערטה. עס איז בעטראכט געווארען פאר א ״שמירה״ צו הצלחה. דאס פאר־פאלק פלעגט די דאזיגע מטבע אבהיטען ווי אן אויג אין קאפ, זיך ממש אין איהר שפיגלען, גלויבענדיג, אז זי וועט ברייגנען אין הויז אריין ברכה און הצלחה. מען האט די דאזיגע מטבע ניט אויסגעביטען אפילו אין דער נרעסטער נויט. זי איז פערבליבען אויף תמיד א זכר לחתונה.

דער ראש החברה פון די טשארטקאווער יושבים, ר׳ אפרים אסטילער, האט אמאל דערצעהלט, אז אין א ג׳ חשון, די יאהרצייט פונ׳ם ריזינער ז״ל, האט דער טשארטקאווער רבי געגעבען זיינע חסידים א מטבע אויף משקה. פארגאכט, ווען דער רבי איז געקומען אין קלויז אריין דאוונען מנחה, האט ער געפרעגט ר׳ אפרים׳ן אויב די מטבע איז שוין פערקויפט געווארען פער ליציטאציע, ווי דער מנהג איז.

״זי איז נאך לעת־עתה ניט פערקויפט געווארען״ — האט איהם דער ראש החברה געענטפערט.

— פאר וואס פאר א פרייז, למשל, ווערט געוועהנליך אזא מטבע פערקויפט? — האט דער רבי געפרעגט דעם ראש החברה ר׳ אפרים.

״פאר א יאהרען איז זי פערקויפט געווארען פאר צעהן רובעל״ — האט ר׳ אפרים געענטפערט.

— פאר דעם געלד איז זי דאך ווערטה פאר מיר אליין — האט צו איהם דער רבי געזאגט. ער האט געהייסען זיך צוריקגעבען די מטבע און בעפוילען דעם גבאי אויסצוצאהלען די צעהן רובעל.

דעם גאנצען עולם איז דער ענין געווען א גרויס חידוש. סטייטש, דער צדיק

אליין זאָל צוריק אָבקויפען זיינ׳ס אַ מטבע. וואו שטעקט דאָ עפּעס דער שכל?
נאַרישע חסידים! זיי, מיט זייערע קליינע מוחות, האָבען געוואָלט פאַר־שטעהן און משיג זיין די טיעפע כונה פון׳ם צדיק׳ס אַן עובדא.
האָט דאָס אָבער ר׳ נחום בער׳ניו ז״ל, דעם סאַראַגורער רבינ׳ס איידעם, צו פאַרשטעהן געגעבען אויף אַזאַ אופן:
אַן אמת׳ער צדיק האָט אמונת־צדיקים טאַקע אין זיך אליין, אין זיין הימ־לישען כח צו ברייינגען ישועות. אָהן אַזאַ אמונה, קען דער צדיק לחלוטין ניט משפיע זיין ישועות אויף אידען. די דאָזיגע אמונה אין זיך אליין איז אַ פועל־יוצא (רעזולטאַט) פון אָט דער דאָזיגער הנחה (גרונד־באַזיס):
דער אמת׳ער צדיק שרייבט קיינמאָל ניט צו זיין גרויסען הימלישען כח און זיין גבורה משפיע צו זיין ישועות, אויף זיין אייגענעם חשבון פון זיין ״איך״, נאָר אויף דעם חשבון פונ׳ם ״כלל״, פון זיינע מאַסען חסידים. ער, דער צדיק, בעטראַכט זיך נאָר פאַר אַ מרכז, מיטעלפונקט, אַ מין פּריזמאַ, וואו די ליכט־שטראַהלען וואָס שיינען אַרויס פון אַלע זיינע חסידים קומען זיך צוזאַמען, בילדענדיג דאַדורך אַ גרויס, שעהן, פיעלפאַרביגעס ליכט, וועלכעס שיינט דאַן צוריק אין די חסידים׳ס הערצער, מיט טויזענדפאַך מעהר פּראַכט און מעהר גלאַנץ. אינ׳ם לשון פון די חסידים הייסט אַזאַ ליכט ״אור חוזר״.
דער כח און די איינגענשאַפט פונ׳ם צדיק אליין, בעשטעהט אין דעם וואָס ער איז אימשטאַנד צו לייטערען דעם קבוץ פון די ניצוצות של אור (די מענגע פון די ליכט־פונקען), צו פאַרשטאַרקערען און פאַרשעהנערען זייער ליכט, ווי אַ מענטעל צו אַ געז־פלאַם, להבדיל.
נמצא, אַז וואָס מעהר עניוות דער צדיק בעזיצט, אַלץ מעהר שרייבט ער צו זיין כח און זיינע וואונדערבאַרע פעולות (האַנדלונגען) רק אויפ׳ן חשבון פונ׳ם כלל, ניט אויפ׳ן חשבון פון זיין אייגענער פערזענליכקייט אַלס אַן אדם פרטי, אַ פּריוואַט־מענש.
ביי אַזאַ מדרגה, איז לייכט מעגליך אַז דער צדיק אַלס אַן אדם פרטי, אַלס אַ פּריוואַט מענש, זאָל אין זיך אליין האָבען אמונת־צדיקים, ניט אין זיין פּערזענ־ליכען ״איך״ נאָר אין יענעם ״איך״ וועלכער איז דער מרכז, דער צענטער, דער מיטעלפונקט פון די חסידים׳ס כח.
דאָס איז די סבה וואָס דער טשאַרטקאָווער צדיק האָט אָבגעקויפט זיין איי־גענע ״מטבע״, אַן עובדא אין וועלכער ס׳האָט געשטעקט דאָס גרעסטע עניוות, כלומר, דאַמיט האָט ער געוואָלט זאָגען, דאָס דער כח פון דיעזער מטבע קומט ניט פון מיין פרטית, דורך מיין אינדיווידואַליטעט, נאָר דורך און צוליעב דער השפעה פון אַנדערע גאָר, פונ׳ם כלל חסידים. ובכן, בין איך, אַלס אדם פרטי, אַזוי בערעכטיגט צו קויפען די מטבע, האָבענדיג אין איהר אמונה צוליעב דעם כח פונ׳ם כלל, פּונקט ווי יעדער אַנדערער חסיד.
דאָס האָט אויך געמיינט דער רבי ר׳ הירש מיט זיין דבור, אַז ״חסידים מאַ־כען אַ רבי׳ן, ניט דער רבי מאַכט חסידים״.
אַ וואַזשנע ״מטבע״ פלעגען די חסידים בעקומען פאַר געבען דעם רבי׳ן דרשה־געשאַנק, ווען ער האָט חתונה געמאַכט אַ קינד אָדער אַן אייניקעל. אַ האַלב יאָהר פאַר דעם זמן החתונה, פלעגען אַרויספאָהרען משולחים פונ׳ם רבינ׳ס הויף

אין אלע מקומות וואו ס׳איז נאר געווען א קבוץ פון ״אנשי שלומנו״, סאדאגורער חסידים. די דאזיגע משולחים זיינען געווען בעקאנטע און אנגעזעהענע חסידים, און וואו זיי זיינען געקומען, האט מען געמאכט א יום טוב פון זייער כבוד וועגן און זיי דאן געגעבן, יעדער איינער איבער׳ן כח, דרשה־געשאנק פונ׳ם רבינ׳ס וועגן. משכנות פלעגט מען פערזעצען, דאס לעצטע האט מען פון זיך אוועקגעגעבן ברצון טוב, אבי צו האבן א חלק אין דער הויפ׳ס־חתונה. דאס דרשה־געשאנק האט ניט געהערט דעם פאר־פאלק וואס האט בעדארפט חתונה האבן, נאר עס איז געגאנגען אויף הוצאות־החתונה.

סאדאגורער חסידים האבן זיך קיינמאל ניט געפרעגט, אויב דער צדיק בענויטיגט זיך טאקע באמת אין זייער הילף אויף הוצאות החתונה. אפילו ווען דער צדיק זאל האבן א בארעס פערמעגען, גענוגענדע מזומנים פאר אלע הוצאות החתונה, פלעגען זיי זאגען, טאר ער יענעס געלד ניט פערנוצען, ווייל עס געהערט ניט צו איהם נאר צום כלל ישראל. דאמיט האבן זיי געמיינט, אז דאס כסף מזומן וואס געפינט זיך ביים צדיק אין הויף, איז א סגולה אז ביי אידיין זאל זיין רחבה און גדולה, ווייל דער צדיק איז דער תמצית פון די חסידים, וויבאלד ער פיהרט זיך ארים און בדחקות, לעבט זיך דער כלל ישראל אויך אויף א קבצנישען אופן. וויבאלד דער מוח גיט ניט צו די אברים די נויטיגע השפעה צום ענטוויקלען זיך, בלייבען זיי אבגעשטאנען און אבגעלעבט. דעריבער מוז זיך ביים צדיק אין הויז תמיד געפינען עשירות, וואס מעהר איז אלץ בעסער. דאס איז אויך דער סוד פונ׳ם כהן גדול׳ס עשירות, פון וועלכען די גמרא זאגט: ״גדלהו משל אחיו״, אז די אידען האבן איהם געמוזט געבען רייכע מתנות, כדי זיין הויז זאל זיין רייך אין כבוד, אין רחבה און אין גדולה, וועט דאס גורם זיין א השפעה פון כל טוב פאר׳ן כלל ישראל.

האב איך מכח דיעזען ענין אמאל געהערט פון ר׳ איצי טויסטער׳ס מויל נאכדערצעהלען א קורצען דבור פונ׳ם ריזינער ז״ל:

בעת מען האט איהם גענומען תפוס קיין קיוב פאר א פאלש בלבול, האט מען, פערשטעהט זיך, בעדארפט האבען פיעל געלד צוליעב פערשטענדליכע אורזאכען. האט זיך דאמאלס ביים צדיק אין הויף געפונען מזומנים אין א סכום פון דרייסיג טויזענד רובעל. אבער דער צדיק האט געגעבען א בפירוש׳דיגע פקודה, אז דאס נויטיגע געלד זאל מען צוזאמעננעהמען ביי זיינע רייכע חסידים, ניט צו בעריהרען, מיט א פרוטה אפילו, דאס בארע עשירות וואס ליענט אין דער קאסע, בעהויפטענדיג:

״ווי אזוי קען דער כלל ישראל איבערנעכטיגען אפילו איין איינציגע נאכט אהן כסף מזומן?״

---

שמע מינה, פון דאניט איז בפירוש געדרונגען, אז דאס געלד איז נאר געלעגען לטובת דעם כלל, כדי דאדורך משפיע צו זיין פרנסה צו זיינע חסידים. דעריבער האבען זיי, די חסידים, טאקע קיינמאל ניט געפרעגט זיך קיין שאלות, נאר געגעבען ווען מען האט בעדארפט און פערלאנגט, מיט שמחה און מיט אן אפענער האנד, בעזונדערס נאך צו א חתונה וועלכע האט בעדארפט אבקאסטען א הון רב, איבער הונדערט טויזענד רובעל.

שפעטער, נאכדעם ווי די משולחים זיינען צוריקגעקומען און איבערגעגע־

בעז אין הויף די געזאמעלטע דרשה־געשאנק, האט דער רבי געלאזט צושיקען אין יעדען שטעדטעל אריין, אלס א מתן־שכר, א וואזשנע מטבע, וועלכע פלעגט תמיד פערקויפט ווערען פאר א הויכען פרייז, כדי צו האבען משקה לרוב אויף דער חתונה וועלכע האט בעדארפט געפייערט ווערען אין יעדען שטעדטעל בעזונדער.

די חסידים וואס זיינען נאר געווען עפעס ביכולת, האבען געטהאן אלצדינג וואס זיי האבען נאר געקענט, אבי צו זיין אין דער לאנגע זיך צו בעטהייליגען אויף דעם צדיק׳ס גרויסע שמחה טאקע פנים אל פנים. די יעניגע חסידים אבער וואס צוליעב פערשיעדענע סבות איז זיי לחלוטין אונמעגליך געווען צו פאהרען אויף דער חתונה, האבען געמאכט א חתונה אין דערזעלבער נאכט וואס די אמת׳ע חתונה איז נעפייערט געווארען אינ׳ם רבינ׳ס הויף, טאקע ביי זיך אין קלויז, און טאקע א חתונה מיט כל המפורשים, מיט עסען און טרינקען, זינגען און טאנצען, און אפטמאל מיט כלי־זמר און חתן־כלה אויך.

א יונגער חסיד פלעגט זיך פערשטעלען פאר א כלה, דער צווייטער פאר א חתן, און אויף א פרעהליך הלצה׳דיגען אופן אבגעהאלטען אלע חתונה צערע־מאניעס. די פערשטעלטע חתן־כלה האבען געפיהרט דעם טיש, און ארום טיש זיינען געזעסען די מחותנים, אלע חסידים, אנגעטהאן אין בגדי שבת, און געפרא־וועט א פרעהליכע סעודה מיט משתה ושמחה. ס׳האט אויך ניט געפעהלט א ברחן וואס זאל דעם עולם משמח זיין מיט גראמען און פערשיעדענע הלצות.

די דאזיגע פאלשע חתונה האט איינגעבראכט פאר דעם נייעם פאר־פאלק פונ׳ם הויף א היבש פאר שעהנע מתנות פון א בעדייטענדען ווערטה. מחמת די גאנצע הכנסה פון אזא חתונה איז פערברויכט געווארען צו קויפען א שעהנע מתנה פאר די רבי׳שע חתן־כלה.

די הכנסה איז בעשטאנען פון די מצוה־טענצלעך און פון דעם דרשה־גע־שאנק.

אלע חסידים וואס האבען זיך בעטהייליגט אין דער קלויז אויף דער נאכ־געמאכטער חתונה, האבען געמוזט כאפען א מצוה־טענצעל מיט דער פערשטעל־טער כלה און דערפאר בעצאהלען א היבשע מטבע, וועלכע האט זיך גערופען "שבת־געלד". דאס געלד האט צוגענומען דער הויפט־מחותן, דאס איז געווען דער קאסירער פון דער הכנסה און דער הויפטמאכער פון דער חתונה.

שפעטער האט מען אויך, ווי אויף א רעכטע חתונה, אויסגערופען דרשה־געשאנק פון חתנ׳ס צד און פון כלה׳ס צד. ווייסענדיג אז דאס געלד געהט פאר מתנות צום נייעם פאר־פאלק פונ׳ם הויף, האט יעדער איינער געגעבען דאס דרשה־געשאנק מיט א ברייטער האנד און מיט א פרעהליך הארץ. פאר אט דיעזע גאנצע הכנסה, האט דאן דער קאסירער איינגעקויפט א שעהנע מתנה פון געלד אדער פון זילבער און זי אוועקגעשיקט צום פריש פערהייראטעטען פאר־פאלק.

אין מאנכע מקומות פלעגען די חסידים פראווען, פונקט ווי אין הויף, טאקע גאנצע "שבעת ימי המשתה", יעדען טאג א פרישע סעודה. משקה האט, ברוך השם, קיינמאל ניט געפעהלט. מען האט אבגעהאלטען אמת׳דיגע חסידישע "זיי־צען", מיט ספורים פון צדיקים, עובדות און מעשים, ווי אויך דברי־תורה, כאפען אלע מאל א רקידה׳לע און דאביי נעפיהלט דעם רעכטען טעם גן־עדן.

## 47

# די הויף־חתונה

**די הכנות אין הויף. — חסידים מארבע פנות העולם. — די שנאָרערס־סעודה. — מען האָפט אויף די גאולה שלמה. — ניט תמיד ווייזט מען ארויס דאָס "רבי׳שקייט". — דער חתן־כלה טאנץ. — נפלאות פון דער חופה. — דער חלום ווערט מקוים. — דאָס מויל איז פיעל הייליגער פון די הענט.**

ווער ס׳האָט זיך ניט צוגעזעהן א חתונה־שמחה אין סאדאגורער הויף, האט אין זיין לעבען ניט געזעהן אן אמת׳ע הארציגע אידישע שמחה, און האט ניט קיין בעגריף וואס מען מיינט גוט אידישע מלוכה און חסידישע רחבה.

זייט א צייט קאָכט זיך יום ולילה אינ׳ם רבינ׳ס הויף וויא אין א קעסעל. דיא בעסטע שניידערס פון טשערנאוויץ זיצען אין הויף און זיינען עוסק אין נעהען דיא בעסטע און טייערסטע סאמעטענע און זיידענע חתונה מלבושים פאר דער כלה און פאר דיא מחותנים. דיא בעריהמטעסטע קעכינס און בעקעריגס זיינען בעשעפטיגט כסדר אין אנגרייטען פערשיעדענע מאכלים, איינגעמאכצעו און געבעקטס פאר דיא צעהנדליגע טויזענדער אורחים, צווישען וועלכע ס׳וועלען זיך געפינען דיא גרעסטע צדיקים פון דער משפחה, דיא גרעסטע חסידיש־גבירישע קאפיציטעטען וויא אויך דיא גאנצע "האָטוואלע" פון דער קריסטליכער געזעלשאפט.

און דיא שטאדט סאדאגורע געהט פשוט אויף רעדער. דיא הויפלייט זיינען ממש ארויס אוים דיא כלים פון דיא מורא׳דיגע טרדות. גאנצע שורות מיט וואגענס אנגעפאקט מיט חסידים, ציהען זיך אויף אלע וועגען וואס פיהרען קיין סאדאגורע, רייכע און ארימע, מיוחסים און סתם בעלי־בתים, רבנים און רבי׳שע אייניקלאך און סתם חסידים און בניאקעס מכל המינים. דיא הערצער זייערע פלאטערען, דיא נשמות ליובען זיך שוין אין פאראויס פון׳ם ים פון תענוגים וואס ערווארטעט זיי דארטען ביים רבי׳ן אין הויף.

אלע פינף הייליגע ברידער, דיא גרעכטע צדיקים פון׳ם דור, וועלען זיך בעטייליגען אויף דער ראזינער גרויסער חתונה פון זייער ברודער׳ס יתום, ר׳ נחום בער׳ניו, וועלכער נעהט חתונה האבען מיט זיין פעטער׳ס, דעם סאדאגורער צדיק׳ס טאכטער, פערילע.

ס׳ווילט זיך יעדען איינעם פון דיא חסידים זעהן, וויא אזוי דיא אנדערע צדיקים, זייער רבינ׳ס ברידער, זיינען זיך נוהג, וויא אזוי זיי פיהרען דיא ״טישען״ און וויא אזוי זיי פראווען דעם עולם. בעזאנדערס איז יעדער נייגיריג צו זעהן דעם איננסטען פון דיא ברידער, דעם הוסיאטינער צדיק ר׳ מרדכי פייבל, וועלכער איז בעריהמט מיט זיין הימליש אצילות, וועמען קיין שום מענש האט קיינמאל ניט געזעהן טהאן א שפיי, א כראק אדער א ניס, און ביי וועלכען מען זעהט ביים טיש בחוש דעם ענין ״עלית־נשמה״.

און ארימע לייט, קבצנים, שנארערס פון אלערליי סארטען קומען צוגעהן כארבע כנפות הארץ. א קלייניגקייט ? עסען וועט דאך ניט פעהלען א וואך אדער צוויי רצופים. ״געשי־פטען״ וועט זיך אויך לאזען מאכען ביי די פרייגיבע גבירים פון רוסלאנד, וועלכע ווארפען פשוט מיט געלד אויף א הויפישע שמחה. און היינטזשע טאקע דיא ארימע סעודה וואס ווערט געמאכט אין הויז אויסשליעסליך צוליעב זיי, ביי וועלכער דער צדיק גופא קומט אריין פאר א ווייל, רעדט מיט מאנכע פון זיי א פאר דבורים און הייסט דעם נבאי געבען א יעדען א שעהנע מתנה!

דאס גאנצע שטעדטיל סאדאגורע איז פלוצים געווארען איין גרויסער אכסניה־פלאץ. יעדעס הויז איז א האטעל. יעדע סוכה אדער קאמער א סטאנציע. מען רעכט זיך אויף פופציג טויזענד חסידים און סתם אורחים און צוקוקערס.

שוין רוישט זיך אומעטום וויא אין א ביענשטאק. מען בעקענט זיך איינער מיט׳ן אנדערען, מען דערצעהלט זיך נייעסען, מען קאכט זיך, מען טרינקט תיקון און עס רודערט זיך אויף קעסעל און אויף כלים. דיא פערשיעדענע ערליי כלי־זמר פון דער וועלט, דיא בערדיטשעווער, דיא קנעהניטשער, דיא טשערנאוויט־צער און נאך אזעלכע בעריהמטעהייטען זיינען שוין אנגעקומען און לאזען זיך שוין הערען אנסטראיענדיג זייערע כלים אין זייערע הויפס־סטאנציעס.

״דער טשארטקאווער קומט! דערהערט זיך פלוצים א בשורה־קול פון א פערסאפעטען חסיד. ער איז שוין אין זוטשקא. דיא קינדער זאלען לעבען זיינען שוין אקעגען געפאהרען מיט דריי קאפעליעם מוזיק.

דא הויבט זיך אן א שרעקליך געלויף פון אלע זייטען. טויזענדער חסידים פערשארצען דיא פאלעס און לויפען צו פוס. אנדערע ווידער כאפען איין־שפע־נערדינע וועגעלעך און פאהרען.

דער רבי פון טשארטקאוו, בעריהמט צוליעב זיין ״יראה עילאה״, זיצט אין דער ערשטער קאלעסע פער׳דבק׳ט. נעבען איהם זיין זוהן און אקעגענאיבער זיין לייב־מקורב. נאך דעם רבינ׳ס קאלעסע ציהען זיך קאלעסען און סתם וועגען מיט טשארטקאווער חסידים און מקורבים וועלכע בעגלייטען זייער צדיק אויף דער חתונה.

ביי דעם זוטשקער וועלדעל שטעלט זיך דעם רבינ׳ס קאלעכא אב. דארט דארף שטאטפינדען דיא ערשטע צערעמאניע פון קבלת פנים. דאס געדרענג איז פחדים׳דיג. עטליכע שעה געדויערט דאס בלויזע קבלת־שלום. אבער טויזענדע חסידים געהען צוריק, ניט האבענדיג אפילו געכאפט א בליק אויף׳ן צדיק. ס׳איז ממש סכנת־נפשות.

„האסטו איהם געזעהן ? — פרעגט איינער דעם אנדערן — ער האט גאר ניט קיין צורת בן אדם, א מלאך אלקים, אזוי וויא עס פאסט פאר אונזער רבינ׳ס א ברודער, כלם קדושים". דאביי באדט מען זיך פשוט אין א ים פון תענוג, און א מחשבה געהט דורך דורך׳ן מוח : „אפשר ?... וואס קען מען וויסען ? אפשר, וויבאלד די כנופיא פון אזעלכע גרויסע צדיקים וועט זיין בייזאמען און אר־בייטען זייער עבודת הקודש צו איין נקודה מיט פעראייניגטע כחות, אפשר ווע־לען זיי בעזינגען דעם בעל־דבר, מכניע זיין דיא סטרא אחרא, פערטילינען דעם כח־הטומאה און ברייננען א גאולה שלמה פאר׳ן כלל ישראל. אפשר ?...

דיזעלבע עובדות, דיזעלבע מחשבות און דבורים ווידערהאלען זיך ביים אנקומען פון דיא איבריגע ברידער פון׳ם רבי׳ן, דער לעאווער, דער שטעפענעש־טער, דער הוסיאטענער און דעם חתן׳ס ברודער דער באהושער צדיק.

אין א גרויסען שאלאש זיצען אלע צדיקים מיט זייערע קינדער ביי דער ערש־טער חתונה־סעודה, דאס איז דאס חתן־מאל, א נאכט פאר דעם יום החופה. דער סאדאגורער, דער עלטעסטער ברודער פיהרט דעם טיש און די איבריגע ברידער זיצען וויא פשוט׳ע בעלי־בתים, מען זעהט ניט דיא פחדים׳דיגע „יראה" פון׳ם טשארטקאווער, דאס פארגלייזען דיא אויגען און ווארפען מיט צוויי פינגער וויא דיא פליגעל פון א ווינד־מיהל, פון׳ם הוסיאטינער.

גרויס איז דער כח פון צדיקים בשעת זיי ווייזען ארויס זייערע הימלישע עובדות. גרעסער איז אבער זייער כח מיט דעם וואס זיי קענען, ווען זיי ווילען, זיך בעהערשען און פערבארגען דעם מעכטיגען, הימלישען נשמה־טריעב און זיך מאכען זיצענדיג פשוט כאחד האדם.

מאנכע חסידים זיינען צוליעב דעם זעהר ענטטוישט געווארען.

איז שוין דאס געדרענג פון די צעהנדליגע טויזענדער חסידים, וואס האבען געוארט כאטש צו כאפען איין בליק אויף דעם הייליגען טיש וואס איז ארומגע־רינגעלט מיט אזעלכע גרויסע צדיקים, זעהר גרויס, איז אבער דאס געדרענג נאך פיעל גרעסער און סכנות־נפשות׳דיגער געוועזן, נאך׳ן עסען בעת ס׳דארף פארקו־מען דער רעכטער קנאק...

דאס מצוה־טענצעל פון חתן־כלה.

נאר ביי דער סאדאגורער גזע הערשט דער מנהג, אז חתן־כלה טאנצען דאס מצוה־טענצעל פאר דער חופה, ביי דער חתן־מאהל סעודה. ביי אנדערע רביים און ביי אלערליי אידען, ווערט ערשט געטאנצט נאך דער חופה בשעת דער גרוי־סער סעודה.

און טאנצען טאנצט דעמאלט נאר דער חתן, ניט דיא מחותנים, וועלכע זיי־נען ערשט מקיים דיא דאזיגע מצוה, לויט דעם אידישען מנהג, מיט עטליכע טעג שפעטער ביי דער גרויסער סעודה.

שטעהט מען אויף טיש און אויף בענק, אויף דיא פענסטער, איינער אויף׳ן אנדערן און מען הענגט אויפ׳ן באלקען און אין דער לופטען, כדי צו זעהן דיא דאזיגע הייליגע צערעמאניע, א רמז צו „יחוד קודשא בריך הוא ושכינתיה"...

אלע צדיקים שטעהען אין א ענול, ארום זיי דיא גרעסטע מקורבים אויך אין א ענול, וועלכער איז אבער אפען אן איין זייט, פאר דיא רבישע מחותניסטעס,

כדי זיי זאלען קענען צו קוקען צו דער צערעמאָניע. אין דער מיטען טאנצט דער חתן מיט דער כלה, דורך א טיכעל, פון וועלכען דער חתן האלט איין עק און דיא כלה דעם צווייטען. און דרעהען זיך ארום, אזוי אז דיא פנימ׳ער זיינען אוועק־געווענדעט איינער פון דער צווייטער. דיא כלה געהט ניט פערדעקט דאס פנים. אפשר למען מקיים צו זיין דעם מאמר פון דער גמרא : ״אסור לאדם לקדש אשה עד שיראנה״ (מען טאר ניט מקדש זיין אן אשה ביז מען זעהט זיא ניט פריהער).

באלד כאפט מען אוועק דיא כלה און דיא פערשיעדענע כלי־זמר שפּיעלען לוסטיגע שטיקלעך און דאס געטאנץ ווערט ווירוואַרעדיג אז ס׳שווינדעלט אזש פאַר דיא אויגען.

גרויס און הימליש איז דאמאלס דיא שמחה.

* * *

א ליכטיגע, לעבעדיגע און לוסטיגע נאכט איז דאמאלס געווען. אלע פענס־טער פון אלע הייזער, אפילו פון די גוי׳שע, זיינען געווען בעלויכטען. פון אומע־טום האָבן זיך געהערט קולות פון שפּיעלען, זינגען און טאנצען. אלע שענק־הייזער זיינען געווען אנגעפילט. ר׳ יעקב יאשע קאריצער, האָט געהייסען געבען משקה, פאר יעדען איינעם וואס וויל נאר טרינקען, אויף זיין חשבון. האָט זיך, פער־שטעהט זיך, יעדען געוואלט טרינקען. מען האָט דאן געטאנצט אין דיא גאסען א גאנץ נעהענדיגע נאכט, און דאביי זיך צוגעזונגען : ״אשרי עין ראתה כל אלה״, וואויל איז דעם אויג וואס האָט זוכה געווען דאס אלעס צו זעהען.

אין א פריהערדיג קאפּיטעל (31) איז שוין בעשריבען געווארען דער הערלי־כער פּאראד פון דער דאזיגער חתונה, לויט דער שילדערונג פון א שרייבער פון א דייטשער צייטונג, איבער דיא פּראכט־קאלעסען אין וועלכע דער חתן און דיא כלה, יעדער בעזונדער, זיינען געפאהרען אין דעם יום החופה, ארומגערינגעלט מיט טשערקאסישע רייטער (פערשטעלטע חסידים) אין מונדירען איינגעטונקט אין גאלד, אמת מלכות׳דיג.

פון דער חופה דערצעהלען זיך דיא חסידים נפלאות :

אונטער דער חופה האָט דער חתן דערפיהלט צוויי הענט ליגען אויף זיין קאָפּ. וויסענדיג אז עס איז ניט דער מנהג פון דיא צדיקים פון דער ריזינער גזע צו בענ־שען דעם חתן קודם החופה, ארויפלעגענדיג די הענד אויפ׳ן התן׳ס קאָפּ, האָט ער ניט ווילענדיג געעפענט דיא אויגען פאַר א רגע און געבליבען בלאס ווי דיא וואַנט.

ער האָט געזעהן, הייסט עס, בחוש, זיין פערשטארבענעם פאטער ר׳ שלום יוסף שטעהן נעבען איהם, געבענדיג איהם א ברכה. האלטענדיג די הענט אויף זיין קאָפּ.

״האסט, הפנים, ניט געוואוסט, אז ביי א חופה פון אונזער משפּחה, קומען צו גאסט אלע אונזערע הייליגע זיידעס ביז צום רבי׳ן ר׳ בער בכלל, פון עולם האמת, זיך מיט אונז משמח צו זיין?״ — האָט שפּעטער צו איהם געזאגט זיין שוועהר דער סאדאגורער רבי.

״איך האָב דאפון געהערט, אבער ניט געוואוסט אז מען קען דאס זעהן מיט בשר־ודם׳דיגע אויגען״ — האָט איהם דער יונגער חתן געענטפערט.

אונטער דער חופּה האָט דיא כלה פּערילע שרעקליך געוויינט. האָט זיא דאָן דער פאַטער געפרעגט אויף דער סבה פון׳ם שטאַרקען וויינען.

״כ׳האָב מיך דאַמאָלס דערמאַנט א חלום פון א פריהערדיגע נאכט — האָט איהם דיא כלה געענטפערט. — ס׳האָט זיך מיר גע׳חלומ׳ט, אז בשעת מיר זיינען געשטאַנען אונטער דער חופּה, זיינען אונז בעפאַלען א מחנה קאַזאַקען און גע־וואָלט דעם חתן אוועקפיהרען. האָסט דו, הייליגער טאַטע, זיך אנגערופען: ״לאָזט איהם איצט צורוה, פערשטערט מיר ניט מיין שמחה. איהר וועט דאָך דאָס קענען טאָן א אנדערס מאָל״.

״היינט אין דער פריה האָב איך נאָר געדענקט אז ס׳האָט זיך מיר עפּיס גע׳חלומ׳ט. אבער דעם חלום גופא, האָב איך מיך בשום אופן ניט געקענט דער־מאַנען, אין דער רגע וואָס דער חתן האָט מיר אָנגעטהאָן דעם טבעת קידושין האָב איך מיך דערמאַנט דעם חלום און א שטאַרק געוויין האָט מיך פּלוצים אי־בערוועלטיגט, ניט וויסענדיג אליין פאַרוואָס״.

״דברי חלומות לא מעלין ולא מורידין״ (חלומות האָבען ניט קיין שום בעדייטונג), האָט איהר דער פאַטער געענטפערט. ״מיר האָבען זיך איינגעקויפט א גוט שטיקעל סחורה און מיר וועלען זיך, אם ירצה השם, דאַמיט האַלטען אין נחת״.

זיי זיינען שפּעטערביידע, דער שווער מיט׳ן איידעם, אין איין יאָהר נסתלק געוואָרען, דער אלטער צדיק האָט דאָס שטיקעל סחורה ניט געקענט זויפהאַלטען נאָר כל זמן ער האָט אליין געלעבט. מחמת ״אין שלטון ביום המות״, ווען מען האַלט ביים הסתלקות הערט זיך אויף דיא ממשלה.

ניט בחנם האָט דער סאַדאַגורער צדיק געהייסען שפּיעלען דעם קנעהניטשער פּיעדעל־קינסטלער א וויינענדיגע נגינה און געשפּיעלט האָט ער דאַמאָלס אזעלכע וויינענדיגע וואַלאַכישע תנועות, אז דער גאַנצער עולם האָט פערגעסען אז ס׳איז א שמחה און געגאָסען מיט טרעהרען וויא אין יום כפּור. דער צדיק האָט בלתי ספק געוואוסט, אז דער סוף פון דער דאָזיגער שמחה וועט זיין א בכיה לדורות. דער חתן אליין האָט, הפּנים, אויך עפּעס געפיהלט, מחמת ער האָט דאָן בעמערקט, אז יענע וואַלאַכישע האַרצרייסענדיגע מעלאָדיע וואָלט זיך גוט צוגעפּאַסט צו ״אדם יסודו מעפר וסופו לעפר״.

מכח דעם וואָס כ׳האָב פריהער בעמערקט, אז ס׳איז ניט דער מנהג פון די ריזינער קינדער צו בענשען דעם חתן אַרויפלעגענדיג די הענד אויף זיין קאָפּ, האָב איך געהערט נאָכדערצעהלען פון׳ם ריזינער די דאָזיגע עפּיזאָדע:

בעת דער ריזינער האָט חתונה געמאַכט זיין עלטסטע טאָכטער מרים׳ניו, מיט ר׳ מענדעלי וויזניצער, ד׳ חיים׳ל קאָסאָווער׳ס זוהן, האָט ער פאַר דער חופּה געבענשט דעם חתן מיט הוילע דבורים, ניט אַרויפלעגענדיג די הענד אויף דעם חתן׳ס קאָפּ, ווי דער מנהג איז ביי אנדערע רביים, בעת זיי גיבען עמיצען א ברכה.

״זאָל איהם דער הייליגער מחותן בענשען מיט זיינע הייליגע הענד — האָט זיך די מחותנת׳טע צו איהם אָנגערופען — דער צדיק הדור איז גליך צו א כהן, וועלכער בענשט מיט די הענד.״

"מען בעדאַרף ניט בענטשען מיט די הענד נאָר מיט׳ן מויל, מחמת דאָס מויל איז פיעל הייליגער פון די הענד — האָט איהר דער מחותן געענטפערט — אין דער תורה שטעהט בפירוש געשריבען, טאקע ביי די כהנים׳ס ברכה: "כה תברכו את בני ישראל", אזוי זאָלט איהר בענטשען די אידען, "אמור להם", איהר זאָלט צו זיי זאָגען מיט׳ן מויל."

## קאַפּיטעל 48

# הויפּס־אַנטיקען.

**דאָס בעריהמטע אַלטע תנ"ך׳ל — א זילבערנער טיש וואָס שטעלט פאָר "עקדת יצחק" — דעם רבין׳ס מעבעל פאַר׳ן קייזער — א שרייבצייג פאַר צעהן טויזענד גולדען — דיא פּסח׳דיגע גאָלדענע מלוכה — טייערע אַנטיקען פון בורשטין — אַן אַנטיטשנע ביבליאָטעק.**

די טייערע אַנטיקען וואָס האָבען זיך געפונען אין סאַדאַגורער הויף, האָבען גע׳שם׳ט אויף דער גאַנצער וועלט. ווי כ׳האָב שוין אין א פריהערדיג קאַפּיטעל בעמערקט, פלעגען די גרעסטע צייטונגען שיקען זייערע קאָרעספּאָנדענטען קיין סאַדאַגורע, כדי זיך צו צוצוזעהן צו אַלעס וואָס געהט דאָרט פאָר אינ׳ם רבינ׳ס הויף און דאָס דאַן נעננוי בעשרייבען. פיעל פון יענע שרייבער האָבען בעשריעבען ניט נאָר דיא פּערזענליכקייט פון׳ם רבי׳ן מיט זיינע קינדער, זייערע הלבשה און זייערע מנהגים, נאָר אויך איבער דיא הויפּס־אַנטיקען וואָס געפינען זיך דאָרט. עס איז דעריבער כדאי צו ברייננען מאַנכעס וואָס א שרייבער פון דער "גאַרטען־לויבע" האָט געשריבען אין יאָהר 1876 איבער דיא הויפּס־אַנטיקען.

נאכדעם וויא דער שרייבער שילדערט זיין אנקומען קיין סאַדאַגורע, דאָס אויסזעהן פון דיא גאַליציישע און רוסישע חסידים, דיא אצילות׳דיגע פּנים׳ער פון דער גוט־אידישער גזע און וויא אזוי דער יונגער רבי ר׳ נחום בער׳ניו, דעם אַלטען צדיק׳ס איידעם, האָט איהם אויפגענומען און מיט איהם גערעדט און פערשיעדענעם געוויזען, דערצעהלט ער אין יענער צייטונג כהאי לישנא:

דער יונגער צדיק האָט געגעבען א בעפעהל צום גבאי און באַלד דאַרויף האָט דער גבאי אַריינגעבראַכט אַן אינטערעסאַנטעס, העררליכעס בוך. ער האָט מיר דערלאַנגט דאָס בוך איך זאָל עס בעטראַכטען. דאָס איז געווען א כתב־יד, א וואונדערשעהן געשריבענער תנ"ך אויף פּאַרמעט־בלעטער. דיא טאָוולען פון׳ם ספר זיינען געמאַכט געווען פון מאַסיוו זילבער אויף וועלכע ס׳זיינען געווען איינגראַווירט העררליכע מיניאַטורען און פערפּוצונגען.

עס האָט זיך דאַן צווישען אונז ענטוויקעלט א שמועס מכח דעם אַלטקייט

פון דער דאזיגער האנדשריפט, אין וועלכען יאהר ס׳איז געשריבען געווארען, אויף דעם טיטעל־בלאט איז דאס יאהר ניט געווען אויפגעשריבען בפרוש נאר מיט רמזים, ניט קלארע בעדייטונגען.

ר׳ נחום בער׳ניו האט געהייסען אריינרופען דעם הויפס־געלעהרטען מאן, דעם רבינ׳ס א מקורב, א געוויסען ר׳ ליבוש (דאס האט געמוזט זיין דער טארקער רב ר׳ מאיר ליבוש), וועלכער האט שטארק נאכגעדענקט, און נאך שווערער מיה אויסגעפונען, אז דאס תנ״ך איז געשריבען געווארען אים יאהר פינף טויזענד צוועלף נאך דער אידישער רעכנונג, וועלכעס מיינט, פאר זעקס הונדערט פיער און צוואנציג יאהר.

דער יונגער רבי האט דאן געגעבען א וואונק צום גבאי, באלד זיינען אריינגעקומען פיער משרתים, און אנגעהויבען צו שלעפען מיט פיעל כח א גרויסען אייזערנעם קאסטען וועלכער איז געשטאנען אין א ווינקעל פון יענעם חדר. צוויי גבאים האבען דאן אויפגעשלאסען דיא פיעל שלעסער וואס האבען געהאנגען אויף׳ן קאסטען און דאן אראבגענומען פון איהם דאס דעקעל, און א שטארקע הערליכע זילבער־פלאטע, איינגעבעט אין ווייכע הירשלעדער, האט פון דארט ארויסגעגלאנצט. מיט פערנאייניגטע כחות האבען אלע זעקס מענער ארויסגעצויגען דיא פלאטע און זיא אנידערגעשטעלט אנלעהנענדיג אויף דעם קאסטען מיט דער פראנט־זייט צו אונז.

דיא פלאטע איז געווען פיער־עקיג, דיא עקען אבער ניט שארף שפיציג נאר אביסעל פעררונדעט (קיילעכדיג). זיא איז געווען אן ערך פון א מעטער לאנג און א האלבען מעטער ברייט. דיא דיקע איז געווען אכט מילימעטער (ווענינער וויא א האלבע אינטש). זיא איז געווען געסטעמפעלט מיט דעם רוסישען רעגיערונגצייכען אז זיא איז פון פערצעהן לויטיג זילבער, אויף דער פראנט־זייט איז געווען איינגראווירט א קונסטפאלע לאנדשאפט, אין זועמענס מיטען עס איז געווען א בארג מיט שטופען (טרעפ), ארומגערינגעלט מיט עטליכע פאלמען בוימער. אין דער רעכטער זייט זיינען געשטאנען: א ווידער (א זכר פון א שאף) און א קוה.

״וואס שטעלט דאס עפיס פאר ? ״ האב איך איהם געפרעגט.

— דיא עקדה פון יצחק — האט דער יונגער רבי געענטפערט.

״עס איז דאך אבער ניטא קיין זכר אפילו פון אברהם און פון יצחק ?״

— מחמת עס איז ביי אידען אן איסור — האט ער געענטפערט — אויסצוגראווירען בילדער פון מענשען. דאריבער איז דא נאר פאראנען דער ארט וויא מען האט איהם געוואלט מקריב זיין און דער ״איל״ (ווידער) וואס מען האט אנשטאט איהם מקריב געווען. דיא קוה איז נאר געצייכענט געווארען כדי ס׳זאל אביסעל מעהר לעבעדיג אויסזעהן, דיא מענשען דאצו מוז מען זיך בלויז אין דיא געדאנקען פארשטעלען.

דאן האבען דיא משרתים ארויסגענומען פון׳ם קאסטען דיא איבריגע טיילען פון׳ם טיש. פיער פיס אין דער פארם פון הירשען־פיס, פערציערט מיט רייכע בלעטער פון אויבען. דאן א קונסטפאלער בלומען־קראנץ ליעגענדיג אויף פיער גרויסע לייבען־פיס און דאצו א פרעכטיגע גירלאנדע וואזע. אלץ פון פערצעהן לויטיג זילבער.

איך בין געשטאנען וויא בעצויבערט אנקוקענדיג אט דיזע וואונדערשעהנע קונסט־ארבייט.

״עס איז א זעהר טייערע זאך — האט דאביי דער יונגער רבי בעמערקט — עס קאסט א הון רב. אבער ביי מיר אין דיא אויגען איז עס ניט פערדעכענט פאר אזא וואונדערליכען אנטיק, מחמת מען קען עס דאך נאכמאכען. וויבאלד כ׳וויל ספענדען א גרויסע געלד־סומע, קען איך מיר פון א קינסטלער־האנד לאזען מא־כען אן עהנליכען טיש. אין מיינע אויגען האט נאר אן אמת׳ן ווערטה אזא זאך, וואס פאר קיין שום פערמעגען אין דער וועלט קען מען עס ניט מעהר בעקומען. ביי אונז אין הויף איז באמת פאראנען אזא מין אנטיק, דאס טייערסטע און חשוב׳סטע פון אלע אונזערע קאסטבארקייטען, דאס איז א בורשטינענער ציגא־רענשפיץ פון װעלכען מיין שוויגערפאטער רייכערט. ער איז אזוי לאנג (דאביי האט ער אויסגעשטרעקטביידע הענד צו ווייזען וויא לאנג ער איז), און מען קען אזעלכעס ניט בעקומען פאר קיין שום געלד מעהר״.

דיא איינריכטונג פון׳ם רבינ׳ס פריוואט־צימער איז ממש געוועזן איינגע־טונקט אין גאלד. אים יום כפור 1880 בעת דער קייזער פראנץ יאזעף איז געוועזן אין טשערנאוויץ פאר א דריי טעגיגען בעזוך, האט מען אויסגעבארגט ביים סא־דאגורער הויף דיא מעבעל, מיט וועלכע מ׳האט אויסמעבלירט דעם קייזערס פרי־וואט־צימער. דער קייזער האט דאמאלס אויסגעדריקט זיין בעוואונדערונג איבער דיא הערליכקייט און געשמאקפאלקייט פון דיא גאנצע מעבעל בכלל, בעזאנדערס איבער דער שטוהל אויף וועלכע ער איז געזעסען, און איבער א קוואקע מיט היהנדלעך שטעהענדיג אויף׳ן גראז, אלעס געמאכט פון זהב טהור און קינסטלע־ריש אויסגעארבייטעט.

זייענדיג אין טשערנאוויץ, האט דער קייזער בעזוכט דיא גרויסע פאבריק פון׳ם אידישען גביר און קולטוס־פארשטעהער טיטינגער. צום אנדענקען האט דער קייזער גע׳חתמ׳עט זיין נאמען אין א בוך, וויא דער סדר איז ביי קייזערליכע וויזיטען. דאס גאלדענע קונסטפאל אויסגעארבייטעטע שרייבצייג, מיט וועלכע דער קייזער האט זיך בעדיענט ביים אונטערשרייבען און שטארק בעוואונדערט, איז אויך געוועזן אויסגעבארגט ביים סאדאגורער רבי׳ן. טיטינגער האט דאן אנ־געבאטען דעם רבי׳ן דעם פרייז פון צעהן טויזענד גולדען פאר׳ן בערימטען שרייבצייג מיט וועלכען דער קייזער האט זיך בעדיענט. ער האט עס געוואלט האבען אלס אן אנדענקונג, דער רבי האט אבער יעדען פרייז צוריק געוויזען.

די גרעסטע רחבה און גדולה האט מען געקענט זעהן ביים רבינ׳ס פסח׳דיגען סדר־טיש. ס׳איז געווען אן אמת׳ער שלחן־מלכים. אלע כלים וועלכע האבען גע־דיענט צום רבינ׳ס פערזענליכען געברויך, זיינען געווען פון ריין גאלד וויא דיא כלים פון׳ם בית־המקדש. צווישען דעם קיילעכדיגען טיש, ארום וועלכען דער רבי מיט דיא קינדער זיינען געזעסען, און דעם לאנגען טיש, ארום וועלכען ס׳זיינען געזעסען דיא געלאדענע אורחים, איז געשטאנען אויף דער ערד א פראכטפאלער זילבערנער אכט־רעהריגער לייכטער, אן אמת קינסטלעריש שטי־קעל ארבייט, וועלכער האט געגרייכט העכער אזש איבער דיא טישען, כדי צו

בעלייבטען דיא גאָלדענע און זילבערנע כלים וועלכע האָבען געבלישטשעט וויא שיינענדיגע שטערן אויף׳ן סדר־טיש.

צווישען דיא אנטיטשנע כלים אויף׳ן טיש, האָט זיך בעזאָנדערס אויסגע־צייכענט א קליין וויין־פעסעל שטעהענדיג אויף א קינסטלעריש געשטעל, פון וועלכען מען האָט געצאַפּט וויין צו דיא ארבע כוסות פאר׳ן רבי׳ן מיט דיא קינ־דער, און א פּראַכטפאָלע טאַץ אויף וועלכער ס׳זיינען געשטאַנען אכטצעהן כוסות. דאָס פעסעל מיט דער טאַץ און דיא כוסות, זיינען געוועזן געמאַכט פון ריינעם עכטען בערנשטיין (בורשטין) און האָבען אמאָל געקאָסט א הון רב.

אן אנטיק שבאַנטיקען איז אויך געוועזן דיא זילבערנע סדר־קערה, א ירושה פון׳ם ריזינער, זיא האָט אויסגעזעהן ווי א קליינע קאָמאָדע מיט דריי שופלעד־ליך. יעדעס שופלעדעל האָט געדיענט פאר א פּלאַץ פיר איין מצה פון דיא דריי סדר־מצות. אויף דער דעק פון דער קאָמאָדע, וועלכע איז געוועזן ארומגערינגעלט מיט א ״זר זהב״. א הערליך געשניצט פערגאָלדעט לייסטעל, זיינען געשטאַנען זעקס קונסטפאָלע טעלערלעך פאר דיא קליינינגקייטען וועלכע מען דאַרף האָבען צו דער סדר־צערעמאָניע. דיעזע קאָמאָדע מיט איהרע כלים זיינען געוועזן העכסט אנטיטשנע קינסטלעריש אויסגעארבייטעט. דער פּעליטאַניסט פון דער פראַנק־פורטער צייטונג, וועלכער האָט דאָס אלעס געזעהן און בעשריבען אין דער גרוי־סער וועלט־צייטונג, האָט בעהויפּטעט, אז דער ווערטה פון דיזע כלים איז אונשעצבאַר.

דיא דאָזיגע טייערע קערה צוזאַמען מיט איהרע כלים, זיינען אבער געשטאַנען ביים סאַדאַגורער רבין אויף׳ן סדר־טיש נאָר פאר א זכר פון זיין היילינגען פאַטער, לכבוד יום טוב. בענוצט האָט ער זיך אבער ניט מיט זיי, נאָר מיט א גרויסער וואונדערפולע גאָלדענע סדר־קערה, וואָס דיא רוסישע גבירישע חסידים האָבען איהם געלאָזט מאַכען אלס א מתנה, אין׳ם יאָהר תרי״ט, ווען ער איז געזונד גע־וואָרען פון א סכנה׳דיגע קראַנקהייט. דיזע קערה ווערט אין סאַדאַגורער הויף פערערעכענט פאר איינס פון דיא שעהנסטע זעהענסווירדיקייטען.

גע׳שמ׳ט האָט אויך אויף דער וועלט דיא בעריהמטע ביבליאָטעק וואָס האָט זיך געפונען אין סאַדאַגורער הויף, א זאַמלונג פון אלע ספרים וואָס זיינען נעשרי־בען און געדרוקט געוואָרען אין דער חסידישער ליטעראַטור. כמעט אלע אנטיקען פון דער ערשטער דרוק און פיעל כתבי יד. דיא דאָזיגע זאַמלונג פון פיעל טויזענ־דער ביכער יקרי המציאות, אמת׳ע זעלטענהייטען, האָט געזאַמעלט און צוזאַמענ־געשטעלט מיט גרויס מיה און פאר אן אונגעהויערעס פערמעגען דער פריהער דערמאָנטער געלעהרטער בעל מוח, ר׳ נחום בער׳ניו דעם רבינ׳ס איידעם. וועל־כער האָט אליין אויסגעארבייט א קאַטאַלאָג צו אלע ספרים. דיא ביבליאָטעק האָט פערנומען איינע פון דיא גרעסטע חדרים פון ר׳ נחום בער׳ניוס וואָהנונג, וועלכע איז געוועזן פול מיט שאַפּעס וואָס האָבען געגרייכט פון דער ערד ביז צום באַלקען.

אזעלכע טייערע אוצרות האָט פערמאָגט דער סאַדאַגורער הויף.

## קאפיטעל 49

# קלויז־אנטיקען

**דאָס בעריהמטע וואונדערשעהנע פּרוכת — דאָס טהייערע ספר-תורה׳לע — דיא קללה ווערט מקוים — א ירושה פון גלות שפּאניען — כולי-גאנעס פּאַגראָמעוועז אין דיא שעהנע קלויז — חורבן בית-המקדש — די הויפּס-גארדע.**

אויסער די וואונדערבארע הויפּס־אנטיקען, האָט אויך די שעהנע פּאלאַץ־ארטיגע קלויז פערמאָגט איהרע אייגענע זעהר אינטערעסאנטע אנטיקען.

א חוץ דעם קונסטפּאלען שעהנעם בית־המקדש׳ל, געשניצט פון אליף־האלץ, וועלכעס איז בעוואונדערט געווארען פון אלע וועלטס־קינסטלער און וועל־כעס כ׳האָב שוין בעשריבען אין א פריהעריגעס קאפּיטעל, האָבען זיך געפונען אין דער קלויז נאָך ׳אנדערע זעהענסווירדיגקייטען:

1) דאָס וועלט בעריהמטע פּרוכת וועלכעס שטאמט פון א אידישע קהלה אין בוכאריען און איז פון א גאנץ אלטען שפּאנישען אורשפּרונג.

איינע פון די רייכסטע קהלות פון בוכאריען האָט דאָס אָבגעקויפט ביי אידען, וואָס זיינען פערטריבען געווארען פון שפּאניען, פאר א הון רב. שפּעטער מיט פיעל יאָהרען, ווען די בוכאריער אידען זיינען פערמינדערט און פעראָרימט געווארען צוליעב פערשיעדענע רדיפות און פערפאָלגונגען, האָבען זיי דאָס טייערע פּרוכת פער׳משכונ׳ט אין א באנק־הויז פון מאָסקווע, אויף א הלואה פון עטליכע טויזענד רובעל. זיי האָבען זיך אָבער בפירוש אויסגערעדט אלס א בעדינג, דאָס אין פאל דאָס משכון וועט פערפאַלען ווערען, נאָך א בעשטימטער צייט, טאָר עס די באנק ניט פערקויפען נאָר אויסשליסליך פאר א פּרוכת אין א אידיש מקום קדוש אריין.

אויף דעם וויס־זיידענעם פּרוכת, זיינען אויסגעשטיקט גאָלדענע וויינ־שטאָק־צווייגען, וועלכע רינגלען ארום די גאָלדענע צוויי לוחות. די בלעטער פונ׳ם וויינשטאָק און זיינע טרויבען, זיינען אויסגעשטיקט מיט פּערלען און איינגעפּאסט פון דימאנטען, רובינען און סאפּיר־שטיינער. יעדער מענש, אפילו ניט קיין פאכמאַן, קען זיין א מבין אז דאָס פּרוכת איז א דבר יקר, אן אנטיטש־נע זאך. לויט א בעשרייבונג פון א פאכמאַן אין דער דייטשער צייטונג "גארטענ־לויבע", איז דאָס פּרוכת ווערטה אן אונגעהויערעס פערמעגען ווען די טייערע שטיינער און פּערלען, צווישען וועלכע ס׳געפינט זיך איין סאפּיר, וואָס האָט

מיט זיין גרויסקייט קיין גלייכען ניט אויף דער וועלט, א חוץ איין איינציגער, וועלכער געפינט זיך אין בעזיץ פונ׳ם באראן בראניצקי אין פאריז.

2) דאס וואונדערבארע ספר־תורה׳לע, וועלכעס איז אין גאנצען גרויס אכט צאהל (אינטשעס) און יעדער אות דאפון איז אזוי שעהן, אזוי ריין און אזוי בולט גלייך ס׳וואלט ערשט נעכטען געשריבען געווארען.

חסידים זאגען, אז דאס דאזיגע ספר־תורה׳לע האט דער ריזינער אבגע־קויפט, אדער עס בעקומען במתנה, פונ׳ם נישכיזער צדיק, וועלכער האט עס געלאזט שרייבען ביים גרויסען פשעווארסקער צדיק ר׳ משה סופר און פון וועל־כען מען דערצעהלט, טאקע בנוגע דעם דאזיגען ספר־תורה׳לע, א מעשה פלא:

דער פשעווארסקער צדיק ר׳ משה סופר, איז געווען איינער פון די גרעסטע תלמידים פון׳ם רבין ר׳ אלימלך פון ליזענסק. ער האט פערפאסט א בערימט חסידיש ספר אויף תורה, וועלכעס הייסט ״אור פני משה״. אין דער הסכמה וואס דער רבי ר׳ זושא פון אניפאליע, א ברודער פונ׳ם רבי׳ן ר׳ מלך, האט געגעבען אויפ׳ן ספר, שרייבט ער, אז ער האט זיך אמאל צוגעקוקט ווי ר׳ משה סופר האט גע־שריבען א ספר תורה מיט קדושה און טהרה, און ער האט דאמאלס געזעהן ווי פייער האט געשפריצט פון דער פעדער בעת ער האט געשריבען די אותיות פון דער תורה.

נאכ׳ן רבי׳ן ר׳ אלימלך׳ס פטירה, האט זיין תלמיד, דער גרויסער צדיק ר׳ מרדכי פון נעשכיז זעהר געגארט צו בעקומען דעם דאזיגען בעריהמטען תלמיד ר׳ משה סופר צו זיך אלס א תלמיד און א חסיד. אזוי ווי דער נעשכיזער ז״ל איז זעהר רייך געווען, האט ער צו זיך בעצויגען דעם גרויסען און הייליגען סופר ר׳ משה פון פשעווארסק, כדי ער זאל פאר איהם שרייבען, טאקע ביים נעשכי־זער אין הויז, א קליין ספר־תורה׳לע. ממילא, האט ער זיך געטראכט, וועט ער שוין דאן פערבלייבען זיינ׳ס א תלמיד.

האט ר׳ משה סופר געשריבען דאס ספר־תורה׳לע ביים נעשכיזער אין הויז פינף יאהר רצופים. דער נעשכיזער האט איהם דאן דערפאר בעצאהלט אין מזומנים, חוץ דעם וואס ער האט איהם אויסגעהאלטען ברחבה מיט כל הצטרכות די גאנצע צייט, די סומע פון פינף הונדערט גאלדענע רענדלעך, א הון רב צו יענע צייטען.

נאכדעם ווי דאס ספר־תורה׳לע איז פערטיג געווארען, האט דער נעשכיזער צדיק געלאזט מודיע זיין דעם עולם, אז ער פערלאנגט א גוטען בעל־מגיה (קאָ־רעקטאר), וועלכער זאל דאס ספר גוט דורכקוקען און נאכזוכען עפעס א גרייז. ער האט פערשפראכען צו צאהלען דעם בעל־מגיה פאר יעדען פעהלער וואס ער וועט געפינען אינ׳ם ספר־תורה׳לע, דריי גאלדענע דוקאטען.

האט זיך געמעלדעט א בעל מגיה, ממש א קינסטלער אין זיין פאך, און האט זיך גענומען צו דער ארבייט. מען האט איהם יעדען טאג אבגע־שלאסען אין א בעזונדער חדר אין רבינ׳ס בית־המדרש, וואו ס׳האט זיך ניט געפונען ניט קיין טינט און ניט קיין מעסערעל אדער אן אנדערע זאך מיט וועלכער ער זאל קענען מאכען א גרייז מיט זיינע אייגענע הענד און דאן בעהויפטען אז ער האט דעם גרייז אויסגעפונען. מען פלעגט איהם אויף דורכ־

זוכען יעדען טאָג איידער ער איז אריינגעגאַנגען אינ'ם חדר מגיה צו זיין דאָס ספר.

דער בעל מגיה האָט אָבער ניט געפונען קיין איינציגען פעהלער אפילו אינ'ם גאנצען ספר תורה'לע.

ווענדיג פערדריענען לכל הפחות דריי דוקאטען, האָט ער אָבער געמאַכט אַזא מין ספּעקטאַקעל. ער האָט אויסגעריסען א האָר פון זיין באָרד, זי נאָס גע־מאַכט מיט שפּייעכץ און דאַן אַזוי לאַנג געארבייט מיט דער נאַסער האָר אויף דעם פּיסעל פונ'ס אות ג' אין דעם וואָרט "נגע צרעת", ביז עס איז גאַנץ אויס־געפּילט געוואָרען און די ג' האָט דאַן אויסגעזעהן ווי א נ'.

קוים האָט ער געוויזען דעם נעשכיזער, אין דער געגעגנוואָרט פון ר' משה סופר, דעם גרייז וואָס ער האָט אויסגעפונען, האָט זיך צו איהם ר' משה אָנגע־רופען:

"דעם דאָזיגען פעהלער האָסטו מיט דיינע אייגענע ידים אליין געמאַכט. מחמת איך דערמאָן מיר פּינקטליך דעם "יהוד" (אין זין האָבען אין דער מחשבה א הויכען הימלישען געדאַנקען פון גאָט'ס נעמען) וואָס איך האָב דאַמאָלס מכון געווען, בעת כ'האָב געשריבען די ג' פונ'ם וואָרט "נגע". אלס א בעוויז אַז איך זאָג אמת, וועט זיך אָט דער דאָזיגער נגע־צרעת אָן דיר האַלטען אַזוי לאַנג ווי דו וועסט לעבען. ניט געפינענדיג דאַצו קיין שום רפואה.

די קללה איז אויף דער שטעלע מקוים געוואָרען.

3) דער טייערער בראָנז־גלעזערנער הענג־לייכטער מיט צוויי־און־זיבעציג רעהרען פערציערט מיט געשניטען גלאָז וואָס זעהט אויס ווי בלומען, און אַנ־טיטשנע ארבייט, וועלכער האָט געקאָסט עטליכע טויזענד גולדען. דער דאָזיגער לייכטער איז דורך דעם גאַנצען יאָהר פערהאַנגען מיט אַן איבערצוג, נאָר אים יום טוב ווערט דער איבערצוג אַרונטערגענומען און אלע רעהרען ווערען בע־לייכטעט. אַזוי ווי ער הענגט פּונקט אין דער מיטען פון דער קלויז, פערשיינט ער און פערבלישטשעט די גאַנצע ריעזיג־גרויסע קלויז מיט זיין פּראַכט און גלאַנץ.

4) דאָס עקסטרא געגאָסענע שטאָל־אייזערנע ארון קודש, א מוסטער פון שעהנהייט. דער יחוס פון דעם דאָזיגען ארון קודש, איז ניט אַזוי צוליעב זיין הערליכקייט און די גרויסע סומע געלד וואָס ס'האָט געקאָסט, ווי צוליעב די סבה וואָס האָט גורם געווען מען זאָל עס מאַכען. מחמת די ענטשטעהונג און גיסונג פון דעם דאָזיגען ארון קודש איז פערבונדען מיט א הוליגאַנסטווע מעשה:

אים יאָהר תרמ"ב האָבען זיך בייננאַכט אריינגעכאַפּט אין דער קלויז א באַנדע גנבים, וואהרשיינליך זוכענדיג דאָס טייערע פּרוכת און די איבעריגע ווערטהפאַלע פּערבכטיגע כלי־קודש וועלכע האָבען געהאַט א ווערטה פון א היבשע עטליכע טויזענדער, וואָס די קלויז האָט פערמאָגט. הפּנים, אַז די גנבים זיינען ניט געווען ריכטיג אינפאָרמירט מכח דער שמירה פון די טהייערע קלויז אוצרות. זיי האָבען ניט געוואוסט, אַז די אלע טהייערע חפצים נעכטיגען קיינמאָל ניט איבער אין דער קלויז נאָר אינ'ם רבינ'ס הויף.

פאַר גרויס פערדרוס איבער זייער אומזיסטיגער טרחה, האָבען די איינ־ברעכער אויסגעלאָזט זייער כעס צו די ספרי תורות. זיי האָבען אויפגעבראָכען

דאס פון עצי־זית טהייער געשניצטע ארון קודש, ארויסגענומען די ספרי תורות, זיי צוריסען און געשענדעט אויף א זעהר מאוס׳ען הוליגאנסקען אופן. אויף די בענק, די טישען, די הערליך פערפוצטע ווענט און אויפ׳ן ארון קודש גופא, האבען זיי אויסגעקריצט צלמים און אנגעארבייט א חורבן אין דער שעהנער פראכטפאלער קלויז.

פארוואס זיי האבען פערשוינט דאס חדר׳ל וואו דער רבי דאוועט, אין וועלכען ס׳געפינט זיך די שעהנסטע און טייערסטע מעבעל און אויספוצונג פון דער וועלט, בלייבט א שאלה. יעדענפאלס וואלטען זיי ניט געקענט מבזה זיין דאס פריהער ערוועהנטע טהייערע ספר־תורה׳לע, וועלכעס איז כמעט תמיד געשטאנען אין א חדר אינ׳ם רבינ׳ס דירות, ניט אין דער קלויז.

ס׳איז ניט מעגליך צו בעשרייבען דעם גרויסען צער און דעם שרעקליכען טרויער וואס האט געהערשט אינ׳ם הויף ווי אויך אין דער גאנצער שטאדט, בעת מען האט צו מארגענס אין דער פריה זיך דערוואוסט פון דעם דאזיגען חורבן און דעם מורא׳דיגען חלול הקודש. אין די ווייטעסטע גאסען האט מען דאן געפונען זיך ארומוואלגערען געשענדעטע יריעות פון די ספרי תורות. ס׳איז געוועען פשוט חורבן בית־המקדש.

דאמאלס איז געוועען די צייט פון די ערשטע פאגראמען אין רוסלאנד. האבען פיעל מענשען בעהויפטעט, אז ס׳איז גאר ניט געוועען מעשה גנבים, נאר מעשה להכעים פון רוסישע פאגראמשטשיקעס, וועלכע האבען זיך ביינאכט אריבערגעכאפט דורך דער גנב׳ישער גרעניץ פון בעסעראביען כדי צו מאכען א תל פון בעריהמטע אידישע הייליגקייטען און דאביי אפשר אויך אבלעקען א פעטען ביין. ס׳האט זיך דעריבער פערשפרייט א קלאנג, אז דיזעלבע הוליגאנעס וועלען קומען נאך אמאל אין א גרעסערע צאהל, למען צו פאגראמאווען און בעראבעווען טאקע אינ׳ם רבינ׳ס הויף.

אן אימה חשכה איז געפאלען אויפ׳ן גאנצען שטעדטעל.

די זשאנדארמערי (א מין פאליציי־פערוואלטונג) פון סאדאגורע, האט בעקומען א דירעקטען אויפטראג פון דער שטאטהאלטעריי (נאמשאלסטווא) אין טשערנאוויץ, גוט חוקר ודורש צו זיין די אנגעלעגענהייט און בעזאנדערס שטארק צו בעוואכען דעם רבינ׳ס הויף. די הויפס־פערוואלטונג האט זיך אבער מיט דעם לגמרי ניט צופריערען געלאזט. זי האט אויסגע׳פועל׳ט ביי דער טשערנאוויצער שטאטהאלטעריי איהר צו ערלויבען די גרינדונג פון א ספעציעלע בעוואפענטע אידישע הויפס-גארדע, א מין זעלבסט־שוץ מחנה. די בעווילליגונג איז געגעבען געווארען. הונדערטער געזונדע און מוטהיגע יונגע לייט האבען זיך פריייוויליג געמעלדעט מען זאל זיי אנשליסען אן דער שוץ־גארדע. זייער קאפיטאן איז געוועען אהרן, דער בן־יחיד פון דעם הויפס־שענקער ר׳ טעבל, דעם רבינ׳ס מקורב.

די הויפס־גארדע האט בעוואכט דאס הויף און די קלויז נאכט פאר נאכט, א לאנגע צייט. די מחבלים זיינען אבער ניט מעהר געקומען. דער גאנצער ענין איז דאן פערבליבען ביז צום היינטיגען טאג א ניט אויפגעלעזטעס רעטזעל.

דאמאלס האט מען דאס געלאזט עקסטרא פאבריצירען אן אייזערנעס, פייער און גנבה זיכערעס, ארון קודש, וועלכער ווערט פערעכענט אלס איינע פון די קלויז־אנטיקען.

## קאפיטעל 50

# חסידישע פילאָזאָפיע

**א פרק אין הלכות חסידות. — עולם הזה שטעהט ניט אין קאָנטראסט צו עולם הבא. — די תאוה איז א מיטעל צו אהבת הבורא. — דעם בעל-שם׳ס דרך.**

ס׳איז געווען אין א יומא דפגרא, דעם סאדאגורער רבין׳ס יום־הולדת. דיא חבריא איז געזעסען אין שענק ביי טעבעל׳ן און געטרינקען משקה. אין אמת׳ן איז אָבער דאָס טרינקען בטל בששים געוואָרען לגבי דיא הויכע שמועסען מכח דיא הייליגע דרכים פון דער ריזינער גזע. דיא שמועסערס האָבען זיך צוהיצט און ס׳האָט זיך פערוויקעלט א טיעפער שמועס אין וועלכען ס׳האָט נע־שטעקט א שטיק פילאָזאָפיע פון׳ם לעבען.

איך וויל עס דאָ איבערגעבען כהויה:

איך וואָלט אייך געבעטען — האָט איינער פון די יונגע, רייכע רוסישע חסידים, וועלכער האָט לויט דער הלבשה אויסגעזעהן וויא א שטיק יאָלד, גע־זאָגט צו ר׳ יחזקאלי נאוויסעלצער, וועלכער איז געזעסען אויבען־אָן און געווען דער ראש־המדברים — איך וואָלט אייך געבעטען מיר צו געבען צו פערשטעהן, וויא אזוי עס גראמט זיך צוזאמען עולם־הזה מיט עולם־הבא. דאמיט מיין איך צו זאָגען, וויא אזוי קען דאָס הימלישע עבודות פון׳ם צדיק האָבען א התחברות, א פערבינדונג מיט ענינים פון לוקסוס און עולם הזה. איך בין ניט חלילה מהרהר נאָך דיא דרכים פון׳ם צדיק, איהר מעגט מיר הייליג גלויבען אז איך גלויב דאָס ער, זאָל לעבען, איז כלו קודש. אָבער כ׳וואָלט מיר זיכערער געפיהלט אין מיין אמונה, ווען זיא זאָל זיין פערבונדען כאָטש מיט אן עוקץ ידיעה. „תורה היא וללמוד אני צריך".

— עס איז אפילו א צו הויכער ענין — האָט איהם ר׳ יחזקאלי געענטפערט — נור כדי צו דערפילען דיין רצון, טאָ, וועל איך פרואווען מקרב צו זיין דעם ענין אל השכל.

מיר חסידים מיינען, אז דאָס חסידות האָט זיך ערשט אָנגעהויבען פון׳ם בעל־שם הקדוש ז״ל, בעת אין דער אמת איז דאָס מין חסידות שוין גאָר אן אלטער ענין, מחמת חסידים זיינען געווען במציאות נאָך מיט פיעלע הונדערטער יאָהרען צוריק.

**לאָמיר זיך ניט נארען.** געפינען מיר נים אין דער גמרא פיעל מעשיות, הנהגות און דבורים פון חסידים? זיינען דען אלע מקובלים ווי ר' משה קאָרדאָ־וואָרער, דער ר"י הקדוש, ר' חיים וויטאל, דער של"ה און נאָך הונדערטע אנדערע, וועלכע האָבען געלעבט א סך יאָהרען פאר'ן בעל־שם, ניט געווען קיין חסידים? אלא וואָס דען? חסידים און חסידות האָבען לעולם טאקע עקזיסטירט ביי אידען נאָך "מקדמת דנא", פון פערצייטענס אָן, נאָר דער בעל־שם הקדוש האָט ערפונדען א נייע שיטה אין דעם חסידות, וועלכע איז גאנץ דער היפוך פון די פריהערינגע שיטות און דרכים, און דער הייליגער ריזינער ז"ל האָט גע־האט דעם כח, דאָס גליק אין דיא געלעגענהייט, מוציא צו זיין דיא דאָזינגע שיטה מן הכח אל הפועל (צו רעאליזירען דעם ניי ערפונדענעם סיסטעם).

דאָ האָט ר' יחזקאלי מפסיק געווען פאר א מינוט, נעטרונקען צום עולם "לחיים", אלע חסידים האָבען איהם נאָכגעטהאָן, זיך דערכאפּט אביסעל דאָס הארץ און דאן אויפגעשטעלט מויל און אויערען צו דער נייער פילאָזאָפישער ערקלערונג איבער דעם סאדאגורער חסידות.

דער חילוק צווישען דעם אלטען דרך פון חסידות און דער נייער בעל־שם'סקע שיטה — האָט ר' יחזקאלי ווייטער פאָרטגעזעצט זיין שמועס — איז די נעגענזעצטע מיינונג מכח דעם תוכן און דער בעדייטונג פון דעם וואָס מען רופט אן "עולם־הזה".

דיא אלטע פערצייטיגע חסידים זיינען געווען ביי דער מיינונג, אז דיא גאנצע וועלט איז צוזאמענגעשטעלט פון שני הפכים, צוויי נעגעננעזעצטע איי־גענשאפטען, פון גוטעס און שלעכטעס, עדעלעס און גראָבעס, טמא און טהור, גשמיות און רוחניות. דאָס גוטע, דאָס עדעלע, דאָס ריינע און דאָס רוחניות'דיגע, האָבען זייער יניקה און שעפען זייער חיות פון דער קדושה און פון דער נשמה. להיפוך אָבער, אלע מענשליכע און בהמה'שע תאוות, קומען פון דעם גוף און שעפען זייער כח און זייער חיות פון דער טומאה, די סטרא אחרא, רחמנא ליצלן.

נמצא, דאפון זיינען אָט יענע אלטע חסידים געקומען צו א בעשלוס, אז דיא עבודה פון אן אמת'ן חסיד דארף קודם כל בעשטעהן הויפּטזעכליך אין דער עובדא מכניע צו זיין דעם הומר, צו מאכען אונטערטעניג און משעבד זיין אלע כחות פון'ם גוף רק צו דער נשמה, כלומר, אז דער גוף זאָל זיין רק אן עבד צו דער נשמה אין אלע זיינע פּעולות.

אָבער וויא אזוי קען דאָס מעגליך זיין, אז אזעלכע צוויי שונאים, וויא דאָס גוטע מיט'ן שלעכטען, דאָס רוחניות און דאָס גשמיות, זאָלען קענען וואָה־נען צוזאמען און לעבען אין פריעדען, ווען דער פערלאנג פון'ם גוף איז פונקט דער היפוך פון'ם פערלאנג פון דער נשמה?

האָבען זיי, דיא פריהערינגע חסידים, דעריבער אויסגעפונען דעם דרך פון סגופים, דעם גוף כסדר צו פּלאָגען און אויסצומאטערען דורך ווענינ עסען, וועני; שלאָפען, וועניג זיך אָנטהאָן תענוגים, נאָר דאָס וואָס איז נויטיג "להחיות את נפשו", אָהן וועלכען דער גוף קען זיך באמת נים מעהר בענעהן. אזוי אַרומעט, האָבען זיי נעדענקט, וועט דער מענש זיין ביכולת אָבצושוואכען דעם כח הטומאה און גובר צו זיין דיא סטרא אחרא. זיי האָבען דעריבער נעמאכט

אן הנחה, אז וואס מעהר דער מענש ציהט זיך צוריק פון עולם־הזה תענוגים, וואס מעהר ער פאסט און פלאגט זיך, אלץ מעהר דערוויייטערט ער זיך פון דער טומאה און דערנעהענטערט זיך צו דער קדושה.

לויט דער דאזיגער מיינונג, זיינען דער גוף און דיא נשמה, דאס רוחניות און דאס גשמיות, דיא קדושה און, למבדיל, דיא טומאה, צוויי פערשיעדענע וועלטען, וואס האלטען כסדר מלחמה אהן אן אויפהער, און דער זיגדיגער מענש וועלכער איז דער מלחמה־ציעל פון אט דיאביידע ענטגעגענגעזעצטע כחות, מוז זיך ענטשליסען צו געהן רעכטס אדער לינקס, אדער ווי די חסידים האבען זיך אויסגעדריקט, לה׳ אדער לעזאזל.

קומט זיך אבער צו געהען דער הייליגער בעל־שם און מאכט נאר אן אנ־דערע הנחה: היות, אזוי וויא השם יתברך איז דאך "מלא כל הארץ כבודו", פול דיא גאנצע וועלט, און וויא דיא מקובלים דריקען זיך אויס, "לית אתר פנוי מניה", ס׳איז גאר ניט פאראנגען קיין פלאץ אויף דער וועלט וואו השם־יתברך זאל דארטען ניט זיין; דאפון איז דאך בפירוש געדרונגען, אז דער געטלי־כער כח, דאס חיות פון דער קדושה איז בנמצא אפילו אין אלע חומריות׳דיגע ענינים, וועלכע זעהען אוים לפנים, אדער זיינען עם טאקע באמת, מעשה בהמה. די טומאה וואלט לחלוטין גאר ניט געקענט האבען קיין קיום, אפילו איין־איינציגע רגע, וויבאלד דיא געטליכע קדושה זאל אין איהר ניט אריינשיינען און אריינ־געבען א חיות. אין אנדערע ווערטער קען עס הייסען, אז דער גאנצער עולם הגשמי און אלע תענוגים פון׳ם גוף זיינען לגמרי גאר ניט קיין טומאה און קיין סטרא אחרא, זיי זיינען גאר "כלים" צו דער קדושה.

ס׳ווענדעט זיך נאר, וויא אזוי און אויף וואס פאר אן אופן מען געניסט דיא תענוגים. מען קען עסען און עסען, הנאה האבען און הנאה האבען, אבער איין עסען צום אנדערן און איין הנאה צו דער אנדערער, זאל לגמרי גאר ניט גלייך זיין. דער איינער פיהלט אין דער הנאה דאס געטליכע, דאס הויכע, דעם חיות פון דער תאוה, די ניצוצות פון דער קדושה, בעת דער צווייטער פיהלט אין דער זעלבער הנאה דאס נידריגע, מגושם׳דיגע, נראבע, פסולת׳דיגע און סטרא־אחרא׳דיגע פון דער תאוה.

לפי זה, לויט דעם קומט אויס, אז ניט נאר דער צדיק דארף זיך ניט צוריקציהען פון דיא וועלטליכע תענוגים, נאר אדרבה, ער מוז זיי טועם זיין, כדי אויסצוזעפינען אין זיי דעם געטליכען כח וואס ניט אין זיי אריין דאס חיות, און דיא אחוזה (אנהאלטעניש) וואס זיי האבען אן דער קדושה. אין׳ם עסען, אין טרינקען, אין קליידען און אין אלערליי עולם־הזה ענינים, נעפינט דער צדיק אויס די ניצוצות הקדושות, די הייליגע פונקען פון גאט ברוך הוא׳ס כבוד, דיא עבינע קראפט פון אין־סוף און איז זיי מעלה צו זייער שורש.

דיא תאוה גשמית (דיא ליידענשאפט פון ליעבע) — זאגט דער הייליגער בעל־שם — איז נאר א כלי, א מיטעל, צו דער ליעבע פון השם־יתברך. דורך דער גוף׳עדינער תאוה, קען מען פערשטעהען און בעגרייפען וואס מיינט ליעב צו האבען דעם בעשעפער. דער דאזיגער דרך איז אבער א זעהר שווערער עסק פאר׳ן צדיק. מחמת ער דארף ביי אלע זיינע תענוגים אויסגעפינען דעם מקור, דעם תוך, דאס חיות און הימלישעס פון דער הנאה. ביים הנאה האבען, מוז זיך

דער צדיק בעהעפטען און פעראייניגען, מיט דעם חלק הקדושה, מיט׳ן נעטליכען פונק פון דער תאוה, ניט, חלילה, מיט דער תאוה גופא, דאס הייסט דאס מגושם׳דיגע, דאס קליפה׳דיגע, און דיא גראבע טומאה פון איהר.

דער צדיק וועלכער פערשטעהט דאס און האט געגוג שכל און כח המעצור דאס דורכצופיהרען, קומט דאדורך צו א גאר הויכע הימלישע מדרגה, דאמאלס קומט ער צו דער אמת׳ער הבנה (פערשטאנד) פון דעם ענין "מלא כל הארץ כבודו", אז אפילו דאס "ארציות", דיא אזוי מכלומרשט בהמה׳שע ענינים פון דער וועלט, זיינען פול מיט׳ן כבוד און מיט׳ן כח פון גאט ברוך הוא. ער, דער צדיק, פערשטעהט ערשט דאמאלס וואס דיא תורה האט געמיינט מיט איהרע דבורים פון בשעת קבלת התורה, אז דיא "אצילי בני ישראל", דיא גרויסע צדיקים פון יענעם דור, האבען געזעהן דאס גדלות און דעם כח־אלהי אין דעם וואס זיי האבען געגעסען און געטרונקען (ויחזו אלקים ויאכלו וישתו).

נאך מעהר, רבותי. מיט דעם וואס דער צדיק האט א הנאה, א הנאה רוחנית מיין איך, פון דער לפנים׳דיגער תאוה, איז ער דאמיט נאך מהנה דעם בורא עולם, דעם חלק הקדושה, דעם געטליכען טהייל וואס איז משוקע און פער־זונקען אין דער גשמיות׳דיגער תאוה, מאכענדיג דאדורך אויס דער הנאה גשמית אן הנאה רוחנית, אויס דעם גראבען און מגושם׳דיגען אן ערדלעס, געט־ליכעס פערגניגען. וואס מעהר דער צדיק פערטיפט זיך אין דעם תוך תוכם, דיא טיעפענישען פון׳ם תענוג, כדי דארט אויסצוגעפינען און צו ענטפלעקען דיא דארט פערבארגענע געטליכקייט, דיא ניצוצות הקדושות, דאס חיות הקדושה, אלץ העכער שטעהט ער און אלץ גרעסער איז ער.

נאר דוקא מיט דעם דאזיגען דרך קען דער צדיק דאס אלעס טהאן. מיט תעניתים און סגופים, מיט ענטבעהרונגען און זיך פלאגען, איז ער באין אופן ניט אימשטאנד צו איבערקעהרען דיא קליפה צו א קדושה, צו מאכען אויס׳ן שלעכ־טען גוטעס און מעלה צו זיין דיא פערלוירענע ניצוצות הקדושות צו זייער שורש.

דורך אזא מין דרך האט דער בעל־שם־טוב ז״ל אריינגעבראכט אחדות און אייניגקייט אין דער גאנצער נאטור, בעווייזענדיג, אז אלעס איז איינס, אלעס האט דעמזעלבען שורש און דיזעלבע יניקה, און ווער עס פערשטעהט דיא וועלט, קען אין אלעס געפינען גאר דאס גוטע, דאס שעהנע, דאס הויכע און דאס געטליכע.

אזוי ארומעט, לאזט זיך, לכל הפחות, אביסעל משיג זיין, וויא אזוי א צדיק מעג זיך גוט עסען, גוט טרינקען, הערליך וואהנען, שעהן אויספאהרען און דאך זיין דער גרעסטער רבי אין דור. אט דאס איז דער אמת׳ער דרך פון׳ם בעל־שם.

ס׳פערשטעהט זיך, אז ניט יעדער ווייסט און קען דאס אויספיהרען וויא עס געהער צו זיין, אבער וואויל איז צו אונז וואס מיר האבען זוכה געווען זיך מדבק צו זיין אין דעם רעכטען, אויסערוועהלטעסטען צדיק פון׳ם דור.

לאמיר נעמען צו ביסעלעך בראנפען.

## קאפיטעל 51

# דיא מקורבים.

**פערשיעדענע ערליי הויף׳ס עמטער. — דיא זעקס מיניסטארען. — א בעזונדער משגיח אויף כשרות. — דיא שטריימעל-גנבים. — א סימן מובהק אויף מי לחיים און מי למות. — ס׳איז שווער צו האלטען א סוד.**

א חוץ די פיעל משרתים און משרתות, הויף־דאמען און גאווערנאטקעס, אריינגעהערס און טעלערלעקערס, וועלכע זיינען געווען אין סאדאגורער הויף, האט דער רבי געהאט פאר זיך אליין זעקס מקורבים, לייב־מענשען. מאנכע פון זיי האבען געקענט בעטראכט ווערען אלס מיניסטארען און ראטהגעבער פונ׳ם צדיק.

דער פריהער דערמאנטער מקורב ר׳ משה דוד, א מענש א בעל מוח, וועלכער האט געכאפט פונ׳ם רבי׳ן אז עונש פאר קומען אין כעס אריין און געבען א חסיד א פאטש, איז געווען ביים צדיק אין א מדרגה פון א געהיים־ראט. דער רבי האט איהם זעהר געאכטעט און טאקע ליעב געהאט. ביי יעדען שפאציר־אויספאהר האט משה דוד געמוזט באגלייטען דעם רבי׳ן. ער האט געוואוסט ווע־גען אלע סודות, וועלכע זיינען געווען פארבארגען פון די איבריגע מקורבים. דער רבי פלעגט זיך תמיד מיט איהם בעראטען אין יעדער וויכטיגער אנגעלעגענהייט. דעריבער האבען איהם די חסידים נעהאלטען פאר א שטיק בעל־מדרגה, א הויכער מוח־מענש.

ר׳ הירש ליב ביליג, א איד א גרויסער תלמיד־חכם, א ספרא רבא, א ווילדער ידען און א גרויסער חכם, א געוואלטיגע פער־זענליכקייט ביי די רייכע רוסישע חסידים, איז געווען אין דער בחינה פון "מיניסטער פאר אויסערליכע אנגעלעגענהייטען". ער האט גע־פיהרט די גאנצע קארעספאנדענץ מיט אלע רביים און וואזשנע חסידים פון רוס־לאנד ווי אויך פון רומעניען און גאליציען גופא. ער האט אויך געהאלטען אין זיינע הענט די לייצען פון דער אויסערליכער פאליטיק, ווי פון מאכען רבנים, אנשטעלען שוחטים און אנדערע התמנות׳ן (פאסטענס) איבער אלע ענינים וואס האבען נוגע געווען אידישקייט און חסידות, אויף וועלכע דער צדיק האט געהאט

און איינפלוס. דאס איז געווען א זעהר שווערער פאראנטוואָרטליכער פּאסטען, באזאנדערס איז דער צייט פון דעם גרויסען מחלוקת פון סאנז מיט סאדאגורע, ווען יעדער צד פון די בעלי פּלוגתא האבען אויסגענוצט זייער גאנצען כח און איינפלוס אין אלע שטעדט וואו עס זיינען געווען ביידע־ערליי חסידים, צו ערא־בערען די רעליגיעזע פּאזיציעס פון אייגענע רבנים, שוחטים און אנדערע וויכ־טיגע־כלי קודש. א זאך וואס האט ניט איין מאל געפיהרט צו געשלעגערייען, קפּוח־פּרנסה און נאך צו פיעל ערגערע זאכען, ווי עס וועט אן אנדערש מאל דער־צעהלט ווערען.

ר׳ מאטיע ראזען איז געווען דער גבאי־צדקה פונ׳ם רבי׳ן. ער האט פאר־וואלטעט אלע ענינים פון דער הויפּס־צדקה, וועלכע האט באטראפען אן ערך פון צוויי טויזענד גולדען א וואך. ער איז אויך געווען דער פיהרער פונ׳ם כולל וואה־לין, איבער וועלכען דער רבי ז״ל איז געווען דער נשיא, אונטער וועלכען עס האָ־בען זיך פאראייניגט אלע שטעדט, וואו דעם סאדאגורער רבינ׳ס השפּעה איז גרויס געווען. דער ריכטיגער נאמען פון דעם דאזיגען כולל האט באמת באדארפט זיין "דער סאדאגורער כולל", ווייל די הכנסה און אויך די הוצאה איז געווען כמעט אויסשליסליך פון און צו סאדאגורער חסידים. פון דעם דאזיגען ארץ־ישראל געלט איז ר׳ מאטיע געווען דער קאסירער און דער הויפּט־פערוואלטער.

ר׳ פּינחס גבאי איז לכתחילה געווען דער הויפּס־פּארוואלטער און איינקוי־פער פון אלצדינג וואס דער הויף האט באדארפט. שפּעטער נאכדעם ווי דער מקורב ר׳ משה דוד האט זיך פארזינדיגט ביים רבי׳ן, האט ר׳ פּינחס איבער־גענומען זיין שררות מסדר צו זיין די חסידים ביים טיש איידער דער רבי קומט אריין. ער האט אויך געהאט די אויפגאבע צו געהן פאראויס פאר׳ן רבי׳ן, ווען דער רבי איז געגאנגען צום דאווענען אדער צו א טיש, כדי צו מאכען פּלאץ צווי־שען די ווארעמס פון די הונדערטער און אויך צומאל טויזענדער חסידים, וועלכע האבען זיך געשטופּט מיט מסירות־נפש צו זעהן דעם צדיק. צו די צוויי זאכען, מסדר זיין דעם טיש און באשיצען דעם רבי׳ן, האט מען באדארפט האבען א בעל־גוף און א בעל־כח. דערצו האט זיך גוט געפּאסט ר׳ פּינחס גבאי מיט זיינע ברייטע פּלייצעס און ריעזיגע ידים.

ר׳ יצחק דוד לייזעראוויטש איז געווען דער קיך־פּארוואלטער און דער אויסטיילער פון מאנאש צו די יושבים, און חלות, לעקעך און בראנפען צו אלע חסידים אום שבת און אום יום־טוב. ער האט אויך געמוזט באזארגען די מיוחס׳־דיגע חסידים, רבי׳לעך, רבי׳שע אייניקלעך און אנגעזעהענע רבנים, אהיים צו שיקען צו זיי אויף דער סטאנציע עסען און טרינקען ביד רחבה.

ר׳ זוסיא ראזען, א זוהן פון דעם פריהער דערמאנטען ר׳ מאטיע ראזען, איז געווען דעם רבינ׳ס לייב־גבאי. ער האט זוכה געווען משמש צו זיין דעם רבי׳ן ביים אנטאן און אויסטאן אין דערהיים ווי אויך אין דער מקוה. ער האט אויך באדיענט דעם רבי׳ן ביים עסען אין זיין פּריוואט־חדר. דער רבי פלעגט בכלל ניט וועלען עסען סיידען נאר פון ר׳ זוסיא׳ס האנד, ווייל ער האט איהם זעהר גורס געווען.

א חוץ די דאָזיגע זעקס לייבליכע מקורבים זיינען אויך געווען אין הויף האַלבע און פערטעל מקורבים, צווישען וועלכע עס איז כדאי צו דערמאָנען ר׳ הירש׳ל סקוהלער, וועלכער האָט געהאַט די אויפזיכט אין דער קיך איבער די כשרות. ער האָט געמוזט שטעהן ביים ווייקען, זאַלצען און אָנגיסען דאָס פלייש, כדי צו זיין זיכער, אַז ס׳איז געמאַכט כדין וכהלכה. מחמת אפילו אויף דער פרומער קעכין האָט מען זיך אין סאַדאַגורער הויף ניט סומך געווען אינגאַנצען אויף כשרות. און אויך ר׳ ליבוש׳ל איסטריקער, דער ראש החברה פון די יושבים, וועגען וועלכען איך האָב שוין פריהער געשמועסט און וועמען איך בין שולדיג א באַזונדער דאַנק, ווייל ער האָט מיך מציל געווען פון א גנבה.

דאָס איז געווען אין דעם לעצטען שבועות פאַר׳ן רבינ׳ס הסתלקות. זייענדיג דאַמאָלס אין סאַדאַגורע, האָב איך געוואָלט צוזעהן די גרויסע צערעמאָניע וואָס ווערט געפייערט בשעת די חברה חסידים פיהרען דעם רבי׳ן, בעלות הבוקר, אין מקוה אַריין. זיי, די אַלטע אויסגעפראַוועטע חסידים, האָבען מקים געווען דיא מצוה פון אויף־זיין די נאַכט פון שבועות בשלמות. איך אָבער, א גאַליציאַנער חסיד, בין מיעד געוואָרען, פשוט שלעפעריג געוואָרען, און האָב זיך געלעגט שלאָפען אין דרויסען, אויף די געפלאַסטערטע טרעפ פון דער פראָנט פון דער קלויז, כדי זיך אויפצוכאַפּען, ווען דער רעש פונ׳ם געזאַנג בעת דער מקוה־צערעמאָניע וועט זיין גרויס, און זיך באַטייליגען אין דער דאָזיגער שמחה.

איך ווייס ניט צי ראַטשילד פיהלט אַזא זיסען טעם אינ׳ם שלאָף אין זיין ווייכען פעדערען־בעט, ווי עס פיהלט זיך א חסיד שלאָפענדיג אינ׳ם רבינ׳ס קלויז אויף דער האַרטער באַנק אָדער אויף די גלאַטע שטיינער פונ׳ם רבי׳ס הויף. איך האָב געשמאַק איינגעשלאָפען, באַדענדיג זיך אין א ים פון זיסע חלומות.

פלוצים האָב איך דערפיהלט א שאָקעל פון א פעסטער האַנט, טרייסלענדיג מיין שלאָפענדיגען גוף ווי מיט א לולב, זאָגענדיג: „פריטץ, וואָס שלאָפסטו דאָ? מען וועט ביי דיר נאָך אוועק׳גנב׳ענען דאָס גוטע שטריימעל!"

איך האָב געעפענט די אויגען און דערזעהן פאַר מיר שטעהן א קורץ און גראָב אידעל, אונזער ראש החברה. זייענדיג זעהר שלעפעריג, האָב איך זיך לכתחילה ניט געוואָלט צוהערען צו זיינע דבורים. איך האָב לחלוטין זיך ניט געקענט פאַרטרויט מאַכען מיט דעם געדאַנק, אַז צווישען דעם רבינ׳ס חסידים זאָלען זיך גאָר געפינען גנבים. איך האָב זיך איבערגעדרעהט אויף דער אנדער זייט און געוואָלט פאַרטזעצען מיין שלאָף, אָבער מיין ראש החברה האָט אויס רחמנות צו מיין שטריימעל מיך געטאַרעט ביז איך האָב געמוזט אויפשטעהן.

אמת, איך בין שפעטער ווידער איינגעשלאָפען, אויף אַן אנדער פלאַץ, אַזוי שטאַרק, אַז איך האָב פאַרשלאָפען די גאַנצע צערעמאָניע, און מיין שטריימעל האָט מען מיר, על פי נס, דאַרט ניט צוגע־גנב׳עט. איך האָב זיך אָבער דאַן דערוואוסט, אַז עס געפינען זיך פיעלע בעלנים, וועלכע קומען קיין סאַדאַגורע אַלס חסידים און פיהרען אהיים א גאַנצע וואַגאַן־לאַדונג מיט שטריימלעך און אנדערע זאַכען וואָס עס קומט זיי נאָר אונטער די הענט. עס איז דעריבער א סברא, אַז מיט דעם וואָס ר׳ ליבוש׳ל איסטריקער האָט מיך גראָד אויפגעוועקט אין דער ריכטיגער צייט, האָט ער מיך דאָך מציל געווען פון א גנבה.

עס איז אויך כדאי צו באמערקן, אז דיא אלע גבאים און מקורבים האבען געפיהרט גביר׳ישע הייזער און געלעבט בהרחבה ווי פירשטען. עס האט זיי ניט געפעהלט קיין פויגעל מילך אפילו. מאנכע פון זיי האבען אויך איבערגעלאזט א שעהנעם פארמעגען, נאכדעם ווי זיי האבען אפגעלעבט זייערע יאהרען אין גדולה מיט כל טוב און חתונה געמאכט זייערע קינדער אין נחת און כבוד אזוי, אז מען האט זיך געקענט איבערצייגען ווי אמת עס איז דער מאמר פון דער גמרא: ״טוב לצדיק וטוב לשכנו״.

דער סאדאגורער רבי ז״ל האט קיינמאל ניט געזאגט צום חסיד אלס אן ענט־פער, אויף דער בקשה פונ׳ם קוויטעל, מעהר ווי די ווערטער: ״השם יתברך מ ע ג דיר העלפען״, אדער ״ז א ל דיר העלפען״. האט דער חסיד געמעגט זיך בעטען רחמים, אז דער רבי זאל איהם מ ב ט י ח זיין א ישועה, האט אלץ דער צדיק נאר איבערגע׳חזר׳ט דיזעלבע דבורים. ביי זעהר קליינע אויסנאהמען האט זיך געטראפען, אז צום צווייטען מאל האט דער רבי געזאגט: ״השם יתברך ו ו ע ט דיר העלפען״. דאמאלס האט שוין דער חסיד געוואוסט פאר א בריא, אז ער וועט געהאלפען ווערען. ער האט שוין ממש געהאט די ישועה אין דער קעשענע און אהיים געפאהרען מלא גדולה.

די נאהנטע מקורבים פונ׳ם רבי׳ן האבען אבער תמיד דערקענט אן דעם טאן פון דער ברכה און אן די מינעם פונ׳ם צדיק׳ס צורה, צי דער חסיד האט גע־פועל׳ט אדער ניט. באזונדערס פלעגען זיי האבען א סימן מובהק צו דעם צדיק׳ס תפילה וועט אנגענומען ווערען, בעת עס האט זיך געהאנדעלט אין א רפואה־בקשה פאר א חולה מסוכן. וויבאלד דער רבי האט נאכ׳ן לייענען דאס קוויטעל עס צוגענומען און באהאלטען אין זיין קעשענע, האבען זיי געוואוסט פאר זיכער, אז דער קראנקער וועט בקרב האבען א רפואה שלמה. האט דער צדיק דאן נאכ׳ן לייענען אוועקגעלייגט דאס קוויטעל אויפ׳ן טיש מיט דעם געשריבענעם אראפ און מיט דער ליידיגער זייט ארויף, איז פאר זיי דאן געווען אודאי, אז דער חולה האט נימ מעהר קיין האפנונג געזונט צו ווערען, ער איז שוין לאחר יאוש. האט אבער דער רבי געלייגט דאס קוויטעל אויפ׳ן טיש מיט׳ן כתב ארויף, האט עס ווידער געהייסען, אז די אנגעלעגענהייט איז נאך ניט ערליידיגט, ניט צום גוטען און ניט צום שלעכטען. זיי האבען זיך דאן באמיהט, אויב ס׳איז געווען א היימי־שער חולה, דעם רבי׳ן צו דערמאנען וועגען דעם חולה, כדי ער זאל ווייטער מתפלל זיין.

די דאזיגע סימנים האבען אבער נאר געוואוסט די מקורבים און מאנכע יחידי סגולה, פון וועלכע איינער האט מיר דאס מוסר געווען בסוד־סודות. עס איז אפשר טאקע אן עולה וואס איך בין איצט א מגלה סוד. זאל מיר עס נאט מוחל זיין.

## קאפיטעל 52.

# דאס קאנאריקעל.

**א שמועס פון גלגולים. — דער פחד פאַ ׳ דער מגפה. — חסידים זוכען שוץ ביים רבי׳ן. — דער חסיד איז מנצח דעם רבי׳ן און כאפט אן עונש.—דער גלגול אין א קאנאריקעל.—דער רבי גיט איהם א תיקון.**

געהערט האב איך דיא דאזיגע מעשה וואס כ׳געה אייך דא דערצעהלען, פון א איש מהימן, דער הויפט־מקורב פון׳ם סאדאגורער רבי׳ן, זיין רעכטע האנד ממש, ר׳ הירש ליב ביליג ז״ל (א שוואגער פון דעם שרייבער פון דיא רבי׳שע מעשה׳לעך). און דערצעהלט האט ער דאס ביי א יומא־דפגרא־זיץ, אין טעבעל׳ס שענק ביי א גלעזעלע משקה.

געשמועסט איז דעמאלט געווארען מכח גלגולים, וויא דער מענש, וויא גוט און פרום ער זאל ניט זיין, מוז ער נאך הונדערט און צוואנציג יאהר מגולגל ווערען אין פערשיעדענערליי ברואים, ביז ער ווערט גאנץ געלייטערט און איז זוכה צו־ריק צו קומען צו זיין שורש, צו א שטענדיגען מקום מנוחה צום פלאץ פון אייביגע אונאויפהערליכע תענוגים.

עס פערשטעהט זיך, אז דער הויפט תכלית פון דעם דאזיגען שמועס איז געווען, מפרסם צו זיין דעם כח פון׳ם צדיק מתקן צו זיין אזעלכע פערוואלגערטע נשמות, דורך פערשיעדענע דרכים, צו העלפען זיי, אז זיי זאלען ווערען געלייטערט פאר דיא צייט, ניט דארפען מיט־מאכען פיעל גלגולים און ארומוואנדערונגען פון בעשעפעניש צו בעשעפעניש, מאה פעמים ואחד.

דארויף האט ר׳ הירש ליב אנגעהויבען זיין ספור־המעשה:

געוועזען איז דאס, אויב כ׳האב ניט קיין טעות, אין יאהר תקצ״א. דיא חולי־רע, רחמנא ליצלן, האט דאמאלס געבושעוועט אין גאנץ רוסלאנד און געמאכט חורבות ניט־דא־געדאכט אין יעדען הויז.

קוים איז די מגפה צוגעקומען צו דעם שטעדטעל ריזין, האט זיך דער רבי ז״ל אבגעשלאסען אין זיין חדר־מיוחד און קיין שום פרעמדען מענש צו זיך ניט צוגע־לאזט. ער האט ארויסגעגעבען א בפרוש׳דיגע פקודה צו זיינע מקורבים, אז זיי זאלען איהם צורוה לאזען, ניט צולאזען צו איהם קיין שום אורח, און ניט איהם מבלבל זיין פון זיין עבודה און פון זיינע כונות אפילו מיט א דבור בל־שהוא.

ער האט געוואלט כאטש מציל זיין וויפיעל ס׳לאזט זיך. כאטש אבהיטען זיין סביבה פון׳ם מלאך המשחית. דאצו האט זיך געפאדערט א געוואלדיגע מוח־

עבודה אהן וועלכע ס׳איז שטערונג. ס׳איז בלתי ספק, אז ער וואלט עס געוועז אויסגעפיהרט, ווען ניט דער גרויסער כח פון׳ם בעל־דבר, וועלכער האט זיך בע־דיענט אלס א מיטעל, טאקע מיט דעם רבינ׳ס א טרייען חסיד, ר׳ נתנאל׳ע האט ער געהייסען, און צופיהרט דעם גאנצען בנין.

ר׳ נתנאל׳ע איז געווען אן אלטער טרייער חסיד, וועמען דער ריזינער ז״ל האט איבערנומען בירושה נאך פון זיין פאטער ר׳ שלום שכנא. ער איז געווען א פלאם־פייער אין חסידות, א מאמין אין׳ם רבי׳ן, דעם ריזינער, בלב ונפש, פאר׳ן רבינ׳ס א דבור וואלט ער זיך ממש מקריב געווען, ניט געזאגט, נאר טאקע פשוט געגאנגען אין פייער אריין.

צוליעב דער שרעק פון דער מגפה, האבען זיך פיעל אידען פון דער אומגע־גענד פערזאמעלט קיין ריזין, וועלענדיג זיין נאהענט פון׳ם צדיק אין דער עת צרה, כדי זיך צו שיצען אונטער דיא פליגעל פון זיין זכות. דער גרויסער המון האט אנגעפילט דעם גאנצען הויף פון׳ם רבי׳ן, ווארטענדיג דער רבי זאל זיי צולא־זען און זיי געבען א ברכה און אויך א שמירה פאר דער מגפה.

צו זייער אלעמענס צער, האט זיי דער גבאי מודיע געווען, אז דער צדיק האט א בפרוש׳דיגען בעפעהל געגעבען קיין מענש אויף דער וועלט ניט צו צו־לאזען צו איהם פאר א געוויסע צייט.

וואלטען דארטען געווען בלויז חסידים פון׳ם אמת׳ן ריזינער טיפ, וואלטען זיי געגאנגען אין שענק אריין, געטרונקען ״לחיים״ מיט שמחה, וויסענדיג אז דער רבי ווייסט מסתמא וואס ער טהוט, אז דאס אלעס איז נאר לטובת ישראל. זיינען אבער ס׳רוב פערזאמעלטע אין׳ם רבינ׳ס גרויסען הויף געווען דארפסלייט, פראסטע ברואים, האבען זיי אנגעהויבען ביטער צו וויינען, מיינענדיג אז דאס וואס דער צדיק לאזט זיי ניט צו, איז א סימן אז דיא הימלישע טויערן זיינען פערשלאסען. דער גזר־דין איז שוין גע׳חתמ׳עט און ס׳איז שוין לחלוטין פאר זיי קיין הילף ניט פאראנען.

ר׳ נתנאל׳ע חסיד, וועלכער האט ניט געקענט צוקוקען דעם צער פון׳ם עולם, וויסענדיג אז וויבאלד דער צדיק זאל זיי צו זיך צולאזען וואלטען זיי געפיהלט א היילונג אויף׳ן הארצען און געפאסט מוטה איבערצושטעהען דיא צרות און אי־בערצוואווארטען דיא שלעכטע צייט, האט אויף זיך מקבל געווען זיך איינצושטע־לען דאס לעבען, מבלבל צו זיין דעם צדיק, און איהם אויפמערקזאם מאכען אויף דעם צער פון דיא הונדערטער אידען.

ער האט שוין גוט געוואוסט אז דער יאזיגער ענין שמעקט מיט סכנת־נפשות. אז דעם צדיק׳ס הקפדה מוז מאכען א שלעכטען רושם. ער האט אבער געפיהלט אז ער דארף דאס טהאן און מוז עס טהאן.

אלס היימישער מענש, האבען די גבאים איהם לגמרי ניט געהיטען. בעקו־מענדיג דיא געלעגנהייט, האט ער פלוצים אן עפען געטהאן די טהיר פון׳ם רבינ׳ס חדר.

דער צדיק איז שטארק צורודערט געווארען און אויסגערופען מיט א טאן פון פערוואונדערונג:

"נתנאל׳ע ! "

"הייליגער רבי — האט ר׳ נתנאל׳ע זיך אנגערופען בעת דיא צייהן האבען איהם געקלאפּט פאר שרעק — דער עולם גארט אייך צו זעהן, דער עולם מוז אייך זעהן. אייער הייליגע צורה, וועט פערטרייבען דעם מלאך המשחית פון זייער סביבה און דעם טויט־שרעק פון זייערע הערצער. בענשט זיי, רבי, בענשט זיי ! "

דער צדיק איז געשטאנען א ווילע פערטראכט דאן האט ער זיך אנגערופען:

"גוט, געה זאג זיי, אז איך וועל באלד צוקומען צו דעם פענסטער פון׳ם פראנט־חדר און זיי געבען א ברכה".

מיט א פרעהליך פנים, רויכערענדיג דיא לולקע־ציבוק, האט זיך דער צדיק בעוויזען פאר דיא פערזאמעלטע חסידים אין הויף און זיי געגעבען א ברכה. דורך דעם בלבול־עבודה פונ׳ם צדיק האט אבער די ברכה נאר געהאט א כח פאר דער גאר נאהענטער סביבה.

פון אלע חסידים וואס זיינען דאמאלס צוגעגען געווען, איז ר׳ נתנאל׳ע געווען דער איינציגער וואס איז געפאלען אלס א קרבן פון דער דאמאלסדיגע מגפה.

דעם צדיק׳ס הקפדה האט דאס גורם געווען.

קיין ווארט האט מען ניט געהערט רעדען דעם צדיק מכח זיין געליעבטען חסיד צוויי יאהר רצופים, מען האט איהם שוין כמעט געהאט פערגעסען, נאר זיך דערמאנט אין איהם צו זיין יאהרצייט בעת די חסידים האבען געטרונקען תיקון פאר זיין נשמה.

א פלא איז אבער געשעהען באלד נאך ר׳ נתנאל׳עס טויט. בעת דער רבי איז אמאל געגאנגען אין מקוה אריין, האט ער געזעהען א שייגיצעל האלטען אין דער האנד א שטייגעל אין וועלכען ס׳איז געווען א קאנאריקעל. ער האט דאס שפיעל־פויגעלע געכאפּט אין וואלד און איז געקומען אין הויף אריין עס צו פער־קויפען.

דער צדיק האט געהייסען דעם גבאי קויפען דאס קאנאריקעל, עס אריינזע־צען אין א שעהן גאלדען שטייגעל און עס אויפהענגען ביי איהם אין זיין חדר מיוחד.

זייט דאמאלס פלעגט דער צדיק, טאג ביי טאג, איידער ער איז געגאנגען דאווענען, זיך אנידערשטעלען ביים שטייגעל און אין א פער׳דבק׳טען צושטאנד זיך צוהערען צו דיא שעהנע און יעמערליכע טרילערס פון׳ם קאנאריקעל. די מקורבים האבען שוין גוט פערשטאנען אז דער עסק איז ניט א פשוט׳ע זאך. אז דער רבי, וועמעס אויער איז אפען זיך צו צו הערען די הימלישע שירה וואס די מלאכים זינגען פאר׳ן כסא הכבוד, קען לחלוטין ניט פעראינטערעסירט זיין אין געזאנג פון א פשוט קאנאריקעל.

מען האט זיך געמערקט, אז אין אט דעם דאזיגען קליינטשיקען פויגעל איז פערשטעקט א נשמה פון א גאר גרויסען צדיק. צוליעב וועמען דער רבי פעראר־בייט מעשים כדי איהם צו געבען א תיקון.

אבער ווער קען דאס זיין אט די דאזיגע נשמה? געה זיי א חכם און פער־שטעה סתרי בראשית (די געהיימניסע פון דער נאטור).

ענדליך איז אבער דער טיפער סוד נתגלה געווארען.

ס׳איז געווען צוויי טאג אין חודש ניסן, ווען מען לייענט אין דער תורת נאך׳ן דאווענען דעם צווייטען ״נשיא״, וועמענס נאמען איז געווען ״נתנאל בן צוער״. יענעם טאג איז די עבודה פון׳ם צדיק געווען פאר׳ן דאווענען מורא׳דיג. זיין דבקות איז געווען איבערנאטירליך, און דאס קאנאריקעל האט פון זיך ארויס־געגעבען הימלישע טענער, עפּיס האט מען געפיהלט אז ס׳דארף פארקומען עפּיס חידוש׳ליכעס. אלע הערצער האבען געצאפּעלט פאר גרויס אויפרעגונג.

פלוצים האט דער רבי אויסגערופען: ״היינט איז א שטיק יום־טוב, דער יום־טוב פון׳ם נשיא נתנאל. ס׳איז זיין טאג און זיין שמחה, לאמיר געהען דאווענען״.

נאך׳ן דאווענען, נאכדעם ווי מען האט שוין געהאט אבגעלייענט דעם ״נשיא״ פון׳ם טאג, האט מען געהערט דעם צדיק זאגען דעם ״יהי רצון״ פון׳ם נשיא, מיט אזא התלהבות, אז ס׳איז ממש געווען א בחינה פון כלות־הנפש.

און דאס איז דער נוסח פון׳ם יהי רצון:

״יהי רצון מלפניך ה׳ אלקי ואלקי אבותי שתאיר היום בחסדך הגדול על נשמתיו קדישין דמתרחשין כצפרין, ומצפצפין ומשבחין ומצלאין על עמא קדישא ישראל. רבונו של עולם, תכנים ותעייל הנך ציפרין קדישין לאתר קדישא דאתמר עליה עין לא ראתה אלקים זולתך.״

אויף אידיש מיינט דאס:

״הלואי ס׳זאל זיין פון דיר א גוטער ווילען, א הימלישער גאט, דו זאלסט היינט פערלויכטען מיט דיין גרויסע גנאדע, אלע הייליגע נשמות וועלכע פלאטערן ווי די פויגעלעך און סוויטשערן און לויבען און בעטען פאר דיין פאלק ישראל. רבונו של עולם, ברייננג שוין אריין יענע הייליגע פויגעלעך צו יענעם הייליגען ארט, פון וועלכען דער נביא האט געזאגט, אז קיין אויג האט דאס ארט נאך ניט געזעהען א חוץ דיר, גרויסער גאט״.

באותו רגע, האט זיך דאס קאנאריקעל אין מיטען זינגען, אויסגעשטרעקט און געלאזט די נשמה.

דאפון האט מען זיך געדרונגען, אז דאס קאנאריקעל איז געווען דער גלגול פון ר׳ נתנאל חסיד און זיין נשמה האט געהאט א תיקון אין דעם טאג פון׳ם נשיא ״נתנאל בן צוער״.

דאס הייליגע פויגעלע איז אריינגעבראכט געווארען אינ׳ם הייליגען ארט פון אונטער׳ן כסא־כבוד, מיט דעם כח פונ׳ם צדיק׳ס תפלות און מוח־עבודה.

## קאפיטעל 53.

# א מופת.

**מען האָט ניט ליעב צו דערצעהלען מופתים. — דער פועל יוצא פון סאנזער מחלוקת אויף סאדאגורע.—א פרומער בן סורר ומורה.— דער לעבעדיגער מת. — א פערקעהרטע ווירקונג. — איין רבי איז מעניש דעם צווייטען.**

כ׳האָב שוין אמאל בעמערקט, אז די סאדאגורער חסידים האָבען ניט גערן צו דערצעהלען מופתים פון זייער רבי׳ן, פון וועלכען זיי גלויבען אז ער איז "כלו מופת", אלע זיינע תנועות און מנהגים זיינען בלויז וואונדער, מחמת ער איז א מושל איבער דער גאנצער נאטור און זיינס א פשוט׳ער דבור איז בוקע רקיעים, שפאלט אלע הימלען. פונדעסטוועגען, ווערט כמעט ביי יעדען חסידישען זיץ דערצעהלט פערשיערענע מופתים וואס דער צדיק האָט בעוויזען, אבער דאס דער־צעהלען פון דיא מופתים איז נאר ווי כלאחר יד, א מין אגב־אורחא זאך, כדי מחזק צו זיין די אמונה צווישען די נאך ניט גאנץ אויסגעפראוועטע חסידים, וועל־כע שטעהען נאך ניט אויף אזא הויכע מדרגה צו וויסען, אז מופתים בעווייזען איז די נידריגסטע מדרגה פון׳ם צדיק, א מין גוט־אידיש דרדק־חדר.

האָט מען אמאל ביי א חסידישען זיץ זיך צושמועסט מכח דער ווירקונג וואס ס׳האָט געהאט אויף׳ן חסידות דאס שרעקליכע סאנזער מחלוקת.

וויא עס איז בעקאנט, האָט דער סאנזער רב, וועלכער איז געווען דער גרעס־טער פערעהרער פון׳ם ריזינער צדיק, אנגעהויבען צו פיהרען, שפעטער נאך׳ן ריזינער׳ס פטירה, א שטארק מחלוקת אויף דיא ריזינער קינדער און אלע זייערע חסידים. דאָס מחלוקת האָט זיך דאן אזוי שרעקליך צו־פלאקערט, אז ס׳האָט געבראכט צו געשלעגען, הריגות, מסירות און חרמות. דער סאנזער רבי האָט ארויסגעגעבען אן איסור אויף אלע סאדאגורער חסידים, אז מען טאר זיך מיט זיי ניט משדך זיין, ניט צוזאמען דאווענען און זיי ניט מצרף זיין צו קיין שום דבר מצוה. א זאך, וועלכע האָט גורם געווען א געוואלדיגע שפאלטונג אין דיא חסידישע מחנות.

..."ווען מען דענקט, אז די שרעקליכע גזרות פון׳ם סאנזער האָבען געהאט אירגענד וועלכע ווירקונג אויף׳ן סאדאגורער חסידות, צו פערקליינערן איהר איינפלוס, האָט מען א זעהר גרויסען טעות — דאס איז געווען דיא הקדמה פון

דעם ראש המדברים, וועלכער האָט געהאַט דאָס וואָרט מכח דעם דאָזיגען ענין. — אדרבה, וואָס מעהר די רדיפות מצד סאַנז האָבען זיך פערשאַרפט, אַלץ מעהר האָט זיך געשטאַרקט דער כח כון אמונה אין דיא הערצער פון אונזערע חסידים אין אונזער הייליגען צדיק, און אַלץ מעהר האָבען זיך אַן אונז בעהעפט פיעל חסידים טאַקע פון׳ם סאַנזער׳ס חדר גופא. מאַסען יונגעלייט האָבען פערלאָזט זייער פעטערליך הויז, זייערע פרויען און קינדער און זיינען געפאָהרען קיין סאַדאַגורע, דאָרט געוואָרען יושבים, זיך אָבגעפּלאַגט יאָהרען, ניט קוקענדיג אויף דיא געפאָהרען וואָס זיי וועלען שפּעטער האָבען אויסצושטעהען, בעת זיי וועלען צוריק אַהיימקומען, פון דער סאַנזער סביבה און אָפטמאָל טאַקע פון דעם אכזריות פון דיא אייגענע פאַמיליע.

אזא מין מעשה האָט זיך פערלאָפען אין דראָהאָביטש, ביי א שטערטישען בעל־בית, א סאַנזער חסיד, ר׳ יצחק ווייצנער. ער האָט געהאַט א בן יחיד, א זיידענער יונגערמאַנטשיק, אלקנה האָט ער געהייסען, וועלכער איז געווען פערהייראַטעט טאַקע פון דראָהאָביטש גופא. אָנהערענדיג זיך אין בית־המדרש פון דיא סאַנזער חסידים מעשים תעתועים מכח דיא סאַדאַגורער רביים און זייערע חסידים, האָבען דיא דבורים גאָר געהאַט א פערקעהרטע פעולה אויף זיין יונגע נשמה. ס׳האָט זיך איהם פּלוצים פערגלוסט צו פאָהרען קיין סאַדאַגורע, כדי צו זעהען מיט זיינע אייגענע אויגען, אויב ס׳איז אַלצדינג אמת וואָס דיא סאַנזער האָבען אויסגערעדט אויף די סאַדאַגורער צדיקים און אויף זייערע קינדער מכח זייערע הנהגות און אויפפיהרונגען.

עס האָט זיך אַט דעם דאָזיגען יונגענמאַן בשום אופן ניט געלאָזט גלויבען, אַז דיא קינדער פון׳ם ריזינער צדיק, צו וועמען דער סאַנזער אַליין איז געפאָהרען און איהם געהאַלטען אלס א קדוש אלקים, אַז אַט דעם דאָזיגען צדיק׳ס קינדער, רביים פון טויזענדער חסידים, זאָלען זיך פּלוצים אויפפיהרען ניט על פי תורה, און אַז זייערע חסידים זאָלען מיר־ניט דיר־ניט ווערען פּראָסטע משומדים מיט וועלכע קיין עהרליכער חסיד טאָר ניט האָבען קיין שום מגע ומשא.

און דער טעמפּעראַמענטפולער יונגער אלקנה, האָט איבערגעלאָזט זיין פאָטער און מוטער, זיין שוועהר און שוויגער צוזאַמען מיט זיין יונג ווייבעל, און איז בגנבה אוועק געפאָהרען קיין סאַדאַגורע.

קוים האָבען זיינע עלטערן זיך דערוואוסט פון דער "מעשה־רע" וואָס זייער בן־יחיד האָט געטהאָן, צו פערשוואַרצען דאָס פּנים פון דער גאַנצער משפּחה, ווערענדיג א סאַדאַגורער חסיד, האָבען זיי זיך אונגעהויער מצער געווען. ביי זיי, וויא אויך ביי די שוועהר און שוויגער פון דיזען יונגען בן יחיד, האָט עס געהייסען, אַז דער זוהן איז געוואָרען א "יוצא לתרבות רעה". רחמנא לצלן.

איז ר׳ יצחק ווייצנער געגאַנגען צום דראָהאָביטשער רבי׳ן ר׳ ישעיה׳לע, זיך מיט איהם שואל בעצה צו זיין, וויא אַזוי ער זאָל זיך נוהג זיין מיט זיין "בן סורר ומורה".

דער דראָהאָביטשער רבי ר׳ ישעיה׳לע, א שטאַרקער געגנער פון סאַדאַגורע, האָט איהם געהייסען זיך רייסען, "קריעה" און זיצען "שבעה" נאָך׳ן זוהן פונקט ווי נאָך א מת, דאַן אַן איהם גאַנץ צו פערגעסען און ניט מעהר האָבען, זאָלאַנג

ער וועט לעבען, וואס ס׳איז פאר א מגע ומשא מיט זיין בנ׳אק, דעם משומר. ער מוז ביי איהם פון היינט אן פערערכענט זיין, פאר א טויטען כשאר המתים.

דיא עלטערען האבען געטהאן אלעס וואס דער רבי האט זיי געהייסען.

נאכדעם ווי דער יונגער אלקנה איז אבגעזעסען א צייט, אלס א "יושב", אין סאדאגורע, און די מטבעות וואס ער האט מיט זיך מיטגענומען האבען זיך אויס־געלאזט, האט ער נעבאך געמוזט בחרפה ובבושה צוריק אהיימפאהרען קיין דרא־האביטש, כאטש ער האט גאנץ גוט געוואוסט אז ס׳ערווארטעט איהם דארטען ניט קיין זעהר פריינדליכער קבלת פנים.

קומענדיג אהיים, האט ער געטראפען די טהירען פון זיין שוועהר, ביי וועמען ער פלעגט פריהער עסען קעסט, פערשלאסען פאר איהם. דער שוועהר האט איהם קורץ און שארף צו פערשטעהען געגעבען, אז ער האט אין זיין הויז לגמרי גאר ניט וואס צו זוכען און איהם ניט אפילו געגעבען רשות זיך צו זעהען מיט זיין יונג ווייבעל "ריוועלע".

"מוז מען צוריק ווערען א בחור און צוריקגעהען צו מיין עלטערנ׳ס הויז" — האט זיך אלקנה געטראכט—"זיי וועלען זיכער ניט פערשליסען זייערע טהירען פאר זייער בן־יחיד וויא דער אכזריות׳דיגער שוועהר האט געטהאן".

ער האט אבער, צו זיין גרעססטער איבערראשונג, זיך באלד דערוואוסט, אז ער האט נעהאט א ביטערן טעות. זיינע פרומע און חסידישע עלטערן, האבען פינקטליך אויסגעפאלגט דעם רבי׳ן ר׳ ישעיה׳ס פקודה און פון איהם מעהר ניט געוואלט וויסען.

עלענד און פערלאזט האט זיך דער אומגליקליכער יונגערמאן, דאס געוועזענע "נגידיש קינד" ארומגעוואלגערט, צוויי יאהר רצופים, אין א בית המדרש, געלעבט פון נדבות וואס מענשען מיט רחמנות האבען איהם געגעבען. ס׳רוב טעג איז ער ארומגעגאנגען הונגעריג און בארוויס, אבגעריסען און אבגעשליסען, וועהרענד זיינע עלטערן און זיין ווייב׳ס עלטערן האבען געלעבט אין כבוד און אין בעל־בתישקייט.

ענדליך האבען זיינע עלטערען חרטה בעקומען אויף׳ן גאנצען עסק. דאס פער־טערליכע און מוטערליכע רחמנות האט זיך ביי זיי דערוועקט. זיי האבען זיך געווענדעט מיט א הייסע בקשה צום רבי׳ן ר׳ ישעיה׳לע, ער זאל צוריקרופען זיין פריהעריגען פסק און זיי מתיר זיין צוריקצונעהמען זייער אומגליקליכען בן יחיד אין זייער הויז אריין.

האט זיך אבער דער רבי ר׳ ישעיה׳לע פער׳עקשנ׳ט און באין אופן ניט גע־וואלט "מחיה מתים" זיין, צו מאכען צוריק לעבענדיג דעם "יוצא לתרבות רעה׳ניק", וועמען ער האט איינמאל פאר אלע מאל געהייסען בעטראכטען פאר א "מת".

דער פאטער, וועמעס הארץ האט געקלעמט פון רחמנות אויף דעם עלענד פון זיין איינציג קינד, איז פלוצים געפאלען אויף א משונה׳דיגען געדאנקען. ר׳ יצחק, וועלכער איז געזעסען שבעה נאך׳ן זוהן ווייל ער איז געפאהרען קיין סאדא־גורע, האט זיך מיישב געווען און איז אליין אוועקגעפאהרען אויף א שבת קיין סאדאגורע.

ער האט זיך געוואלט איבערציינגען מיט זיינע אייגענע אויגען אויב ס׳איז טאקע "הכצעקתה", אויב ס׳איז דארט באמת א נעסט פון הפקרות און אפקורסות ווי די אנדערע רביים מיט זייערע חסידים האבען אויף די סאדאגורער מוציא לעז געווען, און אויב ס׳איז באמת כדאי געווען צו פערשטויסען פון זיך א גוטען, פרומען און געלעהרטען בן יחיד נאר פאר דעם גרויסען חטא צו וועלען ווערען א סאדאגורער חסיד.

אין סאדאגורע, האט ר׳ יצחק ווייצנער גאר ניט אויסגעזאגט פון וואניט ער איז און דעם צוועק פון זיין רייזע, ער האט, קודם כל, זיך געוואלט צו אלצדינג גוט צוקוקען מיט אייגענע אויגען. ווי ערשטוינט איז ער דאן געווארען, זעהענדיג דארטען אידען יראים ושלמים, זיצען על התורה ועל העבודה און עוסק זיין אין חסידות, אידען בטלנים וואס ווייסען ניט כמעט קיין צורת מטבע.

"זיינען דאס די משומדים ? האט ר׳ יצחק זיך געפרעגט מיט א ניגון פון "הזאת נעמי". אויף די דאזיגע אידען האט מען זיך דאס אנדערצעהלט אזוי פיעל שקרים פון הפקרות און אפקורסות ? "

פאר אויפרעגונג האט ער אזש געוויינט ווי א קינד.

ערשט איצט האט זיך ר׳ יצחק ווייצנער פערטרויט פאר׳ן רבינ׳ס מקורבים, דערצעהלענדיג זיי דעם גאנצען ענין. די מקורבים האבען דאס דאן איבערדער־צעהלט דעם צדיק.

"אליהו הנביא איז געווען א גרויסער צדיק און אויך א **בייזער** צדיק — האט דאמאלס דער רבי געזאגט צו זיינע מקורבים. — ער האט זיך אנגענומען השם־יתברך׳ס קריוודעס און בעשטראפט די פושעים, ווי ער אליין האט זיך אויסגעדריקט: "קנא קנאתי", כ׳בין א בייזער. פונדעסטוועגען, האט אויף איהם א שפעטערער נביא געזאגט נביאות, אז טאקע דיזער קנא׳דיגער נביא, וועט נאך אמאל צוריק קומען צום פאלק ישראל, כדי "והשיב לב אבות על בנים ולב בנים על אבותם", צו מאכען שלום צווישען די עלטערען און קינדער, זיי צו פעראייניגען צו איין באנד. א איד וואס זייעט אבער שנאה צווישען עלטערען און קינדער, ס׳מעג אויך זיין מיט א גוטע כונה פון קנאת ה׳ צבאות, אזא איד קען ניט זיין קיין מנהיג הדור. הלואי זאל ער דאפיר ניט האבען קיין עונש."

און דער רבי ר׳ ישעיה האט שפעטער מיט יאהרען טאקע געהאט אן עונש. ער איז געשטארבען, לא עלינו, נים כדרך הארץ. געווען איז דאס, אויב כ׳האב ניט קיין טעות, אין א שמיני עצרת. ר׳ ישעיה׳לע איז דאמאלס געזעסען צוזאמען מיט זיינע חסידים און געפראוועט דעם שמיני־עצרת׳דיגען טיש. די חסידים האבען געשטעלט וויין, מען האט געטרונקען, געזונגען און זיך משמח געווען מיט רקידות לכבוד עונג יום טוב..

פלוצים האט אנגעהויבען אין שטוב, אין מיטען העלען טאג, טונקעל צו ווער־רען. דער גאנצער הימעל האט זיך פערצויגען מיט שווארצע וואלקענס. דער רבי ר׳ ישעיה׳לע איז געווארען אונרוהיג. ער איז בטבע געווען א שרעקליכער בעל פחדן פאר א דונער. אזוי וויא ס׳פלעגט נאר אנהויבען צו דונערן און צו בליצען האט ער זיך תיכף בעהאלטען אין א שאפע אדער אויף אונטער׳ן בעט.

איצט אבער, זיצענדיג צוזאמען מיט די חסידים, האט ער זיך געשעהמט

צו פערבארגען זיך אין א בעהעלטעניש. וואס הייסט עפּיס אויסבעהאלטען זיך פאר זיין ליעבען נאמען ?

פּלוצלים טראך.... א שטארקער דונער האט אויסגעשלאָגען. ר׳ ישעיה׳לע האט א שרעקליכען ציטער געטהאן, אבער ניט מעהר. פאר גרויס שרעק האט ער בעקומען א הארץ־שלאג, און איז אויף דער שטעלע געבליבען טויט זיצענדיג אויף דער שטוהל.

ר׳ יצחק ווייצנער מיט׳ן זוהן אלקנה זיינען פערבליעבען פייערינע חסידים, פון די אמת׳דיגע ״אנשי שלומנו״.

און נוהג געווען האט זיך ר׳ יצחק כל ימי חייו, אז דאס ערשטע געלד וואס ער האט יעדען טאג געלייזט אלס א פּאטשאַנטיק, אין זיין שניט־געוועלב, ווי גרויס דער פדיון זאל ניט געווען זיין, האט ער דעם פּאטשאנטיק אוועקגעשיקט צום סאַדאגורער רבי׳ן א פּדיון. דעמזעלבען מנהג האט אויך געהאט זיין זוהן אלקנה.

״איהר מעגט זיכער זיין רבותי, האט דער דערצעהלער געענדיגט זיין ספּור־המעשה, אז דער רבי ז״ל איז לחלוטין גאר ניט אויסען געווען מעניש זיין, חלילה, דעם רבי׳ן ר׳ ישעיה׳לע, וועלכער האט, לויט זיין השגה (בעגריף) זיכער געמיינט לשם־שמים. נאר ווי דען ? דעם צדיק׳ס הקפּדה ברייננט אן עונש אפילו אהן דעם צדיק׳ס ידיעה, אמאל תיכף און אמאל שפּעטער מיט יאהרען.

יא, חברים, א גוטער איד מוז מען קענען זיין ! ״

## קאפּיטעל 54.

# מיין יום־טוב אורח.

**דעם צדיק׳ס דבורים ווערען מקוים. — מוחל די פּסח׳דיגע מלוכה כדי מפּיס צו זיין דעם רבי׳ן. — פּארוואָס מען דארף נהנה זיין פון׳ם צדיק׳ס סעודה. — דער צדיק גיט פיעל מעהר פון דעם וואָס ער נעהמט. — דיא משקה טהוט דיא געווינשטע פּעולה.**

״דו וועסט קענען אהיימפּאָהרען, אבער די וועלט בעדארף דאך מלמדים אויך האָבען״ — האָט דער סאדאגורער רבי צו מיר געהאט געזאגט ביים פּראווען. די ווערטער זיינע זיינען אין גאנצען מקוים געווארען, טאקע לויט דעם פּירוש פון משה בונם׳ן, וועלכער האט מיר געזאגט דאמאָלס: ״אָבער פאר איין זאך האָב איך מורא, אז מיט דיין פּרנסה־הויז וועט זיך אויסלאָזען א בוידעם און דו וועסט מוזען ווערען א מלמד״.

פאר פּסח אין׳ם יאהר תרמ״ב, האָב איך ערהאלטען א בריעף פון ראזוואַראָוו, אז איך מוז אונבעדינגט אהיימקומען כדי מיך צו שטעלען צו דער אסענ־טירונג (פּריזיוו) אין ־דזיקאוו. אין איינוועגס האט מען מיר אין׳ם בריעף מודיע געווען, אז דער ראזוואדאווער רבי, פאר וועמעס הקפּדה איך האָב שטארק מורא געהאט, ער זאל מיך ניט הייסען רודפ׳ן צוליעב מיין סאראגורער חסידות, אז

דער ראָזינער פריהעריגער רבי מיינער, האָט פערלאָזט גאַליציען און זיך איבער־געטראָגען מיט זיין גאנץ בני בית און מיט זיין גאנצען הויף־שטאַאט קיין קלי־מאַנטאָוו, א קליין שטעדטיל אין רוסיש פוילען. מיט דער דאָזיגער ידיעה האָט מען בעאבזיכטיג מיר גרינגער צו מאַכען דאָס הארץ כ׳זאָל ניט קיין מורא האָבען אהיימצוקומען. מחמת קוים איז דער רבי ניט דא אין שטאָדט, וועט שוין דאָס קנאות פון דיא שטאָדט־לייט נעגען א סאָדאָגורטשיק אויך מעהר ניט האָבען דעם פריהערינען כח. מיין שמחה איז געווען אין לשער.

פונקט אים ראש חדש ניסן, בין איך אהיימגעפאָהרען, נאָך אן אבוועזענ־הייט פון אנדערטהאלבען יאהר. געפאָהרען בין איך אבער ניט דירעקט אהיים, נאָר קודם כל קיין דזיקאָוו צו ערשיינען ביי דער אסענטירונג. דאָרט האָב איך זיך דערוואוסט, אז דער ראָזוואדאָווער רבי איז ניט נעפאָהרען קיין פוילען כדי להשתקע, דאָרטען טאקע צו פערבלייבען פאַר תמיד, נאָר פאַר א קורצער צייט. האָב איך בעשלאָסען אז כדי מפיס צו זיין מיין פריהערינען רבי׳ן, דעם ראָזוואדאָ־ווער, פאַר מיין חטא וואס איך בין בעגאנגען אקעגען איהם, זאָל איך פאַר דאָס איהם ברענגען א גרויס קרבן. אנשטאָט צו האלטען פסח אין מיין היים זיך משמח צו זיין אים יום טוב מיט מיין בני בית, וועל איך תיכף נאָך מיין קומען קיין ראָזוואדאָוו פאַר א קורצע ווייל׳ע, פערלאָזען מיין היים און אוועקפאָהרען אויף פסח צו מיין רבי׳ן קיין קלימענטאָוו. כדי צו ווייזען מיין אנהענגליכקייט צום פריהריגען רבי׳ן פאַר דער גאנצער וועלט, האָב איך אויך בעשלאָסען ניט צו פאָהרען נאָר צו געהען צופיס, ווייבאלד כ׳וועל נאָר טרעפען א שותף צו מיין פוס־נסיעה. און למען דער יצר־הרע זאָל ניט דאַן, נאָך מיין אהיימקומען, איבער־קעהרען מיין בעשלוס "הארען־קאָרען", האָב איך געשוואָרען ביי מיינע תפלין מקיים דבור צו זיין, צו פארציכטען אויף מיין הויזליכען עונג יום־טוב און מיך קוויקען מיט דעם פערגעניגען פון׳ם צדיק׳ס פסח־טיש.

נאָכדעם וויא איך בין בעפרייט געוואָרען פון מיליטער און בין אהיימגעקו־מען אין מיין געבורטס־שטעדטיל, האָב איך תיכף דערצעהלט איעדען פון מיין בעשלוס. דיא גאנצע בית־המדרש חברה האָט מיך דאפיר זעהר געלויבט. אנ־שטאָט דיא רדיפות וואס כ׳האָב ערוואַרטעט, האָב איך גאָר פון יעדען געהאַט גרויס התקרבות. ס׳האָט זיך אויך געפונען א חסידישער יונגערמאַן, איציק דוד׳ל־אהרן־מענדל׳ס האָט ער געהייסען, דער ראָזוואדאָווער סופר, וועלכער האָט איינ־געוויליגט צו מאַכען מיט מיר בייזאַמען דעם שפּאַציער צו פוס ביז קלימענטאָוו.

דאָס אינטערעסאנטעסטע דאָפון איז, וואס מיין יונגע פרוי האָט לגמרי נאָר ניט פּראָטעסטירט נעגען אָט דעם דאָזיגען זאנדערבאָרען פּראָיעקט. הפנים, אז זי אליין האָט אויך פערשטאַנען אז מען מוז ברענגען דעם רבי׳ן א גרויס און טייער קרבן־כפרה.

דער ראָזוואדאָווער רבי האָט מיך דאַמאָלס שטאַרק מקרב געווען. ס׳איז ביי איהם געווען זעהר אנגעלעגט, וואס נאָך מיין גאנץ סאָדאָגורער חסידות, האָב איך נאָך געקענט האָבען גענוג אויפּאָפּפערונגס־כח, צו קומען צו איהם אויף יום־טוב און נאָך דאַצו אויף אזא גרויסען יום־טוב. זיין צופריעדענהייט פון

האבענדיג מיך דאמאלס פאר אן אורח איז געווען צוליעב דער דאזיגער כונה: ער האט זיך געוואלט אמאל גרינדליך דערוויסען, אויב ס׳איז עפיס פאראנען א שטיק אמת אין דיא בעהויפטונגען פון דיא בעלי מחלוקת פון כאדאגורע, די סאנזער און דיא בעלזער חסידים, מכח די מאדנע און אויפגעקלערטע פיהרונגען פון דיא קינדער פון׳ם סאדאגורער. ער האט געוואוסט פאר זיכער, אז איך וועל פאר איהם קיין ליגען ניט זאגען.

דיא ערשטע פראגע וואס דער רבי האט מיך געפרעגט נאך דעם געוועהנ־ליכען קבלת־שלום איז געווען כהאי לישנא:

"פון דיר, יצחק, וועל איך דאך יא געוואהר ווערען דעם אמת, אויב דיא ווייבער פון׳ם סאדאגורער הויף רייטען אויף פערד מיט רייכערנדיגע ציגארען אינ׳ם מויל".

אזוי וויא ער האט געהערט מיין פערזיכערונג, אז דיא אלע נארישע פאטש־טען זיינען שקר וכזב, פוסטע בלבולים, האט ער זיך אנגערופען צו זיינע מקורבים:

"זעהט איהר? איך האב אייך תמיד געזאגט, אז דאס איז נאר דיא מעשי־ידו פון׳ם רידניקער ב... (דא האט ער זיך בעדיענט מיט א צו־נאמען וואס ער פלעגט רופען דעם רידניקער רב, דעם סאנזער צדיק׳ס זוהן און זיינס א שוואגער, אבער דאביי אויך א בעל־פלוגתא). ער איז דאס שולדיג אין דעם גאנצען פייער־דיגען אומזיסטען מחלוקת". דאן האט ער זיך געווענדעט צו מיר זאגענדיג:

"איך האלט דעם סאדאגורער פאר א גרויסען בעל־מדרגה. ווען איך זאל ניט אזוי שוואך זיין, וואלט איך נאך חשק געהאט צו פאהרען קיין סאדאגורע פארשטעלטערהייד, זיך צו־צוקוקען וויא אזוי ער פיהרט א טיש".

יענעם זומער בין איך פערבליבען אין דערהיים און געצויגען א מחיה פון מיין פרנסה־הויז. איך האב באלד געהאט פערגעסען דעם סאדאגורער רבינ׳ס דבורים. האט אבער פלוצים, אין א טאג פון די עשרת ימי תשובה, אויסגעבראכען א שרעקליכע שרפה אין ראזוואדאוו, וועלכע האט חרוב געמאכט דריי חלקים פון דער שטאדט, דארונטער אויך מיין פרנסה־הויז. אזוי ווי איך בין ניט געווען אסעקורירט (אינשורט), בין איך געבליבען ממש בעירום ובחוסר כל, נאקעט און בארוויס. איך האב דאן געמוזט אוועקפאהרען קיין באריסלאוו דארט ווערען א מלמד ביי אן עשיר ר׳ ליב סטעבניקער, וועלכער האט מיך עקסטרע צוגענומען צו זיינע צוויי קינדער.

אזוי ארומעט זיינען דעם סאדאגורער׳ס דבורים, נאך א קיילעכדיג יאהר אין גאנצען מקוים געווארען.

* * *

ס׳איז געווען אין א פאר שבועות פון׳ם יאהר תרמ"ג, דאס יאהר פון׳ם סאדאגורער׳ס פטירה. אין דער שמאלער, לאנגער, חורבה׳דיגער סאדאגורער קלויז אין באריסלאוו, האב איך שפאצירט פערטראכט אויף און אפ. שוין פיעל וואכען, זינט נאך פסח, האב איך מיך געשלאגען מיט דער דעה: וואו אהין פאהרט מען דאס יאהר צו קבלת התורה? דאס הארץ האט מיך געצויגען ווי א מאגנעט צו־ריק אהיים צו מיין אלטען רבי׳ן. מיין שטעלע אין באריסלאוו האט אבער געפא־

דערט זיך צו האלטען אן די סאדאגורער חסידים. אבער א חוץ דעם וואס דארטען איז געווען מעהר כבוד צו זיין א סאדאגורער חסיד, האט זיך אין מיר אויך דער־וועקט מאנכמאל א שטארקע נייגונג דוקא צו פאהרען קיין סאדאגורע. דעריבער בין איך געווען א פוסח על שתי סעיפים, ניט קענענדיג פאסען א פעסטען בעשלוס.

"וואו וועסטו האלטען שבועות ?" — האט מיך פלוצים א פאק געגעבען מאיר שוחט, אונטערברעכענדיג מיך פון מיין פערטראכטקייט.

"איך פאהר... איך וויים ?... כ'האב ערשט בעקומען א בריעף פון מיין שוועהר אין ראזוואדאוו כ'זאל קומען אהין צו פאהרען אויף יום־טוב, צוליעב א וויכטיגען ענין" — האב איך איהם געענטפערט, פון אנהויב שטאמעלדיג און דאן פאסענדיג מוטה, ווייל כ'האב אויסגעטראכט א תירוץ, און ענפערענדיג מיט א פעסטען טאן.

"איך האב געמיינט אז דו ביסט שוין משלנו, אין גאנצען אן אונזעריגער, צום סוף לאזט זיך גאר אויס א בוידעם — האט צו מיר מאיר שוחט געזאגט, וועלכער האט גוט פערשטאנען, אז מיין נסיעה קיין ראזוואדאוו וועט ניט זיין לשם מסחר נאר לשם חסידות. — כא, כא, כא, האט ער זיך דאביי שטארק צו־לאכט — אזא טייערען יום־טוב ווילסטו פערברענגען ביי עפים א רבי'טשיקעל הא ? ווען שוין פאהרען, פארוואס טאקע ניט צום מקור, צום קוואל, צו דער קדושה גופא ? אוי, יונגער שוטה ! עס פעהלט דיר נאך פיעל שכל. זיי־זשע ניט קיין טפוש און פאהר מיט מיר קיין סאדאגורע. מיר וועלען דארטען אביסעל צולעבען, געניסען דעם אמת'ן עונג יום־טוב.

איך בין דאמאלס טאקע ניט פערבליבען קיין טפוש, און געפאהרען קיין סאד־אגורע, צו דער קדושה גופא. יענער שבועות, וועלכער איז שוין אויף אן אנדער ארט בעשריבען געווארען, איז מיר גוט איינגעקריצט געווארען אין זכרון, מחמת דאס איז געווען דאס לעצטע מאל וואס כ'האב געזעהן דעם רבי'ן. ער איז אין דעמזעלבען זומער נסתלק געווארען.

איינקווארטירט האב איך מיך דאמאלס ביי יאסיל שניידער, סטאנציע נומער דריי, דוקא ניט מיט מאיר שוחט צוזאמען. אבער פאר דאס האב איך דאמאלס געהאט אן אמת'ן עונג יום־טוב טאקע אין מיין סטאנציע גופא, צוליעב א וויכ־טיגען אורח וועלכען איך האב זוכה געווען צו האבען דאמאלס ביי מיין טיש אויף מיין חשבון.

אין סאדאגורע איז געווען א מנהג, אז יעדער בעל־בתישער חסיד, וועלכער איז נאר בכח געווען, האט אויף א שבת אדער א יום טוב סעודה איינגעלאדען א חסיד, א שעהנעם אידען, צו זיין טיש, עס פערשטעהט זיך, אז ביי אזא סעודה האט מען געהערט דבורים און דוקא גאר הויכע ענינים.

מיין אורח איז דאמאלס געווען, א בעקאנטער אנגעזעהענער אלטער חסיד ר' אברהמ'לע אלטשטעדטער. עס איז ביי מיר פערערכענט געווען פאר א זעהר גרויסע זכיה. דאס וואס ר' אברהמ'לע האט מיר צוגעטיילט דעם כבוד צו עסען מיט מיר צוזאמען א יום־טוב סעודה. איך האב שוין גוט געוואוסט, אז ס'וועט שוין זיין א סעודה טאקע פון סעודה לאנג, ס'וועט זיין וואס צו הערען און וואס צו זעהן.

זעהענדיג ביים עסען אז ר׳ אברהם׳לע זיצט מיט מיר ביים טיש, **האבען זיך** צו אונזער סביבה צוגעשארט אויך דיא איבריגע חסידים פון מיין סטאנציע, אזוי אז אויס אונזער קליינעם טיש, איז געווארען אן אויסגעצויגענער, לאנגער, אמת׳ער חסידישער טיש.

באלד נאך׳ן וואשען און אנהויבענדיג דיא מוציא פון דיא הויפס־חלות וואס מיר האבען אויסגעפאסט ביים הויף׳ס־פערוואלטער איציק דוד פאר גאנצע פיער סעודות, האט זיך ענטוויקעלט א שמועס מכח דעם ענין וואס אפילו די רייכע חסידים זיינען זיך נוהג נהנה צו זיין פון׳ם רבינ׳ס מאכלים.

„איך דענק אז ס׳איז גאר א פשוט׳ער ענין אהן שום סודות -- האב איך מיך דאמאלס אנגערופען — דער רבי זאל לעבען וויל ניט נהנה זיין פון זיינע חסידים׳ס פדיונות בדרך מתנה, שטיצענדיג זיך אויף דעם פסוק „ושונא מתנות יחיה”. עס איז דאך אבער ניט שייך צו זאגען אז דער רבי זאל ניט נהנה זיין פון דיא חסידים, טא פון וואניט׳זשע דען וועט דער הויף בעקומען דיא נויטיגע הספקה (אויסהאלטונג), דעריבער איז עס א חיוב פון יעדען חסיד, נהנה צו זיין פון׳ם רבינ׳ס סעודה, כדי דער פדיון וואס ער וועט דאן געבען דעם צדיק, זאל ניט מעהר קענען בעטראכט ווערען אלס א „מתנה”.

„א טפשות” — האט זיך דארויף אנגערופען א רוסישער חסיד. --- „איהר גאליציאנער פאהרט צום הייליגען צדיק וויא פשוט׳ע אפעס. איהר זעהט מען פאהרט, פאהרט איהר אויך, כדי צו קענען זיך רופען „חסידים”. אין דער אמת׳ן אבער האט איהר לגמרי גאר ניט קיין השגה און הויבט ניט אן צו פערשטעהן א רמז אפילו, וואס ס׳מיינט א „צדיק הדור”. שייך צו זאגען אויף׳ן רבי׳ן זאל לעבען אז ער נעהמט א מתנה ? ראשית, פון וואנעט האבען מיר דען נאנצען צו געבען ווען ניט דורך דער השפעה פון׳ם הייליגען צדיק ? נמצא, אז ער איז גאר דער אמת׳ער „נותן”, דער געבער, ניט חלילה דער „מקבל” דער נעהמער. דאס עבען האט געמיינט די גמרא אין קידושין מיט דעם וואס זי בעהויפטעט, אז דאס „נעהמען” פון אן אדם חשוב הייסט גאר „געגעבען”, מחמת דער צדיק נעהמט דאך ניט א טויזענד חלק אפילו פון דעם וואס ער גיט צו זיינע חסידים כאילו אין גשמיות.

„והשנית, איז דאך לחלוטין גאר ניט אבצושאטצען דעם ווערט פון׳ם ליכט וואס דער הייליגער צדיק לייכט אריין אין די הערצער פון זיינע חסידים, צו יעדען איינעם לויט זיין מדרגה, ביז אין די טיעפסטע טיעפענישען פון זייערע נשמות.

„דיא אמת׳ע סבה וואס מיר ווילען נהנה זיין פון׳ם צדיק׳ס סעודה איז, כדי מקיים צו זיין דעם מאמר פון דער גמרא, אז ווער עס האט אן הנאה פון דער סעודה פון א צדיק איז פונקט גלייך ער וואלט אן הנאה געהאט פון׳ם שעהנקייט פון דער שכינה הקדושה”.

דער שמועס האט זיך פערצויגען. אלע טיש־זיצערס האבען זיך אין איהם בעטהייליגט, א חוץ ר׳ אברהם׳לע. אויף וועלכען מיר האבען געלעגנט אזוי פיעל האפנונגען צו הערען פון איהם עפיס גוטע דבורים. ער איז געווען דער איינציגער

וועלכער האט זיך גענאנט די ביינדלאך פון א פליגעלע במתינות, כמו ער וואלט זיך גאר ניט אינטערעסירט אין אונזערע דבורים.

די בעלי יכולת פון׳ם טיש האבען נעהייסען ארויפגעבען משקה לכבוד יום־טוב. מען האט געטרונקען "לחיים", איינמאל און נאך אמאל. ס׳איז אביסעל ווארם געווארען. אן עלעקטרישער פונק האט געברענגט אין קאנטאקט אלע אויגען און אלע הערצער. די נשמה האט בעקומען "התרוממות" פון שמחת יום־טוב. ערשט איצט איז דער שטילער ר׳ אברהם׳לע רעדעוודיג געווארען, נאכדעם וויא ער האט, אלס אן הקדמה, א טיעפען קרעכץ נעטהאן און דאביי א מאך געגעבען מיט דער האנד מיט א מין בטול, כלומר, ווי ער וואלט דאמיט געוואלט זאגען: "וואס ווייסט איהר לגמרי פון וואס צו שמועסען און וויא אזוי מען שמועסט חסידות ? אזעלכ ענינים פערשטעהען נאר מיר. אלטע חסידים, וועלכע מאנכע פון אייך בעטראכטען אלס עובר־בטל׳דיגע קאטשעלאפניקעס. ספורים קענען מיר נאר דערצעהלען, דבורים ווי ס׳געהער צו זיין, קענען מיר נאכזאגען".

## קאפיטעל 55.

# א פארצייטיגע נסיעה.

**אמאל און היינט. — די קדושה מוז זיך בעדיענען מיט דער טומאה. — די אמת׳ע חסידישע נסיעה מוז זיין לכל היותר מיט פערד, אויב ניט צופוס. — די ל״ג-בעומר׳דיגע שמחה. — א זכיה פון א בעל-עגלה. — חסידישע סוסים.**

ר׳ אברהמ׳לע האט נאכאמאל א "נעפ" געטאהן פונ׳ם וויינגלעזעל נאכדעם ווי ער האט עס קודם ארומגעווישט מיט׳ן מיטעלסטען פינגער. די דאזיגע "טעימה" איז לגמרי ניט געווען לשם טרינקען, נאר כדי צו כאפען מוחות, אלס א מין הקדמה צו זיין שמועס. די גאנצע טיש־חבריא האט זיך צוגעבויגען צום טיש, אויף אן אופן זיי זאלען קענען קוקען דעם דערצעהלער ממש אין פנים אריין, זיך צוצוזעהן צו זיינע העויות און תנועות בשעת דעם דערצעהלען. אלע האבען אויפגעשטעלט מויל און אויערן, וויסענדיג, אז וויבאלד ר׳ אברהמ׳לע האט נאר אויפגעמאכט זיין מויל, וועט שוין זיין עפיס צו הערען און טאקע חידושים.

דאן האט ר׳ אברהמ׳לע געטאהן א זופ צום דריטען מאל פונ׳ם כוס און מיר אלע נאך איהם. ער האט זיך א וויש געגעבען איבער די גראבע וואנצעס, אני־דערגעשטעלט זיין כוס צוריק אויפ׳ן טיש. האלב פערגלייזערט די אויגען און מיט א טיעפען קרעכץ, וועלכער האט זיך בעשיינפערליך ארויסגעריסען פון זיין טיעפער נשמה, האט ער אנגעהויבען זיינע דבורים גאר ניט מענינא, פון דעם ענין וואס מיר האבען פריהער געשמועסט, נאר זיך אזוי גלאט אין דער וועלט אריין, פון דעם וואס ס׳האט איהם, הפנים, נעדריקט אויפ׳ן הארץ:

"זכרתי ימים מקדם". ניטאָ, אוי, די פריהעריגע צייטען. אי, אי, אי. די כטרא אחרא פערשטאַרקט זיך ווי מען קעהרט זיך און ווי מען ווענדעט זיך. דער כח הטומאה פון דער באהן, למשל, האָט געמאַכט די נסיעה צום הייליגען צדיק וואָכענדיג, מגושם׳דיג, אז ווען כ׳הויב אָן דערפון צו שמועסען צופּט׳ס אַזש ביי דער נשמה, ס׳צופּט ווי מיט פייערדיגע צוואַנגען. "אוי לו לדור שכך עלתה בימיו" (וועה איז צום דור וואָס דאָס איז געשעהן אין זיינע צייטען).

פון מאַנכע זייטען האָט זיך געהערט דערשטיקטע, פּערוויינטאַגטע קרעכצען, א צייכען פון הסכמה צו זיינע דבורים.

"כ׳האָב עס גערופען "מגושם׳דיג" — האָט ר׳ אברהמ׳לע ווייטער געזאָגט — דאָס איז אָבער דאָצו א צו קליינער אויסדרוק. ס׳איז טומאה׳דיג, קליפּה׳דיג. דו יונגערמאַנטשיק — האָט ער זיך געווענדעט צו מיר, אָנכאַפּענדיג מיך ביים לינקען לאַץ, זייענדיג שוין אָן עוקץ בגילופין׳דיג — דו קענסט דאָך, דוכט זיך, לערנען און ווייסט דאָך אודאי, אז דורך דעם חטא פון דער "כנסת ישראל" איז, כביכול, די הייליגע שכינה אויך אין גלות. אָבער איהר, יונגע חברה, ווייסט דאָס נאָר, פערשטעהט אָבער, פערשטעהען דאָס נאָר מיר אַלטע חסידים, וואָס דאָס מיינט "גלות השכינה". אוי, די שכינה איז אין גלות, די כנסת ישראל איז אין גלות, און דער צדיק הדור איז אויך איצט אין גלות. די קליפּה האָט, בעונותינו הרבים, גובר געווען. זי "זשאַנדזעט" איצט אומעטום אַרום ממש ווי א בעל־בית׳טע. מיר, אוי, מיר חסידים, מוזען זיך איצט מיט איהר, מיט דער קליפּה מיין איך, בעדיענען, כדי צו קענען צוקומען צו דער קדושה; מיר מוזען זי מאַכען פאַר א כלי, פאַר א ממוצע, פאַר א מין שדכנ׳טע, ס׳זאָל ניט אויסגערעדט זיין, צו אונזער התחברות מיט׳ן צדיק הדור.

"די הייליגע ספרים זאָגען, אז כדי מען זאָל קענען צוקומען צום גן־עדן, מוז מען פריהער דורכגעהן דעם גיהנם. דאָס זאָל זיין דער סוד פון "ויהי ערב ויהי בוקר", פאַר׳ן ליכט פונ׳ם מאָרגען מוז פריהער זיין דאָס חשכות פון אָבענד. מיר חסידים פיהלען אָט איצט, טאַקע בחיים, דעם דאָזיגען ביטערן טעם. כדי מיר זאָלען זיין ביכולת צו צוקומען צום הייליגען צדיק, וועמעס סביבה איז אין דער בחינה פונ׳ם גן־עדן התחתון, מוזען מיר זיך איצט בעדיענען מיט דער קליפּה, די באהן, דעם גיהנם התחתון, וועלכע האָט ביי אונז אוועקגערויבט, אוי, דאָס גאַנצע רוחניות, דעם גאַנצען תוכן, דאָס גאַנצע הימלישע חיות פון א נסיעה צום צדיק. אָט דאָס, רבותי, דאָס איז דער אמת׳ער "גלות השכינה".

א שווידער האָט דורכגעדרונגען די גאַנצע טיש־סביבה.

"לחיים, לחיים" — האָט ר׳ אברהמ׳לע אויסגערופען נעהמענדיג דעם כוס אין דער לינקער האַנד אריין. — "לחיים", זאָל זיך שוין השם יתברך אמאָל מרחם זיין. די כנסת ישראל און מיט איהר דאָס טייערע משכון וואָס מיר האָבען אין גלות, די שכינה הקדושה, זאָלען שוין בקרב אויסגעלייזט ווערען פון דער האַנד פונ׳ם שר של עשו, סמאל הרשע ימח שמו, ס׳זאָל נתרומם ווערען דער קרן ישראל און דער הייליגער צדיק אונזערער זאָל טאַקע זיין דער גואל צדק."

"לחיים, לחיים" — האָבען מיר אַלע געענפערט פּה אחד, מיט א טאָן פון אַן אמת׳ער הסכמה אויף זיינע ברכות, ווינשענדיג דאָצו אריכות ימים ושנים פאַר רבי׳ן מיט די קינדערליך און די גאַנצע הייליגע משפּחה.

און ר׳ אברהמ׳לע אלטשטעדטער הויבט ווידער אן פארטצוזעצן זיין אונ־טערבראכענעם שמועס:

"אוי, יונגעלייטלעך, פריצעס, וואס פערשטעהט איהר פון חסידות צו זאָ־גען און צו שמועסען, האָט איהר דען אן השגה אפילו פון אן אמת׳ן טעם פון חסידות? האָט איהר דאס אמאל פערזוכט? ווייסט איהר, למשל, וואס ס׳מיינט אן אמת׳ע חסידישע נסיעה צום צדיק? מיר, מיר אלטע חסידים האָבען דאָס מיטגעמאכט. מיר, האָבען אין אונזערע יונגע יאָהרען, "כשהשנים כתיקונן", ווען די דורות זיינען נאך ניט אזוי זינדיג געווען, פערזוכט דעם זיסען, הימלי־שען, גן־עדן טעם פון א נסיעה. אוי, איז דאָס געווען א נסיעה! ס׳האָט דאך יעדער געפיהלט עפּיס אזא קדושה, אזא תענוג רוחני, אזא מין טעם־מן אויף טריט און שריט, זינט מיר האָבען זיך אנגעהויבען פּארצובערייטען און זיך צו נעהמען צו דער נסיעה. מיר האָבען געפיהלט דעם זעלבען טעם וואס אונזערע אבות אבותינו האָבען געפיהלט געהענדיג אויף א יום־טוב קיין ירושלים "עולי רגל" זיין, אָדער ברענגענדיג "בכורים" צו זיין ליעבען נאָמען אין בית המק־ש אריין, וויסענדיג, אז אָט, אָט, זעהען זיי שוין דאָס בית המקדש מיט׳ן כהן גדול. אדרבה, פרעגט וועלכען אלטען חסיד, וואס האָט אמאל פערזוכט דעם טעם פון א נסיעה צום צדיק, ניט מיט דער טומאה׳דיגער באהן, נאָר פּשוט ווי א חסיד דארף פאָהרען אין א בויד, געשלעפּט פון פּשוט׳ע סוסים, אויפ׳ן אלטען שטיי־נער, אויב ער וועט אייך ניט זאָגען די זעלבע דבורים.

"דאָס איז געווען פאר א יאָהר דריי־און־צוואנציג. הא, וואס זאָג איך? יאָ, פאר א יאָהר ד ר י י ־ א ו ן ־ צ ו ו א נ צ י ג, טאקע פאר א שבועות איז דאָס געווען. פון קיין באהן האָט מען דאמאָלס נאך ניט געוואוסט. געווען איז שוין אפילו אויף א טייל מקומות א באהן, אבער ווער האָט זי געזעהן? ווער וואָלט נאָר נעטראכט אפילו אין דער מחשבה צו פאָהרען אויף אזא מחבל? זע׳מיר, פערשטעהט זיך, דעמאלס געפאָהרען, ווי אונזערע אבות אבותינו, אויף א פּשוט׳ע עגלה. די נסיעה פון אלטשטאָדט קיין סאדאגורע פלעגט דויערן פון אן ערך א פערצעהן טעג. איך, צוזאמען מיט מיינע חברים אין חסידות, האָ־בען מיר זיך באלד נאך פּסח אנגעהויבען פּארבערייטען און מאכען הכנות צו דער נסיעה קיין סאדאגורע אויף שבועות, מקבל צו זיין די תורה צוזאמען מיט׳ן צדיק הדור, ביי וועמען מען פיהלט יעדען שבועות, וויבאלד מען איז׳ס נאָר זוכה, דעם מתיקות׳דיגען טעם פון "מעמד הר סיני". דער ארויספאָהר פון אלטשטאָדט האָט געזאָלט זיין אים ל"ג בעומר, אין א בויד, וועלכע איז עקסטרא נעדונגען געוואָרען ביי יחיאל בעל עגלה פאר דעם דאָזיגען צוועק.

"שוין פון ראש חודש אייר אן, האָבען מיר שוין אנגעהויבען צו ציהען חיות פון דער עתידות׳דיגער נסיעה. איך שמועס שוין ניט פון די פייערדיגע מלוה־מלכה׳ס, וועלכע מיר, אלע חסידים פונ׳ם שטעדטיל, האָבען געפּראוועט מיט רחבה אלס א קאָנטע אויף דער דאָזיגער נסיעה, נאָר אויך יעדער דבור און יעדע פּעולה פון דער גאנצער צייט, האָט נאָר צו טהאָן געהאט מיט דער הכנה צו דער רייזע קיין סאדאגורע. ס׳איז לחלוטין גאר ניט אזוי לייכט אנגעקומען דאָס אנגרייטען די הוצאות הדרך, דאָס אויססטרויען די בויד מיט אלע נויטיגע רעקוויזיטען, כדי ס׳זאל זיך אונז נאך, חלילה וחס, ניט טרעפען א מכשול אויפ׳ן

וועג. און היינטזשע טאקע דאָס אַנגרייטעז א היבש ביסעל צדה לדרך פון משקה און פערבייסעז. עפּיס א קליינינקייט. א פערצעהן טעגיגע נסיעה!

"און וויסען מוזט איהר, אז דאָס איז נאָך געווען פאר דעם סאנזער מחלוקת. געגען אונזער צדיק ווי אויך געגען אונזערע חסידים האָט נאָך קיינער ניט גע־וואגט פוצה פּה צו זיין. די חסידים פון די אנדערע רביים, האָבען אַלע אויף אונז געקוקט מיט אויגען פון קנאה. זיינען זיי דאָך אויך געפאָהרען אויף שבועות צו זייערע רביים, אָבער עפּיס אָהן לעבען און אָהן געזונד, אָהן שמחה און אָהן הכנות, פּונקט ווי א קאָזאק פאלט אין א סוכה אריין. אָט האָט מען גענומען א וואָגען, זיך א זעץ אויף געגעבען און געפאָהרען. אזא טעם אויף אונ־זערע שונאים. ס'איז ניט אונזערע דרכים, ס'איז ניט אונזערע חסידים.

"דער טאָג ל"ג בעומר איז ביי אונז אַלע געווען אן אמת'ער יום טוב. קיין איינציגער חסיד איז ניט אהיימגעגאנגען עסען, מחמת אין דער קלויז איז געווען פאַרבערייטעט א סעודה, ממש כסעודת שלמה בשעתו. צוליעב אונזער נסיעה, האָט מען פריה אָבגעדאַווענט און תיכף זיך גענומען צו דער סעודה. מילא דאָס עסען יאָק דאָס עסען. דאָס טרינקען און דאָס הוליען נאָכ'ן עסען, איז געווען איבערנאַטירליך.

"מיר האָבען שוין ראַמאָלס, מיט'ן אָנהויב פון דער נסיעה, אָנגעהויבען צו פיהלען די שמחה און די קדושה פונ'ם התדבקות (בעהעפטען זיך) אינ'ם צדיק, וועלכעס מיינט, אן התדבקות אין דער "שכינה" כביכול. אַלע נפשות פון אונ־זער גאנצער חבריא, האָבען זיך בעת דעם טאנצען פעראייניגט צו איין־איינציג נפש, וועלכע האָט א דירעקטע יניקה פונ'ם מקור, פון דער קדושה עליונה, וואָס קוועלט אַרוים פון "היכל השירה והזמרה". וואָס זאָל איך אייך זאָגען, קינ־דער, די ווענט האָבען ממש מיט אונז מיטגעטאנצט. מען האָט זיך געגאָסען מיט משקה ווי מיט וואסער.

די בויד, אין וועלכער מיר האָבען געזאָלט פאָהרען, איז שוין געשטאַנען נרייט אויסגעסטרויעט פאר דער קלויז, געשפּאַנט צו דריי פערד, דוקא ניט ווי די לייבעז, אָבער לכל הפּחות זיינען זיי דאָך געווען פערד, ניט קיין רוח'דיגע באהן. יחיאל בעל עגלה, וועלכער האָט שוין זוכה געווען צו האָבען געמאַכט דריי נסיעות קיין סאדאגורע, טאקע אָט מיט די דאָזיגע זעלבע סוסים, האָט זיך אַלע מאָל אריינגעכאַפּט אין דער קלויז אריין, אריינגעכאַפּט א כוסה'לע און דאן ווי־דער ארויסגעגאנגען צו דער בויד, אוועקצוטרייבען די ווייסע חברה'ניקעס, וועל־כע האָבען דערווייל גע'בעל־בתי'וועט איבער די בויד מיט די סוסים, און זיך אומצוקוקען אויב די פערד האָבען גענוג האָבער. ביי דער דאָזיגער געלעגענ־הייט, האָט ער זיי אויך גוט אָנגעפּאָיעט, געגעבען צו פערבייסען, פון זיין האנט ארוים, אביסעל פרישע גראָז, א מין פערד־ממתקים, זאָגענדיג צו זיי: עסט, קינ־דער, טרינקט, חברה, ווייסט אויך, אז ס'איז א יומא דפגרא.

"ארום פיער א זייגער, האָבען מיר געדאַווענט מנחה בצבור. ביני לבינו, האָבען אונזערע ווייבער מיט די קינדער געברענגט צו טראָגען די פעקלעך אונ־זערע, אין וועלכע ס'איז געווען איינגעפּאַקט, א חוץ די דברים שבקדושה, וואָס א איד מוז מיט זיך מיטהאָבען אונטערוועגס, אויך עולם־הזה ענינים, עסענדיגע זאכען. יחיאל האָט געמאכט פון די פעקלעך גוטע זיצפלעצער, אויסבעטענדיג

אויף זיי עטליכע בינטלעך שטרוי, דאן איז ער ווידער אריינגעקומען אין דער קלויז, האלטענדיג די בייטש אין דער האנד, און כאפענדיג די לעצטע כוסה, האט ער א געשריי געגעבען: "אנו, חברה, פאהרען!"

"דא האט זיך ערשט אנגעהויבען דאס געזעגענען. אן ערבוביה (פערמישונג) פון קולות: "זייט מיך מזכיר פאר׳ן הייליגען צדיק", "פאהר לחיים ולשלום", "פערגעס ניט אהיימצוברענגען "מטבעות" פאר די קינדערלעך", האט זיך געלאזט הערען איבער דער גאנצער קלויז. פלוצים האט די גאנצע חברה אנגעהויבען צו זינגען דעם פסוק "כי מלאכיו יצוה לך לשמרך בכל דרכיך", אין וועלכען ס׳איז מרומז דער שם פונ׳ם מלאך וואס איז ממונה אויף שמירת הדרך (דער דאזיגער שם איז "יוה"ך, די סופי תיבות פון די ווערטער כי׳ מלאכיו׳ יצוה׳ לך׳), און מיט א הארמאנישעם געזאנג האט מען אונז ארויסגעפיהרט פון דער קלויז.

"מיר, די פאהרערס, האבען זיך איינס נאך דאס אנדערע אויפגעזעצט. די בויד האט אנגעהויבען פאמעלעך צו פאהרען, און דער גאנצער עולם, אנשים, נשים וטף, האבען אונז בעגלייט ביז אונטער דער שטאדט. דארט האבען זיי זיך אבגעשטעלט, אונז נאכגעזאגט א הייסע "יברכך". יחיאל בעל עגלה האט דאן א שמיץ געגעבען די פערד, און "ויסע". דער עולם איז זיך פאוואליע אהיימגעגאנגען, בעת מיר זיינען געפאהרען מיט הערצער פול פון תשוקה, שמחה און ליעבע צו השם יתברך, צום הייליגען צדיק און צו דער גאנצער וועלט, צו אונזער רבי׳ן קיין סאדאגורע.

"אט דאס, רבותי, האט געקענט הייסען א נסיעה צום צדיק!"

## קאפיטעל 56.

# דער בעל תשובה.

**די פראזניקעס אין די קרעטשמעס. — א לוסטיגער ראש-חודש-זיץ. — די צווייערליי אופנים פון תשובה טהאן.—אן ארענדארסקע ווידוי. — מעשיות פון צדיקים ראטעווען א אידיש נפש פון דער קלפה׳ס הענט. — א מאדנע למוד-זכות אויף אידען.**

"וואס פאר א מין נסיעה דאס איז געווען, זאלט איהר מיך שוין גאר ניט פרעגען — האט ר׳ אברהם׳לע אלטשטעדטער ווייטער דערצעהלט מכח דער אמאליגער נסיעה אין א בויד קיין סאדאגורע. — דאס הוליען אויפ׳ן גאנצען וועג, אין אלע סטאציעס וואס מיר האבען געמאכט, איז געווען אין לשער. שמחת פורים איז אקעגען דעם הבל־הבלים. מיר האבען זיך א גאנצען וועג געפיהלט פריי, בעלי־בתים איבער אונזערע מעשים און איבער אונזער רצון. מיר האבען געהאט די ברירה זיך אבצושטעלען ביי יענע קרעטשמעס וואו מיר האבען נע־וואלט און זיך דארט פערווײלען ווי לאנג ס׳האט זיך אונז פערגלוסט. מיר זיי־

נעז ניט געווען, ווי היינט מ׳שטיינס געזאגט, א תולה בדעת אחרים, אבהענגיג אז דעם ווילען פון די רוחות׳דיגע מלאכי חבלה, און כחומר ביד היוצר אין די הענד פון די קאנדאקטארעס פון דער אייזענבאהן, רחמנא לצלן. וואס קלערט איהר? ס׳איז שוין געווען א וועלט מיט וועלטעלעך.

„און וויבאלד מיר האבען זיך שוין אבגעשטעלט ערגיץ אין א קרעטשמע, איז שוין געווען וואס צו זעהן און וואס צו הערען. ס׳האט דאַמאלס געהערשט צווישען אונז און אין אונזערע הערצער אן אמת׳ע הימלישע שמחה, בחינת „אגיל ואשמח". ניט איין שמוציג נפש, וואס איז שוין געווען משוקע (פערזונקען) אין דער טומאה ביז איבער די אויערען, השם יצילנו, האבען מיר, מיט׳ן כח פון אונזער שמחה׳דיגען זיץ, מטהר געווען און עס גערעטעט פונ׳ם שאול תחתית. ניט אין מקואות פו׳ יסורים און סגופים האַבען מיר זייערע טנופת׳דיגע נפשות טובל געווען און אבגערייניגט, נאר אין אבי־סעלע משקה, אין א קוואל פון שמחה און אין א שטראם פון הויכע דבורים און מעשיות פון אונזערע צדיקים. ווי פון א מאגנעט זיינען זיי, די חוטאים וואס האבען זיך על פי צופאל צו אונז צוגעהערט, צוגעצויגען און אנגעקלעפט געוואַרען, דערפיהלענדיג און פערשטעהענדיג מיט אמאל, אז אלע זייערע נארישע תאוות און מכלומר׳שדיגע תענוגים מעגען זיין די כפרה פאר אונזערס דאס קלענסטע שמחה׳לע. דאדורך זיינען דאמאלס אויף אונזערע אפטע נסיעות, כמה וכמה בעלי עברה, וואס האבען זיך גראד מיט אונז צוזאמענגעטראפען לפונדס אחר, ממש איבערגעקעהרט געווארען צו גאנץ אנדערע ברואים, צו אמת׳ע „אנשי שלומנו", טאקע צו הייסע פאהרערס צום צדיק, זאל מאריך ימים זיין, און מיט דער צייט אויך צו אמת׳ע אויסגערופענע חסידים. אנו, צי קען מען אויך בימינו, איצט אויף די סטרא־אחרא׳דיגע אייזענבאהן נסיעות, אזוי מקדש השם זיין, מקיים צו זיין „מוציא יקר מזולל"? זאלען זיי אזוי לעבען!

אט שטעהט נאך פאר מיינע אויגען, גלייך ס׳וואלט ערשט נעכטען געווען, דער מגושם׳דיגער ארענדאר מיט זיין פויעריש חוטא׳דיג פנים. ס׳איז געווען אים ראש חודש סיון. אויף אונזער נסיעה האבען מיר דאמאלס געפראוועט די סעודת ראש חודש אין א דארף נאך קאלאמיי. משקה האט אונז דער ארענדאר געגעבען לרוב, אבער משקה, טאקע פונ׳ם יין המשומר, אמת׳דיגער 95גער, און דאס גאר גאנץ אומזיסט, אהן א גראשען הוצאה אפילו. הפנים אז ער האט אין זיך געהאט א ניצוץ פון א חסיד. ווי ס׳האט זיך אויך שפעטער באמת ארויסגעוויזען. אין אונזער סביבה איז אביסעל ווארים געווארען, ס׳האט זיך דאן געמאכט א חידוש פון א „זיץ".

ווארום וויסען מוזט איהר, רבותי, אז צו א „זיץ" מוז מען אויך האבען א גרויסע סיעתא דשמיא. אט, למשל, זיצען מיר טיילמאל דוקא צווישען זיך, בלויז אנשים משלנו, ניטא אפילו קיין עוקץ פון א פסולת, מען שמועסט, מען דער־צעהלט, און דוקא גאר זעהר הויכע און אינטערעסאנטע ענינים, פונדעסטוועגען, ווי מעשה שטן, פיהלט מען לחלוטין גאר ניט די הרגשה וואס מען וואלט בעדארפט פיהלען: ס׳פעהלט חמימות, התרוממות, השראת השכינה, הארין. אמאל אבער, דוקא ניט צווישען די איי־איי חסידים, די געהויבענע בעלי מחות, נאר צווישען אייגפאכע בעלי אמונה, ביי א קאפעלע משקה, און עס מאכט זיך א

שמועס, טאקע פון שמועס־לאנד. ס׳ווערט דאן אן אמת׳ער גן־ערן־זיץ, מען ווייס ניט וואו די נאכט קומט אהין, מען קען זיך לחלוטין גאר ניט שיידען איינער פונ׳ם אנדערען: עפעס פיהלט זיך אין דער לופט די גרויסע השפעה פונ׳ם צדיק׳ס כח.

אט אזא מאדנע זיץ האט זיך דאמאלס גראד געמאכט אין יענעם ראש־חודש אין דער דארפ׳ס קרעטשמע. דאס ווארימקייט פון דער קדושה איז זיך צוגאנגעי אין אלע אברים. ס׳האט זיך געפיהלט א מין ״אתערותא דלעילא״, ווי א הימלישער ליכט שטראהל שיינט אדיין אין אונזער אלעמענס הערצער, די אמת׳ע הערה פון קבלת התורה.

און געשמועסט זיינען דאמאלס געווארען דבורים נפלאים מכח ענינים פון תשובה, מיט וואס פאר אויגען אונזערס א צדיק קוקט אויפ׳ן חוטא און אויף זיין אמת׳ן דרך התשובה, און ווי אזוי ס׳האבען דארויף געקוקט די גרויסע רבנים פון די גאונישע מתנגדים.

דער ארענדאר, וועלכער האט אונז אלע מאל אריינגעבראכט אין אונזער בעזונדער חדר׳ל א פריש ביסעלע משקה, האט זיך אנגעהויבען צו פעראינטערעסירען מיט אונזערע מעשיות און דבורים. ער האט ביי אונז געבעטען רשות, זיך אנידערצוזעצען ביי אונזער טיש און זיך צוהערען צו אונזער שמועס. מיר האבען באלד פערשטאנען, אז דא שמעקט דעם צדיק׳ס כח, אז די קדושה הויבט זיך אן מתגבר צו זיין איבער דער קלפה און מיר מוזען איהר, דער קדושה, צו־העלפען, מחמת ״הבא לטהר מסייעין אותו״.

״אט האט איהר א ראיה מפורשת (קלארען בעוויז) צו דעם ענין וואס מיר האבען דא פריהער געשמועסט — האט איינער פון אונזער הברה גומר געווען דעם פריהעריגען שמועס. — אדרבה, הערט זיך צו א מעשה שהיה:

אין דער שטאדט פינסק, אין רוסלאנד, האט זיך אמאל געטראפען, אז אן אשה האט ביינאכט, ניט פאר קיין שום איד געדאכט, זאדושעט איהר זויגענדיג קינד, בעת זי איז דאמיט צוזאמען געשלאפען אין בעט. ווי איהר ווייסט, איז דאך פון תמיד אזא אונגליקליכער צופאל בעטראכט געווארען פאר דער אשה גלייך זי וואלט געווען א הורג נפש (א מערדערישע זינד), פאר וועלכער זי האט נאך בעדארפט ארויכנעהמען א שווערע תשובה פאר א כפרת־עון.

די פערביטערטע פרוי איז באלד אין דער פריה געלאפען צום פינסקער רב, ר׳ אביגדור, א תלמיד פונ׳ם ווילנער גאון און א שרעקליכער מתנגד פון צדיקים און חסידים, ער זאל איהר ארויסגעבען א תשובה אויף איהר גרויסען חטא.

האט איהר דער רב קודם געמאכט שווער דאס הארץ, ערקלערענדיג איהר דעם גרויסען עונש וואס ס׳וואלט איהר בעדארפט קומען פאר דעם חטא פון ״הריגת נפשות״, און דאן איהר ארויסגעגעבען א תשובה זי זאל פאסטען פ״ד (84) תעניתים, יעדען מאנטאג און דאנערשטאג, נאכ׳ן תענית זאל זי שלאפען אויף א הארט געלעגער און כסדר טהאן תפלה צו זיין ליעבען נאמען ער זאל איהר מוחל זיין.

צופעליג איז דאמאלס געקומען צופאהרען קיין פינסק דער בעריהמטער צדיק ר׳ לוי יצחק, שפעטער דער בערדיטשעווער. די אונגליקליכע פרוי איז געגאנגען צום צדיק מיט א קוויטעל, האט פאר איהם פערגאסען באכען טרערען אויף איהר

גרויסען חטא און אויף איהם דערצעהלט דעם דרך התשובה וואס דער שטאדט רב האט איהר אנגעוויזען פאר א כפרת־פשע.

„חלילה, חלילה!“ — האט דער צדיק אויסגערופען אין גרויס אויפרעגונג, דערהערענדיג די שווערע תשובה וואס דער רב האט איהר ארויסגעגעבען. — „זאל גאט שומר ומציל זיין! איהר טארט ניט פאסטען און פייניגען אייער גוף אפילו איין־איינציגען טאג. „תשובה“ מיינט, צו פערריכטען און גוט צו מאכען דאס וואס מען האט פריהער קאליע געמאכט. מיט פאסטען און פייניגען, מיט זיך אויסהונגערען און אויסמוטשען, וועט איהר באין אופן ניט זיין אימשטאנד צו פערריכטען דעם חטא וואס איהר זייט בעגאנגען אומגערן. אייער ריכטיגע תשובה איז: איהר זאלט גוט עסען, גוט טרינקען, גוט שלאפען און זיך בעמיהען אנצואווענדען אלצדינג וואס איז נאר בכח אייך צו מאכען געזונד און פריש, שטארק און מונטער, לוסטיג און לעבעדיג, כדי איהר זאלט אויסזעהן גוט און שעהן, האבען חן אין אייער מאן׳ס אויגען און זיין ביכולת צו פערריכטען די זינד, דורך האבען כח צו ברענגען אנדערע קינדער אויף דער וועלט.

„אט דאס, רבותי, איז דער דרך פון אן אמת׳ן צדיק!“

קרוב און עהנליך צו אזא מעשה האט פאסירט טאקיז ביי אונזער רבי׳ן, זאל מאריך ימים זיין, אין סאדאגורע גופא — האט זיך א צווייטער פון דער חבריא אנגערופען. — וכך הוה עובדא:

ס׳איז צו איהם אמאל געקומען א טשערנאוויצער איד, א שטיק נואף, לא עלינו, און האט פון איהם פערלאנגט א תשובה. ער האט איהם אויך דערצעהלט, אז דער קאלאמייער רב (ער האט זיך געשעהמט ארויסצוזאגען א תשובה ביים רב פון זיין שטאדט איז ער געפאהרען קיין קאלאמיי ווא מען קען איהם ניט) האט איהם ארויסגעגעבען א תשובה, ער זאל דריי יאהר רצופים זיין נע־ונד, און די גאנצע צייט ניט מעהר עסען ווי איינמאל אין טאג א שטיקעל טרוקען ברויט מיט א טרונק וואסער.

האט אונזער הייליגער צדיק א שמייכעל געטהאן, זאגענדיג: „לא זו הדרך! די אמת׳ע תשובה איז „תשובת דמשקל“, דאס מיינט, ניט מעהר צו בעגעהן דיזעלבע עברה, אפילו ווען דו האסט דאס יכולת און די געלעגענהייט צו זינדי־גען. דאס קען אבער לחלוטין ניט זיין, וויבאלד דו וועסט כסדר זיין הונגעריג און דורשטיג, מיעד און אפגעפלאגט. עס און טרינק דאס שעהנסטע און דאס בעסטע, אין דיין אייגענער היים צווישען דיין בני־בית. רק זיי אויף זיך מקבל באמת, מיט א ריין הארץ און א פעסטען רצון, ניט מעהר צו זינדיגען. אלס א כפרת־עון זאלסטו פערטהיילען צווישען ארימעלייט דיזעלבע סומע געלד וואס דו האסט דאס לעצטע יאהר פערשווענדעט אויף עברות. דאס איז די ריכטיגע תשובה. השם יתברך דארף ניט און וויל ניט מענשען־קרבנות. האט דאך דער נביא בפרוש געזאגט אינ׳ם נאמען פון השם־יתברך: „כי לא אחפוץ במות המת... והשיבו וחיו“.

ס׳איז אויך דאמאלס דערצעהלט געווארען די דאזיגע עובדא:

דער בעריהמטער צדיק און אוהב ישראל ר׳ משה ליב פון סאסאוו, האט זיך אמאל ביי די סליחות פון „זכור ברית“ צו׳טענה׳ט מיט׳ן רבונו של עולם אויף אזא מאדנעם אופן, כדי מלמד זכות צו זיין אויף די כנסת ישראל:

"טאטע זיסער, דו דארפסט דאך נויטיג האבען אז אידען זאלען זינדיגען. אין דיין הייליגער קרוין זיינען דאך איינגעפאסט דרייצעהן שיינגעדיגע ברילּיאנ־טען פון די "שלש־עשרה־מדות", איכפאל די אידען זאלען לחלוטין גאר ניט זינדיגען, וואלטען דאך געפעהלט פון דער קרוין א היבש ביסעל ברילּיאנטען, ווי, למשל: "ארך אפים", "נושא עון ופשע" (נאט איז זעהר גערולדיג, ער איז מוחל די זינד און די פערברעכענס). א שעהן פּנים וואלט דיין קרוין געהאט אהן אזעלכע טייערע דיאמאנטען."

ווען דער פרשיסכער צדיק האט געהערט נאכדערצעהלען דיזע דבורים, האט ער געזאגט, אז איצט איז איהם פארענטפערט געווארען א זאך וואס ס'איז איהם תמיד קשה געווען: פארוואס שטעהט עפּיס אין דער שמונה־עשרה "הרוצה בתשובה", אז גאט וויל מען זאל תשובה טהאן. ס'וואלט דאך בעדארפט שטעהן "המתרצה בתשובה", וועלכעס וואלט געמיינט, אז ער לאזט זיך איבער־בעטען דורך תשובה?

איצט אבער, לויט דעם סאסאווער צדיק'ס דבורים, איז שוין רעכט. "הרוצה" מיינט, אז כביכול איז אמאל צופריעדען ווען דער מענש זינדיגט, כדי ער זאל דערנאך האבען אויף וואס תשובה צו טהאן, און ער, השם יתברך, וועט דאן זיין ביכולת איהם מוחל צו זיין און גערופען ווערען "מלך מוחל וסולח".

בלאס ווי די וואנט האט דאן דער ארענדאר פערלאזט אונזער חדר'ל. ס'איז ביי אונז געווען קלאר ווי אויף דער האנד, אז ער האט בעקומען א הרהור תשובה. מיר האבען איהם בעקומען; די קדושה האלט אין גובר זיין.

מיר האבען זיך דארט נאך א היבש ביסעל משמח געווען לכבוד ראש חודש, ווי אויך לכבוד דער הכנה צו קבלת התורה. סוף כל סוף איז געקומען די צייט ווייטער צו פאהרען. מיר האבען זיך געזעגענט מיט'ן ארענדאר און איהם גע־דאנקט פאר דער גוטער און פריינדליכער אויפנאהמע.

"טהוט מיר צוליעב און ווארט נאך אביסעל" — האט דער ארענדאר גע־זאגט צו אונז אלע. — דאן האט ער זיך געווענדעט צו מיר זאגענדיג:

"אייערע חברים וועלען מיר דאך מוחל זיין, ווען איך וועל אייך מטריח זיין פאר א פאר מינוט אין א בעזונדער חדר. איך האב מיט אייך עפּעס וויכטי־געס צו ריידען".

"מיט אייער שמחה און אייערע שעהנע מעשיות האט איהר ביי מיר אוועק־גערויבט מיין מנוחה פאר אייביג — האט דער ארענדאר אנגעהויבען נאכדעם ווי מיר זיינען אריינגעקומען אין א בעזונדער חדר. — דאס פינטעלע איד האט זיך אין מיר דערוועקט. איך בין א חוטא! איהר הערט, מיין ליעבער איד? איך בין א גרויסער בעל־עברה'ניק! איך האב שוין פופצעהן יאהר צו טהאן מיט אן אשת־איש, מיינס א שכנה. אמת, איך האב אין דער פריה נאך קיינמאל ניט פערפעהלט צו דאווענען, אביסעל מעהר אדער אביסעל ווענינער, אבער תפילין האב איך תמיד געלעגט, קיינמאל ניט פערפעהלט. זעהט איהר, מיין ליעבער איד, מנחה ומעריב איז שוין עפּעס אנדערש, דאס קען מען שוין אין א קרעטשמע ניט אבהיטען אפילו ווען מען זאל זיין א נח הצדיק. אויך שבת קען מען ניט אין גאנצען היטען ווי ס'געהער צו זיין. איך אליין היט מיך אויס ווי ווייט מעגליך צו נעהמען אום שבת געלד אין דער האנד אריין, נאר מיין עלטערע מיידעל זי

איז שוין ניט אזוי אבגעהיט. וואס קען מען זיך העלפען? מיר זיינען דאך אין גלות, מ׳שטיינס געזאגט. דערפאר גיב איך אלע ארימעלייט וואס געהען פארביי מיין קרעטשמע, צו עסען און צו טרינקען אהן געצאהלט. מען איז דאך, ווי ס׳איז, כאָרט א שטיקעל איד, און ניט אייביג לעבט דער זינדיגער מענש אויף דער וועלט. אבער, וועה צו מיר, די אשת־איש לאזט מיך ניט צורוה פון נעכטען ביינאכט אן, זינט כ׳האב מיך צוגעהערט צו אייערע מעשיות. נעהמט מיך מיט אייך מיט צו אייער רבי׳ן, זאל ער מיר ארויסגעבען א תשובה.״

די דאזיגע אלע דבורים, כמעט מיט׳ן זעלבען לשון ווי כ׳דערצעהל אייך, האט דער ארענדאר דערצעהלט ווי ״בנשימה אחת״, ניט געבענדיג אמאל מיר די געלעגענהייט איהם עפעס איבערצופרעגען. איך האב מיך געפיהלט גליקליך צו האבען די זכיה ארויסצורייסען א נפש פון דער קלפה׳ס לאפעס. האב איך איהם גערָאטהען מיט אונז טאקע מיטצופאהרען צום הייליגען צדיק.

ס׳איז שוין שפעט, מיר מוזען שוין געהן צום רבינ׳ס טיש — האט ר׳ אברהם׳לע געענדיגט זיין שמועס. — כ׳וועל זיך דעריבער בעגניגען אייך צו דער־צעהלען, אז דער דאזיגער חוטא איז שפעטער געווארען אן איש תמים, אן עהר־ליכער חסיד און א שטיק געהויבענער איד.

אזעלכע זאכען, כהנה וכהנה, פלעגען זיך טרעפען ביי די פערצייטיגע נסיעות צום צדיק, חבל על דאבדין!

״לאמיר געהן צום טיש.״

## קאפיטעל 57.

# הנאהבים והנעימים.

**די טרויעריגע עלטער. — צדיקים וואָס דאס דור איז זיי ניט ווערטה געווען. — די ביטערע יללה ביי תקיעת-שופר.—דער גזר-דין ווערט אויסגעפיהרט. — א מופת אָבגעלערענט פון א מאמר הגמרא. — מען דארף וויסען ווי אזוי צו עסען.**

הארטע, שווערע און ביטערע טעג זיינען געקומען צום כאראגורער צדיק אין זיינע לעצטע צוויי לעבענסיאהרען. נאכדעם ווי ער איז איבערגעשטאנען דעם גרויסען נסיון פונ׳ם פייערדיגען מחלוקת כיצד דעם קאזער צדיק און איז ארויס בשלום, אזוי, אז ניט נאר האט דאס מחלוקת ניט געקענט פוגם זיין אויף דאס מינדעסטע פון דעם סאראגורער׳ס כבוד, נאר אדרבה, דאס סאראגורער הסידות האט זיך נאך געשטארקט און פערמעהרט פון טאג צו טאג מיט כבוד און גדולה, האט פלוצים השם יתברך געפרובט דעם צדיק מיט א זעהר שווערען און מורא׳־דיגען נסיון. ער האט ביי איהם צוגענומען זיינע טייערע צוויי קינדער. זיין עלטסטען זוהן ר׳ שלמה׳ניו און זיין ליעבען איידעם ר׳ נחום בער׳ניו, דער זוהן פון זיין עלטסטען ברודער ר׳ שלום יוסף ז״ל.

געהאט האָט דער סאַראַגורער רבי ז״ל, זיעבען קינדער, דריי זיהן און פיער טעכטער. די עלטסטע טאָכטער איז געווען פערהייראַטעט צו ר׳ זעליג׳על, דעם מאַגלינעצער צדיק׳ס א זוהן. די צווייטע איז געווען דאָס ווייב פון ר׳ נחום בער׳ניו, דעם ריזינער׳ס אן אייניקעל פונ׳ם עלטסטען זוהן ר׳ שלום יוסף, וועל־כער איז נסתלק געוואָרען באלד נאָכן פאָטער׳ס פּטירה און ליעגט אין לייפּציג. די דריטע איז געווען ר׳ ישראל׳ניו מעזיבושער׳ס ווייב, און די פערטע איז די פרוי פונ׳ם איצטיגען טשאָרטקאָווער רבי׳ן.

די דריי זיהן זיינען געווען: ר׳ שלמה׳ניו, ר׳ איטצי׳ניו, דער געוועזענער באיאנער רבי און ר׳ ישראל׳ניו, דער געוועזענער ממלא מקומו פון זיין פאָטער אין סאַדאַגורע.

האָבען אלע חסידים געדעכענט פאר בעשטימט, אז דער ממלא מקומו פונ׳ם סאַדאַגורער וועט זיין, בלתי ספק, ר׳ שלמה׳ניו, וועמען דאָס רוב חסידים פלעגען רופען דער ״גאַליציאַנער רבי״, צוליעב דעם וואָס ער איז געווען דער איינציגער צווישען די קינדער, וועלכער האָט אין דער תחלה געהאט א גאַליציאַנער ווייב, די טאָכטער פונ׳ם רבי׳ן ר׳ הירש פון רימאַנאָוו (שפּעטער האָט ער זיך מיט איהר גע׳גט, ווייל זי האָט ניט געהאט קיין קינדער), און איבערהויפּט צוליעב דעם וואָס זיין עבודה און יראת שמים איז ניט געווען פערשטעלט און בע־האַלטען ווי ביי די רוסישע גרויסע רביים, הויל ״עבודה שבלב״, נאָר אָפען, בריש גלי, מען האָט זי געקענט אַנטאַפּען מיט די הענט, אן עהנליכקייט אביסעל צו דער עבודה פון זיין שווער, דער רימאַנאָווער צדיק ז״ל.

איז אָבער דאָס דור, הבנים, ניט ווערטה געווען צו איהם.

ס׳איז געווען אין ראש השנה, תרמ״ב. דער עולם אין סאַדאַגורע האָט דאַ־מאָלס געצעהלט אין די טויזענדער. די גרויסע קלויז איז ביים דאַווענען געווען געפּאַקט ביז, ממש, צו דערשטיקען, אויף דער הויף פון דער קלויז איז געווען פול מיט אורחים, וועלכע האָבען ניט געוואָלט האָבען קיין מסירת נפש, האָבען זיי זיך בעגנוגען געלאָזט מיט דער תפלה אינ׳ם חצר פון דער קלויז, כאָטש מען האָט כמעט גאָר ניט געהערט די תפלות פון די זיסע חזנים, נאָר געמוזט מיט־דאַווענען על פּי ״אומדנא״, לויט ווי דער עולם האָט אויסגעשריען.

איך, אלס א גאַליציאַנער חסיד, וואָס איז ווייניג וואָס געאיבט אין דער עלענבויגען־מלחמה וואָס מען דאַרף כסדר פיהרען וויבאלד מען וויל דאַווענען אין דער קלויז גופא, האָב אויך יוצא געווען מיט דער חצר־תפלה, מחמת ס׳איז דאָך ניט קיין קריאת מגלה וואָס מען איז ניט יוצא וויבאלד מען דערהערט ניט עפּים א וואָרט פונ׳ם חזן. אבי מען דאַווענט בצבור און דאַצו צוזאַמען מיט׳ן הייליגען צדיק, נעהנטער אביסעל אָדער ווייטער, דאָס איז שוין אין דין אריין ניט קיין גרויסע נפקותא.

בנוגע תקיעת שופר ווידער, זיינען מיר אלע דרויסען־שטעהערס זיכער גע־ווען, אז די תקיעות פון ר׳ יעקעלע בערדיטשעווער, דעם רבינ׳ס בעל־תקיעה און דער מלך פון אלע בעלי־תקיעות אויף דער גאַנצער וועלט, וואָלטען מיר גע־הערט, ניט נאָר אין דעם הויף פון דער קלויז, נאָר אפילו ווען מיר זאָלען שטעהען אבגערוקט עטליכע גאַסען. א קלייניגקייט, ר׳ יעקעלע׳ס קול תקיעה! א מענש

וואָס בלאָזט שויןביים רבי׳ן, זאָל לעבען, א מעשה פון 25 יאָהר רצופים און קיינמאָל ניט געמאכט קיין טעות אין די תקיעות אָדער געדאַרפט דורך וועלכע סבה ווידערהאָלען עפּיס א תקיעה.

פונדעסטוועגען, כאָטש מיר אַלע, חצר־מתפּללים, זיינען אַזוי זיכער געווען, אַז ווי ווייט מיר זאָלען ניט שטעהען וועלען מיר דאָך גוט הערען די תקיעות, האָבען מיר אַלע דאָך זיך אָנגעהויבען צו צושטופּען צו די פענסטער פון דער קלויז, אַזוי ווי ס׳האָט זיך נאָר דערהערט דער אויסגעשריי פון "למנצח לבני קורח מזמור", די הקדמה פון די תקיעות. עפּיס דאַכט זיך, אַז ביי די תקיעות איז מען ניט יוצא וויבאַלד מען שטופּט זיך ניט.

א מורא׳דיג שטילקייט האָט געהערשט אין דער קלויז און אינ׳ם חצר. אַלעם האָט אויפגעשטעלט די אויערן. מיר האָבען זיך משער געווען, אַז ס׳וואָלט זיך שוין בעדאַרפט לאָזען הערען א קול תקיעה. ס׳איז דאָך שוין עטליכע מינוט נאָך דער ברכה, אָבער אין קול ואין קשב. מען הערט ניט קיין קול שופר.

פּלוצים האָט עפּיס מיט אַמאָל ווי א שרעקליכעס געוויטער אויסגעבראָכען א מורא׳דיגער יאָמער־געוויין פון טויזענדער מיילער, חורבן בית המקדש ממש. דער דרויסען־עולם האָט באַלד פערשטאַנען אין וואָס ס׳האַנדעלט זיך און איז מיטגעריסען געוואָרען אינ׳ם רעש׳דיגען יללה׳ן. ר׳ יעקעלע האָט בשום אופן ניט געקענט אַרויסברייגגען א קול תקיעה. דאָס ערשטע מאָל אין פינף־און־צוואַנ־ציג יאָהר וואָס דער שטן האָט געהאַט שליטה אין רבינ׳ס קלויז מבלבל צו זיין די תקיעות. אינסטינקטיוו האָט דער גאַנצער עולם דערפיהלט, אַז דאָס איז ניט פּשוט, אַז דאָ הענגט עפּיס א ביטערער גזר דין איבער׳ן צדיק׳ס הויף. געמיינט האָט יעדער, אַז דאָס איז א שלעכטער צייכען אויף בנוגע דעם צדיק גופא. און דאָס איז געווען די סבה פון דעם פּלעצליכען ביטערען יללה־אויסברוך.

די הימלישע השגחה האָט אָבער אַנדערש בעשטימט.

די תקיעות האָט מען יאַקאַש געענדיגט ווי ס׳איז, אָבער א כמארע פון א ניט־בעוואוסטער זאָרג האָט געהאַנגען זינט ראש השנה אויף דער גאַנצער חסידישער סביבה.

אין דעם זעלבען ווינטער, כ׳ טבת, איז דער עלטסטער זוהן פונ׳ם צדיק, ר׳ שלמה׳ניו נפטר געוואָרען.

אָבער דאמיט איז נאָך ניט געשלאָסען געוואָרען דער מורא׳דיגער גזר דין.

ר׳ נחום בער׳ניו, דער איידעם פונ׳ם רבי׳ן, איז געווען דער ליעבלינג פון אַלע רוסישע חסידים. געהייסען האָט עס צווישען די חסידים פון תמיד אָן, אַז לאחר מאה ועשרים שנה, נאָכ׳ן רבינ׳ס הסתלקות, וועט ר׳ שלמה׳ניו איבער־נעהמען אַלע גאַליציאַנער חסידים און ר׳ נחום בער׳ניו אַלע רוסישע חסידים. די רוסישע חסידים האָבען ליעב א מוח־רבי, וועמעס עבודה איז מעהר אינווענינ ווי אויסווענינ, און דאָס האָבען זיי געפונען ביי ר׳ נחום בער׳ניו.

א חוץ זיין אצילות׳דיג אויסזעהן און זיין שאַרפען מוח, איז ער אויך געווען א געוואַלטיגער שמועסער. דאמיט איז ניט געמיינט, אַז ער האָט א סך גערעדט. אדרבה, ער האָט דוקא ווייניג גערעדט, נאָר תמיד געפונען א קורצען און פּאַסענדען אויסדרוק צו יעדען מענשען און ביי יעדען ענין, וועלכער איז גע־

**ווען א דבר בעתו** און אין וועלכען ס׳האט געשטעקט א ים מיט חכמה. **די** חסידים פלעגען ממש לעקען די פינגער פון זיינ׳ס א דבור אדער א תורה׳לע, וועלכע מען האט באלד פערשפרייט מינדליך און שריפטליך צו אלע חסידים פון דער וועלט. א חוץ זיין גרויסע חכמה, איז עפּיס געלעגען אין זיינע אויגען א זעלטענער חן, א פערבארגענער כח המושך צו צוציהען אלע מענשען וואס זיינען נאר געקומען אין זיין סביבה ווי דורך א מאגנעט.

אויף זיין רייזע קיין קארלסבאד, פלעגט ער אין וויען אבשטייגען, כדי זיך צו בעהאנדלען ביי א פּראפעסאר. דארט פלעגט ער איינשטעהן אין א בעקאנטע כשר׳ע רעסטאראנט, דער איינציגער ארט וואו ער האט זיך ערלויבט צו עסען בשר־עוף, וועלכעס ס׳האט גע׳שחט׳ען זיין אייגענער שוחט וואס איז מיט איהם מיטגעפאהרען.

איינמאל, בעת ער האט געגעסען אין יענער אכסניה, האט מען איהם צוגע־טראגען צום טיש א זופּ פון עופות־פלייש. אזוי ווי ר׳ נחום בער׳ניו האט גע־וואלט צופיהרען די לעפעל מיט די יויך צום מויל, האט ער פלוצים ווי אין האסט, די לעפעל מיט די זופּ צוריק אריינגעלעגט אין טעלער.

ער האט זאפארט געשיקט אריינרופען די בעל־בית׳טע פון דער אכסניה, און נאך א חקירה ודרישה האט זיך ארויסגעשטעלט, אז דאס עוף האט געהאט א שאלה, נאר אזוי ווי ס׳איז שוין געווען שפּעט צו שחט׳ן אן אנדער עוף, האט זיך די בעל־בית׳טע סומך געווען אויף איהר אייגען בקיאות און הלכות כשר־מאכען עופות, און עס בעטראכט אלס כשר. ווי ס׳האט זיך אבער דאן ארויסגע־וויזען, איז׳ס דוקא געווען א גאר הארבע שאלה.

זעהענדיג, אז די חסידים, וועלכע האבען די דאזיגע עובדא בייגעוואוינט, זיינען זעהר ערשטוינט און גענייגט דאס צו בעטראכטען אלס א מופת, האט ר׳ נחום בער׳ניו אין עניוות׳דיגען שמייכעל געטהאן, זאגענדיג צו זיינע מענשען:

״איהר דארפט אייך גאר ניט חידוש׳ן, ווי אזוי איך האב זיך פלוצים דער־וואוסט, אז די יויך איז ניט גלאט־כשר. עס איז לגמרי גאר ניט קיין מופת און ס׳שטעקט ניט דארין אפילו קיין שמץ נביאות. עס איז פשוט כפשוטו.

״אזוי ווי כ׳האב געהאלטען ביים צופיהרען דעם לעפעל מיט זופּ צום מויל, האב איך פלוצים בעקומען א שטארקע, אונגעהויערע תאוה. א י ה ר מעגט עס רופען ״אפּעטיט״, צו עסען די זופּ. האב איך מיר דאפון געדרונגען, אז די זאך איז ניט פשוט. מחמת צו וואס דארף זיך עפּיס דער יצר־הרע געבען אזוי פיעל מיה, מיך צוצורעדען צו עסען די זופּ, בעת איך וואלט זי דאך סיי ווי באלד געגעסען? וואס שפּיעלט עפּיס ביי איהם אזא ראלע מיין יא־עסען אדער ניט־עסען פון דער יויך וואס ער בעמיהט זיך צו פערשטארקען אין מיר די תאות־אכילה? מן הסתם שטעקט דא עפּיס דארינען זיינס א שטיק שמד־שטיק, און מען מוז האבען ישוב הדעת כדי דאס אויסצוגעפינען. מען דארף צו אזא זאך לגמרי גאר ניט זיין קיין בעל־מופת און א בעל רוח הקודש. איהר קענט דעם ענין גאר געפינען אין א מאמר פון דער גמרא: ״סעודה שהנאתך מרובה משוך ידך הימנה״ (אז עסען, וועלכעס שמעקט דיר צו שטארק, לאז עס שטעהן און גענים עס ניט מעהר). הלואי וואלטען אידען פערשטאנען די גמרא, וואלטען זיי **ניט געקומען צו קיין מכשול.״**

די אהבה צווישען די צוויי שוואָגערס, ר׳ שלמה׳ניו און ר׳ נחום בער׳ניו איז געווען ממש אהבת דוד ויונתן, זיי האָבען פּשוט ניט געקענט לעבען איינער אָהן דעם צווייטען. האָט די פּטירה פון ר׳ שלמה׳ניו געמאכט א שרעקליכען איינ־דרוק אויף ר׳ נחום בער׳ניו. מען האָט איהם זייט דאמאלס ניט געזעהן מעהר קיין שמייכעל טהאָן. זיין געזונדהייטס צושטאנד איז ארונטערגעקומען פון טאָג צו טאָג, מען האָט געקענט זעהן בחוש, אז די כחות געהען איהם אוים.

שפּעטער מיט א יאהר, באלד נאָך שבועות, איז ר׳ נחום בער׳ניו שטארק קראנק געווארען. די טשערנאָוויצער דאָקטוירים האבען איהם אוועקגעשיקט קיין גלייכענבערג דארטען צו געניסען פרישע לופט. עס איז איהם דארט, נאָך אַן אויפהאלט פון עטליכע וואכען, פיעל בעסער געוואָרען. ער האָט דעריבער בעשלאָסען אהיימצופאָהרען. אויפ׳ן וועג, האָט ער אָבגעטרעטען אין וויען, כדי זיך דארט צו זעהן מיט זיין דאָקטאָר און צו הערען זיין מיינונג מכח זיין בריאות־הגוף.

אים דיענסטאג, כ״ו אב, האָט ער פאר׳ן נאכט געדאווענט מנחה אין האָ־טעל וואו ער איז איינגעשטאנען. דאן האָט ער געזאָגט צום באָריסלאווער גביר, ר׳ אברהם וואלדינגער, וועלכער איז אויך גראד דאמאלס געווען אין וויען און איז איינגעשטאנען אין דעמזעלבען האָטעל, אז ער, ר׳ נחום בער׳ניו, וויל איצט זיך דורכפאָהרען איבער די וויענער גאסען פאר עטליכע שטונדען. ער האָט דאריבער געבעטען דעם גביר צו פערבלייבען ביי איהם אין זיין חדר ביז ער וועט צוריקקומען פון׳ם שפּאציער, ווייל זיין געזעלשאפט איז איהם אנגענעהם.

ארום עלף א זייגער, איז ר׳ נחום בער׳ניו צוריקגעקומען. ער האָט ריכטיג דאָרט געטראָפען ר׳ אברהם וואלדינגער אויף איהם ווארטען. ער האָט זיך פאר איהם בעקלאָגט אז ער איז זעהר מיעד און פיהלט א שרעקליכע שוואכקייט. אָף על פּי כן, האָט ער זיך געשטעלט אין א ווינקעל דאווענען מעריב. ער איז אָבער באלד שוואך געווארען און זיך אנידערגעזעצט. בשעת קריאת־שמע האָט וואלדינגער דערזעהן, אז דער צדיק וואקעלט זיך פאר שוואכקייט. ער איז צו איהם צוגעגאנגען זעהן וואס ס׳איז דערמעהר. האָט ר׳ נחום בער׳ניו אָנגע־שפּארט דעם קאָפּ אויף וואלדינגער׳ס אקסלען, וויעדערהאָלט דעם פּסוק ״שמע־ישראל״ און געלאָזט זיין כשר׳ע נשמה.

צומאָרגענס, מיטוואָך כ״ז אב, האָט מען אנגעפרעגט טעלעגראפיש דעם טשאָרטקאָווער צדיק אויב מען זאָל דעם נפטר איבערפיהרען קיין סאדאגורע, מחמת דעם סאדאגורער האָט מען ניט מעהר געקענט פרעגען אן עצה, ווייל ער אַליין איז שוין דאמאלס געווען א חולה מסוכן.

האָט דער טשארטקאָווער צדיק געענטפערט, אז מען זאָל איהם ניט איבער־פיהרען צוליעב צוויי טעמים: ערשטענס, ווייל ס׳וועט ניט מעגליך זיין דער קראנקער ברודער זאָל זיך דאפון ניט דערוויסען, וויבאלד מען וועט איהם אהיים ברייינגען, א זאך וואס קען, חלילה, ברייינגען שלעכטע פאָלגען פאר׳ן צדיק. צווייטענס, איז פאראנען א חשש אז מען וועט דעם נפטר ניט קענען אהיים־ברענגען צייטליך פאר שבת.

מען האט דעם גרויסען נפטר דאריבער קובר געווען איז וויען. זיין קבר איז ארומגערינגעלט מיט שטאלענע שטאכעטען. קיין סאדאגורער חסיד וואס פאהרט פארביי די שטאדט וויען, פעהלט ניט אבצושטייגען און צו בעזוכען דאס קבר פונ׳ם בעליעבטען יונג־פערשטארבענעם צדיק.

בנוגע דער פטירה פוןביידע געליעבטע שוואגערס איז א משך פון אנדערטהאלבען יאהר, האט זיך דאן רער טשארטקאווער צדיק בעדיענט מיט׳ן פסוק וואס דוד האט מספיד געווען דעם קעניג שאול און זיין זוהן יונתן: ״הנאהבים והנעימים בחייהם ובמותם לא נפרדו״.

## קאפיטעל 58.

# כלל ופרט.

**די אגדות איבער ר׳ נחום בער׳ניו. — דער צדיק פערליערט די מדרגות אין אן עת צרה. — א ״פועל ישועות״ דורך קללות און שטורכעס. — די יונגע פערשטעהן אמאל בעסער ווי די אלטע. — ברייננגט א ישועה דורך זינגען. — דער ״אור הקדמון״ איז פערלאשען געווארען.**

מורא׳דיג איז געווען דער איינדרוק וואס די פריהצייטיגע פטירה פון ר׳ נחום בער׳ניו האט געמאכט אויף אלע רוסישע חסידים וואס פלעגען פאהרען קיין סאדאגורע. זיי האבען זיך נאך איהם ניט מעהר געקענט טרייסטען. ס׳האט זיך דאן באלד ארומגעוועבט ארום דעם יונגען נפטר, א געוועב פון זעלטען שעה־נע מעשיות און ספורים, פון זיין גרויסקייט און פון די געטליכע צוקונפט וואס האט איהם ערווארטעט, ווי באלד ער וואלט געווען איבערלעבט דעם שווער, אלס א צדיק הדור.

איינע פון די וואונדערבארע מעשיות וואס די סאדאגורער חסידים דערצעה־לען זי אויף יעדער יאהרצייט פונ׳ם צדיק ר׳ נחום בער׳ניו ז״ל, און וועלכע איז אויך זעהר שעהן געשילדערט געווארען אינ׳ם ״שיחות החסידים״ פון שטיינבערג, איז די מעשה וואס האט זיך געטראפען צווישען איהם און זיין ווייב׳ס זיידען, דעם צדיק פון קארלין, וועלכע זאל אפשר האבען גורם געווען צו די פטירה פון ביידע צדיקים.

און אזוי ווערט די מעשה דערצעהלט ביי די חסידים:

אים ווינטער פונ׳ם יאהר תרל״ב, איז דער בעריהמטער צדיק און בעל מופת ר׳ אהרן פון קארלין (דער צווייטער), געקומען צו פאהרען אלס גאסט צו זיין איידעם דעם אלטען סאדאגורער צדיק ר׳ אברהם יעקב ז״ל, קיין סאדאגורע.

אין יענעם ווינטער איז גראד געווען א זעהר שלעכטער אונטערגאנג אויף קימפעטארינס, רחמנא לצלן. אינ׳ם רבינ׳ס הויף פלעגט זיך אבטהאן הריסות פון די ביטערע געווייננען פון די פאמיליען פון די געפעהרליכע יולדות. וואס הא־

בען געבעטען ביים צדיק רחמים, ער זאָל זיך פאַר זיי איינשטעלען פאַר דעם פאַטער אין הימעל, רחמנות צו האָבען אויף די יונגע נפשות, ניט זיי אוועקצו־נעהמען פון דער וועלט פאַר דער צייט.

דער צדיק האָט געטהאָן זיינ׳ס און מתפלל געווען. ס׳איז אָבער נאָר א גאַנץ קליינער פּראָצענט ניצול געוואָרען דורכ׳ן כח פונ׳ם צדיק׳ס תפלות. דער גזר־דין איז געווען מורא׳דיג שטאַרק; ס׳איז געווען א בחינה פון "תעלי בעידנא", דעם בעל־דבר׳ס צייט און ממשלה.

מאַכט זיך א מעשה, אז די איינציגע טאָכטער פונ׳ם רבינ׳ס א מקורב, ר׳ ישעיה, האָט ער געהייסען, איז פונקט אויף דער צייט געווען און אָנגעהויבען צו שפּירען "חבלי לידה". ר׳ ישעיה איז תיכף געלאָפען צו זיין רבי׳ן, כאַפּענדיג די פיש פאַר דער נעץ, און האָט מרעיש עולם געווען אז דער צדיק זאָל טאַקע תיכף מתפלל זיין, איידער נאָך די סכנה קומט, אז זיין טאָכטער זאָל באַלד און גיך גרינג איבערקומען אין א שעה מוצלחת.

"איך קען דיר היינט גאָר ניט העלפען — האָט צו איהם דער אלטער צדיק געזאָגט. — איך בין איצט אין א מדרגה פון ירמיה הנביא, בעת ער האָט זיך ביטער בעקלאָגט און אויסגערופען: "גם כי אזעק ואשוע סתם תפלתי" (איך מעג מיר אויסרייסען די קעהל שרייענדיג צו גאָט, וויל ער מיין תפלה ניט צונעהמען). געה אריין צו מיין שוועה ר׳ אהרן, אפשר וועט ער זיין ביכולת, מיט זיינע דרכים און מיט זיינע מיטלען, מכניע צו זיין (צו בעזיעגען) דעם בעל דבר און ברענגען א ישועה פאַר דיר און פאַר כל ישראל."

פונקט ווי דער ספּאָלער זיידע ז"ל, איז אויך ר׳ אהרן קאַרלינער׳ס כח בעשטאַנען אין דער מדה פון "כעס", צו זיין א "פועל ישועות". כעס, איז איי־גענטליך אפילו א גאָר שלעכטע מדה, נאָר ווייבאַלד דער צדיק אַרבייט אויס בֵי דאָזיגע מדה רעה און ברענגט זי אריין אין דער קדושה, קען ער דוקא מיט דעם "כעס" פּיעל אויפטהאָן, דורך איהם מבטל צו זיין כל׳ערליי דינין תקיפין און גזרות רעות, וועלכע הענגען, חלילה, איבער׳ן כלל ישראל אָדער איבער א פּרט (אן איינצעלנע פּערזאָן).

האָט עס זיך געהאַנדעלט נאָר אין א קליינע בקשה׳לע, איז געווען גענוג ווי־באַלד דער קאַרלינער צדיק האָט זיך אויף דעם קוויטעלגעבער נאָר אָנגעבייזערט אָדער גוט אָנגעשאָלטען מיט טויטע קללות, דאָס ער זאָל זיכער זיין, אז ער האָט שוין גע׳פּועל׳ט ביים צדיק כל טוב. טאָמער אָבער האָט׳ס זיך געהאַנדעלט איז א שווערען עסק, מבטל צו זיין א גרויסען גזר־דין, זיינען שוין די געבייזערן און די קללות פונ׳ם צדיק צו שוואַך געווען אלס מיטעל צו ברענגען די ישועה. דאַ־מאָלס האָט ער זיך שוין געמוזט בעדינען מיט׳ן ציבעק. קוים האָט דער קאַרלינער דעם ישועה־זוכער מכבד געווען מיט א פּאָר גוטע שטורכעס מיט׳ן ציבעק, איז׳ס דאַן געווען ברור כשמש, קלאָר ווי די זון, אז די ישועה איז שוין ממש אויף דער האַנד.

און אונזער ר׳ ישעיה האָט טאַקע געהאַט די גרויסע זכיה, בשעת איבערגע־בענדיג א קוויטעל מיט א פּדיון צום קאַרלינער, פון איהם אריינצוכאַפּען עטלי־כֶע גוטֶע שטורכעס מיט׳ן ציבעק, אויסרופענדיג מיט כעס:

"געה צו אלדע רוחות, דו כלב שבכלבים, דראַב שבדראַבעס. וואָס מיינסטו

עפּים? איך וועל נעהן מהפך זיין סדרי בראשית צוליעב דיין טאָכטער? ארויס פון מיין שטוב, דראַב!״

מיט א גרויסע שמחה איז ר׳ ישעיה דארויף אהיימגעלאָפען אנזאָגען די טהייערע בשורה זיין ווייב און טאָכטער יולדת גופא, אז ער האָט דאָס גליק געהאַט ניט נאָר אריינצוכאַפּען א פּאָר גוטע קללות פונ׳ם צדיק, נאָר טאָקע עט־ליכע גוטע שטורכעס אויך, און אז זיי מעגען ־דעריבער זיכער זיין, אז אט־אָט, אקאָרשט מען זעהט ניט, קומט שוין די ישועה.

די ישועה האָט אָבער געלאָזט אויף זיך וואַרטען א היבש ביסעל. אט איז שוין חצות לילה, זייגער צוועלף ביינאכט, און ס׳הויבט זיך אמאָל גאָר ניט אָן. די סכנה ווערט כסדר גרעסער און גרעסער.

צוזאַמען מיט זיין פערצווייפעלט ווייב איז איצט ר׳ ישעיה געלאָפען צום קאַרלינער און געמאַכט א געוואַלד: ״סטייטש רבי — האָט די אומגליקליכע מו־טער זיך צושריהען — ס׳איז דאָך טאָקע אייער איידעמ׳ס טאָכטער! דער היגער צדיק, זאָל מאריך ימים ושנים זיין, האָט דאָך אונז געשענקט די דאָזיגע מתנה, די בת יחידה אונזערע, צוועלף יאָהר נאָך אונזער חתונה! שווייגט נים, הייליגער צדיק, רייסט איין וועלטען, אז אונזער מתנה זאָל פון אונז ניט חלילה צוגענומען ווערען. אונזער רבי, זאָל לעבען, האָט דאָך בפרוש געזאָגט צו מיין מאַן, אז איהר קענט אונזער טאָכטער דערהאַלטען ביים לעבען.״

דער קאַרלינער צדיק איז פון דער פרוי׳ס ווערטער שטאַרק נתפעל געוואָ־רען. ער האָט געהייסען די אשה תיכף אהיימגעהן און איהר מאַן, ר׳ ישעיה, זאָל וואַרטען ביי איהם אין זיין פאָר־צימער. ער האָט געוואָלט האָבען התבודדות, פערבלייבען אליין אין זיין חדר, צו טהאָן וואָס מען בעדאַרף טהאָן, כדי צו קו־מען צו דער מדרגה פון ״עלית־נשמה״. ער האָט געוואָלט מאַכען א ״שאלה מן השמים״, אנפרעגען אויף די הויכע מקומות, איבער די סבה פונ׳ם גזר־דין אויף דיא אידישע קימפּ־טאָרינס.

האָט מען איהם דאָן מן השמים מודיע געווען, אז ס׳איז געווען א גרויסער קטרוג אויפ׳ן כלל ישראל. כדי צו פערשטאָפּען דעם בעל־דבר׳ס מויל, האָט מען איהם געמוזט מפיים זיין מיט א סכום קרבנות פון אידישע יולדות. ובכן, ווי־באַלד דער קאַרלינער וועט זיך דוקא איינשפּאַרען, אז די דאָזיגע יולדת, די בת יחידה, זאָל פערבלייבען לעבען, וועט דאַדורך דער גאַנצער כלל ישראל האָבען זעהר פיעל צו ליידען.

איז אויך דאָן דער קאַרלינער צדיק געקומען צום בעשלוס, אז ס׳איז טאָקע גלייכער דאָס דער פּרט (אָן איינצעלנע פּערזאָן) זאָל זיין א קרבן כפרה פאַר׳ן כלל (די גרויסע מאַסע). ער האָט דעריבער מסכים געווען צו דער גזרה מן השמים. ער האָט אָבער אויסגע׳פּועל׳ט, אז דאָס קינד זאָל לכל הפּחות בלייבען לעבען.

״איך האָב געטהאָן איבער מיין יכולת — האָט ער דאָן געזאָגט צו ר׳ ישעיה. דאָס קינד האָב איך שוין אויסגעבעטען: אייער טאָכטער דאַרף גרויס רחמים. אָבער השם יתברך איז דאָך א פאָטער א בעל־הרחמים...״

האָט ר׳ ישעיה פערשטאַנען פון די דאָזיגע ווערטער, אז זיין טאָכטער שטעהט שמאָל, אָבער אלס חסיד און מאמין אינ׳ם צדיק האָט ער זיין בטחון ניט

פערלוירען. ווייבאלד דער קארלינער קען ניט העלפען, וועט איהם ז י י ן רבי, דער סאדאגורער, מוזען העלפען.

ער איז תיכף אריינגעלאפען צום רבי׳ן און איהם דערצעהלט מיט א ביטער הארץ דעם קארלינער׳ס תשובה.

״לא בסבי טעמא״ (אלטע האבען ניט מעהר קיין שכל) — האט צו איהם דער רבי געזאגט. געה אריין צו מיין ר׳ נחום בער׳ניו, זאל ע ר דיר העלפען. די י ו נ ג ע קענען זיך אמאל גיכער אן עצה געבען ווי די א ל ט ע.

אזוי ווי ר׳ נחום בער׳ניו האט זיך דערוואוסט אין וואס ס׳האנדעלט זיך, האט ער געהייסען זיין גבאי ער זאל געהן אויפזוכען יהושע׳קע סאקווערער און איהם תיכף ברענגען צו איהם.

יהושע׳קע איז געווען, ווי ס׳איז שוין פריהער דערמאנט געווארען, דער הויפ׳ס בעל־תפלה, וועמעס ניגונים האבען גע׳שמ׳ט אויף א האלבע וועלט, דורך זייער מתיקות און התעוררות.

״זינגט עפּיס א שעהנעם זמר — האט צו איהם ר׳ נחום בער׳ניו געזאגט, אזוי ווי ער איז נאר וואס אריינגעקומען אין חדר. — זינגט עפּיס בע׳־טעמ׳טעס און ברענגט אונז צו אביסעל התעוררות.״

יהושע׳קע, שטעהענדיג מיט גרויס דרך ארץ פונקט ווי ווען ער וואלט גע־שטאנען פאר׳ן רבי׳ן ז״ל, האט גאר ניט איבערגעפרעגט, נאר זיך אויסגעהוסט און אנגעהויבען זינגען זיינ׳ס א ״כבקרת״.

ר׳ נחום בער׳ניו האט א מאך געגעבען מיט דער האנד, און יהושע׳קע האט תיכף אויפגעהערט זינגען.

— עפּיס א קונץ ביים ״ונתנה תוקף״ צו ציהען התעוררות! זינגט עפּיס אנדערש.

האט יהושע׳קע אנגעהויבען צו זינגען ״אב הרחמים.״

״מיר האלטען איצט ניט ביי ״הזכרת נשמות״ — האט צו איהם ר׳ נחום בער׳ניו ווידער געזאגט. — מיר ווילען און דארפיין עפּיס ל ע ב ע ד י ג ע התעוררות. ווייסט איהר וואס, ר׳ יהושע׳קע? זינגט אונז נאר דאס קאפּיטעל ״ר׳ ישמעאל״ פון ״איזהו מקומן.״

יהושע׳קע האט אנגעהויבען צו זינגען. מען האט געקענט זעהן בחוש, אז ער איז בעאיינפלוסט געווארען מיט א הימלישע השפּעה פון ״היכל השירה״. ס׳האבען זיך געגאסען פון זיין מויל קולות און זיסע טענער, וועלכע האבען זיך נעבעטען רחמים און תחנונים, אז ס׳האט פּשוט אויסגעריסען א שטיק הארץ. בעת דעם זינגען, איז ר׳ נחום בער׳ניו געזעסען מיט פערגלייזערטע אויגען, פון וועלכע ס׳האט זיך געגאסען א ים מיט טרעהרען, די לינקע האנד אונטערשפּאַ־רענדיג די לינקע זייט פונ׳ם שטערען און מיט דער רעכטער האנד קלאפּענדיג כסדר מיט׳ן גאלדענעם טאבאק־פּושקעלע אויפ׳ן טיש.

ביי די ווערטער ״כלל ופרט וכלל אי אתה דן אלא כעין הפּרט״, האט יהושע׳קעס נגינה דערגרייכט די העכסטע מדרגה פון א הימלישע מתיקות און א הארצרייסענדע התעוררות.

דא האט זיך פּלוצים דערהערט א לאנג־געצויגענער און טיעפער קרעכץ ארויסרייסענדיג זיך פון ר׳ נחום בערניו׳ס ברוסט. א מין משונה׳דיגער קרעכץ,

וועלכע נאר די קינדער פון דער ריזינער גזע זיינען אימשטאנד ארויסצוברענגען.
האט דאפון יהושע׳קע פערשטאנען, אז מען דארף די דאזיגע ווערטער מיט דער זעלבער נגינה איבער׳חזר׳ן עטליכע מאל.

אלע צוהערער זיינען געווארען בעגייסטערט. דער ניגון האט געשניטען פאסעס פון דער נשמה, מען האט געפיהלט א מין התחלה פון כלות הנפש פאר גרויס תענוג.

ר׳ נחום בער׳ניו האט א מאך געגעבען מיט דער רעכטער האנד און יהושע׳קע איז אויגענבליקליך שטיל געבליבען.

״כלל ופרט וכלל אי אתה דן אלא כעין הפרט״ מיינט — האט ר׳ נחום בער׳ניו זיך אנגערופען צו די ארומשטעהענדיגע — אז וויבאלד ס׳האנדעלט זיך אין א כלל־זאך און אין א פרט־זאך, דארף מען זיך גיכער רעכענען מיט׳ן פרט ווי מיט׳ן כלל. דער טעם דאפון איז ווי די גמרא זאגט: ״אין בכלל אלא מה שבפרט״, אז דער כלל איז דאך ניט מעהר ווי א צוזאמענשטעלונג פון פיעל פרטים. דעריבער זאג איך: ״רבונו של עולם, העלף דעם פרט, וועט שוין ממילא דער כלל אויך האבען א ישועה.״

ס׳האט ניט לאנג געדויערט, און מען איז געקומען אנזאגען א בשורה טובה, אז די יולדת איז בשלום איבערגעקומען און צו מזל געבארען א בן זכר, א בן־קיימא.

פון דעמאלס אן האט זיך שוין ניט מעהר געטראפען קיין אומגליקספעלע ביי די אידישע יולדות.

דאס זעלבע יאהר, י״ז סיון, איז דער קארלינער צדיק נסתלק געווארען. מיט די ווערטער ״לא בסבי טעמא״, האט דער סאדאגורער מרמז געווען, אז זיין שוואגער ר׳ אהרן איז ניט מעהר ראוי צו זיין דער מנהיג הדור. דער יורש פון זיינע מדרגות איז געווען טאקע ר׳ נחום בער׳ניו, וועלכער איז שפעטער מיט עלף יאהר נסתלק געווארען, מחמת דער דור איז ניט ווערטה געווען צו אזא הויכע נשמה, וועלכע איז געווען, לויט ווי דער רבי ז״ל האט זיך אויסגעדריקט, בבחינת ״אור הקדמון״.

קאפיטעל 59.

# דעם רבינ׳ס הסתלקות.

די לעצטע צייט פאר דער פטירה. — די לעצטע "מטבע". — דבורים בשעת פטירה. — די צוויי שטעלפערטרעטער. — אין שני מלכים משמשין בכתר אחד. — דער יונגערער צדיק פערבלייבט אין דער אלטער רעזידענץ. — "באיאן" ווערט א גרויסער חסידים צענטער.

דאס הסתלקות פונ׳ם ליעבען זוהן ר׳ שלמה׳ניו האט געמאכט א שרעק־ליכען איינדרוק אויף דעם געזונדהייטס־צושטאנד פונ׳ם אלטען צדיק פון סאדאגורע. ער איז גאנץ געבראכען געווארען אין זיין האלטונג. ער האט זייט דאמאלס כמעט גאר ניט געגעסען און אין גאנצען געווען אויסגעטהאן פון יעדען ענין וואס האט וואס־עס־איז א נגיעה מיט חומריות.

אמת דער צדיק האט די גרויסע יסורים מקבל געווען באהבה. ער האט ווי פריהער ווייטער געפיהרט זיינע טישען מיט די חסידים, ניט לאזענדיג פון זיך ווייזען אפילו א רמז פון תרעומות, חלילה, אויף דער הנהגה פון דער השגחה עליונה. דאס העכסטע וואס מען האט דאן געזעהן פונ׳ם צדיק, איז געווען, דאס וואס די מקורבים האבען איהם אפטמאל געטראפען זיצען פערטיעפט אין דעם למוד פון דער פרשה אין דער תורה, וואו עס ווערט דערצעהלט פון דער פלעצליכער מיתה פון אהרן הכהן׳ס קינדער, נדב און אביהו, בעת מען האט בענייעט דאס משכן. הפנים, אז בעת די פאטערליכע געפיהלע האבען זיך אין איהם ערוועקט, האט דער צדיק געפונען א טרייסט אין יענער פרשה וואו ס׳שטעהט: "וידום אהרן", אהרן הכהן האט געשוויעגען און ניט געטרויערט אויף זיינע צוויי קינדער.

מעגליך, אז דער סאדאגורער צדיק האט שוין דאמאלס געפיהלט, אז באלד קומט נאך דער צווייטער קרבן — זיין ליעבער איידעם.

אבער דער גוף, ווי א רוחני ער זאל ניט זיין, איז דאך פארט ניט מעהר ווי א גוף, און צו זיינע כחות איז פאראנען א גבול און א גרעניץ.

באלד נאך שבועות פונ׳ם יאהר תרמ״ג איז דער צדיק קראנק געווארען און געלעגען צו בעט. די דאקטוירים האבען בעהויפטעט, אז די געדערים זיינען אין איהם איינגעטריקענט געווארען פון הונגער און דער צדיק איז אין א סכנה. דער הונגער האט זיך גענומען דאפון, וואס ער האט כל ימי חייו גאר ניט געגעסען, בעזאנדערס נאך די לעצטע אנדערטהאלבען יאהר.

פון דער פטירה פון ר׳ נחום בער׳ניו, האט מען איהם ניט מעהר דערצעהלט.

דייסען הייסט עס אז ער האט דאס ניט געוואוסט ביז ער איז נסתלק געווארען. די מקורבים אבער האבען בעהויפטעט אז זיי האבען אותות ומופתים אז דער צדיק ווייסט פון דעם גרויסען צווייטען אומגליק זיינעם. נאר ער מאכט זיך כלא ידע.

ווען דער סאדאגורער רבי איז קראנק געווען מיט צוויי יאהר פריהער, האבען איהם אויך געהאט די דאקטוירים אויפגעגעבען. אבער די מקורבים האבען דאמאלס געהערט פונ׳ם צדיק דבורים, פון וועלכע זיי האבען זיך משער געווען, אז ער וועט נאך געזונד ווערען. ער זאל דאמאלס האבען בפרוש געזאגט, אז די שערי שמים זיינען אפען פון זיינעט וועגען צו די אידישע תפלות. א רמז אז אידען קענען איהם נאך אויסבעטען, מען האט טאקע תהלים געזאגט אין אלע מדינות, איינגעריסען קברים, געטרונקען תיקון און מען האט איהם אויםגעבעטען.

איצט אבער, אין די לעצטע פאר וואכען פון זיין קראנקהייט, האט דער צדיק גאר ניט גערעדט. ער איז די גאנצע צייט געלעגען מיט פערגלעזערטע אויגען, נאר ווען ס׳איז געקומען זמן תפלה, האט ער זיך געהייסען געבען צו וואשען און טלית ותפלין. די מקורבים האבען געגארט צו הערען פון איהם כאטש א דבור בנוגע ווער ס׳זאל זיין דער ממלא מקומו, אבער קיין ווארט. צו די קינדער פלעגט ער יא רעדען מאנכע דבורים, אבער נאר בנוגע זיין צושטאנד און ווי ער פיהלט.

איינמאל, אין דער נאכט פון יאהרצייט פון זיין עלטסטען ברודער ר׳ שלום יוסף, האט ער געעפענט די אויגען, צוגערופען דעם גבאי און געהייסען זיך געבען א זילבערנעם רובעל. ער האט דאן דעם רובעל צוריקגעגעבען דעם גבאי און געהייסען איהם געבען די חסידים תיקון צוליעב דער הילולא פונ׳ם ברודער, בעמערקענדיג צוויי מאל: ״ס׳איז היינט א גרויסער טאג! היינט איז א גרויסער טאג!״

כ׳האב מיך ביז היינט ניט געקענט דערוויסען, ווער ס׳איז דאמאלס געווען דער גליקליכער צו קויפען דעם רבינ׳ס לעצטע מטבע.

אין דעם זעלבען טאג איז דער צדיק נסתלק געווארען. פאר יציאת נשמה זאל ער האבען געזאגט צו די קינדער די דאזיגע דבורים:

״נאפר נקמה״, השם יתברך, דאכט זיך, גורט אמאל אן זיינע לענדען מיט נקמה, אבער דער אמת איז, ״סתרו יושר״, אין יעדער פעולה ז׳ינע איז פערבארגען דער אמת׳ער יושר. דעריבער דארף דער מענש אלע הרפתקאות (אומגליקען) מקבל זיין באהבה. ס׳איז אפילו א שווערער עסק צו זיין ביי אזא מדרגה, אבער ״עצתו אמונה״, די עצה דאצו איז, מען זאל האבען אמונה, מען זאל גלויבען מיט אלע מיתרי הלב (הארץ־פעדים) דאס וואס מען זאגט: ״שמע ישראל ה׳ אלקינו ה׳ אחד.״

ביי דיזע ווערטער האט דער צדיק געלאזט די נשמה.

* * *

מיט׳ן הסתלקות פונ׳ם אלטען צדיק ר׳ אברהם יעקב ז״ל, האט דער נאמען סאדאגורע פיעל פערלארען פון זיין הערליכען גלאנץ און פון זיין מערקווירדיגע צוציהונגס קראפט. אנשטאט וואס פריהער זיינען די נעמען טשארטקאוו און

הוסיאַטין, וואו ס׳האָבען געוואוינט דעם סאַדאַגורער׳ס צוויי ברידער, אויך גרויסע רביים, כמעט בטל געוואָרען לגבי סאַדאַגורע, אַזוי, אַז די אויסערוועלט, די ניט סאַדאַגורער חסידים, פלעגען זיי אַלע, אויך די טשאָרטקאָווער און די הוסיאַטינער חסידים, בעטיטלען מיט׳ן נאָמען "ס א ד א ג ו ר ע ר ח ס י ד י ם", מחמת דער אַלטער סאַדאַגורער צדיק ר׳ אברהם יעקב׳ניו האָט פערשטאַנען און געהאַט די אייגענשאַפט אין דעם געהעריגען כח, צו ברענגען דאָס סאַדאַגורער חסידות, אינ׳ם משך פון די 32 יאָהר פון זיין ממשלה, צו די העכסטע מדרגה וואָס א חסידישע מלוכה האָט געקענט דערלאַנגען, אַנשטאַט דעם האָט זיך באַלד נאָכ׳ן הסתלקות, אַנגעהויבען צו ווייזען אַ בעדייטענדע ענדערונג. דער כח המושך פון סאַדאַגורע איז אָבגעשוואַכט געוואָרען, און דאַגעגען האָט אַנגעהויבען דער נאָמען טשאָרטקאָוו צו פערנעהמען דעם ערשטען פלאַץ אין דער ענטוויקלונג פונ׳ם סאַדאַגורער חסידות, דער נאָמען הוסיאַטין, דעם צווייטען, און דער נאָמען סאַדאַגורע קוים דעם דריטען פלאַץ.

פיעלע פראָמינענטע סאַדאַגורער חסידים, האָבען באַלד נאָכ׳ן רבינ׳ס פטירה פורץ גדר געווען, ברעכענדיג די״ם אַלטען מנהג וואָס הערשט מקדמת דנא צווישען חסידים, אַז אונטער אַלע אומשטענדען, דאַרפען די אמת׳ע חסידים ניט פערלאָזען דעם מקום וואו זייער פערשטאָרבענער צדיק האָט געוואוינט, וויבאַלד ס׳זיינען צוריקגעבליבען קינדער וואָס זיינען ראוי צו פערטרעטען דעם פאָטער אפילו נאָר אין א "זעיר־אנפין" געשטאַלט.

דאָס ניט אָנזאָגען פונ׳ם סאַדאַגורער, ווער ס׳זאָל אייגענטליך זיין דער ממלא מקומו אין סאַדאַגורע גופא, האָט גורם געווען מאַנכע שטילע אינערליכע סכסוכים צווישען די ברידער, אָדער, ריכטיגער זיך אויסצודריקען, צווישען די ביידע׳ערליי מקורבים פון די צוויי ברידער־צדיקים.

דאָס פראָבלעם איז לכתחלה זעהר שווער געווען צו לעזען. קיין איינציגער פון ביידע ברידער האָט ניט געהאַט דעם חשק און דעם מוטה, צו פערלאָזען דעם פלאַץ, וועלכער איז געווען א משך פון צוויי דורות א צענטרום, א מקום קדוש פון טויזענדער אידען; א פלאַץ, וועלכער איז געווען אויסגעשטאַטעט מיט כל׳ערליי איינריכטונגען וואָס א רבי׳שע מלוכה פערלאַנגט און מוז האָבען: מיט א וואונדערבאַר שעהנעם און פרעכטיגען הויף, מיט א הערליכע פּאַלאַץ־אַרטיגע קלויז מיט איהרע אַלע טייערע איינריכטונג; א פלאַץ, וועלכער איז אויף טריט און שריט פול פון הייליגע זכרונות פונ׳ם פאָטער און פונ׳ם הייליגען זיידען דעם ריזינער ז״ל. — צו פערלאָזען אָט דעם דאָזיגען פלאַץ, און זיך געהן אויפזוכען א פרישען מקום מנוחה ערגיץ אין אַן אַנדערער שטאָדט, איז א גרויס וואַגעניש און א שווערע אויפגאַבע.

איז עס דעריבער לכתחלה בעשלאָסען געוואָרען, אַז די ביידע ברידער צוזאַמען זאָלען פיהרען די חסידישע ממשלה, דאַמיט די גאַנצע גדולה זאָל פערבלייבען פונקט ווי פריהער בחיי אביהם, ביים אַלטען צדיק׳ס לעבענסטעג.

די ערשטע צוויי יאָהר האָט עס זיך טאַקע אַזוי געפיהרט. וואָס ס׳האָט זיך דאַמאָלס געטהאָן הינטער די קוליסען, ווייסט מען ניט. גענוג, אַז לפנים, האָט געהערשט שלום ושלוה. ביידע ברידער האָבען געדאַוועגט צוזאַמען אינ׳ם חדר מיוחד פון דער קלויז. אין וועלכען דער אַלטער רבי ז״ל פלעגט דאַווענען,

אַנשטאָט וואָס דער פאָטער פלעגט יעדען שבת נאָך פיהרען א י י ן חסידישען טיש, אים ווינטער, נאָך פרייטאָג־צו־נאַכטס, און אים זומער נאָך שבת ביי טאָג, האָבען די צוויי ברידער־רביים געפיהרט יעדען שבת צוויי חסידים־טישען: דער עלטערער, ר׳ איטשי׳ניו, האָט געפיהרט אים ווינטער דעם נאַכט־טיש, און דער אינגערער, ר׳ ישראל׳ניו — דעם טאָג־טיש.

אָבער ווען צווישען די צדיקים גופא האָט געהערשט די גאַנצע צייט שלום, שיינט עס, אַז צווישען ביידע׳ערליי מקורבים און הויפּשטאַטען איז ניט געווען זעהר פרידליך. יעדער צד פון די מקורבים האָט זיך בענוצט מיט כל׳ערליי מיטלען צו פערגרעסערען דעם כבוד פון ז י י ן רבי׳ן און צו צוציהען די חסידים אונטער ז י י ן רבינ׳ס פליגעל. א זאַך, וועלכע איז ניט נאַטירליך און ניט מעגליך געווען ס׳זאָל קענען לאַנג אנהאַלטען.

דאָס וואָס פיעל חסידים פונ׳ם סאַדאַגורער האָבען פערלאָזען סאַדאַגורע באַלד אין דער תחלה און זיך בעהעפט אָן דעם טשאָרטקאָווער, האָט ס׳וואהר נע־מאַכט א שווערען איינדרוק אויף די צוויי יונגע צדיקים, דאָך האָט קיין איינצי־גער פון זיי ניט געלאָזט פאַלען אפילו דעם קלענסטען דבור מכח דעם דאָזיגען ענין, וויסענדיג, אַז שליעסליך איז דאָך דער פעטער איצט פערבליבען דער „צדיק הדור", דער עלטסטער פונ׳ם הייליגען זיידענ׳ס פערבליבענע צוויי זיהן.

ענדליך זיינען ביידע צדיקים געקומען צו דער איבערצייגונג, אַז „אין שני מלכים משמשין בכתר אחד", דאָס איינער פון ביידע ברידער מוז אַבטרעטען דעם פּלאַץ פאַר׳ן צווייטען. די נסיעה פון די חסידים איז פיעל פערמינדערט געוואָ־רען, בלויז אויס הוצאות ריקזיכטען. מחמת סוף כל סוף האָט דאָך יעדער איי־נער פון ביידע צדיקים געהאַט זיינע אנהענגער, וועלכע וואָלטען זיך בעגנוגען געלאָזט מיט דעם איינציגען רבי׳ן וועלכען זיי פערעהרען. האָבען זיי אָבער געמוזט, מפּני הכבוד, געהן מיט א קוויטעל און א פדיון אויך צום צווייטען ברו־דער, א זאַך וואָס האָט פעראורזאַכט צווייפאַכיגע הוצאות. דעריבער איז טאַקע דער עולם וועניגער געפאָהרען, און ביידע צדדים זיינען דאָן געקומען צו דער אי־בערצייגונג, אַז ס׳קען ווייטער ניט אַזוי געהן.

נאָך א לאַנגען דין ודברים, איז מען געקומען צו אַן „עמק השוה" (פער־גלייך), אַז דער עלטערער ברודער, ר׳ איטשי׳ניו, זאָל אַבטרעטען דעם פּלאַץ פאַר׳ן אינגערען ברודער, ר׳ ישראל׳ניו, און פאַר דאָס זאָל דער אינגערער, ארויסצאָהלען דעם עלטערען ברודער דעם סכום פון הונדערט טויזענד קראָנען.

באַלד האָט ר׳ איטשי׳ניו געמאַכט זיין חסידישע רעזידענץ אין דעם קליי־נעם שטעדטעלע באָיאַן, ביי דער רוסישער גרעניץ, זיך דאָרט געלאָזט אויפבויען א פּרעכטיגען רבי׳שען הויף מיט א הערליכע קלויז, אינ׳ם ווערטה פון א פערטיל מיליאָן קראָנען. דאָס גאַנצע שטעדטיל האָט דאָן בעקומען א גאַנץ אנדערע צורה. עס זיינען אויפגעבויט געוואָרען שעהנע האָטעלס, נעגרינדעט געוואָרען בעדייטענדע געשעפטסהייזער, וועמעס איינקונפט איז געווען אויסשליסליך פון די טויזענדער חסידים וואָס פלעגען קומען קיין באָיאַן יאָהר־איין יאָהר־אויס. מחמת דאָס באָיאַנער חסידות האָט באַלד געוואַקסען ווי אויף הייוועז, און באָיאַן איז געוואָרען א גרויסער צענטער פון חסידות.

אָבער אויך סאַדאַגורע האָט זיך באַלד צוריק פּאַפּראַווועט, א דאַנק דער

גרויסער חכמה און אינטעליגענץ פונ׳ם רבי׳ן ר׳ ישראל׳ניו, כאטש ניט צו דער מדרגה וואס ס׳איז געווען אין דעם פאטער׳ס צייטען.

דאס תמימות פונ׳ם באיאנער צדיק האט צו איהם צוגעצויגען אם מייסטען דעם חסידיש־כניאקישען עולם, בעת די חכמה און שארפזין פונ׳ם סאדאגורער, האט צוגעצויגען צו זיך ניט נאר דעם רוב נגידישען עולם, נאר אויך אינטעליגענטע און געבילדעטע פערעהרער אזוי, אז מען האט מיט אמת געקענט אנרופען דעם קבוץ פון סאדאגורער אנהענגער: א מאדערנעזירטע חסידישע סביבה.

## קאפיטעל 60.

# א פערשטערטער שבת.

**פיער ערליי חסידים אין איין קלויז. — די חברה ״עולי רגל״. — א חשבון אהן דעם בעל־הבית. — די ביטערע ענטוישונג. — דעם גבאי׳ס חוצפה. — דעם רבין׳ס דבורים ווערען מקוים.**

נאר איין־איינציג מאל בין איך געווען ביי דעם צדיק ר׳ יצחק פון באיאן. נאר איין־איינציגען שבת האב איך געהאלטען ביים זוהן פון מיין אלטען רבי׳ן, דער סאדאגורער ר׳ אברהם יעקב ז״ל, אבער יענער שבת איז מיר איינגעקריצט געווארען אין מיין זכרון פאר א לאנגע צייט; ער איז געווען דער איינציגער פערשטערטער שבת וואס איך האב געהאט אין דער לאנגער פעריאדע פון מיין אבלעבען צווישען חסידים.

דאס איז געווען אין יאהר תרנ״ד, עלף יאהר נאכ׳ן אלטען צדיק׳ס פטירה. אין באריסלאוו, וואו כ׳האב דאמאלס געוואהנט, איז געווען א גרויסע סאדאגורער קלויז, אין וועלכער ס׳האבען געדאווענט צוזאמען די חסידים פון אלע פיער רביים פון די ריזינער קינדער, די צדיקים פון טשארטקאוו, הוסיאטין, באיאן און סאדאגורע.

לפנים האבען אט די אלע חסידים געלעבט בשלום. אין הארץ אבער, איז ביי יעדען פון זיי פערבארגען געווען א היבש ביסעל קנאה; יעדער איינער האט געוואלט, אז נאר זיין רבי זאל בעטראכט ווערען פאר׳ן צדיק הדור, און האט זיך דאריבער בעשטרעבט צו ״ווערבעווען״ חסידים פאר זיין רבי׳ן, וואו ס׳האט זיך נאר געלאזט.

ס׳רוב קלויז־חסידים זיינען געווען ארימע־לייט. א נסיעה צום רבי׳ן פלעגט זיי אנקומען שווער ווי קריעת ים־סוף. האבען די חסידים דארום תמיד געזוכט עצות ווי אזוי צו פערגרינגערען פאר׳ן ארימען חסיד די נסיעה צום צדיק, כדי צו פערמעהרען און פערשטארקען, דורך פיעל נסיעות, די פערבינדונג צווישען די רביים און זייערע חסידים.

דורך דער עצה און מיה פון א יונגען, הייסען סאדאגורער חסיד, שלום יעקב לייזעראוויץ, א זוהן פונ׳ם באיאנער הויפס־פערוואלטער, ר׳ יצחק דוד,

איז דאס שווערע פּראבלעם געלעזט געוואָרען אויף דוקא גאָר א גרינגען אופן. ס׳האָט זיך געגרינדעט אין דער סאדאגורער קלויז א חברה מיט׳ן נאמען "עולי רגל", וועמעס מיטגליעדער זיינען מחויב געווען איינצוצאהלען פינף קרייצער וועכענטליך. צו ענדע פון יעדען חודש האָט מען גורל געוואָרפען צווישען די זיבעציג מיטגליעדער פון דער חברה. ווער ס׳האָט זוכה בגורל געווען, האָט בעקומען צעהן גולדען אויף רייזע־שפּעזען צום רבי׳ן; חוץ מזה, האָט איהם די חברה מיטגעגעבען א "פּדיון" צוויי גולדען פאַר דער גאַנצער חברה, מיט א ליסטע אויף וועלכער ס׳איז געווען אנגעשריבען די נעמען מיט די מוטער׳ס נעמען פון אלע מיטגליעדער. אזוי ארומעט האָט די חברה געהאט א געלעגענהייט צו שיקען איינמאל אין חודש איהר׳ס א מיטגליעד צום צדיק, און די קלויז איז דאַ־דורך כסדר געשטאנען אין א נאָהענטער פערבינדונג מיט׳ן רבינ׳ס הויף.

דער גליקליכער געווינער האָט געהאט א פרייע האַנד צו פאָהרען צו איי־נעם פון די דערמאָהנטע פיער צדיקים, דאס הייסט, צו **זיין** רבי׳ן. טאָמער איז דער געווינער אָבער ניט געווען קיין אויסגעשפּראָכענער חסיד פון איינעם פון די פיער, נאָר א געמישטער, וואס פלעגט פאָהרען אמאל צו דעם און אמאל צו יענעם פון די דאָזיגע ריזינער קינדער, פלעגט שוין יעדער חסיד זיך בעמיהען צו איבעררייידען, בשתיקה, דעם "זוכה בגורל", ער זאל פאָהרען צו **זיין** רבי׳ן, ניט מיינענדיג דאמיט, חלילה, קלענער צו מאַכען דאס גרויסקייט פון די איבריגע דריי צדיקים, נאָר פּשוט, ס׳האָט זיך א יעדען איינעם בעסער געוואָלט דער־מאָהנט ווערען צום גוטען פאַר זיין **אייגענעם** רבי׳ן און צו הערען וואס ס׳געהט פאַר אין **זיין** רבינ׳ס הויף.

אלס א מיטגליעד פון דער דאָזיגער חברה האָב איך געהאט דאס גליק "זוכה בגורל" צו זיין דעם צווייטען חודש נאָכדעם ווי די חברה איז געגרינדעט געוואָ־רען, קוים וואס כ׳האָב געהאט איינגעצאָהלט גאַנצע אכציג קרייצער. אן אמת׳ער בעל מזל!

זייענדיג גראָד יענעם טאָג א טרוד, האָב איך ניט געקענט זיין צוגעגען אין דער קלויז ביים גורל־וואַרפען.

פּלוצים זיינען אריינגעפאלען אין מיין וואָהנונג צוויי פּערסאָפּעטע חסידים, קאַלטענדיג זיך מיטביידע הענד ביים האַרץ, אויסרופענדיג:

"דו... ביזט גליקליך, איציק׳ל, האָסט... א גליק פון א מלך... דו האָסט זוכה געווען... זוכה בגורל!"

ווען מען זאל מיר געווען זאָגען א בשורה אז כ׳האָב געמאַכט א הויפּט־טרע־פער אויף דער לאָטעריע, וואָלט מיין שמחה ניט געקענט גרעסער זיין ווי אין יענער רגע וואס כ׳האָב דערהערט אָט דיעזע פרעהליכע בשורה. זייענדיג דאַ־מאָלס א רימאנאָווער חסיד, האָב איך דאָך געגאַרט נאָך אמאל צו זיין אין טשאָרטקאָוו אָדער אין הוסיאַטין, וואו איך בין געווען עטליכע מאל נאָך דעם סאדאגורער רבינ׳ס פּטירה. מיינע מזומנים האָבען מיר אָבער ניט ערלויבט צו פאָהרען צו צוויי רביים. איצט איז מיר גאָר אומגעריכט געקומען אזא גוטע גע־לעגענהייט. עפּעס א קלייניגקייט פון א גליק? זיך אביסעל דורכפאָהרען אויף קהל׳שע הוצאות, זיין ביים הייליגען צדיק, נהנה זיין פון די "טישען" און אבי־סעל צוהוליען מיט די חסידים. און היינט׳שע דאס אהיים קומען! די גאַנצע

סלויז וועט זיך דרעהען ארום מיר, איך וועל זיין דער צוציהונגס־פונקט פון דער גאנצער חברה א גאנץ קיילעכדיגען חודש; יעדער וועט מיך מקנא זיין, יעדער וועט מיר קוקען אין מויל אריין; און איך וועל דערצעהלען און דערצעהלען, אלצדינג וואס כ׳האב געזעהן און געהערט.

”וואס ביזטו אזוי איבערראשט ? — האט איינער פון די צוויי חסידים נעפרעגט, איבעררייסענדיג דעם פאדים פון מיינע זיסע געדאנקען — פארוואס גיבסטו ניט א קאפעלע משקה ? הא ? ניט ווערטה אפשר ביי דיר צו טרינקען לחיים ביי אזא גוטע בשורה ?”

מגיה וביה, איז נעשטאנען אויפ׳ן טיש א פלעשעל שליוואוויץ מיט א צובייס, און מיר האבען געטרונקען א ווארימען, ברודערליכען סאדאנורער ”לחיים” איינער צום צווייטען.

באלר אבער האב איך מיך דערוואוסט פון דעם הויפט־צוועק פון זייער קרמען צו מיר אנזאגען די בשורה.

די צוויי חברה־לייט זיינען געווען באיאנער חסידים. זיי האבען געוואוסט, אז כאטש איך בין שוין זייט עטליכע יאהר א רימאנאווער חסיד, פונדעסטוועגען בין איך שטארק נוטה קיין טשארטקאוו, וואו איך בין שוין געווען עטליכע מאל און געהאט פון אלטען צדיק גרויס התקרבות. האבען זיי פערשטאנען, אז פון צווישען די פיער צדיקים צו וועלכע איך האב א ברירה צו פאהרען, וועל איך, בלתי ספק, מיר אויסוועהלען דעם טשארטקאווער. דאריבער זיינען זיי דאס געקומען מיך איבערצוריידען צו מאכען א פרוף און דאס מאל פאהרען קיין באיאן. ”טאקע א יונגער רבי — האבען זיי געזאגט — אבער פארדאס וועסטו האבען גרויס התקרבות, שעפען א ים מיט חיות. עפעס דאך דעם אלטען רבינ׳ס א זוהן !”

איך האב מיך געלאזט איבעררייידען, און דאפיר נענש געווארען.

את חטאי אני מזכיר. כ׳מוז אויסזאגען דעם אמת, אז מיין דאמאלסדינגע נסיעה צום צדיק קיין באיאן איז ניט געווען א נסיעה לשמה, מיט אן ערנסטע כונה ווי ס׳פאסט זיך פאר אן אמת׳ן חסיד, אהן שום פניה (זייטען־געדאנקען). דער אמת׳ער חסיד, וויבאלד ער פאהרט צום צדיק, איז ער מבטל זיין גאנצען ”איך”. ער זוכט ניט קיין כבוד, פערלאנגט ניט קיין שום התקרבות, ער גארט גאר צו זעהן דעם צדיק און צו זיין אין זיין סביבה. מיר אבער האט דאמאלס געפעהלט אט די דאזיגע ריכטיגע אמונה. ביי מיין פאהרען האב איך גאר אין זינען געהאט א מחשבה זרה, האפענדיג צו האבען דארט גרויס התקרבות. דאס האב איך אבגעלערענט פון א קל־וחומר. מה־דאך דער טשארטקאווער, דעם באיאנער׳ס א פעטער און דער עלטסטער צדיק אין דור, האט מיך געפראוועט אין זיין פריוואט־צימער און מיט מיר גערעדט מכח וועלט־ענינים, א זאך וועלכעס איז ביי אלע חסידים בעטראכט געווארען פאר א גרויסען כבוד, על אחת כמה וכמה ביים יונגען באיאנער רבי׳ן, צו וועמען איך פאהר נאר ווייל מען האט מיך אויסגעכאפט, וועל איך דאך אודאי זיין דאס אויבערשטע פונ׳ם שטייסעל. עפעס בין איך דאך א גאנצער יאק־שע־מייאיש, דער הויפט־שרייבער, כמעט רעדאקטאר, פונ׳ם ”מחזיקי הדת” און א היבשער מיוחס פונ׳ם ווייב׳ס צד !

מיט גרויס שמחה האב איך איינגעטראטען צו דער נסיעה קיין באיאן. איך האב ערווארטעט דארט צו טרעפען מיין שוואגער אברהם׳לע דים פון לינסק,

דער ארכיטעקט פונ׳ם באיאנער הויף, וועלכער איז נאך ניט אין גאנצען פער־טיג געווען, האפענדיג אז ער וועט מיר געהן ביי דער האנד און מיך אומעטום פארשטעלען. איך בין אנגעקומען אין א מזל׳דיגער שעה, אדער ריכטיגער אין א שלים־מזל׳דיגער שעה. דעם שוואגער האב איך דארט ניט געטראפען און דעם גאנצען שבת איז מיר געגאנגען מיט דער פוטער אראפ.

דעם רבינ׳ס מקורב ישראלי מרגליות, וועלכער האט מיין נאמען גוט גע־קענט פון דער צייטונג "מחזיקי הדת", האט מיר ניט אמאל געשענקט די קלענ־סטע אויפמערקזאמקייט. ער האט זיך לחלוטין אויף מיר גאר ניט אומגעקוקט. און ס׳איז דאך א דבר ידוע, אז יעדע התקרבות ביי א רבי׳ן הענגט נאר אב אינ׳ם גוטען ווילען פון די מקורבים. ביז היינט קען איך מיר ניט ערקלערען די סבה פון דעם דאזיגען אייז־קרירות. ס׳איז געווען אין א שבת פ׳ "כי תצא". דער עולם איז געווען קליין, קוים צוויי מנינים, אזוי, אז אהן א בעזאנדערע קורבות האב איך מיך בעדארפט ארויסזעהן. אבער געה שריי "חי וקים" וויבאלד איך דענק און ישראלי לענקס.

כ׳האב שוין קוים דערלעבט דער שבת זאל פאראיבער. זונטאג אין דער פריה האט מיך דער רבי אבגעפראוועט שטעהענדיגערהייד אין דער טהיר בעת ער איז געגאנגען צום דאווענען. קודם האט ער ביי מיר צונגענומען די ליסטע פון דער חברה און ניט געלייענטערהייד זי איבערגעגעבען צו ישראל מרגליות, וועל־כער איז געשטאנען ביי זיין רעכטער האנד. דאן האט ער געלייענט מיין קוויטעל און זיך דאביי אביסעל פערטראכט.

איך האב פון תמיד אן געהאט א מנהג, אז בעת כ׳האב געוואלט מיך שואל בעצה זיין מיט א צדיק מכח עפעס אן ענין, האב איך קיינמאל ניט אנגעשריבען מיין בקשה אינ׳ם קוויטעל, נאר זי געפרעגט דעם צדיק בעל־פה, מחמת די קוויט־לעך בלייבען אפטמאל ליגען אויפ׳ן טיש און א פרעמדער קען דאדורך זיך דער־וויסען פון מיינע סודות.

איך האב מיך דאמאלס געוואלט שואל בעצה זיין מיט׳ן צדיק, אויב איך זאל פערלאזען באריסלאוו און מיך איבערטראגען קיין לעמבערג.. איך האב אין קורצעווערטער, ווי ס׳פאסט זיך ביי א שטעהענדיג פראווען, געשילדערט פאר׳ן רבי׳ן מיין געגענווערטיגע לאגע, פרעגענדיג איהם אויב איך זאל אוועק קיין לעמבערג.

אויפ׳ן רבינ׳ס תשובה האט געהאנגען מיין גאנצע צוקונפט. מחמת איך בין געווען פעסט ענטשלאסען, אז וואס דער רבי וועט הייסען זאל איך אויספאל־גען. דער חלישת־הדעת פון שבת האט אין מיין הארץ ניט אבגעשוואכט אפילו אויף א האר דאס פערטרויען צום צדיק, וויסענדיג אז דער רבי אינטערעסירט זיך לגמרי ניט אין מקרב זיין די חסידים, בפרט ווען ער האט מיך איבערהויפט נאר ניט געקענט און ניט געוואוסט ווער איך בין.

איידער דער רבי האט נאך אוספעיעט מיר צו געבען א תשובה, האט זיך ישראלי מרגליות אנגערופען:

"וויבאלד ער איז ניט זיכער, דאס אין לעמבערג וועט איהם בעסער געהן ווי אין באריסלאוו, דארף ער ניט משנה מקום זיין".

איך בין נבהל ונשתומם געווארען איבער דער דאזיגער אונערהערטער חוצפה.

וואס ערשטע מאל אין מיין לעבען האב איך דאמאלס געהערט, אז א גבאי זאל א דעה זאגען דעם רבי׳ן וואס ער זאל ענטפערען. איז עס באמת כדאי געוועזען זיך צו פלאגען, צו מאכען הוצאות, פיהלען ערנידערונגען, כדי דאן צו הערען עצות פון ישראל מרגליות ? און דא איז מיר גאר איינגעפאלען א בפרוש׳דיגע הלכה: "המורה הלכה בפני רבו חיב מיתה".

האב איך מיך אנגערופען: "געקומען בין איך אהער מיך שואל בעצה צו זיין מיט׳ן רבי׳ן, ניט מיט אייך!"

דער רבי האט א שמייכעל געטאן, הפנים אז ער איז צופרידען געוועזען מיט מיין תשובה. דאן האט ער זיך אנגערופען:

"דו מעגסט פאהרען קיין לעמבערג, השם יתברך וועט דיך ניט פערלאזען. אין א גרויסע שטאדט קען מען זיכער צו עפעס קומען, כאטש אין דער התחלה מוז מען ליידען: פאהר לחיים ולשלום!"

צוויי חדשים שפעטער האב איך שוין געוואהנט אין לעמבערג. דעם באיאנער רבינ׳ס דבורים זיינען פינקטליך מקוים געווארען.

מעהר בין איך אבער אין באיאן ניט געוועזען.

## קאפיטעל 61.

# בעלז און סאדאגורע.

**די שטילע שנאה. — די אספת רבנים אין לעמבערג. — דאס התנגדות צו א העברעאישע צייטונג. — בעלז האט הקפדה. — דער "מחזיקי הדת" א פאקטאר צו השכלה. — סאדאגורע האט בעסער געקוקט.**

איידער איך געה שליסען די ערש׳טע סעריע זכרונות פונ׳ם הויף אין סאדאגורע, געפין איך פאר וויכטיג צו געבען אן אויפקלערונג איבער די בעציהונגען וועלכע האבען דאמאלס געהערשט צווישען בעלז און סאדאגורע, בעת ס׳איז נעגרינדעט געווארען די חסידישע צייטונג "מחזיקי הדת", פון וועלכע מען וועט דייטליך זעהן ווער פון דיביידע צדיקים האט געהאט א קלארערען קוק אין דער צוקונפט, בנוגע די מיטעל צו פערשטארקען דאס חסידות און עס צו בעשיצען פאר די מאדערנע שטרעמונגען.

ווען בעלז האט בשעת דעם סאנזער־סאדאגורער מחלוקת ניט ארויסגעטראטען עפענטליך נעגען סאדאגורע, איז דאס נאך אלץ ניט געווען קיין סמן, אז צווישען די ביידע חסידות־סיסטעמען פון בעלז און סאדאגורע הערשען גוטע בעציהונגען. איך וויים עס פון ערפאהרונג, אז די בעלזער חסידים האבען פון תמיד אן, פונקט ווי די סאנזער חסידים, געהאט אין הארצען אן איינגעבאקענע שנאה צו די סאדאגורער. די דאזיגע שנאה האט בלתי ספק געהאט אויך די הסכמה פון אויבען. און אין גרונד גענומען איז די דאזיגע שנאה געווען גאנץ נאטירליך און זעלבסטפערשטענדליך.

בעלז האט קיינמאל ניט געוואלט, און אפשר אויך ניט געקענט, מוחל זיין

די ריזינער קינדער דעם הטא פון זייער מאָדערנער הלבשה. די שיטה פון בעלז איז געווען, אז "חדש אסור מן התורה", מען טאָר ניט איינפיהרען קיין נייעס אינ׳ס יודענטהום, נאָר עס מוז תמיד, אונטער אלע אומשטענדען, פערבלייבען ביים אלטען.

נאָך ביז די לעצטע טעג, איז אין בעלז די הלבשה בעטראַכט געוואָרען פאַר א דאָגמאַ (עיקר) פונ׳ם יודענטהום, א מין נייער פיערצעהנטער "אני מאמין". די מענער האָבען געמוזט טראָגען אויפ׳ן קאָפּ א ספּאָדיק אַן דער וואַכען, וועל־כער איז אגב גאָר אין אמת׳ן א פּוילישע-נאַציאָנאַלישע-היטעל, און אויף די פיס פלאַכע שיך מיט ווייסע זאָקען, ווידער גאָר א דייטש-נאַציאָנאַלע טראַכט.

דיזעלבע דינים, אָבער נאָך מיט מעהר שטרענגקייט, זיינען אויך געווען בנוגע די ווייבער. יעדע פרוי האָט געמוזט טראָגען א קלייד פּראָסט גענעהט, אָהן א שום רמז פון א מאָדע, און אויפ׳ן קאָפּ א מין משונה׳דיג "בעלזער שלייער". אין דער בעלזער שוהל האָט מען ניט אריינגעלאָזט דאַוונען קיין פרוי, וועלכע האָט גע־טראָגען א שייטעל געמאַכט פון פרעמדע האָר אָדער אפילו פון פעלין (אזא מין דינעם פּאַדים) וועלכעס האָט א פּנים ווי האָר, כאָטש אין דער גאַנצער שטאָדט איז ניט געווען איין-איינציגע פרוי אפילו, וואָס זאָל טראָגען אייגענע האָר. מען האָט זיך געהיט פאַר א "מראית עין", מען זאָל ניט קענען אפילו האָבען א חשד, אז טאָמער האָט זיך צווישען די פרעמדע האָר פערוואָלגערט, חלילה, אן אייגע־נע האָר.

ובכן, איז דאָך א משמעות, אז בעלז האָט ניט געקענט זיך רוהיג צוקוקען צו די סאַדאַגורער רביים, וועלכע טראָגען זיך נעט און ריין, א מאָדערנע אידי־שע הלבשה, און בעדיענען זיך נאָך אפשר צו די האָר מיט א קעמעל יעדען טאָג, און וועמעס פרויען טראָגען זיך לפי די גרעסטע מאָדעס, און ויש אומרים, טאַקע אין א שייטעל וועלכעס זעהט אויס פּונקט ווי האָר. ווי אזוי טאַקע קען מען עפּעס האָבען א צוטרויען צו אזעלכע רביים, וועלכע זיינען אין דער הלבשה־בעציהונג גאַנצע אויפגעקלערטע.

אָבער ווער האָט געהאַט א בעסערען קוק, צי די אויפגעקלערטע סאַדאַגורער אָדער די כניאָקיש-בטלנ׳ישע בעלזער?

לאָמיר זעהן:

אין יאָהר תרל״ח האָט דער אלטער בעלזער רב, ר׳ יהושע׳לי רוקח ז״ל, דער פאָטער פונ׳ם איצטיגען רבי׳ן, איינבערופען קיין לעמבערג אן אספת רבנים פון גאַנץ גאַליציען. דער צוועק פון דער אספה איז געווען, צו גרינדען אין לעמבערג א צענטראַל חברה מיט׳ן נאָמען "מחזיקי הדת", וועלכע זאָל האָבען פיליאַלען אין אלע גאַליצישע שטעדט מיט׳ן זעלבען נאָמען. די צענטראַלע מחזיקי הדת אין לעמבערג זאָל אויך ארויסגעבען א צייטונג מיט׳ן נאָמען "מחזיקי הדת", וועמעס אויפגאַבע זאָל זיין צו פערשפּרייטען חסידות און יראת שמים צווישען די גאַליציאַנער אידען, און מלחמה צו האַלטען מיט דער אויפגעקלערטער צייטונג "שומר ישראל", וואָס איז דאַמאָלס ערשיענען אין לעמבערג, ווי אויך מיט די איבעריגע השכלה-צייטונגען פון יענע צייטען: "המליץ", "הצפירה", "המגיד" און "העברי", אָבצושוואַכען זייער השפּעה אין די אידישע הייזער. די חברת מחזיקי הדת און איהר צייטונג זאָל שטעהן דירעקט אונטער דער אויפזיכט פון

בעלז, אדער פון דעם פערטרעטער פון בעלז, וועלכער וועט ערוועהלט ווערען ביי דער אספת־רבנים אלס א נשיא און פרעזידענט.

אט צו דער דאזיגער אספה זיינען אויך איינגעלאדען געווארען דער סאדא־גורער און זיינע צוויי ברידער, דער טשארטקאווער און דער הוסיאטינער ז״ל.

די תשובה פונ׳ם סאדאגורער איז געווען (אין נאמען פון אלע ברידער), אז צוליעב פערשיעדענע טעמים קענען זיי זיך ניט פערזענליך בעטהייליגען אין דער אכפה. זיי ערקלערען זיך אבער גאנץ איינפערשטאנען מיט די בעשליסע פון דער פערזאמלונג בנוגע צו גרינדען אומעטום חברות צו פערשטארקען דעם דת. זיי זיינען אבער אבסאלוט געגען דעם פראיעקט צו גרינדען א צייטונג, אפילו א לשון קודש׳ע, פאר דעם דאזיגען צוועק, וועמעס ווירקונג וועט גאר זיין, נאך זייער אנזיכט, דער הפוך, פונקט פערקעהרט פון דער כונה פון די גרינדער.

דער דאזיגער ענטפער האט דעם בעלזער שטארק אויפגערעגט. עס הייסט אז ער האט מחמת כעס זיך דאמאלס אויסגעדריקט די דאזיגע ניט בכבוד׳ע דבורים אויף זיי, די רביים פון דער ריזינער גזע.

״איהר הערט עפעס דבורים? — האט דאמאלס דער בעלזער אויסגערופען צו זיין מקורב ר׳ מרדכי פעלץ אין דער געגענווארט פונ׳ם קראקאווער רב ר׳ שמעון סופר — ״יציבא בארעא וגיורא בשמי שמיא!״ איך, וואס האלט תמיד כל ימי חיי מלחמה געגען יעדע נייע איינריכטונג, פערשטעה יא אז ס׳איז איצט ״עת לעשות לד׳ וגו׳, אז מען מוז איצט האבען א צייטונג, וועלכע זאל דיענען לחזוק הדת, און זיי, די אויפגעקלערטע, זיינען פלוצים געווארען פחדנים, פערזאר־גער פונ׳ם דת, האבענדיג מורא, אז א צייטונג קען מעהר קאליע מאכען ווי פער־ריכטען. אן עולם הפוך!״

ווער האט אבער דאך רעכט געהאט אין דער דאזיגער אנגעלעגענהייט?

עס איז מעגליך, אז מיין בעהויפטונג וועט מאנכע מענשען ניט זעהר צו־פריעדענשטעלען און עס וועט זיי אפשר גורם זיין אביסעל אונאנגענעהמליכקייט. עס מוז אבער איינמאל פאר אלע מאל ארויסגעזאגט ווערען דער רייגער אמת. אבגעזעהן דאפון אויף ווי ווייט ער וועט דעם אדער יענעם צופריעדענשטעלען. די היסטאריע וויים ניט, אדער לכל הפחות דארף זי ניט וויסען, פון פארטיי־ליכקייט.

דער אידישער געשיכטע שרייבער, ווען ער וועט צוקומען צום קאפיטעל ״די אידיש־קולטורעלע ענטוויקלונג פון גאליציען״, וועט מוזען צושרייבען דעם הויפט־קרעדיט פון דער קולטורעלער ענטוויקלונג פונ׳ם געגענווערטיגען דור אין גאליציען, נאר צום בעלזער רב און זיין לייב־ארגאן ״מחזיקי הדת״.

עס איז אפשר ניט מן הנמוס, אז גראדע איך, וואס בין געווען עטליכע יאהר דער רעדאקטאר פונ׳ם ״קול מחזיקי הדת״, זאל ניט מקיים זיין דעם מאמר פון דער גמרא: ״בירא דשתית מניה מיא לא תשדי ביה קלא״ (אין א ברונעם פון וועלכער מען האט אמאל וואסער געטרונקען זאל מען קיין שמוץ ניט ארייננוואר־פען). דער אמת איז אבער אזוי בולט, אז איך וואלט געפיהלט ביי מיר אין האר־צען צו האבען בעגאנגען די גרעסטע עולה ווען איך זאל דאס פערשווייגען און מיך מאכען כלא־יודע.

דער אמת׳ער אמת, בעגרינדעט אויף שטעבענדע פאקטען, איז, אז ניט יוסף

פערל און ניט יצחק ערטער, ניט נחמן קראכמאל און ניט העשיל שור האבען גע־בראכט די אידישע יוגענד אין גאליציען צו דער דאזיגער מדרגה רוחנית אויף וועלכער זי שטעהט שוין עטליכע צעהנדליג יאהרען. דער אמת׳ער דאנק פאר דעם קומט אייגענטליך נאר דעם חסידיש־העברעאישען בלעטעל, אדער צייטונג, "מחזיקי הדת", וועלכעס האט ניט ווילענדיג און ניט וויסענדיג, יאהרען לאנג אויסגעארבייט א פרוכטבארען באדען פאר דעם נעדייהען פון העברעאישע שולען, די העברעאישע שפראך און, ועל כלם, פאר׳ן ציוניזמוס.

די דאזיגע בעהויפטונג, ווי קוריאז זי זאל ניט זיין, האט א היסטארישע פלאטפארם. דער סאדאגורער צדיק האט געהאט א ווייטערען און א טיעפערען קוק פונ׳ם בעלזער רבי׳ן. די לשון־קודש׳ע צייטונג "מחזיקי הדת" האט געהאט די פונקט ענטגעגענגעזעצטע ווירקונג פון דער כונה פון איהרע גרינדער. די דא־זינע חסידיש־פאנאטישע צייטונג, וועלכע האט אגב ניט געטארט ערוועהנען א) דבור אפילו פונ׳ם אבהאלטען דעם ערשטען באזעלער קאנגרעס, איז דוקא געווען די יעניגע וועלכע האט די חסידישע יוגענד אויפגעוועקט פון זייער לעטארגישען שלאף, זיי דאן פערטריבען פונ׳ם בית־המדרש און פון דער קלויז אינ׳ם לאנגער אריין פון די דאמאלסדינע משכילים און שפעטערדיגע ציוניסטען.

ווי אזוי איז דאס עפעס געשעהן? אט הערט זיך צו:

צו יענער צייט, האט בעלז קאנטראלירט דאס אידישקייט פון א גרויסען טהייל פון גאליציען. די אידישע יוגענד איז לגמרי געווען איינגעשלאסען אין די ד׳ אמות של הלכה פונ׳ם בית־המדרש. ניט נאר איז עס זיי פערבאטען געווען צו לערנען העברעאיש, צו לעזען א העברעאישע צייטונג, ווי דעם "המגיד", "המליץ", "הצפירה", "העברי" אדער אפילו יוסף כהן צדק׳ס "המבשר", נאר אפילו צו לערנען תנ״ך איז פעררעכענט געווען פאר׳ן גרעסטען חטא. ניט איינ־מאל האט מען א בחור ארויסגעווארפען פונ׳ם בית המדרש ווייל מען האט איהם געטראפען זיצען איבער אן "עשרים־וארבע׳לע". די בית־המדרש־בחורים, די פאה־נען־טרעגער פונ׳ם קינפטיגען דור, האבען ניט געקענט האבען קיין שום געלע־גענהייט זיך צו בעקענען מיט וועלכעס מאדערנעם וויסען, אדער כאטש, לכל הפחות, מיט דער ארימער העברעאישער ליטעראטור פון יענער צייט. אלע ווע־גען וועלכע פיהרען צו בילדונג זיינען פאר זיי געווען פערצאמט. טאמער האט מען געכאפט א בחור ארייננוקוקענדיג אין א העברעאיש ספר׳ל, אדער, גאט זאל שומר ומציל זיין, אין א צייטונג, האט ער שוין מעהר קיין תקומה ניט געהאט. ער האט שוין פערזאגט דעם צעהנטען ניט מעהר צו בעגעהן אזא נארישקייט.

האט אבער פלוצים אנגעהויבען צו ערשיינען א לשון־קודש׳ע צייטונג, וועלכע איז געמאכט געווארען על "טהרת־הקודש", פון בלויז קדשי־קדשים, פון דער פרומער חסידישער חברה "מחזיקי הדת", וועמעס נשיא איז געווען דער פרומער קראקויער רב ר׳ שמעון סופר, א זוהן פונ׳ם "חת״ם סופר", מיט דער בפרוש׳דיגער הסכמה פונ׳ם בעלזער צדיק. עפעס א קליינע ישועה? מען וועט דאך שוין מעגען עפענטליך לייענען א צייטונג, אפילו אינ׳ם סאמע בית־המדרש, און קיינער וועט ניט מעהר מתרעם זיין, מחמת ס׳איז דאך א הייליגע צייטונג, ס׳שטעהט דאך בפרוש אויפגעשריבען אזוי אויף דער ערשטער זייט, אז "מען זאל אן דעם בלאט נוהג זיין א קדושה און עס ניט פערנוצען צו אונהייליגע זא־

בען״. און ווידער וויבאלד מען מעג שוין לייענען, פארוואס טאקע ניט אמאל זיך פּרואוון א שרייב צו טהאָן עפּעס א נייעס׳ל, כדי צו זעהן דעם נאָמען גע־דרוקט שחור על גבי לבן, שווארץ אויף ווייס?

פון דאמאלס אָן, איז שוין ממילא אויך מותר געווארען צו נעהמען אין דער האנד אריין א תנ״ך׳ל, ניט חלילה צו לערנען דארינען, דאָס האָט מען נאָך אלץ ניט געטאָרט, נאָר פּשוט כדי נאָכצוקוקען דעם פּשט פון עפּעס א שווער וואָרט וואס מען האט געפונען אין ״מחזיקי הדת״. אין די קלויזען פלעגען דאמאלס די בחורים לעזען יעדען דאנערשטאג ביינאכט די צייטונג בצבור, מיט פערשיעדענע פּירושים, כמנהג פון בית־המדרש בחורים. און די פּאטער׳ס פון די בחורים האָבען איצט פון די בנים גאָר אנגעקוואָלען.

האָט אמאָל דער ״מחזיקי הדת״ פערפיהרט א מחלוקת לשם־שמים מיט׳ן ״העברי״ אדער ״המגיד״, נו, מוז מען זיך דאָך פערשאפען איינע פון די דאָזיגע צייטונגען, ניט חלילה צו לעזען אין זיי, נאָר פּראָסט צו זעהן וואָס אָט די אפּיקורסים שרייבען דאָרט, כדי דאדורך זיך צו איבערצייגען ווי שטארק און גע־רעכט ס׳איז דאָס אורטהייל וואס זייער צייטונג ״דער מחזיקי הדת״ פערוור־טהיילט זיי, יענע צייטונגען, אלס כל־בו׳ניקעס און כופרים.

אָט אזוי ארומעט, האט זיך מיט דער צייט אויסגעבילדעט פון די דאָזיגע פרומע מחזיקי־הדת־לעזער, ניט נאָר פלייסיגע לעזער פון מאָדערנע העברעאישע און ניט העברעאישע צייטונגען, נאָר אויך טאקע גרויסע משכילים און בעריהמ־טע שרייבער. עס איז א פאקט, אז כמעט אלע גרעסטע געלעהרטע פונ׳ם דור וואס שטאמען פון גאליציען, ווי די לאנדעס־רבנים דר. מרדכי עהרענפּרייז און דר. יהודה ליב לאנדוי, ווי אויך דר. ראטהבלום און נאָך פיעל אנ־דערע בעקאנטע פערזענליכקייטען אין דער העברעאישער ליטעראטור, האָבען אנגעהויבען זייער שרייבער־קאריערע אין דער חסידישער צייטונג ״מחזיקי הדת״. ווען ניט אָט די דאָזיגע פרומע צייטונג, ווער ווייס אויב זיי וואָלטען געווען אויס־געוואקסען דאס וואס זיי זיינען היינט. און ווער ווייס אויב דער שרייבער פון דיעזע שורות וואָלט אימשטאנד געווען אויפצושרייבען זיינע חסידישע זכרונות.

די ריזינער ק־נדערע, וועלכע זיינען פונ׳ם בעלזער בעטראכט געווארען אלס אויפגעקלערטע, האָבען, הפּנים, דאס אלעס געזעהן אין פאראויס. פון זייער שטאנדפּונקט, וועלכער האָט אין זיין יסוד (פּרינציפּ) אין גאנצען איינגעשטימט מיט בעלז, אז די השכלה איז דער סם־המות צום חסידות, האָבען זיי פאלשטענ־דיג רעכט געהאט ניט מסכים צו זיין צו דער גרינדונג פון א כשר׳ע חסידישע צייטונג.

ע נ ד ע.

LIBRARY
MAY 5 1932
UNIVERSITY OF TORONTO

Baycrest Centre
for Geriatric Care

**THIS BOOK MAY BE KEPT 21 DAYS**

and may be renewed once, if no application has been registered for it.

A fine of 4 cents a day is charged, if the book is kept after the last date stamped below. No book will be issued while a fine remains unpaid.

FORM # 215-1152

VELUT ARBOR ÆVO

*Presented to the*

LIBRARY *of the*

UNIVERSITY OF TORONTO

*by*

**BAYCREST CENTRE**

3 1761 04442 5247